STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08304

ZIKH GEFUNEN

Judah Loeb Liphshitz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זיך געפונען

אָריגינעלער ראָמאַן
פון דער אידישער נייער תקופה

— פון —

יהודה ליב ליפשיץ

✡

ערשטער באַנד

✡

ניו יאָרק, 1927

Copyright 1927,
by
J. L. LIPHSHITZ
Brooklyn, N. Y.

234

געזעצט און געדרוקט
——— אין ———
אָריאָם פּרעס, אינק.
54 קאנאל סט., נ. י.



יהודה ליב ליפשיץ.

מיין פרוי בערטע (בתיה)

אַ טרייען חבר אין מיינע אידעאַלען

און מיטהעלפער אין מיין לעבענס-קאַמף

——— געווידמעט ———

מיט דאַנק און ליבע.

ערשטער טהייל

ערשטער קאַפּיטעל.

די טוריסטען.

נאָך דער גרויזאַמער גוג־ומגוג׳דיגער מלחמה, ווען אַלע נאַציאָנען זיינען געזעסען „שבעה“ נאָך זייערע בעסטע קינדער, וועלכע זיינען געפאַלען קרבנות אויף אשמדאי׳ס מזבח, און האָבען גע׳איכה׳ט אויף זייערע שעהנע, בליהענדע שטעדט און הייליגע טעמפּלען, וואָס זיינען אָפּגעווישט געוואָרען דורכ׳ן „בלוטיגען מבול“.

אין אַט דער דאָזיגער טרויעריגער צייט זעהען מיר, ווי אַ קאָמ־פּאַניע אַמעריקאַנער טוריסטען האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף זייער וועלט־רייזע אין דער שטאָדט קאַירא, די הויפּט־שטאָדט פון מצרים.

זיי זיצען איצט אין פּראַכטפולען האָטעל־גאָרטען און דעבאַטירען מכח זייער רייזע.

— יעס, דזשענטעלמען! — האָט גערעדט שטיל „לואי דער שוויי־גער“ מיט זיין לינקאָלן־פּנים — אין קאַירא זעהען מיר פאַרשידענע וועלטען, אַלערלייאיגע אַלטערטימליכקייטען און זעלטענהייטען. דאָס אַלטע קאַירא מיט איהרע טויזענטע מאָשעען, און טויזענטער־יאָהרען־אַלטע חורבות, און די נייע קאַירא מיט דעם צוואַנציג־יאָהר־הונדערטי־גען מאָדערניזם, מיט די רייכע פּרעכטיגע ווילעס, וואָס מאַכט דעם איינדרוק ווי בערלין, פּאַריז און ניו־יאָרק; אָבער דאָס אינטערע־סאַנטסטע — האָט ער ווי עפּעס סודות׳דיג אַרויסגערעדט — זיינען די פּיראַמידען און די ספינקסען און די איבעריגע פיגורען וואָס זיינען אַלט אפשר פיער אָדער פינף טויזענט יאָהר. דאָס זיינען זעלטענע זאַכען, וואָס זיינען געבליבען פון די אַלטע מצריים, דעריבער דענק איך — האָט ער פאַרענדיגט ווי פאַר׳חלומ׳ט מיט זיינע בלויע אויגען — אז מיר זאָלען ניט פאַרלירען קיין צייט און גלייך פאָהרען באַטראַכטען די פּיראַמידען.

— יעס סער! — האָט גוטמוטיג צוגעשטימט „מעקיי דער גוטער“, און אַ ליכטיגער שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף זיין פּנים, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי פון אַ שעהנע אירישע מיידעל.

— צו די פיראמידען! — האט הויך אויסגעשריען „דוד דער לץ“. ער האט זיך אויפגעשטעלט ווי צו עפעס א מלחמה — צו די פיראמי־דען! — האט ער געשריען מיט זיין נאפאלעאן־פנים.

— פריינדע! — האט התלהבות׳דיג גע׳טענה׳ט די גראציעזע, עלאס־טישע „בערטע די אידעאליסטקע“. — איהר אמעריקאנער זייט דאך תמיד מדקדק אין דעם דין פון „ליידים פוירסט“, טא הערט־זשע מיך אויס אפריהער: די פיראמידען מיט די ספינקסען וועלען מיר ניט פארשפעטיגען. אויב זיי האבען געווארט אזוי פיעל טויזענטער יאה־רען, וועלען זיי מן־הסתם אויף אונז ווייטער ווארטען. לאמיר בעסער ניט פארזאמען קיין צייט, און גלייך פאהרען נאך ארץ־ישראל, לאמיר זעהן וואס ניכער די אמאליגע לאנד פון די אידען, וואס די נאציאנען פון דער וועלט האבען עס איצט צוריקגעגעבען צו דעם פאלק ישראל, דורך באלפור׳ס דעקלאראציע, ווייל דאס איז איצט דער גאנצער צוועק און תכלית פון מיין רייזע — האט זי מיט איהר זיסען קול אויסגערופען, און איהרע גרויסע שווארצע אויגען האבען זיך ווי געבעטען.

— ניין! — האט סאפראנא׳דיג אויסגעזונגען די זעכציג־יעהריגע בתולה „מערי“. — די פיראמידען זיינען מעהר אינטערעסאנט ווי „דזשערוזאלעם“ — האט זי גע׳טענה׳ט, און איהר פאררויסענער נעזעל האט זיך נאך מעהר פאררויסען. — צו די פיראמידען! צו די ספינק־סען! — האבען איהרע וואסערדיגע קליינע אומרוהיגע אויגעלאך גע־פאדערט.

— נעווים! נעווים! צו די פיראמידען! — האט ברייטלאך צו־געשאקעלט מיט׳ן קאפ „פעליקס דער פילאנטראפ“. — די פיראמידען — האט ער פריינדליך גערעדט — זיינען, ערשטענס, עלטער אלס אייער פאלעסטינע, און צווייטענס — האט ער געזאגט, גלעטענדיג זיינע עכט־ווילהעלם־וואנצעס — זיינען די פיראמידען טאקע מעהר אינטערע־סאנט.

ס׳האבען ניט געהאלפען בערטע׳ס בקשות און ארגומענטען. די מעהרהייט האט געוואלט דוקא די פיראמידען, און אלע האבען זיך גענומען מאכען פארטיג צו דער רייזע אין מדבר.

פיעלע אראבער מיט זייערע עזלען זיינען געשטאנען און געווארט אויף די געסט, און ווען אלע האבען זיך ארויפגעזעצט אויף די עזלען, האט זיך דער קאראוואן געריהרט אין וועג אריין.

ס'האט לאנג ניט גענומען, און די רעש'יגע שטאדט קאירא איז ווי פארגעסען געווארען, ס'האט אלעמען ארומגעכאפט א טויטע שטילקייט.

ס'איז פלוצלונג אויסגעוואקסען אין דער מדבר א שטאדט פון מתים, און פאר די אויגען האבען אנגעהויבען צו שוועבען הייזלאך, קליינע, ווייסע, שטילע, טויטע, פינסטערע און אויך גאנץ גרויסע טויטע פאלאצען.

די דאזיגע הייזלאך זיינען די פאמיליען־קברים און מצבות פון די אראבער, און די פאלאצען זיינען די קברים־מאנומענטען פון די מלכים, וואו די קעניגען פון מצרים ליגען באהאלטען.

דיזע קברים האבען אויף די „טוריסטען" געמאכט אזא שווערען איינדרוק, אז יעדער איינער האט מורא געהאט א ווארט אויסצורעדען.

די נאכט איז געווען וואונדערבאר־קלאהר, און האט אלעס גע־פארבען אין אזא קאליר, וועלכען מיר זעהען ניט אין אונזערע לענדער. די לבנה האט באלויכטען מיט א שטארק־העלע זילבער־שיין א וועלט, וואס איז מיט טויזענטער יאהרען עלטער פון אונזערער, א וועלט, וואס איז פול מיט סודות און וואס קיין זאך ריהרט זיך ניט.

פון הינטער א גרויסען בארג האט ארויסגעקוקט א מאדנע רויז־פארבינע פיגור. זי האט געקוקט מיט א פארגליווערטען בליק און מיט א שמייכעל ארום די ליפען.

די פיגור איז אזוי גרויס, אז עס גלויבט זיך ניט, אז זי איז אווירקליכקייט. דאס איז דער ריעזיגער ספינקס. און נאך ווייטער, אריבער דעם ספינקס, הויבען זיך אויף הויך און גיסען זיך צונויף מיט'ן הימעל די פיראמידען. זיי זיינען פון אזא אונגעהייער גרויס, אז זיי פילען אייך אן מיט שרעק. זיי שיינען פון דער ווייטען און אייך ווייזט זיך אויס, אז דאס ליכט קומט ארויס פון זיי גופא. דאס מאכט דעם איינדרוק נאך שטארקער. מען שטעלט זיך דאן פאר, אז דער פערגליווערטער שמייכעל ביים ספינקס, דריקט אויס שפאס וועגען אט די קליינינקע מענשעלאך מיט זייערע נאך קלענערע השגות־לאך, וועלכע זעהען אויס אזוי קליין, אזוי שפל'דיג, גגען דיזע ריעזיגע פיגורען.

יעדער איינער פון די טוריסטען האט געטראכט, אז איין פיראמידע איז געווים געבויט געווארען צעהנדליגע און אפשר הונדערטע יאהרען פון טויזענטער און צעהנדליגע טויזענטער מענשען, בלויז מיט דעם

איינציגען צוועק, עס זאל דינען אלס קבר און מצבה פאר דעם באלזאמירטען קערפער פון איין פרעה.

א הייליגע מורא האט זיי ארומגעכאפט. זיי האבען אין דיזער וואונדערבארער עגיפטישער נאכט געמאכט דעם איינדרוק פון גייסטער, זיי האבען זיך פלוצלונג דערפיהלט אזוי קליין און הילפלאז, אז יעדער איינער האט געזוכט שוץ ביים צווייטען. זיי האבען געבילדעט פאר־לאך און גרופען, פונקט ווי די געדאנקען און געפיהלען וועגען די פיראמידען וואלטען זיי אויף תמיד פאראייניגט.

ווער ווייסט ווי לאנג זיי וואלטען דארטען אפגעשטאנען, ווען ניט די אראבער, וועלכע האבען זיי דערמאנט, אז עס איז שוין צייט זיך צוריקצוקעהרען אין שטאדט.

לאנגזאם און שטיל האבען זיך אלע ארויפגעזעצט אויף די עזלען און מען האט זיך געלאזען אין שטאדט אריין.

לואי און בערטע זיינען געפאהרען ווייט פאראויס לאנגזאם און שטיל. ערשט נאכדעם ווי זיי האבען זיך דערוויטערט פון די פירא־מידען, האט לואי געבראכען די שטילקייט.

— מאדנע! — האט ער געזאגט — ווי קליין און שפל׳דיג מען פיהלט זיך אנטקעגען אט די דאזיגע שטיינערנע ריזען, און איבער־הויפט ווען מען האט אין זינען, אז דיזע גרויס־מעכטיגע פרעה׳ס, וואס האבען געבויט אט דיזע אייביגע פיראמידען, האבען ניט גע־קענט איבערלעבען אפילו קיין איין־איינציגען פון זייערע אייזערנע געביידעס.

אמת, — האט שטיל געענטפערט בערטע — די פרעה׳ס האבען טאקע ניט געקענט איבערלעבען, אבער די שקלאפען, וועלכע האבען מיט זייער בלוט און שוויים אויפגעבויט אט דיזע פיראמידען. זיי לעבען און וועלען אייביג לעבען.

זיי זיינען אנטשוויגען געווארען. די איבעריגע טוריסטען זיינען געווען ווייט פון זיי, און לו מיט בערטע׳ן האבען זיך פלוצלונג דער־פילט אליין אין א גרויסען אונענדליכען זאמד־מדבר.

— ווי שרעקליך און הייליג איז אלעס ארום! — האט בערטע שטיל געזאגט, — און זי איז לאנגזאם אראפ פון עזעל, לו האט געטאן דאס זעלבע. זיי זיינען געשטאנען איינער לעבען צווייטען,ביידע האבען געפיהלט ווי עפעס מאדנע געפיהלען וואקסען אין זייערע הערצער.

לו האט גענומען איהר האנט, וועלכע האט געציטערט ווי אין פיבער און איז געווען קאלט ווי אייז.

— בערטע! — האט ער שטיל ארויסגערעדט. — הער מיך אויס! געדענקסטו ווען איך האב זיך דיר דעם ערשטען מאל ערקלערט אין ליבע, האסטו מיר דאמאלס געענטפערט, אז דו ליבסט מיך אויך, און דו וואלסט זיך געשעצט פאר דער גליקליכסטער אין דער וועלט, ווען דו קענסט זיך מיט מיר פאראייניגען אויף אייביג. אבער דו האסט מיר ערקלערט, אז זעהר גרויסע מניעות שטעהען אונז אין וועג און דערלאזען ניט אונזער פאראייניגונג, און דו האסט מיך גע־בעטען מעהר ניט צו דערמאנען וועגען מיין אמת׳ער ליבע צו דיר, וועלכע ברענט ווי א פייער. אבער, טייערע בערטע! ס׳איז איבער מיינע כחות. איך פיהל פון טאג צו טאג און פון מינוט צו מינוט, ווי מיין נשמה ווערט פאר׳צער׳ט פון גרוים בענקשאפט, מיין הארץ רייסט זיך פון ארט, און מיין אטהעמען ווערט מיר ענגער און ענגער, איך קען זיך ניט געפינען קיין ארט. איך האב אנגעווענדעט אלע מיינע כחות צו אונטערדריקען מיינע הייליגע געפיהלען, אבער איך קען שוין ניט מעהר! איך בעט דיך און טהו צו דיר תפלה ווי צו א גאט, בערטע! זאג מיר! ערקלעהר מיר! עפען אויף פאר מיר דיין הארץ! — זיינען די מניעות, די שטיינער אויף אונזער וועג אזוי גרוים? איז דער תהום אזוי טיעף? איז די מחיצה באמת אזוי שטארק און פעסט, אז מיר זאלען אויף אייביג מוזען באגראבען אונזער אמת׳ע הייליגע ליעבע? שטאמען מיר דען ניט פון איין־און־דערזעל־בער ראסע? דינען מיר דען ניט צו דעם זעלבען איין־און־איינציגען גאט?! — און צוויי גרויסע טרערען האבען אנגעהויבען פינקלען אין זיינע בלויע פאר׳חלומ׳טע אויגען.

אויף א מאמענט האט בערטע ווי פערלארען דעם קאנטראל אי־בער זיך. איהר גאנצער קערפער האט געברענט, דער קאפ האט זיך געדרעהט, די הענט האבען זיך געצווינגען אומצוארמען און די ליפען האבען געזוכט לו׳ס ליפען, אבער זי האט זיך באהערשט, זי האט זיך־אליין גובר געווען און איז געבליבען שטעהן ווי א שעהנע מראמארנע סטאטוע.

— לו! — האט זי מיט טרערען אין די אויגען גערעדט: — מיר מוזען זיין זעהר שטארק און אונטער אלע אומשטענדען מוזען מיר אונטערדריקען אונזערע אמת׳ע הייליגע ליבע געפיהלען, מיר מוזען האנדלען ווי מארטירער!

זי האָט שטאַרק געדריקט זיין האַנט און האָט געשעפּטשעט: — טייערער! ווען דו וואָלסט וויסען וויפיעל איך לייד! וויפיעל כח איך מוז אַנווענדען אום אונטערצודריקען מיינע געפיהלען צו דיר!

— אָבער וואָרום?! וואָרום?! — האָט זיך לו געבעטען און גע־טענה׳ט — וואָרום קענען מיר ניט זיין גליקליך, נאָכדעם ווי אונזערע נשמות קענען איינע אָהן דער אַנדערער ניט לעבען?...

אַרום און אַרום איז געלעגען אַ זאַמד־ים. פון אויבען האָט גע־שיינט אַ גרויסע, ליכטיגע לבנה, און ס׳האָבען געקוקט ווי גרויסע ליכטיגע אויגען טויזענטער שטערן, און דאָ, פאַרלאָרען אין דער אונ־ענדליכער טויטער ווייטקייט, האָבען צוויי פאַר ליפען זיך גובר געווען ניט צו זייגען פון גליק, צוויי הערצער האָבען כמעט אויפגעהערט צו קלאַפּען פאַר אויפרעגונג און צוויי פאַר הענט האָבען זיך געדריקט.

אָבער צוויי גרויסע נשמות האָבען זיך אויפגעהויבען העכער, הע־כער פון דער ערד און זיינען פאַרפלויגען ערגעץ ווייט־ווייט, און ניט דערלאָזען זיך אַריינצודריקען איינער אין דעם אַנדערן.

— מיין טייערער לו! — האָט זי גערעדט שטיל. — אַ גרויסער, טיפער, רוישענדער ים שיידעט אונז פאַנאַנדער; אַ לאַנגער טויטער מדבר מיט כל׳ערלייאיגע ווילדע חיות שטעהען אויף אונזער וועג. דעם ים רוישט, זיין תהום איז שרעקליך טיעף, דער מדבר איז לאַנג, די חיות ברומען. — ביסטו גענוג שטאַרק, מיין בראַווער לו? האָסטו גענוג העלדענמוט אַריבערצושווימען דעם גרויסען ים? האָסטו גענוג כחות צו איבערוואַנדערן דעם לאַנגען זאַמדיגען מדבר? וועסטו ניט האָבען קיין פחד פאַר דעם גרילצען און ברומען פון די חיות? און צי וועסטו זיין בכח צו צוברעכען די גאַנץ גרויסע דיקע וואַנט, וועלכע שטעהט פון לאַנגע דורות און שיידעט אונז פונאַנדער?

— דו ווייסט דאָך, טייערער לו, אַז צעהנדליגער טויזענטער, הונ־דערטער טויזענדער „הייליגע ליבעס" ווערען טאָג־טעגליך געבראַכט אַלס „קרבנות" אויף דעם „מזבח פון רעליגיאָן", וועלכע שטעלט זיך אַוועק ווי אַ „מחיצה" צווישען צוויי „ליבענדע הערצער" פון פאַרשי־דענע אמונות. די אמת׳ע אידישע טאָכטער רייסט אויס די ״ליבע״ מיט אַ שטיק פון איהר לעבען צוליב איהר אמונה, וואָרום זאָל די זעלבע אמונה זיך ניט מקריב זיין אויף דעם מזבח פון נאַציאָנאַליזם? ובפרט נאָך אַ אידישע טאָכטער, מעג זי זיין ווייט ניט רעליגיעז, אָבער זי מוז הויך און שטאָלץ האַלטען איהר נאַציאָנאַלע פאָהן און בעסער

ארויסרייסען איהר „ליבע" צוזאמען מיט א שטיק הארץ, אום ניט צו פאראטען די נאציאנאלע־געפיהלען פון איהר פאלק.

— איך וועל דיר, מיין טייערער, ערקלעהרען, ווארום דוקא די אידישע טאכטער מעהר פון אלע אנדערע: ווייל אונז אידען האט די גאנצע וועלט גערדריקט און געשטיקט, מעהר פון אלעמען, פונ׳ם מיטעל־אלטער ביז׳ן היינטיגען טאג. אין די ציוויליזירטסטע און פראגרעסיווסטע לענדער פארבלוטיגט מען אונז, מען רודפ׳ט אונז דערפאר וואס מיר זיינען מענשען, דערפאר וואס מיר זיינען פארדינער, און דערפאר וואס מיר ווילען בכלל לעבען. אונזערע ארבייטער לאזט מען פארהונגערן. אונזערע סוחרים ווערען פון איבעראל אויסגעשלאסען. צו פרייע מלאכות און צו העכערע פראפעסיאנען לאזט מען אונז ניט צו. היינט די מאראלישע ליידען וואס אידישע נשמות שטעהען אויס. די שנאה צו אידען באנוצט זיך מיט אלערליי מיטלען. מען פארגעסט ניט די אלטע און מען טראכט צו תמיד נייע. דער פרישער צאפעל־דיגער קרבן „מענדעל ביילים" איז א לעבעדיגער עדות פון דעם „עלילת־דמ׳יגען פינסטערן מיטעל־אלטער". מען טענה׳ט אז מיר „פארגיפטען די פרעסע" אט פונקט ווי אמאל די „ברונימער", די ארבייטער האסען און רודפ׳ען דעם אידישען ארבייטער. אפילו דער „דיקטאטארישער קאמוניסט" איז א שונא דעם אידישען־קאמוניסט, כאטש דער לעצטער איז אליין א שונא־ישראל. עס איז קיין נפקא מינה ניט, צי דער איד איז ארעם אדער רייך, די שנאה איז אלץ די איינענע. א איד טאר ניט פראדוצירען, פאבריצירען, טאר ניט פארברויכען, פריי אויס־נעבען. צו רעגירונגס־שטעלען לאזט מען איהם ניט צו. אין די אוניווערזיטעטען קוקט מען אויף איהם ווי אויף עפעס א מאדנע שפל׳דיגע באשעפעניש. ביי אזא מצב מוז זיך איינקריצען א שנאה צו אלע נאציאנען און ממילא ווערט מען שטארקער צוגעבונדען צום אייגענעם פאלק. און ווי די „ליבע" זאל ניט זיין שטארק צו א „מאן" פון א פרעמדען פאלק, מוז מען עס ארויסרייסען מיט די ווארצלען, ווייל די בלוטיגע רדיפות וועלען תמיד שטעהן ווי א וואנט. און אויב ס׳פעהלט דערצו כח, זאל מען זיך בעסער לאזען מקריב זיין אויף דעם אידישען מזבח צוזאמען מיט דער „ליבע", און דאס אייגענע האנדלונג מוז מען אנווענדען צו א נאציאנאלען פארעטהער, וועלכער שטעהט אויף דער זעלבער מדרגה ווי א פרעמדער, און דאס רוב נאך נידעריגער.

בערטע איז געבליבען שטיל און לו איז געשטאנען מיט אן אראפּ־געלאזענעם קאפּ און האט בשום אופן ניט געקענט פארשטעהן „מה ענין שמיטה אצל הר סיני“?

— אבער, טייערע בערטע! — האט ער גע׳טענה׳ט, — וואס האבען אט די אלע זאכען פאר א שייכות מיט אונז?

— יא, מיין טייערער! — האט זי זיפצענדיג געענטפערט. — ווען איך זאל זיך פארליבען אינ׳ם בעסטען „קריסט“, וואלט איך קיין מינוט ניט געטראכט און זיך בעסער ארייננעווארפען אין די רוישיגע כוואליעס פון ים, אום צו פארלעשען מיין ליבע צוזאמען מיט׳ן לעבען.

— טייערע! — האט ער זיך געבעטען. — איך פארשטעה דיך בשום אופן ניט. „איך בין דאך ניט קיין קריסט“! דו ווייסט דאך, טייערע, אז איך שטאם פון דער זעלבער „אידישער ראסע“ וואס דו!

אבער בערטע האט איהם מעהר ניט געלאזען ריידען און זי האט געזאגט:

— איך מוז מיט דיר, מיין טייערער, זעהר פיעל ריידען מכח אט דעם אנגעוועהטאגטען ענין, נאר איך בין איצט זעהר אויסגעמאטערט, און בין לחלוטין ניט פעהיג איצט צו דענקען. ווארט ביז דו וועסט מיך קענען פארשטעהן! ווארט ביז דו וועסט קענען פיהלען ווי איך! ווארט ביז וואנען דו וועסט קענען משיג זיין אט דאס וואס איך בין משיג — דאן, מיין טייערער, בין איך זיכער, אז דו וועסט ווערען מסוגל אריבערצושווימען דעם ים, איבערצוואנדערען דעם מדבר און צו־ברעכען די שטארקע וואנט וואס טהיילט אונז פונאנדער, דאמאלס, מיין בראווער גוטער לו, וועלען מיר אפּען פאר דער גאנצער וועלט זיך אויף אייביג פאראייניגען כדת משה וישראל.

א שטורם פון געדאנקען זיינען דורכגעפלויגען לו׳ס מח, ער האט אבער דאך ניט געקענט באגרייפען וואס זיין געליבטע בערטע פאר־לאנגט פון איהם; ער האט אבער איהר געגעבען זיין הייליגען ווארט צו ווארטען און האפען.

עס זיינען אנגעפאהרען די איבעריגע טוריסטען, ס׳איז געווארען לעבעדיגער, פרעהליכער און דער טויטער מדבר־אומעט האט גענומען פארשווינדען.

דוד דער לץ האט זיך גע׳חכמה׳ט אויף אלע כלים, ווי זיין שטייגער איז:

— נו, וואס זאגט איהר צו די אידעלאך? — האט ער אויסגע־שריען, — אבי מען זאגט, אז זיי זיינען שלומיאל׳ם, זיי טויגען ניט צו קיין שום מלאכה! אט האבען מיר ערשט געזעהן די פּיראמידען,

טויזענטער יאהרען ווי זיי שטעהען, ס׳איז אמת־וואונדערליכע קונסט־ארבייט, און דאס איז די ארבייט פון אידעלאך! אזוי האט מיר בפירוש דערצעהלט מיין „היברו טיטשער“ ווען איך בין געווארען „בר־מצוה“ און „דעליווערט א מפטיר מיט א ספיטש“.

— איך גלויב ניט, אז דאס זאל זיין די ארבייט פון אידען — האט געזאגט פעליקס דער פילאנטראפ — איך גלויב גיכער, אז די מצריים, וועלכע זיינען געווען קינסטלער אין ארכיטעקטור, האבען אליין אויס־געבויט אט די וואונדערבארע פיראמידען.

— ווי קומען אידעלאך בכלל צו אזא ריזיגע שווערע ארבייט? — האט ברייטלאך ארויסגעזאגט הענרי דער דיפלאמאט, א מאן אין די זעכציגער, מיט א דיפלאמאטישען פנים. — די „אידישע סעקטע“ איז די נידעריגסטע און הינטערשטעליגסטע פון אלע אנדערע נאציאנען. ווי קומען זיי צו אזעלכע קינסטליכער ארבייט ווי די פיראמידען?! זעהען מיר דען ניט, ווי אלע איסט־סיידער אידעלאך, וועלכע קומען פון פוילען, רוסלאנד און גאליציע נאך אונזער אמעריקא, כאפען זיך גלייך צו פעדלען מיט אלטע קליידער, אלטע שיך, זיי ווערען אפעריי־טארס און שנארערס און די שווערע ארבייט פון בויען, ברוקירען די גאסען און אזוי ווייטער, לאזען זיי איבער צו איטאליענער און צו אנדערע.

— מיינע פריינדע! — האט זיך אפגערופען דער גוטער מעקיי — מיר קענען דאך אבער ניט אפלייקענען די היסטאריע, וועלכע דער־צעהלט בפירוש, אז די היברוס זיינען געווען אין מצרים אין א גרויסער צאהל, און זיי האבען אויסגעשפרייט זייער געטא איבער דעם גאנצען לאנד גושן, און ווען די פרעה׳ס האבען דערזעהן, ווי די היברוס פרוכפערן זיך און ווערען פון טאג צו טאג מעהרער און שטארקער, האבען זיי מורא געהאט, אז זיי זאלען ניט רעוואלטירען און ווערען די הערשער פון לאנד, האט מען זיי גענומען פערשקלאפען. מען האט זיי געצוואונגען צו טאן די שווערסטע ארבייט. צו בויען שטעדט און דערפער, און ס׳איז צו גלויבען, אז די פיראמידען איז געווים די ארבייט פון די היברוס.

— ס׳איז גאנץ ריכטיג: היסטאריע איז היסטאריע! — האט זיך אריינגעמישט אייק דער רעווערענד, א מאן מיט א קנעכטישען זיג־זאגיגען פנים, — אבער פון דער זעלבער היסטאריע קענען מיר לער־נען, אז ווען די גרויסע פרעה׳ס האבען פאר די היברוס מורא געהאט, מסתמא זיינען זיי געווען רעוואלוציאנערען, ניהיליסטען און באלשע־וויקעס, ניט קיין הונדערט פראצענטיגע ענגיפטיאנער.

— וואס איז דא צו רעדען מכח די „רזשוס״? — האט געקוויטשעט „מערי די יונגע״ — א דאנק גאט איך קען זיי ניט. צו אונז לאזט מען זיי קיינמאל ניט אריין. ביי אונז איז אנגעשלאגען א שילד: „נא פעדלערס ענד בעגערס״ (קיינע פעדלערס און שלעפערס). יא, נאר איינמאל האט עפעס א אידעל אנגעקלונגען אין אונזער הויז. א, גאט! וואס פאר א „פאני פיים״ (א מאדנער פנים) מיט א לאנגע בארד, און אפנעריסענער. איך האב איהם א שליידער געטאן א דאלאר, אבער דער שלעפער האט געהאט די חוצפה אויסצושרייען: „ליידי, איך בין ניט קיין בעטלער! אויב איהר ווילט, קויפט עפעס ביי מיר! כ׳האב כל׳ערליי ארטיקלען!״ איך האב געפלאצט פון געלעכטער, גע־נומען פון איהם א קעסטעלע פאפיר און פארהאקט די טיר. ער קלינגט ווייטער. איך געה ארויס מיט א געשריי: „נו, וואס ווילט איהר ווידער?״ און ער ענטפערט געלאסען, ווי ניט איהם מיין איך: „ליידי, א קעסטעלע פאפיר קאסט ניט מעהר ווי צוואנציג סענטען, נאט אייך די רעשט פון אייער דאלאר!״ איך בין געבליבען אהן זייטען לאבענדיג פון אט דעם נארישען שלעפער.

לו האט געשוויגען, ווי זיין שטייגער איז, און אויף בערטען האט זייער געשפרעך געמאכט זעהר א שווערען און שלעכטען איינדרוק.

דוד דער לץ האט פלוצלונג אויסגעשריען:

— לאמיר פרעגען מיס בערטע! זי רייסט דאך תמיד די אויגען פאר איהרע אידעלאך!

אלע זיינען געבליבען שטיל און נייגעריג צו הערען איהר מיינונג, ווייל כאטש זיי זיינען ניט געווען איינפערשטאנען מיט איהרע אי־דעאלען, וועלכע זי האט פאר זיי פראפאגאנדירט אויף זייער רייזע, האבען זיי אבער פאר איהר געהאט גרויס דרך־ארץ, און מיט דעם אליין וואס זי איז דעם גרויסען לו׳ס פריינט.

בערטע האט מיט איהרע גרויסע, שווארצע אויגען אפגעמאסטען די „גוט־אויפגעלעגטע״ טוריסטען און האט געענטפערט:

— פריינדע! אויב איהר ווילט באמת הערען מיין מיינונג, וועט איהר מיך מוזען ענטפערען אפריהער אויף עטליכע פראגען, איידער איך וועל ארויסזאגען מיין מיינונג.

— איינפארשטאנען! געוויס! געוויס! — האבען אלע פרעהלאך אויסגעשריען. — פרעגט, פרעגט, מיס בערטע!

בערטע האט זיך געווענדעט צו מערי דער יונגער: — זאגט מיר, מיין טייערע, צו וועלכער נאציאן באלאנגט איהר?

— צו אַנקעל סעם ! — האָט מערי אַרויסגעקוויטשעט.

— געהט איהר אַמאָל אין טשוירטש (קירכע) ? מיין טייערע אַמעריקאַנערין ?

— אָה, ניין ! מיס בערטע ! איך געה אין „טעמפּעל בית־אל" ! — האָט זי גדלות׳דיג געענטפערט.

— אין טעמפּעל בית־אל ? — האָט בערטע מיט פאַרוואונדערונג איבערגעפרעגט.

— נו, יאַ ! אין „טעמפּעל בית־אל" ! וואָס וואונדערט איהר זיך אַזוי ? — האָט מערי געלאַכט.

— איך וואונדער זיך, — האָט בערטע געענטפערט — ווייל אונטער דעם נאָמען „בית־אל" פאַרשטעה איך אַ „אידישע קאָנגרעגיישאָן".

— אָה, ניין ! — האָט מערי אויסגעשריען אויף איהר העכסטען קוויטש — דאָס איז אַן איזראַעליטישער טעמפּעל !

— אַזוי ? דאָס איז אַן איזראַעליטישער טעמפּעל ? — האָט בערטע איבערגע׳חזר׳ט — נו, אויב אַזוי, זאָגט זשע מיר מיין טייערע מיס מערי ! וואָס פאַר אַ מין פאָלק זיינען דאָס אָט אייערע איזראַעליטען ? וואָס פאַר אַ רעליגיאָן האָבען זיי ? און צו וועלכען גאָט דינען זיי ? און בכלל פאַרשטעה איך ניט : איהר האָט ערשט געזאָגט, אַז איהר געהערט צו אַנקעל סעמ׳ס נאַציאָן, און בעטען געהט איהר אין אַ פרעמדען טעמפּעל !

— כ׳וויים אַליין ניט ! איך האָב קיינמאָל דערפון ניט נאָכגעדענקט ! — האָט מערי געענטפערט אין פאַרלעגענהייט.

— אויב אַזוי וועל איך אייך ערקלעהרען — האָט בערטע שוין עטוואָס סאַרקאַסטיש גערעדט : — „איזראַעליט" איז דאָס זעלבע וואָס „ישראל", און ישראל איז דאָס זעלבע וואָס „יהודה", און יהודה איז דאָס זעלבע וואָס „איד" און איד איז דאָס זעלבע וואָס „דזשו" — איצט פאַרשטעהט איהר שוין, מיס מערי ? ! איהר אַליין זייט אַ אידין און איהר האָט אָפּגעלאַכט פון „אייער עהרליכען ברודער דעם שלעפּער" !

— און איהר, מיין טייערע, חכמה׳דיגער, הונדערט־פּראָצענטיגער אַמעריקאַנער, — האָט זיך בערטע געווענדעט צו דוד דעם לץ, — צו וועלכען גלויבען באַלאַנגט איהר ?

— איך באַלאָנג צום מעָזאָאישען גלויבען ! — האָט ער נאָפּאָלעאָניש געענטפערט. — איך האָב געהאַט אַ היברו טיטשער, מען האָט איהם גערופען „מייק די היברו טיטשער". ער האָט מיך געלערנט מפטיר מיט אַ ספּיטש. איך געדענק עס נאָך עד־היום.

— וואָס פאַר אַ גלויבען איז דאָס, אַז דער מאַזאַאישער? — האָט בערטע נעפרעגט.

— אַז דאָס האָט מיר שוין מיין „היברו טיטשער" ניט דער־צעהלט. ער פלעגט זאָגען: „מען טאָר זיך ניט גריבלען אין רע־ליגיאָן" — האָט דוד נעענטפערט אַ צופרידענער.

— אויב אייער היברו טיטשער האָט אייך ניט ערקלעהרט, וועל איך דאָס אייך ערקלעהרען — האָט בערטע גערעדט מיט הארץ: „מאַזאַאיש" איז פון דעם וואָרט „מאַזעס", און מאַזעס איז משה, און דאָס איז דערזעלבער גרויסער איד משה, וועלכער האָט זיך מוסר־נפש געווען פאַר זיין פאָלק ישראל, דאָס איז דערזעלבער גרויסער רע־וואָלוציאָנער משה, וועלכער האָט זיך ניט אָפּגעשראָקען פאַר די אַמאָ־ליגע טיראַנישע פּרעה'ס, און ווי אייער דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און אברהם לינקאָלן, האָט ער באַפרייט דאָס פאָלק ישראל פון שקלאַפעריי, און געמאַכט פון קנעכט אַ גרויסע, שטאַרקע, שטאָלצע נאַציאָן. עס איז דערזעלבער משה, וואָס האָט דער וועלט גענעבען די תורה, אייער „ביבעל", וועלכע איז די בעסטע לעהרע ביז אויף היינטיגען טאָג! — איצט מיין טייערער חכם! אויב איהר גלויבט אין משה'ס תורה, זייט איהר דאָך אַן אמת'ער איד, אָדער „היברו", ווי איהר רופט עס, טאַ ווי אַזוי לאַכט איהר פון אייערע ברידער, די „שלומיאַלס"?

— און איהר, מיין טייערער דיפּלאָמאַט! — האָט זי זיך אַ קעהר געטאָן צו הענריין, — איהר געהט דאָך אויך אין טעמפּעל, און גלויבט דאָך אויך אינ'ם זעלבען גאָט, אין וועלכען די „איסט־סיידער" אידעלאַך גלויבען; נו, זאָגט אַליין, איז עס ניט אַ שאַנדע און אַ חרפּה אָנצו־רופען אייגענע גלויבענס־גענאָסען „שמוציגע"?

— מיס בערטע! — האָט הענרי דיפּלאָמאַטיש גענומען פילאָזאָ־פירען. — אַז גלויבען אַלע קריסטען אין „יעזוס־דעם־איד" און דאָך האַבען זיי פיינט אַלע „איסט־סיידער" פוילישע, רוסישע און גאַליציאַ־נער אידעלאַך!

— איהר מאַכט אַ גרויסען טעות! — האָט בערטע שוין אויסגע־שריען. — פרעגט אייער לאַנדסמאַן הענרי פאָרד, די הונדערט־פּראָצענ־טיגע „קו־קלוקס־קלען" און אייער דייטשען ברודער־דיפּלאָמאַט, היטלער־שוואַרצקאָפּ האַקענקרייצלער, וועלען זיי אייך בפירוש זאָגען, אַז דער ביטערער אַנטיסעמיטיזם מיינט אַלע אידען, אפילו די „יאַהודים" אויך. זיי זיינען ביטערע שונאים פון כלל־ישראל און האַבען פיינט די אידישע דיפּלאָמאַטען נאָך מעהר ווי די איסט־סיידער אידעלאַך.

— און איהר, ראביי אייק! איהר האָט זעהר מורא פאַר רעוואָלוציאָנערען! — האָט זי מיט ביטערניש אין איהר קול אַרויסגערעדט. — איז ניט אייער גרויסער וואַשינגטאָן, דער פאָטער פון אייער גרויסע רעפּובליק געווען אַ רעוואָלוציאָנער? ער האָט מורד געווען אין גרויס־בריטאַניע! און אַלע גרויסע אַמעריקאַנער, פראַנצויזען און אַלע אַנדערע, זיינען זיי דען ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנערען?

זי האָט אויף אַ מאָמענט אָפּגעכאַפּט איהר אָטעם און האָט גענומען ריידען שוין עטוואָס שטילער, אָבער מיט גרויס צער:

— צוליב וואָס זאָלען מיר דעבאַטירען איבער אַ זאַך אין וועלכע איהר אַלע גלויבט ניט! איהר רעדט אַלע פון „גלויבען און רעליגיאָן": איינער פון „מאָזאַאישען", אַ צווייטער פון „איזראַעליטישען", אַ דריטער פון „היברואיטישען" און אַז. וו. גלויבט איהר באמת? האָט איהר ווירקליך אַ רעליגיאָן? האָט איהר באמת אויך אַ גאָט אין האַרצען, אַ חוץ אייער „גאָלדענעם-גאָט"? פריינדע! מיר זיינען אַלע ערוואַקסענע פּראַקטישע מענשען. לאָמיר איינע די צווייטע ניט נאַרען. לאָמיר אויף אַ מאָמענט פאַרגעסען אַז מיר לעבען אינ׳ם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, וואו אַלעס איז פאַרפאַרבט, פאַררויטעלט, פאַרשוואַרצט און פאַרהיפּאָקריטעוועט, וואו די אויערען ווילען ניט הערען וואָס דער מויל רעדט, וואו דאָס האַרץ פיהלט ניט און דער מח דענקט ניט; וואו אַלע נידערטרעכטיגקייטען ווערען אָפּגעטאָן אינ׳ם נאָמען פון יושר און רחמנות, אינ׳ם נאָמען פון דעמאָקראַטיע און ציוויליזאַציע, — לאָמיר אויף אַ מאָמענט זיין פּרימיטיוו און רעדען דאָס וואָס מיר דענקען; לאָמיר זיך אַרויסזאָגען נאַטירליך, פּשוט און אָפען:

— איהר אַלע טענה׳ט, אַז איהר גלויבט אין משה׳ן! גלויבט איהר ווירקליך? היט איהר משה׳ס תורה? משה׳ס שבתים, משה׳ס ימים טובים? היט איהר דעם „לא תשנא", דעם „ואהבת" און אַז. וו.? נו, געווים געהט איהר אין אייערע טעמפּלען, אָבער ס׳איז דער זעלבער געהן ווי אין „אָפּערא", אין צירקוס. איהר ליעבט די שעהנע, אָנציהענדע צערעמאָניעס פון אייערע שעהנע טעמפּלען און נאָך שענערע אַרטיסטקעס, אָבער פונ׳ם עיקר פון דעם גלויבען האָט איהר קיין שום השגה ניט. אייך פעהלט די ידיעה און, איבערהויפּט, דער רצון, זיך צו פאַרטראַכטען. איצט פרעגט זיך, אַז קיין פאָלק זייט איהר ניט און קיין גלויבען האָט איהר ניט, קיין אידען זייט איהר ניט! און קיין גוים אודאי ניט! טאָ זאָגט זשע מיר, מיינע טייערע, ווער זייט איהר? — און זי האָט מיט אַ ציטער אין איהר שטימע געענדיגט:

— אבער ווער איהר זאָלט ניט זיין! האָט אין זיך לכל הפחות „דרך ארץ“, „מענשליכען טאָלעראַנץ“! לאַכט ניט! חוזק׳ט ניט פון איי־ערע געוועזענע ברידער!...

קיינער האָט ניט געענטפערט, אַלע זיינען געבליבען שטיל פאַר־טראַכט, און מעהר פון אַלעמען האָט זיך פאַרטראַכט לו, וועלכער האָט לחלוטין זיך ניט אריינגעמישט אין דעם גאַנצען געשפרעך.

שטיל, פאַרזונקען אין געדאַנקען, זיינען זיי אריינגעפאָהרען אין שטאָדט, וואו זיי האָבען זיך אויסגעמישט מיט אַ גרויסע מאַסע מענ־שען, הונדערטע רייזענדע אַראַבער מיט זייערע עזלען האָבען זיך גע־שטופּט און געטומעלט, אויטאָמאָבילען האָבען געפייפט, עולה־רגל־ני־קעס האָבען געזונגען תפלות צו אַללאַ און צו מחמד זייער נביא.

אין בערטע׳ס נשמה האָט געשטורעמט. זי האָט געפיהלט ווי צו זיין אַליין, אַליין מיט איהרע אייגענע געדאַנקען. זי האָט געטריבען איהר עזעל וואָס שנעלער, און איידער אימעצער האָט זיך געכאַפּט, האָט זי זיך דערווייטערט און פארשוואונדען פון די טוריסטען.

צווייטער קאַפּיטעל.

אין ארץ־ישראל.

צעהן טעג זיינען פארגאַנגען זינט בערטע איז פארשוואונדען. די טוריסטען האָבען דורך דער צייט דורכגעזוכט גאַנץ קאירא. דער אמע־ריקאַנער קאָנסול מיט די שטאָדט׳יגע פּאָליציי־באַאַמטע האָבען ניט גע־רוהט. מען האָט דורכגעזוכט אַלע ווינקעלאַך, אָבער נאָך אַלע חקירות ודרישות האָט מען פון דער פארשוואונדעטער קיין שום שפור ניט געפונען.

לו האָט געקערט וועלטען. ער איז אַרומגעלאָפען ווי אַ צומיש־טער. זיינע בלויע אויגען האָבען געשפריצט מיט פייער.

דער גוטע מעקיי האָט גע׳טענה׳ט, אַז ביי אָנקעל סעם וואָלט מען שוין לאַנג אויסגעפונען, לכל הפחות אַ שפור פון איהר!...

דוד דער לץ האָט געשריען, אַז זיין „היברו טיטשער“ האָט דער־צעהלט צו זיין „בר־מצוה“, אַז „דזשייקאָב׳ס טאָכטער“ איז אויך פאַר־שוואונדען געוואָרען ערגעץ אין דעם „אָריענט“, און נאָכדעם האָט מען זי געפונען „ביים סולטאַן אַליין“..

הענרי האט ארויסגערעדט דיפלאמאטיש, אז ס׳איז געווים די אר־בייט פון „פרויען־הענדלער״, וועלכע זוכען דוקא „אזעלכע סחורה״...

רעוורענד אייק האט פארגלאצט זיינע היפאקריטישע אויגען, האט זיין קנעבטישען פנים נאכמעהר פאר׳זיג־זאגט און האט מיט א פרומער מינע געזאגט, אז אזעלכע „פילאזאפישע מיידלאך״ פארענדיגען תמיד מיט א שלעכטען סוף...

מערי האט געקוויטשעט: — זי איז געווען א מאדנע מיידעל, ניט ווי אלע אנדערע פון אונז. עפעס צו קלוג, צו פילאזאפיש. פון וואנען קומט זי? ווער זיינען איהרע עלטערען? ס׳איז א גרויסער רחמנות, אה, גאט!

פעליקס דער פילאנטראפ האט זיך אויסגעדריקט: — שאדע, שאדע, ס׳איז א רחמנות ווער זי זאל ניט זיין!

לו האט קיין זאך ניט געהערט און ניט געזעהן. גאנצע טעג פלעגט ער ארומלויפען ווי א מרה־שחורה׳דיגער, און די נעכט פלעגען זיך פאר איהם אויסציהען ווי לאנגע, פינסטערע גלות׳ן. יעדע נאכט פלעגט ער איבערדענקען און איבערטראכטען, ווען ער האט זיך מיט בערטע׳ן צום ערשטען מאל באגעגענט. ס׳איז געווען אויף א גרויסער פארזאמלונג, וואו גרויסע פיהרער פון אייראפא האבען דאן גערעדט וועגען „זייאניזם״, עפעס מכח א „אידישע מלוכה״. ער האט בשום אופן ניט געקאנט משיג זיין, וואס זיי ווילען, און פאר וואס עפעס געפעלט זיי ניט אנקעל סעמ׳ס מדינה? — ער האט זי דאמאלסט דער־זעהן און זיך גלייך פארליבט אין איהר. ער האט אפילו ניט געפרעגט וועמעס טאכטער זי איז. ער האט געפיהלט, אז זי שטעהט העכער פון אלע אנדערע. ער האט זי ניט פארשטאנען, איהרע געדאנקען, איהרע ארגומענטען, איהרע אידעאלען און איהרע טענות זיינען איהם געווען פרעמד. ער, א געבוירענער „יענקי״, מיט א געזונטען פאר־שטאנד, מיט א הויכע אלגעמיינע בילדונג, האט זי ניט פארשטאנ־נען. — ער האט אבער אין איהר געגלויבט ווי אין א גאט, וועמען מען קען ניט פארשטעהן.

און זי איז געווארען זיין גאט. ער האט געהאפט און געווארט, אז די צייט וועט קומען, און זי וועט פאר איהם אויפדעקען אלע איהרע סודות, און ער וועט דאן קענען צוברעכען די וואנט וועלכע שיידעט זיי פונאנדער, און ער וועט זיין דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט. — און פלוצלונג אזא אומגליק! ער האט גענומען איבער־דענקען און איבערטראכטען איהרע לעצטע ווערטער, פאהרענדיג צו־

ריק פון די פּיראַמידען. זי האָט גערעדט פון „פאָלקס־פאַררעטער“, און ער האָט בשום אופן ניט געקענט פאַרשטעהן וועמען זי האָט דערמיט געמיינט! — אָבער ער האָט געגלויבט און געפיהלט, אַז יעדעס וואָרט וואָס געהט אַרויס פון זיין בערטע'ס מויל איז געטליך, און ס'איז ניט סתם אין דער וועלט אַריין. ער האָט בעשלאָסען גלייך צו פאָהרען נאָך פּאַלעסטינא, ווייל דאָס איז געווען דער וואונש פון בערטע'ן, און ווער ווייס? אפשר וועט אַ נס, אַ וואונדער געשעהן און ער וועט זי דאָרטען געפינען!

און גלייך אויף מאָרגען האָט ער פאַר אַלע טוריסטען פאַרגעלעגט זיין פעסטען באַשלוס, און אַלע האָבען איינגעשטימט צו מאַכען גלייך די רייזע קיין פּאַלעסטינא.

* * *

עס איז געווען איינער פון יענע הייסע טעג אין די טראָפּישע לענדער, ווען די זון צעוואַרימט די לופט ווי גליהענדע בליי און קאָכט צונויף די ערד אינאיינעם מיט דעם הימעל, און די ביינער פון דעם מענשען ווערען לויז אין קערפּער און ווערען אונבאַוועגליך.

אין יענעם טאָג זיינען אידישע יונגע לייט און מיידלאך געשטאַנען אויף יענער זייט פון די הרי־יהודה און האָבען געטהאָן זייער אַרבייט. זיי האָבען ניט געקוקט אויף דער זון וואָס האָט באַגאָסען זייערע לייבער ווי מיט ברענענדער בליי; זיי האָבען געטאָן זייער אַרבייט ווי אין עקסטאַז, ווי אין געבעט. ס'איז געווען ניכר, אַז די יונגע בחורים און מיידלאך זיינען נאָך גאָר ניט צוגעוואוינט צו דעם קלימאַט, און צום ערשטען מאָל די העק אַנשטאָט זייערע פעדער באַנוצט — אָבער דער הייליגער אידעאַל צו באַלעבען צוריק זייער אַלטע היים האָט זיי אויף די פעלדער צונויפגעבראַכט. זיי האָבען בשעת מעשה געקלערט, אַז זייערע פיס געפינען זיך אויף דער ערד, וואָס איז אויסגעהייליגט געוואָרען אין דעם בענקעניש פון זייער פאָלק דורך טויזענטער יאָהרען, זיי האָבען געזעהען אין זייערע פאַנטאַזיעס, צעוואַרימט פון דער זון, אידישע חילות דורכציהען אין די אומענדליכקייט פון האָריזאָנט, און זיי האָבען געהאַט דעם געפיהל וואָס עס קען נאָר האָבען אַ פאָלק וואָס איז זייט צוויי טויזענט יאָהר פאַרטריבען געווען פון זיין היים, און דורך דער גאַנצער צייט ניט אָנגענומען קיין אַנדערע, נאָר אויסגעהייליגט זיך אין זיין בענקשאַפט און זיין אמונה — קומט דאָך סוף־כל־

סוף צוריק און הויבט אויף דעם ערשטען מאָל זיין האָק און זיין שאָפּעל אויף זיין ערד.

דאָס האָט זיי געגעבען די קראַפט, אָט די אידישע שוואַכע יונגע־לייט, צוזאַמענגעלאָפען פון רוסישע, רומענישע און דייטשע גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטען, דורכצוטראַגען די טראָפּישע היץ אויף דעם באַשטיינערטען פעלד.

אָט וואָרום זיי האָבען איצט געאַרבייט אין אַ צושטאַנד פון עקסטאַז און אַ פיבער־געפיהל. דער אידעאַל האָט זיי געגעבען כח אַריבערצוטראָגען די אוממענליכע באַדינגונגען.

אַן אַרבייטער האָט באַמערקט, ווי אַ פלינקער רייטער פליהט צו זייער ריכטונג, און ער האָט אויסגעשריען: אַ בשורה טובה! און אַלע חלוצים האָבען מיט התלהבות איבערגע׳חזר׳ט: אַ בשורה טובה!

אַ הויכער, שטאַרק געבויטער רייטער, מיט אַן עכט סעמיטיש באַ׳חנ׳טען פּנים, אָפּגעברענט פון דער ארץ־ישראל זון, איז געפלויגען אויף אַ שעהן אַראַביש פלינקען פערד, דער ביקס אַריבערגעוואָרפען איבער׳ן זאַטעל פון פערד אין דער ברייט. ער איז אינגאַנצען געווען אַ בילד פון שעהנקייט און גבורה. ס׳איז געווען יהודה, דער סגן פון די שומרים (עלצטער פון די שומרים). פלינק איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין אַראַבישען פערד און האָט אַלעמען באַגריסט מיט אַ חבר׳שען „שלום"!

— חברים! — האָט ער מיט התלהבות גענומען דערצעהלען. — מיר האָבען ערשט ערהאַלטען אַ ידיעה, אַז אַ היבשער צאָהל „אַמעריקאַנער טוריסטען" זיינען אָנגעקומען אין לאַנד. מיר מוזען זיי געבען אַ שעהנעם קבלת־פּנים, ווי עס פּאַסט פאַר „אורחים נכבדים". לאָמיר ציינען אונזערע אַמעריקאַנער ברידער, אַז כאָטש אונזערע מיטלען זיינען זעהר באַגרענעצט, דאָך האָבען מיר זעהר שטאַרק פּראָגרעסירט אין אונזער הייליגער אַרבייט און אונזערע העלדישע חלוצים שטעלען זיך ניט אָפּ פאַר קיינע שוועריגקייטען, צו פאַרוואַנדלען אַ מדבר אין אַ גן־עדן.

— הידד! הידד! חבר יהודה! — האָבען אַלע לעבעדיג אויסגעשריען. — מיר ווילען די „אורחים נכבדים" (געעהרטע געסט) באַווייזען, וואָס הייסט אַ קבלת־פּנימ׳ל, אַ חגיגה׳לע, אַ יום־טוב׳ ביי אונז אין ארץ־ישראל!

יהודה האָט זיי געגעבען געוויסע אינסטרוקציעס, ווי צו אָרגאַניזירען דעם „קבלת־פּנים", ווי אויפצונעהמען די טוריסטען און אַליר

איז ער שנעל ווי א בליץ אוועקגעפלויגען אויף זיין פערד צו באַגעגענען די טוריסטען. — און ווען ער האט זיי דערזעהן נאך פון דער וויט, האט ער מיט זיין שעהן קלינגענדען קול אויסגעשריען: שלום, שלום! אורחים נכבדים! ברוכים הבאים!

דוד דער לץ האט דער ערשטער געגומען שרייען: יעס סער! שאַלאַם! שאַלאַם! מיין היברו טיטשער פלעגט אויך זאגען „שאַלאַם, שאַלאַם!“ — האט ער זיך גע׳חכמה׳ט.

אבער ווען זיי זיינען צוגעקומען פנים־אל־פנים, האט זיי יהודה אין א שעהנעם פליסענדען ענגליש באגריסט און האט זיך פאר זיי פארגעשטעלט, אז ער איז געקומען אינ׳ם נאמען פון די שומרים און חלוצים פון ארץ־ישראל, צו באגעגענען די אורחים נכבדים, און מען האט פאר זיי צוגעגרייט א שעהנעם „קבלת־פנים“, און אגב וועט מען זיי ווייזען אלע נייע אויפטואונגען אין ארץ־ישראל, די נייע און גאר נייעסטע קאלאניעס, די קבוצות, די ארבייט ביים כבוש, די מחצבה, דעם גדוד העבודה, און אז. וו.

די טוריסטען האבען באוואונדערט דעם הויכען, שטארק געבויטען יהודה, דעם נאטור־קינד מיט זיין הויכע בילדונג, מיט זיין מאיעסטעטישען אויסזעהן און שעהנע מאניערען. און „מערי די יונגע“ האט פון גרויס התפעלות אויסגעשריען: „הי לוקס לייק עי סולטאן!“ (ער זעהט אויס ווי א סולטאן).

— א ניין, מאדאם! — האט יהודה שטאלץ געענטפערט — איך בין אן אמת׳ער איד, א קינד פון דאס פאלק ישראל, א שומר פון אונזער אלט־ניילאנד! מיין פנים איז אן עכט־אידישער, מיינע געדאנקען זיינען אידיש און אלע מיינע אינטערעסען זיינען אידישע.

מערי האט אראפגעלאזען איהרע אויגען. זי האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען.

— קומט, מיינע ליבע געסט! — האט יהודה געזאגט — אונזערע חלוצים, די בראווע העלדישע בויער פון ארץ־ישראל ווארטען אויף אייך!

אלע האבען זיך געלאזט פיהרען פון יהודה.

יונגע, שטארקע בחורים מיט מיידלאך, רייטענדיג אויף שעהנע פלינקע פערד, יעדער איינער האט זיין ביקס אריבערגעווארפען איבער׳ן זאטעל פון פערד, זיינען ארויס מקבל־פנים זיין די טוריסטען. דער „הידד“ האט פארהילכט דעם גאנצען געגענט. זייער אנקומען האט ביי די טוריסטען ארויסגערופען גרויס באגייסטערונג.

צוערשט האָבען זיי געוויזען וואונדערבארע גימנאַסטישע איבונ־גען; דערנאָך האָבען זיי זיך גענומען יאָגען אויף די פערד און שיסען פון די ביקסען. יעדער שאָס פון ביקס, יעדער טאַפּען פון די פערד און יעדע ציונ׳ס פּאָהן אין רייטערס האַנט איז באַגעגנט געוואָרען מיט באַגייסטערטע אַפּלאָדיסמענטען פון די טוריסטען.

דוד האָט מיט אמת׳ע התלהבות אויסגעשריען: — יעס סער! פּונקט די זעלבע זאַך ווי מיין „היברו טיטשער" האָט מיר דערצעהלט אין מיין "בר־מצוה ספּיטש" וועגען די „מכבים". מעקיי דער גוטער האָט פון גרויס התלהבות פאַרגעסען אויפצוהערען פּאַטשען מיט די הענט; ביי לו האָט דער לינקאָלן־פּנים גענומען שיינען, פעליקס האָט זעהר גוטמוטהיג און פרעהלאַך געשמייכעלט אונטער זיינע „ווילהעלם־וואַנצעס"; דער פּנים פונ׳ם ראַביי האָט זיך נאָכמעהר פאַר׳זיג־זאַגט, אויסער הענרי דער דיפּלאָמאַט האָט זיך געהאַלטען דיפּלאָמאַטיש־קאַלט און מערי די יונגע האָט געשריען „היידאַ! היידאַ!" (הידד).

די רייטער זיינען אַראָפּגעשפּרונגען פון זייערע פערד, מען האָט זיך חבר׳יש גע׳שלום־עליכם׳ט מיט די טוריסטען און אַלע זיינען אריין אין דער דערבייאיגער קאָלאָניע.

מען האָט זיי אַריינגעפיהרט אין אַ שעהנעם בלומענגאָרטען, וועל־כער איז געווען ווי פערשאָטען פון טויזענטער בלומען, ווי אַ געשטיק־טער טעפּיך פון ווייסע, געלע, רויטע, בלויע און גרינע פאַרבען; מען האָט זיי אויסגעזעצט אויף וואונדערבאַר געפלאָכטענע שטולען.

די טוריסטען זיינען געווען ווי פאַר׳כשופ׳ט. ס׳האָט זיך זיי אויס־געדוכט, אַז זיי געפינען זיך עפּעס אין אַ וואונדערלאַנד. מען האָט דערלאַנגט כל־ערלייאיגע פרוכטען, פאַרשידענע ווינען, מען האָט אויס־געזונגען פאַרשידענע העברעאישע שירים און אויסגעטאַנצט כל־ער־לייאיגע ריקודימ׳לאַך, אַז די טוריסטען האָבען זיך געפיהלט ווי אין אַן אמת׳ען גן־עדן.

פלוצלונג זיינען אַלע שטיל געוואָרען. פאַר אַלעמענס אויגען איז ערשינען אַ שעהנהייט, צאַרט־עלאַסטיש, חנ׳עוודיג און דאָך מיט אַן אייזערנעם ווילען. זי האָט אויסגעשטרעקט איהרע ווייסע, פיינע, געטאָקטע הענט צו יעדען טוריסט באַזונדער.

— הידד! הידד! שושנה! בלום פון ארץ־ישראל! נשמה פון די חלוצים! — האָבען זיך געהערט פרעהליכע און התלהבות׳דיגע אויס־רופען, און אַלעס איז ווידער שטיל געוואָרען.

שושנה האָט מיט איהר נבואה־שפּראַך געשילדערט פאַר די טור־ריסטען פון דער אַלט־נייער ארץ־ישראל, פון די בערג פון יהודה, פון דער נאַטור־שעהנקייט אין גליל און פון אַלע אידישע קאָלאָניעס. זי האָט פאַר זיי געשילדערט דעם לעבען פון די חלוצים און חלוצות, זייער בראַווקייט און בכלל וועגען דער אויפלעבונג פון פאָלק און לאַנד, און בשעת זי האָט גערעדט האָבען איהרע גרויסע, שוואַרצע אויגען געלויכטען. איהר שפּראַך איז געווען ווי די מזרח־מוזיק, יעדע זילבע קלאָהר־שאַרף, פאַרביג און חנ׳עוודיג. זי האָט מיט איהר בלומענ־שפּראַך ערקלערט, אַז זעהר אַ גרויסע לעבענס־קראַפט און שאַפונגס־מעגליכקייטען זיינען פאַראַן אינ׳ם פאָלק ישראל; זי האָט גערעדט פלאַם־פייערדיג און דאָך צניעות׳דיג.

ווען זי האָט געענדיגט ריידען — האָבען אַלע געזונגען די „התקוה“ און די „שבועה“.

אַז שושנה האָט גערעדט, האָט לו די גאַנצע צייט ניט געקענט אַפּרייסען זיינע אויגען פון איהר. ס׳האָט זיך איהם געדוכט, פּונקט ווי ער הערט די שטימע פון זיין בערטע׳ן. מיין גאָט! — האָט ער געטראַכט — די זעלבע פיגור, די זעלבע צאַרטקייט און דער זעלבער ענטשלאָסענער שטאַרקען רצון, פּונקט ווי זיי וואָלטען אַ צווילינג־שוועסטער געווען, און בעת אַלע טוריסטען האָבען זיך פרעהליך גע־מאַכט און זיך געפיהלט גליקלאַך ווי קליינע קינדער, איז לו געזעסען אומעטיג, פאַרטראַכט, ווי עפּעס פאַר־„מרה־שחורה׳דיגט“; זיינע גע־דאַנקען האָבען געטראַכט נאָר פון זיין פאַרשוואונדענער בערטע. וואו איז זי איצט? — איין גאָט וויים וואָס מיט איהר האָט געטראָפען!

שושנה׳ס אויגען האָבען באַמערקט די אומעטיגקייט פון לו, און זי האָט איהם געפרעגט אָפען און פּשוט ווי אַ נאַטור־קינד: — מיין הער איז זעהר אומעטיג! געפעהלט אייך אפשר ניט אונזער אויפ־נאַהמע?

— וואונדערלאַך שעהן! — האָט ער שטיל געענטפערט.

— טאָ וואָס זשע זיצט איהר ווי אַ פאַר׳חלומ׳טער, בעת אַלע זיינען פרעהלאַך? — האָט זי שטיל גערעדט, — און לו האָט געפיהלט, ווי זיסע טענער פון אַ האַרפע צוגיסען זיך איבער אַלע זיינע אברים. — מיין הער — האָט שושנה פאָרגעזעצט צאַרט — כ׳וויים ניט ווער איהר זייט, ס׳קען זיין, אַז איהר זייט איינער פון די גרעסטע לייט אין אייער מדינה, כ׳וויים אפילו ניט אויב איהר זייט אַ איד, ווייל אייער פּנים איז עהנליך צום גרויסען אברהם לינקאָלן, דער באַפרייער פון

די שוואַרצע שקלאַפֿען אין אַנקעל סעמ׳ס מדינה, — אָבער ווער איהר זאָלט ניט זיין, זייט איהר אונז טייער, און איך וואָלט זעהר געוואָלט העלפֿען צו פֿארטרייבען אייער אומעט און אָנפֿילען מיט שמחה אייער פֿאר׳חלומ׳טע נשמה! זאָגט מיר, מיין הער! וואָס דריקט אייך אויף אייער הארצען? — פֿאַר שושנה׳ן מעג מען אַלעם דערצעהלען, — האָט זי פֿארענדיגט.

לו האָט ניט געקענט ביישטעהן געגען די נאַטירליכע אָפֿענע דבורים פֿון שושנה׳ן, עפֿעס האָט זי גערעדט ווי אַן עכט נאַטירליכע בלום.

און ער האָט איהר געענטפֿערט:

— מיין טייערע פֿריילין, אָדער בלום פֿון ארץ ישראל, ווי אַלע רופֿען אייך — מיט מיר האָט אַ גרויס אומגליק געטראָפֿען, — מיט אונז איז געפֿאַהרען אַ מיידעל, אָבער זייענדיג אין קאירא איז זי פּלוצלונג פֿארשוואונדען, און זי איז פֿאר מיר אַלעם אין דער וועלט. — זי איז אַזוי עהנליך צו אייך, אַז ווען איהר האָט גערעדט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך הער איהר זיסע שטימע. איצט קענט איהר שוין פֿארשטעהן מיין אומעטיגקייט!...

צוויי טרערען ווי דימענטען האָבען זיך אַראָפּגעקייקעלט אויף שושנה׳ס באַקען. זי האָט אָבער פֿעסט און ענטשלאָסען געזאָגט: — מיין הער! מיט חלומ׳ען און זיפֿצען, מיט טרערען און הארצקלעמענעס וועט איהר אייער פֿארשוואונדענע געליבטע ניט געפֿינען, נאָר מיט אָפּפֿערווילינקייט, אויסרעכענונג און אַרומזוכען, וועט איהר זי געוויס געפֿינען.

לו האָט זיך פּשוט פֿארשעמט פֿאַר אָט דער צאַרטער שושנה. — ער, אַ שטאַרקער געלערנטער מאַן, און דאַרף זיך לערנען פֿון אָט דער נאַטור קינד.

ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט שטאָלץ, מיט זיין הויך און שטאַרק געבויטע פֿיגור און האָט געדריקט שושנה׳ן זיין האַנד.

— יעס! — האָט ער פֿעסט און ענטשלאָסען געזאָגט, — איהר האָט רעכט! מיט פֿארלעגטע הענט און מיט חלומ׳ען קען מען גאַרנישט אויפֿטאָן! איך וועל זוכען, זוכען אַזוי לאַנג, ביז איך וועל געפֿינען מיין פֿערשוואונדענע בערטע!

— און איך בין זיכער, אַז איהר וועט איהר געפֿינען! — האָט שושנה פֿרעהליך אויסגערופֿען.

דריטער קאפיטעל.

די שבועה.

איינמאל א פארנאכט, ווען די לופט איז געווען אנגעטרונקען מיט אזא קיהלער צערטליכקייט, אז דאס מידסטע הארץ הויבט אן צו בליהען מיט האפנונג און מען דערפיהלט דעם גענוס פון ארץ־ישראל, איינאטעמענדיג אין זיך די לופט, דעם געזאנג און דאס ריינקייט, און וואס די הארץ מוז אויף אייביג אנגעפילט ווערען מיט בענקשאפט, מיט באוואונדערונג צו די ווייסע וועגען און רויט־באבליהטע בערג און טהאלען, צום גריינעם שרון, צו די פארביגע פעלדער פון שומרון, צו די מיסטישע וועגעלאך פון גליל, צו די רויטע און ווייסע בלומען וועלכע ציטערען מיט גליק און מיט מורא צווישען גרויע שמייכלענדיגע גרויסע שטיינער, צו די אלטע אוילבערטבוימער וואס קוקען ווי זילבערנע עטרות, צו די גרינע וויינגערטנער, צו די רוישענדע קוואלען, צו אלעם וואס די אויג זעהט א צייכען פון אויפלעבונג און די נשמה דערפילט אינגאנצען ווי איינגעוועבט אין אט די בליהונג, — אין אזא פארנאכט זיינען די טוריסטען מיט א גרויסער צאהל חלוצים און חלוצות געזעסען ארום ירושלים און שושנה האט פאר זיי געמאלען די אלט־נייע ארץ־ישראל, מיט איהר בלומען־שפראך האט זי פאר זיי געמאלען די ארץ־ישראל־זון, לבנה און שטערען. זי האט געמאלען ווי דער כרמל, דער שרון, דער גלעד און דער לבנון שטעהען אויף תחית המתים, דער ירדן, דער כנרת און אלע אנדערע טייכען און ימים פליסען מיט א ניי־לעבן. — א ניי־לאנד בויט זיך, די אידען ווערען ניי־געבווירען. סטודענטען ווערען שטיינער־האקער, שאסעען מאכער און קאלאניעס גרינדער; לופט־אידען ווערען פויערים, לאנד־מענשען און קאלאניסטען; גלות־אידען ווערען טרעגער און טרוימער פון א גרויסער אידעע, פון א ניי־ציון; נייע מוסטערן און א נייע לעהרע פון קא־אפעראטיווע קאלאניעס, ארבייט־קאמוניזם, וואס צושטערט ניט, נאר בויט און שאפט א ניי וועלט, און ווי א נביאה האט זי געשילדערט און געמאלען אלע ווינקעלאך פון לאנד מיט זייערע מעגליכקייטען. מיט ליבע און באגייסטערונג האט זי גערעדט פון דעם אידישען יוגענט, וועלכער רופט אויס דעם נייעם רוף, מיט ממשות־דיגער ארבייט, מיט טריקענע זומפען, מאכען שאסעען און בויען דאס לאנד. — מיר בויען דאס לאנד און מיר וועלען

ניט רוהען ביז מיר וועלען אויפבויען — האט זי מיט גרויס התלהבות אויסגעשריען. — אין חוץ־לארץ רעדט מען, און מיר — מיר פלאנצען! אמת, מיר באגעגענען פיעל שונאים אויפ'ן וועג פון אונזער בויען, פיעלע שוועריגקייטען און שטערונגען, אינערליכע און אויסערליכע, אידישע און גוי'אישע, אבער מיר בויען! — מיר לעבען־אויף אונזער שפראך, די שפראך פון אונזערע נביאים, אונזער אייגענער אידישער קולטור, וועלכע איז געווען צוזאמען מיט'ן קערפער פארשקלאפט און פארקנעכטעט ביי פרעמדע קולטור־טישען פאר דורות און דורות. — מיר האבען דא א מחנה פון גייסטיגע קולטור־חלוצים, פאר וועמען קיין ארבייט איז ניט צו שווער און קיין קרבן ניט צו גרויס, פאר דער ענטוויקלונג פון אונזער נביאים־שפראך, פאר אידישע ווערטער, אידישער וויסענשאפט פאר אידישע ליכט און בילדונג, און מיר קענען זיכער האפען, אז דאס ווארט פון גאט וועט ווידער ארויסקומען פון ירושלים און מיר וועלען זינגען א פרייהייטס־ליעד, וואס קיין שום פאלק האט עס נאך ניט געזונגען און וואס וועט זיין דאס פרייהייטס־ליעד פון דער וועלט...

לו האט געשלונגען יעדעס ווארט. ער האט געפיהלט ווי ער ווערט א נייער מענש. וואס מעהר שושנה האט גערעדט פון די נייע אידעען, פון דער אויפבויאונג פון ארץ־ישראל, אלץ מעחר איז ער באגייסטערט געווארען; וואס מעהר ער האט געשילדערט די אלט־ניי־לאנד מיט די נייע בויער, אלץ ליעבער איז איהם געווארען דאס לאנד און אלץ נעהענטער די בויער. דער גרויסער פראקטישער אמעריקאנער האט, זייענדיג אין ארץ־ישראל און הערענדיג די בלומענשפראך פון שושנה, ערשט גענומען משיג זיין, וואס אזעלכעס עס איז דער „זייאניזם" (ציוניזם), וואס די גרויסע אידען פון אייראפא פרעדיגען אין זיין אנקעל סעמ'ס מדינה...

און אין זיין זכרון איז דורכגעפלויגען אט יענע צייט, ווען די גרויסע וועלט־מלחמה האט אויסגעבראכען און דער גרויסער אידישער דאקטאר שמערל האט זיך דאן געפונען אויף א דייטשער שיף אין מיטען ים, אויפ'ן וועג פון אמעריקא קיין אייראפא, ווען ס'האט דער־גרייכט צו דער שיף די נייעס וועגען דעם „בלוטיגען מבול" וואס הויבט אן צו פארפלייצען אייראפא, האט די שיף זיך געמוזט אויס־קירעווען, צוריק צו די ברעגען פון די פאראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, און אט דער גרויסער דאקטאר, דער טרייער איבערגעבענער איד, האט דאן גלייך גענומען ארגאניזירען א נויטפאל קאמיטע, און

ער, לו, איז דאָן אויך אַריין אין דער „פּראָוויזאָרישער ציוניסטישער קאָמיטע", וועלכע האָט פּאַקטיש איבערגענומען די פונקציעס פון דער אַלוועלטליכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ער האָט דאָס אָבער געטאָן אַלס פילאַנטראָפּ, אַלס אַ מאַן מיט אַ ברייטער האַרץ, וועלכער טהוט פאַר אַלעמען, ספּעציעל אין אַ נויטפאַל; ער האָט אפילו דאָן גע־פועל'ט אַז זיין אַנקעל סעם, וועלכער איז נאָך געוועזן נייטראַל און איז נאָך ניט געוועזן אַריינגעצויגען אין דעם „בלוטיגען קאַראַהאַד", זאָל שיקען אַ קריעגס־שיף מציל צו זיין די ארץ־ישראל'דיגע אידען פון די טערקישע פּורעניות'ן. אָבער אין דעם עיקר פון דער נשמה, אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט ער ניט אַריינגעקוקט, ער האָט זיך ניט אינטערעסירט. אָבער איצט האָט דער גרויסער דענקער און שטאַאַטסמאַן גענומען פאַרשטעהן דעם אמת'ן געדאַנק, דעם אמת'ן זין פון ציוניזם. לו האָט גענומען בעגרייפען, אַז דער ציוניזם איז ניט קיין פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפט פאַר די פּוילישע און ליטווישע אידען, נאָר אַז דאָס איז די גרויסע, שטאַרקע לעבענס־קראַפט, וועלכע ענטהאַלט דעם גרויסען סוד פון דער ניי־אויפלעבענדער אידישער נאַציאָן.

און ווען שושנה האָט אויפגעהערט צו ריידען, האָט פּלוצלונג אין זיינע בלויע אויגען אויפגעפלאַמט אַ ווייס־בלויער פייער'ל, און ער האָט מיט גרוים ליבע און באַגייסטערונג אויסגעשריען: „אָה, ציון! ווער וועט אַרויפגעהן אויף דיין געטליכען באַרג און ווער וועט קאָנען שטעהן אויף דיין היילינען באַרג?"... עס האָט געקלונגען ווי מוזיק, ווי דער אַנריהר פון אייביגקייט, ווי אַז אָפּקלאַנג פון די הימלען... ער האָט זיך אויפגעשטעלט ווי צו אַ תפלה און האָט שטיל־סודות'דיג, ווי זיין שטייגער איז, גערעדט ווי פאַר זיך:

— איצט פאַרשטעה איך דיך, מיין ליבע, טהייערע בערטע! איך פאַרשטעה דיינע הויכע ערהאַבענע געדאַנקען, דיינע איידעלע, שטאָלצע און געזונטע געפיהלען און דיינע אמת'ע ווערטער. — יאָ! איך בין געוועזן „אַ נאַציאָנאַלער פאַררעטעהער", אָבער איך האָב זיך געפונען! איך בין ניט מעהר וואָס איך בין געוועזן. ניט צו אַ „רעליגיעזע סעקטע" געהער איך, נאָר צום אַלטען גרויסען פאָלק ישראל, צו דער אידישער נאַציאָן מיט אַלע איהרע מעלות און חסרונות! ניט קיין „פילאַנ־טראָפּ" וועל איך זיין, נאָר אַ קעמפּפער, אַ בויער, אַ סאָלדאַט און אַ חלוץ מיט אַלע חלוצים צוגלייך! יאָ, מיין טייערע! ענדליך האָב איך ענטדעקט דעם „סוד", די „מחיצה" וואָס האָט אונז פונאַנדער־

געשיידט, אָבער איך וועל אַפּראַמען די שטיינער פון אונזער וועג, איך וועל צוברעכען די אַסימילאַציאָנס־וואַנט, וועלכע האָט זיך פאַר־פעסטיגט פאַר לאַנגע דורות, נע־ונד׳עווענדיג אין׳ם לאַנגען „מדבר העמים"; כ׳וועל אריבערשפּרינגען דעם גרויסען „טיפען תהום", וואָס האָט אונז פונאַנדערגעטהיילט, און אונזערע אידישע נשמות און אידי־שע געדאַנקען וועלען זיך קענען פאַראייניגען אויף אייביג! און ווען איך וועל דיך געפינען, וועל איך שטעהן פאַר דיר, ווי אַ יענער אמת׳ער איד, וועלכען דו פלעגסט תמיד פאַר מיר אויסמאָלען!

זיין פּנים האָט גענומען שיינען, זיינע בלויע אויגען האָבען גע־קוקט ווייט, ווייט. ער האָט אין דעם מאָמענט קיינעם ניט געזעהן און קיין זאַך ניט באַמערקט. ער האָט אויסגעקוקט ווי „דער נביא אין מדבר", וועלכער זעהט און הערט ווי די זון, לבנה, שטערען און די גאַנצע נאַטור זינגען שירה צו גאָט, און ווי דער נביא, וועלכער שטעהט פאַרטראַכט און קוקט אריין אין דער ווייטער צוקונפטס־מוזיק.

אַלע זיינען געוועזען שטיל, זיי האָבען מיט באַוואונדערונג און יראת הכבוד געקוקט אויפ׳ן גרויסען אמעריקאנער איד, אין וועמעס נשמה עס קומט פאַר אַ גאַנצע איבערקערעניש. שושנה האָט מיט איהרע גרויסע, שוואַרצע מזרח־אויגען אַריינגעקוקט אין די טיעפסטע טיפעגישען פון זיין נשמה און מיט איהרע צאַרטע פינגער האָט זי אַנגערירט זיין האַנט און זי האָט אַרויסגעשעפּטשעט: „יאָ, איהר האָט זיך געפונען!" — איהר גרויסער אמעריקאַנער האָט געפונען דעם „גרויסען איד", אָט דעם גרויסען „אידישען לינקאָלן", וועלכער איז בכח צו באַפרייען זיינע פאַרשקלאַפטע ברידער פון די ביטערע גלות׳ן, און וועלכער איז בכח אויפצובויען אַ אידישע אמעריקאַ אויף די הרי יהודה!

לו האָט מיט ליעבע געדריקט איהר האַנט און האָט מיט אַ קלאָרע ציטעריגע שטימע אויסגערופען:

— אייך, שושנה, האָב איך אַלעס צו פאַרדאַנקען! איהר האָט אויפגעעפענט מיינע מיט „אַסימילאַציאָנס־פעטס" פאַרקלעפטע אויגען, און איצט זייט זייט אַלע עדות: הימעל, ערד און מענשען, איך שווער מיט דער אַלטער אידישער שבועה, וועלכע האָט אונז אויפגעהאַלטען ביז דעם היינטיגען טאָג: „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני!" — פון היינט־אָן וועל איך מיט אַלע מיינע כחות העלפען בויען ארץ־ישראל! מיט מיין גאַנצער ענערגיע וועל איך העלפען אָט די חלוצים

די בראווע פרידליכע ציון־סאָלדאַטען! — איך וועל אָנווענדען מיין גאַנצען איינפלוס צו געווינען מיינע אמעריקאַנער ברידער, אידען און ניט־אידען, פאַר דעם גרויסען אידעאַל, פאַר דער אויפלעבונג פון אונזער פאָלק אויף אונזער שעהנעם לאַנד!

ווי פון דער ערד זיינען פּלוצלונג אויסגעוואַקסען א מחנה בראַווע, העלדישע חלוצים און חלוצות, און דער גאַנצער געגענד איז פאַרהילכט געוואָרען מיט אַ גרויסען שטאַרקען הידד־אויסגעשריי און דער עכאָ האָט זיך ווי אַ בת־קול פון הימעל פונאַנדערגעטראָגען איבער גאַנץ ארץ־ישראל.

די איבעריגע טוריסטען זיינען געבליבען זיצען ווי צוגעוואַקסען צו זייערע ערטער פון גרויס איבערראַשונג, בעת זיי האָבען געהערט די „שבועה" פון זייער גרויסען אמעריקאַנעם פיהרער, וועלכער האָט געשוואָרען צו דינען טריי דעם „זייאָניזם".

דער ערשטער, וועלכער איז געקומען צו זיך איז געווען „מעקיי דער נוטער". ער האָט שטאַרק געדריקט לו'ס האַנט און מיט באַ־גייסטערונג אויסגערופען:

— יעס, ברודער לו! דו ביזט גרויס, דו ביזט געלערענט, דו ביזט איינפלוסרייך, דו פאַרטרעטסט דעם העכסטען אַמט אין אונזער לאַנד. דיין איינפלוס, דיין נאָמען, דיין דענקונגס־קראַפט און אָרענטליכקייט און דיין אמת'ע ריינע, ברייטע הארץ גרייכט איבער גאַנץ אַמעריקא און אייראָפּאַ. דיינע געדאַנקען, וועלכע דו האָסט איצט אַרויסגע־זאָגט זיינען איבערציינגענד־קלאָהר און ענטשלאָסען — פון איצט אָן וועל איך זיין דיין תלמיד, דיין משרת, ווי יהושע ביי משה'ן. וואָס דו וועסט טהאָן וועל איך אויך טהאָן. דיינע געדאַנקען וועלען זיין מיינע און וואָס דו וועסט באַפעהלען וועל איך פּינקטליך דורכפיהרען. און כאָטש מיין פּנים איז אַן איירישער, אָבער מיין הארץ איז אַן עכט־אידישע. איך וועל קעמפּפען מיט מיין לעהרער און פיהרער האַנט אין האַנט, איך וועל האַלטען הויך און שטאָלץ די פאָהן פון דאָס פאָלק ישראל און פון מיין אמת'ן פריינד לו!

און ווידער האָט אַ הילכיגער הידד דורכגעשפּאָלטען די לופט, און דער עכאָ האָט זיך פונאַנדערגעטראָגען ווייט, ווייט...

— יעס סער! — האָט נאַפּאָלעאָניש אויסגעשריען דוד דער לץ — אַט פּונקט ווי מיין „היברו טיטשער" האָט מיר דערצעהלט, ווען ער האָט מיך געלערענט „מפטיר מיט אַ בר־מצוה ספּיטש", אַז דאָס פאָלק ישראל וועט נאָכאַמאָל ווערען גרויס און דזשערוזאַלעם (ירושלים) וועט

ווערען א גרויסע מדינה, אַט די צווייטע פון מיין אַנקעל סעם. — יעס סער! איך וועל אַריינטרעטען אַלס אָפיציער און איך וועל העלפען בויען אַ אידישע אַמעריקאַ אין „דזשערוזאַלעם"!

מערי די יונגע איז צוגעלאָפען צו יהודה׳ן און האָט מיט בעגייס־טערונג געקוויטשעט:

— אָה! „איי לאַוו דהי דזשואיש פּיפּל" (איך ליעב דאָס אידישע פאָלק) און איך וועל אָרגאַניזירען אַ האָספּיטאַל אין דזשערוזאַלים!

פעליקס דער פילאַנטראָפּ איז געשטאַנען זעהר פאַרטראַכט. עס איז ניט געווען ניכר אויף זיין פּנים קיין שום אויסדרוק, אויב ער איז איינשטימיג מיט לו אָדער ניט. דאָך האָט אַ געניטע אויג געקענט באמערקען, אַז עפּעס קומט פאָר אין זיין נשמה. הענרי האָט דיפּלאָ־מאַטיש געשמייכעלט, און ביי ראַבי אייק האָט זיך דער קנעכטישער פּנים גע׳זיג־זאַג׳ט.

פון יענעם טאָג אַן זיינען לו און שושנה ניט אָפּגעטראָטען איינער פון צווייטען. טאָג־טעגלאָך פלעגען זיי אַרומגעהן איבער די קאָלאָניעס, זיי פלעגען ריידען פון גרויסע פּלענער און פון דער שעהנער צוקינפ־טיגער אַלט־ניילאַנד.

איינמאָל, ווען לו האָט מיט התלהבות דערצעהלט פאַר שושנה׳ן פון זיין פאַרשוואונדענער בערטע, פון איהר איבערגעבענהייט צום אידישען פאָלק און צו דער אידישער לאַנד; פון איהר גרויסער נשמה און איבערנאַטירליכע כחות, וועלכע ער הויבט ערשט איצט אָן צו פערשטעהן און אז. וו.

האָט איהם שושנה געפרעגט:

— ווער זיינען בערטע׳ס עלטערן? צי ווייסט ער פון איהר משפחה? און אויב זי איז אַ געבאָרענע אַמעריקאַנערין?

לו האָט שטיל געענטפערט:

— ווער מיין בערטע׳ס עלטערן זיינען ווייס איך ניט, ווייל ווען איך האָב איהר צום ערשטען מאָל דערזעהן האָב איך זיך גלייך אין איהר פאַרליעבט, ניט וויסענדיג אפילו וועמעס טאָכטער זי איז און פון וועלכען לאַנד זי קומט. איך האָב קיינמאָל דערפון ניט געטראַכט. פון איהר אַקצענט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זי איז געבאָרען אין אייראָפּאַ, ווייל אונזער יונגער „אַנקעל סעם" האָט נאָך ניט קיין צייט געהאַט אַרויסצוגעבען אַזאַ פּערל, אַזאַ דימענט, ווי מיין בערטע. קיינער קען זיך צו איהר ניט פאַרגלייכען, סיי אין חכמה, סיי אין שעהנקייט, צאַרטקייט און סיי אין ענטשלאָסענהייט, אפשר אויסער

אייך, טייערע שושנה, וועלכע זייט אזוי עהנליך צו איהר, אזוי ווי צוויי טראָפּענס וואסער! — האָט ער מיט אַ זיפץ געענדיגט.

שושנה האָט זיך שטאַרק פאַרטראַכט. איהר שעהנער פּנים האָט אויסגעדריקט גרויס צער און טרויער, וואָס לו האָט עס נאָך קיינמאָל ניט באַמערקט אויף דער תמיד פרעהליכער שושנה.

— שושנה! וואָס איז מיט אייך? — האָט ער געפרעגט — וואָרום האָט זיך אַזאַ צער און טרויער אויסגעשפּרייט אויף אייער ליכטיגען פּנים? זאָל דאָס מעגליך זיין, אַז די דערצעהלונג פון מיין פאַר־שוואונדענער ברעטע, זאָל אייך האָבען אַזוי שטאַרק וועה געטאָן?

— שושנה! — האָט ער ווייטער גערעדט — איהר זייט דאָך די יעניגע, וועלכע פאַרגרינגערט מיינע יסורים.

אָבער שושנה איז נאָך אומעטיגער געוואָרען. אין דיזען מאָמענט האָט זי אויסגעקוקט ווי אַ פאַר׳יתומ׳טע שעהנע בלום, און אַ שטראָם זודיגע טרערען האָבען גענומען פליסען פון איהרע אויגען. איהר גאַנצער קערפּער האָט געציטערט און אונטער׳ן שטראָם טרערען האָט זי געזאָגט:

— מיין, מיין טייערער פריינד און ברודער פון איין אידעאַל! איך וויל ניט פאַרבאַרגען פון אייך וואָס ס׳קומט פאָר אין מיין האַר־צען. אייער דערצעהלונג פון אייער פאַרשוואונדענער ברעטע האָט אויפגעעפענט אַ גרויסע וואונד אין מיין האַרצען, אַ וואונד, וועלכע איך האָב געדענקט אַז מיט דער צייט און דורך מיין איבערגעבענהייט צו אונזער אלט־ניי־לאַנד וועט ווערען פאַרהיילט. אָבער איצט, דורך אייער דערצעהלונג האָט דאָס וואונד אויפ׳ס־ניי גענומען זעהר שטאַרק וועה טאָן. — און זי האָט זיך צעוויינט אויפ׳ן קול.

לו האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבען ניט געזעהן אַ פּערזאָן אָנ־געפילט מיט אַזוי פיעל צער, לייד און יסורים, ווי שושנה האָט מיט זיך איצט פאַרגעשטעלט. ניט נאָר איהרע שעהנע אויגען האָבען גע־מבול׳ט מיט טרערען, נאָר אַלע איהרע אברים האָבען אויסגעדריקט דעם גרעסטען צער און די גרעסטע יסורים. ער האָט זי גענומען גלעט־טען, ווי אַ גוטער פאָטער זיין ערשט־געבאָרענעם קינד, וועלכער איז פּלוצלונג אַראָפּגעפאַלען און זיך צעשעדיגט.

— שושנה! — האָט ער גערעדט שטיל, אַז מען האָט געקענט פיהלען ווי זיין האַרץ וויינט אין איהם. — שושנה! בלום פון ארץ־ישראל! ערשט מיט אַ קורצע צייט צוריק האָט איהר מיך גע׳מוסר׳ט „וואָרום איך גאָה אַרום פאַר׳חלומ׳ט און מרה־שחורה׳דיג“! איהר

זייט דאך געווען די יעניגע, וועלכע האט מיר אויפגעעפענט מיינע אויגען און מיט רעכט געלערענט: „אז ניט אין וויינען און זיפצען קען מען עטוואס ערווייכען!" דערצעהלט מיר, שושנה, פון אייערע ליידען, פון אייער צער און יסורים, אפשר וועל איך, „דער געפונענער איד פון אנקעל סעם" קענען פארגרינגערען די ליידען פון דער שעהנער בת־ציון, פונקט ווי איהר האט פארלייכטערט מיינע יסורים, פונקט ווי איהר האט אין מיר אריינגעבלאזען א נייע נשמה און אנגעפילט מיין הארץ מיט גרוים האפנונג און בטחון. — און נאך פיעל מיה איז איהם געלונגען זי צו בארוהיגען, און שושנה האט פאר איהם גענומען דערצעהלען איהר גאנצע פארגאנגענהייט, איהרע ליידען און פריידען, איהר גאנצע ביאגראפיע.

פערטער קאפיטעל.

כ'בין א אידישע טאכטער.

— ס'איז אזוי פריש אין מיין זכרון, פונקט ווי ס'וואלט ערשט נעכטען פאסירט. — האט שושנה אנגעהויבען איהר דערצעהלונג.

— מיינע עלטערן זיינען געווען פון די שעהנסטע און רייכסטע משפחות אין יאלטא, רוסלאנד, וואו אידען האבען ניט געטארט וואוינען. אויסער אידישע מיליאנערען, וואס פלעגען זיין בכח מיט זייער געלט צו פארבארגען „דאס פינטעלע איד". מיין פאטער, דער גרויסער אלכסנדר טימאפייעוויטש טראצקי, פלעגט תמיד פארנעהמען דעם אויבנאן צווישען דער העכסטער אדעל פון יאלטא. זיינע גע־שעפטען פלעגט ער תמיד אנפיהרען מיט גראפען, פירסטען און קניאזען, און קיינער האט גארניט פארדעכטיגט, דאס ער איז „מזרע היהודים". מיין מוטער, מאריא איוואנאוונא, א העכסט געבילדעטע שעהנע דאמע, איז שטענדיג געווען פארהאוועט מיט אויפנעהמען געסט און מאכען בעלער, ווי אלע אנדערע פון אונזער קרייז. מיר האבען געלעבט ממש ווי אין א גן־עדן, אונטער דער יאלטע'ר שעהנער זון. מיין עלטערער ברודער, לעאן, האט זיך אויפגעפיהרט ווי אלע קינדער פון יענער צייט, און איך, אן אכט יעהריגע מיידעלע, וועלכע מען פלעגט רופען „איזאבעללא אלכסנדראוונא", האב שוין געמוזט שפילען א ראלע ווי א דערוואקסענע, לויט אלע כללים פון דער אריסטאקראטישער

עטיקעטע. אויסער מיין שעהנינקע ליבליכע פיער־יעהריגע שוועסטער׳ל בעטינקע, וועלכע פלעגט זיך ערלויבען צו שפילן ווי א קינד.

— מען פלעגט זאגען, אז אלכסנדר טימאפייעוויטש קען ריידען אויף אלע לשונות, און דאך האבען מיר פון איהם קיינמאל ניט געהערט א אידיש ווארט. כ׳ווייס ניט, צי מחמת ער איז געווען פאר־שכור׳ט פון גליק, צי ווייל ער איז שוין טאקע געווען הונדערט פראַ־צענט אסימילירט, אדער ער האט נאר פשוט מורא געהאט, אז מען זאל אין איהם ניט דערקענען דעם „איד“. ניט איך קען און ניט איך וועל זיך ערלויבען צו זיין מיין פאטער׳ס ריכטעריין. דער שופט כל הארץ ווייס געווים די אמת׳ע סבה, און ממילא האבען מיר, זיינע קינדער, ניט געהאט קיין שום אהנונג, אז מיר שטאמען פון די „בני־ישראל“, און מיר וואלטען עס אפשר קיינמאל ניט ערפאהרען, ווען ניט דער פאלגענדער צופאל:

— איינמאל זיינען מיר געווען אין דער „צארישער אפערע“, וואו דער באוואוסטער קינסטלער, דער גרויסער ראפאאיל יאקאווליעוו, האט געשפילט. כ׳וועל איהם קיינמאל אין מיין לעבען ניט פארגעסען. א, גאט! ער האט געהאט א פנים ווייס ווי ערשט ארויסגעפאלענער שנעע; גרויסע, שווארצע, פאר׳חלומ׳טע אויגען; שווארצע, לאנגע, געקרויזטע לאקען; און ווען ער האט געשפיעלט, איז דאס ניט געווען א שפילען אויף א פידעל, נאר ס׳האט זיך געהערט א נאטירליכער גע־וויין, אן אויסגוס פון עפעס א צוועהטאגטע נשמה, ווי פון א נע־ונד׳ניק, וועלכער האט אין ערגעץ ניט קיין תקומה, ווי א געוויין פון א קינד, וועלכען מען רייסט מיט געוואלט אוועק פון דער מוטער, און ווי א קרעכץ פון אן אלטען טאטען, וועלכער האט פארלוירען זיין בן־יחיד׳ל. און פלוצלונג — א גייסטיגע שמחה, א פרייד, וועלכען א פשוט׳ער בשר־ודם קען עס גאר ניט משיג זיין. אזוי האבען זיך געמוזט פרעהען די מלאכים און די שרפים, ווען זיי האבען הנאה געהאט פון דער שכינה. איך געדענק ווי אלע גראפען, פירסטען און אפילו דער צאר אליין, האבען איהם באהאנגען מיט כעל־ערלייאינע זילבערנע און גאלדענע מעדאלען. און דאך האבען זיינע אויגען און זיין נאנצער מלאכ׳דיגער פנים ניט אויסגעדריקט קיין שום באגייסטע־רונג פאר די אלע טייערע מתנות און מעדאלען. ער איז געשטאנען ווי פארחלומט און האט געקוקט עפעס וויית־ווייט, אט פונקט ווי ער וואלט נאר ניט באמערקט אט די אלע גרויסע לייטע מיט דעם צאר פון דער גרויסער רוסלאנד.

ער איז געווען אונזער גאסט פאר א קורצער צייט. מיין מוטער פלעגט פון איהם ניט אפטרעטען אויף א מינוט און מיין קליינינקע שוועסטערל פלעגט זיך שפילען מיט זיינע לאקען. בלויז איך האב זיך געשעמט. אה, ווי איך האב געוואלט דאן זיין א מאמע אום צו מעגען איהם קושען. אבער איך וואלט איהם געקושט אין זיינע פאר׳חלומ׳טע אויגען.

ראפאאיל יאקאוולעוו איז אבער געזעסען שטיל, פאר׳חלומ׳ט און עטוואס מרה־שחורה׳דיג. עס האבען איהם ניט אויפגעמונטערט אלע אונזערע צערטליכקייטען. זיינע אויגען האבען געקוקט ערגעץ ווייט, פונקט ווי מיר וואלטען פאר איהר גארניט עקזיסטירט.

איך האב ניט געקענט אריבערטראגען זיין גלייכגילטיגע האלטונג, און ווי אימעצער וואלט מיך געצוואונגען עובר צו זיין אויף דער „עטיקעטע“ און מיך צופיהרען נאהענט צו איהם. איך האב זעהר שטיל געפרעגט: „ראפאאיל יאקאווליעוו, ווארום זייט איהר אזוי אור־מעטיג? ווארום קוקען עפעס אייערע אויגען אזוי ווייט, אז איהר זעהט אונז גארניט?“

מיין אומשולדיג תמימות׳דיגע פראגע האט איהם קענטיג אבי־סעל פאראינטערעסירט. ער האט אנגעשטעלט זיינע גרויסע אויגען אויף מיר און האט מיט א קרעכצענדיגען קול ארויסגערעדט: „קינד, און אז איך וועל דיר זאגען, וועסטו מיך דען פארשטעהן? וועסטו דען קאנען מיטפיהלען מיין צער?“

איך האב זיך פארשעמט וואס ער רופט מיך „קינד“. סטייטש! איך, וועלכע שפיל שוין „דאמע“, העד פלוצלונג ווי מען רופט מיך „קינד“. כדי צו איבערצייגען איהם, אז איך בין ניט קיין קינד, האב איך הויך, מיט שטאלץ, ארויסגערעדט: „איך בין שוין ניט קיין קינד! איך בין שוין א גרויסע! איך וועל אייך געוויס פארשטעהן!“ איך האב עס געזאגט אין אזא טאן, אז אלע האבען זיך צולאכט און אפילו ראפאאיל האט אויך געלאכט. אבער זיין לאכען איז געווען עפעס אן אנדערער, ס׳איז ניט געווען קיין זאטער, צופרידענער, געזונטער לאכען, נאר עפעס א לאכען צוזאמענגעמישט מיט צער, מיט יסורים, אויף וויפיעל איך האב דאמאלס פארשטאנען.

און ראפאאיל האט גענומען ריידען, קוקענדיג מיט זיינע אויגען אויף מיר: „קינד! ווי קען איך זיין פרעהלאך, בעת מיינע שוועסטער און ברידער ווערען געפייניגט! קינד, ווי קען איך לאכען, בעת מען רייסט, מען בייסט, מען שניידט שטיקער פלייש לעבעדיגערהייט, מען

פיינינט אהן אן אויפהער?! קינד, ווי קען איך קוקען מענשען גלייך אין די אויגען, בעת די זעלבע מענשען ווערען פארוואנדעלט אין ווילדע חיות — ווען עס קומט צו מיינע שוועסטער און ברידער? דער צער איז זעהר גרויס און זייער צער איז מיין צער! נו, איצט פאר־שטעהסטו מיך, קינד?"

דעם אמת זאגענדיג, האב איך איהם טאקע ניט פארשטאנען, ווייל איך בין גלייך צוגעלאפען צו מיין פאטער און האב מיט טרערען אין די אויגען געבעטען: „פאטער, טייערער גוטער פאטער! ברענג זיינע שוועסטער און ברידער צו אונז, מיר האבען א גרויסען ווילע מיט א סך חדרים; מיר זיינען רייך. זיינע גרויסע ברידער וועלען געהן מיט אונזער לעאָנ׳ען אין גימנאזיע, זיינע שוועסטער וועלען געהן צוזאמען מיט מיר, און אויב ער האט קליינינקע שוועסטערלאך, וועלען זיי זיך שפילען צוזאמען מיט אונזער בעטינקען און מיר וועלען לעבען אלע ווי שוועסטער און ברידער! ניט אזוי, גוטער פאפא׳לע?"

איך וועל קיינמאל ניט פארגעסען די צוויי גרויסע טרעהרען, וועלכע האבען געפינקעלט אין מיין פאטער׳ס שעהנע אויגען, בעת איך האב נעענדיגט מיין בקשה. ער האט מיך צערטלאך ארומגענומען און האט שטיל, ווי אהן כחות, ארויסגערעדט: „קינד, דו פארשטעהסט ניט! ניט פון זיינע אייגענע שוועסטער און ברידער האט ראפאאיל יאקאָוו־ליעוו גערעדט, נאר פון די אידען, וועלכע ליידען אלערליי צרות און יסורים אויף שריט און טריט!"

מיין קליין מחיל האט עס ניט געקענט באגרייפען, און איך האב גענומען טענה׳ן און פרעגען: „פאפא! איז ראפאאיל יאקאָווליעוו א איד? און וואס האט מען צו די אידען? פאר וואס פייניגט מען זיי? און אויב אידען זיינען אזוי ווי ראפאאיל יאקאָווליעוו, זיינען זיי דאך גרעסערע און בעסערע מענשען פאר אונז קריסטען, טא פאר וואס פארפאלגט מען זיי?"

„קינד!" האט מיין פאטער מיט גרויס צער אין זיין קול ארויס־געקרעכצט. „רעד ניט אזוי, קינד מיינס! פרעגט ניט קיין קשיות!" און ווי געטריבען עפעס פון א פארבארגענעם כח האט ער שטיל גע־זאגט: „מיר זיינען אויך אידען!" דאס איז געווען צום ערשטען מאל וואס מיר האבען זיך דערוואוסט אז מיר זיינען אידען.

מיין ברודער לעאָן האט מיט שטאלץ אויסגעשריען: „אויב איך בין א איד, וועל איך ניט דערלאזען, אז מען זאל אידען פייניגען! ניין, איך וועל דערצעהלען אלע גראפען און פירסטען! איך וועל

געהן אפילו צום צאר אליין! איך וועל זיי בעטען מען זאל שיקען סאלדאטען און קאזאקען צו באשיצען די אידען!"

מיין מוטער איז געווארען א פארציטערטע און מיין פאטער האט ארומגענומען לעאנ׳ען און האט גערעדט הארציג־שטיל: „זון מיינער! דו ביזט נאך גאר א קינד! דו ביזט אן אומשולדיגע נשמה! ווען דו וועסט ווערען עלטער, וועסטו דאן אליין פארשטעהן. דערוויל מוזען מיר אנגעהן מיט אונזער לעבען, ווי ביז איצט: שווייגען און לערנען, לערנען און שווייגען!"

כ׳האב מיך זעהר געוואונדערט, וואס פלוצלונג, מיט איינמאל, זיינען מיר אלע געווארען קינדער, אפילו לעאן אויך. און מיר האבען ווירקלאך גארניט פארשטאנען.

פון דאמאלסט אן איז אונזער פרעהליכע היים געווארען עפעס ניט דאס וואס ס׳איז געווען אלע מאל. מיין ברודער האט מיט אמאל גענומען אויסקוקען א סך עלטער; ער האט אויפגעהערט צו חבר׳ן זיך צופיעל מיט זיינע אלטע חברים, טאג און נאכט איז ער געזעסען איבער זיינע ביכער. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אינגאנצען אויסבאהאלטען. מיין פאטער׳ס פנים האט גענומען צייגען סימנים פון דאגה און אפטמאל פלעגט איהם אן אומבאוואוסטער פחד באפאלען. מיין מוטער פלעגט שוין ניט אזוי פיעל אויפרייסען די אויגען מיט איהרע גרויסע בעלער, און איך האב, אנשטאט צו שפילען „דאמע", זיך איבערגעגעבען אין גאנצען צום לערנען. איך האב פארגעסען פון דער גאנצער וועלט מיט איהרע פארגעניגענס. מיין גאנצע נשמה מיט אלע איהרע חושים זיינען געווען איבערגעגעבען נאר צו וויסענשאפט.

שושנה איז אויף עטליכע מינוטען שטיל געווארען, האט אפגעכאפט דעם אטעם און האט פארטגעזעצט איהר ביאגראפיע.

— צו מיין פערצעהנטען יאהר האב איך אויסגעזעהן א סך עלטער. איך האב זיך ענטוויקעלט זעהר שנעל. מיין שלאנקע פיגור, וועלכע האט זיך באוועגט מיט א גראציעזער ווייכקייט; מיינע שווארצע געקרויזטע האר מיט מיינע שווארצע גרויסע אויגען, האבען צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט פון די שעהנסטע אריסטאקראטישע יונגע־לייט. יעדער איינער פלעגט מיך פארשיטען מיט קאמפלימענטען, ווען ער האט נאר געהאט די זכיה צו ריידען מיט מיר. דערצו האב איך נאך געקראגען די בעסטע אויסצייכענונגען, מיט גאלדענע מעדאלען פאר מיין לערנען. איך האב שעהן און פלייסיג גערעדט

אויף פערשידענע שפראכען. איך געדענק ווי אלע פלעגען זאגען: „איזאבעלא אלכסנדראווגא האט דעם טאטענס קאפ". פיעלע יונגע גראפען און פירסטען האבען אפט גענומען באזוכען אונזער הויז. יעדער איינער האט זיך געשעצט פאר דעם גליקליכסטען, ווען איך האב איהם געשאנקען מיין אויפמערקזאמקייט. פון די באזוכער, וועלכע זיינען געווארען אמת׳ע הויז־פריינד, זיינען געווען: דער יונגער גראף מיכאאיל פיאדאראוויטש טשיטשערין און וולאדימיר איליטש אוליאנאוו. דער יונגער גראף איז געווען א שעהנער, שטאלצער גע־לערנטער יונגערמאן, מיט זעהר אן עדלען כאראקטער און א מיט־פיהלענדע הארץ, ווי ס׳פאסט זיך פאר דעם זון פון גראף גענעראל פיאדאר מיכאילאוויטש. אויף וולאדימיר איליטש׳ן פלעגט מען דער־צעהלען, אז ער שטאמט ארויס פון א טאטען א פויער, וועלכער האט אמאל געוואוינט אין א פארווארפען שטעדטעל אין סימבירסק אויפ׳ן גרעניץ צווישען איירָאפא און אזיען, אבער נאכדעם האט זיך זיין פאטער ארויפגעארבייט ביז׳ן גראד פון א דירעקטאר פון פאלקס־שולען אין יאלטא. דער יונגער וולאדימיר האט אין זיך פאראייניגט די גבורה פון דעם פויער מיט דעם אידעאליזם פון דער אינטעליגענץ, די פשוט׳קייט פון א הארעפאשניק מיט דעם טיפען אנאליז פון א העכסט־געבילדעטען מענשען. ער האט געהאט גלענצענדע פעהיג־קייטען און האט פארשפראכען זעהר א סך אין דער צוקונפט. לויט זיין נאטור און פעהיגקייטען, איז ער געווען א געלערנטער. ער האט אויך באזעסען אן אייזערנע, ענטשלאסענע נאטור.

דעם אמת זאגענדיג, זיינען זיי מירביידע געווען ווילקאמען. זייער אנוועזענהייט איז מיר געווען אנגענעם, אבער אינסטינקטיוו האב איך געפיהלט מעהר סימפאטיע צום יונגען גראף. כ׳ווייס אליין ניט פאר וואס: צי ווייל ער איז געווען א געבארענער גראף, אדער ווייל מיינע עלטערן האבען איהם מעהר מקרב געווען. און ס׳איז מעגליך מחמת וולא־דימיר איז געווען צו הארט און צו טרוקען און טאקע ניט קיין שעהנער.

איינמאל, ווען איך מיט מיכאאיל׳ן זיינען געזעסען אין אונזער בלו־מענגארטען און מיר האבען גערעדט וועגען פארשידענע זאכען: פון קונסט, פון פאליטיק און פון מלחמות, גיט ער מיך פלוצלונג א פרעג: „וואס דענקט איהר וועגען די פאגראמען וואס האבען זיך לעצטענס גענומען פארשפרייטען, ווי א מגפה, אויף אידען?" איך האב באלד ניט געענטפערט. איך האב זיך פארטראכט. עפעס האט אין מיין מח גענומען עגבערען און מיין זכרון האט גענומען ארויסברענגען

פארשידענע בילדער. פלוצלונג איז פאר מיינע אויגען ערשינען די געשטאלט פונ׳ם גרויסען קינסטלער יאקאווליעוו. איך פיהל ווי ער שפילט אויף זיין פידעל. כ׳הער די יסורים׳דיגע טענער, וועלכע ריידען צו מיר: „קינד, ווערסטו מיך פארשטעהן?“

„וואס האט איהר זיך אזוי פארטראכט?“ פרעגט מיך מיכאיל.

„כ׳האב זיך פארטראכט וועגען די פאגראמען“, ענטפער איך. „ס׳איז א שאנדע און א חרפה, אז אין צוואנציגסטען יאהרהונדערט זאלען מענשען מארדען פרידליכע מענשען בחינם, ניט מעהר — ווייל זיי גלויבען אנדערש. מלחמות זיינען דאך אויך ניט מעהר ווי מערדע־רייען, אבער דער גרויל איז אפשר ניט אזוי גרוים. עס שלאגען זיך גלייכע מיט גלייכע, מחנות מיט מחנות, סאלדאט מיט סאלדאט. כאטש ס׳איז ניטא קיין שום רעכטפארטיגונג פאר בלוט־פארגיסונג, אבער מען קען, ווי מען זאגט, אויסדיפלאמאטעווען לויט דעם נוסח פון דער דיפלאמאטישער תורה: מען שלאגט זיך פאר מאכט, פאר רייכטהום, פאר יושר, הומאניטעט, דעמאקראטיע, ציוויליזאציע און אזוי ווייטער; אבער וואס פאר א מין בארעכטיגונג קען מען אויס־טראכטען פאר אנפאלען אויף אומבאוואפענטע אלטע, שוואכע און עופה׳לאך? מארדען און פייניגען זיי מיט פארשידענע ענויים נאר דערפאר, ווייל זיי גלויבען אינ׳ם „טאטען“ און ניט אין דעם „זון“? איז דאס ניט מיטעלאלטערליכער בארבאריזם? איז עס ניט שרעק־ליכער נאך ווי אין די אלטע בארבארישע אינקוויזיציע־צייטען?“

„אבער, איזאבעלא אלכסנדראוונא!“ האט מיכאיל גענומען טענה׳ן. „מען זאגט, אז די אידען אליין זיינען אין דעם שולדיג. זיי עקספלר־אטירען אונזערע, קריסטען, זיי זיינען שווינדלער, פראצענטניקעס בלוט־זויגער און זייערע זין און טעכטער זיינען ניהיליסטען, רעוואָ־לוציאנערען, זיי ווילען אונטערגראבען אונזער רעגירונג, זיי קוילענען קריסטליכע קינדער און געברויכען די בלוט אויף פסח, זיי האבען א געהיימע „אידישע מלוכה“, די „זקני ציון“, וועלכע האבען אויסגע־ארבייט א פלאן צו ערֹאבערן די גאנצע קריסטליכע וועלט. ס׳איז אן איינפאכע פארשווערונג געגען דער קריסטליכער מענשהייט. אט פלאַ־נעווען זיי איצט א „וועלט־מלחמה“, וואו קריסטען זאלען זיך שלאגען מיט קריסטען, און אנדערע אזעלכע מיטלען, וועלכע די אידען ווענדען אן בכדי צו קענען פארכאפען די הערשאפט איבער דער וועלט. אט, צום ביישפיעל, דערצעהלט מען, אז דער פראנצויזישער זשורנאליסט מאורים זשאלי, דער פארפאסער פון פאמפלעט געגען נאפאלעאנ׳ען,

איז געווען א איד, און געהייסען האט ער גאר יואל זשאלי. דער דאזי־נער יואל זשאלי איז א רעוואלוציאנער, וועלכער האט ענערגיש באַ־קעמפט דעם מאַנארכיזם, און אזוי ארום געוואלט צוגרייטען דעם באָדען פאר א אידישער הערשאפט. אין יאהר 1878 איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד און לעאָן גאמבעטא, אויך א איד, האט איהם מספיד געווען. די פּראָטאָקאָלען פון די „זקני־ציון” באַשטעטיגען דאס. זיי גיבען נאך צו, אז יואל זשאלי איז געווען א קאָמוניסט און איז דער־שאָסען געוואָרען אלס קאָמונאר אין דער פּאריזער קאָמונע, און אין באַזעל, אויפ׳ן ציוניסטישען קאָנגרעס, האט מען דעם פּלאַן פאר דער אידישער הערשאפט געגויער פּארמולירט און באַשטעטיגט”.

די גאַנצע צייט וואס ער האט גערעדט האב איך געפיהלט ווי מיין גאַנצע בלוט פליסט אריין אין מיין פּנים. מיין פּנים האט געפלאַמט מיט א העליש־פייער, מיינע אויגען האבען געשפּריצט מיט צאָרן און האַס.

„איזאַבעלאַ!” האט ער א דערשראָקענער אויסגעשריען. „וואס איז מיט אייך? ווי שרעקלאך איהר קוקט אויס!”

„יא, ס׳איז שרעקלאך! ס׳איז שרעקלאך!” האב איך אויסגעשריען. „הלואי וואלט איך געקענט זיין דער גאט פון נקמה!...”

„איזאַבעלאַ!” האט זיך מיכאיל געבעטען, „וואס איז מיט אייך געשעהן? ערקלעהרט מיר!”

„און אז איך וועל אייך ערקלעהרען, וועט איהר מיר דען פאר־שטעהן, גראף?” האב איך געענטפערט.

ביים ווארט „גראף”, איז ער ווי צוטומעלט געוואָרען, ווי א קעלט וואלט דורכגענומען זיינע אלע אברים, ווייל זינט מיר קענען זיך הערט ער צום ערשטען מאל, אז איך זאל איהם רופען „גראף”.

ער האט מיך אָנגעכאַפּט ביי די הענט און האט זיך געבעטען: „איזאַבעלאַ! ערקלעהרט מיר, וואס איהר מיינט דערמיט! איך וועל אייך פארשטעהן!”

כ׳בין געוואָרען אביסעל רוהיגער און האב גענומען ריידען ווי צו זיך אליין.

„איהר געדענקט, גראף, ווי מיט זעקס יאָהר צוריק האט דער גרויסער קינסטלער ראפאיל יאקאָוליעוו געשפּילט אין דער צארישער אָפּערא, און דער צאר אליין האט איהם געגעבען א מעדאל? דענקט איהר, אז אָט דער גרויסער ראפאיל איז פעהיג צו שווינדלען, צו טרינ־קען קריסטליך בלוט און צו אונטערגראבען די רעגירונג? דענקט איהר,

גראַף, אַז אַט דער גרויסער מאַן מיט דער פאַר׳צער׳טער נשמה וויל פאַרכאַפּען די קריסטליכע הערשאַפט דורך אייערע ניט־געשטויגענע און ניט־געפלויגענע אידישע מלוכה?"

„איז ראַפאַיל יאַקאָווליעוו אַ איד?" האָט ער זיך געפרעגט פאַרוואונדערט.

„געוויס איז ער אַ איד! אַ גרויסער איד, אַן אמת־איבערגעגעבענער איד! אין פּולען זינען פון דאָס וואָרט, גראַף!" האָב איך שטאָלץ געענטפערט.

„אָבער וואָרום האָט איהר מיך פּלוצלונג אַנגעהויבען רופען גראַף?" האָט ער זיך געבעטען. „איך קען ניט פאַרטראַגען אייער קאַלטען טאָן, איזאַבעלאַ!"

„איך מוז אייך רופען גראַף!" האָב איך געענטפערט.

„איזאַבעלאַ, איזאַבעלאַ!" האָט ער כמעט וויינענדיג זיך געבעטען. „וואָס איז היינט מיט אייך? האָב איך אייך מיט עפּעס וועה געטאָן, איזאַבעלאַ? איך האָב עס אייך ביז איצט ניט געוואָגט צו זאָגען, אָבער איך קען שוין מעהר ניט אונטערדריקען מיינע געפיהלען: איך ווער פאַרברענט פון ליבע צו אייך. שוין אַ לאַנגע צייט, אַז איך וויל פאַר אייך עפענען מיין האַרץ, אָבער איך האָב אַלץ ניט געהאַט דעם מוט. איין גוטער וואָרט פון אייער ליבליכען מויל פלעגט מיך גליקליך מאַכען. און איך האָב געהאָפט, אַז אפשר מיט דער צייט וועט איהר דערפיהלען וואָס ביי מיר אין האַרצען טהוט זיך, און פּלוצלונג רופט איהר מיר „גראַף" מיט אַזאַ קאַלטען פראַסטיגען טאָן, אַז איך ווער פשוט פאַרציטערט און אַ קעלט געהט דורך אַלע מיינע אברים!

„אָבער מיכאיל פיאָדאָראָוויטש!" האָב איך איהם ניט געלאָזען ריידען. „ענטפערט מיר פריהער אויף מיינע פראַגען!"

ער איז געוואָרען פרעהלאַכער ווען איך האָב דערמאָנט זיין נאָמען און ער האָט געענטפערט:

„כ׳וויים ווירקלאַך ניט וואָס אייך צו ענטפערען, איזאַבעלאַ! עס איז פאַר מיר אַן איבעראַשונג צו הערען, אַז דער גרויסער ראַפאַיל איז געוועזען אַ איד. דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געזעהן קיין אידען, נאָר פון וואָס מען הערט זיך אָן אין די רעגירונגס־קרייזען און אין די קלויסטערס פון די גלחים, האָב איך זיך פאָרגעשטעלט, אַז אידען מוזען אויסקוקען עפּעס ווי שדים, רוחות און מזיקים. אָבער אַז אַזאַ שעהנער, גרויסער קינסטלער ווי ראַפאַיל

זאָל זיין אַ איד, האָב איך זיך קיינמאָל ניט געקענט פאָרשטעלען!"

„מיכאיל!" האָב איך מיט פייער גענומען ריידען, „און אַזאַ מאַן ווי איהר, וועלכע האָט געקראָגען די בעסטע מאָדערנע ערציהונג, זאָל פאַר׳משפט׳ן אַ גאַנץ פאָלק ניט ווּיסענדיג, ניט קענענדיג און ניט זעהענדיג די מענשען פון דעם פאָלק! איז דאָס די ציוויליזאַציאָן פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט?"

„אָבער, איזאַבעלאַ!" האָט ער גענומען טענה׳ן, „וואָס נעהמט איהר זיך דאָס אַזוי צום הארצען? וואָס ריהרט עס אייך אָן מעהר פון אַלעמען?"

„מיכאיל!" האָב איך מיט ביטערניש אויסגעשריען. „ווי וואָלט איהר געפיהלט, ווען אַ באַנדע רוצחים רייסען זיך אריין צו אייך אין הויז, מען מאַכט חרוב אייער שעהנעם פּאַלאַץ און מען דערמאָרדעט אייערע עלטערן?"

„עס וואָלט געווען זעהר שוידערלאַך!" האָט ער געענטפערט. „איך וואָלט עס ניט אריבערגעטראָגען".

„מיכאיל!" האָב איך מיט פייער גערעדט. „און וואָס וואָלט איהר געטאָן, ווען אָט די זעלבע פּאָגראָמען וואָלטען געמאַכט געוואָרען אויף אומשולדיגע אָרימע קריסטען?"

„איך וואָלט אויפגערודערט די גאַנצע קריסטליכע וועלט!" האָט ער אויסגעשריען. „איך אַליין וואָלט געגאַנגען מיט סאָלדאַטען און קאָזאַקען זיך נוקם זיין אָן די באַרבאַרישע פּאָגראָמשציקעס".

„מיכאיל!" האָב איך גערעדט מיט טרערען אין די אויגען. „זיינען דען אידען ניט קיין מענשען? פיהלען זיי דען ניט די זעלבע יסורים וואָס קריסטען, ווען מען צאַפּט זייער בלוט, ווען מען צוראַבירט זייער שווער מיט בלוט און שוויים, פאַרהאַראָוועטע פאַרמעגען? און אויב איהר טראָגט ווירקליך דעם נאָמען ציוויליזירטער מענש, און אין אייערע אָדערען פליסט באמת מענשליכע בלוט, וואָרום זאָלט איהר איצט ניט אויפרודערן די אמת׳ע, ליבע קריסטליכע וועלט און זיי באַטש אויפמערקזאַם מאַכען, אַז אידיש בלוט איז אויך ניט קיין וואַסער? קענט איהר ניט נעהמען אַט אייערע סאָלדאַטען און קאָזאַקען, און לכל־הפּחות ניט דערלאָזען אָט די צעווילדעטע באַרבאַרען, אַז זיי זאָלען ניט קענען דורכפיהרען זייערע רציחות און בלוטיגע מעשים? איך בין אייך שוין מוחל דעם נוקם זיין זיך אָן זיי, ווי איהר וואָלט טאָן פאַר אייערע קריסטען!"

„אבער, איזאבעלא!" האט ער שטיל גע׳טענה׳ט. „אין די רעגי־רונגס־קרייזען ווייסט מען פון אלעס. און, אדרבה, מען איז נאך צו־פרידען פון די פאגראמען, ווייל פילע אנפיהרער קריגען דאס רוב גאנץ הויכע רעגירונגס־עמטער פאר זייער אויסצייכנונג אין פארגי־סען וואס מעהר אידיש בלוט, דענקענדיג, אז דערמיט ציהט מען אפ דעם רעוואלוציאנערן שטראם, וועלכער פארשפרייט זיך איבער גאנץ רוסלאנד".

„עס איז שרעקלאך! עס איז שוידערלאך!" האב איך אויסגע־שריען און האב זיך צעוויינט אויפ׳ן קול.

מיכאיל האט ניט געוואוסט וואס צו טאן. ער איז געווארען צו־טומעלט. ער האט מיך גענומען בארוהיגען: „איזאבעלא! גוטע נשמה!" האט ער געדעדט צערטלאך. „בארוהיג זיך. די פאגראמען וועלען אייביג ניט קענען אנהאלטען. איך האב געהערט, אז ס׳גערט אן זעהר א שטארקע באוועגונג פון די אידען איבער דער גאנצער וועלט אויפצובויען צוריק זייער אמאליגע לאנד, פאלעסטינא, און דארט ווען זיי וועלען האבען איינגעארדענט אן אייגענע היים מיט אן אייגענער רעגירונג, וועלען אזעלכע פאגראמען ניט קענען דורכגעפירט ווערען, אפילו אין אנדערע לענדער, וואו אידען וועלען זיך געפינען, ווייל די אינטערנאציאנאלע געזעצען וועלען זיי מוזען באשיצען, אט אזוי ווי אלע קלענערע מלוכות, ווי בעלגיע, רומעניע און אז. וו. ובפרט נאך, אז מען זאגט דאס אידען צעהלען איצט איבער אכצעהן מיליאן, וועלען זיך אלע מוזען רעכענען מיט זיי און מיט זייערע אמבאסא־דארען".

דעם אמת זאגענדיג, האב איך זיך זעהר געשעמט טיף אין מיין הארצען, וואס מיכאיל דער קריסט, ווייס מעהרער מכח אידען, אלס איך, די אידישע טאכטער. אין דעם מאמענט האב איך שוין מעהר ניט געקענט אריבערטראגען די היפאקריטסטווע, אז איך, וועלכע האב געקראגען די בעסטע ערציהונג, זאל זיך שעמען מיט מיין „איד" און מיט מיין פאלק און איך האב פעסט באשלאסען, אז ווען ס׳זאל אפילו געשעהן דאס ערגסטע, מוז איך איצט ארויסגעבען דעם סוד, וועלכען מיינע עלטערן האבען געהאלטען אלע זייערע יאהרען; כ׳מוז איינמאל פאר אלע מאל ווערען א גאנצער מענש, אן אמת׳ער. און קוים בין איך געקומען צו דעם באשלוס, האב איך גענומען פיהלען, ווי מיר ווערט עפעס גרינגער, פונקט ווי איך וואלט פלוצלונג באקומען פליגלען

און איך פליה הויך־ הויך, ווייט־ווייט, און מיינע אויגען ווערען עפּעס ווי ליכטיגער.

ווען דער גראף האט געזעהן, אז איך קוק שוין אויס פאלקאם רוהיג, האט ער גענומעןריידען נאך הארציגער: „איזאבעלא! עס טרעפט מיר דעם ערשטען מאל אין מיין לעבען צו זעהן און הערען, ווי א גוטע אמת׳ע קריסטין זאל זיך אזוי שטארק נעהמען צום הארצען „אידישע צרות". עס איז גאנץ ריכטיג, אז פונ׳ם מענשליכען שכל־דיגען שטאנדפונקט דארפען אלע מענשען זיין גלייך, ווייל אלע קומען ארום פון דער זעלבער „מוטער־ערד", און די וועלט איז גענוג גרויס און רייך פאר אלע איהרע קינדער. אבער וואס טוט מען מיט דער הארץ, וועלכע פיהלט האס און פאראכטונג צו אידען? טויזענדער יאהרען, ווי איין דור גיט איבער צום צווייטען, אז מען מוז האסען און פאראכטען די אידען. ווען אונזערע מאמעס פארוויגען אונז, זינ־גען זיי אונז לידעלאך פון אידען, וועלכע קוקען אויס ווי שדים. ווען מיר זיינען נאך יונגינקע, שרעקט מען אונז מיט אידען. ווען מיר ווערען עלטער, לערענט אונז דאס זעלבע דער לעהרער און אפילו דער פראפעסאר אין דעם אוניווערזיטעט. לסוף, ווען מיר געהן אמאל אין קלויסטער, שרעקען אונז די גלחים מיט אידען, וועלכע זיינען די בלוט פון קריסטליכע קליינע קינדער. אלע־אלע פלאנצען אין אונז איין א שנאה צום אידען און עס איז זעהר שווער דאס ארויסצוווארצלען, אפילו ווען דער מח פראטעסטירט געגען דעם, ווייל ווען ס׳קומט צו „פיהלען" — איז די הארץ שטענדיג גובר. איך באוואונדער אייך, אי־זאבעלא, וואס איהר זייט ריין פון דעם פאראורטייל צו אידען! איך בין שטאלץ וואס איהר, אזא ריינע, גרויסע נשמה, שענקט מיר כאטש אביסעלע אויפמערקזאמקייט און דאס גיט מיר האפנונג אויף ווייטער, אפשר צו געווינען אייך אויף אייביג!"

„גראף! דאס וועט קיינמאל ניט געשעהן!" האב איך מיט שטאלץ ארויסגעזאגט. „ווען איך זאל שוין אפילו איינשטימען מיט מיין גאנצען הארצען, און ווען אפילו איך זאל זיין פארליבט אין אייך מיט מיין גאנצער נשמה, וועל איך מוזען ארויסרייסען מיין ליבע צוזאמען מיט א שטיק הארץ, און אפשר מיט דער נשמה צוזאמען!"

„איזאבעלא!" האט ער גענומען ריידען מיט שרעק און ציטער־ניש. „ווארום? ווארום?"

„גראף!" האב איך געענטפערט. „כ׳האב היינט זעהר פיעל פון אייך געלערענט. איהר האט אליין דערקלערט, אז דער בעסטער

קריסט האט נאך פון זיין ווינקעלע אן איינגעווארצעלטע שנאה צו אידען׳ און איהר דארפט מיך ניט באוואונדערן, וואס מיין הארץ, מיין נשמה זיינען ריין פון אט דער „פארפלוכטער שנאה״ צום אייביגען נע־ונד־ישען פאלק. ס׳איז ניט ווייל איך בין אן אויסנאם, ווייל איך בין אן אויבערמענש, און שטעה העכער פון אלע אנדערע. ניין, גראף! ס׳איז גאר פשוט און נאטירלאך, ווייל איך בין אליין א אידישע טאכטער!״

ווי אן ערדציטערניש וואלט פלוצלונג אויסגעבראכען, ווי א דונער וואלט איהם פלוצלונג געטראפען, אזוי איז ער פארציטערט געווארען. ער איז געבליבען זיצען ווי א פאראליזירטער.

פאר עטליכע מינוטען האט געהערשט א טויטע שטילקייט. די לבנה איז געווארען אומעטיקער און טונקעלער, נאר ווען־ניט־ווען האט א ווינטעלע, ווי א געוויין פון אן עופה׳לע, זיך דורכגעטראגען צווישען די קליינע צווייגעלאך און בלימעלאך פון אונזער שעהנעם גארטען. מיכאיל איז געזעסען מיט אן אראפגעלאזטען קאפ, פונקט ווי אן אבל, ביי ועמען ס׳איז אפגעשטארבען די ליבסטע און די טרייעסטע.

פלוצלונג האט ער זיך הויך אויפ׳ן קול פונאנדערגעלאכט, אז איך האב זיך פאר איהם דערשראקען. איך האב געדענקט, אז דער מאן איז געווים משוגע געווארען.

„מיכאיל!״ האב איך מיט שרעק געפרעגט. „וואס איז מיט אייך? מיכאיל!״

ער האט מיט אימפעט אנגעכאפט מיין האנט און האט פרעהלאך אויסגעשריען: „איזאבעלא אלכסנדראוונא! איהר זייט א גוטע קינסטלערין! איהר קענט מאכען שפאס! כ׳בין זיכער אז איהר זייט די זעלבע קריסטין, די זעלבע איזאבעלא פון נעכטען און פון אלע מאל, נאר איהר ווילט מיך אויספראבירען, אויב מיין ליבע צו אייך איז שטארק, און אויב זי וועט ניט אפגעקילט ווערען נאך אזא פלוצלונגדיגע איבערראשונג. יא, גוטע איזאבעלא! אזוי איז עס! אדער אייער איי־דעלע נשמה ליידט צוזאמען מיט די פאגראמירטע אידען, אז ביי אייך איז רעכט אפילו צו זאגען, אז איהר זיינט א אידין! אה, ווי גרוים און הייליג איהר זייט, איזאבעלא! — און ער האט געכאפט קושען מיין האנט.

איך האב פאמעלאך ארויסגעצויגען מיין האנט פון זיינער און האב שטיל אבער מיט שטאלץ געענטפערט: „גראף מיכאיל פעט־ראוויטש! פון אזעלכע אנגעוועהטאגטע זאכען שפאסט מען ניט!

איהר מאכט א גרויסען טעות. איך בין ניט קיין „הייליגע“, מיין נשמה ליידעט ניט ווייל זי איז „א גרויסע“, נאר ווייל איך בין ווירקלאך א אידישע טאכטער, אויף וואס איך בין שטאלץ! מיין נשמה ליידעט, ווייל זי איז איינע פון יענע אומגליקליכע נשמות, וועלכע ווערען פאר־פייניגט אומזיסט, פון די ציוויליזירטע בארבארען פונ׳ם צוואנציגסטען יאהרהונדערט!“

„אבער, איזאבעלא!“ האט ער געהאלטען אין איין שרייען. „עס איז אונמעגלאך! אלכסנדר טימאפייעוויטש איז ניט קיין איד! ער איז איינער פון די גרעסטע אינטעליגענטע אריסטאקראטען אין יאלטא. ער האט צו טאן נאר מיט קניאזען, פרינצען. און אפילו דער גרויסער ניקאלאי ניקאלאיעוויטש מיט דעם הייליגען ראספוטין טהוען נאר דורך איהם אלע זייערע געשעפטען. און לסוף“, האט ער שטיל און סודות־דיג ארויסגערעדט: „זייט איהר אפשר ניט זיין טאכטער, איזאבעלא!“

„גראף!“ האב איך שוין מיט כעס אויסגעשריען. „געוויס בין איך זיין טאכטער! און מיין פאטער איז א איד! נאר ער איז געצוואונגען צו פארדעקען זיין שעהנעם אידישען יחוס צוליעב די „קראמע יעוו־רייעוו“ געזעצען (אויסער אידען), וועלכע ערלויבען ניט קיין אידען צו טרעטען אויף דער ערד פון דער שעהנער יאלטא“.

דער גראף האט ניט געגלויבט זיינע אייגענע אויערן. ער האט געהאלטען כסדר אין איין טענה׳ן: „ס׳איז אונמעגלאך! ס׳קען ניט זיין!“ ער האט אויסגעזעהן ווי א צוטומעלטער.

„אבער, מיכאיל!“ האב איך גערעדט קלאר און הארציג. „ווארום האלט איהר אין איין טענה׳ן אז „ס׳איז אונמעגלאך!“ אז „ס׳קען ניט זיין!“ דענקט איהר באמת, אז אידען מוזען אויסזעהן ווי שדים, רוחות און מזיקים? אז דער גרויסער ראפאיל יאקאווליעוו איז א איד, מעג אנשטעהן אלכסנדר טימאפייעוויטש׳ן אויך צו זיין א איד און מיר — א אידישע טאכטער, און אפילו אייך אויך! איך ווייס, אז פון היינט אן וועט איהר אויף מיר קוקען מיט גאנץ אנדערע אויגען, און אפשר וועט מיר נאך אויסקומען צו ליידען פון אייך, אבער איך בין זעהר צופרידען, וואס סוף־כל־סוף האב איך „זיך זעלבסט געפונען“ — איך האב געפונען מיין „איך“ און איך בין איצט גרויס גענוג צו פאר־שטעהן די אמת׳ע ווערטער פונ׳ם גרויסען ראפאיל: „ווי קען איך קוקען מענשען גלייך אין די אויגען, ווען די זעלבע מענשען ווערען פארוואנדעלט אין „חיות“, ווען ס׳קומט צו מיינע שוועסטער און ברידער?!“

דער גראף האט מעהר ניט גערעדט. ער האט זעהר ווארים און פריינדלאך געדריקט מיין האנט, פונקט ווי ס'וואלט גארניט פאסירט, און האט שווייגענדיג פארלאזען אונזער בלומען־גארטען.

פינפטער קאפיטעל.

יהודה מיין שוועסטער־קינד.

שוין פיער וואכען צייט, ווי דער געדאנק עגבערט מיין מח: זאל עס זיין מעגליך, אז מיכאיל איז ניט בעסער פון אלע אנדערע קריסטען? ער פלעגט קומען צו אונז כמעט יעדען אווענט; ביי איהם פלעגט זיין אן אמת'ער יום־טוב, ווען איך פלעג נאר מיט איהם אליין פארברענגען און איבערלאזען וולאדימיר איליאיטש'ן מיט מיין ברודער, כאטש דער לעצטער פלעגט מיך מיט זיינע אויגען בעטען: „בלייב דא מיט מיר!" איך פלעג פיהלען, אז וולאדימיר דענקט נאר פון מיר, און מיכאיל האט עס זעהר גוט געוואוסט, און ער איז געווען דער גליק־ליכסטער מענש, ווען איך פלעג נאר מיט איהם אליין פארברענגען די צייט. אבער זינט יענעם אווענט, ווען איך האב איהם בפירוש גע־זאגט „אז איך בין א אידישע טאכטער" זעהט מען איהם שוין מעהר ניט. יא, אפנים ער האט מורא פאר מיר! עס ליגט שוין איינגע־ווארצעלט אין זיין נשמה און אין זיין הארצען, אז א איד מוז זיין א „שד", א „רוח", א „טייוועל". אה, ווי שרעקליך! ווי שוידערליך!

איך האב אנגעהויבען אויסמיידען מענשען. איך האב זיי ניט געקענט קוקען גלייך אין זייערע אויגען. וולאדימיר איליאיטש פלעגט מיך היטען אויף שריט און טריט, ספּעציעל נאכדעם ווי ער האט באמערקט, אז דער גראף קומט שוין מעהר ניט. אבער יעדעס מאל ווען ער פלעגט מיט מיר נעהמען ריידען פון ליבע, פלעג איך גאנץ איינפאך אפדרעהען מיין געזיכט און אוועקגעהן, אבער איך פלעג פיהלען ווי ער פלעגט ווערען אויפגערעגט, און בשעת מעשה טראכטען: „יא, איך פארשטעה, עס ווילט זיך דיר ניט אנדערש ווי א גראף!" און ווען ער וואלט נאך געוואוסט דעם סוד, וואלט ער געווים צוגע־געבען „פארשיוואיא זשידאווקא" (שמוציגע אידין).

מיין מוטער האט שוין עטליכע מאל באמערקט: „ווארום זעהט מען עפעס ניט מיכאילין?"

אבער מיין פּאַטער׳ס אויגען האָבען פיעל ווייטער געזעהן. און איינמאָל, ווען איך בין געזעסען אַליין אין מיין צימער, אומעטיג און פאַרטראַכט, איז מיין פּאַטער אַריינגעקומען. ער האָט מיך זעהר צערטלאַך געקושט און האָט שטיל, ווי רחמנות׳דיג, געפרעגט: „אי־זאַבעלאַ, קינד טייערע! שוין פון עטליכע וואָכען ווי איך האָב באַ־מערקט, אַז דו טראָגסט זיך אַרום מיט עפּעס אַ געהיימניס, ווי עפּעס דריקט דיך. דו געהסט אַרום אַן אומעטיגע, אַ פאַרטראַכטע און אַ פאַר־חלום׳טע. דיין ליכטיגער שעהנער פּנים דריקט עפּעס אויס אַ מין צער און מורא, און דיינע גרויסע שעהנע אויגען קוקען עפּעס ווייט, אַט פּונקט ווי אַמאָל דער גרויסער ראַפאַיל. זאָג מיר, טייער קינד! וואָס דריקט דיך אויפ׳ן הארצען? באַהאַלט ניט פון דיין פּאַטער דיינע ליידען, ווייל דיינע יסורים זיינען אויך מיינע! און אפשר האָט עס עפּעס אַ שייכות מיט מיכאיל׳ן?...״ האָט ער שטיל אַרויסגערעדט.

איך האָב זיך צעוויינט און האָב מיט אַ פאַרשטיקטען קול געענטפערט: „פּאַטער טייערער! איך קען עס שוין מעהר ניט אַריבערטראָגען. אידען ווערען געפּייניגט מיט כל׳ערליי יסורים! מען שניידט שטיקער פלייש לעבעדיגערהייט און איך לעב אין לוקסוס מיט אַלערליי פאַרגעניגענס! פּאַטער, איך קען מעהר ניט לעבען קיין צוויי פּנים׳דיגען לעבען! — אין הארצען זיין אַ אידישע טאָכטער און פאַר דער וועלט אַ קריסטין! איך קען ניט, איך ווער דערשטיקט! וואָס עלטער איך ווער אַלץ מעהר פאַרשטעה איך און אַלץ מעהר הויב איך אָן פיהלען און באַגרייפען, אַז מיין נשמה באַלאַנגט ניט דאָ, נאָר ערגעץ אנדערשוואו, אין גאַנץ אַנדערע וועלטען, אין וועלטען פול מיט אידישע קרבנות און חרוב׳דיגע שטעדט, אבער אויך אין וועלטען פול מיט אידישע האָפנונגען און הויכע אידעאַלען. מיין נשמה שוועבט צווישען די מאַרטירער, וועלכע לאָזען זיך בעסער מקריב זיין אויף דעם „באַרבאַרישען מזבח״, אום זייער „פינטעלע איד״ ניט צו פאַר־לייקענען. פּאַטער, ס׳קען זיין, אַז איך האָב אפשר געבראַכט אומגליק! אבער איך האָב אַנדערש ניט געקענט! עפּעס ווי אַ געהיימע, פאַרבאָר־גענע קראַפט האָט מיך געטריבען דערצו, פּונקט ווי דעם גרויסען ראַפאַיל׳ס מאַגנעטישע אויגען וואָלטען מיר צוגעוואונקען אַזוי צו האַנדלען, און פּונקט מיט פיער וואָכען צוריק האָב איך ענטדעקט צו מיכאיל׳ן, אַז איך בין אַ אידישע טאָכטער. איך האָב אַפּעלירט צו זיין אינטעליגענץ און צו זיין שכל, אַז ער מוז עפּעס טאָן פאַר די

אומגליקליכע אידישע קרבנות, איך האב אפעלירט צו זיין הארצען און צו זיין געוויסען, אז ער מוז עפעס טאן אום צו פארמיידען אט די שרעקליכע אכזריות׳דיגע שחיטות! אבער זינט דאן זעהט מען איהם שוין מעהר ניט! נו, יא, ער איז דאך אויך ניט מעהר ווי א קריסט, ביי וועמען די שנאה צו אידען איז איינגעווארצעלט פון זיין פריהסטען יוגענט".

מיין פאטער איז געזעסען שטיל, א רחמנות׳דיגער צער האט זיך אויסגעשפרייט אויף זיין שטאלצען שעהנעם פנים. זיינע שעהנע אויגען זיינען אנגעפילט געווארען מיט טרערען און ער האט מיט א פאר־שטיקטען קול קוים ארויסגערעדט: „יא, טאכטער מיינע! געווים האסטו געבראכט אומגליק אויף אונז אלעמען! אבער אזוי איז בעסער. איך וועל אלעס מקבל באהבה זיין. איך האב גערענקט, אז איך וועל זיך קענען אויסבאהאלטען, כ׳וועל פארלייקענען מיין „איד" צוליב דער טובה פון מיינע ליבע און טייערע קינדער, אז זיי זאלען ניט ליידען פון די ספעציעל אידישע צרות, אבער איך האב געמאכט זעהר א גרויסען טעות, איך האב געמאכט דעם חשבון אהן דעם בעל־הבית. פון דעם גאט פון ישראל קען מען זיך ניט אויסבאהאלטען, ער געפינט שוין אוים אפילו אין די טיפענישען פון ים. און ער האט מיך אויסגע־פונען. אבער איך בין שטאלץ וואס דאס איז געשעהן דורך מיין אייגען קינד, מיין בלוט און פלייש האט אויפגעעפענט מיינע פארשמירטע, אסימילירטע גלות־אויגען און לערנט מיך, אז א איד מוז ליידען מיט אלע אידען צוזאמען, און דער וואס אנטלויפט פון דער „מחנה ישראל" מוז קריגען זיין פסק. פון איצט אן, מיין טייער קינד, מוזען מיר איבערגעבען אונזער שיקזאל אין גאט׳ס האנט און וואס עס זאל ניט געשעהן וועל איך אלץ אננעהמען מיט א „גם זו לטובה!"

„מיר מוזען לאנגזאם און ביסלאכוויים צוגרייטען אונזער מוטער, אונזער שטאלצען און ענטשלאסענעם לעאנ׳ען און אונזער ליבליכער, אומנאטירליכער שעהנער בעטינקען. מיר מוזען זיי אויפקלערען און פארבארייטען צו א נייעם לעבען".

א גאנץ לאנגע צייט זיינען מיר ביידע געזעסען ארומגענומען. אונזערע טרערען האבען זיך אויסגעמישט. מיר האבען געוויינט אויף אונזער גורל און אויף דעם גורל פון דאס גאנצע אידישע פאלק. און ווער ווייס ווי לאנג מיר וואלטען אזוי געזעסען, ווען ניט אונזער בעטינקע, וועלכע איז אריינגעלאפען א פרעהליכע, א גליקליכע, מיט א שעהנעם בוקעט בלומען.

„איזאַבעלאַ!“ האָט בעטקע אויסגעשריען. „דאָס האָט געבראַכט מיכאיל! און נאָך אַ שעהנערען בוקעט בלומען האַלט ער פאַר דיר. ער זיצט אין זאַל!“

איך האָב שנעל אויסגעווישט מיינע טרערן, געקושט מיין פאָטער און בין געגאַנגען צו מיכאיל'ן. איך האָב איהם קוים דערקענט. פאַר די פיר וואָכען צייט איז ער געוואָרען זעהר בלייך און אויסגעצערט, און איך האָב אויסגעשריען: „גראַף! וואָס איז מיט אייך געשעהן? איהר זייט געווען קראַנק? וואָרום האָט איהר אונז ניט געלאָזט וויסען?“ און נאָך פיעלע פראַגען.

„יאָ, איזאַבעלאַ אַלכסנדראָווגאַ!“ האָט ער זעהר שטיל געענט־פערט. „איך בין געווען זעהר קראַנק און בין נאָך איצט אויך אַ „חולה מסוכן“. ס'איז אָבער ניט אַ „מחלת הגוף“, וואָס מען קען אויסהיילען. ביי מיר איז די נשמה קראַנק. אָט זינט יענעם אָוועגט געה איך אַרום ווי אַ משוגע'נער, איך קען זיך קיין אָרט ניט געפינען. מיין פאָטער האָט געבראַכט די גרעסטע דאָקטוירים. קענען אָבער די בעסטע דאָק־טוירים פיהלען מיין „פאַרוואונדעטע נשמה“? אין דען ערגעץ פאַראַן אַ רפואה צו „אַ צוריסענע נשמה“? מיין מוטער האָט געבראַכט דעם פאַמיליען־גלח, אפשר וועט ער קענען פאַרגרינגערן מיינע יסורים, אָבער זיין אַנוועזענהייט האָט מיר נאָך מעהר משוגע געמאַכט. איך האָב מורא געהאַט, אַז אויב ער שטעט נאָך אַביסעל, וועל איך געוויס אַרויסרייסען פון איהם זיינע פאַרגלאָצטע יעזואיטישע אויגען. איזאַ־בעלאַ! איזאַבעלאַ!“ האָט ער ווי געקרעכצט, „וואָרום האָט איהר צוריסען מיין לעבען? וואָרום האָט איהר אַרויסגעריסען די ליכטיגקייט פון מיינע אויגען? וואָרום? וואָרום?“

איך האָב געהאַט זעהר גרויס מיטלייד מיט איהם. כ'האָב געפילט, אַז ער רעדט ווי אַן אומשולדיג קינד. איך האָב גענומען זיין האַנט אין מיינער און גערעדט צו איהם ווי אַן אמת'ע שוועסטער:

„מיכאיל פעאָדאָראָוויטש! איך פאַרשטעה אייך ניט! וואָס האָט צו טאָן מיין „אידישער יחוס“ מיט אייער נשמה? בין איך דען איצט אַנדערש ווי פריהער? קוקט זיך גוט איין אין מיר און זעהט: די זעלבע אויגען נאָך מיט אַ „גרעסערע ליכט“, די זעלבע האָר נאָך מיט מעהר חן, דער זעלבער פנים און אפילו דער זעלבער נאָז!“

„אָבער, איזאַבעלאַ! איהר פאַרשטעהט מיך ניט!“ האָט ער מעהר געקרעכצט ווי גערעדט. „אַמאָל האָב איך געקענט האָפען, אַז מיר וועלען זיך פאַראייניגען אויף אייביג און פון אונזערע נשמות וועט

ווערן איין גרויסע ליכטיגע נשמה. און איצט, אַ גאָט, ווי שרעקלאך!"

„אָבער, מיכאיל!" האָב איך געזאָגט. „אדרבה, דוקא איצט קענט איהר אַרויסצייגען אייער אמת'ע ליבע, וויל נשמות ווייסען ניט פון קיין נאַציאָנאַליטעטען, נשמות ווייסען ניט פון קיין שנאה און קנאה, און נאָר איצט קענט איהר צייגען ווי שטאַרק איהר ליבט מיך! אויב אייער ליבע צו מיר איז די אמת'ע נשמה'דיגע, ווי איהר דריקט זיך אויס".

„יאָ, אייך איז גרינג צו פילאָזאָפירען!" האָט ער געקרעכצט. „איהר האָט די גאַנצע צייט אַליין ניט געוואוסט, ווער איהר זייט און וואָס איהר זייט". אייערע עלטערן האָבען פון אייך באַהאַלטען אייער יחוס און מען האָט אייך דערצויגען מיט ליבע צו אַלעמען, סיי איד, סיי קריסט און סיי בינעזער, אַזוי לאַנג ווי ער איז נאָר אַ מענש מיט אַ „צלם אלקים". אָבער איך! אַ, גאָט! איך בין ערצויגען געוואָרען אין אַן אַטמאָספערע פון האַס און פאַראַכטונג. די גלחים און יעזו־איטען זיינען גרויסע קינסטלער, ווען ס'האַנדעלט זיך וועגען איינפלאַנ־צען שנאה און אַז. וו. היינט שטעלט זיך פאָר, ווען זיי זאָלען זיך דערוויסען, אַז איך בין שטערבליך פאַרליבט אין אַ אידישער טאָכטער, מעג זי זיין די שעהנסטע פון אַלע זונען און קליגער פון אַלע מיניסטאַ־רען, וועלען זיי ניט אַריבערטראָגען די שאַנדע. זיי וועלען אַנוועגדען אַלערליי מיטלען צו צושטערען מיין גליק, זיי וועלען נאָך אויסטראַכ־טען אַלערלייאיגע בלוט־בלבולים צו פאַראומגליקען און אַפּצוראַמען פון וועג מיין געליבטע מיט איהר גאַנצע משפחה".

„גראַף!" האָב איך געזאָגט שטאָלץ. „איהר רעדט צו מיר פּונקט ווי עס וואָלט זיך נאָר געוואונדערט אָן אייך. פאַרגעסט ניט, אַז איך בין איצט די זעלבע איזאַבעלאַ, נאָר מיט אַ גרעסערען בטחון, מיט שעהנערע האָפנונגען. יאָ, עס איז ווירקלאך אַ שאַנדע און אַ חרפה, אַז אינ'ם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, ווען מענשען פליהען אין די וואָלקענס ווי אָדלערן און גרונטעווען זיך אין די טיפענישען פון די ימים ווי פיש, זאָל זיך אַ גראַף פון דער הייליגער מאַמעלע רוס־לאַנד, וואו פּאָגראָמען ווערען צוגעגרייט מיט פּראַכט און גלאַנץ, מיט „צלמים און איקאָנעס" אין די הענט, אין דער אַנוועזענהייט פון דער „מאַמע מיט'ן זון", פאַרליבען זיך אין אַ אידישע טאָכטער! ס'איז אָבער נאָך אַ גרעסערע שאַנדע, ווען אַ העכסט געבילדעטער, שטאָלצער, ענטשלאָסענער, שטאַרק פאַרליבטער אַריסטאָקראַטיש־גראַפליכער יונ־גערמאַן זאָל מאַכען אַן אונטערשיד צווישען נאַציאָנען און מענשען. די

אמת׳ע ליבע איז געטלאך און די „געטליכקייט“ מאכט ניט קיין „חילוק“ פון מענש און מענש און פון פאלק און פאלק, און אויב איהר, גראף, זייט ווירקליך פארליבט, טא ווי קומט עס, אז אזוי שנעל ווי איהר האט זיך אנגעשטויסען מיט׳ן „פינטעלע איד“, מיט א טאכטער פונ׳ם נע׳רודפ׳טען פאלק ישראל, האט איהר זיך אנגעהויבען פיהלען אומ־גליקלאך און מורא האבען פאר עפעס „ שאנדע“, וואס „גלחים־הוי־פאקריטען“ וועלען זיך נעבאך מוזען שעמען ? ! נייז, גראף ! איך גלויב ניט אין אזעלכע ליבעס ! ס׳איז ניט קיין אמת׳ע ליבע, נאר איינפאך ,חיה׳שע תאוה׳ ! “

„איזאבעלא ! האט רחמנות ! רעדט ניט אזוי ! “ האט ער זיך געבעטען. „איהר פארשטעהט מיך ניט ! מיין ליבע צו אייך איז די ריינסטע און הייליגסטע ! איך בין גרייט אפילו זיך מקריב צו זיין פון אייערטוועגען, אבער וואס טהוט מען מיט מיינע עלטערן ? מיט מיין פאלק ? זיי וועלען מיך ניט וועלען פארשטעהן, ווייל איך אליין פארשטעה עס אויך ניט, אדער לכל־הפחות, איך פיהל, אז איך בין גרייט אפילו צו ווערען א איד, און גלייך מיט אייך ליידען ! אבער זיי ? א, גאט ! פארשאלטען זאלען ווערען די גלחים מיט זייער פאל־שער יעזואיטישער תורה, וואס פלאנצען איין האס און שנאה צווישען איין מענש און צווייטען ! “ ער האט גערעדט עפעס מארנע שנעל. „איזאבעלא ! איזאבעלא ! מיין שכל איז זעהר קלאר. איך פאר־שטעה גאנץ גוט, אז איהר זייט די זעלבע, שעהנע, זיסע, ליבע איזא־בעלא, אבער מיין הארץ, מיין הארץ ! איך ווער פארציטערט ! כ׳וועל משוגע ווערען ! “

„גראף ! “ האב איך גערעדט מיט א רחמנות־טאן, ווי מען רעדט צו א תמימות׳דיגען נאטור־קינד“. איך קען שוין מעהר ניט הערען איי־ערע טענות. איהר זאגט מיר בעסער, וואס זאל איך טאן פאר אייך, כדי צו איבערצייגען אייך, אז איך בין ניט שולדיג וואס איך בין א אידישע טאכטער, פונקט ווי איהר זייט ניט שולדיג, וואס איהר זייט א קריסטליכער זון ! “

מיכאיל האט מיך אנגעקוקט מיט צומישטע, פארצווייפעלטע אוי־גען. זיין שעהנער „יעזוס־פנים“ איז געווארען ווי צוקרימט. ער האט מיט יסורים קוים ארויסגערעדט : „איזאבעלא, טייערע, זאגט קיינעם ניט מעהר, אז איהר קומט ארויס פון אידען ! מיינע עלטערן זאלען קיינמאל ניט וויסען פון דעם סוד ! “

„אַ, ניין, גראַף! דאָס וועט קיינמאָל ניט געשעהן!“ האָב איך פעסט געענטפערט. „אום צו לעבען אין רייכטהום און לוקסוס זאָל איך פארלייקענען מיין נאָמען, פאַראַטהען מיין פאָלק און מיין גאָט? מיינע עלטערן האָבען דאָס געטאָן, און זיי וועלען מוזען דערפאַר זעהר טייער באַצאָהלען!“

„אָבער איזאַבעלאַ! כ'ווער פארברענט! איך וועל שטאַרבען פון ליבע צו אייך!“ האָט ער גע'טענה'ט.

„מיכאַיל!“ האָב איך געזאָגט: „איך וועל אייך איינמאָל פאַר אַלע מאָל ערקלערען. די אמת'ע ליבע ברענגט קרבנות מיט שמחה, אוים ליבע. און אויב איהר ליבט מיך באמת, מוזט איהר מיר קודם־כל איבערצייגען!

„מיט וואָס קען איך אייך איבערצייגען, איזאַבעלאַ?“ האָט ער שוין ענטשלאָסען און קלאָר געפרעגט.

„מיכאַיל! האָב איך שטיל געענטפערט. איהר קענט מיך איבער־צייגען דערמיט, וואָס איהר וועט העלפען מיינע אומגליקליכע ברידער אויף וויפיעל ס'וועט נור מעגלאך זיין, דאַן וועל איך דערפיהלען אייער אמת'ע ריינע ליעבע. מיכאַיל פּיאָדאָראָוויטש! קומט לאָמיר ביידע צוזאַמען פאָהרען נאָך די פּאָגראָמירטע שטעדט, לאָמיר זעהן דעם חורבן מיט אונזערע אייגענע אויגען, אפשר וועלען מיר כאָטש וויפיעל ניט איז קענען פארגרינגערן זייערע יסורים, אויסער וואָס איהר וועט טאָן אַ ריין־מענשליכע פליכט, וועל איך זיין איבערצייגט אַז אייער ריידען און טענה'ן איז דורכאויס אמת! אָבער כל־זמן איהר קומט צו מיר בלויז מיט טענות „וואָרום איך בין אַ אידישע טאָכטער“, איז עס ניט מעהר ווי לעכערלאך און בלויז אַ קאַפּריז פון אַ רוסישען גראַף!“

מיר האָבען אויפגעהערט צו ריידען, ווייל ס'איז אריינגעקומען מיין פאָטער געאַרעמט מיט'ן אַלטען גראַף פּיאָדאָר מיכאַילאָוויטש.

דער אַלטער גראַף האָט מיר זעהר פריינדלאך באַגריסט און האָט מיט אַ פאַר'דאגה'טען קול געזאָגט: „איזאַבעלאַ אַלכסנדראָוונאַ! מיין מיכאַיל איז פאַר די לעצטע פיר וואָכען זעהר קראַנק. ער עסט ניט, ער שלאָפט ניט און געהט אַרום ווי עפּעס אַ פאַר'מרה־שחורה'דיגטער. די דאָקטוירים הויבען ניט אַן צו פאַרשטעהן, אין וואָס עס באַשטעהט זיין קראַנקהייט. אפשר ווייסט איהר עפּעס אַ רפואה צו מיין מיכאַיל'ס פלוצלונגער קראַנקהייט?“ האָט דער אַלטער ווי עפּעס סודות'דיג

פארענדינגט, און זיינע ווערטער האבען אויסגעדריקט פאטערליכער דאגה, באטש געמישט מיט הומאר.

מען זאגט א ווערטעל: „אז מען זאגט אלף, מוזען מען שוין זאגען בית“, און דאס האט מיט מיר איצט אין דעם מאמענט פאסירט. מיין הארץ, מיין מח און אלע מיינע געדאנקען האבען גענומען שנעל ארבייטען און איך האב געפאסט א באשלוס. איך האב ניט געוואלט וויסען וואס שפעטער וועט זיין. אין איצטיגען מאמענט איז מיר נאר געלעגען אין זינען ווי צו פארגרינגערן די יסורים פון מיין פאלק. מיר האט ניט געארט ווי גרויס מיין קרבן וועט זיין! אין דעם מאמענט האב איך אליין מיט מיין גאנצע פאמיליע ווי ניט עקזיסטירט, און איך האב הויך און שטאלץ ארויסגעזאגט:

„גראף גענעראל פיאדאר מיכאילאוויטש! איך האב ווירקלאך די רפואה צו אייער מיכאיל'ס קראנקהייט, אבער איהר וועט דערפאר מוזען באצאאהלען זעהר א גרויסען פרייז!“

„איהר האט אייער פאטער'ס געשעפטס-פעהיגקייטען!“ האט דער גראף גוטמוטיג געענטפערט. „אבער איך פארזיכער אייך, איזאבעלא אלכסנדראוונא, אז קיין פרייז אין דער וועלט וועט ניט זיין הויך און צו גרויס פאר מיר און קיין קרבן ניט צו שווער פאר מיין מי־כאיל'ן! פארגעסט ניט, קינדעלע, אז ער איז ביי מיר א בן־יחיד. דעם עלטערן זון מיינעם האבען די פארפלוכטע פאלשע געהיים־אגענ־טען פארוויקעלט אין עפעס כ'ווייס אליין ניט וואס, עפעס א בלבול אויסגעטראכט, אז ער האט געהאט צו טאן מיט די ניהיליסטלאך, צוזאמען מיט וולאדימיר אילאיטש'ס ברודער, און ער היום וויים מען ניט, וואו זייערע ביינער זיינען אהינגעקומען און מעהר ווי מיין מיכאיל איז פאר מיר ניט פארבליבען. איך שטאלציר מיט איהם, ער איז בראוו, ער איז גרויס, מוטיג און ענטשלאסען! ניט נאר די אמת'ע רפואה, און קיין פרייז וועט מיר ניט זיין צו שווער צו באצאהלען. און אויב מיין גאנצער פארמעגען וועט ניט זיין גענוג, וועט מיר מיין אמת'ער פריינט אלכסנדר טימאפייעוויטש ארויסהעלפען!“ האט ער געענדיגט, ארומנעמענדיג מיין פאטער.

„איך האב אייער עהרען־ווארט, גראף!“ האב איך מיט שמחה אויסגעשריען. „געדענקט, איהר זאלט קיין חרטה ניט האבען!“

„גראף פיאדאר מיכאילאוויטש האלט שטענדיג זיין „עהרען ווארט“ און האט קיינמאל ניט קיין חרטה!“ האט ער נאך שטאלצער אויסגע־שריען, אויסציהענדיג זיך אין זיין גאנצער הויך.

ס׳איז געווארען זעהר שטיל. אלע האבען זיך צוגעגרייט צו הערען פון מיר עפּעס א המצאה׳לע אדער א שעהנע מעשה, אבער מיינע געדאנקען זיינען, אין דעם מאמענט, געווען פארנומען ניט מיט המצאה׳לאך, נאר מיט מיין אומגליקלאך פאלק און איך האב געוואלט אויסנוצען אלערליי מיטלען, וועלכע איך האב נאר געהאט בכח. הויך, אויפ׳ן קול, האב איך דערצעהלט וואס ס׳איז פארגעקומען צווישען מיר און מיכאיל׳ן אין אונזער בלומענגארטען מיט פיר וואכען צוריק. איך האב ניט פארפעהלט קיין איין ווארט פון דעם וואס איך האב גערעדט און וואס מיכאיל האט גערעדט היינטיגען אווענט, און לסוף האב איך צוגעגעבען:

„ווי איהר זעהט, ערדלער, גוטער גראף, גענעראל פּיאדאר מיכאילאוויטש! איהר דארפט ניט צאהלען קיין צו־גרויסען פּרייז, און איהר דארפט ניט ברענגען קיין קרבנות! איהר מוזט נאר אנווענדען אייער גרויסען איינפלוס און טאן וואס א רעכט־דענקענדער מענש מוז טאן, אום צו העלפען דעם פאגראמירטען נע׳ונד־פאלק ישראל אויף וויפיעל אייערע כחות און אייער איינפלוס וועט גרייכען, צו אפּשטעלען די אומגעהערטע, אכזריות׳דיגע שחיטות אויף אומשולדיגע עופהלאך און אלטע לייט!

„חוץ וואס איהר וועט טאן אייער פליכט אלס מענש, וועט איהר דורכדעם כאטש עטוואס פארדעקען דעם „שווארצען פלעק" און קינ׳ס צייכען פון דער גרויסער מאמעלע רוסלאנד, און אייער נאמען וועט מיט ליכטיגע אותיות פארצייכענט ווערען אין דער היסטאריע פון די בעסטע קינדער, פון א ליכטיגער פרייער רוסלאנד. גראף!" האב איך מיט התלהבות גערעדט, „זעהט איהר דען אליין ניט, אז מענשען קענען צווישען זיך לעבען ווי ברידער, כאטש זיי געהערען צו פארשידענע נאציאנען? פיהלט איהר עפּעס אן אונטערשיד צווישן אייך און מיין פאטער? זייט איהר דען ניט די בעסטע אמת׳ע גוטע פריינט? ליבט איהר דען ניט איינער דעם צווייטען? פארטרויט איהר דען ניט אייערע סודות איינער דעם אנדערן, כאטש איינער איז א „איד" און דער צווייטער א „קריסט"!

„איצט, גראף! ווען איהר ווייסט שוין פון וואנען אייער מיכאיל׳ס קראנקהייט האט זיך גענומען, וועט אייך זיין פיעל גרינגער צו קריגען די רפואה!" האב איך פארענדיגט.

מיין מוטער איז געווארען היסטעריש און מיין פאטער האט אנגעווענדעט אלע מיטלען זי צו בארוהיגען.

דער אַלטער גראַף איז געבליבען שטעהן אין זיין גאַנצער הויך ווי אַ סטאַטוע און האָט זיך ניט געריהרט, פּונקט ווי ער וואָלט גע־וואָרען איינגעפראָרען.

מיין שוועסטער, בעטינקע, האָט ברייט פונאַנדערגעעפענט איהרע גרויסע, ליכטיגע, שווארצע אויגען און האָט געקוקט אויף מיר אַזוי מאָדנע, וואָרים און גליקלאַך, אַז איך האָב דערפיהלט ווי אַלע מיינע אברים ווערען אָנגעגאָסען מיט גן־עדן בשמים, און מיין ברודער לעאָן האָט מיך ארומגענומען און מיט שטאָלץ אויסגעשריען:

„איך בין שטאָלץ און גליקלאַך צו האָבען אַזאַ גרויסע שוועסטער! דיין נאָמען וועט פאַרבלייבען אין דער היסטאָריע, ווי יהודית, אסתר, דבורה, און אַלע גרויסע אידישע טעכטער וועלכע האָבען זיך געלאָזט מקריב זיין אויף דעם אידישען מזבח! שוועסטער מיינע!" האָט ער גערעדט מיט באַגייסטערונג. „איך האָב שוין לאַנג געהאָפט אויף דעם מאָמענט, ווען מיר וועלען פון זיך אראָפּוואַרפען „דעם שפּאַניש־מאַראַנישען לעבען". יאָ, דער גרויסער ראַפאיל האָט מיר אָנגעזאָגט: „צו פאַרטיפען זיך אין די ספרים, צו האָבען געדולד, צו האָבען גרויס בטחון, האָפנונג און אַרבייטען, און דער מאָמענט וועט קומען, און דער מאָמענט איז געקומען!"

מיכאיל איז אויך עפּעס ווי ניי־באַלעבט געוואָרען. פון דעם שטיין וואָס האָט געדריקט, געפּרעסט זיין האַרצען איז אַ טהייל אראָפּ־גענומען געוואָרען, פּונקט ווי עס איז איהם געוואָרען גרינגער צו אָטעמען, דערמיט וואָס זיין פאָטער ווייס שוין אויך פון דעם סוד. אין הויז האָט געהערשט ווי אַ צומישטע שטימונג, ווי „דאָס ליכט מיט די פינסטערניש" איידער גאָט האָט ארויסגעזאָגט „יהי אור!"

דער אַלטער גראַף איז געקומען צו זיך און האָט גענומען ריידען:

„עס איז פאַר מיר זעהר אַ גרויסע איבעראַשונג! עס לייענט זיך פּונקט ווי „אַ שפּאַנענדער גרויסער ראָמאַן". יאָ, טייבעלע איזאַבעלאַ אלכסנדראָווונאַ! איך בין שוין אַ זיבעציגער. איך האָב דורכגעמאַכט פאַרשידענע מלחמות, אָבער די איצטיגע מלחמה וועט זיין די גרעסטע און פאַרצווייפעלטסטע! אָט דאָס וואָס איהר זייט אידען, האָב איך אַ קליינע דאגה. „יעזוס" איז דאָך אויך געווען אַ איד, אַ גרויסער איד מיט אַ הייליגער נשמה. מרים די הייליגע איז געווען אַ אידישע טאָכטער! דער קלוגער צאַר שלמה, איז נאָך עד־היום דער קליגסטער מאַן אין דער היסטאָריע פון פעלקער, און ווער זיינען געווען די ערשטע אַפּאָסטאָלען, אויב ניט אידען? די אידישע „ביבעל" איז הייליג ביי

אלע נאציאנען, — אבער מלחמה האלטען געגען די פאגראמשציקעס, איז איינע פון די שווערסטע מלחמות, ווייל די גרעסטע און העכסטע בעאמטע, פון דעם העכסטען מיניסטער ביז דעם הייליגען ראספוטין, שטיצען אט דער „ארגאניזירטער באנדע, וועלכע מארדען אומשולדיגע נפשות, מיט דער כלומר׳שטיגער רעכטפערטיגונג, אז דערמיט וועלען זיי אפשוואכען די רעוואלוציאנערע טהעטיגקייטען, און מען פארשפרייט אט די סם־המות׳דיגע בארעכטיגונג איבעראל, אין די גימנאזיעס, אוניווערזיטעטען און אין די קלויסטערס!

„עך, קינדערלאך! די טייבעלע איזאבעלא האט געוואוסט וואס זי רעדט, ווען זי האט מיר געזאגט, אז „דער פרייז איז זעהר א גרויסער״. עס איז באמת זעהר א גרויסער פרייז! אבער גראף גענעראל פיאדאר מיכאילאוויטש האלט תמיד זיין „עהרע ווארט״ און האט קיינמאל ניט קיין חרטה! יא, קינדערלאך! איך קוק מיט אפענע אויגען אויף וואס עס קומט פאר אין אונזער רוסלאנד. איך זעה ווי פאלשע מענשען, אינטריגאנטען, אלערליי שווינדלער, שווארצע קונצענמאכער, גאט׳ס גנבים, יעזואיטישע שארלאטאנעס און אלערליי נידערטרעכטיגע ברואים האבען ארומגערינגעלט דעם צאר און פארבלענדען איהם די אויגען מיט אלערלייאיגע ניט־געשטויגענע און ניט־געפלויגענע שקרים, און דאס גרויסע רוסישע פאלק קרעכצט אונטער דעם שווערען יאך פון די שארלאטאנעס, מען רייצט אן ארימע־הונגעריגע געגען ארימע־הונגעריגע, מען פאר׳סמ׳ט די מחות, דער כאאס ווערט גרעסער פון טאג צו טאג, פון שעה צו שעה און עס דערנעהנטערן זיך זעהר פינסטערע טעג פאר אונזער מאמעלע רוסלאנד, ווען קיינער פון אונז וועט ניט זיין זיכער מיט זיין לעבען! עך, קינדערלאך! איך בין שוין א זיבעציגער און נאך אפשר מיט א סמיטשיק, איך וועל שוין מסתמא לאנג ניט לעבען. נאך־א־מאל אזוי פיעל געווים ניט! און איך וויל שטארבען מיט א ריינעם געוויסען!״ ער האט ארויפגעלעגט זיין האנט אויף מיכאיל׳ן און ווי אן אלטער נביא האט ער אויסגעשריען:

„מיכאיל, מיין זוהן! דו האסט זיך ערצויגען אונטער דעם איינפלוס פון יעזואיטען, פאלשע גלחים און היפאקריטישע גאט׳ס גנבים! עס איז ניט מיין שולד! איך וויל איצט ניט ריידען וועגען דעם. דאס זיינען פאמיליען־סודות, וואס מען טאר פון מויל ניט ארויסברענגען. צוליב וועמען די סודות זיינען פארגעקומען, איז איצט ניט וויכטיג. דער פאקט בלייבט אבער א פאקט, און דערפאר איז עס ביי דיר געווען אן איבעראשונג, וואס אזא מלאך׳ל ווי איזאבעלא זאל

זיין א „טייערע אידישע טאכטער“ און אזא גרויסער מאן ווי אלכסנדר זאל זיין „א גוטער איד“. יא, קינד מיינער! עס זיינען דא צווישען די אידען א סך, א סך אלכסנדר׳ס און נאך גרעסערע. אט די אמת׳ע יענקב׳לאך מיט די אמת׳ע חיים׳קעס זיינען אלע גרויסע מענשען מיט גרויסע נשמות. איך קען א סך פון זיי, איך קען א סך אידישע גרויסע איזאבעלא׳ס. מיכאיל, מיין שטאלצער זון! גלייך זיך אוים ווי א שטאלצער סאלדאט, ווי ס׳פאסט פאר מיינעם א זון, און געה האלט מלחמה אט געגען די אלע פאלשקייטען, געגען די היפאקריטסטווע און געגען די פאגראמשציקעס! פאלג אוים די באפעלען פון דער בראווער העלדישער אידישער טאכטער איזאבעלא, און זאל דער נאמען מיכאיל פיאדאראוויטש טשיטשערין פארשריבען ווערען אין דער וועלט־גע־שיכטע, אלס איינער פון די „פרייהייטס־קעמפפער“, וועלכע האבען געקעמפט פאר פרייהייט און גלייכהייט פאר אלע מענשען, אהן אונ־טערשיד פון איד און קריסט!“

אויסערגעוועהנליכע קולות פון נאס האבען איבערגעריסען דעם גראף׳ס נביא׳ישע רייד. מיר זיינען אלע ארויסגעלאפען אין דרויסען, וואו פאר אונזערע אויגען האט זיך אפגעשפילט די פאלגענדע סצענע:

צוויי זשאנדארען האבען געשלעפט א הויכען, שטארק־געבויטען יונגען מאן, מיט זעהר א שעהנעם באחנ׳טען פנים, מיט שווארצע, דורכדרינגענדע אויגען און א מחנה סטודענטען מיט קינדער זיינען נאכגעלאפען און געשריען: „העי פראקליאטי זשיד!“ (פארפלוכטער איד). דערזעהענדיג אונז ארויסלויפענדיג פון הויז, האבען זיי זיך אפגעשטעלט. די זשאנדארען זיינען צוגעלאפען צום גראף און האבען זיך פארנייגט: „פאטער׳ל!“ האבען זיי גענומען דערצעהלען: „מיר האבען געכאפט א פארברעכער! איהר זעהט אט דעם שעהנעם יונגען מאן? — ער איז א „פראקליאטי זשיד“! שוין דריי טעג ווי מיר האבען באמערקט, ווי אט דער חברה׳מאן דרעהט זיך ארום איבער די גאסען. אין אנהויב האבען מיר גערעכענט, אז ער מוז זיין א גרוזינער אדער א גריך, און מיר האבען איהם ניט אנגערירט, אבער אז מיר האבען שוין באמערקט, ווי ער דרעהט זיך עפעס צופיעל ארום דעם קופיעץ (סוחר) אלכסנדר טימאפייעוויטש׳עס פאלאץ, איז ער אונז געווארען פאר־דעכטיג. מיר האבען דעם חברה׳מאן אפגעשטעלט און איהם גע־פרעגט אויף א פאספארט! נו, שטעל זיך פאר, פאטער׳ל, אז מיר האבען אויסגעפונען, אז ער איז גאר א איד! און טאקע א פראקליאטי זשיד! ער איז זעהר א שטארקער קערל און א געלערנטער! ער מוז

זיין א ניהיליסט, פאטער׳ל! נו, שלעפען מיר איהם אין אוטשאסטאק (פאליציי סטאנציע) און אונזער קלוגער פאלקאווניק וועט שוין אויסגעפינען, וואס פאר א חברה־מאן אט דער פראקליאטי זשיד איז!״

ניט טראכטענדיג קיין סך האט זיך מיין פאטער אנגערופען:

„וויבאלד ער האט געזוכט דוקא מיין הויז, איז ער אפשר אן אגענט פון א גרויסען קאנטאר, וועלכער מוז מיך האבען צוליב מסחר און מן־הסתם האט ער פארגעסען צו נעהמען זיינע געזעצליכע פאפירען, וועלכע ערלויבען איהם צו זיין א געוויסע צייט אין דער הייליגער יאלטא!״

דער יונגערמאן האט זיך אנגעכאפט אן מיין פאטער׳ס וואונק, און ער האט אין א שעהנעם רוסיש באשטעטיגט, אז ער איז ווירקלאך אן אגענט פון א זעהר גרויסען קאנטאר, אבער איהם איז פשוט ארוים פון זכרון צו נעהמען די געזעצליכע פאפירען, וועלכע געפינען זיך אין קאנטאר, אבער ער פארזיכערט, אזוי שנעל ווי ער וועט פארטיג ווערען מיט דעם גרויסען סוחר אלכסנדר טימאפייעוויטש, איז ענטוייעדער ער וועט פארלאזען יאלטא, אדער ער וועט טעלעגראפירען, מען זאל איהם ארויסשיקען די נויטיגע פאפירען. ער האט נאך דערצו ארויסגענומען א פעקעל „פאפירענע אסיגנאציעס״ און געגעבען די זשאנדארען אלס משכון.

די זשאנדארען, דערפילענדיג דעם פעקעל פאפיר־געלט, האבען זיך ניט צוגעהערט צו די לעצטע ווערטער פונ׳ם גראף און אלכסנדר. זיי האבען זיך שנעל פארנויגט און געמאכט פליטה. די סטודענטען מיט די יונגוואַרג זיינען זיך צולאפען, און מיר מיט׳ן יונגענמאן זיינען אריין אין הויז.

ווען אלע האבען זיך בארוהיגט פון דער סצענע, האט דער פרעמדער יונגערמאן גענומען ריידען:

„איידעלע מענשען! איך דאנק אייך זעהר און זעהר וואס איהר האט מיר באפרייט פון די פאליצייאישע הענט, וועלכע האבען מיך געשלעפט ווי א פארברעכער. מיין איינציגער חטא באשטעהט נאר אין דעם, וואס איך בין א איד. אבער מיין בלוט איז דאך אויך רויט! און אז מען שלאגט מיר, טוט עס אזוי וועה, פונקט ווי אלע אנדערע מענשען פון אנדערע נאציאנען און גלויבענס. אבער איך בין איבערצייגט, אז ניט אלע רוסען זיינען „פאגראמשציקעס״ און ניט אלע קריסטען זיינען „בלוט־דורשטיג״, אט אזוי גוט ווי ניט אלע אידען „צדיקים״. איך דאנק נאט וואס ער האט מיך געבראכט אהער, און

איך בעט אייך, איידעלע מענשען, ערלויבט מיר צו דערצעהלען פאר אייך בלויז עטוואס פון מיין בעאגראפיע, אפשר וועט עס פיהרען צו מיין ציעל, צו וועלכען איך שטרעב און בין נע־ונד שוין פון היבשע עטליכע יאהר".

מיין פאטער האט איהם געגעבען די ערלויבניש צו ריידען ווי־פיעל ער וויל, אויב דאס קען איהם נאר עטוואס העלפען. מיר זיינען אלע געווארען זעהר אויפמערקזאם און נייגעריג. איבערהויפט האב איך באמערקט ווי מיין פאטער׳ס גרויסע אויגען זיינען פונאנדערגע־עפענט געווארען, ברייטער ווי געוועהנלאך, און ער האט געשלונגען יעדעסווארט וואס דער יונגערמאן האט ארויסגערעדט.

און דער יונגערמאן האט מיט א שעהן־קלינגענדע, אבער זעהר טרויעריגע, שטימע גענומען דערצעהלען:

„מיין פאטער יעקב, אדער יאקאוו טימאפייעוויטש בראנשטיין, איז געווען א זעהר גרויס געלערנטער מאן און א גרויסער וואלד־סוחר. זיין חכמה און גוטסקייט האט גע׳שמ׳ט איבער א גרויסען טהייל פון ליטא, פוילען, רוסלאנד און אוקריינא. מיט זיינע קלוגע, פראקטישע עצות און מיט זיין געלט האט ער תמיד געשטיצט און געהאלפען אלע נויטבאדערפטיגע, סיי אידען און סיי קריסטען. די פויערים פון די דערפער פלעגען איהם מיט קיין אנדער נאמען ניט אנרופען, ווי אונזער גוטער פאטער׳ל. אבער די זעלבע קריסטען, וועלכע האבען געלעבט פון מיין טאטענס „ברויט און זאלץ", די זעלבע פויערים, וועלכע פלעגען רופען מיין טאטען „אונזער גוטער פאטער", זיינען אנגע־רייצט געווארען פון עפעס א בארבארישען יעזואיטישען גלח" און זיי זיינען פארוואנדעלט געווארען אין אמת׳ע בלוטדורשטיגע חיות. זיי האבען צוראבירט אונזער פארמעגנע, צובראכען און חרוב־געמאכט אונזער הויז און, לסוף, אויסגעשאכטען אונזער משפחה. מיין גוטען אלטען טאטען האבען זיי געמאטערט מיט די שרעקליכסטע און אכזריות׳דיגע יסורים. און ווען איך און מיינע חברים, אידען און קריסטען, וועלכע האבען זיך ארגאניזירט אין א זעלבסט־שוץ־מחנה זיינען אנגעלאפען און מיט מסירת־נפש קוים צוטריבען די צווילדעטע בלוט־דורשטיגע צוויי־פיסיגע מענשען־חיות, האט מיין פאטער נאך קוים געאטעמט. מיין מוטער און מיינע צוויי קלענערע שוועסטער האב איך ניט דערקענט. ס׳איז פון זיי געבליבען נאר א מאסע אנגע־ווארפענע מענשען־גלידער: אויגען, הענט, פיס, צובראכענע ביינער, אפגעשניטענע בריסט, האר צוזאמענגעמישט מיט מארך און בלוט!

מיט איבערנאַטירליכע כחות האָט מיין פאָטער קוים גערעדט: „יהודה, מיין זון! איך שטאַרב! די יעניגע וועלכע האָבען געגעסען מיין ברויט, האָבען איצט אויסגעזויגען מיין מאַרך און מיין בלוט. אַ, גאָט! ביז ווי לאַנג נאָך וועסטו אונז אַזוי שטראָפען! יהודה מיין זון! — דו מוזט מיר שווערען, אַז איצט, ביי מיין גסיסה, איידער מיין צע־ווהעהטאָגטע נשמה וועט נעהן שפּאַלטען הימלען, פאַר דעם גרויסען אומרעכט וואָס מען האָט אונז געטאָן, אַז דו וועסט אַנטלויפען פון דער „ארץ־הדמים" פון דאָס „בלוטיגע לאַנד". אַנטלויף, מיין זוהן, אַהיים! אַהיים, נאָך אונזער ארץ־ישראל, נאָך דעם לאַנד פון אונזערע נביאים! אָבער איך בעט דיך, זון מיינער, אַז איידער דו פאַרלאָזט די ארץ־הדמים, געפין ערגעץ־אויס מיין פאַרלאָרענעם ברודער אלכסנדר, וועלכער איז פאַרשוואונדען שוין קרוב צו אַ האַלבען יאָהרהונדערט. מיין טאַטע טוביה עליו השלום, האָט מיר פאַר זיין טויט געבעטען, אַז איך זאָל איהם למען־השם אויפזוכען און העלפען איהם ווי אַ ברו־דער. אָבער מיין זוכען און פאָרשען איז געווען אומזיסט. כ'האָב ניט געהאַט פון איהם קיין שום שפּור. דו, מיין יהודה, ביזט יונג, בראַוו, שטאַרק און געלערענט אין פיעלע לשונות. געה און זוך־אַרום מיין פאַרלאָרענעם ברודער. אויב ער לעבט און נויטיגט זיך אין הילף, שטיץ איהם מיט אַ ברידערליכער האַנט, און אויב ער איז חלילה צווי־שען די טויטע — אפשר האָט ער איבערגעלאָזען קינדער, אייניקלאַך, נעהם זיי אונטער דיין שוץ און אַנטלויף מיט זיין נאָך ארץ־ישראל!"
מיט דיזע ווערטער איז זיין הייליגע, גוטע, נאָבעלע, פאַר־יסורים־דיגע נשמה אויסגעגאַנגען.

זינט דאַן וואַנדער איך פון שטאָט צו שטאָט און פון דאָרף צו דאָרף. עס פעהלען מיר ניט קיין צרות פון די שוואַרצע ראַספּוטין אָרדנונגס־היטער. די טייערע פּאָליציי, וועלכע רויבען און מאָרדען פראַנק און פריי מיט אַ הכשר אַזש פון אויבענאָן... אָבער מיין פאָטער האָט מיר איבערגעלאָזען אַ גוטען מיטעל ווי פּטור צו ווערען פון אַט די רוסישע וועכטער. אַזוי שנעל ווי זיי דערשמעקען די צאַרישע פּאַפּירלאַך, לאָזען זיי מיך גלייך אָפּ. יאָ, מיינע איידעלע גוטע הערען! איך האָב נאָך פיעל געלט, וואָס די כוליגאַנעם האָט ניט געוואוסט, און דאָס גיט מיר די מעגליכקייט צו קענען ארומגעהן זוכען מיין פאָטער'ס ברודער!"

אַ קוואַל הייסע טרערן האָבען גענומען פליסען איבער זיינע שעהנע באַקען, אָבער ער האָט נאָך גערעדט: „איך זוך אַרום מיין אָנקעל

צווישען אַלע קלאַסען מענשען, רייכע און אָרימע, זאַטע און הונגעריגע, פרעהליכע און פאַר׳דאגה׳טע, אפשר וועט מיר גאָט העלפען און איך וועל אָנקומען אויף אַ שפּור. קומענדיג אהער, אין דער שעהנער און הייליגער יאַלטאַ און אַרומדרעהענדיג זיך עטליכע טעג, האָב איך געהערט פון דעם גרויסען סוחר אַלכסנדר טימאָפּייעוויטש. איך וויים, מיינע הערען, אַז איהר וועט אפשר דערנאָך פון מיר חוזק מאַכען און איהר וועט אפשר פון מיר דענקען ווי פון אַ גאַנצען משוגע׳נעם, ווייל איך אַליין האָב מיט׳ן שכל פאַרשטאַנען, אַז דער גרויסער סוחר, דער גרויסער אַריסטאָקראַט און דער גרויס-געלערנטער אַלכסנדר טימאָ־פּייעוויטש איז געווים ניט מיין אָנקעל, ער מוז געווים זיין אַ גוטער ערלעכער קריסט, אַז ניט וואָלט דאָך געווים די הייליגע יאַלטער ערד געוועזן צו הייס פאַר זיינע אידישע פיס. אָבער דער נאָמען אַלכסנדר טימאָפּייעוויטש האָט מיך געצויגען ווי אַ מאַגנעט, און מיין האַרץ און מיין נשמה האָבען מיר גענומען פאַרשטעלען די טויזענטע „מאַראַנען״, די הייליגע „אנוסים״, וועלכע די שפּאַנישע אינקוויזיציע האָט געצוואונגען צו פאַרלייקענען די אמת׳ע אידישע נעמען, דעם אידישען יחוס און די אויטאָ-דע-פעס האָבען מיט געוואַלד אויסגעבערענט דעם אידישען „צלם אלקים״, און איך האָב געטראַכט אויפ׳ן טויזענד־סטען פאַל: ווער וויים? איך האָב עס אפילו מורא פון מיין מויל אַרויסצוברענגען. אָבער איך האָף, אַז איהר אמת׳ע גוטע קריסטען, וועט מיר געווים מוחל־זיין מיין געוואַגטען שריט. ס׳איז ניט מיין אייגענע שולד, איך ווער געטריבען ווי פון עפּעס אַ פאַרבאָרגענעם כח, פונ׳ם כח פון אידישע מאַרטירער, פונ׳ם כח פון די צופּאַגראַמירטע אברים פון מיין מוטער און שוועסטער און פונ׳ם כח פון מיין גוסס־דיגען פאָטער׳ס צוואה.

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַזוי פיעל יסורים, מיט אַזוי פיעל צער און מיט אַזוי פיעל אָנשטרענגונג, אַז ער האָט זיך אַ וואָרף־געטאָן אויפ׳ן שטול און איז געבליבען זיצען ווי אַ פאַר־חלש׳טער.

עס איז געוואָרען שטיל, זעהר שטיל. עס האָט זיך געפיהלט ווי אַ טויטע שטילקייט האָט אונז אַלעמען באַהערשט. ס׳איז געוועזן אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקענט הערען ווי די טרערן פליסען פון אַלע־מענס אויגען. יאָ, מיר האָבען זעהר געוויינט. אפילו די גראַפען האָבען פאַרגאָסען הייסע טרערען. אויסער מיין פאָטער, וועלכער האָט ניט געוויינט, ער איז אָבער געזעסען ווי געליימט, ווי פאַרשטיינערט,

אזוי ווי אלע זיינע אברים וואלטען פארפאראליזירט געווארען, און זיינע אויגען זיינען געווארען אזוי גרויס און האבען געקוקט אזוי מורא'דיג, אז עס כאפט מיר נאך אן א גרויל.

דער אלטער גראף איז דער ערשטער געקומען צו זיך. ער האט זיך אויפגעשטעלט מיט זיין גאנצער גרויס, און ווי עס פאסט פאר'ן שטאלצען גוטען גענעראל, האט ער הויך אויפ'ן קול געזאגט:

„אומבאקאנטער, געפייניגטער, עדעלער יונגערמאן! אונזער הייליגע מאמעלע רוסלאנד איז אויסגעשמירט מיט אומשולדיג מארטירערבלוט! איין ברודער הרג'עט א צווייטען. די קעפ פון די אמת'ע קריסטען זיינען באדעקט מיט שאנדע! אך, קינדערלאך! ס'איז גאט'ס שטראף! אבער ס'וועט קומען א צייט, ווען די מאמעלע רוסלאנד וועט אויסרייניגען איהרע בלוט־פלעקען און וועט ארויסרייסען מיט די ווארצלען פון איהר שטערן קינ'ס צייכען! יונגערמאן, איך שווער ביי מיין אלט־גרויער קאפ, אז איך וועל ניט ארייגלייגען מיין שווערד אין שייד, ביז איך וועל ניט אפוואשען רוסלאנד'ס שאנדע! איך וועל עס אפוואשען אפילו מיט מיין אייגענעם קאפ!"

מיכאיל האט ניט גערעדט. ער האט זיך אבער אויסגעצויגען מיליטעריש, אין זיינע אויגען האבען געברענט א מאדנער פייערל. ער איז געבליבען שטעהן ווי א פארהארטעוועטער צארנדיגער צעזאר. ס'איז געווען ניכר נאך זיין פנים נאך, אז ער האט זיך ענטשלאסען פאר עפעס גרויסעס. ער האט נאר אויסגערעדט:

„יונגערמאן! אייער בלוטיגע געשיכטע האט געעפענט מיינע אויגען. מיין פלאץ געהערט פון איצט אן צו די באפרייער פון רוסלאנד! ס'וועט מוזען זיין ענטוועדער מיין קאפ, אדער די קעפ פון די ראמאנאוו'ס מיט די ראספוטינ'ס!"

מיין ברודער לעאן איז געווען בלייך און אויפגערעגט. זיינע אויגען האבען געשפריצט מיט פייערדיגע פונקען. מען האט געקענט פיהלען, אז אין זיין מח ארבייט זיך עפעס צו־שנעל. בעטינקע איז ארומגעלאפען הין־און־צוריק ווי א צורייצטע לייבין, ביי ווענען מען האט אוועקגערויבט די קינדער. מיין מוטער האט געוויינט אויפ'ן קול און געבראכען די הענט און איך האב געקוקט אויפ'ן יונגען מאן מיט פארטרערטע אויגען און א פארשטיינערטע הארץ.

מיין פאטער איז נאך אלץ געזעסען ווי פאראליזירט, מיט ברייט־פונאנדערגעעפענטע אויגען, און האט זיך ניט גערוהרט פון ארט. מיר האבען זיך אלע זעהר דערשראקען פאר אונזער פאטער און האבען

אויפ'ן קול געגומען שרייען און וויינען: „פאָטער! פאפא! אלכסנדר טימאָפייעוויטש!"

דער אַלטער גראַף האָט אָנגענומען מיין פאָטער'ס הענט און האָט אויסגעקרעכצט: „עד, אלכסנדר טימאָפייעוויטש! גאָט איז מיט דיר! ערוואַך! קום צו זיך! אַלכסנדר טימאָפייעוויטש!"

איך וועל קיינמאָל אין מיין לעבען ניט פארגעסען אָט יענעם מאָמענט. עס וועט אייביג בלייבען איינגעקריצט אין מיין זכרון, ווען מיין פאָטער האָט זיך פּלוצלונג אַרים געטאָן פון זיין שטול און איז מיט אַ מאָדנעם אימפּעט צוגעלאָפען צום יונגענמאַן, האָט איהם אַריינגעכאַפּט אין זיינע אָרימס און האָט זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד. ער האָט געזעדט ווי פאר זיך:

„אַ, מיין זון! מיין קינד! וואָס האָבען זיי געטאָן מיט דיין טאַטען! וואָס האָבען זיי געטאָן מיט מיין ברודער יעקב'ן! אַ, גאָט! דיין שטראָף איז צו גרויזאַם! אַ, דו געפּייניגטער בראַוועער זון פון דאָס פאָלק ישראל! איך בין דיין אָנקעל אלכסנדר, צוליב וועמען דו ביזט נע'זונד שוין אַזוי פיעל יאָהרען און שטעהסט אויס אַזוי פיעל צרות! איך בין ניט ראוי צו זיין דיינער אָן אָנקעל! איך האָב פאַרלייקענט מיין שעהנעם שטאָלצען אידישען יחוס פאר אַ „טאָפּ לינזען", איך בין געוואָרען „אַ מאָדערנער מאַראַן". די שפּאַנישע מאַראַנען זיינען געוועזען הייליגע געגען מיר! זיי זיינען אין האַרצען פאַרבליבען אמת'ע אידען. זיי פלעגען לכל־הפּחות איבערגעבען פון דור צו דור זייער אידישען יחוס און איך בין ווי אַ פאַררעטער אַנטלאָפען פון מיין אומגליקליכע אידישע פאָלק, און האָב פאַרלייקענט מיין יחוס אפילו פון מיינע אייגענע קינדער!" ער האָט אויפגעהויבען די הענט אין דער הויך און האָט אויסגעשריען: „גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט!" און זיך ווענדענדיג צו די גראַפען האָט ער מיט גאַל און מיט ביטערניש אַרויסגערעדט: „אַ, איהר גוטע, אמת'ע קריסטען! לאָכט פון מיר! איך בין ניט מעהר ווי „אלכסנדר בראַנשטיין", אַ איד! אָבער איך בין שטאָלץ מיט מיין אידישען גאָט, וועלכער האָט מיך אויסגעפונען דורך מיינע אייגענע קינדער, דורך מיין גרויסער איזאַבעלא! איך בין נאָכמעהר שטאָלץ מיט מיין נייעם זון יהודה'ן, וועלכער איז העלדישער און בראַוועער פון אונז אלעמען!"

מיר האָבען אַלע ארומגענומען אונזער נייעם ברודער יהודה'ן, וועלכער האָט זיך אין דעם מאָמענט געפיהלט דער גליקליכסטער אין

דער וועלט. אונזערע אלעמענס טרערען האבען זיך צוזאמענגעמישט. מיר האבען אפילו ניט באמערקט, ווי די גראפען זיינען ארוים פון הויז.

זעקסטער קאפיטעל.

די צארישע אגענטען.

מיט דעם אריינקומען פון יהודה׳ן אין אונזער פאמיליע, האט זיך אנגעהויבען א גאנץ נייע תקופה אין אונזער לעבען. מיט זיין קינסטלע־ריש צעוועהטאגטער נשמה פלעגט ער פאר אונז מאלען גאנצע קא־פיטלאך פון אידישע צרות, יסורים און פאגראמען, אבער אויך קא־פיטלאך פון גרויס בטחון, האפנונג און פון א הערליכער צוקונפט. ער פלעגט עס אזוי הארציג און קינסטלעריש שילדערן, אז בשעת מעשה פלעגען מיר פיהלען, ווי מיר אליין לעבען עס דורך. מיר האבען גע־פיהלט ווי מיר אליין ווערען געפייניגט, ווי מיר אליין בלוטען און ווי מיר אליין דערהויבען זיך פאר א בעסערע, שעהנערע צוקונפט. און מערקווירדיג! מיר זיינען אוועק פון איין עקסטרעם צום צווייטען: פון אמת׳ע אסימילאטארען, כמעט „גאנצע קריסטען", זיינען מיר גע־ווארען אמת׳ע אידען, גאנצע אידען, וועלכע זיינען געווען מוכן־ומזומן זיך מקריב צו זיין פאר דאס אידישע פאלק. יעדער איינער פון אונז האט תמיד געטראכט און געזוכט מיטלען, ווי צו פארגרינגערן און פארבעסערן די פארצווייפעלטע, צרה׳דיגע אידישע לאגע.

מיין ברודער לעאן האט גע׳טענה׳ט, אז מען מוז אוועקגעבען אלע כחות און אלע מיטלען דער „רעוואלוציע", דער „פרייהייטס־באוועגונג", און דאן, אז מען וועט פטור ווערען פון דער דעספאטישער רעגירונג, פון די צארען מיט די שווארצע ראספוטינ׳ס און עס וועט עטאבלירט ווערען א פרייע פאלקס־רעגירונג, וואו פרייהייט און גלייכהייט וועט זיין געזיכערט פאר אלע בירגער גלייך, וועלען שוין ממילא אויפהערען די אידישע צרות און אידען מיט קריסטען וועלען געווים לעבען אין פרידען און אחדות אונטער די הימלען פון דער גרויסער סאציאליס־טישער רוסלאנד.

יהודה האט אבער גאנץ אנדערש געדענקט, פונקט דעם היפוך פון לעאנ׳ען. ער פלעגט ענטפערען לעאנ׳ען בזה הלשון:

„איך בין חלילה ניט קיין „מתנגד" צו העלפען דער פרייהייטס־באוועגונג פון דעם רוסישען פאלק, ווייל איך בין בכלל דערפאר, אז מען מוז העלפען און שטיצען יעדער פרייהייטס באוועגונג און יעדען פרייען רוף, וואו נאר מענשען רופען צו א גערעכטען קאמפף, אבער איך צווייפעל, אויב דאס אידישע פאלק זעלבסט וועט דערפון גע־האלפען ווערען, ווייל דאס וואס טויזענדער דורות האבען פארשפרייט און געפרעדיגט, קען מען אפילו דורך „געזעצליכער פרייהייט" ניט אויסווארצלען; מען קען ארויסרייסען בוימער מיט זייערע ווארצלען, אבער עס איז אונמעגלאך אויסצואווארצלען די „אייביגע שנאה צום אייביגען פאלק". לאמיר זיך פארשטעלען אויף א מאמענט, אז די רעוואלוציע האט געזיגט, דער צאריזם איז אראפ פון דער סצענע; די שווארצע ראספוטין־כחות זיינען פארשוואונדען, און אפילו די „גאלדענע קאלב" איז אויך צומאלען אויף אש און שטויב; ס׳קלינגט דער גרויסער פרייהייטס־גלאק, ס׳הילכט שטארק די פרייהייטס־ליד, עס שיינט די ליכטיגע פרייע זון און אלע שבטים און אמונות פון דער גרויסער באפרייטער רוסלאנד: קריסטען, אידען, מאכמאדאנער און אנדערע באגריסען זיך און קושען זיך באמת פון גרוים שמחה, אבער דאס וועט געדויערען בלויז א קורצע צייט, אפשר די „שבעת ימי המשתה", אדער דעם גאנצען „האניג־חודש", און נאכדעם וועט די „שנאת עולם לעם עולם" איבער־א־נייעם אויפפלאמען, אפשר אויף אן אנדער אופן; עס וועט אנקליידען א נייע צורה, אבער דער וועה־טאג וועט זיין דערזעלבער, ווייל א „שנאה" וואס ווערט אריינגעזויגען מיט דער „מאמעס מילך" פאר טויזענדער יאהרען, קען מען „געזעצלאך" ניט אויסווארצלען. נעמט אפילו די פרייעסטע לענדער, וועלכע האבען שוין כלומר׳שט דערגרייכט צו דער מדרגה פון „וקראתם דרור בארץ לכל יושביה", גלייכהייט און פרייהייט פאר אלעמען, פונדעסטוועגען אנטיסעמיטעוועט מען אויף אלע כלים. אמת, מען מאכט ניט קיין עפענטליכע פאגראמען, אבער דערפאר פארפייניגט מען די נשמות, וואס איז אפטמאל נאך ערגער; ווען מען שטעכט אריין א נאדעל, אפילו מיט א זיידענער האנדשוה — דער וועהטאג איז דאך דערזעל־בער. דעריבער איז די בעסטע עצה, דער איינאונאיינציגער אמת׳ער מיטעל, ווי מיין פאטער האט מיר בעת זיין גסיסה אנגעזאגט און באשווארען: „אהיים! אן אייגענע היים!" אייגענע פיר ווינקעלאך, אייגענער בעל־הבית׳שקייט, וואס מיר זאלען קענען אויסשרייען פאר דער גאנצער וועלט: „אט דאס איז אונזערע! דאס זיינען אונזערע

דאָקטוירים! אונזערע קינסטלער! אונזערע ערפינדער! אונזערע גאונים! אונזערע דיפּלאָמאַטען! אונזערע שטאַאַטסמענער! אונזערע אָריגינעלע, גאַנצע! געפלאַנצט אין דעם אייגענעם גאָרטען און אויס־געוואַקסען אין דער אייגענער לאַנד!" און אַז די פעלקער פון דער וועלט וועלען זעהן און הערען, אַז מיר קענען אויך געבען, ניט נאָר „נעמען", וועט אונזער שטימע מוזען דערהערט ווערען, „ברצון" אָדער „שלא ברצון", און מען וועט זיך מיט אונז מוזען רעכענען אַלס אַ פאָלק צווישען פעלקער, אַלס אַ משפחה צווישען משפחות און דרך־ארץ האָבען פאַר אונזערע בירגער, וואו זיי זאָלען ניט זיין! און דאָן וועלען מיר ערשט קענען אויפהויבען אונזער ריכטיגע, אָריגינעלע אידישע שטים אין דעם אינטערנאַציאָנאַלען אָרקעסטער! יאָ, איך האָב אויך אַמאָל גע׳חלומ׳ט דעם זעלבען „שעהנעם חלום" וואָס איהר, איך בין געוועזן איינער פון די איבערגעבענסטע מיטגלידער אין דער „רעוואָלוציאָנערער פרייהייטס באַוועגונג פאַר דער גאַנצער מענש־הייט", און דוקא זייענדיג אין דער „גרויסער באַוועגונג" האָב איך אויסגעפונען דעם טעות! איך האָב שנעל אויסגעפונען, אַז אַ גרויסע „מחיצה" שטעהט צווישען מיר און מיינע „קריסטליכע חברים", כאָטש זיי אַליין וואָלטען אפשר וועלען צוברעכען אַט די „שנאה־וואַנט", אַרויסרייסען די מחיצה מיט איהרע וואָרצלען, אָבער ביי זייער בעסטען רצון און גוטע כוונות קענען זיי דאָס ניט, ווייל די הארץ איז דאָס רוב שטאַרקער פונ׳ם קאַלטען שכל, און די אייביגע שנאה פון הארצען איז אַלע מאָל גובר די קאַלטע, טרוקענע לאָגיק, און צווישען מיינע בעסטע קריסטליכע חברים האָב איך זיך געפיהלט אַזוי ווי א פרעמ־דער". און יהודה פלעגט פאַרענדיגען: „איך ווייס, אפשר „באחרית הימים", ווען מיר וועלען שוין האָבען אויפגעבויט אונזער ארץ־ישראל, און מיר וועלען שוין זיין בכח דער וועלט צו געבען אויף דאָס ניי, פונקט ווי אַמאָל, ווען מיר האָבען זיי געגעבען אונזער תנ"ך. די איצטיגע דורות וועלען אויסשטאַרבען און א נייער, פרייער דור וועט אויסוואַקסען, וועלכער וועט ניט ציהען זיין יניקה פון דעם „ועל חרבך תחיה", וועלכער וועט אויפהערען צו באוואפענען זיך, קינדער וועד לען אויפהערען צו פארגעטערען דעם „איש מלחמה", אפשר דאמאלס וועט די שנאת־עולם לעם־עולם פארשווינדען!"

מיין שוועסטער בעטינקע פלעגט תמיד זיין איינשטימיג מיט מיין ברודער. זיי פלעגען כמעט אַלע מאָל זיין אין איין עצה, אָבער איך האָב טיף אין מיין הארצען געפיהלט, אַז יהודה האָט רעכט.

איך ווייס אליין ניט ווי אזוי איך בין פּלוצלונג געוואָרען אזא טרייע איבערגעגעבענע אידישע טאָכטער, כאָטש אַלע מיינע יאָהרען האָב איך געדענקט ווי אַן אמת׳ע קינד פון׳ם גרויסען רוסישען פאָלק. די ערשטע „אידישע זריעה" האָט אין מיר איינגעפּלאַנצט דער גרויסער ראַפאַאיל און געהאָלפען צו באַפעסטיגען עס האָט ניט קיין אַנדערער ווי מיכאיל מיט זיינע ערקלעהרונגען, „אַז די שנאה צו אידען האָט ער נאָך איינגעזויגען מיט זיין מאַמעס מילך", אָבער מעהר פון אַלע־מען, גלויב איך, האָט אויף מיר געווירקט יהודה, וועלכער האָט געמאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרעניש אין מיין האַרץ און נשמה. און אַט אַזוי פלעגען מיר דעבאַטירען, דיסקוטירען און אַרגומענטירען גאַנצע טעג און נעכט. אמת, מיר פלעגען זיך פונאַנדערגעהן אין אונזערע שטות, אָבער סוף־כל־סוף האָבען מיר אַלע געשטרעבט צו איין־און־דעמזעלבען צוועק; מיר האָבען זיך אַלע אַרומגעדרעהט אַרום דעם „פּינטעלע איד", און מיר האָבען אַלע געזוכט דעם ריכטיגען וועג, די ריכטיגע מיטלען ווי צו באַפרייען אונזער פאָלק פון די אייביגע צרות.

איינמאָל, אין אַ ווינטער־נאַכט, בעת מיר אַלע זיינען געווען פאַר־טיפט אין אונזערע דעבאַטען מכח דער אָנגעוועהטאָגטער אידען־פראַגע, זיינען אַריינגעקומען ביידע גראַפען (איך וויל דאָ באַמערקען, אַז זינט יענעם אָוונט, ווען מיר האָבען ענטדעקט אונזער יהודה׳ן, איז מיכאיל געוואָרען גאָר אַן אַנדער מענש. עס איז געווען ניכר פון זיין גאַנצער האַלטונג, אַז ער אַרבייט טאָג און נאַכט אין געהיים). ביידע גראַפען האָבען גענומען אַ וואַרימען אינטערעס אין אונזערע דעבאַטען מכח דאָס אידישע פאָלק, און צו אונזער אַלעמענס באַוואונדערונג, האָט דער אַלטער גראַף אַרויסגעזאָגט כמעט די זעלבע געדאַנקען וואָס יהודה און האָט צוגעגעבען, אַז דאָס וואָלט געווען די בעסטע רעטונג פאַר דאָס אידישע פאָלק; דאָס וואָלט ראַדיקאַל, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, געלייזט אויף אייביג די אידען־פראַגע.

מיכאיל האָט זעהר שטאַרק געהאַלטען מיט לעאָנ׳ען און בעטינקען. ער האָט צוגעגעבען, אַז עס איז איבעריג און שעדלאָך צו שאַפען נייע מלוכות און פאַרשפּרייטען דעם ענגען „שאָוויניזם", וואָס מען קען בעסער מיט עטוואָס מעהר אָנשטרענגונג אין גאַנצען פטור ווערען פון דעם „שאָוויניזם" און „מלוכה׳לאַך" און אָרגאַניזירען „פאַראייניגטע שטאַאַטען" מיט איין אַלגעמיינע מלוכה איבער דער גאַנצער וועלט, און דוקא פון דעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט נאָך קיינמאָל ניט גע־וואוסט פון קאָרופּציע, שווינדעל און לעבען אויפ׳ן חשבון פון אַנ־

דערע. „יא", האָט ער שטיל פאַרענדיגט. „מיר ארבייטען איצט טאָג און נאַכט, מיר גרייטען צו דעם גרויסען טאָג". וולאדימיר איליאיטש אוליאנאוו, מיט זיין געזונטען שכל און אייזערנעם ווילען האָט אונז אַלעמען געעפענט די אויגען. וולאדימיר האָט אַ זעהר גרויסען קאָפּ, קיינער קען זיך מיט איהם ניט מעסטען, בלויז איין לעאָן און בע־טינקע, זייערע אַלעמענס אויגען האבען זיך ווי גע׳שלום־עליכמ׳ט.

מיין פאָטער איז אוועק אין גאַר אַן אַנדער עקסטרעם, צום בטחון. ער פלעגט תמיד זאגען: „אַט ווי גאָט וועט פיהרען, אַזוי וועט זיין!"

דער אַלטער גראף האָט דערצעהלט זעהר טרויעריגע ידיעות פון די פּאָגראָמען, וועלכע פארשפרייטען זיך, ווי אַ מגפה, איבער גאַנץ רוס־לאַנד. ער האָט מיט אַלע זיינע כחות און איינפלוס געפּרואווט וויר־קען אין די הויכע רעגירונגס־קרייזען, אום אָפּצוהאַלטען די שוידער־ליכע שחיטות, אָבער די „נאַטשאַלסטוואָ" מאַכט זיך ניט הערענדיג. די ווירקונג פונ׳ם „שווארצען ראַספּוטין" אויפ׳ן צאַר איז אַזוי גרויס, אַז ער פאָלגט איהם בלינד, און ס׳איז אַ סברא, אַז דער „צאַר" אַליין איז צופרידען פון דער שוידערליכער „פּאָגראָמען־כוואַליע", דענקענדיג אַז דאָס וועט מאַכען אַ סוף צו דער רעוואָלוציע, וועלכע האַלט אין איין וואַקסען.

מיכאיל האָט שטיל, אָבער ענטשלאָסען, אַלעמען געטרייסט: „באַלד־באַלד וועט דער „ראַספּוטין—צאַריזם" פאַלען און די שחיטות אויף אידען וועלען אויפהערען. איך האָב אויף איהם געקוקט מיט דאַנקבאַרע אויגען, וואָס ער, „אַ קריסט", זאָרגט פאַר „אונז אידען". ער האָט עס באַמערקט, און אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ פרעהליכע ליכטיגקייט, ווייל דעם אמת־זאָגענדיג, אַז זינט יהודה איז געקומען בין איך פון מיכאיל׳ן געוואָרען דערווייטערט און פאַרפרעמ־דעט. מיכאיל אַליין האָט עס אויך דערפיהלט, אָבער ער האָט זיך געטרייסט: „זאָל דער „גרויסער טאָג" קומען, וועט ער ווי אַ גרויסער מלחמה־העלד קומען פאָדערן זיין באַלוינונג"...

און אַזוי ווי מיר אַלע זיינען געזעסען און אַרגומענטירט, איז פּלוצלונג אַריינגעפלויגען די אַלטע גרעפין, יעקאַטערינאַ מאַקסימאָוונאַ, מיט פאַרוויינטע אויגען און האָט גענומען זיך צלמ׳ען און דערצעה־לען: „אַה, באַטיושקאַ! (טאַטעלע) אַן אומגליק האָט געטראָפען! געהיים־אַגענטען האָבען זיך אַריינגעריסען צו אונז אין פּאַלאַץ, מען האָט דורכגעזוכט יעדע ווינקעלע, צושליידערט, צעוואָרפען אַלע זאַכען. עס האָבען ניט געהאָלפען מיינע פּראָטעסטען און טרערען. זיי האָבען

גע׳טענה׳ט, אז זיי האבען א באפעהל אזש פון מיניסטער אליין. אבער, א דאנק יעזוס׳ן, זיי האבען קיין זאך ניט געפונען. אה, באטיושקא!״ האט זי געקלאגט. „וואו איז דאס געהערט געווארען, אז מען זאל זיך אריינרייסען צו א גראף אין פאלאץ, און נאך צו א גענעראל מיט מעדאלען, און איבערקעהרען די הויז, פונקט אזוי ווי מיר וואלטען געווען „פראקליאטי זשידעס״?״

ביי די לעצטע ווערטער האט אונז אלעמען א שוידער גענומען. מיכאיל האט גענומען צופען זיינע שעהנע וואנצעלאך צוזאמען מיט די רויטע ליפען, לעאן מיט בעטינקע׳ן האבען באהאלטען זייערע פנימ׳ער, יהודה האט געקוקט אויף מיר און צער׳דיג געשמייכעלט, מיין פאטער האט צוגעמאכט די אויגען און דער אלטער גראף האט גענומען בארוהיגען דער גרעפין: „ניט גע׳דאגה׳ט, מאמעלע! אפשר איז דאס געמאכט געווארען דורך א טעות״. מען האט געקענט זעהן ווי ער שטרענגט זיך אן צו איינהאלטען זיין אויפרעגונג. „האבען זיי דיך עפעס געפרעגט, מאמעלע?״ „יא, באטיושקא! זיי האבען מיך געפרעגט וואו דו באהאלטסט דיינע אלע נויטיגע פאפירען, און וואו דו ביזט אצינד. איך האב זיי געזאגט, אז דו ביזט איצט, מן הסתם, מיט מיכאיל׳קען ביים גרויסער סוחר אלכסנדר טימאפייעוויטש, ווייל אונ־זער מיכאילקע געהט אלע מאל אהין, און אז זיי זיינען אוועק, בין איך גלייך געפלויגען אהער. מסתמא וועלען זיי דא אויך באלד זיין. א, הייליגער יעזוס!״ האט זי זיך גענומען צלמ׳ען.

„בארוהיג זיך, מאמעלע!״ האט ער נאך אמאל געזאגט. „דו נעהם בעסער מאריא איוואנאוונא׳ן און געהט ארויף אויפ׳ן צווייטען שטאק, ווייל מיר וועלען היינט איבערנעכטיגען ביי אלכסנדר טימאפייעוויטש!״ און אזוי שנעל ווי מיר זיינען געבליבען אליין, האט דער אלטער גראף באמערקט: „עד, קינדערלאך! ניט גע׳דאגה׳ט! לאמיר קעמפפען ווי העלדען! עס איז מלחמה־צייט, פארשטעהט איהר מיך! דעם צאר׳ס שפיר־הינט וועלען מסתמא באלד דא זיין!״ מיין פאטער האט שטיל געענטפערט: „גאט׳ס משפט איבער מיר הויבט זיך שוין אן! קינדער מיינע, לאמיר זיין גרייט אויף אלעס. איך בין מוכן־ומזומן אויף דאס ערגסטע, אבער לאמיר לכל הפחות קעמפפען ווי העלדען און ניט פארלירען אונזער שכל!״

מיר האבען זיך אלע איבערגעווארפען מיט בליקען. מיכאיל האט שטארק געדריקט די הענט׳ל פון זיין שוועסטער; ביי לעאנ׳ען האט עפעס געארבייט שנעל אין מח, אויסער יהודה, וועלכער איז געבליבען רוהיג.

ער האָט נאָר באַמערקט: „גרייט אָן עטלאַכע ,צאַרישע פּאַפּירלאַך' און אַלעס וועט זיין אַגיל ואשמח'דיג!“

מען האָט געקלאַפּט אין טיר: „עפענט־אויף אין נאָמען פון געזעץ!“ האָבען זיך געהערט שטימען.

מען האָט אויפגעעפענט די טיר. דריי געהיים־אַגענטען פון דער געהיים־פּאָליציי זיינען אַריינגעקומען.

דער עלצטער פון זיי איז צוגעגאַנגען צום גראַף און האָט ערקלערט: „גראַף גענעראַל פּיאָדאָר מיכאַילאָוויטש! אייער דורכלויכט דאַרף אויף אונז ניט ווערען אין כעס. מיר זיינען ניט מעהר ווי שטעקענס אין די הענט פון צאַר באַטיושקאַ!“ און ער האָט געצייגט אַ פּאַפּיר פון מיניסטער, וואו ס'שטעהט בפירוש געשריבען: „היות, ווי אימיצער האָט צוגעשיקט אַ צושריפט צום צאַר באַטיושקאַ אַליין, אַז גראַף גענעראַל פּיאָדאָר מיכאַילאָוויטש האָט געמאַכט „יד־אחת“ מיט די „זשידעס“, וועלכע ווילען אומברענגען דעם „צאַר“ מיט זיין גאַנצע רעגירונג, באַפעהל איך אייך אין נאָמען פון זיין מאַיעסטעט דעם צאַר, צו מאַכען אַ געהיימע אונטערזוכונג ביים גענעראַל אין הויז און אַזוי ווייטער. אונטערגעשריבען: אינערליכער מיניסטער“. מיר האָבען געמאַכט אַן אונטערזוכונג אין אייער פּאַלאַץ און, אַ דאַנק יעזוס'ן, מיר האָבען גאָרניט געפונען, וואָס זאָל וואַרפען "אַ שוואַרצען פלעק" אויף אייער גרויסען נאָמען. אָבער איהר וועט אונז ענטשולדיגען, גראַף גענעראַל פּיאָדאָר מיכאַילאָוויטש! עס איז זאַקאָן! מיר מוזען אַלע דינען טריי אונזער צאַר באַטיושקאַ! מיר מוזען באַזוכען אייערע קעשענעס, אפשר ליגען דאָרטען עפּעס געהיים־פּאַפּירען!“

דער אַלטער גראַף האָט זיך מיט שטאָלץ און ווירדע אויסגעצויגען און האָט אויסגעשריען: „איך בין שוין אַ זיבעציגער! געפיהרט גרויסע מלחמות! פאַרדינט די גרעסטע אויסצייכענונגען פונ'ם צאַר אַליין, און דאָס איז מיין באַלוינונג?! אָבער אַזוי איז דער ווילען פונ'ם צאַר אַליין! טהוט אייער פליכט! זוכט אין מיינע בגדים!“

מיכאַיל האָט זיך געוואָלט שטעלען אַנטקעגען, אָבער אויף לעאָנ'ס אַ וואונק איז ער געבליבען רוהיג.

זיי האָבען געזוכט און געזוכט און גאָרנישט געפונען. ווען זיי זיינען פאַרטיג געוואָרען מיט דער אונטערזוכונג, האָט זיך דער עלצטער געווענדעט צו מיין פאָטער: „ענטשולדיגט אונז, איהר גרויסער

מיליאַנער קופּיעץ אַלכּסנדר טימאָפייעוויטש! אינ׳ם נאָמען פון צאַר באַטיושקאַ פרעגען מיר אייך: „זאָגט אונז דעם ריינעם אמת! אפשר האָבען די גראַפען ביי אייך באַהאַלטען געווייסע פּאַפּירען? אמת טאַקע, איהר זייט אפשר א פריינט, א קרוב צו די גראַפען, אָבער דעם צאַר־באַטיושקאַ מוז מען זיין מעהר פריינט פון אַלעמען, אפילו פון דעם אייגענעם טאַטען! ווייל ס׳איז זאַקאָן! פּאָנימאַיעטע?״ (פאַרשטעהט איהר).

„גאָספּאַדאַ!״ (העררען) האָט מיין פאָטער מיט שטאָלץ געפרעגט: „האָט איהר אַ באַפעהל אויך מיין הויז צו אונטערזוכען?״

„ניין, גאָספּאַדין אַלכּסנדר טימאָפייעוויטש!״ האָט ער געענט־פערט. „מיר פרעגען זיך ביי אייך אויף אונזער אייגענער אחריות, אויס טרייהייט און איערגעבענהייט צו אונזער אַלעמענס צאַר באַ־טיושקאַ!״

„אויב אַזוי״, האָט מיין פאָטער הויך און דייטלאַך אויסגעשריען. „הערט־זשע מיך אויס! איך גיב מיין קאָפּ פאַר׳ן גראַף גענעראַל פיאָ־דאָר מיכאַילאָוויטש און פאַר זיין זון, דעם בראַווען אָפיציער גראַף מיכאַיל פיאָדאָראָוויטש! איהר וועט ניט געפינען זייער גלייכען אין גאַנץ רוסלאַנד, סיי אין ערדלקייט, בראַווקייט, און סיי אין פּאַטריאָטיזם. ס׳איז ניט מעהר ווי אַ מסירה׳לע פון עפּעס אַ לומפּ, וועלכער פאַרגינט ניט די עדלע גראַפען. איך אַליין וועל גלייך מאָרגען פריה פאָהרען צום מיניסטער, מכה אָט דעם שענדליכען בלבול!״

הערענדיג אַזעלכע קלאָהרע דבורים פון מיין פאָטער׳ס מויל, האָ־בען זיך אַלע דריי געהיים־אַגענטען גענומען בויגען און קניען ביז צו דער ערד און טויזענטער מאָל געבעטען ענטשולדיגונג.

„איהר זייט ניט שולדיג!״ האָט מיין פאָטער גוטמוטהיג געזאָגט. איהר מוזט פּינקטליך דורכפיהרען אייער געהיימע שליחות. מיר אַלע פאַרצייהען אייך און איך בעט אייך, אַלס בעל הבית, זייט מיינע געסט!״

דעם אמת זאָגענדיג, האָבען מיר אַלע געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערען פון זיי, אָבער ווי ס׳ווייזט אויס, האָט מיין קלוגער פאָטער פיעל מעהר פאַרשטאַנען פון אונז ווי צו האַנדלען אין אַן עת־צרה.

אויף מיין פאָטער׳ס באַפעהל האָט מען צוגעגרייט אַ טיש פון כל־טוב, מיט די בעסטע „משקאות״ פון דער מאָמעלע רוסלאַנד. מיר האָבען זיך אַלע ארומגעזעצט ארום טיש און יעדער איינער פון אונז האָט געמוזט טרינקען „לחיים״ מיט די „געסט״, און ווען די „טייערע

נעסט" האט זיך שוין גוט אנגעשכור'ט, האט מיין פאטער גוט-ברור-דעריש א קלאפ געטאן איבער'ן פלייצע דעם עלצטען גאסט:

„ווי איז דיין נאמען, גוטער ברודער?"

„מיין נאמען?" האט ער קוים געקענט ריידען. „עכעכע, מ'מיין נאמען? עט, איהר ווייסט גאר ניט? עכעכע! איך בין דאך לודאיע-דאוו אליין, דער אמת'ער נאטשאלניק פון דעם צאר באטיושקא'ס גע-היים-אגענטען, פאנימאיעטע?"

„איהר מוזט זיין ביים צאר א גאנצען מחותן?" האט איהם מיין פאטער חבר'יש געקלאפט איבער'ן פלייצע.

„נו, יא, געווים!" האט ער געשטאמעלט. „ביי מיר אין קעשענע ליגען אלע פאדאזריטעלני (פארדעכטיגטע), פאנימאיעטע? דער צאר באטיושקא אליין האט מיר געקלאפט אין פלייצע און געזאגט: „מא-לאדיעץ לודאיעדאוו!" עכעכע, פאנימאיעטע קופעץ?"

„אויב אזוי! מוז איך מיט דיר מאכען נאך א לחיים!" האט מיין פאטער איהם געפאטשט איבער'ן פלייצע און לודאיעדאוו האט אריינגעקעהרט נאך א כוס משקה ביז'ן דעק.

„וואס מיינסטו דערמיט, ברודער ליודאיעדאוו, אז אלע פאדאזרי-טעלניע ליגען אין דיין קעשענע?" האט מיין פאטער איהם געפרעגט.

„עכעכע, גרויסער קופיעץ! דו פארשטעהסט נאך גאר נישט אין די „עניני מלוכה"! נא, לעז!" און ער האט ארויסגעשלעפט א פא-פיר פון זיין קעשענע, וואו עס איז געווען פארשריבען אלע נעמען, וועלכע זיינען געווען אויפ'ן צעטעל פון „פארדעכטיגע פארשוינען" גע-גען דער רעגירונג און געגען צאר, און וואו מען זאל מאכען געהיימע אונטערזוכונגען. מען זאל ניט לעגען קיין כבוד אפילו אויף די נאר-נאהענטע מחותנים און קרובים פון צאר אליין און אזוי ווייטער. אזוי איז דער רצון פון צאר באטיושקא אליין. עס איז געווען גע'חתמ'עט דער אינערליכער מיניסטער.

אין דער צייט ווען מיר האבען געלעזען דעם „געהיימען דאקו-מענט" זיינען די דריי געהיים-אגענטען שטארק געשלאפען. זייער כראפען האט אונז געמאכט פיהלען, ווי דער גרילצען פון ווילדע בלוט-דורשטיגע חיות.

מיר האבען זיך בעראטען וואס צו טאן. און אויף דער עצה פון לעאנ'ען איז באשלאסען געווארען, אז מען זאל זיי איבערגעבען אין די הענט פון דעם „געהיימען בונד פון די באפרייער פון רוסלאנד!"

מיכאיל מיט לעאַניען האָבען אין דער שטיל פאַרלאָזען די הויז, און מיר אַלע זיינען אריין אין אַ צווייטען חדר, איבערלאָזענדיג די „טייערע געסט" מיט זייערע בראַפּענדיגע מוזיק אויף זייערע פּלעצער, מיט די ניט־דערטרונקענע כוסות משקה.

שפּעט נאָך האַלבע נאַכט איז לעאָן מיט מיכאילין געקומען אין דער באַגלייטונג פון נאָך פינף אומבאַקאַנטע פּערזאָנען, וואָס איינער פון זיי האָט געטראָגען קליידער פון אַ פּאָלקאָווניק.

מיין פאָטער האָט איהם איבערגעגעבען די „געהיימע פּאַפּירען" און דער אומבאַקאַנטער פּאָלקאָווניק האָט אָנשטאָט זיי, אריינגעלעגט אין לודאָיעדאָווס קעשענע גאַנץ אַנדערע פּאַפּירען.

דער פּאָלקאָווניק האָט גאָר אַהן צערעמאָניעס אויפגעוועקט די „טייערע געסט" און האָט אין אַ שטרענגען טאָן זיי געפרעגט: „ווער זייט איהר, און ווי אַזוי קומט איהר אַהער?"

„מיר זיינען געהיים־אַגענטען פון צאַר באַטיושקאַ!" האָט לודאָ־יעדאָוו נאָך שיכור'לאַך געענטפערט.

„אייערע דאָקומענטען!" האָט דער פּאָלקאָווניק זיך שוין עט־וואָס געבייזערט.

לודאָיעדאָוו האָט דערלאַנגט אַ פּאַפּיר, וואו ס'האָט זיך געלייענט מכח רעוואָלוציאָנערע פּלענער און ווי אַזוי מען מוז פּטור ווערען פון'ם שווארצען ראַספּוטין מיט דער גאַנצער ראַמאַנאָוו־באַנדע און אַז. וו.

די גאַנצע שכרות איז אַרויס פון לודאָיעדאָוו'ס קאָפּ. עס האָט איהם געטרייסעלט ווי אין אַ קדחת. ער האָט זיך גע'כאַפּט צלמ'ען און האָט אויסגעשריען: „יעזוס! מען האָט מיך באַשווינדעלט! מען האָט איבערגעביטען מיינע פּאַפּירען!"

אָבער דער פּאָלקאָווניק האָט געדונערט:

„שורקען! הינט! ווען וועמען ווילט איהר דאָ פּאַרדרעהען אַ מח?! אַלע רעוואָלוציאָנערען, וועמען מען כאַפּט מיט דער „גנבה" טענה'ן, אַז מען האָט זיי עס אונטערגעוואָרפען! זייט זיך בעסער מודה און ניט אַרויס די איבעריגע נעמען פון די פאַרשווערער, אַז ניט וועל איך אייך דערשיסען ווי די הינט, אַז אפילו אַ האָהן וועט ניט קרעהען!"

לודאָיעדאָוו האָט גענומען שרייען: „איך בין לודאָיעדאָוו, דער הויפּט פון דעם צאַר'ס געהיים־פּאָליציי! לאָזט מיך בעסער אָפּ, אויב אייער לעבען איז אייך טייער!"

דער פּאָלקאָווניק האָט זיך הויך אויפ'ן קול פונאַנדערגעלאַכט: „איך בין ניט פון די שרעקעדיגע!" האָט ער אויסגעשריען. דו מענסט

זיך זיין „לודאיעדאוו“ און קענסט זיך זיין א „מענשען־פּרעסער“! איך האב שוין נענוג אזעלכע חברה געזעהן אין מיין לעבען! איך זאג דיר נאך אמאל: זיי זיך בעסער מודה און גיב ארויס די אנדערע נעמען, אויב דיין לעבען איז ביי דיר טייער!“

לודאיעדאוו האט געגעבען א שפּרונג צום טיר, אבער עפּענענדיג זי האט ער געטראפען א זשאנדאר מיט אן אויסגעשטרעקטען רע־וואלווער.

לעאן האט כלומר׳שט גענומען איינ׳טענה׳ן מיט׳ן פּאלקאווניק, אפשר זיינען זיי טאקע אומשולדיג?

אבער דער שטרענגער פּאלקאווניק האט פון קיין זאך ניט געוואלט הערען און זעהן.

„זייט זיך בעסער מודה!“ האט ער געהאלטען אין איין שרייען. „גיט מיר ארויס די נעמען פון אייער „געהיימער באנדע“, פון אייערע ניהיליסטלאך, באמבע־ווארפער, וועלכע ווילען שטירצען אונזער היילי־גען צאר!“

„גוט!“ האט איינער פון די דריי געהיים־אגענטען אויסגערופען. „איך וועל אייך ארויסגעבען אלע נעמען פון די פיהרער פון די רע־וואלוציאנערען“. און ער האט ווירקלאך אויסגערעכענט א סך נעמען פון אמת׳ע פיהרער פון רעוואלוציאנערען. ער האט זיך מודה געווען, אז ער איז זעהר א טהעטיגער מיטגליד פונ׳ם „געהיימען בונד פון די באַ־פרייער פון רוסלאנד“ אבער צו דערזעלבער צייט האט ער געשפּילט די ראליע פון צאר׳ס א געהיים־אגענט, בכדי צו פארהיטען זיינע חברים רעוואלוציאנערען“.

„דאס וועלען מיר אויסגעפינען!“ האט דער פּאלקאווניק געענט־פערט. און נאך אהן צערעמאניעס האט מען זיי געבונדען, פארשטאפּט די מיילער און אוועקגעפיהרט אין א פארמאכטען אויטאמאביל.

זינט יענער נאכט זיינען מיר תמיד געווען אויף דער וואך, „ווייל ניט אלע מאל טרעפען זיך נסים“. אין אונזער הויז האבען אפט גע־נומען אריינקומען מענשען מיט פאר׳סודות׳דיגע פּנימ׳ער. לעאן מיט בעטקען זיינען געווארען זעהר שפּארזאם אויף ווערטער. זיי האבען מעהר גערעדט אויפ׳ן וואונק, מיט „רמזים“. זעהר אפט פלעגען זיי פארשוואונדען ווערען אויף גאנצע טעג, נעכט און אפילו וואכען. מיין פאטער׳ס פּנים האט אויסגעדריקט דאגה און רחמנות, ער פלעגט זיך תמיד האלטען עצות נאר מיט יהודה׳ן ווען ער האט פארהיי־ליגט, און ער פלעגט וואכען איבער איהם טאג און נאכט. פון מיין

מוטער איז געווארען א שטילע מרה־שחורה׳דיגע פרוי, און בכלל איז אונזער פרעהליכע אריסטאקראטישע הויז געווארען א נעסט פון אומעט און זיפצען.

מיכאיל האט זיין גאנצע צייט אוועקגעגעבען זיינע סאלדאטען. ניט נאר איז ער געווען זייער אפיציער, נאר אויך זייער חבר, וואס א רוד סישען, אומוויסענדען, פרימיטיווען פויער־סאלדאט האט זיך דאס קיינמאל ניט גע׳חלומ׳ט. ער האט מיט זיי געלערענט, ווי אן אמת־טרייער רבי זיינע תלמידים. און ניט בחינם האבען זיינע סאלדאטען געשווארען, אז „ביז׳ן לעצטען טראפען בלוט וועלען זיי אוועקגעבען פאר מיכאיל׳ן“. מיכאיל איז געווארען זייער גאט. זיינע סאלדאטען פלעגען תמיד לערנען מיט ליבע און זיך אויסצייכענען אויף יעדער געביט, מעהר פון אלע אנדערע, און מיכאיל איז דעריבער דערהויבען געווארען צום ראנג פון „פאלקאווניק“.

איך מיט יהודה׳ן האבען געארבייט אויף פארשידענע פלענער, וועלכע זיינען געווען פארבונדען מיט אונזער פאהרען נאך ארץ־ישראל.

מיר האבען אפגעלעגט אונזער רייזע פון טאג־צו־טאג, מיט דער האפנונג, אפשר וועט אונז געלינגען צו געווינען לעאנ׳ען מיט בעטינקען פאר אונזער אידעאל און מיט פאראייניגטע כחות זיך נעהמען בויען אונזער היים. אבער זיי האבען אלץ געהאלטען אין איין טענה׳ן: „ניין און ניין! מיר מוזען איינמאל פאר אלע מאל באפרייען רוסלאנד, וואו אזוי פיעל מיליאנען אידען וואוינען, און דאמאלס וועלען מיר האבען דא ארץ ישראל.

זיבעטער קאפיטעל.

דער בלוטיגער מבול.

שושנה האט אויסגעווישט איהרע אויגען און אפגעכאפט דעם אטעם. לו האט ארויסגעלאזען א שטילען זיפץ, און זי האט פארטגעזעצט איהר טרויעריגע דערצעהלונג:

— מען זאגט א ווערטעל: „א מענש טראכט און גאט לאכט“. אזוי האט פאסירט מיט אונז. אין דער צייט ווען מיר האבען געפלאנעוועט צו פארלאזען דעם „ארץ־הדמים“ און מאכען אונזער נסיעה נאך ארץ־ישראל, האט פלוצלונג אויסגעבראכען די גרויסע „גוג ומגוג“־

וועלט־מלחמה און די גאנצע וועלט איז פארפלייצט געווארען מיט א „בלוטיגען מבול". אלע פעלקער, גרויסע און קליינע, מאנארכיסטישע און רעפובליקאנישע, אויטאקראטישע און דעמאקראטישע, קאפיטא־ליסטישע און סאציאליסטישע, אלע־אלע האבען גענומען טאנצען אינ׳ם „בלוטיגען קאראהאד". די שעהנסטע, בעסטע און געזינטסטע זין און טעכטער האבען זיך געלאזען מקריב זיין אויף „אשמדאי׳ס מזבח" און די גאנצע וועלט איז פול געווארען מיט מארד, גזלה און אנארכיע.

מיכאיל פיאדראוויטש מיט זיינע בראווע סאלדאטען זיינען די ערשטע געפלויגען אויפ׳ן שלאכטפעלד.

ווען ער האט זיך מיט מיר געזעגענט האט ער צו מיר געזאגט: „איזאבעלא! איך שווער ביי מיין קאפ, אז איך מיט מיינע בראווע סאלדאטען וועלען אונזערע לעבענס אוועקגעבען פאר אונזער פאטער־לאנד, און אויב גאט וועט העלפען און מיר וועלען זיך צוריק־קעהרען אהיים בשלום, וועלען מיר מיט דיזעלבע מלחמה־שווערדען באפרייען אונזער רוסלאנד פון די אייגענע אינערליכע שונאים, פון די „ראספו־טינ׳ס און די ראמאנאוו׳ס", און די גרויסע רוסלאנד וועט ווערען א פרייע מדינה און א היים פאר אלע קינדער, אהן אונטערשיד צו וועלכע אמונות זיי באלאנגען!"

איך האב זיך מיט איהם ברידערלאך צוקושט און ער האט מיט א גליקליכען פנים אויסגעשריען: „אט דער אמת־הייליגער קוש פון דיינע ליפען וועט מיר געבען כח און קראפט, צו געהן מחיל אל חיל, פון זיעג צו זיעג!"

מיין ברודער לעאן איז פרייוויליג געגאנגען צוזאמען מיט מיכאיל׳ן צום „שדים־טאנץ" און מיין גוטע שוועסטער בעטינקע האט זיך אנ־געשלאסען אלס „בארמהארציגע שוועסטער פון רויטען צלם".

דעם אמת־זאגענדיג, האט דער „מלחמה־פיבער" מיך אויך ארומגע־כאפט, און איך האב שטארק חשק געהאט נאכצוטאן בעטינקען, אבער יהודה האט מיך אנגענומען פאר די הענט און האט טיעף אריינגעקוקט אין מיינע אויגען. ער האט ווי מיט א „תפלה־טאן געזאגט: „איזא־בעלא! ווען מיר אלע וועלען זיך לאזען מקריב זיין אויף „פרעמדע מזבחות", וואו וועלען מיר נעהמען כאטש „איין קרבן" פאר אונזער אייגענעם מזבח? לעאן מיט בעטינקען, צוויי פון די בעסטע קרבנות, האבען מיר אוועקגעגעבען פאר זיי, אבער דו מוזט געהערען צו אונז! איזאבעלא! ווען מיר אלע וועלען אוועקגעבען אונזערע אלע קינדער און אלע כחות פאר אלעמען און גאר ניט פאר אונז אליין, טא ווער־זשע

וועט בויען אונזער אלט־ניי־לאנד? איזאבעלא!" האט ער מיט טרערען אין די אויגען גע׳טענה׳ט. „דו מיט דיין „יהודית־גייסט", דו מיט דיין „דבורה־הנביאה־נשמה", דו מוזט העלפען בויען אונזער אייגען היים! און אויב זיך שוין יא לאזען מקריב זיין, לאמיר עס לכל־הפחות אויף אונזער אייגענעם מזבח. וועלען מיר אפשר דערמיט קענען צו־גרייטען כאטש אן ארים ווינקעלע, אבער אן אייגענס, פאר די „יתר הפליטה", וואס וועלען איבערבלייבען פונ׳ם בלוטין־מבול!"

אין זיין קול האט זיך געהערט עפעס אזעלכעס, וואס מען קען עס בשום אופן ניט איבערגעבען. עס האט זיך געהערט די שטימע פון טויזענטער דורות, פון מיליאנען אידישע מארטירער, פון קדושים וטהורים! פון צער, בענקשאפט, שטאלץ און האפנונג. איך האב געמוזט הערען זיין רוף, איך האב געמוזט נאכגען נאך זיין קול השופר. אונזערע ביידענס אויגען האבען אריינגעדרונגען אין די טיעפסטע־טיעפענישען פון אונזערע ליידענדע און געלייטערטע נשמות, און אין דעם מאמענט האבען מיר ביידע דורכגעלעבט דעם לאנגען גלות׳דיגען עבר און מיר האבען דערפיהלט א שטארקען בטחון און האפנונג אויף א שעהנעם הערליכען עתיד, און מיר האבען זיך פארבונדען אויף אייביג, אויף טויט און אויף לעבען!

מיין פאטער איז אריינגעצויגען געווארען אינ׳ם גרויסען „מלחמה־שטראם". ער איז טאג און נאכט געווען פארהאוועט מיט צושטעלען כל־ערלייאיגע ארטיקלען פאר די ארמייען, ווי בגדים, שפייז און אז. וו. ער האט זיך פארגעסען וואו ער איז אין דער וועלט, ער איז געטראגען געווארען מיט׳ן שטראם, ווי א שפענדעל אין די רוישענדע ים־כוואליעס. אויסער איך מיט יהודה׳ן, וועלכע האבען אונזערע קעפ ניט פאר־לארען. אונזער ציעל און תכלית איז פאר אונז געווען קלאהר און דייטלאך, ווי אן אפענער בוך. מיר האבען נאר געווארט און געהאפט אויף א גינסטיגען מאמענט. מיר זיינען דערווייל ניט געזעסען מיט פארלייגטע הענט. מיר האבען זיך פארטיג געמאכט צו אונזער נסיעה.

דער אלטער גראף האט צוליעב זיין עלטער ניט געקענט אנטייל־נעהמען אין דער מלחמה, אדער ווי ער פלעגט זיך אליין אויסדריקען: „מען האט מיר געגעבען א וואונק פון אויבענאן, אז איך בין שוין אלט". צוליב זיין שתדלנות פאר אידען האט ער פארלארען דעם חן אין די הויכע צארישע־ראספוטין־פענסטער, און ער איז געווארען ביי אונז א טעגליכער בן־בית. ער פלעגט אבער מיט לעדיגען ניט קומען. יעדעס מאל פלעגט ער מיט זיך מיטברענגען עפעס נייעס פון די

לעצטע געשעהעניסען, וועלכע ער פלעגט גיכער קריגען ווי אַנדערע איינמאָל האָט ער אונז געבראַכט די נייעס פון אַ מערקווירדיגען פאַל, וואָס האָט געטראָפען אין שליסעלבורגער פעסטונג.

אין רוסלאַנד פלעגט דאָס וואָרט „שליסעלבורגער פעסטונג“ אָנוואַרפען אַ שרעק. עס איז געווען אַ „טייפעלס־אינזעל“ נעבען פעטערבורג; אַ שטיינערנע פינסטערע פעסטונג, פון וואַנען מען פלעגט כמעט קיינמאָל ניט קענען אַרויסקומען לעבעדיגערהייט. מענשען וועלכע האָבען געקענט אויסהאַלטען און אָפּזיצען אַ העלפט פון זייער לעבען אין שליסעלבורגער פעסטונג, זיינען געווען פאַררעכענט פאַר הייליגע געבענשטע מאַרטירער פאַר דעם רוסישען פאָלק, אָדער הייליגע לעבעדיגע קרבנות.

און אין אָט דער „טייפעלס־אינזעל“, דערצעהלט דער גראַף, איז געזעסען דער גרויסער באַריהמטער גנב און פאַנטאַזיאָר „טשייקין“. ער איז געזעסען פאַר אַ זעהר גרויסען פאַרברעכען. ער האָט אַרויסגע׳גנב׳עט די „טשודאָטוואַרנאַיאַ איקאָנאַ קאַזאַנסקאַי באָזשע מאַטערי“ (וואונדערליכע איקאָנע פון דער קאַזאַנער הייליגער מאַמען), וועלכע פלעגט וועיזען וואונדערבאַרע נסים, אַז בלינדע זאָלען זעהענדיג ווערען און הינקענדיגע זאָלען אָנהויבען שפּרינגען ווי צום טאַנץ. די איקאָנע איז געווען אויסגעזעצט און באַשאָטען מיט דימענטען און פּערל, מיט די טייערסטע שטיינער. זי איז ווערט געווען אַן אוצר, ווייל גלויביגע מענשען פון דעם גאַנצען לאַנד פלעגען אַוועקשענקען אויף איהר צירונג גאַנצע פאַרמעגענס.

טשייקינ׳ען איז אַריינגעפאַלען אין קאָפּ אַ פאַרברעכערישער געדאַנק: „אויב די איקאָנע קען שאַפען וואונדער, טאָ לאָמיך זי אויספּרובירען. ער האָט זי אַרויסגע׳גנב׳עט פון דעם קלויסטער, אַראָפּגענומען די דימענטען מיט די פּערל, צוהאַקט די איקאָנע אַליין אויף שטיקער און פאַרברענט זי, געמאַכט פון איהר פּשוט אַש. און דאָס וואונדער איז געשעהען: כאָטש זי איז געווען אַ הייליגע, געברענט האָט זי אָבער ווי אַ פּשוט׳ע שטיק האָלץ. די גלויביגע פרומע קריסטען האָבען געציטערט פון שרעק פאַר דער קומענדיגער שטראָף פון הימעל, און דער הייליגער ראַספּוטין אַליין האָט גענומען וואָס מעהר תפלה טאָן, איבערהויפּט דורך די נעכט אין זיין אייגענעם קלויסטער, אַז גאָט זאָל חלילה ניט אויסלאָזען זיין גרימצאָרן צו אַנדערע פאַר טשייקינ׳ס גרויסען חטא. און אָט דער זינדיגער טשייקין איז פּלוצלונג אַנטלאָפען פון שליסעלבורגער פעסטונג. מען ווייס ניט ווי אַזוי. ער געהט

איצט אַרום צווישען דעם פּאָלק און דערצעהלט די ליגענס פון די „נלחים", וועלכע האַלטען דאָס פאָלק אין דער פינסטערניש, „אַז אַ שטיק פּראָסטע האָלץ, וואָס קען פאַרברענט ווערען, זאָל קענען צייגען וואונדער". ער מאָלט פאַר זיי מיט שרעקליכע פאַרבען די גאַנצע אכזריות'ן פון דער פעסטונג, ווי אַזוי די בעאַמטע פון „טייפעלס־אינזעל" פּייניגען די געפאַנגענע, ווי מען שמייסט און מען רייסט שטיקער פלייש פון נאַקעטע הילפלאָזע מענשען, און ווי אַ דאָקטאָר גיסט אַריין דעם געפּייניגטען אַ רפואה, כדי ער זאָל ניט שטאַרבען אונטער די הענט פון די פּייניגער, ווי מען צעהלט די פּייערדיגע שמיץ און ווי עס ווערט דערביי דורכגעפיהרט אַ גאַנצע צערעמאָניע מיט „שוואַרצע נלחים" און אַזוי ווייטער.

און אין דער זעלבער צייט איז דער אַרעסטאַנט „מילאָוואַנאָוו אויך אַנטלאָפען. אַט דער מילאָוואַנאָוו איז געווען אַ מערקווירדיגער אַרעסטאַנטען־טיפּ: ער איז געווען אַ מאַטראָז פון דער צאַרישער יאַכטע. זייענדיג אַזוי נאָהענט צו דער פאַמיליע פון צאַר, איז ער געוואָרען דער ליבלינג פון דעם צאַר'ס קליינע טעכטער'ל „נאַסטאַסיע". דער מאַטראָז האָט זיך צוגעקוקט צו דער הינטער־קוליסען לעבען פון דעם הויף און דערזעהן די פאַלשקייט פון די מענשען און דעם שמוץ פון זייער לעבען, וואָס זיי האָבען געהאַלטען פאַר זייער חוב צו באַהאַלטען פון דער פרעמדער וועלט, אָבער ניט פון דער מאַסע מאַטראָזען אויף דער שיף.

זייענדיג פון דער נאַטור אַן אָרענטליכער אמת'ער מענש, וועלכער איז געבאָרען אין אַ קליינעם ווייטען דאָרף, צווישען פּאַרוואָרפענע פעלדער און וועלדער, און ניט טראַכטענדיג קיין סך, האָט מילאָוואַנאָוו פאַרלאָזען דאָס קייזערליכע שיף און אַוועק אין דער וועלט זוכען דעם אמת און זעהן ווי אַזוי מענשען לעבען. ער איז געוואָרען אַן „וואַגאַנעליסט", איז געווען אַן עדות פון מענשליכער פאַלשקייט, אָבער לסוף האָט מען איהם געכאַפּט און ער האָט געקראָגען „דיסציפּלינאַרני באַטאַליאָן", אָבער ניקאָלאַי'ס טאָכטער האָט איהם אַרויסגעראַטעוועט פון דער צרה און ער איז ווידער געוואָרען אַ מאַטראָז אויף דער זעלבער צאַרישער שיף.

מילאָוואַנאָוו האָט אָבער געזוכט גערעכטיגקייט. מאַכט ער אַ סקאַנדאַל אויף דער שיף־געפענגעניש, באַליידיגט דעם שעף פון דעם קייזערליכער קאַבינעט, „שטאַטס־סעקרעטער טאַנאַיעוו" און מאַכט פאַר אַ קאַליקע אַ ברוטאַלען אונטער־אָפיציער. לסוף פאַרשיקט מען

איהם אין שליסעלבורגער פעסטונג, און איצט האָט ער געמאַכט אַ „ויברח“.

עס איז באמת ניט קיין וואונדער, האָט דער גראַף געענדיגט, וואָס די רוסישע גרויזאַמקייט אין דעם „פּאָליטישען קאַמפּף“ ביי פאָלקס־אומרו אָדער אין פּאַגראָם־צייטען טראָגען דעם כאַראַקטער פון אַ זעל־טענעם מיטעל־אַלטערליכען באַרבאַריזם...

דער אַלטער גראַף האָט זיך יעדען טאָג געריכט אויף דער רע־וואָלוציע, אַזוי זיכער איז ער געווען. ווייל ניט נאָר די מאַסען האָבען געקרעכצט פון די גרויזאַמע קלענערע און גרעסערע בעאַמטע, נאָר אפילו די אַדעליגע האָבען שוין ניט געקענט אַריבערטראָגען די עקעלהאַפטע, פינסטערע ממשלה פון דעם שאַרלאַטאַן ראַספּוטין, וועלכער איז געווען דער ווירקליכער צאַר פון רוסלאַנד. זיי, די אַדעליגע האָבען ניט גע־קענט פאַרטראָגען די גרויסע שאַנדע וואָס רוסלאַנד ווערט רעגירט פון אַן אונוויסענדען שוואַרצען יעזואיט, אָדער קונצען־מאַכער, ווי ראַספּוטין. אַט דעם חברה־מאַן פלעגט די צאַרינע אַליין, די צאַרינע פון דער גרויסער רוסלאַנד, קושען די פּאַלעס פון זיין קאַפּאָטע. דער שאַרלאַטאַן פלעגט ברענגען אין „צאַרסקאָיע סעלאָ“ (קייזערליכע ווילע) גאַסען־פרויען פון פּעטערבורג און די צאַרישע באַדינער פלעגען זיי מוזען באַדינען.

ראַספּוטין איז געווען דעם צאַר'ס בעל־יועץ אפילו אין מלחמה־אַנגעלעגענהייטען. אַט דער שאַרלאַטאַן האָט זיך אַליין באַריהמט, אַז ער האָט זעהר נאָהענטע באַציהונגען מיט אַלכסנדרא פיאָדאָראָוונא. ער פלעגט אויף אַ נידעריגען אופן באַשמוצען דעם נאָמען פון דעם צאַר'ס טאָכטער אָלגאַ. „די מאַמע האָט מיך שוין דערעסען, לעב איך מיט דער טאָכטער, אָלגאַ“, פלעגט ראַספּוטין זאָגען.

איינמאָל, אין דער אָנוועזענהייט פון פיעלע מענשען, האָט ראַס־פּוטין זיך באַריהמט: „אויב איהר ווילט, וועל איך אַרויסרופען אָלגאַ'ן. זי איז אין פּעטערבורג. זי וועט גלייך קומען“.

דאָס איז שוין געווען צופיעל, אפילו פאַר דער אויסגעלאַסענער צאַריסטישער משפחה. ביז איינמאָל האָט קניאַז יוזעפּאָוו פאַרנאַרט דעם „גלח־שאַרלאַטאַן“ צו זיך אין הויז און האָט איהם דערשאָסען ווי מען דערשיסט עפּעס אַ ווילדע חיה און זיין קערפּער האָט מען אַריינגעוואָרפען אין דער טייך נעוואַ.

דאָס איז געווען דער גרעסטער קלאַפּ פאַר דעם צאַר מיט זיין געזינטעל. אָהן זיין טהייערען בעל־יועץ ראַספּוטין האָט דער צאַר

פשוט פארלארען זיין קאפּ. אָבער דערפאר איז דאָס געווען דער ערשטער „ליכט־סיגנאל" פאר דאס רוסישע פאָלק. יעדער איינער פון די אדעליגע האָט, גאָר אהן מורא, ארויסגעוויזען די שמחה פון ראס־פוטינ'ס טויט. דאָס גאַנצע פאָלק האָט נאָך לעת־עתה פון גאָרנישט געוואוסט; דאָס פאָלק איז געווען אין א תוהו־ובוהו־צושטאַנד. זינט די מלחמה האָט פארשפרייט איהרע בלוטיגע פליגלען, איז דאָס לאַנד געווארען א פעלד פאר קריעגס־אָפּעראַציעס, עס האָט זיך אָנגעהויבען דער בלוטיגער ברודער־קאַמפּף פון די כל־המינים'דיגע פּארטייען און פאַרטייעלאַך און גאַנץ רוסלאַנד האָט זיך געפיהלט ווי אויף א פייער־שפייענדיגען בארג, וועלכער קאָכט און זידט און מוז באַלד אָנהויבען שפּריצען מיט פייער.

אכטער קאַפּיטעל.

די רעוואָלוציע.

דער מאָנאַט פעברואר איז געווען זעהר א שווערער, א מרה־שחורה־דיגער. די בעאַמטע זיינען ארומגעלאָפען בייז און פארכמורעט. אין דער לופט האָט זיך געטראָגען דער עכא פון זעהר א גרויסען דונער. איינער דעם צווייטען האָט איבערגעגעבען מאָדנע נייעס. מען האָט זיך גע'סוד'עט, דערצעהלט האַלבע אָפּגעריסענע ווערטער: אין פּעטערבורג... עפּעס א ראַספּוטין... גע'הרג'עט... עפּעס די גאָסו־דאַרסטוועננאיא דומע... ער וועט ניט אויסהאַלטען... ער וועט אראָפּ־פליהען... עס וועט נעהמען א סוף צו אלע צרות... זיי האָבען אלע פארזינדיגט... ער... די גרויס־פירסטען.... אלע, אלע האָבען געזינ־דיגט, און איצט וועלען זיי פאר אלץ באַצאָהלען...

אָבער מען האָט גערעדט שטיל, פאָרזיכטיג, אז קיינער זאָל ניט הערן, ווייל פאר יעדען קליינעם חטא אין מלחמה־צייט קומט שיסען אָדער שמייסען מיט דער נאגייקע. דאָך האָט דער עולם זיך אויף עפּעס געריכט און אלע ווייכע פלעגט מען פרעגען: „וואָס הערט זיך אין פּעטערבורג?... וואָס הערט זיך אין קיעוו?... אין כארקאָוו?... וואָס זאָגט דער פראַנט?... וואָס הערט זיך פונ'ם גרויסען קריעגס־העלד, פון גרויסען ארגאַניזאַטאָר?..."

דער מאָנאַט דער שווערער איז אוועק און ס'איז שוין דער ער־שטער מאַרטש. „הא?!" פרעגט דער עולם.

וואס דערצעהלען דארטען די נייע אנגעקומענע?... אין פעטער־בורג איז א רעוואלוציע?... ראספוטין דער׳הרג׳עט... די סאלדאטען געהען צוזאמען מיט׳ן פאלק... זיי וועלען ניט שיסען... צאר ניקאלאי אליין לויפט פון איין ארט צום צווייטען...

און אין פעטערבורג האט זיך אנגעהויבען אויף אן אמת די לאנג־ערווארטעטע רעוואלוציע. דער גרויסער רעוואלוציאנער אלכסנדר קערענסקי מיט זיינע טריישע איבערגעגעבענע סאלדאטען זיינען אנגע־פאהרען אין צארסקאיע סעלא.

קערענסקי מיט זיינע אדיוטאנטען זיינען גלייך אריין צום צאר און ער האט פאר אלעמען אין די אויגען אויסגערופען: „אין נא־מען פון דער רעוואלוציע, אינ׳ם נאמען פון די באפרייער פון רוסלאנד און אינ׳ם נאמען פון דער באפרייטער רוסלאנד, ער־קלעהר איך דעם צאר מיט דער צארינע מיט דער גאנצער צארישער משפחה אלס ארעס־טירטע אין פאלאץ!“

דער צאר האט אויסגעשטרעקט אלכסנדר׳ן זיין האנט, אבער ער האט זי ניט אנגענומען. ניקאלאי פרעגט זיך: „פאר וואס?“ און אלכסנדר ענטפערט איהם: „איך בין געשיקט פון פאלק, און ווען דאס הונגעריגע רוסישע פאלק האט צו אייך אויסגעשטרעקט זיין האנט האט איהר ניט אנגענומען, קען איך איצט ניט אננעהמען אייער האנט!“

אלכסנדר האט זיך באצויגען צום צאר זעהר קארעקט, אנשטענ־דיג און העפליך. ער האט נאר געזאגט: „אייגענטליך האב איך איצט דעם כח אויסצושיסען אייך אלעמען אלס פאררעטהער פון רוסלאנד, דערמיט וואס איהר האט געוואלט מאכען א באזונדערן שלום מיט ווילהעלם פון דייטשלאנד, און צוזאמען דערשטיקען די באפרייער פון רוסלאנד. איהר האט זיך בעסער געוואלט פארקויפען צו דייטשלאנד, אום צו קענען אויס׳הרג׳נען די בעסטע קינדער און פרייהייטס־קעמפער פון רוסלאנד. איך וועל עס אבער ניט טאן. מיר ווילען באפרייען רוסלאנד פון איהרע בלוטיגע הערשער, פון די פאגראמען־מאכער, פון די איוואן גראזנים און פון די בלוטיגע ראמאנאווס, וועלכע האבען זיך פאר לאנגע דורות געבאדען אין אומשולדיגע מענשליכע בלוט. מיר ווילען אבער ניט צאהלען „בלוט פאר בלוט“. די אמת׳ע סא־

ציאַליסטישע לעהרע זאָגט: „אַלע בלוטען זיינען רויט, אפילו פון בלוט־פאַרגיסער און בלוט־זויגער".

„איך פאַרלאַנג נאָר פון אייך, אַז איהר זאָלט אונטערשרייבען אַט דיזען פּאַפּיר, אַז איהר ענטזאָגט זיך לחלוטין פון׳ם רוסישען טראָן, אַז ניט איהר, ניט אייערע קינדער, ניט אייערע קינדס־קינדער און ניט איינער פון אייערע ראָמאַנאָוו משפחה און אַנדערע צאַרישע קרובים וועלען קיינמאָל ניט האָבען קיין פּרעטענזיעס אויפ׳ן רוסישען טראָן און אויפ׳ן רוסישען פּאָלק!"

ניקאָלאַי ראָמאַנאָוו, געזאָלבטער דורך גאָט׳ס גנאָדען, אַליינהערשער איבער דער גאַנץ גרויסער רוסלאַנד און פּוילען, האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און ער האָט אונטערגע׳חתמ׳עט דעם פּאַפּיר.

אַט אַזוי האָט דער גרויסער, בראַווער אַלכּסנדר קערענסקי, נאָר אָהן שום בלוט־פאַרגיסונג דורכגעפיהרט איינעם פון די גרעסטע, שעהנסטע רעוואָלוציאָנערע קאַפּיטלאַך אין דער רוסישער געשיכטע און אויף אַזאַ אופן איז אָפּגענומען געוואָרען פון דער רוסישער געשיכטע דער לעצטער רוסישער צאַר.

עס איז געווען איינער פון די גרעסטע היסטאָרישע טעג אין רוסלאַנד. עס איז געוואָרען ליכטיג אין אַלע ווינקלאַך.

שנעל ווי אַ בליץ האָט דער פרייהייטס־שופר אויסגערופען די גליקליכע פרייהייטס־בשורה: „ניטאָ מעהר קיין צאַר און ס׳וועט ניט זיין מעהר קיין צאַר! הוראַ!!! אויס! אויס! ניטאָ מעהר קיין שמייסען, ניטאָ מעהר קיין קייטען, ניטאָ מעהר קיין הארען און ניטאָ מעהר קיין שקלאַפען!"

אַלע גאַסען, אַלע וועגען און אַלע פעלדער זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט מענשען. מען האָט געשריען, געזונגען, געוויינט און געלאַכט: הוראַ, הוראַ!!!

עס האָט זיך אָנגעהויבען דעם פרייהייטס־יום־טוב. אַ מענשען־שטראָם האָט זיך געצויגען איבער גאַסען און געסלאַך, אויף פאַרזאַמלונגען און מאַניפעסטאַציעס. אַלעס האָט געזונגען. אַ פאָלק האָט צובראָכען איהרע קייטען! אַ פאָלק איז באַפרייט געוואָרען! אַ ניי־פאָלק ווערט געשאַפען! עס לעבע די פרייהייט! הוראַ! הוראַ!!!

דער צאַריזם איז טויט! מיליאָנען מענשען זיינען אין די גאַסען אַרויס, אַלטע מיט איינגעפאַלענע ברוסטען, פרויען מיט קינדער אויף די הענט, אַלעס האָט זיך געטראָגען ווי אַ שטראָם און עס האָט זיך גע־הערט אַ לאַנגער צוזאַמענגעגאָסענער „ראַ, ראַ, ראַ"!!!

הונדערטע טויזענדע פאָהנען, רויט און רויטער, בלוט און פורפור, מונטערע אויסגעשרייען, בייזע פויסטען און האַרציגע שמייכלען פון פרוי און קינד.

פון דעבער און באַלקאָנען האָבען געקוקט אַנדערע צעהנדליגע טויזענטער, מיט אַלערליי פאַרביגע טיכלאַך, היט און פאַפּאַכעס, סיביריא־קעס, טאַטאַרען, כינעזער, יאַפּאַנעזער, ברייט־בייניגע מאַסקאַליען און דאַרע אידעלאַך, סאָלדאַטען, סטודענטען, שוהל־קינדער און אַלע אינ־איינעם שרייען „ראַ־ראַ־ראַ!!!" עס הילכסט די „מאַרסעליעזע", עס ברומט די „התקוה". דער הימעל איז דוכט זיך היינט אין אַ סכנה אַראָפּגעשלעפּט צו ווערען אויף דער ערד...

אַט רעדט איינער פון אַ באַלקאָן, אַ צווייטער פון אַ בוים, אַ דריטער פון אַ טראַמוויי־סלופּ און אַלע האָבען עפּעס צו זאָגען. עס דוכט זיך, אַז די גרויסע שטיינערנע הייזער וועלען אָנהויבען ריידען, די ווענט, די שטיינער און אַלעס.

גאַנץ רוסלאַנד, די הונדערט און זעכציג מיליאָנען מענשען האָבען דאָס מויל געעפענט און גערעדט. יונג און אַלט, גרויס און קליין, סוחר און פויער, בירגער און סאָלדאַט, אַלע האָבען מיט אַמאָל גע־בראַכט זייערע קליינע און גרויסע אמת'ן און עס אויסגעשאָטען פאַר אַלעמען און פאַר יעדען. מען האָט גערעדט הויך אויפ'ן קול, מיט פייער, מיט גלויבען. אין שענק, אין די צערקוועס, אין די שולען און אין די טעאַטערע, און ממש די גאַנצע פיער און צוואַנציג שעה פון מעת־לעת, אַלעמענס פּנימ'ער האָבען געלויכטען, מען האָט זיך אמת־ברידערליך געקושט, געהאַלזט, גערעדט און געוויינט.

עס זיינען געווען קלוגע און נאַרישע רעדעס, אמת'ע און האַרציגע פּונ'ם פּשוט'ן פאָלק, און אויך פאַלשע און דעמאַגאָגישע, וועלכע קענען ברענגען צו אַ נייעם חורבן.

עס זיינען געווען ליכטיגע און טונקעלע טעג, ווייסע און פאַר־חלומ'טע נעכט. זיי זיינען דורכגעשוואומען פאַר אַלעמענס אויגען, פּונקט ווי צאַרטע עלאַסטישע גראַציעזע שווימערינס אין רוישענדע כוואַליעס.

און דאס האט זיך געצויגען טעג, וואכען און חדשים. אין אנ־פאנג מיט גייסטיגע פרייד, שפעטער מיט אויפרעגונג און צארן און צום סוף מיט בלוט און ווילדקייט.

צום אנפאנג האט מען דערצעהלט די גרויסע נסים, ווי אזוי דער צאריזם איז געפאלען. מען האט גערעדט מיט שמחה, אבער רוהיג, אהן נקמה־אויסרופען. דערנאך האט מען גענומען ריידען, ווי אזוי מען מוז איצט איינפיהרען אט דעם נייעם גליקליכען לעבען, נאר דער עיקר־פראגע איז געווען: „צי מען דארף ווייטער פיהרען די מלחמה"? „צי מוז מען ווייטער טאנצען אין בלוטיגען קאראהאד"?

ארום אט דער דאזיגער פראגע האט געברענט א פייער, א וואול־קאן. אלכסנדר קערענסקי׳ס נאמען פלעגט דערמאנט ווערען מיט גוואלדיגע אפלאדיסמענטען. זיין בילד פלעגט זיך יעדע ווייל׳ע אויפ־הויבען איבער דעם פיעל־קעפיגען עולם. אבער פיעלע פלעגען מיט פארביטערונג אויסשרייען: „גענוג בלוט! גענוג שוין מלחמה! נידער מיט׳ן בלוטיגען מבול!"

עס באווייזט זיך אן אויסגעדארטער אידישער פנים מיט א התלהבות׳דיגען אויסגעשריי: „חברים! איצט מעג איך פריי נעכטי־גען אזש אין סאמע מאסקווע! און מעהר פאר קיינעם קיין מורא ניט האבען!"

א פרוי מיט בייזע אויגען שרייט אוים: „איהר ווייסט פון רויטע פאהנען, פון פאהנען וועלכע פלאטערען איצט אויף אין אלע פאלאצען און הייזער פון די באזיגטע; איהר ווייסט פון שווארצע פאהנען, פון טויט און נקמה, אבער איהר ווייסט ניט דעם שרעק פון אט דער „גע־לער פאהן!" דערביי האט זי ארויסגענומען איהר „געלען פאספארט", איהם צוריסען אויף שטיקלאך און צושפרייט אויף אלעמען. עס האט ארויסגערופען אן עפעקט. דער רעדנערין האט מען אויף די הענט געטראגען.

א שווערער אויטאמאביל האט זיך אריינגעריסען אין דער מאסע און א יונגערמאן, שטעהענדיג, האט אויסגעשריען: „וואס שפאצירט איהר מיט די פאהנען?! די בורזשועס זיצען אין די פאלאצען און איהר שפייזט זיך מיט שעהנע רעדעס, מיט עולם הבא!"

„נידער מיט די אנארכיסטען!" גיט ווער א געשריי פון עולם. נאר דער יונגערמאן מיט עטליכע פון זיינע חברה־לייט נעהמען טיילען דעם עולם פארשידענע חפצים, מיט וועלכע דער אויטאמאביל איז אנגעלאדען. עס ווערט א שטופענעס, אלע ווילען עפעס באקומען.

דאס האבען די אנארכיסטען צוראבירט ערגעץ א פאלאץ און מיט אזא סארט אגיטאציע ווילען זיי נעהמען דעם עולם. עס געלינגט זיי. איינער כאפט מענער קליידער, א צווייטער — וועש, א דריטער א בילד, א סטאטוע פון בראנז, לעפעל־גאפעל און די גאס ווערט פארוואנדעלט אין א מארק.

און אט אזוי האט מען געפייערט דעם ערשטען נצחון־יום־טוב פון דער באפרייטער רוסלאנד.

אלכסנדר איז געווען דער העלד פון טאג, ער האט בחפזון'דיג פונקט ווי ביי יציאת מצרים, צונויפגעשטעלט א צייטווייליגע פראוויזארישע רעגירונג.

דער גראף, מיינע עלטערן און איך זיינען געווען מלא שמחה. מיר זיינען געשוואומען אויף די שמחה־כוואליעס גלייך מיט אלעמען, אויסער יהודה, וועלכער איז געבליבען דערזעלבער. ער פלעגט שטיל באמערקען: „וועט מען אונז אויך איינלאדען צו דער סעודה? און אויב יא, צי וועט מען אונז איינלאדען אלס אמת'ע מחותנים, אדער נאר אלס אורחים?”

מיר זיינען אלע געפאהרען נאך ליוואדיע אנצוקוקען די פאליטישע קראנקע, וועלכע מען האט אהער אראפגעבראכט פון די „קאטארזשנע טורמעס”. כמעט אלע האבען געהאט לונגען־פעהלער. מען האט זיי באזעצט אין די הייזער, וואו פריהער פלעגען לעבען א גוטען טאג די צארסקע משפחות און אנדערע הויפלייטע. דאס איז געווען אין א געוויסען זין די נקמה פון דער געשיכטע. די באדינטע פון הויף, וואס פלעגען פריהער קאכען, באקען און באדינען די צארישע מיוחסים, האבען איצט געמוזט ארומגעהן און באדינען אט די אפגעריסענע און אויסגעפייניגטע קאטארזשניקעס.

אין ליוואדיע איז נאך דער רעוואלוציע געווען דוקא זעהר שטיל. די בלומען האבען געבליהט, אונטען־אונטען נאך די באגרינטע טעראסען, אונטער די פעלזען, וועלכע זיינען פארוואקסען ארום און ארום האט דער ים שטיל געקלאפט זיך אן ברעג, די טרויבען האבען אלץ מעהר זאפט אנגעקליבען, די ווייסע, גרויסע מאנגאליעס האבען גע'שכור'ט מיט זייער ריח.

פון יאלטא זיינען אלץ מעהר געסט געקומען באקוקען די שעהנע ליוואדיע, ווייל פון גאט־געבענשטען קרים האבען זיך די ראמאנאװס אויסגעקליבען די בעסטע גן־עדן־ווינקעלאך, די גרעסטע חלקים פאר זיך גענומען און די קלענערע צוטיילט צווישען די הויפלייט. אויף

צעהנדליגע וויארסטען ציהען זיך די ווילעס פון די גרויספירסטען, פון די דאלגארוקאווס, קליינמיכלס, וואראנצאווס און אנדערע. די שעהנסטע וויינגערטנער, די בעסטע סעדער און וועלדער האבען געהערט צו זיי.

ליוואדיע איז אן אימעניע, וואס ליגט צוויי ווארסט פון יאלטא. זי ציהט זיך וויט ביז א העלפט וועג צום בארג איי־פעטרי, ביז דעם וואסערפאל אוטשאן־סו. ליוואדיע האט געהערט צום צאר ניקאלאי ראמאנאוו. דארטען האט ער פארבראכט עטליכע חדשים אין יאהר. דארטען פלעגט אויך אראפקומען דעם באריהמטער שארלאטאן ראספוטין און אין יאלטא דערצעהלט מען וועגען איהם פיעל אמת׳ען און פיעל לעגענדען.

בעת קערענסקי, מיט זיינע אדיוטאנטען גוטשקאוו און שולגין, זיינען געקומען צו ניקאלאי׳ען און איהם אויפגעפאדערט אונטערצושרייבען זיין לעצטען מאניפעסט, דורך וועלכען ער זאגט זיך אפ פון זיין קרוין, האט זיך ניקאלאי אויף א רגע פארטראכט און דערנאך רוהיג געענטפערט: „גוט, איך בין איינשטימיג, נאר לאזט מיך אוועקפאהרען קיין ליוואדיע! איך וועל דארטען פאהרען צו מיינע בלומען און וועל דארטען פלאנצען רויזען!“

אין די היסטארישע רוסישע זשורנאלען האט מען דאן א סך קאריקאטורען געמאלט אויף דער טהעמא און א סך וויצען געשריבען וועגען דעם. נאר ווער ווייסט דעם מענשען, ווער קען פארשטעהן וואס עס טהוט זיך אין זיין נשמה און ביי איהם אין הארצען! ניקאלאי ראמאנאוו איז ניט געווען קיין גרויסער מענש, ניט קיין איבעריגער חכם, נאר אין דער רגע בעת ער האט דערמאנט ליוואדיע מיט איהרע בלומען... ווער ווייס וואס ער האט דאמאלסט דורכגעלעבט? ער האט אפשר דאן דערפיהלט, ווי נישטיג און ווי קליין עס איז די קרוין מיט׳ן טראן מיט אלע הויף־אינטריגעס, און ס׳האט זיך איהם פארוואלט די אמת׳ע פרייהייט, און דעריבער האט זיך איהם דערמאנט זיין וואונדערבארע „גוט“ מיט׳ן שטיק ים וואס זעהט זיך ארויס דורך די ביימער וואס ער האט פארפלאנצט אין גארטען מיט׳ן הויכען בארג, אויף וועלכען עס קריכען בסדר פארדרעמעלטע וואלקענס. אין די גליקליכע יאהרען פלעגט ניקאלאי מיט זיינע טעכטער אראפגעהן דורך די שמאלע וועגעלאך צום ברעג און קלייבען די שטיינערנע פילקעס און עס ווארפען אין ים אריין. אדלערס פלעגען זיך טראגען איבער זיין שלאס. אבער צו דער דאזיגער גליקליכער ליוואדיע איז ער דאן שוין

ניט געפאָהרען. אַנשטאָט דעם גן־עדן׳דיגען קרים האָט מען איהם גע־נעבען דעם קאַלטען טאָבאָלסק און דערנאָך דעם טויט.

אין ליוואַדיע באַלד נאָך דער רעוואָלוציע האָט אַרום און אַרום געהערשט א זעלטענע רוהיגקייט. ריין אויסגעקערטע און אויסגעפּוצטע אַלעען, לאַנג און ווייט ציהען זיך די גרינע וויינגערטנער, אונטען ביז די שטיינער פון ים, און גאָר הויך, ביז די גרויע פעלזען פון די בערג, און דאָרט אין גאָרטען, וואו עס ענדיגען זיך די וויינגערטנער הויבען זיך אָן די בלומען־אַלעען. אפילו אין חלום קען מען ניט זעהן אויף איין אָרט אַזוי פיעל בלומען. דו געהסט און געהסט איבער די אַלעען און אין די אויגען בלישטשען רויזען, מיליאָנען רויזען. זיי פלעכטען זיך אויף ספּעציעל געמאַכטע שטאַנגען און דראָטען, וועלכע זעהען אויס אינגאַנצען פון בלומען. דערנאָך ציהען זיך אַלעען פון טולפּאַנעס, איריסען, נעגעלאַך און אַזוי ווייטער. ניקאָלאַי׳ס שלאָס און די דער־בייאיגע הייזער זיינען ווי אין בלומען פארשלונגען.

אַרום שטעהען די גערטנער און אַרבייטען, שניידען און פּוצען די בייטען. דאַכט זיך, היינט־מאָרגען דאַרף דאָ קומען דער גאַסט, דער בעל־הבית, נאָר אַז מען גיט אַ קוק אויף דער טעראַסע פון שלאָס באַמערקט מען עטלאַכע סאָלדאַטען: זיי רויכערן מאַכאָרקע און גע־נעצען. איינער פון זיי האָט אויסגעטאָן די שטיוועל און וויקעלט עפּעס. ער וויקעלט די שמאַטעס אויף די פיס. עס ווערט עפּעס ווי אומעטיג אויפ׳ן האַרצען. ניין, ניט נאָך ניקאָלאַי׳ען בענקט זיך, נאָר די גאַנצע געשיכטע. דעם מענשענ׳ס פּלענער — ווי אַלץ איז אומעטיג און אָרים.

די וועכטער דערצעהלען פארשידענע זאַכען פון ליוואַדיע. א וועכ־טער דערצעהלט: „איך האָב אפשר הונדערט מאָל געזעהן דאָ דעם צאַר „ניקאָלושקען" און דער שקלאָף ניקאָלושקעס פיהלט זיך אַזוי ציניש, אַז מען קען מיט זיכערהייט זאָגען, אַז ווען ער דערזעהט איצט ניקאָלושקען, וואָלט ער פאַר איהם אויף די קני געפאַלען.

א צווייטער באַריהמט זיך, אַז נאָכדעם ווי די רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען און ס׳זיינען אריינגעקומען נייע מענשען אין פּאַלאַץ, האָט ער זיך דאַן אריינגע׳גנב׳עט אין ניקאָלאַי׳ס שלאָפציםער און זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין בעט, פּונקט ווי דער גרעסטער גליק וואָלט איהם געטראָפען.

פון יאַלטא זיינען אַלץ מעהר געסט געקוקט באַקוקען די שעהנע ליוואַדיע. שפּעטער האָט מען עס פאַרווערט. דער אריינגאַנג איז שווערער געוואָרען פון דער צייטווייליגער רעגירונג.

ווען מען פלעגט פארביינעהן די „סאָוועטסקע הייזער“ פלעגט זיך דערהערען פון דעם אדער פון יענעם פענסטער אַ הוסט.

אַ סך פון די קראַנקע זיינען צושטאַרבען, אַבער עטליכע זיינען געזונט געוואָרען און אוועק צוריק צום לעבענס־שטראָם.

מען האָט אין אויגוסט געקליבען טרויבען און געטהיילט יעדען קראַנקען צו עטליכע פונט. דערנאָך, ווען די גערטנער זיינען לעדיגער געוואָרען פון פרוכט, האָבען נאָך אַלץ רויזען געבליהט.

די קראַנקע פאָליטישע פלעגען בלאַנדזשען, בלאַנדזשען ווי שאָ־טענס צווישען די בלומען, און יעדער פון זיי האָט נאָך עפּעס געבענקט און ווי מיט כעס גערעדט: זיי, וועלכע האָבען זייערע גאַנצען לעבען אוועקגעגעבען דער רעוואָלוציע זיינען עפּעס ווי אָפּגעזונדערט און געניסען ניט פון יום־טוב. זיי האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די קראַנקע, אַז מען איז זיי אַרומגעגאַנגען, אַנדערע טהוער זיינען אויסגעוואַקסען, אַנדערע העלדען און נייע העלדען מיט גאַר נייע לידער האָט מען געזונגען.

דער ים האָט אַבער ווי שטענדיג געשווינקט דעם ברעג און זיך ניט צוגעהערט צו די קראַנקע זיפצען.

אַט אַזוי פלעגען מיר אַלע פאַרברענגען די צייט מיט שרעק און האָפנונג. מיר האָבען געוואַרט אויף דעם גליקליכען טאָג, ווען אונזער לעאָן מיט בעטינקען און דער גוטער מיכאיל וועלען אָנקומען צו אונז. מיר האָבען געוואוסט, אַז זיי זיינען זעהר פאַרנומען מיט'ן איינאָרדנען די צייטווייליגע רעגירונג, אַט זיינען זיי אין מאָסקווע און אַט זיינען זיי אין פעטערבורג און אַז. וו. אַבער זיי וועלען קומען, די בראַווע העלדען, צו זייערע עלטערן, צו זייער שוועסטער, וועלכע וואַרטען אויף זיי מיט אומגעדולד.

נײַנטער קאַפּיטעל.

די רויטע זיגען.

איינמאָל, שפּעט אין אָוונט, ווען מיר זיינען אַלע געזעסען אַרום טיש און גערעדט פון די זעהר אומרוהיגע ידיעות, וועלכע עס פלעגען אָנקומען, אַז די צייטווייליגע רעגירונג פאַרלירט איהר השפּעה און עס הויבט אָן צו הערשען אַ ווילדע אַנאַרכיע, די דעה פון דער וואָ־קעלדיגער צייטווייליגער קערענסקי־רעגירונג געהט איבער ביסלאַכ־

ווייז צו דעם אַרבייטער און סאָלדאַטען־ראַט, ביי וועמען די צוויי העל־דען וולאַדימיר איליטש אוליאַנאָוו, וועלכען מען רופט איצט „ניקאָליי לענין" און מיין ברודער „לעאָן טראָצקי" זיינען געוואָרען ווי אַ „שם המפורש", די אמת׳ע באַפרייער פון רוסלאַנד, און די צייטווייליגע רעגירונג, איינזעהענדיג, אַז עס וועלען אָנקומען זעהר אומרוהיגע צייטען און אפשר אַ בירגער קריג, האָט געמוזט אַריבערפיהרען דעם צאַר מיט זיין פאַמיליע ווייט פון צענטער, קיין טאָבאָלסק, אַן אָרט וואו קיין אַרבייטער זיינען ניטאָ און סאָלדאַטען אויף זעהר ווייניג, האָט זיך דער אַלטער גראַף, אַזוי ווי זיין שטייגער איז, גענומען באַקלאָגען:

„עך, קינדערלאַך! שלעכטע צייטען רוקען זיך אָן אויף אונזער מאַמעלע רוסלאַנד! כ׳האָב מורא, אַז ס׳וועט אויסברעכען אַ בירגער קריעג און אייגענע קינדער וועלען אַרויסטרעטען געגען די עלטערן. עך, ס׳איז ניט גוט! וואָס ווילען זיי, אונזערע קינדער? מיין מיכאיל און אייער לעאָן פאַרפאַרבען מיט בלוט די ביסעלע אויסגעקעמפּפטע ליכטיגע פרייהייט! זיי ווילען דוקא רויט! בלוט!" און איידער ער האָט געענדיגט זיינען פּלוצלונג ווי אין געהיים אַריינגעקומען ניקאָליי, לעאָן, מיכאיל און בעטינקע. מען האָט זיי קוים געקענט דערקענען, עפּעס ניט די זעלבע מענשען, מיין גוטער ליעבער ברודער איז מיר פאַרגעקומען ווי עפּעס אַ שטיינערנע, האַרטע פיגור, קיין סימן פון בלוט און פלייש. דער יונגער איידעלער גראַף — ווי אַ האַרטער צע־זאַר פון די אַלטע צייטען, און אפילו מיין בעטינקע האָט אויסגעקוקט גיכער ווי אַ בראָנזענע שעהנע פיגור, און בשום אופן ניט ווי די צאַרטע בעטינקע. נאָר ערגער פון אַלעמען האָט אויסגעקוקט ניקאָליי. ווי עפּעס אַ גאָט פון נקמה, אָדער ווי דער אשמדאי אליין.

אָ, גאָט! האָב איך געטראַכט. וואָס האָט דער „שדים־קאַראַהאָד" געמאַכט פון זיי? ער האָט פון זיי אַרויסגעטרייסעלט דאָס גוטע, דאָס מענשליכע, און אַנשטאָט דעם האָבען זיי אַריינגעטאַטעמט בלוט, האַס און נקמה.

ס׳איז ניט געווען קיין שום סימן פון קינדערשער צערטליכקייט, ווען מען דערזעהט עלטערן. מיר אַלע האָבען געפיהלט בשעת מעשה, ווי אַ שניידענדע קאַלטע כוואַליע שוויינקט אונזערע פּנים׳ער.

זיי האָבען אין קורצע, האַרטע ווערטער דערקלעהרט, אַז זיי זיינען געקומען אין געהיים אויף אַ קורצען וויזיט, אַנצונעהמען געגוג געלט אום אָנצופיהרען דעם בירגער־קריעג. עס איז ניט גענוג וואָס מען האָט פאַרניכטעט דעם „צאַרישען־ראַספּוטין־רעזשים". איצט, אינ׳ם

כאאס, איז די בעסטע צייט צו צוברעכען און חרוב מאכען די גאנצע אלטע בורזשואזנע ארדנונג, מיט די פארשימעלטע רעגירונגס־סיסטע־מען. עס מוזען אפגעמעקט ווערען די אדעליגע און פראסטע, הערען און שקלאפען. נאר דער וואס וועט ארבייטען וועט האבען וואס צו עסען. מיר וועלען צוברעכען אלע געטער און אלע רעליגיעס. עס וועט נאר עקזיסטירען די איינאיינציגע קאמוניסטישע גאטלאזע סאוויעטען־רעליגיאן. מיר וועלען אויסווארצלען דעם „שאוויניסטישען נאציאנא־ליזם“. די ווערטער „נאציאן, „משפחה“, „שוועסטער“, „ברודער“ און אפילו „טאטע און מאמע“ וועלען מיר אויסמעקען פון אונזערע נייע ווערטער־ביכער. עס וועט עקזיסטירען נאר ארבייטער, פראדוצירער. מיר וועלען איינפיהרען דעם דיקטאטור פונ׳ם פראלעטאריאט, ניט נאר אין רוסלאנד, נאר איבער דער גאנצער וועלט, און עס וועט זיין נאר איין גרויסע, אלוועלטליכע רעגירונג.

לעאן האט זיך א קעהר געטאן צו יהודה׳ן און האט מיט א קאלטען הארטען טאן געזאגט: „מיר וועלען באשאפען א גאנץ „נייע תקופה“, מיט נייע העלדען. די פארשימעלטע „מחיצה“ פון „איד און קריסט“ וועט מעהר ניט זיין במציאות. עס וועלען ניט זיין „ניט קיין אידען און ניט קיין קריסטען“, נאר „ארבייטער“ — און גענוג אייך צו חלומ׳ען פון עפעס אן ארץ־ישראל!“

יהודה האט געענטפערט מיט א זיפץ:

„ברודער לעאן! דו ביזט אפשר דער געניאלסטער ארגאניזאטאר פונ׳ם צוואנציגסטען יאהרהונדערט! דו גיסט אבער אוועק דיינע כחות און דיין גאונות אויף פאלשע, פרעמדע אידעען, וועלכע קענען קיינמאל ניט פארווירקליכט ווערען און מיין הארץ זאגט מיר, אז ווען דער „האניג־חודש“ וועט פאראיבער און דער גרויסער עולם וועט זיך אביס־סעל אויסניכטערען פון די שכרות פון אייער גרויסען אומנאטירליכען „רויטען זיעג“, וועלען זיי זיך א ווארף טאן צום צווייטען עקסטרעם. מענשען מוזען גלויבען, איז ניט אין דער אלטער אמונה, וועלען זיי גלויבען אין דער „נייער תורה“, אבער אלץ „גלויבען“. זיי וועלען נאך אפשר ווערען פאנאטישער און ענגהארציגער ווי פריהער און דאס רוסישע פאלק וועט פארגעסען איהרע „נייע העלדען“, ספעציעל די „אידישע טראצקים“, ווייל דער נאמען איד איז אן אייביגער, און אט אייערע חברים וועלכע פארגעטערען אייך איצט אזוי פיעל, וועלען אפשר זיין פון די ראשונים אונטערצוהאקען אייערע „אדלערישע אי־דישע פליגלען“. און ווען איהר וועט ארונטערפאלען פון אייערע

הימלען, אייערע כחות וועלען אייך פארלאזען, איהר וועט זיין געבראַ־כען קערפּערליך און גייסטיג, און איהר וועט מיט אייער צוריסענער נשמה דערפיהלען, אז „אייערע ליעבע קריסטליכע חברים" ווילען פון אייך פּטור ווערען, ווייל זיי וועלען זיך קיינמאל ניט קענען מוחל זיין דעם גרויסען חטא וואס א איד איז געווען זייער פיהרער. איהר וועט אבער ניט האבען וואו צו אנטלויפען. די טויערען פון אלע נאציאנען וועלען פאר אייך זיין געשלאסען, צוליב דעם פּחד וואס איהר וועט אויף זיי כלומר׳שט אנווארפען. איהר וועט שוועבען צווי־שען הימעל און ערד אהן א שטיקעלע בארען אונטער די פיס!

„דאן, ברודער לעאן, זאלט איהר א בליק טאן צו אונזער ארץ־ישראל, וועלכעם וועט ברייט פונאנדערעפענען די טויערען איהרע אויפ־צונעהמען איהר פארבלאנדזשעטען זון.

„אט אויף וואס מיר מוזען האבען אן ארץ־ישראל!" האט יהודה פארענדיגט.

לעאן האט ניט געענטפערט. ער האט סארקאסטיש געשמייכעלט. נאר בעטינקע האט באמערקט: „ער איז ניט שולדיג וואס ער רעדט אזוי! עס איז די שולד פון דער איינגעווארצעלטער טויזענטער דורות־דיגער בורזשואזיע!"

מיכאיל האט געשווינגען מיט פארביסענקייט, אבער ניקאליי האט מיט גיפט און גאל ארויסגערעדט: „באלד וועלען מיר „אזעלכע דבורים" ניט הערען! ווער עס איז ניט מיט אונז איז געגען אונז און מיר וועלען איהם באהאנדלען ווי א „קאנטר־רעוואלוציאנער", לויט דעם דין פון אונזער נייעם שולחן ערוך!"

ניקאליי האט זיך א קעהר געטאן צו מיר און מיט א פארגליווער־טען שמייכעל, אז קיינער זאל ניט הערען, געזאגט: „איזאבעלא! אונזערע איבערגעגעבענע „רויטע מחנות" ווארטען אויף אונז. אין די נעקסטע עטליכע וואכען וועט ענטשיידעט ווערען רוסלאנד׳ס שיק־זאל, און אפשר דער שיקזאל פון דער גאנצער וועלט. די צייט איז קורץ. ביז איצט האבען מיר נעהאט איין זיעג נאכ׳ן אנדערן. איך האף, אז מיר וועלען זיעגען ביז צום סוף, אריינרעכענענדיג מיין לעצ־טען נקמה־אקט איבער׳ן צאר מיט זיין משפחה און איבער אלע בורזשו־אזנע בלוט־זייגערס. — זייט איהר צופרידען מיט מיין העלדענטהאט?"

„ווארום פרעגט איהר עס דוקא מיר?" האב איך ווי צומישט גע־פרעגט.

„איך וויל עס הערען דוקא פון אייער מויל, איזאבעלא!" האט ער נאך שטילער גערעדט.

„ווארום?" האב איך קוים ארויסגערעדט. איך האב בשעת מעשה געפיהלט, ווי מיין אטעם ווערט קירצער.

„איזאבעלא!" האט ער גענומען שעפטשען, און בשעת מעשה האב איך דערפיהלט ווי דאס זשיפען פון א שלאנג. „איזאבעלא! איהר גערענקט דאך נאך פון אלע מאל, אז איהר זייט איינגעקריצט אין מיין הארצען. נאר דאן איז מיר מיכאיל געשטאנען אין וועג. אבער איצט וועט קיינער ניט וואגען זיך צו שטעלען געגען דעם שטארקסטען מאן אין דער גרויסער רוסלאנד און פון גאנץ וועלט! איצט פארשטעהט איהר מיך, איזאבעלא?"

איך האב געשוויגען און געטראכט: מיין גאט! האט דען אז אכזר א הארץ? ווייס דען א טייוועל פון ליבע?

„איהר שווייגט, איזאבעלא! גוט, די צייט איז קורץ. מיר מוזען פליהען נאך פעטערבורג. אבער גערענקט, איך וועל קומען ווי א זיגער פאדערן מיין לוין!"

זיי האבען לאנג ניט פארזאמט און זיינען גלייך ארויס פון הויז, זאגענדיג א זעהר קאלטען צום ווידער־זעהן זיך.

נאך זייער אוועקגעהן האב איך זעהר א סך געטראכט און איבער־געטראכט. איך האב זיך אנגעהויבען שרעקען פאר ניקאליי'ען, מורא־דיג שרעקליכע געדאנקען פלעגען אנפילען מיין מח. אבער די גרויזאמע שרעקליכע ידיעות פון די רויטע האבען מיר געמאכט פארגעסען אויף מיינע אייגענע צרות. דער גרויסער, אלגעמיינער צער האט פארטונ־קעלט מיין קליינעם „איך".

און עס האט זיך אנגעהויבען דער „רויטער קאראהאד". ווען די גאסען פון פעטערבורג זיינען געווען זעהר באלעבט. עס זיינען פאר־געקומען פיעלע מיטינגען, מיט הייסע רעדעס, מיט מונטערע אויס־געשרייען. נאר דאך האט עס מאדנע אפגעקלונגען אין די מיסטישע פעטערבורגער ווייסע נעכט. די הויכע בלייכע הייזער זיינען אזוי ווי פארגליווערט געווארען. די נעווא האט ווי אז אפען הארץ געגלאנצט און געשוויגען. ארום אויפ'ן בריק און אונטער'ן בריק אויפ'ן בולוואר זיינען געזעסען מאטראזען מיט פרעהלאכע פרויען און געלאכט קאלט, ווי סקעלעטען געסטשירעט מיט די צייהן.

אין מיטען נאכט, ווען אויף אלץ ליגט די בלייכקייט פון א מת, א מת מיט אפענע אויגען, וועלכער קוקט פארגליווערט אויף אלץ. ווי

אזוי לאכען עס דארט די מענשען מיט די פארגליווערטע פנימ׳ער? עס קלאפען אפ טריט מיט א מאדנעם טרויעריגען עכא.

עס געהט אן א פרעמדער מענש און ווארפט אריין א פראגע, ווי צו זיך אליין: „געהט צו קעשינסקי׳ס פאלאץ, דארטען שלאגען זיך „באלשעוויקעס מיט די מענשעוויקעס“.

עס ליגט אזא מאיעסטעטישער שווייגען אויף אלץ און עס ווילט זיך גארניט ענטפערן און ניט נאכפרעגען...

זיי האבען דעם טאג צוטומעלט, אט די מענשען, און זיי ווילען די נאכט אויך צוטומלען.

פלוצלונג א שאס, א צווייטער... און אויטאמאביל איז דורכגע־לאפען מיט עטליכע באוואפענטע און איז פארשוואונדען געווארען.

און אן עולם געהט ווייטער, פאראוים ווייטער, ווייטער, פונקט ווי ערגעץ ווייט סוף גאס, צום סוף שטאדט, דארטען ליגט דער אוצר, דעם מענשענס גליק, און מען דארף נאר צוגעהן אלע צוזאמען און נעהמען דאס גליק און נאכדעם גוטמוטהיג זיך צוטהיילען און ברייט דערלאך זיך פונאנדערגעהן אהיים...

נאר דאך...

מען איז נעכטען געגאנגען, מען געהט היינט און מארגען וועט מען אויך געהן. און די בליקען ווערען בייזער און די ווערטער קלינגען שוין ניט אזוי פריינדלאך, כאטש מען זינגט די מארסעליעזע און מען געהט פאראוים.

אומעטיג ווארפען זיך סימנים פון דער איבערקעהרעניש. אט ברענט א טורמע, דא האבען די פאליטישע א סך יאהרען זיך געוואל־גערט, אין שווינדזוכט אויסגעגאנגען, און איצט האט די האנט פון נקמה די תפיסה אונטערגעצונדען. עס שיט זיך א שווארצער רויך. עך, דאס איז ניט קיין געוועהנליכער רויך פון א שרפה... דער רויך רייצט און רעגט. צו דען ווערט עס פארברענט די לעצטע געפענגעניס? צו דען האט זיך שוין דער מענש איינמאל־פאר־אלע־מאל אויסגע־פלאנטערט פון זיינע ספקות און ווידער־שפרעכונגען, און עס וועט זיך אנהויבען דער אייביג־ערוואַרטעטער גן־עדן אויף דער ערד?

מען געהט און מען זינגט, און מען שטעלט זיך אפ. די אויפגע־רעגטע רעדנער ווארפען אפט שוין אריין א ספק מיט זייערע צוהיצטע ריידעריי. אפטמאל שטעלט דעם עולם אפ אן אומגעריכטע באגעגעניש, א געלאף, א גנבה, א מארד.

מיט אמאָל האָט מען ערקלעהרט „באַלאַגערונגס־צושטאַנד“, מענ־שען זיינען איינגעשלאָסען געוואָרען אין די הייזער, גאַנצע טעג און נעכט האָבען הארמאַטען, פּולעמיאָטען געקנאַקט, געבראַכען די שויבען. די טראָטואַרען זיינען געוואָרען פאַרשאָטען מיט ציגעל און שטויב, מען האָט געלעבט ווי אמת׳ע קאַמוניסטען, זיך געטיילט מיט די שפּייזען. אַמאָל פלעגט זיך אַריינכאַפּען איינער פון די „ווייסע“ און ברענגען נייעס.

אין איינעם פון די פרימאָרגענס זיינען מיר געוואָר געוואָרען, אַז די „ווייסע“ האָבען פאַרשפּילט און פון היינט אָן הערשען נאָר די „רויטע“...

יאָ, ניקאָליי און לעאָן האָבען דורכגעפיהרט זייער נקמה־אַקט. אין די גאַסען זיינען געשטאַנען גרויסע מחנות מענשען אין שענעלען מיט פּנים׳ער פון זיעגער. אין דער שטיל האָט מען זיך גע׳סוד׳עט: רוסלאַנד געהט אונטער.

אין די גאַסען האָט מען שוין געזעהן גאַנץ אַנדערע, נייע בילדער: דאָ אַ טייכעלע בלוט, דאָ שרעקלאַך צוהאַקטע פענסטער, פּוהרען, אויטאָמאָבילען מיט פאַרוואונדעטע; דאָ ליגען אַ גרופּע נאַקעטע מתים. אימיצער האָט זיי טויטערהייט די בגדים אַראָפּגעצויגען, אַ קליינער עולם אַרום זיי האָט זיך גע׳צלמ׳ט. וואָס ווייטער האָט מען געזעהן צעהנדליגע, טויזענטע טויטע. אַנדערע זיינען געלעגען רוהיג, מען האָט ניט געזעהן די וואונדען, ניט קיין בלוט. אונטער די בערד האָבען ליפּען רוהיג געשמייכעלט, די אויגען האַלב צוגעמאַכט. אַנדערע האָבען שרעקלאַך געגלאָצט מיט די אויגען און פאַרקריצט מיט די גרויסע ווייסע צייהן. אַלטע־לייט, מיטעליאָהריגע און קינדער.

אָט ליעגט אַ געלער קאַצאַפּ און אין האַנט האַלט ער אַ שטיק פון זיין געלער באָרד. אָט ליגט אַ קליין אינגעל, אַ צייטונגס־פאַר־קויפער, אַ בערגעל פאַרבלוטיגטע צייטונגען וואַלגערן זיך דערביי... אָט ליגט אַ יונגע בארמהאַרציגע שוועסטער מיט אַ רויטען צלם אויפ׳ן ברוסט, ווי עפּעס סוד׳ענדיג שעפּטשעט זי: „דאָס ליגט די בארמהאַר־ציגקייט אַ טויטע. ניטאָ מעהר קיין רחמנות אויף דער וועלט!“

דאָ ליגט אַ יונגע מיידעלע מיט אַ העלע קליידעלע, פּונקט ווי אַ כלה, מיט פונאַנדערגעוואָרפענע האָר און מיט אַ לעבעדיגען שמייכעל, און עס באַמערקט זיך: „דאָס ליגט די געטויטעטע פרייהייט! ניטאָ מעהר קיין פרייהייט אויף דער וועלט!“ און פאַר די אויגען

שוועבט א „מתים־קאראהאד“ און אין די אויערען קלינגט „אשמדאי׳ם מוזיק“.

און גאנץ פריה זעהט מען אין די גאסען גאנצע שורות מיט לויות. עס געהען הונדערטע מענשען אנגעטאן אין שווארצען, און נאך זיי א טרונע באפוצט מיט בלומען און רויטע לענטעס; ווידער הונדערטע מענשען און ווידער א טרונע מיט בלומען און לענטעס. אנדערע טרו־נעס זיינען געווען געפארבט אין רויט. פון די מענשען געהען א סך מיט ביקסען, דערוואקסענע קינדער מיט ביקסען, אפילו פרויען מיט ביקסען. זיי געהען שווייגענדיג, מיט לאנגזאמע טריט. די מוזיק שפילט און לאזט פארביי אלץ נייע טרונעס און אלץ נייע באגלייטער. מען געהט צום רויט־געווארענעם פלאץ אונטער די גרויע ווענט פון קרעמעל און מען גראבט אויס א גרויסען ברודער־קבר.

די מאסקווער גלאקען קלינגען ניט ביז מען באגראבט די רויטע קרבנות. נאר אט באווייזט זיך אן אנדער מין לויה: עס געהען גלחים אנגעטאן אין זילבערנע קליידער, מיט גרויסע הייליגע בילדער, מיט גאלדענע צלמים. עס געהען דא אנדערע באגלייטער: פרויען און מענער אין שווארצען, אפיציערען מיט אפגעריסענע עפאליעטען. דאס באגראבט מען די ווייסע. די לויות באגעגענען זיך, מען קוקט זיך אן מיט בייזע מלאך־המות׳דיגע אויגען. די גלאקען קלינגען איצט פארביידע מחנות און די זעלבע ערד וועט זיי צודעקען און די זעלבע נאכט וועט איבער זיי שוועבען.

נאך די לויות פארצוימען די „רויטע מחנות“ די גאסען. מען באזוכט יעדערן, צי ער האט ניט קיין רעוואלווער אדער אנדערע כלי־משחית, און ביי וועמען מען געפינט, שיסט מען איהם גלייך מיט זיין אייגענעם מארד־אינסטרומענט.

די ערשטע ארבייט פון די באלשעוויקעס נאך זייער זיעג איז גע־ווען: צו פאר׳חתמ׳ענען און ארעסטירען די סייפען, די ווערטפולע חפצים און אז. וו.

א סך שטילע טראגעדיעס האבען זיך אפגעשפילט. מענשען האָ־בען געזאמעלט אין דער צייט פונ׳ם „בלוטיגען מבול“ גאלד און ברי־ליאנטען, און מען האט אלעס צוגענומען. מיליאנען געשעפטען, פעסט־שטארקע אקציען־געזעלשאפטען זיינען צושטערט און פארניכטעט גע־ווארען, פיעלע ווענט זיינען צושאסען געווארען זוכענדיג דארט באַ־האלטענע, פארמויערטע אוצרות.

צעהנטער קאפיטעל.

דער צאר מיט זיין משפחה אויסגע׳הרג׳עט.

מען האט אז דעם צאר און זיין משפחה אויך ניט פארגעסען. מען האט זיך מיט זיי אויפגעהערט צו צערעמאניען זיך. די סאלדאטען זיינען געווארען פולשטענדיגע בעלי־בתים, און ווען דער צאר האט איינ־מאל באגריסט א סאלדאט פון דער שמירה און זאגט צו איהם: „גוט־מרגען, סטרעלאק!“ (שיסער). באליידיגט זיך דער סאלדאט און זאגט צו ניקאלייען: „אזוי רופט מען מיר ניט! מען מוז זאגען: גוט מארגען טאווארישץ“ (חבר); מען הויבט אן צו באליידיגען דעם צאר׳ס טעכטער, מען שרייט אויף דעם קליינעם אלעקסייען, וועלכער האט שוין כלומר׳שט געפיהרט א „טאג־בוך“.

די ממשלה פון די סאלדאטען איז געווארען וואס א טאג גרויזאמער פאר׳ן צאר. מען האט זיי אפילו ניט ערלויבט צו געהן אין קלויסטער.

עטליכע מאנאטען נאך דעם באלשעוויסטישען נצחון האבען די רויטע הערשער אונטערהאנדעלט מיט דייטשלאנד, כאטש לעאן איז געווען שטארק דאנעגען.

דייטשלאנד האט דאן געשטיצט די רויטע. ניט חלילה פון אהבה־וועגען, נאר עס איז געווען א פאליטישע מאניעוורע מצד דייטשלאנד. זיי האבען גערענקט, אז נאכדעם ווי די רוסישע ארמעען האבען אין דער פראקטיק אויפגעהערט צו עקזיסטירען, וועלען זיי קענען גיך פטור ווערען פון די רויטע סאלדאטען, וועלכע לעאן האט געהאלטען אין ארגאניזירען און נאכדעם אויפשטעלען אין רוסלאנד אן אנדער רע־גירונג, וועלכע זאל זיין פריינדלאך צו דייטשלאנד.

די דייטשען האבען דאס אויך געקענט דורכפיהרען, ווייל די רויטע ארמעע איז נאך דאן געווען ביי איהר ערשטע יצירה. לעאן האט ערשט אין זיי גענומען אריינבלאזען „רויטע נשמות“. אויך זיינען דאן געווען אין רוסלאנד זעהר א גרויסע צאהל דייטשע קריגס־געפאנגענע, וועלכע וואלטען ביים ערשטען סיגנאל העלפען אראפווארפען די רויטע ממשלה און א דייטשע ארמעע איז אויך געשטאנען ניט ווייט פון פעטערבורג.

אבער די דייטשען האבען פארשפעטיגט די געלעגענהייט. זיי האבען אין דער שטיל אויך אונטערהאנדעלט מיט מארקאוו׳ן, מיט דער רוסישער ניט־סאציאליסטישער געזעלשאפט, מיט די רוסישע

ליבעראלע פארטייען און מיט דער קאדעטישער פארטיי, וועלכע האט געשפיעלט א גרויסע ראליע.

מיליוקאוו איז דאן געווען צווישען די ווייסע אין דרום־רוסלאנד, און צווישען די ליבעראלען איז אנגעגאנגען א קאמפף. אין דער ענטשיידונג פון דער ראליע האבען געשפיעלט א גרויסע ראליע מאקסים ווינאווער און אסטראוו, וועלכע האבען גע׳טענה׳ט: „מען טאר ניט טראכטען וועגען א בגידה אין די פארבינדעטע מלוכות און וועגען שלום מיט דייטשלאנד, כאטש דייטשלאנד האט פארשפראכען אלעס אפצורגעבען צוריק צו רוסלאנד.“

ווען די רוסישע ליבעראלען האבען צוריקגעוויזען דעם גראף מירבאכ׳ס פארשלאג, איז פון דער אונטערהאנדלונג, נאטירליך, גארנישט געווארען. אבער פאר דער צייט פון די אונטערהאנדלונגען האבען די רעכטע נאך אלץ געהאפט אויף גינסטיגע רעזולטאטען און דער אוואנטוריסט סאלאוויאוו, ראספוטינ׳ס אן איידעם, איז געשיקט געווארען פון די דייטשען צו זיין אויף דער וואך און אפהיטען דעם צאר.

די רויטע זיינען אבער אויך ניט געשלאפען. ניקאליי לענין, דער נייער רויטער גאט פון רוסלאנד, האט גענומען איינפיהרען זעהר שטארק דעם טעראר איבער׳ן לאנד. מען האט ארעסטירט די פירסטען אין פעטערבורג און מען האט זיך גענומען צום צאר.

די רויטע מחנות זיינען געווארען שטארקער און גרעסער מיט יעדען טאג. ווי א גרויסער וואונדערליכער מכשף פלעגט לענין אין זיי אריינבלאזען א רויטען שם המפורש, ביז זיי זיינען געווארען א געוואלדיגע לעבעדיגע מאכט.

כאטש אין אלעם איז ניקאליי מיט לענינ׳ען געווען אין איין עצה, אבער אין דעם פאל האט ניקאליי געהאנדעלט אויף זיין אייגענער אחריות, געגען דעם ווילען פון לענינ׳ען. ער האט געשיקט שלוחים און אונטערגעשריבען דעם פאררעטערישען „ברעסט־ליטאווסקען שלום“ מיט דייטשלאנד, וואס זינט דאן האט די וועלט ווי אין חרם אריינגעווארפען רוסלאנד. און לסוף האט ער אויך דורכגעפיהרט דעם לעצטען נקמה־אקט איבער׳ן צאר און זיין משפחה.

ער האט געשיקט קאמיסאר יאקאווליעוו, אן עכטען רוס, איבערצופיהרען די גאנצע צארישע פאמיליע פון טאבאלסק אין מאסקווא, כאטש אין דער צייט איז דער „יורש עצר“ שטארק קראנק געווען. און ווען דער צאר בעט זיך מיט תחנונים און זאגט: „איך קען איצט ניט פאהרען, ווייל מיין בן־יחיד איז זעהר קראנק“, שרייט צו איהם יא־

קאוואליעוו: „איך וועל דיך מיט געוואלד אריבערפיהרען! מארגען פיער אזייגער פאהרען מיר! אזוי איז דער באפעהל פון גרויסען חבר לענין!"

און ווען דער צאר האט זיך געווענדעט צום קאמאנדיר קאבלינסקי מיט די ווערטער: „וואס וויל מען, אז איך זאל זיך אויך אונטער־שרייבען אונטער דעם ברעסט־ליטאווסקען שלום?" האט יאקאוולעוו אויסגעשריען: „מאלטשאט! (שטיל!) איהר ווילט נאך בלוט?"

און יאקאוולעוו האט מיט געוואלד געפיהרט דעם צאר מיט דער צארינע און זייערע קינדער ביז יעקאטערינבורג. אבער ווייטער ווי יעקאטערינבורג זיינען זיי ניט געפאהרען. עס איז פלוצלונג אנגעקומען א רויטער שליח פון ניקאליי לענין, וועלכער האט איבערגעגעבען א פאפיר, ווי אזוי זיך נוהג צו זיין מיט'ן צאר און זיין משפחה.

מען האט אריינגעפיהרט דעם צאר מיט דער צארינע מיט זייערע קינדער און באדינטע אין א הויז וואס איז געווען ווי א געפענגעניס.

דארט האט די צארישע משפחה געלעבט ווי איינפאכע ארעסטאנ־טען פלעגען גראב, ציניש באליידיגען דעם צאר'ס טעכטער, ניט גע־געבען זיי גענוג עסען, געהאלטען זיי אין שמוץ און אנגעטאן זיי פי־זישע און מאראלישע יסורים, ממש אינקוויזיציע.

נאך צוועלף אזייגער ביינאכט, דעם 17טען יולי, 1918, איז גע־קומען דער קאמאנדאנט יוראווסקי און האט אויפגעוועקט די גאנצע צארישע משפחה מיט דעם דאקטאר באטקין, די דינער מיט די דינסטען.

מען האט זיי אלעמען אראפגעפירט אונטער אין א גרויסען סקליעפ וואס האט זיך געפונען אין דעם הויז. מען האט זיי אויס־געשטעלט אלעמען אין איין שורה, און דער קאמאנדאנט יוראווסקי האט פאר זיי איבערגעלייענט דעם באפעהל: „איך ניקאליי לענין, דיקטאטאר פון גאנץ רוסלאנד און חבר פון אלע רויטע איבער דער גאנצער וועלט, באפעהל אויסצו'הרג'ענען און פארטיליגען דעם צאר מיט דער צארינע, מיט אלע זייערע קינדער, מיט זייער גאנצע משפחה און באדינטע און מיט אלע זייערע פריינט. מען זאל אפמעקען זייערע נעמען אויף אייביג, פון אונטער די הימלען פון רוסלאנד". גע'חתמ'עט „ניקאליי לענין".

עס איז געווארען טויט־שטיל. נאכדעם האט יוראווסקי אויסגע־שריען: „איהר האט געהערט?! אייערע לעבענס זיינען געענדיגט!"

דער צאַר האָט בשעת מעשה גאָר ניט פאַרשטאַנען, און האָט געפרעגט: „וואָס?"...

האָט מען איהם געענטפערט: „אָט וואָס!" און מען האָט גלייך אויסגעשאָסען. (אויפ'ן רויטען לשון רופט מען עס: „געגעבען קושען די שפּיץ פּוליע").

די צאַרינע מיט די טעכטער האָבען זיך גענומען צלמ'ען... עס האָט זיך דערהערט „אַ רויטער געלעכטער" און זיבען לעטען מיט עטליכע רוסען האָבען גענומען שיסען... און דער צאַר מיט דער צאַרינע, מיט אַלע זייערע קינדער און באַדינטע, זיינען געלעגען אויף דער ערד דורכגעלעכערטע.

די ערשטע „מצוה" צו שיסען דעם צאַר, האָט פאַרדינט איינער אַ „מעדוועדיעוו", וועלכער האָט שפּעטער געקראָגען זיין פּסק פון די „ווייסע", ווען ער איז צו זיי אַריינגעפאַלען. ער האָט זיך פאַר זיין טויט מודה געווען: צעהן מאַן אויסער יוראָווסקי'ן האָבען זיך באַטייליגט אין דער „הריגה" פון דער רוסישער קייזערליכער פאַמיליע.

גלייך נאָך דער שוידערליכער הריגה האָט מען אַרומגעוואַשען די בלוט און פאַרטאָג האָט מען אַרויסגעפיהרט די דערשאָסענע אונטער'ן שטאָדט און דער קאָמיסאַר „ווייקאָוו" האָט שוין באַזאָרגט „שוועבעל מיט בענזין" און מען האָט אַלעמען פאַרברענט. פון דעם פייער זיינען נאָר געבליבען „קנעפּלאַך און טשוועקעס", וועלכע האָבען זיך געפונען ביים קליינען אַלעקסייעוו'ן אין אַ קעשענע און עטליכע בריליאַנטען פון דער צאַרינע'ס אוירינגלאַך, און אַז. וו.

און ס'איז מערקווירדיג: אידען האָבען דאָך געליטען מעהר פון אַלעמען פון די צאַרען, אָבער אינ'ם שוידערליכען מאָרד פון דעם לעצטען רוסישען צאַר מיט זיין משפחה האָט זיך ניט געפונען איין איד צווישען די שיסער!

די אַלע וועלכע האָבען געשאָסען זיינען געווען לעטען און רוסען. מען זאָגט אפילו, אַז יוראָווסקי, דער קאָמאַנדאַנט, וועלכער האָט דורכגעפיהרט לעניז'ס אָרדער, איז געווען אַ משומד, אָבער פאַרט ניט קיין איד. די פּאָליטישע „רויטע פיהרער" בעלאָבאָראָדאָוו און ווייקאָוו זיינען געווען אמת'ע עכטע רוסען.

אין דער זעלבער צייט האָט מען אכזריות'דיג אויסגעהרג'עט די פינף גרויספירסטען און די גרויספירסטין מאַנאַכין יעליזאַוועטאַ פיאָדאָראָוונאַ, דער צאַרינע'ס שוועסטער, וועלכע איז אויך געווען אַ דייטשע פרינצעסין.

מען האָט זיך פּונקט אַזוי אויך נוהג געווען בנוגע ניקאָליי׳ס ברודער, מיכאיל אַלכסנדראָוויטש. אין דער זעלבער צייט הרג׳עט מען אין פּעטערבורג די פּיער גרויספירסטען, וועלכע זיינען גראָדע דאָרטען פאַרבליבען און צווישען זיי אויך דעם געלעהרטען ניקאָליי מיכאַילאָוויטש, וועלכער איז געווען אַ היסטאָריקער און האָט זיך אין פּאָליטיק גאָרניט געמישט. עס האָט ניט געהאָלפען די השתדלות אפילו פון אַזא פּערזאָן ווי גאָרקי.

צו דורכפיהרען אַזעלכע גרויזאַמע מעשים און נאָך אין אַ צייט וואָס סאָוויעט־רוסלאַנד געפינט זיך אין אַ בירגער־קריעג, פון דער גאַנצער וועלט אַריינגעלעגט אין חרם, און ווען דייטשלאַנד האָט זיך געפונען אין אוקריינע און ניט מורא צו האָבען צו דערשיסען אַ „מאָנאַכין", אַ „דייטשע פּרינצעסין", וועלכע האָט זיך אַמאָל משתדל געווען, נאָכדעם ווי מען האָט דער׳הרג׳עט איהר מאַן סערגיי׳ען, צו טהאָן אַזעלכע מעשים דאַרף מען האָבען איבערנאַטירליכע שטאַרקייט און איבערנאַטירליכע חוצפּה. אבער פון די אַלע אכזריות׳ן איז קיין ספק ניט, אַז דער אַמאָליגער וולאַדימיר איליאיטש אוליאַנאָוו, דער געטויפטער זון פון אַלטען גראַף און דער איצטיגער רויטער ניקאָליי, איז געוואָרען דער גרעסטער זעלבסט־הערשער זינט רוסלאַנד עקזיסטירט, אכזריות׳דיגער אפילו פון פּיאָטר דעם גרויסען. פאַר „איוואַן גראָזני" (איוואַן דער מורא׳דיגער) איז נאָך מעגליך געווען אַריינצוואַרפען דריי הונדערט אידען אין דוניי בלויז דערפאַר, ווייל זיי זיינען געווען אידען. שפּעטער איז דאָס שוין געוואָרען אונמעגליך, מען האָט געמוזט עפּעס אויסטראַכטען פאַר דער אויסערליכער וועלט. אָבער פאַר ניקאָליי לענין איז נאָך גרעסערע אקטען געוואָרען מעגלאַך, אויב ניט די אידען אַלס אידען, איז אידען אַלס קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן.

בכלל, יעדער גרויסער אקט, אַ גוטער אָדער אַ שלעכטער, דאָס רוב שלעכטע, קוים איז ער געווען אַ נייער אין דער רויטער רוסלאַנד, איז ער געקומען פון חבר לענין.

די אַלע אנדערע באָלשעוויקעס האָבען נאָך געהאַט אַ שטיקעל טראַדיציע פון סאָציאַליסטישער גערעכטיגקייט, פון פּרינציפּען, נור איין ניקאָליי לענין האָט אַ שפּיי געטאָן אויף אַלע פּרינציפּען.

וואָס ניקאָליי האָט באַשלאָסען ביי זיך אין קאַבינעט, האָבען זיינע רויטע תלמידים געמוזט דורכפיהרען אין לעבען. האָט עס געמאַנט זיין די ווילדסטע, אכזריות׳דיגסטע זאַך אויף דער וועלט, האָט דאָס נאָר געזאָגט חבר לענין איז געווען גוט און כשר. דאָס איז געווען

זיין אומגעהייער געוואַלטיגער כח צו ווירקען אויף אַלעמען. מענשען מיט אידעען האָבען אָפּגעטאָן די ערגסטע זאַכען מיט „כונה“, ווייל ניקאָליי האָט אַזוי געהייסען.

מיין ברודער לעאָן, זינאָוויעוו, דער בראַווער מיכאיל פּיאָדראָ־וויטש, קאַמעניעוו און אַנדערע, האָבען אין אָנהויב ניט געוואָלט צוברעכען זייערע אַמאָליגע סאָציאַליסטישע אידעען, אָבער שפּעטער דורך לעניניס השפּעה אויף זיי האָבען זיי מבטל געווען זייער „איך“ און ס'איז ביי זיי אַלעמען אָנגענומען געוואָרען לעניניס תורה, ווער רעדט פון די קלענערע פּערזענליכקייטען, זיינען זיי געווען אַלע לעניניס איבערגעגעבענע בלינדע נאָכפאָלגער, — אוריצקי, וואָלאָדאַרסקי און אַנ־דערע האָבען אָפּגעטאָן זעהר ניט קיין שעהנע מעשים, אָבער זיי האָבען עס געטאָן ווי אַ „מצוה“, ווייל ניקאָליי האָט אַזוי געהייסען.

דער „טשעקאַ“, דער באָלשעוויסטישער רויטער אויטאָ־דע־פע, וועלכער האָט אויסגעשאָכטען הונדערטע־טויזענדער פון די בעסטע קינ־דער פון רוסלאַנד, איז באַשאַפען געוואָרען נאָר פון ניקאָליי לענין אַליין. ניקאָליי פּלעגט האָבען זיין ווערטעל: „צוליב אימפּעריאַליס־טיש־בורזשואַזנע צוועקען זיינען אין דער מלחמה אומגעקומען פיעלע מיליאָנען נפשות, מעג צוליעב דעם „רויטען“ אידעאַל פון אַ קאָמוניס־טיש־פּראָלעטאַרישען צוקונפט אומקומען נאָך אַ גרעסערע צאָהל“; זאָלען זיין גרויסע אָדער קליינע קינדער, קיין אונטערשיד. „דאָס צוועק הייליגט דעם מיטעל“.

קיין פיהרער וואָלט ניט געהאַט די שטאַרקייט צו באַשליסען אַזאַ זאַך, צו אויס'הרג'ענען אַלעמען, וועלכע האָבען געהאַט אַ שייכות צו ראָמאַנאָוו'ס פאַמיליע, אויסער איין לענין, וואָס האָט זיך ניט גע־רעכענט מיט מאָראַל און טראַדיציע.

ביי קיינעם אפילו פון די „רויטע פיהרער“ איז ניט אַרויפגעקומען דער געדאַנק, אַז מען קען נעמען די חברים „מענשעוויקעס“ און אַרעס־טירען זיי צוליב זייער „אידעאָלאָגיע“, אָבער לענין האָט אַנדערש גע־דענקט. ער האָט אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, „אַז מען מוז האַלטען די אַלע אַנדערע סאָציאַליסטען וועלכע זיינען ניט גענוג רויט“, אונטער'ן שלאָס. האָט מען עס מאָמענטאַל דורכגעפיהרט.

עס האָבען ניט געהאָלפען די פּראָטעסטען פון אַלע סאָציאַליסטישע גרויסע פיהרער און דענקער פון דער גאַנצער וועלט. אַזוי האָט גע־וואָלט ניקאָליי לענין, אַזוי הייסט דער דין פון „פּוסק אחרון“.

לעניז האָט באַפוילען צו אַרעסטירען און אַרויסשיקען די בעסטע דענקער און שרייבער, נאָר דערפאַר וואָס זיי דענקען ניט אַזוי ווי ער וויל.

חבר ניקאָליי האָט זיך געפיהרט ווי אין די אור־אַלטע צייטען, ווען אַ קייזער האָט אויסגע׳הרג׳עט גאַנצע שטעדט מיט זייער קייזער־ליכער פאַמיליע, נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבען געדינט צו אַנאַנדער גאָט. דאָס איז אַ מין ווילדער רעליגיעזער עקסטאַז.

עס קומט אויס ווילד און קאָמיש, ווען אַ רויטער אידישער קאָמי־סאַר׳ל שטעלט זיך דרש׳ענען, אַז אונזער אידישער תנ״ך איז לעבערליך. און ער דערצעהלט די מעשה, ווי שמואל הנביא איז אין כעס געוואָרען אויף שאול׳ן, דערפאַר, וואָס יענער האָט רחמנות געהאַט אויף „אגג מלך עמלק״, איז ראשית האָט דאָס פאַסירט ווען דאָס וואָרט „ציווי־ליזאַציע״ איז נאָך גאַרניט געווען במציאות. והשנית, איז אפילו אָט יענער אַקט מיט שמואל הנביא געווען אַ סך שעהנער און איידעלער. דער נביא האָט געגלויבט באמונה שלמה, אַז מען מוז אויסמעקען דעם „זכר עמלק פון אונטער דעם הימעל״ און ער האָט אָהן שום צערעמאָ־ניעס מיט זיינע אייגענע הענט מקיים געווען די מצוה פון דער תורה און דער׳הרג׳עט אגג׳ן. אָבער חבר ניקאָליי לעבט דאָך אין׳ם ציווי־ליזירטען צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט און דאָך האַנדעלט ער ווי אַ „יעזואיט״. ער טהוט עס כלומר׳שט דורך אַנדערע און פיהרט דורך אַ גאַנצע צערעמאָניע אין׳ם נאָמען פון ציוויליזאַציע...

ווייקאָוו האָט זיך באַריהמט, אַז „קיין מענש וועט דעם סוד אייביג ניט וויסען, ווער עס איז געווען דער אמת׳ער שולדיגער אין דער הריגה פון צאַר מיט זיין משפחה״. אָבער פאַר דער היסטאָריע בלייבט עס קיין סוד ניט. די אמת׳ע רוצחים זיינען ניט די אומגליקליכע לעטען, און אפילו ניט דער פויער מעדוועדיעוו, נאָר חבר לעניז אליין, וואָס האָט אין זיין קאַבינעט געהייסען דורכפיהרען דעם מאָרד פון די צאַרען.

דער שולדיגער איז אָט דער זעלבסטהערשער ניקאָליי לעניז, וועל־כער באַפעהלט, און מען פאָלגט איהם בלינד און הייליג.

עלפטער קאַפּיטעל.

די רויטע שיף.

אָט די אַלע שוידערליכע ידיעות וועגען די אכזריות׳ן פון די רויטע זיינען אָנגעקומען צו אונז אין יאַלטאַ. עס האָט ממש געוואָרפען אַ שרעק און פּחד אויף אַלעמען. דעם אמת זאָגענדיג, אַז מיר אַליין, די אמת׳ע „מחותנים“, און אפילו דער שטאָלצער גראַף גענעראַל, האָבען זיך געשראָקען פאַר אונזערע אייגענע בלוט און פלייש.

יהודה האָט מיט טרערען אין די אויגען גע׳טענה׳ט: „לאָמיר אַנטלויפען נאָך אונזער ציון, כל־זמן עס איז ניט צו־שפּעט, און כל־זמן מיר לעבען נאָך!“

אָבער מיין פאָטער און איך האָבען גע׳טענה׳ט: „עס קען ניט זיין! ,בלוט איז ניט קיין וואַסער׳. אונעזר לעאָן, אונזער בעטינקע, זיי זיינען דאָך אונזער בלוט און פלייש. עס מוז דאָך אין זיי טליען ערגעץ אַ פונק פון מענשליכקייט און אַ „פּינטעלע איד“, און מען מוז וואַרטען ביז זיי וועלען אָנקומען אַהער. אמת טאַקע, די ידעות זיינען שוידערליכע, גרויזאַמע, אָבער ידיעות קענען אַמאָל זיין איבערטריבען און אַז. וו.

דער אַלטער גראַף האָ,ט ווי זיין שטייגער איז, גערעדט: „עך קינדערלאַך! זעהר שלעכטע צייטען זיך דערלעבט! טאַטעס האָבען מורא פאַר זייערע אייגענע קינדער! די מאַמעלע רוסלאַנד ליגט אַ געשענדעטע, אַ דערשלאָגענע. עך, נו, מיכאַלושקע מיינער! קום שוין גיכער! לאָמיך זעהן ווי דו וועסט דער׳הרג׳ענען דיין אַלטען בורזשואַזנעם טאַטען! עך, שלעכטע צייטען!“

און אַזוי האָבען מיר אַלע געוואַרט אין טויט־שרעק. און מעהר פאַר אַלץ האָט מיך געשראָקען דער אָנקומען פונ׳ם גרויסען ניקאָלייען. אָבער דאָך האָב איך געהאַט אַ פונק האָפנונג: ער וועט ניט וואַגען! איך בין דאָך עפּעס לעאָנ׳ס שוועסטער, דעם גרויסען לעאָנ׳ס, וועלכער איז ניקאָליי׳ס רעכטע האַנט, וועלכער האָט באַוויזען אַזעלכע אומנאַטירליכע וואונדער און גאונות צו באַשאַפען אַ „יש מאין“, פון אַ צופאַלענער, הפקר׳דיגער מחנה, אָרגאַניזירען איינע פון די שטאַרקסטע דיסציפּלינירטע אַרמעען, וואָס די גרעסטע קריגס־עקספּערטען באַוואונדערען עס, אפילו אַ נאַפּאָלעאָן האָט עס ניט געקענט באַווייזען, און לעאָנ׳ס וואָרט איז ביי די רויטע סאָלדאַטען ווי דאָס וואָרט פון אַ

„גאָט". נו, האָב איך געדענקט, אַז זאָל שוין זיין דאָס ער איז דער „גאָט פון נקמה", דער גאָט פון די „רויטע", ער איז דאָך אָבער מיין ברודער און ער וועט געוויס ניט ערלויבען, אַז מען זאָל באַהאַנדלען זיין שוועסטער ווי עפּעס סתם אַ פּרוי...

יהודה האָט זעהר גע׳ספּק׳ט אין אַלע מיינע חשבונות און האָפ־נונגען. ער האָט אָבער געמוזט נאָכגעבען. ער פלעגט אָבער באַמער־קען:

„היינטיגס מאָל מוז איך אייך נאָכגעבען, אָבער מיר מוזען זיין מוכן ומזומן אויף דאָס ערגסטע. זעהר אַ סך צרות זיינען פאַר אונז צוגעגרייט, אָבער מיר טאָרען זיך ניט לאָזען פאַנגען פון׳ם „רויטען טייוועל". מיר מוזען האַלטען שטאַלץ אונזער ווייס־בלויע פאָהן, און מיר מוזען זי פאַרטיידיגען ביז׳ן לעצטען טראָפּען בלוט!"

אַלע אונזערע שכנים, וועלכע האָבען אונז געאַכט און געשעצט אויס ליעבע, האָבען איצט פאַר אונז געהאַט גרויס דרך־ארץ אויס מורא. עפּעס אַ קליינינגקייט! „די טאַטעס פון די נייע הערשער!"

דערווייל זיינען פון סעוואַסטאָפּאָל אָנגעקומען זעהר שרעקליכע ידיעות. די מאַטראָזען האָבען ביינאַכט אויסגעקוילט און אין ים אריינגעוואָרפען עטליכע הונדערט מענשען.

און אין יאַלטאַ האָט נאָך די נאָוועמבער־זון אַזוי געוואָרימט. רויזען האָבען נאָך געבליהט און גרויסע ווייך־לאַקיגע כריזאַנטעמעס האָבען אַזוי יום־טוב׳דיג געמאַכט די גערטנער און אַרום די גערטנער.

מענשען זיינען געלעגען און געקוקט אויף די ווייטקייט פון ים. אַנדערע האָבען געדרעמעלט. דער מעהר טומעלדיגער עולם איז זיך שוין צופאַהרען. נאָר די וואָס זיינען געבליבען האָבען נאָך גענוג פרייד און וואַרימקייט געהאַט.

דער גרויסער סימפאָנישער אָרקעסטער האָט זיך צוטיילט אויף קוואַרטעטען און געשפּילט אין רעסטאָראַנען, און דער טונקעלער רויי־טער וויין האָט געשוימט אין די בליצענדע קריסטאַל־גלעזער. ווען די מוזיק איז זאָל פלעגט שטיל ווערען האָט מען דייטליך דערהערט, ווי דער ים פּאַטשט דעם ברעג און לויפט אָפּ צוריק, מיטשלעפּענדיג די קליינע שטיינדלאַך מיט גערויש. פון די ברעג, פון די ווילאַס לויכטען העלע פייערלאַך צום ים, ווי דימענטען אויף אַ סאַמעטענעם קלייד, ווי אויגען פון קעצעל אין אַ פינסטערן חדר.

געהיים און נייגעריג זעהט דאָן אויס די קליינע יאַלטע, מיט איהר האַלב־רונדען באַרג, מיט די עטליכע הונדערט געסט אין די האָטעלען

אין שפּעטיגען נאָוועמבער, ווען לידער האַקען זיך אָפּ אין מיטען און ווען בלומען דערבליהען נים.

אין סעוואַסטאָפּאָל האָט מען געשאַכטען און דערטרונקען, און יאַלטאַ איז אין „זיך" אריין.

פּאַרנאַכט איז שוין קיינער ניט געווען ביים ים, „אויפ'ן בריקעל פון ליבע" איז קיינער ניט געזעסען. די מוזיקאַנטען אין די רעס־טאָראַנען האָבען געשפּילט פאַר לײדיגע ווענט; די קעלנערס זיינען געשטאַנען אויף די ווערענדעס מיט די ווייסע סערוועטקעס אין די הענט און גערעדט פון סעוואַסטאָפּאָל... און דער ים האָט געקלאַפּט אַלץ געהיימער און שטרענגער; אין קאַרטען־קלוב איז קיינער ניט געקומען, אויסער דער אַלטער פאַרוואַלטער פון ליוואַדיע. נאָר יענער איז טויב געווען און ער האָט די קלאַנגען, די שרעקליכע, ניט געהערט. ער האָט זיך ארומגעדרעהט אין זאַל, אָנגעקוקט די טייערע גרינע טיש־לאַך און איז אַוועק.

אין די רייכע האָטעלען איז מען זעהר אומרוהיג געשלאָפען. דער שווייצאַר אין איינעם פון די האָטעלען האָט זיך שטאַרק פאַרוואונ־דערט, ווען ער האָט פּלוצלונג דערזעהן נעבען זיך אַ פרוי אין אַ נאַכט־קאָפּאָטע איינגעוויקעלט. זי האָט איהם אויפגעוועקט. ער איז אויפ־געשפּרונגען פון זיין ביינקעל און געווישט די אויגען.

„וואָס הערט זיך?" האָט זי ביי איהם געפרעגט. זי האָט ניט געקענט שלאָפען און איז אראָפּ זיך דערוויסען פון שווייצאַר צי עס איז ניטאָ קיין נייעס.

„ביי אונז איז רוהיג!" האָט ער געענטפערט. „ביי אונז וועט אַלע מאָל זיין רוהיג!"

„דאָס איז נאָך אַ פראַגע!" האָט די פרוי אומרוהיג געזאָגט.

„ביי אונז זיינען ניטאָ קיין מאַטראָזען!" האָט דער שווייצאַר זיך זיינס געררעדט. „ביי אונז זיינען אַלע שטילע מענשען. אין יאַלטאַ איז תמיד שטיל, און אגב", האָט ער צוגעגעבען, „פאַרגעסט ניט, מאַ־מעלע, אַז יאַלטאַ האָט די זכיה, אַז די טאַטעס פון די נייע הערשער פון רוסלאַנד וואוינען דאָ! חבר לעניג'ס טויף־פאָטער, דעם גרויסען לעאָנ'ס פאָטער און מיכאַיל'ס פאָטער, דער גוטער אַלטער גראַף. ביי אונז וועט אַלעמען זיין גוט און וואויל".

די רייכע איבערגעשראָקענע פרוי איז נאָך אַלץ געשטאַנען אונטען אין קאָרידאָר און געקוקט דורכ'ן פענסטער אויפ'ן ים און זיך צוגעהערט צו זיין קלאַפּען.

און דער דינער פון האָטעל האָט זיינס ניט אויפגעהערט: „ביי אונז אין יאַלטאַ וועט אַלע מאָל זיין גוט!"

אין דערפריה איז דער שרעק אַביסעל אוועק. די נאַכט וואָס איז דורכגעגאַנגען בשלום האָט אַלעמען בארוהיגט און פון סעוואַסטאָפּאָל איז קיין באַשטימטעס ניט אָנגעקומען, איז מען ווידער געגאַנגען צום ים און מען האָט זיך געוואַרימט. מענשען זיינען אַזוי ווי פויגלאַך: דערהערט זיך אַ שאָס אַנטלויפען זיי; ווערט שטילער — קומען זיי צוריק און זוכען ווידער ברעקלאַך.

נאָכמיטאָג האָט די זון שטאַרק געוואַרימט. עטליכע פּאַרביסענע שווימער האָבען זיך געלאָזען באָדען און שווימען ווייט, ווייט אין ים אַריין.

איינעמס אויגען האָבען באַמערקט אַ זעגעל שווימען. דערנאָך, ווען דאָס שיפעל איז נעהענטער צוגעקומען האָבען עס נאָך עטליכע באַמערקט. געוואונדערט האָט דאָס, וואָס דאָס זעגעל איז געווען אַ טונקעלער און עס האָט פאַראינטערעסירט. דער עולם האָט זיך געגנר־מען איינקוקען און באַלד האָט מען דערזעהן, אַז דער זעגעל איז אַ „רויטער".

„אַ רויטער זעגעל!" דאָס שיפעל האָט געטאַנצט האַסטיג. אינ־וועניג איז געזעסען אַ גרופּע מאַטראָזען און דער זעגעל מיט זיין רויטקייט האָט געפלאַטערט און געוואָרפען אַ מאָדנעם אָפּגלאַנץ אויפ'ן גאַנצען ים.

צום ערשטען מאָל האָבען עס די מענשען דערזעהן.

אַ פרוי האָט זיך אַ דערשראָקענע אָפּגערופען: „דאָס זיינען די לייט פון סעוואַסטאָפּאָל!"...

אַ שרעק און אַ נייגעריגקייט האָט אַרומגעכאַפּט די מענשען. דאָס שיפעל איז אַלץ נעהענטער צוגעקומען צום ברעג, ווי אַ פלאַם וואָלט זיך דערנעהענטערן... ווי אַ רויטער פויגעל פאַר אַ שרעקליכען אָדלער האָט אויף די גרינע כוואַליעס געפלאַטערט אַ רויטער פּעכער.

די מאַטראָזען זיינען אַרויס אויפ'ן ברעג און פאַראַנקערט דאָס שיפעל. זיי זיינען פאַרביי־געגאַנגען לייכט, זיך געוויגט אין ווייסע מאַטראָזען־קליידער. שטאַרקע, בייזע יונגען. איינער מיט געדיכטע, צופודעלטע האָר, אַ צווייטער מיט אַ טיפען שראַם אויף דער אויבער־שטער ליפּ.

„בורזשועס! איהר ווארימט זיך?!" האט זיך איינער פון זיי א ווארף־געטאן. די איבעריגע האבען זיך פונאנדערגעלאכט און אלע צוזאמען זיינען זיי אוועק אין שטאדט אריין.

עס האט זיך פארשפרייט די ידיעה: „מאטראזען זיינען געקומען", „זיי זיינען אין ליוואדיע, זיי זינגען! זיי שכור'ן!"

ס'איז דורכגעגאנגען די נאכט אין שרעק. נאר אנגעהויבען האט זיך דער „רויטער־שדים־טאנץ" ערשט אין דער פריה. די מאטראזען האבען געבראכט אין דער הויפט־גאס זייער'ן א טויטען חבר. זיי האבען אוועקגעלעגט דעם מת און גענומען שרייען:

„די בורזשועס האבען איהם דער־הרג'עט!"

מען האט גענומען כאפען אפיציערען. פון די סאניטאריומס האט מען זיי געשלעפט. קראנקע, שווינזיכטיגע. די געזונטע זיינען אנטלאפען. מען האט זיי געשלעפט צום ים, געלאכט פון זיי, געטראטען מיט די פיס און נאכדעם שטיינער צוגעבונדען צו די פיס און צום אפגרונט אראפגעלאזען.

א גאנצען טאג האט דער „רויטער מלאך המות" קרבנות גענומען, און דער ים האט געשוועגקט דעם ברעג, וועלכען ער האט קיינמאל ניט אפגעוואשען פון מענשליכער שאנדע און אכזריות!

א בארמהערציגע שוועסטער איז געקומען צולויפען צו אונז און האט געוויינט און געבעטען: אפשר וועלען מיר זיין בכח איינצושטילען די רויטע מגפה? אפשר וועלען זיי פאר אונז דרך־ארץ האבען!

מיר זיינען אלע געפלויגען צום ברעג: מיין פאטער, דער גראף, איך און יהודה. מיר האבען אויפגעפאדערט די מאטראזען אויפצוהערען זייער מלאך־המות'דיגען שפיל, אויב ניט וועלען מיר עס גלייך באריכטען צו לענין און טראצקי! אויף א מאמענט האט עס גע־ווירקט, אבער טאקע ניט מעהר ווי אויף א מאמענט, ווייל זיי האבען זיך גלייך ציניש פונאנדערגעלאכט און באמערקט: „אונזערע חברים לענין און טראצקי זיינען ניט קיין בורזשועו! זיי זיינען „פראלע־טאריער! ניש־קשה, זיי וועלען אפילו זייערע טאטעס, די בורזשועו, אנלערנען!" און זיי האבען זיך גענומען צו דער בארעמהערציגער שוועסטער. זי האט געקושט די הענט די רויטע־תליונים, אבער לסוף האט זי באצאהלט מיט איהר לעבען. אן אומגליקליכער טאטער איז זיך גענאנגען און געקייט עפעס א פרוכט אין מויל. האט ער דער־זעהן אז מען הרג'עט מענשען, האט ער זיך שטארק פונאנדערגעוויינט.

איז ער דערפאר געבליבען ליגען א טויטער מיט דער ניט־דערעסענער פרוכט אין מויל.

מיר, די אמת׳ע מחותנים, האבען ניט געקענט צוזעהן די טייפעלשע חתונה. מיר זיינען אוועק אין דערהיים מיט צושרויפטע נערוועו.

דערנאך זיינען געקומען נייע מאטראזען פון סעוואסטאפאל מיט א גרויסער קריעגס־שיף. זיי האבען זיך אוועקגעשטעלט ווייט אין ים און באמבארדירט די שטאדט. עטליכע ווילעס האבען זיי צושמע־טערט. דא זיינען געהאנגען אונטערגעהאקטע ווייסע זיילען און דאר־טען אומשולדיגע בלומען.

עס איז ניט געוועו חלילה קיין מלחמה און אויך ניט קיין בירגער־קריעג. דאס האט מען נאר אנגעזאגט די בורזשועז, אז די גרויסע חברים וועלען באלד אנקומען, און די מאטראזען האבען זיך דערוויל געשפיעלט ניט מעהר ווי פון צייט־פארטרייב.

און ס׳האט זיך אויסגעדוכט, אז דא זיינען גאר קיינמאל קיין מענשען ניט געוועו, דא האט מען קיינמאל ניט געזונגען. טיר און פענסטער זיינען געוועו פארהאקט.

מען איז געגאנגען אין הייזער און געשלעפט קרבנות... און עס ווילט זיך ניט איבער׳חזר׳ן, עס ווילט זיך ניט דערמאנען, וויפיעל חיות עס פארמאגט די גרויסע רוסלאנד אין איהרע ענדלאזע גרענעצען.

טעג און וואכען זיינען דערנאך אין יאלטא אריבער אין שרעק פאר׳ן טויט. קיינער איז ניט זיכער געוועו, אויסער די עטליכע דינסטען, וועלכע האבען זיך גע׳חבר׳ט מיט די מאטראזען...

יעדען פארנאכט פלעגען זיי ארויספאהרען אויפ׳ן ים שפאצירען אויף דער שיפעל מיט׳ן „רויטען זעגעל“. דעם ים איז אייגענטלאך אלץ איינס, ווער עס רייט אויף זיין רוקען. דער ערד דא איז אויך אלץ איינס וועלכע ברואים עס קריכען ניט אויף איהרע בליהענדע לאנקעס און בלומען־בייטען!

יא, א רוסישע „גארמאשקע“ שפילט, „א קאמארינסקע“, „א דובי־נושקע“ הוליעט; עס הילכען לידער פון סטעפ און געדיכטע וועלדער, עס ברומט אין זיי דער „בער“ און עס קרעכצט אין זיי א יונג לעבען א צוטראטענער...

ביים טאל, אונטער׳ן וואסער, זעהט מען אין א זונען־טאג, ווי מענ־שען וויגען־זיך, מענשען מיט שטיינער צוגעבונדען צו זייערע פיס, אויסגעשטעלט אין שורות, מיט אויפגעשטעלטע האר אויפ׳ן קאפ. זיי וויגען זיך, די טויטע, און דער „רויטער זעגעל“, פון ווייטען, וויגט זיך

אויך אזוי, אזוי עלאסטיש און פרעהלאך. לעדיגע וויינפלעשלאך שווי־מען אויפ׳ן וואסער און שאלאכץ פון סעמעטשקעס. דעם ים איז דאך אלץ איינס.

יא, אלץ איינס!...

צוועלפטער קאפיטעל.

די רויטע תורה.

דער שטאלצער לואי האט געווישט זיינע טרערען. זיין הארץ האט געוויינט אין איהם. און שושנה האט באמערקט:

— יא, מיין טייערער פריינט! עס איז געווען זעהר שווידערליך! אבער איך פיהל ווי אייערע נערווען ווערען צושרויפטט, דעריבער וועל איך קירצער מאכען מיין ביטערע טרויעריגע דערצעהלונג.

איך וועל קיינמאל אין מיין לעבען ניט פארגעסען אט יענע „רויט־פינסטערע" צייט, אט יענע אומגליקלאכע מאמענטען, ווען די „רויטע העלדען", די זעלבסט־געקרוינטע הערשער פון רוסלאנד, זיינען אראפ־געקומען אין יאלטא.

אפריהער זיינען אנגעפלויגען די „רויטע מחנות", דער „רויטער גולם" וואס לעאן האט באשאפען מיט׳ן רויטען „שם המפורש". זיי האבען זיך צושטעלט ארום יעדער ווילא און הויז. מען האט פאר־באטען ארויסצוגעהן פון די הייזער.

יעדער איינער האט געפיהלט, אז אשמדאי אליין האט אראפגע־שיקט זיינע „שדים חילות" צו פארטיליגען די שעהנע יאלטא.

דער אלטער גראף איז דאן געווען ביי אונז אין הויז, ווען די פארהארטעוועטע, ווי פון שטאל אויסגעגאסענע, מיט פנימ׳ער פון איוואן גראזני רויטע סאלדאטען, האבען אונזער הויז ארומגערינגעלט.

זיי האבען אונז ניט אנגעריהרט, זיי זיינען געשטאנען ווי שטיי־נערנע סטאטוען, שטיל, אנגעכמורעט. אבער אט דער שווייגען האט נאך א גרעסערען פחד אויף אונז אנגעווארפען.

ווען דער אלטער האט פריינדליך געפרעגט ביים עלצטען פון די רויטע: „ווען קומען מיינע זין?" האט איהם דער עלצטער מיט חוצפה געענטפערט: „איך ווייס ניט!" ביים אלטען זיינען נעבאך די אברים פארגליווערט געווארען פון אזא ענטפער.

און אז מיין פאטער האט איהם העפלאך איינגעלאדען אין הויז, האט ער ציניש געענטפערט: „אונז דארף מען ניט בעטען, מיר געהען אליין ווען מיר ווילען! ווייל אלעס באלאנגט צו אונז! פארשטאנען?“

מעהר האט שוין מיין גוטער פאטער ניט גערעדט. ער האט שוין אלעס פארשטאנען.

יהודה איז געזעסען ביי זיך אין צימער, די הענט פארלעגט אויפ׳ן קאפ, די פינגער איינגעפלאכטען אין זיינע שעהנע געקרויזטע האר מיט פארטראכטע אויגען. איך בין ארומגעלאפען פון איין צימער אין צווייטען. איך האב זיך קיין ארט ניט געפונען. איך האב געפיהלט, ווי עפעס שטיקט מיר ארום האלז און עס איז מיר געווען שווער צו אטעמען.

פלוצלונג האבען אלע סאלדאטען אויסגעשאסען פון די ביקסען און א רויטער „הורא“ האט פארהילכט גאנץ יאלטא.

די נייע הערשער! דער דיקטאטאר חבר ניקאלייי, מיט׳ן רויטען „קריעגס־גאט“ לעאן, זיינען אנגעקומען אין שטאדט.

ניקאליי מיט מיכאיל׳ן האבען כאטש שטרענגט און הארט אלעמען באגריסט, אבער לעאן און בעטינקע זיינען געשטאנען ווי מיט פאר־פרארענע בליקען פונקט ווי זיי וואלטען פארלארען דעם לשון.

און זיי זיינען אריינגעקומען אין הויז. א, גאט! מיט וואס פאר א אויגען זיי האבען אונז אלעמען באטראכט...

הארט, קאלט, גזלנ׳יש, פונקט ווי ווילד־פרעמדע, וועלכע האבען געלעבט טויזענדע יאהרען צווישען בארבארען.

מיר דוכט זיך, אז אפילו ביי חיות איז אויך פאראן עפעס א שטיקעל געפיהל צו „קרובים“, צו אייגענע „בלוט און פלייש“, אבער אויף זייערע פנימ׳ער האט מען עס בשום אופן ניט געקענט באַ־מערקען.

דער ערשטער וואס האט געבראכען די אנגעצויגענע שטילקייט איז געווען ניקאליי אליין. ווי אן איוואן גראזני, אדער נאך ערגער, האט ער שטרענג, באפעהלעריש, גאר אהן צערעמאניעס, געהאלטען פאר אונז זיין ערשטע לעקציע איבער קאמוניזם. ער האט גערעדט ניט ווי צו פריינט, אדער, לכל הפחות, ווי צו מענשען וועלכע ער קען שוין פון לאנגע יאהרען, נאר ווי צו עפעס פארברעכער פאראורטיילטע. ער הויבט אן:

— איהר מוזט וויסען, אז פון היינט אן הויבט זיך אן א גאנץ „נייע תקופה“ אין אונזער רוסלאנד, און אויב מיר וועט געלינגען, אויך

איבער דער גאנצער וועלט. איך האָב אָנגעהויבען א גאַנץ נייעם „בראשית“, די אַלטע וועלט־אָרדנונג מוז אין גאַנצען אונטערגעהן. יעדער איינער וועט מוזען ארבייטען, און דער וואָס ארבייט ניט, איז אַ פּאַראַזיט און דערפאר מוזען מיר צייגען דעם ביישפּיל פון זיך אַליין. מיר מוזען אוועקגעבען אונזער גאנצען פּאַרמעגען אונזערע אָנגעזאַמעלטע אוצרות, וואָס זיינען אייגענטלאַך ניט אונזערע, נאָר אנגעזאַמעלט דורך פּרעמדע בלוט און שוייס, צום סאָוועט, צו דער קאָמוניסטישער רעגירונג. די אַלטע בורזשואַזנע מעטאָדען מוזען אויסגעוואָרצעלט ווערען, אַז ס'זאָל ניט בלייבען קיין שום סימן, און אויף דעם פּלאַץ מוז אוועקגעשטעלט ווערען די דיקטאַטור פון זיין מאַיעסטעט דעם אַרבייטער.

מיר מוזען עס דורכפיהרען און וועלען עס דורכפיהרען מיט דער הילף פון אונזערע געטרייע רויטע מחנות און מיט דער הילף פון דעם טשעקאַ. עס טאָרען ניט געמאַכט ווערען קיינע הנחות אפילו צו טאַטע, מאַמע, שוועסטער, ברודער און געליבטע. דער געזעץ פון דער ערשטער סאָציאַליסטיש־קאָמוניסטישער אַרבייטער רעגירונג וועט מו־זען דורכגעפיהרט ווערען פון אלף ביז תיו, ווען אפילו מיר זאָלען מוזען שווימען אין א ים פון בלוט.

אונזער מאָטאָ איז: „צום אַרבייטער באַלאַנגט די פּרוכט“. „ווער ס'איז ניט מיט אונז איז געגען אונז“, „און אפילו דער וואָס איז ניט מיט אונז אין זיינע געדאַנקען איז אויך געגען אונז“ — קיין רחמנות, קיין יושר און קיינע פּשרות מיט אונזערע געגנער!

פון היינט־אָן געהערט אייער גאנצער פאַרמעגען צו דער קאָמו־ניסטישער סאָוועטען רעגירונג און צו די רויטע מחנות, און וועה וועט זיין צו די יעניגע, וועלכע וועלען זיך שטעלען דאַגעגען.

דער אַלטער גראַף האָט זיך קוים געקענט האַלטען אויף זיינע פיס. עס איז אויף איהם אין דעם מאָמענט ניט געוועזען ניכר קיין שום סימן פון אַמאָליגען שטאָלצען גענעראַל. ער האָט איצט אויסגע־קוקט ווי א „סימבאָל פון טרויער“. אָ, גאָט!“ האָט ער אַרויסגעקרעצט. „מיר זיינען פּטור געוואָרען פון די צאָרען מיט די שוואַרצע שאַרלאַ־טאַנסקע ראַספּוטינס, אָבער אונזער רוסלאַנד איז פאַרקראַכען און פאַרזונקען אין נאָך ערגערע און טיפערע בלאָטעס. אונזערע אייגענע קינדער זיינען נאָך ערגער פון די צאָרען. איך דערקען ווירקלאַך ניט מיין אַמאָליגען דענקער, קרעשטשאַני סין וולאַדימיר איליאיטש, איך דערקען אפילו ניט מיין אייגענעם זון מיט'ן בראַוועם לעאָ, וועלכע

ווילען מאַכען זייערע גוטע עלטערן פאַר די ערשטע קרבנות און פאַר איינביגע בעטלער!..."

„מאַלטשאַט!" (שווייגען) האָט ניקאָליי געשריען. „ניטאָ מעהר קיין טאַטע! מאַמע! ניטאָ מעהר דער גאָט מיט זיין „בורזשואַזנעם רעליגיאָן", וועלכער האָט כלומר'שט געפּרעדיגט „כבד את אביך ואת אמך", כבוד, יושר און רחמנות. טויזענדע דורות האָבען געהיפּאָקריי-טעוועט און כלומר'שט חתונה געהאַט מיט געוויסע צערעמאָניעס, אינ'ם נאָמען פון עפּעס אַ גאָט, וועלכער עקזיסטירט גאָרניט און געבאָרען קינדער און רופען זיך „טאַטע-מאַמע". ווער האָט אייך גע-בעטען?! אונזער נייע תורה וויל ניט אנערקענען אַזעלכע „קונצען". קינדער זיינען דער אייגענטום פון שטאַט און דער שטאַט איז איצט די קאָמוניסטישע סאָוועטען מאַכט! פאַרשטאַנען?!..."

„איך זאָג נאָכאַמאָל און צום לעצטען מאָל, אַז אייער גאַנצער פאַר-מעגען איז קאָנפיסקירט, אַלעס באַלאַנגט צו דער קאָמוניסטישער סאָ-וועטען מאַכט. עס וועלען ניט העלפען אייערע „טאַטע-מאַמע טענות". אַזוי איז מיין ווילען! און וועה וועט אייך זיין, ווען איהר וועט עפּעס באַהאַלטען פון אייערע אַנגערויבטע אוצרות! די האַנט פון מיין „טשעקאַ" וועט אייך גרייכען וואו איהר זאָלט זיך ניט אויסבאַהאַל-טען!... איהר זאָלט אַלע געדענקען!" האָט ער געדונערט. „אַז אייערע נעמען זיינען פאַרצייכענט אינ'ם „צעטעל פון די בורזשויען", און אויב אייערע לעבענס זיינען אייך טייער, זאָלט איהר אַרויסגעבען אַלע אייערע „ווערטפולע חפצים" און אַז. וו.

„אַלע אייערע „פּאַלאַצען און גיטער" וועלען פאַרנומען ווערען פון די „רויטע מחנות" און זיי וועלען זיך שוין צווישען זיך איינטהיילען.

„און איהר!" האָט ער זיך געווענדעט צו מיין פאָטער, וועלכער איז געשטאַנען מעהר טויט אַלס לעבעדיג. „פון היינט אָן מוזט איהר אויפהערען צו „שאַכער מאַכערן" (סוחר'ן). איהר מוזט זיך נעהמען צו עפּעס אַן ארבייט, אויב איהר ווילט האָבען וואָס צו עסען און ניט איבערגעגעבען ווערען אין די הענט פון טשעקאַ! אייער גאַנצער פאַר-מעגען, אייער אַקציען-געזעלשאַפט, אייערע קאַנטאָרען, אייערע געל-טער, חפצים, גאָלד, זילבער, בריליאַנטען און אַלע אַנדערע זאַכען, ווי בגדים און אַזוי ווייטער, זיינען קאָנפיסקירט, און אויב עס וועט זיך אַרויסצייגען, אַז איהר האָט ערגעץ פאַרבאָרגענע ווערטפולע זאַכען, דאַן איז קיינער ניט פאַראַנטוואָרטליך פאַר אייער לעבען. דער טשעקאַ האָט אַ פול-מאַכט איבער אַלעמענס לעבען! פאַרשטאַנען?!..."

מיין פאטער האט גענומען בעטען און ריידען: „אייער דורכלויכט ניקאליי לעניין, ערלויבט מיר ארויסצוזאגען עטליכע ווערטער!"

„שטיל!" האט ניקאליי א געשריי געטאן. „איהר זאלט מיר ניט דערמאנען די פארשימעלטע, בורזשואזנע טיטולען! פון היינט אן רופט זיך יעדער איינער „בירגער"! און מיר קאמוניסטען רופען זיך „חברים"! פארשטאנען?..."

„זאל זיין חבר ניקאליי!" האט מיין פאטער געוואלט פארטזעצען. אבער ניקאליי האט אויסגעשריען: „איך בין אייך ניט קיין חבר! איהר געהערט צו די גרעסטע בורזשוען פון היינטיגער צייט!"

„אום גאטעס הימעלס ווילען! ווי דען זאל איך אייך אנרופען?" האט שוין מיין פאטער גערעדט אויף א העבערען טאן.

„מאלטשאט, בורזשוי!" האט זיך ניקאליי נאך העבער צושריען. „איהר טארט ניט דערמאנען דעם בורזשואזנעם נאמען גאט! פאר־שטאנען?!..."

מיין געדולד האט געפלאצט. איך בין צוגעלאפען צו לעאנ׳עז, איך האב געקושט זיינע הענט און זיך געבעטען רחמים: „לעאן, ברודער! ווי קענסטו צוזעהן ווי מען פייניגט דעם טאטען און אונז אלעמען? מילא ניקאליי איז א קריסט, און קריסטען זיינען געוואוינט צו בלוט, ובפרט ווען דער קרבן איז נאך א איד! לעאן, דו ביזט דאך א גע־בארענער פון דעם „רחמנים בני רחמנים" פאלק!" און איך האב זיך זעהר צעוויינט.

ער האט מיך גארנישט געענטפערט. ער איז געשטאנען פאר־שטיינערט און פארגליווערט. ניקאליים גזלנ׳ישע בליקען האבען זיך באגעגענט מיט זיינע און ער האט ענדליך געעפענט זיין מויל:

„איך וויל אייך איינמאל פאר אלע מאל קלאר מאכען, אז פון היינט אן האב איך ניט קיין שום שייכות צו דאס אידישע פאלק. איך בין א קינד פון דער גרויסער „נייער רוסלאנד", וועלכע האט ניט קיין „אידען" און ניט קיין „קריסטען", אבער וועלכע פארמאגט טרייע איבערגעגעבענע קאמוניסטען. און עס וועלען אייך גארניט העלפען די אלטע „בורזשואזנע טרערען". ס׳מוז אזוי געשעהן. אויב מיר ווילען דורכפיהרען אונזער „רויטען אידעאל" ביז׳ן סוף, מוז מען איצט אנ־ווענדען דעם גאנצען „גיהנום" מיט אלע זיינע „משחיתים". קיין רחמנות, קיין יושר און קיין כבוד. ערשט נאכדעם וועלען מיר זיין זיכער מיט א צוקינפטיגען גן־עדן".

איך האָב זיהר פיעל געוויינט. איך האָב געוויינט אויפ׳ן גורל פון מיין פאָלק, אויפ׳ן גורל פון מיין טאַטע־מאַמע און נאָכמעהר אויפ׳ן גורל פון לעאָן מיט בעטינקען.

„לעאָן!" האָב איך מיט טרערען געזאָגט. „געדענקסטו גאָרניט אָט יענעם גליקליכען מאָמענט, ווען דו ביזט צוגעלאָפּען צו מיר מיט אַ פרעהליכען און שטאָלצען אויסגעשריי: „א י ך ש ט א ל צ י ר מ י ט ד י ר, מ י י ן ש וו ע ס ט ע ר! ד ו ב י ז ט א צ וו י י ט ע י ה ו ד י ת!?"

ער האָט טרוקען און פאַרטראַכט געענטפערט: „יאָ, איך געדענק. אָבער דאָס איז געווען פאַר „מתן תורה", איידער איך האָב נאָך געהאַט אַ ידיעה אין דער „נייער רויטער תורה"!

מיין שוועסטער בעטינקע האָט געוואָלט עפּעס ריידען, און איך האָב געפיהלט, אַז זי וויל אונז אַ טובה טאָן, אָבער די בליקען פון די „צוויי תליונים" זיינען געווען גענוג שטעכיג, צו מאַכען איהר בלייבען שטעהן אומבאַוועגליך און ניט נעהמען קיין שום אנטייל. עס איז אָבער געווען ניכר אין איהר גאַנצער האַלטונג, אַז טיף אין איהר הארצען האָט זיך עפּעס אַ ריס געטאָן און זי איז ארויסגעגאַנגען אין אַ צווייטען צימער. און ווער ווייס, אפשר האָט זי דאָרט אין דער שטיל נאָך פאַרגאָסען טרערען?

דער יונגער מיכאיל האָט זיך אויך פאַרהאַלטען פּונקט ווי זיין רבי, נאָר ער האָט די גאַנצע צייט געשוויגען און געהאַלטען זיינע אויגען איינגעגראָבען צו דער ערד...

איך בין געווען אַזוי פאַרנומען מיט אונזערע אייגענע צרות, אַז איך האָב בשעת מעשה גאָרניט אַ טראַכט געטאָן: „וואָס קען איצט טראַכטען מיכאיל?" דורך מיינע פאַרטרערטע אויגען האָב איך געזעהן דעם אמת׳ן „רויטען קאַראַהאַר" מיט זיין גאַנצען גרויל און רציחה...

און אַזוי איז דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק בכלל און אידען בפרט, ארויסגעקראָכען פון גרוב און אריינגעפאַלען אין „אַ רויטען געדיכטען בלוטיגען תהום". זיי זיינען פּטור געוואָרען פון ניקאָליי ראָמאַנאָוו, און זיינען אריינגעפאַלען אין די הענט פון ניקאָליי לעניז, פּונים גרעסטען אכזר און רוצח פון אַלע צייטען און דורות, עפּעס פון אַ מין „נייעם רוצח" פון דער „נייער תקופה".

דער ערשטער ניקאָליי האָט נאָך אפשר אַמאָל מורא געהאַט פאַר גאָט, און דער צווייטער לאַכט זיך אויס פון גאָט, ווייל ער איז דער אשמדאי אַליין!

דער ערשטער מיט זיינע שווארצע מאות פלעגען דורכפיהרען זייע־רע רציחות פון צייט צו צייט און אין פארשידענע ערטער.

אבער דער צווייטער מיט זיינע „רויטע טייוואלים" פיהרען דורך איין גרויסען בלוטיגען פאגראם אויף איינמאל, וואו נאר די האנט פון טשעקא קען דערגרייכען.

דער ערשטער ניקאליי פלעגט זיך ווען־ניט־ווען מוזען פארענטפערן פאר דער וועלט. אבער דער צווייטער ניקאליי פיהרט עס דורך אויף יעזואיטישען שטייגער, מיט א צערעמאניע, כלומר'שט אינ'ם נאמען פון געזעץ, אינ'ם נאמען פון דער באפרייטער און גלאררייכער צו־קונפט.

אינ'ם נאמען פון געזעץ האט מען אוועקגערויבט ביי יעדען איי־נעם זיין גאנצען פארמעגען, און טאמער האט מען חלילה ביי וועמען־ניט־איז געפונען באהאלטענע זאכען, האט שוין דער „טשעקא" אינ'ם נאמען פון געזעץ געזארגט, אז ס'זאל ביים משפט חלילה ניט דער־מאנט ווערען די בורזשואזנע מעטארען ווי „רחמנות", „יושר" און „פשרות". מען האט אויפ'ן געזעצליכען אופן פשוט דערשאסען!...

און אט אזוי זיינען מיר „געזעצליך" פארבליבען ארים, נאקעט און אהן א באדען אונטער אונזערע פיס.

די רויטע מחנות האבען זיך ווי טייוואלים גענומען צו דער אר־בייט און מען האט צובראכען, צושטאכען, געשענדעט. גרויסע אוי־טאמאבילען זיינען געשטאנען אנגעלאדען מיט כל־טוב, און די שעהנע יאלטא איז אויך אריינגענומען געווארען אינ'ם רויטען קאראהאד.

— אבער דאס ערגסטע, דאס שרעקליכסטע איז ערשט געקומען! — האט שושנה ארויסגערעדט מיט איהרע לעצטע כחות, אז לו האט א ציטער געטאן. — יא, פריינט לו! — האט שושנה גערעדט. — מיר דוכט אז אפילו דער אמת'ער טייוועל וואלט אויך „אזא שפיל" ניט אויס־געטראכט. אפנים אז דערצו האט געמוזט באשאפען ווערען א „נייער טייוועל" מיט „א נייער תורה" און א „נייער מאראל"!

און — נאכדעם ווי אלעס איז רויט־פינקטליך דורכגעפיהרט געווא־רען, האט זיך ניקאליי געווענדעט צו מיר, שטרענג און באפעהלעריש: „איזאבעלא! דו פארסט איצט מיט מיר נאך מאסקווא!"

איך האב קוים געקענט ארויסריידען: „וואס באדייטען אייערע ווערטער, ניקאליי?"

ווי טויזענטע טייוואַלים וואָלטען פלוצלונג אויסגעפּלאַצט אין געלעכטער, אַזוי האָט זיך ניקאָליי פּלוצלונג פונאַנדערגעלאַכט מיט זיין „רויטען געלעכטער" איבער מיין פראַגע.

„איך מיין גאָר פשוט, איזאַבעלאַ! דו וועסט פאָהרען מיט מיר נאָך מאָסקווא אַלס מיינע!" האָט ער מיט זיין ברוטאַלען געלעכטער געענטפערט.

איך האָב אָנגעשטרענגט אַלע מיינע כחות און מיט אַן איבער־נאַטירליכען קול האָב איך אויסגעשריען: „און איהר וואָגט נאָך צו דערמאָנען מיין נאָמען, נאָכדעם ווי איהר האָט אונז אַזוי אומגליקלאַך געמאַכט!"

ער האָט מיך ניט געלאָזט מעהר ריידען און האָט געדונערט: „איזאַבעלאַ! דו ווייסט נאָך ניט פון אונזער „נייער תורה". איך האָב איינגעפיהרט אין דעם נייעם רוסלאַנד, אַז אַלעס מוז באַלאַנגען צום שטאַאַט, אפילו די פרויען אויך. און דו מוזט זיין די ערשטע צו צייגען אַ ביישפּיעל פאַר אַנדערע. איזאַבעלאַ! פון היינט אָן ביזטו ניט „דו", נאָר דו געהערסט צום שטאַאַט. אייגענטליך האָב איך דיר גלייך גע־קענט איבערגעבען אין די הענט פון די רויטע סאָלדאַטען, אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע חפצים אָדער בריליאַנטען, נאָר דו געפעלסט מיר זעהר נאָך פון אַמאָל, און ווייל איך ליב דיך, וויל איך דיר נעמען אונטער מיין אייגענער השגחה! פאַרשטאַנען?"

לעאָן און בעטינקע זיינען געשטאַנען אַזוי ווי פאַרגליווערטע.— ווער ווייס, אפשר איז אין זייערע הערצער דאַן פאַרגעקומען עפּעס שרעקליכעס. ווארים עס קען דאָך ניט זיין, אַז זיי, די גוטע, די טייערע, זאָלען מסכים זיין צו אַזעלכע ווילדע, באַרבאַרישע האַנדלונגען. אָבער זיי האָבען זיך געמוזט בויגען פאַר דעם ווילען פונ'ם רויטען אשמדאי!

מען דערצעהלט, אַז די אַמאָליגע רוסישע צאַרען פלעגען מאַכען איינפּרירען לעבעדיגערהייט די יעניגע, וועלכע פלעגען אַריינפאַלען אין עפּעס אַן אומ'חן ביי זיי אין די אויגען. אַזוי איינגעפראָרען איז איצט געשטאַנען מיכאל. קאַלט, שטייף מיט ווייט־אויפגעריסענע אויגען, און כמעט אַלע זיינען געבליבען ווי עפּעס לעבעדיג פאַרפראָ־רען, אויסער יהודה, וועלכער האָט ניט אַרויסגעוויזען קיין שום שרעק אָדער מורא, פונקט ווי ער וואָלט זיך געפונען אין עפּעס אַ צירק און זיך צוגעקוקט צו די קונצענמאַכער.

איך האָב זיך באַגעגענט מיט יהודה'ס גרויסע אויגען און האָב דערפיהלט, ווי צוויי ליכטיגע זונען וואָלטען מיך דערוואַרימט. איך

ווייס ניט ווי אזוי עס איז געשעהן, אבער איך האב אנגעהויבען פיהלען אין זיך עפּעס איבערנאַטירליכע כחות, און פּונקט ווי איך וואלט געוואקסען פון מינוט צו מינוט. איך ווער הויך, העכער, זעהער הויך. איך ווער שטארק און שטאלץ, פּונקט אזוי ווי דער מאראל פון די טויזענטער דורות פון קדושים וטהורים, פּונקט ווי די נשמות פון די מיליאנען אידישע טעכטער וואלטען זיך באהעפט אן מיין נשמה, און עס איז אויסגעוואקסען א גרויסע, שטארקע, ריינע און שטאלצע אידישע נשמה אין מיר.

איך בין זיכער, אז אין אט דעם מאמענט האבען אלע געמוזט פאר מיר דרך־ארץ האבען, אפילו דער רויטער ניקאליי!

מיט א מאיעסטעטישען שטאלץ האב איך אויפגעהויבען מיין קאפּ. איך האב געווארפען א פאראכטענדיגען בליק אויף לעאנ׳ען מיט בעטקען און שטרענג, צארט און מאיעסטעטיש האב איך אויסגעשריען:

„ניקאליי לענין! אשמדאי פון אלע טייוואלים! דאס וואס דו האסט געקענט דורכפיהרען איבער מיליאנען אומגליקליכע נפשות, וועסטו אבער ניט זיין בכח דורכצופיהרען עס אויף א אידישער טאכטער! הונדערטע טויזענדע און אפשר מיליאנען אידישע טעכטער, האבען געפונען זייערע קברים אינ׳ם רוישענדען ים; מיליאנען מאמעס און טעכטער זיינען פארברענט געווארען לעבעדיגערהייט אין די פלאמפייערען פון די אויטא־דע־פעס צוליב זייער מאראל און צוליב זייער אידישקייט. פארגעס ניט, אז איך בין א אידישע טאכטער! א טאכטער פון אט יענע מארטירערינס!

„ניקאליי לענין! דו זאלסט וויסען, אז א לעבעדיגע וועסטו מיך קיינמאל ניט באזיצען!...

„אמת, איך מוז זיך מודה זיין, אז גאר אמאל האב איך געהאט א פונק סימפּאטיע צום גראף מיכאיל, אבער קיינמאל ניט צום תליון פון רוסלאנד!

„כ׳וועל בעסער שטארבען דורך די הענט פון דיינע רויטע סאלדאטען, אבער איך וועל קיינמאל ניט זיין דיין אייגענטום און אפילו דער חבר פונ׳ם רויטען ניקאליי׳ען!

„היט זיך, ניקאליי דער רויטער, פאר גאט׳ס משפּט! פאר דעם גאט, וועלכער האט טרוקען געמאכט דעם ים; פאר דעם גאט, וואס

די גאנצע נאטור, זון, לבנה, שטערן, ימים און ווינטען זיינען זיינע משרתים!

„הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל!" דער אידישער גאט דרעמעלט ניט און שלאפט קיינמאל ניט!

„אמת, דו האסט אונז איצט פארניכטעט, פארגוואלדיגט און גע־שענדעט, אבער גאט'ס איין קליינע „פליגעלע" האט צוקלאפט דעם מח פון דעם אמאליגען רוימישען ניקאלייען!

„אוועק פון מיינע אויגען, דו רויטער טייוועל! דו אשמדאי!!"

„און איהר!" האב איך א געשריי געטאן, אנצייגענדיג מיט'ן פינגער אויף לעאנ'ען, בעטקען און מיכאיל'ן, „ווען איהר וועט אמאל עפענען אייערע אויגען וועט איהר דערזעהן, ווי אלעס ארום אייך איז שווארץ־פינסטער! א בלוטיגע, געדיכטע פינסטערניש הערשט ארום און ארום, און איהר געפינט זיך אויפ'ן „טייפעלס־אינזעל" ביים רויטען אשמדאי אליין!"

אין הויז האט געהערשט א טויטע שטילקייט. אפילו ניקאליי דער רויטער האט זיך איז אנהויב פאר מיר דערשראקען און עס האט גע־דויערט א לאנגע צייט, ביז ער האט צוריקגעקראגען זיין לשון.

און ניקאליי האט גערעדט שוין עטוואס רוהיגער. „איזאבעלא! דו ווייסט דאך, אז איך האב דיך ליב. אין דיר קען זיך אפילו אשמדאי פארליבען. יא, גאר אמאל וואלסטו מיך אפשר איבערגעשראקען מיט דיין שפרוך: „איך בין א אידישע טאכטער!" אדער מיט עפעס טויזענטע נשמות פון אידישע מארטירערינס", אבער ניט איצט, ווען איך בין ניקאליי לענין! דער דיקטאטור פון דעם אלוועלטליכען פראר־לעטאריאט שרעקט זיך ניט פאר בורזשואזנע ווערטער. איזאבעלא! דו זעהסט דאך, אז די גאנצע וועלט שרעקט זיך פאר מיר, ווייל איך בין „דער שרעק אליין". איזאבעלא! וואס פאר א ווערט האבען דיינע „טויזענטע אידישע טעכטער, וועלכע האבען געפונען זייערע קברים אין די רוישענדע ימים", געגען די טויזענטע מיליאנען ארבייטער פון דער גאנצער וועלט, וועלכע האבען אוועקגעגעבען זייערע לעבענס צו־ליב דעם איצטיגען דור, וועלכער האט דערלעבט צו זעהן די איצטיגע רויטע ליכטיגע תקופה! איזאבעלא! דו זעהסט מיט דיינע אויגען די גרויסקייט פון לעאנ'ען, ער איז דער „גאט" פון די רויטע ארמייען, ער איז גרויס, ער איז מעכטיג, ער ברומט ווי „א רויטער לייב", צו זיין ברומען פליהען מיליאנען שטארקע, דיסציפלינירטע רויטע מחנות, און, בעטקע איז די הויפט־ריכטעריז פון דער גאנץ גרויסער רוסלאנד,

צו איהרע „משפטים“ הערט זיך צו די גאנצע וועלט. ביי איהר אין האנט ליגט דער שיקזאל פון מיליאנען מענשען, צום לעבען אדער צום טויט. איזאבעלא! פארגעס ניט, אז דו וועסט זיין דער „חבר“ פון ניקאליי לענין, ניט דער אייגענטום, ווי איך האב זיך פריהער ארויסגערעדט, און אגב איז דער נאמען „ווייב“ צו בורזשואזנע, צו היפאקריטיש. איזאבעלא! איך ליב דיך צופיל, אז איך זאל דיר איבערגעבען אין די הענט פון מיינע רויטע חברים. איצטיגען מאל וועל איך דיר נאכגעבען. איך וויל ניט אויסאיבען מיין מאכט געגען מיין געליבטער, אבער זיי זיכער, אז עס וועט ניט אוועקגעהן קיין חודש צייט, אז דו וועסט זיך געפינען אין מיינע הענט! מיין האנט האט פארניכטעט דעם צאר מיט זיין משפחה, און הונדערטע טויזענטע וועלכע האבען זיך געשטעלט געגען מיין ווילען! געדענק! באטראכט זיך! עס וועט זיין געזינטער און בעסער פאר דיר, ווען דו וועסט מיט'ן גוטען רצון אננעמען אונזער „נייע תורה“ און ווערען מיינע כדת לענין!...

יהודה, וועלכער האט מיט זיין איבערנאטירליכען שכל שוין ניט איינמאל זיך אויסגעפלאנטערט פון פארשידענע „בלוטיגע נעצען“ און איז ניצול געווארען פון פיעלע געפאהרען און אומגליקען, האט די גאנצע צייט געשוויגען. נאר איצט האט ער זיך פלוצים אויפגעשטעלט אין זיין גאנצער הויך, פול מיט מוט און גבורה און האט גענומען דאס ווארט, ניט ווארטענדיג אפילו אויף אן ערלויבניש.

„דו גרויסער ניקאליי לענין! איך באוואונדער באמת דיין איבער־נאטירליכען כח, דיין „אויבער־מענש“, וועלכער וויל באשאפען א נייע וועלט און צוברעכען די אלטע וועלט מיט איהרע „געטער“, צי מיט'ן כח פון מענשען, צי מיט'ן כח פונ'ם טייוועל — דאס איז א זאך פאר די צוקינפטיגע היסטאריקער, און איך באוואונדער אייך אלעמען, אי־בערהויפט לעאנ'ען, וועלכער האט מיט זיינע גאונ'ישע און איבער־נאטירליכע פעהיגקייטען, דורכ'ן נאכט, ווי מיט א כשוף, באשאפען פון א כאאטישער „הפקר־באנדע“ א שטארקע, גרויסע, גוט־דיסציפלי־נירטע רויטע־ארמעע, וואס מאכט ציטערען די וועלט, וואס פארכאפט איינפאך דעם אטעם פון לענדער און הערשער, און נאכמעהר בא־וואונדער איך דעם גרויסען כח פון שטערבליכע מענשען, וואס קענען זיך ענטזאגען פון זייער פאלק מיט איהרע מארטירער צוליב דער גאנצער מענשהייט. מען מוז ווירקלאך באזיצען איבערנאטירליכע כחות, מען מוז האבען געגוג מוט, צו ענטזאגען זיך פון טאטע־מאמע,

שוועסטער און ברידער און מקריב זיין זיי צוליעב א העכערען אידעאל, צוליעב דעם אידעאל פון דער גאנצער מענשהייט.

„און עס איז נאכמעהר צו באוואונדערן דער „פרוי“ בעטקע, וועלכע איז דאך נאך אלעמען ניט מעהר ווי א „פרוי“ מיט געפיהלען, מיט א הארץ פון רחמנות, און דאך האט זי געגוג כח און מוט צו מקריב זיין איהר טאטע־מאמע, שוועסטער, יושר, רחמנות און ציוויליזאציע צוליעב העכערע פרינציפען פון דער גאנצער פראלעטאריער־מענשהייט. אויב אייער וועג איז די אמת׳ע, בלייבט פאר אונז צוווארטען און זעהן און די היסטאריע וועט עס דערנאך אורטיילען.

„אבער איין זאך וואלט איך ביי אייך געוואלט פרעגען: איהר צוברעכט די אלטע געטער מיט זייערע תורות. גוט, אפשר בין איך דערמיט איינפארשטאנען; אפשר איז שוין טאקע צייט צו באשאפען א נייע תורה, א נייעם דרך און א נייעם מאראל. אבער איהר וועט דאך אלע מודה זיין, אז אידען זיינען דאך אויך מענשען, לויט אייער נייער תורה געוויס. איהר מעקט דאך נאר אוים די ווערטער „איד און קריסט“ אבער דערווארט „מענש“ בלייבט דאך ווי געווען, פרעג איך אייך ווי א מענש ביי מענשען: ווען אידען האבען מקבל געווען זייער ערשטע תורה האבען זיי קיין זאך ניט געפרעגט, פון קיינע „קשיות“ ניט געוואלט וויסען, ווי אלע אנדערע אומות העולם, וועמען מען האט אנגעבאטען די זעלבע תורה. די אידען האבען גלייך אויס־געשריען „נעשה ונשמע!“ האבען טאקע אלע נאציאנען פון דער וועלט געלאכט פון אונז. מען האט אונז באצייכענט מיט דעם נאמען „עמא פזיזא“ (איבערגעאיילטע פאלק). ווילט איהר, אז מען זאל פון אונז איצט ווייטער לאכען?

„איהר האט אפגעשאפט טיטולען, שקלאפעריי, און איהר ווילט, אז אלע מענשען זאלען זיין גלייך. נו, וועלכער דענקענדער מענש קען דאס זיין דאגעגען אזעלכע גוטע טהאטען?

אבער איהר דארפט דאך ניט באשאפען א מין „נייע שקלאפעריי“ מיט „נייע טיטולען“. אנשטאט וואס אמאל האט געהערשט א צאר, א קניאז, א פירסט, א גראף און אז. וו. וועט איצט הערשען א דיקטא־טאר, א קאמיסאר, א קאמוניסט, א פראלעטאריער, און אז. וו. כל זמן איהר טיילט זיך איין אין גרויסע, גרעסערע, קליינע און קלענערע, איז דאך דאס איינע און די זעלבע וואס פריהער. די זעלבע „יענטע“ נאר מיט אן „איבערגעקערטען שלייער“. אמת, איהר דערקלערט אונז, אז ביז וואנען דער עולם וועט ווערען מסוגל צו פארשטעהן די אמת׳ע

פרייהייט, מוז מען דערווייל באשפריצען אלעמען מיט „בלוט“, מען מוז אוועקנעהמען די קאפיטאלען און מען מוז אנווענדען גוואלד־טהאטען. נו, האבען דאך אזוי גע׳טענה׳ט אויך די אמאליגע געוועל־טיגער, „אז דער עולם איז נאך אומוויסענד און מען מוז איהם לער־נען מיט דער קנוטע“. צי אפשר וואלט טאקע ניט געווען בעסער און געזינטער צו לערנען מיט׳ן עולם „צו לצו קו לקו זעיר שם זעיר שם“, ביסלאכווייז, דורך עוואלוציאן און טאקע מיט גוטען? נאר דאס איז א זאך פון דער צוקונפט. די געשיכטע וועט אונז שפעטער איבערציי־גען, וועלכע שיטה איז א בעסערע. אפשר טאקע אייער שיטה.

„אבער די תורה אייערע, וועלכע איהר האלט איצט ביים ארויס־געבען, זאל עס זיין לכל־הפחות ניט מיט געוואלד!

„מילא, אייערע דינים פון „מעשר“, „לקט“, „שכחה“, „פאה“ און אזוי ווייטער, שטעהען אפשר אין אייער רויטען „שלחן ערוך“, אז „האוחז ביד“ איז דער עיקר פון אלע עיקרים. אבער די איבעריגע זאכען, וואס האט צו טאן מיט דער נשמה און מיט דער הארץ טארט איהר ניט ארויפצווינגען. א תורה מוז מען לערנען, מען מוז עס גוט פארשטעהן!...

„איך וועל אייך נאכגעבען, אז פיעלע זאכען פון די אלע תורות זיינען אפשר „היפאקריטסטווע“, אבער איהר דארף ניט פארגעסען, אז אונזער אלטע תורה האט אונז געלערענט מאראל און זיטען, און טויזענטע דורות האבען זיך דערפון געשפייזט. א וועלט האט עס אפגעהיט, איבערהויפט דעם מאראל און ריינליכקייט פון דער פרוי, ווילט איהר, איהר גרויסע פרינציפיעלע מענשען, מיט איין שטריך, מיט איין געשריי פון אייער מויל, אפמעקען, וואס טויזענטע דורות האבען דאס געהיט ווי די אויגען אין קאפ? איהר ווילט, אז תיכף, ווי נאר איהר האט ארויסגערעדט, זאל די „פרוי“ גלייך איינווילינגען צו זיין דער אייגענטום פון שטאט, אדער דער „הפקר“ פאר יעדען רויטען סאלדאט?

„איהר גרויסער ניקאליי! איהר ווילט פשוט צווינגען איזאבעלא׳ן, אז זי זאל אפילו גארניט איבערטראכטען און תיכף ווערען אייער גע־ליבטע „כדת לעניין“. איז דען דאס א תורה?... אויב איהר זייט זיך נוהג פונקט ווי אין די אור־אור־אלטע צייטען, טא וואו איז אייער פראגרעס? אדער, אויב איהר ווילט זי צווינגען, טא וואס זשע רעדט איהר כלומר׳שט פון ליבע?

„איהר לאָזט בעסער איזאַבעלאַ'ן פריהער לערנען און שטודירען אייער „נייע תורה", אייערע „נייע מנהגים". אפשר, שטודירענדיג, וועט זי אליין אויסגעפינען אייערע נייע אמת'ען, און דאן וועט זי מיט איהר גרויסער נשמה, אפשר ווערען איינע פון אייערע אפּאָסטאָ־לען, א לעהרערין, א פּיהרערין, אָט אזוי ווי אייער בעטקע!.."

און, מערקווירדיג, די גאנצע צייט וואָס יהודה האָט גערעדט, איז ניט געווען ניכר קיין שום סאַרקאַזם אין זיינע רייד. ער האָט גערעדט אזוי שעהן קלאָהר און תמימותדיג, אז אפילו דער רויטער ניקאַליי האָט זיך געמוזט פאַרטראַכטען. עס איז געווען קענטיג אויף אַלעמענס פּנימ'ער, אז יהודה'ס טענות האָבען געמאַכט א שטיקעל רושם.

לעאָן האָט יהודה'ן געררייכט די האנט און האָט באַמערקט: „ווע־לענדיג אָדער ניט וועלענדיג, דו וועסט שוין ביי אונז ווערען איינער פון די בעסטע אַגיטאַטאָרס פאַר דער נייער אידעע".

בעטקע האָט איהם אַרומגענומען און אויסגעשריען: „יהודה, דו וועסט ווערען אַן אינטערנאַציאָנאַלע פיגור! מיט דיין שעהנעם „כח הדבור" קענסטו פאַרשפּרייטען אונזער נייע תורה איבער דער גאנצער וועלט!"

צום סוף האָט ניקאַליי געזאָגט: „יהודה! איך אנערקענען אייער טאַלאַנט. איך שטים מיט אייך איין אין פיעלע זאַכען, אָבער מיין ערפאַהרונג האָט מיך געלערענט, אז מען טאָר קיינעם ניט גלויבען, און דערפאַר גלויב איך טאַקע ניט דאָס וואָס איהר רעדט, ווייל אַלע בורזשויען באַנוצען זיך תמיד מיט א „שפת חלקות", מיט זיסע רייד, מיט חנופה, און נאָכדעם פּראָוואָצירען זיי. איך פאַרשטעה אייך זעהר גוט. איהר וועלט ענטוועדער באמת לערנען אונזער תורה, אָדער ניט מעהר ווי צו געווינען צייט און מאַכען מיט איאַבעלאַ'ן א ויברח. בין איך אייך פּותר חלום, אז דאָס לעצטע וועט קיינמאָל ניט געשעהן, ווייל אַלע וועגען און אַלע גרענעצען זיינען גוט באַוואַכט פון די רויטע מחנות! פאַרשטאַנען?

„גוט! איך פאָהר איצט נאָך מאָסקווע! און איהר מיט איזאַ־בעלאַ'ן וועלען שטודירען אונזער נייע תורה, און נאָכדעם וועל איך נאָך אייך שיקען מיינעם א פאַרטרויטען. איהר וועט אַריינטרעטען אין דער סאָוועט־מלוכה אַלס בעאַמטער, און איזאַבעלאַ אַלס מיין געליבטע! פאַרשטאַנען? און אויב איהר וועט אונז דינען מיט אַן אמת און

מיט׳ן גאנצען הארצען, וועט זיין אזוי וואויל צו אייך! נאר טאמער האט איהר ברעה מיך צו נארען? געדענקט! דער רויטער גרויסער מויל פון טשעקא וועט אייך גלייך איינשלינגען!"

אונזערע „טרייע געסט" זיינען אפגעפאהרען און מיר, די מחותנים, זיינען געבליבען אויף צרות מיט דער צובראכענער קארעטע.

דרייצעהנטער קאפיטעל.

מען רופט מיך שושנה.

פון אונזער שעהנעם פאלאץ האבען זיי ממש געמאכט א חורבה, צובראכען, צושאסען די ווענט, זוכענדיג דארטען באהאלטענע אוצרות. „עך, מאמעלע!" פלעגט דער אלטער גראף קרעכצען. „וואס האבען זיי געמאכט פון אונזער רוסלאנד? אייגענע קינדער זיינען די תליונים. עך, קינדערלאך! גאט שטראפט רוסלאנד פאר די אידישע בלוט. איך וועל שוין ווי עס איז דערשלעפען מיינע יאהרען. איך האב נאך א שטיקעל ערד, וואס די „רויטע תליונים" האבען פאר מיר איבערגע־לאזען. איך מיט מיין אלטער וועלען פארזעען צוביסלאך און אט אזוי וועלען מיר שטילען אונזער הונגער. אבער אלכסנדר טימאפייע־וויטש! מיין גאט! זיין גאנצער קאפיטאל האט מען אוועקגערויבט, קיין ערד האט ער ניט! עך, קינדערלאך, ס׳איז ניט גוט!"...

טאג און נאכט פלעג איך מיט יהודה׳ן זוכען עצות, ווי אזוי פטור צו ווערען פון דעם ארץ הדמים. מען האט געמוזט האנדלען שנעל, ווייל יעדע מינוט איז אונזער לעבען געווען אין געפאהר ארייגצופאלען אינ׳ם מויל פון טשעקא.

מיינע ליבע ארימע עלטערן האבען געהאלטען אין איין טענה׳ן און וויינען: „קינדער אנטלויפט! ווי גאט איז אייך ליב! ווארט ניט אויף אונז! זאל דער גאט פון ישראל טאן מיט אונז וואס ער וויל, אבער איהר זייט נאך יונג, ראטעוועט אייער לעבען, אפשר וועט גאט צוליב אייער זכות אויף אונז אמאל זיך אויך מרחם זיין.

מיין פאטער האט אונז איבערגעגעבען געגוג דימענטען און ברי־ליאנטען, וועלכע ער האט אויסבאהאלטען. „נעהמט עס, קינדערלאך! איך טאר זיך דערמיט אלץ איינס ניט באנוצען, אויב איך וועל נאך

לעבען. מיר האָבען עס באַהאַלטען צווישען די פאַרעשוועס פון די שיך און אין מיינע געדיכטע האָר און מיר האָבען געהאַפט אויף עפּעס אַ נס, אַז מיר זאָלען קענען אומבאַמערקט אנטלויפען.

און אין אַ שעהנעם, צרה׳דיגען פריהמאָרגען, ווען איך בין געזעסען פאַרזונקען אין טרויעריגע מחשבות איז אריינגעקומען צו אונז אין הויז זעהר אַ שעהנער הויך־שטאַרק געבויטער רויטער קאָזאַק, און האָט מיר איבערגעגעבען אַ פּאַפּיר, וואו עס איז געשטאַנען פאָלגענדעס: „איזאַבעלאַ! איך ווער פאַרברענט פון ליעבע צו דיר. איזאַבעלאַ! שפּיל זיך ניט מיט׳ן טייפעל! אָט דער רויטער קאָזאַק איז איינער פון מיינע פאַרטרויעסטע און עלצטער פון טשעקאַ. ער איז באַפאָל־מעכטיגט צו ברענגען דיך צו מיר, אונטער אלע אומשטענדען, און וועה וועט דיר זיין, ווען דו קומסט ניט! ניקאָליי לעניו״.

ווי איך האָב עס איבערגעלעזען איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען. איך בין ארומגעלאָפען זוכען יהודה׳ן, אָבער איך האָב איהם אין ערגעץ ניט געקענט געפינען. מיר זיינען אלע געווען פאַר־צווייפעלט. און דער „רויטער טשעקאיסט״ זיצט און שווייגט, ווי אַ מלאך המות וואָס קומט צונעהמען אַ נשמה, אַזוי האָט ער אויסגעזעהן. ער פרעגט נאָר פון צייט צו צייט, אויב איך בין פאַרטיג צו דער רייזע.

דער טאָג געהט פאַרביי, די נאַכט קומט אָן און יהודה איז ניטאָ. אַ פינסטערער געדאַנק צולעכבערט מיין מח און מיין האַרץ. יהודה מוז שוין זיין ערגעץ אין די נעגעל פון טשעקאַ. זיין נשמה מוז שוין ערגעץ שפּאַלטען די הימלען. יאָ, יאָ, דער גרויסער מורא׳דיגער קראָ־קאָדילען־מויל פון טשעקאַ האָט מיין יהודה׳ן איינגעשלונגען. וואָס טהוט מען?

דער איין־און־איינציגער אויסוועג אויף וועלכען איז בין געווען פעסט באַשלאָסען דורכצופירען איז געווען: צו מאַכען אַ סוף פון מיין לעבען! איך האָב עס ניט געוואָלט פאַרטרויען מיינע עלטערן, אָבער איך בין געוואָרען רוהיגער. איך האָב אין מיינע געדאַנקען אונ־טערגעצויגען אלע חשבונות מיט דער וועלט און מיט אַ באַוואוסט־זיניגען קלאָהרען פאַרשטאַנד האָב איך זיך געגרייט צו פאַרלאָזען גאָט׳ס ליכטיגע וועלט, וועלכע מען האָט פאַרוואַנדעלט אין אַ גיהנום און אַ שדים קאַראַהאַר.

עס איז געווען שפּעט ביי נאַכט. איך האָב געוואָלט אַוועקגעהן אין אַ צווייטען חורבה־צימער כלומר׳שט שלאָפען, אָבער דער רויטער טשעקאיסט רעדט שטיל, מיט עפּעס אַ מאָדנער שטימע ווי פון דער

ערד: „איזאבעלא! א רויטע קען מען ניט נארען! איך ווייס פון אייער אידישע געשיכטע, פון עפעס א יהודית, וועלכע האט אפגעראמט פון וועג א גרויסען גענעראל. איך ווייס פון אן אסתר, וועלכע האט אפגעראמט א המנ'ען און איך ווייס אויך פון אנדערע, וועלכע האבען זיך אליין גענומען דעם לעבען אום ניט אריינצופאלען אין די הענט פון די פייניגער. איזאבעלא! איך ווייס אייערע מחשבות, די שלעכ־טע, די פינסטערע. איהר ווילט מיר אויסנארען, איהר ווילט זיך אליין נעהמען דעם לעבען דורך קוילענען זיך, אדער אן אנדער מין מארד, אום ניט אריינצופאלען אין די הענט פון ניקאליי לעניז. אבער איך וועט דאס קיינמאל ניט געלינגען. פארגעסט ניט, אז ניקאליי איז א מענשען־גאט, ער ווייס אייערע מחשבות און ער האט מיך געהייסען היטען אייך אויף שריט און טריט.

„מארגען, גאנץ פריה, פאהרען מיר נאך מאסקווע. איך וועל אייך נעהמען מיט געוואלד אויב איהר וועט ניט געהן מיט גוטען. פון אייער יהודה'ן דארפט איהר שוין מעהר ניט דענקען, ווייל דער גרויסער ניקאליי האט געוואוסט פון זיינע בייזע מחשבות. ער האט נאר גע־וואלט געווינען צייט. אבער די האנט פון טשעקא איז זעהר לאנג און דער רצון פון ניקאלייען זעהר גרויס. יהודה איז שוין מעהר ניטא צווישען די לעבעדיגע. אט האסטו יהודה'ס בייטעל געלד, וואס מיר האבען ערשט היינט פריה ביי איהם געפונען, איידער מען האט איהם דערשאסען!

„איצט פארשטעהסטו שוין, אז פון גרויסען ניקאלייען קען מען זיך בשום אופן ניט אויסבאהאלטען?"

ער האט נאכדעם גענוצט, געטאפט, אויב איך האב ניט באהאלטען עפעס א מין כלי־משחית. ווייל די ברכה „על השחיטה" האט געמוזט מאכען ניקאליי לענין אליין. און ער האט געוואכט איבער מיר א גאנצע נאכט.

איך ווייס ניט פארוואס איך בין דאן ניט משוגע געווארען! איך האב געבעטען גאט, תפלה געטאן, אז עפעס א גרויס אומגליק זאל מיט מיר געשעהן, ווייל פון גליק האב איך זיך שוין מייאש געווען. איך האב געבראכען די הענט, געריסען די האר פון קאפ, פון וועלכע פיעלע דימענטען זיינען ארויסגעפאלען און דער רויטער קאזאק האט ער קאלטבלוטיג אויפגעהויבען, שטשירענדיג דערביי מיט זיינע גע־זונטע, ווייסע, טייוועלשע צייהן.

מיינע עלטערן זיינען געזעסען שטיל פאַרצווייפעלט. דער קוואַל פון טרערן האָט זיך שוין ביי זיי אויסגעשעפּט.

אָט אַזוי איז דורכגעגאַנגען די נאַכט. עס איז געווען ניט אַ נאַכט, נאָר אַ גאַנצע פינסטערע צרה׳דיגע אייביגקייט! עס איז געווען דער אידישער פינסטערער גלות, מיט אַלע זיינע שרעקען און יסורים. איך האָב זיך נאָר געוואונדערט, פון וואַנען נעהמט זיך עס צו מיר אַזאַ כח, צו קענען אריבערטראָגען אַזוי פיעל יסורים?

עס איז אָנגעקומען דער חושכ׳דיגער פריהמאָרגען, און דער רויטער קאַזאַק לאָזט מיך ניט אָפּ פון אויג. ער היט מיין יעדע באַוועגונג, און גאָר אָהן צערעמאָניעס נעהמט ער מיך אָן פאַר׳ן האַנט, ווי אַ קינד, און רעדט אוים אין דער שטיל: „מיר פאָהרען!“

איך בין ניט בכח צו שילדערן דעם אומגליקליך־טראַגישען אָפּשיד־נעהעמן פון מיינע ליבע, אומגליקליכע עלטערן. מיין פאָטער האָט קוים מיט זיינע לעצטע כחות אַרויסגערעדט: „טאָכטער מיינע, דער גאָט וואָס האָט מציל געווען אברהמ׳ן פון קאַלד־אויווען, דניאל׳ן פון לייבען־גרוב און שרה׳ן פון אַמאָליגען פרעה, דער זאָל דיך מציל זיין פון די הענט פון די איצטיגע פרעה׳ס. און מיין מוטער איז געפאַלען אין חלשות.

„אָמן!“ האָט זיך דער רויטער קאַזאַק פונאַנדערגעלאַכט, אַז מיר זיינען פאַרציטערטע געוואָרען.

עס איז צוגעפאָהרען אַ רויטער אויטאָמאָביל, מיט פיער רויטע סאָלדאַטען, אָנגעכמורעטע, פאַרהאַרטעוועטע. מיר זיינען אריין אינ־וועניג.

צוויי בעטלער זיינען פאַרבייגעגאַנגען אונזער אויטאָמאָביל, מיט אויסגעשמירטע פּנימ׳ער, וועלכע האָבען זיך ניט געוואַשען אפשר אַ יאָהר צייט. איינער אַ מלחמה־קריפּעל, אין אַלטע, אָפּגעריסענע סאָל־דאַטסקע קליידער, מיט אָנדערהאַלבען הענט און איין פאַרמאַכטע אויג, און אַ איד מיט אַ מאָדנע צופּודעלטע באָרד. ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ געריהרטער פון זינען.

מיין באַגלייטער, דער רויטער קאַזאַק, האָט זיך שטאַרק איינגע־קוקט אין דעם אידענס פּנים. ער האָט זיך ציניש צולאַכט. „אפשר ליגען אין זיין באָרד באַהאַלטען דימענטען?“ די סאָלדאַטען האָבען אַרויסגעלאָזען „אַ רויטען געלעכטער“.

ביז צום אייזענבאַהן־סטאַנציע האָבען אונז באַגלייט די פיער רויטע סאָלדאַטען און נאָכדעם בין איך געבליבען אַליין מיט׳ן טשעקאיסט.

איך האב געפיהלט, אז מיינע כחות פארלאזען מיך פון מינוט צו מי־נוט. איך האב אויסגעקוקט ווי א שעפסעלע, וועלכע מען פיהרט צו דער שחיטה. נאר ווען־ניט־ווען פלעגט ווי א בליץ דורכפליהען מיין מח, אפשר וועל איך זיך נאך קענען ראטעווען, אפשר וועל איך געפינען עפעס א מיטעל ווי צו נעהמען זיך דעם לעבען. אבער די האפנונג איז געווען א שוואכע.

מיין „שומר" פלעגט מיר פון צייט צו צייט געבען עפעס אין מויל. ער פלעגט זעהר שטיל ארויסריידען: „איהר מוזט זיין שטארק און געזונט, אום איהר זאלט האבען מעהר כחות צו דינען אונזער פאטער־לאנד". איך האב זיך געלאזען מיט מיר טאן וואס ער האט געוואלט, ווייל איך האב פארלארען מיין גאנצען ווילענסקראפט.

צוויי טעג זיינען מיר געפאהרען מיט׳ן באהן, אליין אין א וואגאן, ווי עס פאסט פאר דער צוקינפטיגער הערשערין פון דער „רויטער מדינה". איך האב געבעטען גאט אין מיין הארצען, עס זאל געשעהן עפעס אן אומגליק, דער באהן זאל זיך אנשטויסען אן א צווייטען, אדער אראפ פון די רעלסען און איך זאל גע׳הרג׳עט ווערען.

דער טשעקאיסט האט מיר אבער ניט געלאזען טראכטען, ער פלעגט אפילו מיינע מחשבות דערשטיקען אין מיר. שטיל, מיט אוים־געשטעלטע ציינער פלעגט ער ריידען: „איך וויים אייערע בייזע מחשבות. איהר ווילט אז אומגליק זאל געשעהן און איהר זאלט גע־הרג׳עט ווערען? איזאבעלא, פארגעסט ניט, אז איך בין ניקאלאי׳ס פארטרויטער און זייענדיג מיט לעניג׳ס גרויסען גייסט, האב איך זעהר פיעל געלערענט און איך קען זעהן זאכען, וואס אנדערע קענען עס אפילו ניט משיג זיין. דערפאר בעט איך אייך: טראכט ניט פון קיין בייזע מחשבות, ווייל איך קען זיי לייענען פון אייערע אויגען. עס וועט אייך גאר ניט העלפען!"

איך בין קיינמאל ניט געווען אבערגלויביש, אבער דיזען מאל האב איך אנגעהויבען גלויבען אין כשוף, שדים און רוחות. איך האב, אמת, קיין מורא ניט געהאט, ווייל זיצענדיג צוזאמען מיט א מלאך המות, איז שוין די מורא א צו־קליינע שטראף, אבער איך פלעג ווערען זעהר אומרוהיג פון מינוט צו מינוט. מיין גאט! פלעג איך טראכטען, פון וואנען וויים ער מיינע געדאנקען?

אויפ׳ן דריטען טאג זיינען מיר אראפ פון באהן. א קאמיסאר האט זיך איבערגעוואונקען מיט׳ן טשעקאיסט. דער לעצטער האט איהם געצייגט א פאפיר. דער קאמיסאר האט זיך אויסגעצויגען ווי א „רויטע

סטרונע", מיט גרויס דרך־ארץ און יראת־הכבוד האט מען אונז גע־האלפען זיך אריינזעצען אין „א רויטען אויטאמאביל", וועלכער האט אונז אוועקגעפיהרט אין א האטעל, וואס איז געווען האלב צושעדיגט פון בירגער־קריעג אדער פון די ריקוויזיציעס, זוכענדיג באהאלטענע אוצרות. עטליכע רויטע סאלדאטען האבען אונז שטום באגריסט. עס האט אויסגעזעהן ווי אלע ארום האבען זיך געסודעט: „אט דאס פיהרט מען דעם גרויסען ניקאלייס געליבטע". לכל הפחות האט עס מיר זיך אזוי אויסגערוכט.

מיין שומר האט מיך ניט אפגעלאזט. כאטש ער האט גערעדט צו מיר זעהר ווייניג, ווען־ניט־ווען געצעהלטע ווערטער, אבער ער פלעגט איבער מיר וואכען.

איך ווייס ניט, א פנים אז צו צרות ווערט מען געוואוינט. עפעס האב איך זיך אויפגעהערט צו שרעקען פאר'ן טשעקאיסט. אדרבה, איך האב אנגעהויבען פיהלען, אז מיט איהם בין איך זיכערער, און א געדאנק פלעגט אין מיר אויפבליצען. יא, אזוי מוז דאס זיין: ביס־לאכווייז געה איך ארונטער פון זינען. עס הייסט, איך וועל משוגע ווערען, און גאט האט טאקע צוגעהערט מיין תפלה.

פלוצלונג האט דער טשעקאיסט ברייט פונאנדערגעפענט זיינע אויגען און האט אויף מיר א שטרענגען בליק געטאן, אז איך בין געווארען א פארציטערטע.

„ניט געטראכט! קיין זאך ניט!" האט ער גערעדט ווי א בויך־רעדנער. אבער זיינע בליקען... מיין גאט! עפעס באקאנטע, היימ־ליכע. דאכט זיך, אז איך האב געקענט אזעלכע בליקען. ווארימע, צארטע בליקען. ניין!! ניין! ניין! פלעג איך שטיל אויסריידען. עס קען ניט זיין, אז א מלאך המות זאל האבען אזעלכע בליקען ווי מיין יהודה, אט דער גרויסער „קדוש".

איינמאל האב איך באמערקט, אז מיין שומר איז עפעס אומרו־היג, פאר'כעס'ט און לויפט ארום איבער'ן צימער אהין און צוריק. איך האב פון ווייטען אן א זייט געקוקט אין זיינע אויגען. ניין! ניט די זעלבע אויגען. עפעס גאר אנדערע, ניט ווי פריהער. אבער מיין גאט, די בליקען!... יא, יא, עס געהט שנעל, גיך, באלד און איך ווער שוין אויף אן אמת משוגע. איך דאנק דיר, גאט!

עס איז צוגעפאהרען אן אויטאמאביל מיט א רויטען קאמיסאר און מיר זיינען אוועקגעפאהרען פון דעם האלב־חרוב'דיגען האטעל. מיר פאהרען און פאהרען, עס נעהמט ניט קיין סוף. מיר זיינען אריינ־

געפאַהרען אין א וואַלד פון גרויס גראַבע בוימער. מיר דוכט אז איך בין געוואָרען עפּעס רוהיגער. איך ווייס ניט, צי ווייל איך האָב זיך דערווייטערט פון מענשען, צי ווייל איך בין שוין אביסעל מעהר משונע געוואָרען, אָבער די בליקען שטעהען פאַרט פאַר מיינע אויגען און עג־בערן מיין הארצען. נו, יאָ, ערשט אזוי פריש אין זכרון, ערשט מיט פיר טעג צוריק האָב איך געזעהן אזעלכע בליקען, מיין יהודה׳ס בליקען.

פּלוצלונג האָט זיך דער אויטאָמאָביל אָפּגעשטעלט. איך האָב זיך דערשראָקען. נו, יאָ, עפּעס אַן אומגליק מן הסתם, האָב איך גע־טראַכט. אָבער וואָס איז דאָס? איידער דער טרייבער, דער רויטער קאָמיסאַר, האָט צייט געהאַט אַ וואָרט אויסצורעדען, איז מיין שומר, דער טשעקאיסט, שנעל ווי אַ בליץ אַרויסגעפאַלען אויפ׳ן קאָמיסאַר און האָט איהם מיט זיינע שטאַרקע געזונטע הענט גענומען שטיקען, אז יענער האָט אפילו קיין צייט ניט געהאַט אַ כאָרכל צו טאָן. איך בין געוואָרען איבערראַשט, דערשראָקען און ניט געוואוסט וואו איך בין אין דער וועלט.

ער איז גיך פאַרטיג געוואָרען מיט׳ן קאָמיסאַר, האָט אַראָפּגעצוי־גען פון איהם זיינע קליידער און האָט אויסגעשריען שטרענג: „שנעל, שנעל! איזאבעלאַ! טהוט זיך איבער אין אָט דיזע קליידער!“ איך האָב אפילו קיין צייט ניט געהאַט צו פרעגען ווער, וואָס? איך האָב אָבער געפיהלט, אז עפּעס מוז געשעהן אַ נס, אַ וואונדער! איך האָב בלינד געפאָלגט.

און דער אויטאָמאָביל איז געפלויגען אזוי ווי געיאָגט פון שדים און רוחות.

איך בין געווען צוטומעלט. מיינע נערווען און אַלע מיינע אברים זיינען געוואָרען צושרויפט און לויז.

פּלוצלונג איז דער אויטאָמאָביל געבליבען שטעהן. מיר האָבען ווידער דערזעהן דעם אידען מיט דער צופּודעלטער באָרד דעם מרה־שחורה׳דיגען, אָבער דאָס מאָל האָט איהם דער טשעקאיסט אָנגעכאַפּט און עפּעס אַריינגע׳סוד׳עט. איך האָב נאָר געהערט עטליכע אָפּגעריסענע ווערטען: „הנה, לא, ינום“.

מען האָט מיר ניט געלאָזט לאַנג טראַכטען. דער טשעקאיסט האָט מיר שטרענג באַפוילען צו אָננעהמען דעם אידען פאַר אַ האַנט און ער האָט אָנגעכאַפּט די צווייטע האַנט און מיר האָבען איהם גע־פיהרט ווי עפּעס אַ פאַרברעכער. ער האָט געשוויגען און איז געגאַנגען ווי עפּעס אין גרויס פּחד.

מיר האָבען באַגעגענט צוויי רויטע סאָלדאַטען. דער טשעקאיסט האָט זיי אין קורצען דערצעהלט, אַז מען האָט ביי אַט דעם אידעל געפונען דימענטען אין באָרד, און די רויטע זיינען אוועק זייער וועג.

עס איז געוואָרען טונקעל. מיר זיינען איינגעוויקעלט געוואָרען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, אָבער מיר זיינען געגאַנגען אַהן און אויפהער אַ גאַנצע נאַכט. פאַרטאָג האָב איך באַמערקט ווי דער איד מיט דער צופּודעלטער באָרד קוקט אויס זעהר פרעהלאך, עפּעס איז פאַראַן אַ גרויסע שמחה אין זיינע אויגען און ער האָט פרעהלאך אויסגעשריען: „אַט דאָ קענען מיר שוין אָפּרוהען! מיר זיינען שוין אַ דאַנק גאָט אויף דער אנדער זייט! דעם רויטען טייוועל׳ס האַנט קען אונז דאָ שוין ניט דערלאַנגען!" ער האָט אַרויסגענומען פון עפּעס אַ זעקעל ברויט, קעז און האָניג און האָט צו אונז געזאָגט: „עסט און דערפרישט אייך" און מיט שמחה האָט ער געפרעגט: „נו, איצט וועט איהר מיך שוין אָפּלאָזען?"

און דער טשעקאיסט האָט טיעף אַריינגעבליקט אין מיינע אויגען. אַ, גאָט! זיינע בליקען! יאַ, מיין יהודה׳ס בליקען! וואָס טהוט זיך דאָ מיט מיר? שפּילט דאָ ניט דער טייוועל מיט מיר עפּעס אַ קאָ־מעדיע? און אַזוי ווי איך טראַכט, רופט זיך אָפּ דער טשעקאיסט: „שאַ! מען טאָר ניט טראַכטען!"

„הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל!" האָט פּלוצלונג דער איד מיט דער צופּועדלטער באָרד אויסגעזונגען, און דער טשעקאיסט ענט־פערט: „מה נאוו על ההרים רגלי מבשר".

אַ, מיין גאָט! זיין שטימע! מיין יהודה׳ס שטימע! דאָס איז שוין געווען איבער מיינע כחות און איך בין געפאַלען אין חלשות...

ווען איך האָב אויפגעעפענט מיינע אויגען האָב איך זיך געפונען ליגענדיג אין אַ בעט. אַרום מיר זיינען געשטאַנען מענשען מיט צאַרטע, ליבע בליקען. איך האָב באַטראַכט יעדען איינעם מיט פאַר־וואונדערונג. אָבער קיין סך צייט האָט מען מיר ניט געלאָזט טראַכ־טען. ווי איך האָב נאָר געעפענט די אויגען, האָבען אַלע מיט שמחה אויסגעשריען: „שושנה! זי האָט געעפענט די אויגען! שושנה!"

איך האָב בשום אופן ניט געקענט פאַרשטעהן, וואָס עס טהוט זיך מיט מיר. איך האָב גענומען באַטראַכטען וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט און איך בין געקומען צום טרויעריגען באשלוס, אַז ענטוועדער דער רויטער טשעקאיסט, מיין שומר, האָט מיך פאַר׳כשופ׳ט, אָדער איך בין שוין אויף אַן אמת משוגע!

בּיסלאַכוווייז בּין איך געקומען צו זיך. איך האָב זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן בּעט. איך האָב דערזעהן די קליידער פוּנ׳ם דערשטיקטען קאַ־מיסאַר און עס האָט מיך אָנגעהויבּען שווינדלען. איך האָב גענומען ריי־דען: „גוּטע מענשען! זאָגט מיר, דערצעהלט מיר, וואו בּין איך? און וואָס איז פון מיר געוואָרען? וואָס האָט איהר געשריען שושנה? און וואו איז מיין רויטער שומר, מיין מלאך־המות? אַט דער מכשף וואָס ציינט מיר מיין יהודה׳ס אויגען, זיינע בּליקען און זיין שטים? און וואו איז דער איך מיט דער בּאָרד? איז ער אויך עפּעס פון די ניט־גוּטע?" איך האָב געפרעגט, גערעדט. איך בּין געווען אויסער זיך פון אומוויסענהייט.

„בּארוהיגט אייך און שרעקט זיך ניט מעהר!" האָט מיר אָן על־טערע, זעהר צערטליכע, אידישע פרוי געענטפערט. „איהר זייט איצט אויף דעם אנדער זייט גרענעץ. פון דער „ארץ הדמים", די האַנט פוּנ׳ם רויטען טייוועל ניקאָליי לעניןָ, קען אָהער ניט דערלאַנגען. דער גאָט פון ישראל האָט געשיקט זיין מלאך און ער האָט אייך מציל געווען פון די הענט פון די רויטע. דער רויטער טשעקאיסט איז ניט אייער מלאך־המות. אדרבּה, ער איז געווען דער אמת׳ער מלאך וואָס האָט אייך געראַטעוועט. דאָס איז גאָר געווען אַ העלדישער אידישער יונ־גערמאַן, וואָס האָט זיך פאַרקליידעט אַלס דער טשעקאיסט, אום אייך מציל צו זיין"

און אַזוי ווי די גוּטע ליעבע פרוי האָט געהאַלטען אין דערצעה־לען, איז פּלוּצלונג אַריינגעפלויגען מיין יהודה. ער איז מיר ארויפגע־פאַלען אויפ׳ן האַלז און האָט מיך זעהר שטאַרק געקוּשט און מיט שמחה האָט ער דערצעהלט, אַז אין יענעם פינסטערן פרימאָרגען, ווען דער רויטער טשעקאיסט איז געקומען מיט אַ פּאַפּיר פון ניקאָלייען, האָט מיר גאָט געגעבען אַזאַ גבורה, אַז איך בּין זעהר גיך פון איהם פּטור געוואָרען. איך האָב איבּערגעטאָן זיינע קליידער און גענומען שפּילען זיין ראָליע. איך האָב מורא געהאַט אפילו דיר, מיין לעבען, צו דערצעהלען ווער איך בּין, ווייל דער טייוועל ניקאָליי איז זעהר שטאַרק און געגען איהם האָב איך געמוזט שפּילען טייפליש. איך האָב זיך געשראָקען אפילו פאַר מיין אייגענעם שאָטען. מיין האַרץ האָט געגוּג ווען געטאָן וואָס דו, מיין לעבען, האָסט געליטען אַזוי פיעל יסורים, אָבער איך האָב מורא געהאַט צו שטעלען דיין לעבען אין סכּנות, טאָמער וועלען די תּליונים עפּעס בּאַמערקען אָן דיר, ווען

דו וואלסט געוואוסט, דעריבער האב איך אויסגעקליבען בעסער די יסורים, און דאס איבעריגע ווייסטו שוין אליין.

עס האט מיך ארומגעכאפט א גרויסע שמחה און איך האב אויס־געשריען: „וואס פאר א ווערט האבען ביי מיר אט די יסורים געגען דער גרויסער שמחה וואס איך זעה דיך א לעבעדיגען, מיין גרויסער, בראווער יהודה! אבער איין זאך איז מיר ניט קלאר: וואס האט מען עפעס אויסגעשריען „שושנה", ווען איך האב געעפענט מיינע אויגען?"

„עס איז גאנץ איינפאך, מיין טייערע! מיר האבען באשלאסען, אז ניט איזאבעלא, וועלכע סימבאליזירט דעם נאמען פון דער קעניגין איזאבעלא פון שפאניען, וועלכע האט פאר אומגליקט אונזער פאלק, זאל מען דיך רופען, נאר שושנה, בלום, די בלום פון ארץ־ישראל!"

איך האב געקושט מיין יהודה'ן און געוויינט פון שמחה.

„מזל־טוב! מזל־טוב!" האט אויסגעשריען חיים, א מיטעל־יעה־ריגער איד, שעהן, רייך געקליידעט מיט א צערטליך ליבלאך פנים, וועלכער דריקט אוים גוטסקייט און חכמה.

„מזל־טוב אייך, קינדער! די בלום פון ארץ־ישראל האט זיך פאר־איינינגט מיט אט דעם שטארקען בראווען יהודה און עס וועט זיין א גליק און א ברכה פאר אונזער אלט־נייאלאנד, ארץ־ישראל!"

„דו זעהסט, מיין טהייערע שושנה!" האט יהודה דערצעהלט מיט שמחה. „אט דאס איז דאך דער איד מיט דער „קאלטענוואסער בארד". ער האט א גרויסען טייל אין אונזער רעטונג. ער איז א איד, וועלכער געהט פון לאנד צו לאנד, פון שטאדט צו שטאדט און פון דארף צו דארף, און ער איז מציל פיעלע אידען פון גוי'אישע הענט. ער באווייזט זיך אין פארשידענע געשטאלטען. וואו מען מוז — מאכט ער זיך משוגע, אזוי ווי דוד המלך בשנותו את טעמו. אט דער חיים איז מיינער אן אלטער גוטער פריינט, נאר אנשטאט וואס איך האב פיעל פון מיינע יונגע יאהרען אוועקגעגעבען אויף פרעמדע אידעען, האט ער זיין גאנצען לעבען אוועקגעגעבען נאר צו אונזער פאלק, און דער־זעלבער חיים האט אונז איצט ארויסגעפיהרט פון דער ארץ־הדמים.

חיים דער געהיימניספולער האט געדריקט ווארים מיין האנט און האט מיט שמחה געזאגט:

„שושנה! איך האף, אז איהר וועט באלויכטען און באשעהנען אונזער ארץ־ישראל, און אייך וועט מען רופען די ארץ־ישראל־בלום".

מיר האבען געדאנקט און געלויבט גאט'ס נאמען, וואס מיר זיינען ניצול געווארען פון די הענט פון רויטען ניקאליי.

מיר זיינען געווען נע־ונד עטליכע חדשים, ווייל די מלחמה האָט זיך נאָך ניט געהאט איינגעשטילט און עס איז ניט געווען אזוי גרינג צו מאַכען אונזער נסיעה, אָבער מיט דער הילף פון דעם אונדער־שראָקענעם חיימ׳ן זיינען מיר ענדליך אָנגעקומען אין ארץ־ישראל.

דאס איז געווען אין די לעצטע טעג פון דער וועלט־מלחמה, פונ׳ם גרויסען „בלוטיגען מבול”, ווען מיר זיינען אריינגעקומען אין דער פאר־שפראָכענער לאַנד. אויף דער עצה פון דעם גרויסען חיימ׳ן האָבען מיר זיך פארשטעלט פאר בעדואינער. דער גרויסער חיים האָט זיך דאָן געמוזט זעהן מיט׳ן קעניג פייזעל אין די הרי מואב מעבר לירדן, און ער האָט אונז געפיהרט ווי א טאַטע זיינע קינדער. צוועלף טעג האָט אונז גענומען די נסיעה, ווייל די „רויטע טערקישע יארמולקע” האָט אונז פיעלע מאָל פארשטעלט דעם וועג. פינף טעג האָבען מיר זיך געשלעפט צו „פייזלען”. און דער קעניג האָט אויף דעם אַלטען ביבלישען שטייגער געשיקט אנטקעגען דעם גרויסען חיימ׳ן א צאַהל פון זיינע דינער. מען האָט איהם אויפגענומען מיט מחנות פון קעמלען, שאָף, מילך, ברויט און זאַלץ.

„איהר זעהט דעם גרויסען וואונדער, וועלכער אנטפּלעקט זיך פאר אונז?” האָט חיים אויסגעשריען אין עקסטאַז. „ווי אברהם אמאָל האָבען מיר זיך איצט דערנעהנטערט צו דעם לאַנד, וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט צו זיין אויסדערוועהלטע פאָלק. אויך אברהם איז אָנגע־קומען דורך דעם לאַנד פון מואב און ווי אברהמ׳ן האָט מען אונז באַגעגענט מיט ברויט און זאַלץ.

„יהושע בן נון האָט אמאָל דורכגעמאכט די זעלבע נסיעה און במעט מיט דער אייגענער שליחות!” האָט ער פארענדיגט.

איך מיט יהודה׳ן האָבען דערפילט די השגחה פון גאָט און זיין ברכה דורך אברהמ׳ן צו זיין פאָלק ישראל. מיר האָבען געפיהלט, אז די אַלע יאָהרען פון אונזער לאַנגען גלות, די אַלע לענדער וועלכע מיר האָבען דורכגעוואַנדערט און די אַלע צרות און יסורים וואָס מיר זיינען זיך אויסגעשטאַנען, האָבען איצט פאַר אונז אינגאַנצען אויפגעהערט. מיר האָבען זיי מעהר ניט געפיהלט און ניט געטראַכט פון זיי. מיר האָבען נאָר געזעהן און געפיהלט, אז די גרויסע הבטחה ווערט אויף אַן אמת מקוים. און אַט אזוי זיינען מיר אָנגעקומען אין ארץ־ישראל און אָנגעהויבען א גאַנץ נייעם לעבען, א לעבען פון גליק און פרייד, א לעבען פון ארבייט און בויען, און איך מיט מיין יהודה׳, וועלכער איז איצט דער סגן פון אַלע שומרים, פיהלען זיך די גליקליכסטע. נאָר

ווען־ניט־ווען פליהט דורך א פינסטערער געדאנק אין מיין מח און טרערען הויבען אן צו פליסען אויף מיינע ליבע און טייערע עלטערן, שוועסטער און ברודער. אבער איך פארטרייב גיך אט דיזען געדאנק, כדי איך זאל ניט געשטערט ווערען פון די הייליגע ארץ־ישראל־ארבייט.

אט דאס איז דער סוף פון מיין טרויעריגע און ליכטיגע געשיכטע. דערפאר זאל אייך ניט וואונדערן, מיין גוטער אמעריקאנער פריינט, אז נאכדעם ווי איך האב אויסגעהערט אייער טרויעריגע דערצעהלונג וועגען אייער פארשוואונדענע ליעבע בערטע, האט זיך מיר דאן פונקט פארגעשטעלט די בילד פון מיין שעהנער, ליבער בעטינקע און איך האב געמוזט אויסברעכען אין א געוויין.

— ביי גאט איז אלץ מעגליך, — האט לו געענטפערט פארטראכט. — עס איז זעהר מעגליך, אז אייער בעטינקע, נאכדעם ווי זי האט אויפגעעפענט איהרע אויגען, איז זי אנטלאפען פון דער „רויטער מדינה" און איז געווארען אן אמת'ע איבערגעגעבענע אידישע טאכטער, אט אזוי ווי איך בין אנטלאפען פון דער אסימילאטארישער מחנה און בין געווארען אן אמת'ער נאציאנאלער איד מיט א ציון וירושלים!

— א, גאט! — האט שושנה אויסגעשריען. — ווען איך דערלעב נאך צו זעהן מיינע עלטערן, מיין בעטינקען מיט לעאנ'ען, ערשט דאן וואלט מיין שמחה געווען א גאנצע!

— יא, איהר וועט נאך דערלעבען! — האט לו שטיל געענטפערט.

שושנה האט פון גרויס שמחה ארומגעכאפט דעם אמעריקאנעם לו און האט איהם באדעקט מיט אמת'ע שוועסטערליכע קושען.

און לו האט נאכאמאל גענומען ריידען פון זיין בערטע'ן:

— איך זאג אייך, אז זי איז געווען א מערקווירדיג אומנאטירליכע קינד! זי שטעהט איצט פאר מיינע אויגען: שעהן, שטאלץ, פארסוד'עט, פרעלאך, פארטראכט. איהרע אויגען קוקען עפעס ווייט, ווייט, ווי פארטרויערט. יא, זי איז פונקט געראטען אין אייך, שושנה!

זייערע אויגען האבען זיך באגעגענט מיט א מאדנעם פייער'ל, און לו האט אלץ גערעדט:

— פון וואס פאר א לאנד זי איז, האב איך איהר קיינמאל ניט געפרעגט. וואס קימערט עס ווען, פון וואנען דער דימענט קומט? אבי עס שיינט, ס'ווערט ליכט!

יא, טייערע שושנה! איך בין זיכער, אז איהר פארשווינדען איז ניט געווען קיין צופאל, ווייל באלד נאכדעם ווי מיר האבען זיך געכאפט, אז בערטע איז ניטא, האט ווי דורך א כשוף פאסירט, אז

עטליכע עזעל־פיהרער און רייטער האבען אונז פארשטעלט דעם וועג און ניט געלאזט שנעל באוועגען זיך איבער די ענגע גאסען, אום צו זוכען די פארשוואונדענע. עס איז געוועזן א גוט־אויסגערעכענטער פלאן, און ווען מיר האבען זיך שוין דורכגעריסען דורך די מאסע רייטער, איז צו אונז צוגעקומען א מאן און האט געפרעגט:

„איהר זוכט א דאמע, וועלכע איז געריטען אויף אן עזעל?"

„יא!" האבען מיר אלע מיט אמאל אויסגעשריען. „ווייסט איהר וואו זי איז?"

„וואו זי איז איצטער, ווייס איך ניט!" האט ער געענטפערט. „אבער איך קען אייך זאגען, וואס מיט איהר האט פאסירט!"

„אבער, אום גאטעס ווילען! זאגט גיכער!" האבען מיר זיך אלע אומגעדולדיג ארויפגעווארפען אויף דעם אומבאקאנטען.

„איך האב געזעהן", האט דער אומבאקאנטער אנגעהויבען. „ווי צו איהר איז געקומען אן עגיפטישער אפיציער, האט זיך העפליך פארנייגט, האט אנגענומען איהר עזעל ביים צוים און האט איהר געהאלפען דורכפאהרען דורך דער געדיכטער מאסע מענשען".

„און די דאמע האט ניט פראטעסטירט?" האבען מיר אלע כמעט אהן אן אטעם געפרעגט.

„אין אנהויב ניט", האט דער אומבאקאנטער געענטפערט. „אדרבה, זי האט איהם נאך באדאנקט פאר זיין העפליכקייט. אבער שפעטער אביסעל האב איך באמערקט, אז אויסער דעם אפיציער האבען דער דאמע ארומגערינגעלט עטליכע סאלדאטען. ווי עס שיינט האט זי קיין חשק ניט געהאט צו געהן מיט זיי, ווייל זי האט זיך עטליכע מאל אומגעקערט אויף צוריק, אבער זי האט ענדליך געמוזט געהן מיט זיי".

„וואוהין?" האבען מיר געפרעגט אהן אטעם.

„אט אין יענער געסעל, און מעהר האב איך שוין ניט געקענט זעהן", האט ער געענדיגט.

„אבער וואס דענקסטו איז דא פארגעקומען?" האב איך געפרעגט דעם מאן און האב געפיהלט בעת מעשה, ווי צו דער־הרג׳ענען די גאנצע וועלט.

„איך דענק, אז מען האט זי ארעסטירט", האט דער מאן געענטפערט.

„ארעסטירט?!" האבען מיר אלע אויסגעשריען פארוואונדערט.

„אבער פאר וואס?"

„דאָס קען איך שוין ניט זאָגען", האָט דער מאַן תמימות'דיג גע־ענטפערט און איז אוועק זיין וועג.

— און ווען מיר זיינען מיט'ן אמעריקאַנער קאָנסול געגאַנגען אין פּאָליציי־ביורא, האָבען מיר זיך ביים אַריינגאַנג אַנגעשטויסען אויף אַ סאָלדאַט, וועלכער איז רוהיג געשטאַנען און האָט גערויכערט אַ ציגאַרעטל. עס האָט אויסגעזעהן אַז דאָס איז אַ וועכטער און איך האָב זיך צו איהם געווענדעט:

„קענען מיר זעהן דעם פּאָליציי־מייסטער?

„צו וואָס דאַרפט איהר איהם?" האָט דער סאָלדאַט געענטפערט מיט אַ פראַגע, און האָט קאַלטבלוטיג ווייטער גערויכערט זיין ציגאַרעטל.

„איך מוז איהם באַלד זעהן!" האָב איך אומגעדולדיג געזאָגט.

„צוליב וואָס?" איז דער סאָלדאַט ווידער אַרויס מיט דערזעלבער פראַגע.

„מיר מוזען איהם באַלד זעהן!" האָט זיך דער קאָנסול צושריען און איך האָב אַריינגערוקט דעם סאָלדאַט אַ דאָלאַר אין האַנט.

דער סאָלדאַט האָט קאַלטבלוטיג אַרויסגענומען דעם ציגאַרעטל פון מויל, האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט דעם דאָלאַר, אַריינגעלעגט אין קעשענע און האָט קורץ געזאָגט „אַ דאַנק" און האָט ווידער גענומען רויכערן.

„אָבער אום גאָטעס ווילען! מיר מוזען זעהן דעם פּאָליציימייס־טער!" האָבען מיר גענומען שרייען אויפ'ן קול.

„דער פּאָליציימייסטער וועט אייך גאָרנישט העלפען", האָט דער סאָלדאַט געענטפערט.

„פון וואַנען ווייסטו?" האָבען מיר ערשטוינט געפרעגט.

„וואָס ווייסטו דען, צוליב וואָס מיר זיינען געקומען?" פרעגען מיר.

„פיעל מעהר פון דעם פּאָליציימייסטער!" מיט דיזע ווערטער האָט זיך דער סאָלדאַט אומגעדרעהט און איז פארשוואונדען.

מיר זיינען געוואָרען שרעקליך אויפגעבראַכט. „דאָס איז ניט קיין סאָלדאַט!" האָב איך אויסגעשריען, „נאָר עפּעס אַ טייוועל! אָבער וואַרט!" האָב איך געשריען, און מיר זיינען אַלע געלאָפען צום סאָל־דאַט מיט פאַרדריקטע פויסטען, אָבער ער האָט זיך שוין אויסגעמישט מיט דער מאַסע.

— יאַ, מיין טייערער פריינט, ביי מיר איז גאָר קיין ספק ניט, אַז דאָס איז געווען אַ גוט־אויסגערעכענטער פּלאַן צו געווינען צייט. — האָט שושנה געענטפערט.

— און איך בין זיכער, אז זי איז געפאנגען ערגעץ אין מצרים און נאר דארטען מוז מען זי זוכען.

— איצט, מיין טייערער לו — האט שושנה געזאגט. — איהר פארט בשלום אין אייער אמעריקא, און פארפילט אייער שבועה, געווינט די אמעריקאנער אידען און קריסטען פאר אונזער אידעאל! און צו זוכען אייער ליבער בערטע׳ן וועט איבערנעהמען מיין יהודה. ער וועט איבערקעהרען גאנץ מצרים, די אלטע ווי די נייע, אזוי ווי דער אמאליגער יהודה, ווען מען האט גענומען געפאנגען זיין בנימין, און דער שומר ישראל וועט אייך צוריקקעהרען אייער בערטע, און מיר — מיינע פארלארענע עלטערן, שוועסטער און ברודער.

— אמן! — האט לו שטיל געענטפערט.

ענדע פון ערשטען טהייל.

צווייטער טהייל

פערצעהנטער קאפיטעל.

דער בלוט־טאנץ פון די הײדאמאקעס.

ניקאליי לענין, דער רויטער דיקטאטאר, לויפט ארום אין זיין קאבינעט אהין און צוריק ווי א פערוואונדעטע חיה. ער איז בלייך און אויפגערעגט. פון זיינע אויגען שפריצען פייער. ער וואלט אין דעם מאמענט א גאנצע וועלט חרוב געמאכט, אזוי צארענדיג איז ער געווען. סטייטש! שוין א וואך צייט! און פון זיין פארטרויטען קא־מיסאר מיאסאיעדאוו, וועמען ער האט פארטרויט מיט אזא וויכטיגע שליחות, ווי צו ברענגען איזאבעלאן — איז קיין שום ידיעה ניטא, און די גאנצע נסיעה דארף דויערען ניט מעהר ווי צוויי טעג. ער ווייס ניט וואס איבערצוטראכטען. ווי שוידערליך פאר איהם איז ניט געווען דער געדאנק, אז אפשר האט זיך איזאבעלא גענומען „דעם לעבען", האט ער דאך דערפון אזוי שטארק ניט געליטען. ווייל ווי ער האט זיך ניט געמאטערט צו דענקען, האט ער זיך דאך ניט גע־קענט פארשטעלען איזאבעלען א טויטע. אבער דער געדאנק, דאס בילד, ווי איזאבעלא איז אפשר פארגעוואלטיגט געווארען פון אט דעם לומפיגען מיאסאיעדאוו'ן, איז ווי לעבעדיג געשטאנען פאר זיינע אויגען, און דאס האט איהם געטריבען צו משוגעת.

דזשערדזשינסקי, דער הויפט תליון פון טשעקא, וועלכער איז געקומען צו בעריכטען וויפיעל קרבנות דער טשעקא האט שוין פאר־שלונגען, האט מורא צו עפענען זיין מויל. ער זיצט אין א ווינקעל שטיל, אנגעכמורעט. ער ווייס ניט ווי אנצוהויבען. דער „שד" ווייס ניט מיט וואס צו טרייסטען אשמדאי!

ניקאַליי זעהט איהם אפילו ניט. ער האַלט אין איין ארומלויפען. אַלע זיינע אברים ציטערן. זיין בלוט זידט און קאָכט. ס'פליהט דורך אין זיין זכרון, ווי ער האָט זי אַמאָל געזעהן אַ האַלב נאַקעטע. זי איז נאָך גאָר אַ יונגעטשקע געווען. איהר פּראַכטפאָלער, גראַציעזער, הימלישער קערפּער, האָט איהם נאָך דאַן פאַר'שכור'ט און משוגה געמאַכט. אָבער ער האָט געמוזט ליידען און שווייגען. און איצט ווען ער איז געקומען צום כח, אַז ער קען זי באַזיצען מיט איהר גאַנצע נאַקעטקייט לויט זיין תורה! און זי איז ניטאָ! ס'האָט איהם גע־רייצט ביז משוגעת. ער, דער שטאַרקסטער מאַן פון רוסלאַנד. דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטאָר פון כמעט דער גאַנצער וועלט! איהם, האָט באַזיעגט אַ אידישע טאָכטער. אָדער איהם האָט אויסגענאַרט זיין אייגענער פּאַרטרויטער חבר! ער האָט מיט ציטעריגע פינגער פון זיך גענומען רייסען די האָר, די קליידער, אַזוי ווילד, גראָב און אומגעלומפּערט, אַז אפילו דזשערדזשינסקי דער תליון פון אַלע תלינים, האָט זיך דערשראָקען, און האָט זיך אין דער שטיל אַרויסגערוקט פון קאַבינעט. אָבער ער האָט זיך באַלד געמוזט צוריקקערען צו ניקאַלייען, ווייל אַ רויטער סאָלדאַט האָט איהם געבראַכט אַ בעריכט מכח מיאַ־סאַיעדאַוו'ן, וועלכען ער האָט געמוזט תיכף צו שטעלען צו ניקאַלייען.

שטיל, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענער קאָפּ האָט ער איבערגעגעבען ני־קאַלייען, אַז מען האָט געפונען אין וואַלד אַ דערשטיקטען רויטען סאָל־דאַט און אין זיין האַנט האָט מען געפונען דעם נומער פון „קאָמיסאַר מיאַסאַיעדאָוו". מען האָט געזוכט איבעראַל און אומעטום, אפשר וועט מען געפינען נאָך סימנים וועלכע זאָלען צו עפּעס פיהרען, אָבער אָהן רעזולטאַטען.

איצט איז ביי ניקאַלייען שוין קיין שום ספק ניט געווען, אַז דאָס שרעקליכסטע איז געשעהן, מיאַסאַיעדאָוו האָט זי געוויס מיט געוואַלד ערגעץ פאַרשלעפּט. ער האָט דערפיהלט ווי ס'דריקט איהם אין זיין ברוסט און זיין אָטהעם ווערט איהם אַלץ ענגער און ענגער. ער האָט געפיהלט אַז אויב ער וועט איצט, זיך ניט פאַר'שכור'ן מיט עפּעס, וועט ער עס ניט אַריבערטראָגען, ווייל די ליידענשאַפט צו איזאַבעלאַ'ן האָט איהם אין גאַנצען אויפגעטרייסעלט. דער אייזער־נער־מאַן „דער מענשליכער־טייפעל" האָט געפיהלט ווי ס'האָט זיך ביי איהם עפּעס אַ ריס געטהאָן!

— לסוף האָט ער זיך פאַרנאַנדערגעלאַכט מיט אַן עכט „רויטען־געלעכטער". — דזשערדזשינסקי! — האָט ער אויסגעשריען: מיין

פליכט צו דער סאָוועטען מאַכט פאָדערט, אַז איך זאָל אַרויסרייסען פון מיין האַרצען אָט די פאַרפלוכטע „ליעבע" און אַלע אַנדערע זאַכען! איך מוז זיך אין גאַנצען אָוועקגעבען דעם „קאָמוניזם". באַזייטיגען יע־דערען, וועלכער שטעלט זיך אונז אין וועג. מען טאָר קיין רחמנות ניט האָבען מיט קיינעם. ווייל אַלע זיינען מיאַסאָיעדאָוו'ס! — ער איז געוואָרען שטיל, און האָט געביסען זיינע ליפּען ביז'ן בלוט...

דזשערדזשינסקי האָט הכנעה'דיג געענטפערט: — חבר ניקאָליי! אפשר איז אונזער מיאַסאָיעדאָוו גאָר אַן אומשולדיגער אין גאַנצען?

— דזשערדזשינסקי! — האָט ניקאָליי אויסגעברוימט ווי אַ ווילדע, פאַרוואונדעטע חיה. — אויך דו ביזט שוין געוואָרען אַ מליץ יושר, אַ בעל רחמים?!

— אָה ניין! טאָוואַרישטש, — האָט ער געזשיפּעט ווי אַ שלאַנג: — מיין טשעקאַ שלינגט איין יעדער טאָג אין די צעהנדליגע טויזענטע. אין מיין ווערטער־בוך איז שוין לאַנג אויסגעמעקט יושר און רחמנות. נאָר אין דעם ענין איז עטוואָס אַנדערש. מען דאַרף ניט פאַרגעסען אַז איזאַבעלאַ איז דאָך פאָרט „אַ זשידאָווקאַ", און די זשידעס זיינען דאָך באמת טייוואָלים. ס'איז גאַנץ מעגליך אַז זי האָט מיט איהר זשידאָווסקען שכל, גאָר פשוט איבערגערעדט אונזער געטרייען מיאַ־סאָיעדאָוו'ן, און האָט איהם אפשר נאָכדעם אויך ערמאָרדעט. אויף זשידעס איז אַלץ צו גלויבען. אָט נעם אונזער טראָצקי, נאָכאַלעמען איז ער דאָך ניט מעהר ווי אַ זשיד, און דאָך האָט ער פאַר'כשופ'ט די גאַנצע „רויטע אַרמעען" און זיי זיינען פאַרטיג פאַר איהם צו געהן אין פייער און אין וואַסער. און איך בין ניט זיכער, אַז ער וועט נאָך ניט ווערען דער צאַר פון רוסלאַנד!

— אָה ניין! — האָט ניקאָליי אויסגעשריען, ווי אַ צורייצטער טיגער, — דאָס וועט קיינמאָל ניט געשעהן! טראָצקי אַליין וועט אונז העלפען אַ פריהער אויסקוילען אַלע זשידעס, און נאָכדעם וועלען מיר ערשט פון איהם מוזען פּטור ווערען, ווייל ער ווערט ווירקליך אַ צו גרויסע קראַפט. — יע, כ'וועל איהם שיקען איצט אין קיעוו, וואו די אוקראַינער רעוואָלטירען! און ס'וועט זיך גענוג אידישע בלוט גיסען, פון דאַנען און פון דאָרטען. זאָל ער זיך אָנ'שיכור'ן מיט די בלוט פון זיינע אייגענע ברידער! כע כע כע, — און זיי האָבען פאַר־הילכט די לופט מיט אַ טייפעלשען געלעכטער.

און טראָצקי מיט זיין „רויטער אַרמיי" איז געפלויגען נאָך אוּ־קראַינאַ, וואו די היידאַמאַקעס האָבען זיך פונאַנדער געזונגען מיט זייער אַלטער בלוטיגער ליעד: „כאַי זשיווע אוקראַינאַ"!...

ס'איז געווען אַ ווייסער פאַר'כשופ'טער פריהמאָרגען, אַ דיקער שניי־פראָסט האָט די דראָטען מיט די בוימער באַהאַנגען, פון די צווייגען זיינען אַראָפּגעהאַנגען זילבערנע בערדלאַך, ווי לאַבענדיגע סאַטירען וואָלטען זיך צונויפקלייבען און וואַרטען און שווייגען, ס'האָט אויף אַלץ געוואָרפען אַ פאַנאַטיסטישען אַנבליק....

די שטאָדט האָט איצט אויסגעזעהן אין דעם שניי־פּראָסט, ווי אַ פּאַלאַץ אין אַ לעגענדאַרישען וואַלד. די שילדען פון די געשעפטען זענען געווען אין „פראָסט־גלאָז". פון די קוימענס האָבען זיך גלייכע זיילען רויך געצויגען, פונקט ווי מזבחות וואָלטען זיך גערויכערט איבער גאַנץ קיעוו.

פּלוצלונג... ס'האָט זיך דערהערט אַ פרעהליכער רוף. אַן אָרקעס־טער האָט געשפּיעלט „כאַי זשיווע אוקראַינאַ"! פון אַלע גאַסען האָ־בען זיך באַוויזען פּעטליורעס מחנות, פוסגעהער און רייטער איינ־געוויקעלט אין שאַלען, מיט אַזעלכע מאָדנע משונה'דיגע שעפּסענע פּעלצלאַך און פעלצען.

מען איז געגאַנגען און געזונגען. פון די הייזער האָבען זיך מענשען באַוויזען. זאָל עס זיין וועלכער אַ יום טוב עס ווילט זיך, אַבי אַ יום טוב, זאָלען זיך מענשען פרעהען אויף דער ווייסער גאַס און שטייפען פרעסטעל.

וואונדערבאַר האָבען אויסגעזעהן די רייטער, אַלע פערד זענען געווען ווייס, אָנגעזייפט פון פראָסט, מיט ווייסע צעפּעלאַך. ס'זענען געפאָרען מענשען מיט לאַנגע וואָנצעס מיט גרויסע פּיקעס.

דאָס דאָרף איז אין שטאָדט געקומען. ס'איז דאַמאָלסט באמת געווען אין אוקראַינישען דאָרף אַ פּאַטריאָטישע שטימונג.

פּעטליורא איז געווען דער אָבגאָט. די פּויערים האָבען איהם בלינד געפּאָלגט. זיי האָבען אָנגעלאָדען פורען מיט היי און ברויט, בהמות האָבען זיי געטריבען צו דער אַרמיי פון אַלע זייטען.

דערנאָך, ווען אַלע האָבען זיך צונויפגעקליבען צו דער שטאָדטישער דומע, זיינען אַרוים די אַלטע אוקראַינישע טוער און זיך געקושט מיט

די סאָלדאַטען, מוזיק האָט געשפּיעלט, דעפּוטאַציעס זיינען געגאַנגען איינע נאָך די אַנדערע, קינדער מיט לעהרער.

ס׳האָט זיך געדאַכט אַז פון איצט אָן וועט שוין זיין גוט. ס׳האָט זיך געקוקט אין דערוויייטען, דער פּראָסט-נעבעל האָט זיך צושוואומען, דער הימעל האָט געשטראַלט איבער צעהנדליגע טויזענטער קעפּ.

יעדער איינער איז געגאַנגען פון דער דומע ווי פאַר׳שיכור׳ט פון פרייד. זיי קעמפען, זיי ווילען האָבען אַן אוקראַינאַ...

עטליכע סאָלדאַטען מיט משונה׳דיגע אוקראַינישע היטלען, מיט ביקסען אין די הענט, פאַרהאַלטען עפּעס אַ יונגענמאַן און ציהען פון איהם אַראָפּ דעם אויבער-מאַנטעל, און ער בלייבט שטעהן אין אַ רוסישען אָפיצירסקען מונדיר.

איין מאָמענט...

זיי שפּרייזען די סאָלדאַטען עטליכע טריט צוריק, און עטליכע מיט אַמאָל שיסען זיי אוים אין דעם אָפיציער. ס׳ווערט אַ טומעל, אַ געשרוי, אַ געלויף, מענשען פאַלען אין שנייי.

דער אָפיציער ליגט אויסגעצויגען, אָהן באַוועגונג, די סאָלדאַטען קוקען זיך ניט אַרום אפילו, געהען אַוועק מיט די ביקסען אַראָפּגע־לאָזען.

קיעוו איז שוין געוואוינט צו אַזעלכע סצענעס, דער עולם קלייבט זיך באַלד צונויף און מען קוקט אויף די פאַרגלאָצטע אויגען פון דעם גע׳הרג׳עטען, אַ שעהנער יונגער פּנים, נאָר וואָס האָט פאַר איהם דער הימעל געלויכטען, און ערשט אַרום איהם זעהן זיך רויטע פלעקען, און אויפ׳ן ווייסען אומשולדיגען שניי זיינען בלוט טראָפּענס צושפּריצט און זיי לייכטען אַזוי, בלוט אויף שניי. רויט אויף ווייס. אַ מאָדנע שרעקליכע רייץ ליגט אויף דעם.

וואָס טהוט זיך דאָ אויף גאָט׳ס וועלט?... טויט, לעבען, האַס און העלדישקייט, אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען און איינגעפלאָנ־טערט.

דער ווייסער טאָג באַקומט גאָר אַן אַנדער פּנים, די רויטע פלעקען אויפ׳ן שנעע, פאַלען אַריין טיעף אין די נשמות.

ווי קען מען גלויבען מענשען אין זייערע שמחות און אין זייער פרייהייט.

פון וויייטען האָט אַן אָרקעסטער אַלץ געשפּיעלט „כאַי זשיווע אוקראַינאַ“! נאָר קיין פרייד האָט ער שוין ניט געבראַכט. אויב דער מענש איז אַ מערדער דאַן, בעת ער דערגרייכט שוין זיין אידעאַל,

בעת ער פרעהט זיך, — טא ווי זאל ער זיך שוין באגעהן בעת ער איז אין שלאכט אין אויפרעגונג?

און די בלוטיגע טענער פון דעם „היידאמאקעס ארקעסטער", פארשפרייט זיך אלץ ווילדער, ווייטער און העכער, איבער גאנץ אוק־ראינא, און דער „כאי זשיווע" ברענגט אומעטום טויט און פארוויס־טונג. די בלוטיגע טענער האבען זיך דערהערט איבערהויפט אין דער אידישער גאס. פונקט ווי לעניו האט פאראויסגעזעהן.

א פרוכטבאר גאלדען לאנד איז די אוקראינא, די זאנגען אויף די פעלדער זיינען אזוי הויך, געדיכט, איין זאנג דעם צווייטען שטיקט. לאז וואקסען, לאז זיך ציהען ביז'ן הימעל...

די שווארצע ערד, די פרוכטבארע ערד, וויפיעל בלוט? וויפיעל בלוט? אידישע בלוט, האט זי איצט אנגעזאפט? צו וואס? צו דען האבען דארט געפעהלט רויטע בלומען? צו דען האבען זיך קנאפ געוויגט אין די דערפער פורפור־רויטע פרעהליכע בלומען? צו וואס האט עס באדארפט די שווארצע זאפטיגע ערד? אזוי פיעל בלוט! אזוי פיעל בלוט!

די בלענקעט געלע פאהן פון אוקראינא, וועט אויף אייביג טראגען רויטע־פלעקען פון אונזער אידישען בלוט.

מיט דעם רויטען־ניקאליי'ס תקופה, האט זיך אנגעהויבען די שרעק־ליכע בלוטיגע אנארכיע איבער גאנץ רוסלאנד, אבער נאך שטארקער רויט־בלוטיגער אין אוקראינא.

דאס לאנד הערט ניט אויף צו זיין א פעלד פאר קריעגס אפע־ראציעס, ס'הערט ניט אויף דער קאמף פאר דעם מאכט, און דאס לאנד זידט און זינקט אין אנארכיע און אין צופאלען.

ס'הערען זיך פארשיעדענע בלוטיגע טענער, ווי די „אוקראינישע פאלקס רעפובליק", די „באלשעוויסטישע מאכט", דייטשע אקופאציע", „העטמאנישע מאכט" „אוקראינישע דירעקטאריע", „אוקראינישע ראטען רעפובליק" און אז. וו. און יעדער טאן מאכט די בלוט פאר־גליווערען...

דאס לאנד ווערט א „פאליטישער שאך ברעט" פאר פארשיעדענע רעזשימען, איין מאכט פיהרט מלחמה מיט דער צווייטער, פעטליורעס רעפובליק, מאכנא'ס, גריגאריעוו'ס ממשלות, און סתם באנדעס, וועלכע האבען פארכאפט טעריטאריעס, מיט די שרעקליכע אטאמאנעס: זעליאני, סאקאלאווסקי און אנדערע. מען פארגיסט בלוט נאר אהן

פאַנען, נאָר פאַר דער מעגליכקייט צו קענען אומגעשטערט רויבען און הוליען.

און וואָס ברייטער ס'האָבען זיך פאַרנומען די בלוטיגע כלומר'־שדיגע קריעגס אָפּעראַציעס, אַלץ שטאַרקער און נאָך אין אַ גרעסערער פּראָפּאָרציע איז געוואַקסען דער חורבן אין לאַנד. קלענערע שטעדט־לאַך און ישובים זיינען געבליבען הפקר, און דאָס דאָרף וואָס איז נאָך דער מלחמה געוואָרען באוואָפענט פון קאָפּ ביז די פיס, איז געווען קריגעריש געשטימט קעגען יעדער מאכט. זיי זענען געוואָרען אַ קוואַל פון אַוואַנטיוריסטישע רויבער־באַנדעס. זיי האָבען בכלל ניט געוואָלט וויסען פון קיין שום מלוכה דיסציפּלין. זיי האָבען פאַרגעשטעלט אַ בילד פון „אַנאַרכיסטישען באַנדיטיזם“.— איבער'ן גאַנצען לאַנד, אין דער לענג און אין דער ברייט, פון צפון קיין דרום, פון מערב קיין מזרח און פאַרקערט, האָבען זיך גערוקט באוואָפענטע באַנדעס, וועלכע זענען איבערגעפאַלען ווי מיט אַ בלוטיגער־כוואַליע, און חרוב געמאַכט אומבאַהאַלפענע שטעדט און שטעדטלאַך, מיט די ווילדעסטע רציחות צוטראָטען אויפ'ן וועג די לעצטע שפּורען פון פרידליכען קול־טור און נאָרמאַלען לעבענס־שטייגער.

ס'איז געווען אַ בילד פון צופאַלען און צוברעקלונג, מיט דער־שלאָגענע הונגעריגע שטעדט, וואָס האָבען זיך ווי שעפּעלאַך נכנע געמאַכט אונטער יעדער פּאַסטוך מיט אַ ביקס, און מיט אַן אַנאַר־כיסטיש דאָרף וואָס קיין רעזשים האָט דאָס ניט געקענט בייקומען. נאַטירליך אין אַזאַ „היידאַמאַקעס בלוט־טאַנץ“ זיינען די אומבאַ־וואָפענטע פרידליכע אידען, גלייך צוטראָטען געוואָרען אונטער זייערע פיס, און זיינען צוריבען געוואָרען אונטערן בלוטיגען „כאַי זשיווע אוקראַינאַ“, ס'האָט נאָך איבערגעשטיגען די אַמאָליגע „היידאַמאַק'ישע פּאָגראָם טראַדיציעס“.

די מיליטעריש־באַנדיטישע פּאָגראָמען, אין זשיטאָמיר, פּראָס־קוראָוו און אַנדערע הונדערטע שטעדט, לויט דער צאָהל מענשליכע קרבנות, לויט די אכזריות און מאַסען חורבנות, איז באמת אַ שפּיליכעל וואָס מיר ווייסען פון דער פּאָגראָם כראָניק אין אוקראַינע די לעצטע פופציג יאָהר.

הונדערטע אידישע קהלות און ישובים זיינען פאַרוויסטעט גע־וואָרען, אַ סך שטעדטלאַך זיינען אָבגעמעקט געוואָרען אין גאַנצען, צעהנדליגע טויזענטער אידען זיינען אויפ'ן שרעקליכסטען אופן אויס־גע'הרג'עט געוואָרען, נאָך מעהר זיינען געבליבען פאַרוואונדעט, אייביגע

קאַליקעס, און זעהר אַ גרויסער טייל אידען זיינען געקומען צו דער מדרגה פון „מקבלים“, און נאָך ערגער איז געווען דאָס שרעקליכע יאוש געפיהל.

אומבאַהאַלפענע קהלות, פרידליכע אינזלען, אין אַ ים באַוואָפענטע מיליטער־מחנות און באַנדעס, האָבען געלעבט מיט דער שטענדיגער טויט שרעק, מיט דער מורא פאַר׳ן לעצטען ביסעל גוטס, און מען האָט שטענדיג געפיהלט אויף זיך אויפגעהויבען דעם מערדערס האַק — וואָס קען דערלאַנגען אַלע טאָג און אַלע מינוט.

ס׳איז אויסגעריסען געוואָרען דער אידישער עקאָנאָמישער עק־זיסטענץ. אין אַזאַ אַנאַרכיסטישען הפקר׳דיגען בירגער קריעג און נאָך פיער יאָהר וועלט־מלחמה, איז די אינדוסטריע אומגעקומען, מען האָט געביטען אַ העמד אויף קאַרטאָפעל, פון האַנדעל איז געוואָרען ספעקולאַציע. אויף אַלע וועגען האָט אויף דעם אידען געלויערט די מיטעל־אַלטע „סכנת־דרכים“ דער טויט־פּחד.

אידישע הענדלער, אונטערנעמער, בעלי־מלאכות מעקלערס, וואָס האָבען געהאַט אַ לעבעדיגען פאַרקעהר מיט די ווייטעסטע מערק, אַ גאַנצען אַפּאַראַט פון אַ ברייט־פאַרצווייגטער קאַפּיטאַליסטישער סיס־טעם, איז פּלוצלונג אַלעס אוועקגערויבט געוואָרען פון דער ראַטען מאַכט, פאַרבייטען דעם פרייהאַנדעל, נאַציאָנאַליזירט דעם גרעסטען טייל אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, רעקוויזיציעס, קאָנ־טריבוציעס, און אַז. וו. און ווען אַ באַנדע פלעגט גובר זיין די באָל־שעוויקעס, האָט מען קודם כל צודריקט און חרוב געמאַכט אַלע אידען. צוהרג׳עט, פאַרוואונדעט און אונטערגעצונדען אַלע אידישע הייזער, קראָמען, בתי מדרשים און אַז. וו. — אַזוי האָט מען זיך נוהג געווען אין הונדערטע אידישע שטעדט, ווי באַהוסלאַוו, באַבראָוויטש, האָראָ־דישטש און אַנדערע. די אידישע באַפעלקערונג איז אויסגעשטאַנען די ווילדעסטע רציחות, הריגות, און שאַנדע. אין פאַסטאָוו הרג׳עט מען אוים מיט די גרעסטע יסורים ביז זעקס הונדערט נפשות, דאָס זעלבע אין קריוואָיע־אָזערא, עס העלפט ניט קיין אויסקויף. די שטעד־טעל מאַקאַראָוו מיט פיער טויזענט אידישע נפשות, וואָס דורך די פּאָגראָמען זיינען נאָר פאַרבליבען צוויי הונדערט זקנים וזקנות, וועלכע האָבען אַרויסגעשיקט אַ דעפּוטאַציע פון זיבעצעהן גרייז־גרויע לייט, זיינען זיי צוריק שוין מעהר ניט געקומען. מען האָט זיי צוריסען אויף שטיקער.

און אין אַלע שטעדט און שטעדטלאַך, הויפּט מען אָן קודם כל פון דער רעפּוטאַציע, ס'איז אַ מין סיגנאַל, אַז דער „שרים-טאַנץ" האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען. און נאָכדעם קומען אונטער קאַזאַקען מיט זייערע אָפיצירען, מען הויבט אָן רויבען און שלאָגען וועמען מען טרעפט נאָר אין גאַס. מען טהוט אוים נאַקעט. מען האַקט מיט שווערדען. מען צווינגט די אומגליקליכע קרבנות צו געהן און אָנ־ווייזען ווי ס'וואוינען די רייכערע אידען און אידען בכלל, און דערצו קומען צו הילף די דאָרטיגע כוליגאַנעס, וועלכע פיהרען און ווייזען דעם וועג. זיי לעקען נאַטירליך אויך אָפּ אַ ביינדעל פון דער „בלוטיגער סעודה", און ערשט נאָכדעם קומט מען אריין אין עקסטאַז, און מען טאַנצט אויף אַלע כלים. מען רויבט אַוועק געלד, ציערונג, גאָלד, זילבער, מען מאַכט ניט קיין שהיות און דאָס פּאַקט זיך באַלד איבער צו די קאַזאַקען אין די טאַשען און זעק. מען נעמט צו ביז דאָס לעצטע העמד. נאָכדעם שלאָגט מען מכות רצח מיט די שרעקליכסטע יסורים ווי הענגען, שיסען, און שענדען, מען שוינט ניט קיין עלטער קיין קינדער. און אַ טייל רייסט אויוועגס, ווענט, דילען, מ'לאָזט אַרויס פעדערען, מען צוטראָגט בוידעמער, קעלערס, ס'קנאַקען שויבען, מעבעל און אַז. וו. דאָס זוכט מען „בעהאַלטענע אוצרות".

אין די נעכט ווערט אין די גאַסען אַ מיטעל אַלטערישע אימה, אַ טויט-שטיל, פּלוצלונג דערהערט זיך אַ מורא'דיגער האַרצרייסענדער געשריי, דאָס שרייען די אידען, זיי שרייען פאַר מורא. גאַנצע גאַסען באַפאַלען פון אימה פון טויט-שרעק. זיי שרייען מיט אומענשליכע קולות, ציטערנדיג פאַר'ן לעבען, ס'איז אַן אימה צוצוהערען די דאָזיגע קולות... ס'איז אַן אמת'ער גרויל, און אמת'ער שרעק אינקוויזיציע. און ווען די טענער פון „כאַי זשיווע אוקראַינאַ" באַגייסטערען אַזוי די הײדאַמאַקעס אַז זיי שענדען מאַסענווייז, איז דער געשריי נאָך שרעקליכער ווי פון די שחיטות, אָבער פּעטליורעס באַנדיטען, און גרי־גאָריעווס באַנדע טאַנצען זייער בלוט-טאַנץ, שפּרינגען און שפּריצען בלוט פון פּראָסקוראָוו אין טשערקאַס, און פון יעליסאַוועטגראַד אין יעקאַטערינאָסלאַוו און אַז. וו.

און נאָר די פּרומע פון זיי, וועלכע האָבען נאָר געוואָלט אַרויס־קריגען דעם אמת פון די אומגליקליכע אידישע קרבנות, פּלעגען גאַנץ מיושב'דיג ווי פרומע אינקוויזיציע-מאַנאַכען, אָנווענדען כל'ערליי שרעק-מיטלען, טאָקע ניט מעהר ווי אנצושרעקען: האַקען אברים, הענגען און ניט דערהענגען, אַז דער קרבן זאָל זיך צאַפּלען אַ לעבע־

דיגער. מען צווינגט קינדער צו פארציהען דעם שלייף אויפ'ן פאטערס האלז, מען ברענט די האר אויפ'ן קאפ, מען ברענט די טריט. מען הענגט און מען ברענט צוזאמען. מען הענגט און מען ברענט די טריט מיט ליכט, מען רייסט האר פון בארד, מען שטעכט מיט נאדלען. מען לעגט אריין אין א קאסטען און מען שטעכט מיט שפיזען.

אין די טויזענטער זיינען אומגעקומען גרייז גרויע אידען. קאמו־ניסטען וואס מען האט זיי געפאקט ביי דער „גמרא" און נאך אין בית המדרש, קאמוניסטען עופה'לאך אין די וויגען, אינאיינעם מיט די מוטערס און באבעס.

מען האט זיי געפייניגט, געשאסען, אבער נאכמעהר גע'שחט'ען, געהאקט מיט די שווערדען, אבגעהאקט שארבענס, א סך האט מען געווארפען אין פייער. דעם אכציג יאהריגען סוכאדאלסקין, האט מען באגראבען לעבעדיגערהייד, און די ניינציג יאהריגע פרומע פעקאר, האט מען געפייניגט און באגראבען ווען זי האט נאך געלעבט. ביי א סך האט מען אויסגעשניטען דעם צונג, אפגעשניטען דעם נאז, די אויערען, אויסגעשטאכען די אויגען, אבגעהאקט הענט, פיס, און דאס איז נאך ערגער פון טויט...

אפיצירען פלעגען פראווען „אידיליעס", איינשפאנענדיג אידען אין שליטענס אנשטאדט פערד, אדער געהייסען צו'מזיק'טע האלב נאקעטע, וואס פאר זייערע אויגען האט מען אויסגעהרג'עט זייערע עלטערן און קינדער, זיך נעמען פאר די הענט און טאנצען פרייליך „אקארא־האד" און זינגען: „הרג'ע אידען ראטעווע רוסלאנד".

מען האט צושטערט און פערניכטעט, בתי מדרשים, שפיטאלען, בתי־זקנים, תלמוד תורות. און אנדערע האט מען געמאכט שטאלען פאר פערד און נאך ערגער...

מאסענווייז פלעגען זיי אויסשטארבען פון הונגער, קעלט, ענג־שאפט, און נאכמעהר פון עפעדעמיעס, איבערהויפט פון טיפוס. די שטערבליכקייט איז געווען אזוי גרויס, אז מען האט ניט געקענט באווייזען צו מקבר זיין, און ס'איז געווארען „אטשערעדען" אויף קבורה.

מען קען זיכער זאגען: אז אויב אידען זיינען געפאלען אין די טויזענטער פון קאזאקישע און כוליגאנישע קוילען שווערדען און הענט, זיינען זיי נאך מעהר אין די צעהנדליגע טויזענטער אומגעקומען פון חורבן נאכ'ן פאגראם פון הונגער, קעלט און טיפוס.

און אַט אַזוי האָט דער רויטער לעניך, דורכגעפיהרט זיין טייפעל־שען פּלאַן איבער דעם גאַנצען רוסישען אידענטהום... ער האָט צר געלייגט וואָס מעהר „רויטען־וויראַך" אויף'ן מזבח. די קרבנות האָבען זיך געפּרעגעלט, די היידאַמאַקעס האָבען אָבגעריכט זייער בלוטיגען־טאַנץ, און אשמדאי האָט אַנגעקוואָלען.

פופצעהנטער קאַפּיטעל.

זי האָט זיך געפונען.

בעטקע די הויפּטריכטערין פון גאַנץ רוסלאַנד, זיצט אין איהר קאַבינעט, ארום איהר ליגען אָנגעוואָרפען ביכער, זשורנאַלען און צייר־טונגען. די „לעצטע געשעהענישען פון אוקראַינא",— זי לייגט אוועק די צייטונגען און ווערט זעהר אומעטיג,— זי האָט אפילו מורא פאַר דעם געדאַנק, אָבער זי קען זיך ניט העלפען. די שוידערליכע אידישע קרבנות אין אוקראַינא האָבען אויף איהר אַזוי פיעל געווירקט, אַז זי האָט זעהר אָפט גענומען טראַכטען אויב אַט דער „רויטער־אידעאַל" איז ווערט אַזוי פיעל קרבנות? און צו אויב די אידען זענען בכלל מחויב, זיך לאָזען מקריב זיין פאַר דער גאַנצער וועלט? — און נאָך אַזעלכע שרעקליכע רעיונות און מחשבות, האָבען לעצטענס אָנגעהויבען צו באַאומרוהיגען איהר „איך". זי האָט אויפגעהערט צו שלאָפען, און ווען זי פלעגט שוין איינשלאָפען אויף אַ קורצע צייט, פלעגען איהר באַאומרוהיגען שוידערליכע אימה'דיגע חלומות, און בייטאָג פלעגט זי טראַכטען פון די ביינאַכטיגע זעהונגען.

יהודית קאַפּלאַן, איהר געהילפין און אמת'ע פאַרטרויעטע חבר'טע, מיט וועמען זי האָט זיך געטיילט אַלע איהרע סודות און געדאַנקען, האָט מיט איהר אַריינקומען, איבערגעריסען איהרע מחשבות.

— בעטקע!—האָט זי שטיל געזאָגט—ס'איז שוידערליך! דער פּחד און די אימה, פון אונזערע אידען איז הימעל שרייענד! אַט איז אַ פּראָ־קלאַמאַציע וואָס מען טיילט אוים אין געהיים, די האָר צושטעלען זיך ווי משוועקעס, אָה גאָט! צו ווילסטו דען אין גאַנצען פאַרטיליגען די איבערגעבליבענע אידען?! זי האָט פאַרדעקט איהר פּנים און האָט געוויינט אין דער שטיל.

בעטקע האָט גענומען פון איהר האַנט די פּראָקלאַמאַציע, און האָט געלעזען — „צום רוסישען פּראַוואָסלאַוונעם פאָלק"! — „וואָס סאָציאַליזם און באָלשעוויזם האָבען גענעבען דאָס פאָלק". —

„רוסלאַנד האָט געפעלשט אין די פאַרבינדעטע מלוכות, אַלצדינג איז חרוב געוואָרען! — ווער זשע איז דער שולדיגער? — דער ענטפער איז אַזוי: —

„זיי! די דאָזיגע זשידעס, די טראָצקי'ס, סטעקלאָוו'ס, מאַרטאָוו'ס, גאַרעוו'ס, טשערנאָוו'ס און קערענסקי'ס, וועלכע זיינען גאָר אין דער אמת'ן, בראָנשטיינ'ס, נאַכאַמקינ'ס, צעדערבוימ'ס, קירבי'ס און ליעבערמאַנ'ס, זיי דאַרפען ניט האָבען, ניט רוסלאַנד, ניט רוסלאַנד'ס וואויל, — זיי, אָט די זשידעס, טרוימען און שטרעבען חרוב צו מאַכען רוסלאַנד, אומבאַהאַלפען צו מאַכען דאָס רוסישע פאָלק. זיי האָבען בכיון געביטען זייערע זשידאָווסקע נעמען, בכדי זיי זאָל גרינגער אָנקומען, די דעמאָראַליזירונג פון דער רוסישער פאָלקס נשמה. זיי האָבען באַשווינדעלט דאָס פאָלק, — זיי האָבען אויסגעפיהרט, אַז אַלץ איז צוטראָטען, צוטראָטען און חרוב. חוץ דעם, רייצען זיי אָן דאָס פאָלק צו שלאָגען אונזערע גלחים, און שענדען אונזערע איקאָנעס (בילדער). און אָנשטאַט איין צאַר, האָבען זיי אַרויפגעזעצט אַ סך צאַר'עלאך און דאָס רוב פון זשידעס".

„מיר ווענדען זיך מיט האַרץ, צום „רוסישען פּראַוואָסלאַוונעם פאָלק"! הער אויף צו פערקויפען די נשמה צו די זשידעס! וואַרף אַראָפּ פון זיך די זשידעס יאָך! אפילו דער גרויסער „לענין" איז אויך ניט מעהר ווי אַ זשיד, מסתמא איז ער גאָר אַ לעווין"! —

„די גרויסע פּריצ'ישע גיטער, טאָרען מיר ניט אָנריהרען, ווארום דער פּריץ איז אַן „אייגענער מענש" אַ קריסט, דער אמת'ער שונא זיינען די זשידעס! — קערענסקי, טשערנאָוו, לענין, וואָס די וועלט האַלט זיי פאַר רוסען, זיינען ניט מעהר ווי זשידעס, נאָר פאַרמאַסקירט אין רוסישע פּעלצען. דער „רויטער לייב" איז דאָך קענטיג נאָכ'ן פּנים אַז ער איז אַן אמת'ער איד. און די גאַנצע רויטע אַרמייען באַשטעהען נאָר פון זשידעס".

„באַוואָפענט אייך פּראַוואָסלאַוונע! און לאָמיר מיט פעראייניגטע כחות אַרויס קעמפען קעגען דעם אַלגעמיינעם שונא — די אידען, די באָלשעוויקעס און די קאָמוניסטלאַך! לאָמיר פריי ווערען פון די רויטע טייוואָלים! וועלכע האָבען אונז געשמידט, פאַרקנעכטעט, און פאַרניכטעט אונזער גלויבען און קירך"...

„פּראוואסלאוונע! לאָמיר פאַרניכטען אָט די „טייפעלשע קראַפט" וואָס לעבט ביי אידען אין די הערצער! דער „טשעקא" מיט די „טשערעזוויטשייקעס" דאָס זיינען אַלץ אידישע טייפעלשע אויפטהו־אונגען.

„דער „רויטער־איד" לעאָן טראָצקי, יאָגט זיך ארום אויף אַלע פראָנטען און מינטערט דעם בלוטיגען פּולס, פון די „טשערעזוויטשיי־קעס", זיי פאַר'משפט'ן מענשען נאָר דערפאַר וואָס זיי זיינען אמת'ע רוסען, אָבער די קאָמוניסטען וועלכע זיינען ניט מעהר ווי זשידעס, יענע זיינען די נייע גראַפען".

„די ראַטען־מאַכט, דער „בלוט־רויטער טייפעל" מיט אַ טראָצקי־פּנים הערשט איבער אַ פאַרקנעכטעטער רוסלאַנד וואָס איז פאַרגאָסען מיט בלוט".

„הערט זיך צו, פּראוואָסלאַוונע, צו די אימה'דיגע געשרייען פון די „אוקראַינער זשידעס",—ס'איז ניט מעהר ווי אַ „שרעק־אינקוויזיציע" וועלכע מיר פיהרען דורך אויף זיי מיט דער הילף פון גאָט'ס „זון",—און זאָלען די זשידעס פאַרשטעהן וואָס הייסט חרוב מאַכען אַ מלוכה! ? וואָס הייסט וועלען אויספיהרען גלייכבאַרעכטיגונג אום יעדען פּרייז! ?—זאָלען זיך די אידען שלאָגען „על חטא" באַשיטען דעם קאָפּ מיט אַש און תשובה טהאָן פאַר דער גאַנצער וועלט, דער־פאַר וואָס זיי האָבען זיך, אזוי אומגליקליך באַטיילינגט אין דעם „באָל־שעוויסטישען קאַראַהאַד".

„פּראוואָסלאַוונע! אָט די אַלע פּאָגראָמען וואָס מיר האָבען דורכ־געפיהרט, אין מעהרער אַלס פינף הונדערט שטעדט, איז ערשט אַן אָנפאַנג, ס'איז דער בראשית פון אַ לאַנגער אינקוויזיציע און אַ מאָ־דערנע, אַ טאָרקוואָמאַדאַ, כמעלניצקי און אַנדערע, וועלען זיך מוזען פאַררוקען אין אַ ווינקעל, מיט זייערע אַלטמאָדישע מאָרד אינסטרו־מענטען".—

„קעמפט! פּראָוואסלאַוונע! קעגען די זשידעס פון די צוויי רע־וואָלוציאָנען, לאָמיר זיי אויסשליסען פון בירגער געזעץ און בירגער לעבען, לאָמיר זיי אַרויסטרייבען „מחוץ למחנה" ווי „קרעציגע".

„פּראוואָסלאַוונע! זאָל פון היינט אָן זיין אונזער מאָטאָ: „הרג'עט אידען ראַטעוועט רוסלאַנד", קיין אַנדער וועג איז ניטאָ. לאָמיר פאַר־ניכטען „דאָס פאָלק ישראל" אַז זיין נאָמען זאָל ניט דערמאָנט ווערען צו זאַמען מיט זיין זשידאָווסקע רעליגיע"!

ווען בעטקע האָט געענדיגט צו לעזען דעם „בלוטיגען־אויפרוף“ פון די אוקראַינער, וועלכער דראָהעט צו פארטרינקען אין א בלוטיגע כוואליע, די איבערגעבליבענע אומגליקליכע אידען, האָט זי דערפיהלט אַזאַ אימה־דיגען צער אין איהר האַרצען, אז זי האָט גענומען רייסען די האָר פון איהר קאָפּ, ווי א לייבין וועלכע זעהט מיט איהרע אויגען, ווי מען הרג׳עט איהרע קינדער, אַזוי האָט זי געפיהלט, — ניין ! כ׳קען מעהר ניט ! — האָט זי אויסגעשריען. — כ׳בין צו טיעף געזונקען ! כ׳האָב גאָר ניט געזעהן ווי איך געפין זיך אין א ים פול מיט אידישע בלוט, און דער טייפעל לאַכט פון מיר. זי האָט פארבראָכען מיט די הענט און האָט מיט וועהטאָג גערעדט פאר זיך : אָה מיין שוועסטער מיין טייערע ! דו האָסט געזעהן א סך ווייטער פון מיר ! און דו גרויסער יהודה ! דיינע רייד זיינען ווי פון א נביא !

אָבער כ׳בין נאָך יונג ! האָט זי שטאָלץ אויסגעשריען, כ׳קען נאָך תשובה טהאָן ! זי האָט ארומגענומען איהר טרייע חבר׳טע יהודית, און זיי האָבען ביידע פארגאָסען ביטערע טרערען אויפ׳ן גורל פון זייער פאָלק.

בעטקע האָט לאַנג ניט געטראַכט, זי האָט איבערגעגעבען יהודית׳ן פארשיעדענע אינסטרוקציעס, בנוגע צו די משפּטים וועלכע ס׳דאַרפען פארקומען, און אליין איז זי אוועק צו לעאָנען. —

— לעאָן ! — האָט זי שטיל געזאָגט — כ׳מוז מיט דיר רעדען אונטער פיער אויגען, — לעאָן ! כ׳מוז דיר דערצעהלען וואָס ס׳דריקט מיך פאר דער לעצטער צייט. כ׳מוז ! — און א שטראָם טרערען האָבען פארשטיקט איהר קול.

לעאָן איז געוואָרען א צוטומעלטער, ער האָט קיינמאָל ניט געזעהן בעטקען וויינען, און ער האָט מיט זיין האַרטען קול אַרויסגעברומט :

— די הויפּטריכטערין פון דער גרויסער סאָוועטען מאַכט וויינט ! וואָס איז געשעהן ?

— לעאָן ! — האָט זי גענומען רעדען ווי אין א געבעט, — דו ביסט טאָג און נאַכט פארנומען מיט די קריעגס אפּעראַציעס, אז דו זעהסט ניט וואו די ביסט אין דער וועלט, דו זעהסט ניט ווי מיר שווימען אין א ים פון אידישע בלוט.

לעאָן האָט זיך פארנאַנדערגעלאַכט מיט א מאָדנעם טרוקענעם געלעכטער, און האָט געזאָגט — נו, יע, געווים, אַנדערש קען עס ניט זיין. כ׳בין צופיעל פארנומען, כ׳בין ניט מעהר ווי א שרייפעלע אין דער

גרויסער „סאָוועטען־מאַשין“, כ׳קען זיך ניט אַרומקוקען אין וועמעס בלוט מיר שווימען!...

— לעאָן ברודער! — האָט בעטקע גערעדט שטיל אָבער קלאָר — זעה וואָס פון אונזער פאָלק איז געוואָרען! — פאַר דער גרויסער וועלט איבערקערעניש, האָבען דאָ געלעבט אונטער דעם דרוק פון צאַריזם זיבען מיליאָן אידען, — אמת זיי זיינען געווען פּאָליטיש געדריקט אָבער דערפאַר צונויפגעפּרעסט אין איין פעסטען „נאַציאָנאַלען אָר־גאַניזם“, וואָס האָט באַוויזען אַ גרויסען ווידערשטאַנדס־קראַפט. — זיי האָבען געהאַט צרות, אָבער אויך גרויסע האָפנונגען, ווייל זיי זיינען געווען אַקטיוו אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, זיי האָבען געקעמפט פאַר פרייהייט אין דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905, און זיי האָבען עס באַקומען אין דער צווייטער רעוואָלוציע פון 1917 אין דעם רעכטען ברען פון דער וועלט מלחמה. זיי האָבען געקראָגען ניט נאָר בירגערליכע און פּאָליטישע רעכטע, נאָר אויך נאַציאָנאַלע גלייכ־באַרעכטיגונג, ס׳איז געווען דער ערשטער עמאַנציפּאַציע אַקט אין דער נייסטער אידישער געשיכטע! — וואָס איז אָבער היינט געוואָרען פון די אַלע האָפנונגען און דערגרייכונגען?...

דער „רויטער־פלעק פון די סאָוועטען מאַכט, האָט חרוב געמאַכט רוסלאַנד בכלל, און די אידען בפרט, דער אידישער ישוב איז פאַר־קלענערט געוואָרען מעהר ווי אויף העלפט, און די איבערגעבליבענע העלפט איז אַ פּאַראַרימטע, אַ דערשלאָגענע, אַ דיסאָרגאַניזירטע מאַסע! —

דריי יאָהר צאַרישע מלחמה, מיט שרעקליכע גירושים אויפ׳ן גאַנ־צען פראָנט־פּאַס פון פּוילען און ליטע (פון 1914 ביז 1916), קוים אָב־געאָטהעמט נאָך דער מאַרטש רעוואָלוציע אין 1917, ווידער דריי יאָהר בירגער קריעג מיט די בלוטיגסטע פּאָגראָמען אין אוקראַינא, (פון 1918 ביז 1920) און צום סוף דער נצחון פון דער סאָוועטען־מאַכט, וואָס האָט אין גאַנצען חרוב געמאַכט אַלע אידען.

דריי מיליאָן אידען זיצען אין סאָוועט־רוסלאַנד, פאַר׳חושכ׳טע, פאַרשקלאָפטע, פאַרהונגערטע, אָהן שום סימנים פון געזעלשאַפטליכען לעבען, מיט אַ דערנידעריגטער צוטראָטענער אינטעליגענץ וואָס דער „רויטער־מעסער“ ליגט תמיד אויפ׳ן האַלז, מען טאָר ניט עפענען דעם מויל. פאַר אַ פריי וואָרט, פליהט אַ רויטער שאָס אין קאָפּ. פאַר אַ בלעטעל פון אַן אויסלענדישע צייטונג — פאַרשיקען אַהינטער די

רויטע־בערג. פאר אנגעהערען צו וועלכע ניט איז פארטיי אויסער דער רויטער — טורמע, קאטארגע, און דאס רוב טויט.

זיי האבען ניט קיין שום מעגליכקייט צו קעמפען געגען דער נייער קנעכטשאפט, אזוי ווי ניט לאנג געגען דעם צארישען דעס־פאטיזם. מען ווערט אלץ מעהר אינערליך פארשקלאפט, דעמאראליזירט, ווייל מען מוז שווייגען, אדער זאגען א ליגען, מען מוז חנפ'ענען דער הערשענדער פארטיי כדי צו פארהיטען דאס לעבען. די רוסען האבען נאך א פאסיווע האפנונג, ס'וועט קומען א מאל א דערלייזער און מען וועט אויסגעלייזט ווערען פון די צרות, אבער די אידען האבען דאס אויך ניט, ווייל אויב די רויטע דיקטאטור וועט פאלען, וועט קומען אויף איהר ארט א שווארצע דיקטאטור, וואס וועט קודם כל זיך נעהמען אויס'הרג'ענען די אידען, אט פונקט ווי עס טהוען איצט די „אויסלייזער" אין אוקראינא, פעטליורא און אנדערע, — די אידען קענען ניט האפען אויף א נס, אז אויפ'ן ארט פון די „רויטע", וועט פלוצלונג אנקומען „א פרייע דעמאקראטישע רעפובליק", ווייל אזעלכעס קען נאר פאסירען נאך יאהרען פון א שווארץ־בלוטיגער רעאקציע, אזוי מוזען זיי מורא האבען סיי פאר זייערע „פארשקלאפער" און סיי פאר זייערע „אויסלייזער" און נאך מעהר פאר די איידער פאר יענע. דאס מאכט זיי צו עבדי־עבדים, זיי מוזען קושען די הענט פון זייערע היינטיגע פייניגער, ווייל זיי האבען מורא אז די מארגעדיגע וועלען זיין נאך ערגער און געפעהרליכער אין זייער נקמה־אקט.

אזא תוכחה האט זיך נאך קיינמאל ניט אויסגעגאסען אויף מיליאנען אידען; איך פרעג דיך ברודער מיט טיעפער פארצווייפלונג — וואס וועט זיין מיט דעם רעשט פון די אידען אין דער רויטער רוסלאנד?! וועט ער נאך לאנג זיך מוזען פייניגען צווישען „א פינסטערען היינט" און „שרעקליכען מארגען" אדער צווישען „רויט" און „שווארץ"?

שווער איז דער אידישער עקאנאמישער לעבען אין פוילען, וואו ס'ווערט תמיד אנגעפירט א סיסטעמאטישער שטילער פאגראם פון דער גראבער שאוויניסטישער פוילישער נאציע, וועלכע מאכט חוזק צו אלע הבטחות, וואס זי האט צוגעזאגט בעת מען האט אנערקענט פוילען פאר א פרייע מלוכה. שווער איז דארט דער קולטור קאמפ פאר דער אידישער אינטעליגענץ, אבער לכל הפחות איז דאך דארט פאראן א מעגליכקייט צו קעמפען. פוילען איז דאך כאטש כלומר'שט א רעפובליק, מיט א שטיהעל קאנסטיטוציע, מיט א צוויי־גערענדיגען פאלאמענט, וואו ס'זיצען אויך עטליכע צעהנדליג אידישע דעפוטאטען,

ס'איז פאַראַן כּמעט אַ מעגליכקייט צו פּראָטעסטירען געגען די עולות, מען קען שרייען אַזוי, אַז מען זאָל דערהערען אין די הויכע־פענסטער פון „פעלקער־בונד", אידען האָבען דאָ לכל הפחות פּאַפּירענע גלייכ־בארעכטיגונג און דורך דעם פּאַפּירענעם בריק קען מען אמאָל האָפען איבערצוגעהן צו אמת'ע בירגער רעכט, אַזוי ווי ס'האָט באַוויזען דער היסטאָרישער גאַנג פון עמאַנציפּאַציע אין אַנדערע לענדער. אין פּוילען האָבען זיי ווי אַמאָל אין דער צאַרישער רוסלאַנד אַ טרויעריגען היינט, אָבער אויך אַ האָפנונג אויף אַ בעסערען מאָרגען.

די קלענערע יורשים פון דער צופאַלענער רוסלאַנד, ליטא, לאַטוויע, און טהיילווייז רומעניע — לעבען איצט איבער די „קינדער־קראַנקהייט" פון ניי־געשאַפענע מלוכות: נאַציאָנאַלען פאַנאַטיזם, שפּראַך־קולט און נאַרישע גאוה, עפּעס אַ ווילדער פּחד באַפאַלט זיי, פאַר דעם אַלטען קולטור פאָלק, וועלכער האָט דאָרט זיינע גרופּעס פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטען, די אידען זיינען דאָרט צווישען „ברייטער אויטאָנאָמיע" און „מיאוס'ע שטיק" אויפ'ן פּוילישען שטייגער, אָבער זיי האָבען לכל הפחות דרך ארץ און מורא, מען זאָל חלילה ניט דערהערען דעם געשריי פון די געיאָגטע אידען אין אייראָפּא און אמעריקא וואו מען מוז קריגען זעהר אָפט אַ הלואה'לע. אפילו אויף רומעניע וואו מען מוז גוט אכטונג געבען אויף איהרע יעזואיטישע מעשים, איז דאָך אַלץ פאַראַן אַ מעגליכקייט צו אָרגאַניזירען די אידישע קהלות צום קאַמף פאַר זייערע בירגערליכע און נאַציאָנאַלע רעכט. ביי די באַזיעגטע פעלקער אין מערב־אייראָפּא איז דער אַנטיסעמיטיזם נאָך בייזער איידער ביי די באַזיעגער. אין דייטשלאַנד, עסטרייך, און אונגאַרן, גיסט מען אוים דעם כעס אויף די אידען, נאָך ערגער ווי אין די אַלטע צייטען. די יונגע דייטשלאַנד רעפּובליק, אַנטיסעמיטעוויט איבער די גרענעצען, די „פעלקישע פּאַרטיי" איז אַ נעסט פון שוואַרצע ראָבען, פאַר די „פעלקישע" איז די רעפּובליק און אַלץ וואָס איז דעמאָקראַטיש, סאָציאַליסטיש, און ווער רעדט קאָמוניזם, איז אַ אידישער פּראָדוקט. זיי פאַרגיפטען די דייטשע געזעלשאַפט און באַזונדערס דעם יונגען דור, — די שטודירענדע יוגענט, וואָס זיינען פיעל רעאַקציאָנערער איידער די עלטערען. דער אַנטיסעמיטיזם אין די אוניווערזיטעטען, איז די שענדליכסטע ערשיינונג פון דער היינטיגער רעאַקציע. אָבער אַט די דאָזיגע געשלאָגענע שוואַרצע כחות וועלען עס לאַנג ניט קענען אַנהאַלטען, ס'וועט מוזען קומען אַן ענדערונג, כּמעט זיי וועלען איבער־

לאזען נאך זיך א סך פאר'סמ'טע נשמות און א קוואל פון שנאה צו אידען אויף לאנגע צייטען.

די שאוויניסטישע מאדיארען, די דערנידעריגטע אונגארישע מלוכה, זיינען זיך זעהר פיעל נוקם אן אידען. און נאך ערגער זיינען זיי געווארען, נאך דער קורצער באלשעוויסטישער רעוואלוציע מיט'ן אנטייל פון עטליכע אידישע משוגעים. זייער גאנצע בייזקייט לאזען זיי אויס צו אידען.

די גרעסטע אידישע קהלות אין אונגארן האבען עטליכע יאהר נאכ־אנאנד איבערגעלעבט א טעראר פון מאדיארישע פאטריאטען און פא־נאטיקער. אבער דא האט מען לכל הפחות אפשיי פאר די אפוטרופסים פון פעלקער־בונד און פאר אויסלענדישע באנקירען.

פאר דעם „בלוטיגען מבול", — האט דער געפלאגטער איד, כאטש געקענט אוועקגעהן פון די רוסישע פאגראמען, רומענישע רדיפות און גאליציאנער דלות, אין דער נייער וועלט אמעריקא, וואו ס'איז פאר א משך פון פינף און דרייסיג יאהר באשאפען געווארען א פיער־מיליאניגער אידישער צענטער.

פון א טאכטער פון נויט און צרות, האט די אידישע אמעריקא שנעל אויפגעבליהט און איז געווארען א קוואל פון הילף און טרייסט פאר דער אלטער איירָאפעאישער אידישער מוטער, — מען האט שוין געוואוסט: — א פאגראם־יאהר אין רוסלאנד שיקט אוועק קיין אמעריקא א הונדערט טויזענט עמיגראנטען, א יאהר פון פשוט'ע צרות, לערך פופציג טויזענט, מען האט געפיהלט, אז אין א בייזע שעה איז דא וואוהין צו אנטלויפען, צו רעטען זיך... אבער אז די גרעסטע בייזטע שעה איז פלוצלונג אנגעקומען, דער רוסישער „בירגער קריעג", די אוקראינישע הריגות, דער באלשעוויסטישער טעראר, די פוילישע און אונגארישע רעאקציע האט דער גוטער אנקעל סעם פלוצלונג אוועק געשטעלט א צוים, א מחיצה, ביי די טויערען פון דער „סטעטשו און ליבערטי" (געטין פון פרייהייט) כדי צו פערהאלטען דעם אימי־גראנטען שטראם. אט דער אלוועלטליכער „בלוטיגער מבול" האט אבגעשווענקט ביים גוטען אנקעל סעם, די גוטע מדה, פון „הכנסת אורחים", און ס'הערשט דארט איצט די שווארצע מרס. „קוואטא" מיט די „ווייסע קיטלען", און אט דאס איז דער שטארקסטער קלאפ פאר אידען.

אט א שטייגער זאל זיך דער „רויטער־פרעה" מישב זיין, און ארויסלאזען אידען פון'ם רוסישען בית עבדים, אדער זאל אנשטאט דעם

רויטען דיקטאטור, ווערען א „שווארצער" מיט בלוטיגע פאגראמען, האבען אידישע מאסען ניט וואוהין צו לויפען.

— ברודער לעאן! — האט בעטקע אויסגעשריען — דו ביזט אזוי פיעל פארהאוועט אין די בלוט־פארגיסונג, אז דו דערקענסט שוין גאר ניט דיין אייגענע בלוט! הערסטו גאר ניט, ווי די בלוט פון אונזערע ברידער, שרייען צו אונז פון דער ערד? האסטו זיך שוין באמת פארגעסען אז דו ביזט געבארען געווארען פון „א טאטע מאמע"?

— לעאן קום צו זיך! ערוואך זיך! עפען אויף דיינע אויגען, כל זמן דו ביזט ניט נאך דערטרונקען געווארען אין דיינע אייגענע בלוט!

— לעאן! אז איך נעם זיך איצט דערמאנען די קלוגע רייד פון אונזער יהודה'ן מיט אונזער שוועסטער איזאבעלא, נאך בעפאר דער מלחמה, הויב איך ערשט אן בעגרייפען, ווי ווייטער זיי האבען געזעהען פאר אונז. — יהודה איז געווען פאלקאם גערעכט מיט זיין אידעע, ווי ער פלעגט זאגען: „אייגענע פיער ווינקעלאך און נאר אין אונזער היסטארישער ארץ ישראל", יע, זיי זיינען אוועק אויפ'ן ריכטיגען וועג! און מיר, מיר בלאנדזען נאך ארום אין דער פינסטערניש און האבען אין ערגעץ ניט קיין תקומה!

ברודער! זעהסטו דען ניט דעם אידישען סך הכל אין די גלות לענדער? זינט נאכ'ן בלוטיגען מבול, זיינען זיי געפארבט „רויט" אדער „שווארץ" — ווייל אזוי זיינען בכלל אלע הויפט פארבען פון דעם וועלט באלאנס, „באלשעוויזם" אדער „פאשיזם", „קאמוניזם" אדער „רעאקציע", „קלאסען־קאמפ" אדער „נאציאנאלער־קאמפ".

לעאן! כ'האב שטארק חרטה, וואס איך האב אוועק געגעבען אזוי פיעל פון מיינע כחות פאר פרעמדע, — וועלכע בעצאהלען מיט שטיינער, מיט „כאי זשיווע אוקראינא", און מיט „הרג'ע אידען ראטעווע רוסלאנד", — און דערפאר האב איך זיך דאס ענטזאגט פון מיין טאטע, מאמע, שוועסטער, ברודער פאלק און גאט?

ברודער! לאמיר תשובה טהאן! ס'איז נאך צייט! לאמיר געהן אחיים! צו אונזערע עלטערן, צו אונזער פאלק, צו אונזער לאנד, און צו אונזער גאט.

לעאן! גיב בעסער אוועק דיינע גרויסע אונערשעפליכע כחות, דיינע איבערנאטירליכע גאונ'ישע פעהיגקייטען פאר אונזערע אייגענע ברידער פאר דאס אידישע פאלק!!!

בעטקע איז אנשוויגען געווארען און לעאָן האָט מיט זיינע גרויסע שווארצע אויגען, געקוקט אויף בעטקע'ן, פונקט ווי ער וואָלט זי צום ערשטען מאָל דערזעהן.

— בעטקע! — האָט ער שטיל ארויסגערעדט, — איך דערקען דיך ניט, ביזטו ווירקליך די הויפּטריכטערין פון רוסלאנד? בעטקע! וואס רעדסטו? ביזטו ביים פולען פארשטאנד?

— יע, ברודער לעאָן! — האָט זי שטיל און שטאָלץ געענטפערט — איך בין די הויפּטריכטערין פון דער סאָוועטען-רוסלאנד, איך בין דיין שוועסטער בעטקע און איך בין א דאנק גאָט ביי מיין פולען פארשטאנד, אדרבה, כ'האָב נאָך איצט מעהר שכל און פארשטאנד ווי פריהער, „כ'האָב זיך געפונען".

— און דו, הויפּטריכטערין פון דער ערשטער „קאָמוניסטישער רעגיערונג", וועלכע שטרעבט פאר א בעסערע וועלט, — וויל אוועק ווארפען דעם אלוועלטליכען גרויסען אידעאל, צוליעב עפּעס א שאָוועניסטישע קליין מלוכה'לע אין אזיע? וואס איז נאָך פארלויפיג אין די עולמות העליונים?

— לעאָן! האָט בעטקע געענטפערט, — דיין הארץ איז פארהארטעוועט, דיינע נערוועז מוזען זיין פון שטאָל, און דיינע אויגע זעהען נאָר רויט, — זעהסטו דען ניט, אז פון דעם „לא ישא גוי אל גוי חרב" חלום, איז נאָך קיין סימן ניטאָ? די וועלט איז פול מיט שנאה און נקמה, צווישען א קלאס און א קלאס, א נאציע און א נאציע. מענשען רייסען און בייסען איינע די אנדערע, ווי ווילדע חיות פון פארשיעדענע פארבען. —

— עפען אויף ברייטער דיינע אויגען, קוק זיך גוט ארום, וועסטו דערזעהן, אז פון אלע „שווארצע" און „רויטע" וואָלקענס, וואס באַדעקען אונזער הימעל, רייסען זיך ארויס „העלע-בלויע" פּאסען, באַלויכטען פון א ווייטער הויכער הימעל-זון.

די השגחה אליין האָט עס געמוזט באשטימען: אז די איינ-איינציגע שטיקעלע ליכט פאר די אידען נאָכ'ן „בלוטיגען מבול", זאָל זיין די מעגליכקייט צו בויען זייער אייגענע היים. — אין די פינסטערע טעג ווען די באָלשעוויסטישע כוואליע האָט אנגעהויבען פארפלייצען רוסלאנד, און ברעכען דעם גרעסטען אידישען צענטער אין גלות, איז געקומען די באלפור דעקלעראציע ווי א „נחמו נאָכ'ן שבת חזון". אנגעווענהטאגטע הערצער האָבען זיך צופלאמט, רוקענס זיינען גע-

ווארען אויסגעגליכט, קעפ אויפגעהויבען, און אבגעלאזענע הענט גע־שטארקט.

פון לאנדאן און זשענעווא, פון פאריז און ניויארק, פון אלע מלוכות פון דער וועלט אין סען־רעמא, הערען זיך די קלאנגען פון מיליאנען הערצער, ס'רייסט זיך ארויס א געשריי, ארץ ישראל די אידישע היימלאנד!

און כ'הייב אן צו גלויבען, אז די הייליגסטע פאליטישע און סאַ־ציאלע אמונה, וואס קען ראטעווען די וועלט, נאך דער איצטיגער איבערקערעניש, ס'זאל זיין שלום צווישען פעלקער, שלום צווישען קלאסען, שלום צווישען מדינות, און אינוועניג אין יעדער מדינה, פרייהייט גלייכהייט, גערעכטיגקייט, אין אלע זיילען פון עטהישען סאציאלען לעבען — מוז קומען דורך דעם אידישען פאלק. ברודער, בלעטער־דורך די אידישע היסטאריע, די געשיכטע פון דעם אלטען וועלט־פאלק, — מיט פינף און צוואנציג הונדערט יאהר צוריק, האבען מיר אויך איבערגעלעבט אזא שווערען קריזיס, ווי דער היינטיגער, — אין דער אלטער קולטור וועלט אין אזיע, האט דאן געהערשט דער גאט פון מלחמה, נאר ס'איז געקומען א גרויסער קריזיס, די מיליטאַ־ריסטישע אימפעריע פון „אשור". די דאמאלסטיגע דייטשלאנד איז געפאלען, און שפעטער איז אויך געפאלען איהר נאכפאלגערין „בבל".

אין יענער שטורעמדיגער צייט, האט געדונערט דאס קול פון אונזערע נביאים: „ניט פויסט קראפט נאר גייסט קראפט"! „דאס שטארקסטע פאלק איז ניט דאס באוואפענטע, וואס טרעט אלעמען מיט די פיס, נאר דאס פרידליבסטע, וואס זוכט אמת, פרייהייט און גערעכטיגקייט." —

טויזענטע יאהרען, טראגען זיך יענע קולות פון אונזערע נביאים איבעיר פעלקער און לענדער, איבער דעם רעש פון מלחמות הערט מען זיי ניט, — אבער ס'קומען צייטען ווען מענשען זיינען מיעד פון שנאה און קנאה, פון רויב און רציחות, און די בעסערע הויבען אויף די אויגען פון דער פארבלוטיגטער ערד צום קלארען הימעל, און הערען זיך צו צו יענע קלאנגען אין דער הויך, קלאנגען פון שלום און ליעבע, אמת און גערעכטיגקייט.

לעאן! אנטלויף פון דעם פארפלוכטען מיליטאריזם, וואס האט חרוב געמאכט די וועלט. אנטלויף פון דיינע „רויטע מחנות" וועלכע דו אליין האסט באשאפען און וועלכע וועלען סוף כל סוף אויס'הרג'ענען

א וועלט. אַט ווי יענער לעגענדארישער „גולם" און דו וועסט אפשר זיין דער ערשטער צווישען די געפאַלענע.

א מאַן ווי דו מוז אוועק געבען זיינע כחות אויף העברע אידע־אַלען, און ניט צו פאַרגיסען בלוט!

קום! לאָמיר געהן צו אונזערע אמת׳ע נייע פרידליכע גבורים, מיט אידישע שטאַרקע גרויסע נשמות. — לאָמיר געהן צו די אידישע העלדען פון היינט, וועלכע וועלען מוזען ווערען די אנערקענטע העלדען פון מאָרגען, — פון א נייער תקופה, — צו די גבורים, וועלכע וועלען שאַפען א נביאים־שטימונג אין דער וועלט, מיט א גערייניגטע אטמאָס־פערע, וואו די מיקראָבען פון „שוואַרצע און רויטע" מגפות וועלען ביסלאַכווייז אויסשטאַרבען, און דער שלום צווישען די אומות העולם וועט קענען דאַן פאַרווירקליכט ווערען. —

און ס׳וועט מוזען קומען נאַר פון יענער אומה, וואָס איהרע נביאים האָבען שוין מיט דריטהאַלבען טויזענד יאָהר צוריק אויס־גערופען, „שלום שלום לרחוק ולקרוב"! „לא בחיל ולא בכח כי אם ברוח"!...

פון גרויס אנשטרענגונג, און פון גרויס צער און התלהבות, איז בעטקע געפאַלען אין חלשות, לעבען לעאָנס פיס.

לעאָן האָט זי אויפגעהויבען, און אוועקגעלייגט אויפ׳ן סאָפע, ער האָט איהר געמינטערט ביז זי האָט אויפגעעפענט איהרע שעהנע אויגען. — ליעג אביסעל ביז דו וועסט קומען צו זיך, פון דיין גרויס אנשטרענגונג, און נאָך דעם וועלען מיר רעדען. — האָט לעאָן שטיל גע־זאָגט.

און ער אַליין איז געבליבען זיצען אין א ים פון געדאַנקען. ס׳זענען געווען מאָמענטען, וואָס אין דעם אינטערנאַציאָנאַלען „רויטען־לייב" האָט זיך ערוועקט א געפיהל פון רחמנות צו זיין פאָלק, זיין אידישע נשמה האָט גענומען די אויבערהאַנט. אין איהם האָבען גע־נומען קעמפען צוויי נשמות, די אידישע ליידענדע נשמה און די „רויטע נשמה". אמאָל האָט זיך איהם געדאַכט, אז ער איז גרייט צו צוהערען זיך צו בעטקעס אמת׳ען, און אנטלויפען מיט איהר צו זיין שטאַם, צו זיין פאָלק און צו זיין לאַנד, אָבער די רויטע נשמה, וועלכע האָט גע׳חלומ׳ט צו מאַכען פון דער גאַנצער וועלט איין גרויסע „פּראָ־לעטאַרישע נשמה", האָט גובר געווען זיין אידישע נשמה, און ער איז פאַרבליבען דער זעלבער רויטער מיליטאַריסט.

בעטקע האָט זיך אויפגעשטעלט אַ באַרוהיגטע, אַ שטאָלצע, און האָט געפרעגט: — ברודער לעאָן! דו האָסט זיך באַדענקט? דו האָסט זיך געפונען? האָט דער אמת'ער רחמנות געפיהל אין דיר ערוואַכט? האָט דיין אידישע נשמה אויפגעלעבט?

— בעטקע! — האָט לעאָן טרוקען געענטפערט. — ס'איז קיינעמס שולד ניט, וואָס אידען מוזען ליידען מעהר פאַר אַלעמען, אָבער צוליעב זיי, טאָר מען ניט אָבשטעלען דעם וועלט פּראָגרעס, וואָס פאַר אַ ווערט האָט אָט די קליינינקע טונקעלע „ליכט פון ציון" קעגען דער גרויסער אַלוועלטליכער פּראָלעטאַריער ליכטיגער ליכט. — מיר טאָרען זיך ניט אָפּשטעלען פאַר קיין זאַך אין דער וועלט, מיר מוזען דורכמאַכען אָט די אַלע אָפּעראַציעס, קאַטאַסטראָפעס, טעראָרען, חורבנות און בלוט פאַרגיסונגען, צוליעב דער גרויסער אַלוועלטליכער קאָמונע-משפחה, און אום דורכצופיהרען דיעזע גרויסע אידעע, מוז אונזער מאָטאָ זיין: „קאָמוניזם איבער אַלעס". „דאָס צוועק היילִיגט דאָס מיטעל". מיר טאָרען אויף איין מינוט ניט צו לאָזען אין אונזער האַרצען, דעם גע־פיהל פון רחמנות, טאַטע, מאַמע, משפחה און נאַציאָן, — און די לאָזונג: „ווער ס'איז ניט מיט אונז איז געגען אונז" איז גלייך פאַר אַלעמען, פאַר מיר און פאַר דיר אויך.

איצט, בעטקע! דו „הויפּט ריכטערין" פון דער סאָוועטען רוסלאַנד, וויל איך אַז דו זאָלסט מיך גוט פאַרשטעהן; — ביז איצט ביזטו געווען אַ טרייע איבערגעגעבענע קאָמוניסטישע ריכטערין, אָבער לויט נאָך דיין איינענעם „ודוי" ביזטו אראָפּ פון דרך הישר, אין אַנדערע ווערטער ביזט געוואָרען אומטריי צום קאָמוניזם, און ווילסט איבערגעהן צום בורזשואַזנעם לאַגער, צום איינגען שאָוויניזם.

בעטקע! אפשר ועסטו זיך נאָך באַדענקען אַז דו מאַכסט אַ גרויסען טעות? די גרעסטע מענשען מאַכען אָפט מאָל גרויסע טעות'ן, אפילו אונזער גרויסער לענין מאַכט אויך טעות'ן, דערמיט וואָס דער „אינטערנאַציאָנאַל" שטעהט ביי איהם פיעל נידעריגער אַלס דאָס רוסישע פאָלק. אַזוי האָט ער זיך לעצטענס פאַר מיר אַליין אויסגע־רעדט. און די „הויפּט-ריכטערין" קען זיך אויך אויסרעדען אַ טעות, אָבער דו קענסט זיך פאַרגעסען אויפ'ן טעות, און בלייבען די זעלבע טרייע איבערגעגעבענע קאָמוניסטען, און הויפּטריכטערין, פון אונזער סאָוועטען-רוסלאַנד.

נאָר טאָמער, חלילה, דו בלייבסט ביי דיין „פאַררעטערישען טעות", און דו וועסט זיך באמת אָבגעבען מיט דיינע „שאָוויניסטישע גע־

דאנקען"! און זיי װעלען דורכפיהרען אין דער װירקליכקייט,—דאן װעל איך דיר מוזען איבערגעבען צו אונזער העכסטען טריבונאל, און דיר! אלס הויפּטריכטערין, איז דאך שוין גוט באקאנט דער רחמנות פון מטעקא!

איך װארען דיך בעטקע! היט דיין לעבען!...

— איז דאס דיין לעצטער װארט, לעאן? —האט זי שטאלץ גע־פרעגט.

— יע, בעטקע! דאס איז מיין לעצטער װארט! — האט ער טרוקען געענטפערט.

— לעאן! — האט זי אויסגעשריען — און איז ארויסגעלאפען פון זיין קאבינעט װי פון טייפעל געיאגט.

זעכצעהנטער קאפּיטעל.

די הויפּטריכטערין משפּט ניקאלייען.

ניקאליי, דער דיקטאטאר פון דער סאװעטען רוסלאנד, און דער אפּ־גאט פון די „רויטע" איבער דער גאנצער װעלט, זיצט אין זיין ארבייטס־צימער און ארבייט איבערמענשליך. ער ארבייט פאר צעהן. ער דערלויבט זיך ניט קיין רגע אפּרוה. ער היט די פולע איינינקייט און אחדות אין דער קאמוניסטישער פּארטיי. אין דער זעלבער צייט, ביי אזא איבערמענשליך אנגעשטרענקטער טעטיגקייט, װערט זיין ארגאניזם אפּגעשװאכט, דערצו איז ער נאך פול מיט האס און נקמה, זינט איזאבעלא'ס פארשװינדען. ער קען זיך נאך ניט פארגעסען, כאטש ער ארבייט טאג און נאכט. ס'דאכט זיך איהם, אז זי רייצט זיך מיט איהם, אדער מיאסאיעדאװ שטעקט איהם אויס א צונג. אמת זיין גייסט איז נאך מעכטיג, אבער דער קערפּער קען ניט אויסהאלטען. ער פיהלט זיך קראנק, צוריצט, ער פיהלט אז ער פארלירט זיינע כחות, אבער ער באהערשט זיך און ארבייט װייטער מיט עקסטאז. און צרות פעהלען איהם ניט פון אלע זייטען. די בלאקאדע פון דרויסען, די מאסען שונאים פון אינװעניג, דער אומגעהייער שװערער פּראצעס פון ראטעװען די סאװעטען־מאכט, און דא זעהט ער װי זיין לאנד איז פול מיט חורבות, אומעטום הונגער און נויט. די אמאליגע רוישינגע האנדעל גאסען מיט זייערע קאנטארען, זיינען פּוסט און

וויסט. אין די שעהנע גערטנער איז תהו ובהו. שרצים געהן דארט ארום אין מיטען טאג פאר די אויגען פון די זון. עס קלאגען די וועלדער, עס טרויערן די בעלי־בתים, ס'איז ניטא מעהר די שמחה פון סוחרים און געלעבטער פון שטאדט מענשען. אלעס איז איינגעוויקעלט אין שטילקייט און טרויער ווי א יונגע פרוי מיט א זאק אויף די לענדען נאך איהר יונגען מאן. וויסט און פוסט זיינען די פעלדער, ווי אן אשה-עקרה וואס האט ניט געוואונען און ווי א מוטער וואס איהרע קינדער זיינען אוועק. פוסט זיינען די קוילען מינעס, ניטא קיין שטארקע הענט פון קוילען גרעבער. ס'וואלגערען זיך די גרויסע האמערען, ס'הונגערען די גרויסע לאקאמאטיוו אויוועגס, ס'דארשטען די פאבריק קעסלען, די באהנען שטעהען, די וואגאנען זיינען פוסט און קאלט. אבלות'דיג זיינען די וועגען פון מסחר, פארוויסט די טויערען פון האנדעל. די ארבייטער געהען ארום ווי שאטענס. קיין הייזער ווערען ניט געבויט, קיינע נכסים ווערען ניט געקויפט, קיין גאסען קומען ניט צו און קיין שטעדט בליהען ניט. הייזער ווערען פארקויפט פאר א שטיקעל ברויט

די גאסען זיינען בלאטיג, שמוציג, ניטא ווער ס'זאל רייניגען, מענשען ווערען געשטרויכעלט אן גריבער און שטיינער. מענשען געהען ארום אבגעריסענע. פאר א מאנטעל בעט מען מיליאנען און פאר שיך טריליאנען. און אראפ איז דער גלאנץ פון די אוניווערזיטעטען. ס'האט זיך אפגעטאן די שכינה פון קונסט טעמפלען. דער ליטעראטור איז אויסגעגאנגען די נשמה.

און ס'זיצען אויף די קאטעדרעס קליינע גייסטער, און די אפעראהייזער זינגען שטימלאזיגע און אין די טעאטערע טאלאנטלאזיגע.

און דער אלמעכטיגער רויטער ניקאליי הערט אן אימה'דיגען געשריי: — וועה! וואס אונז איז געשעהן! און ס'כאפט איהם אן א ציטער, ער ווערט צוגאנגען פון שרעק, ס'ציטערען איהם אלע אברים.

אט אין דעם דאזיגען ציטעריגען צושטאנד, האט איהם געטראפען די הויפט ריכטערין פון דער סאוועטען-רוסלאנד. זי האט איהם קוים דערקאנט, דער גרויסער ניקאליי איז געזעסען ווי אין קאנוואולסיע, אזוי האט זיך זיין פנים אויסגעקרימט.

— חבר ניקאליי! וואס איז מיט אייך? — שרייט זי אוים פארוואונדערט, — זעהט ווי איהר קוקט אוים! איהר קוקט אוים זעהר קראנק!

— עד, בעטקע! — כאפט ער זיך אויף ווי פון פיבער. — יע! כ'פיהל זעהר זעהר אויסגעמאטערט פון די אנגעשטרענגטע ארבייט. כ'האב מורא אז מיין קערפער וועט עס ניט קענען אריבערטראגען.

— אבער וואס ציטערט איהר אזוי? חבר ניקאליי! — פרעגט זי איהם.

— עד, בעטקע! דיר איז גרינג צו רעדען, דו ביסט געבארען פון אזא פאלק וואס האט ניט קיין לאנד, די גאנצע וועלט איז דיינע. דו ביזט צו קיין זאך ניט צוגעבונדען. אבער איך! בין א רוס! און זעה וואס פון מיין רוסלאנד איז געווארען! דו הערסט גאר נישט! אבער איך! איך הער דעם געשריי וואס ס'האט ארומגערינגעלט גאנץ רוסלאנד, אין מזרח און אין מערב, אין צפון און אין דרום, אלע שרייען: „וועה! וואס אונז איז געשעהן!" און ס'כאפט מיך אן א ציטער און אן אימה. איך שרעק מיך פאר דעם גרויסען אומגליק!...

בעטקען האט פארקלעמט אין הארצען. זי האט דערפיהלט, אז אפילו אט דער גרויסער טייפעל אליין, האט ענדליך געפונען א פונק רחמנות פאר זיין פאלק און לאנד, נאר ער האט עס מורא ארויס־צורעדען אין דער עפענטליכקייט. ער האט מורא פאר זיינע תלמידים, וועלכע ער אליין האט פאר'סמ'ט מיט זיין סם המות'דיגע תורה!... אבער נאך א קורצען שווייגען האט זי געזאגט שטיל, אזוי ווי סודות'דיג:

— חבר ניקאליי, מאכט א טריט ריקווערטס.

— בעטקע! וואס בעדייטען דיינע ווערטער? — האט ער ווי געקרעכצעט.

— גאנץ איינפאך, חבר ניקאליי! — האט זי שטיל צוגעגעבען, — צוליעב די מיליאנען הונגעריגע רוסען און צוליעב דער גרויסער רוס־לאנד איז נויטיג איינצופיהרען „א נייע עקאנאמישע פאליטיק", וואס זאל אויף וויפיעל ניט איז אויפלעבען די רוסישע אינדוסטריע.

זיינע אויגען ווערען אביסעל ליכטיגער, דער שרעק לאזט איהם אפ, און ער רעדט שוין עטוואס פרעהליכער. — עד, בעטקע! איהר אידען זייט זעהר א קלוגע פאלק. איהר קענט זיך ארויספלאנטערן פון די גרעסטע צרות. אבער מיר איז א וואונדער ווארום זעהט עס נאך ניט איין דער גרויסער חבר לעאן?

— אפשר זעהט ער שוין לאנג דעם „נעפ" אין זיינע געדאנקען, — האט זי שטיל געזאגט — אבער ער האט עס מורא ארויסצורעדען. ער האט מורא פאר זיין רבי'ן.

— אפשר, אפשר, — האָט ניקאָליי איבערגע'חזר'ט עטליכע מאָל, און האָט זיך פאַרטראַכט. פּלוצלונג האָט זיך ניקאָליי פאַרנאַנדער־געלאַכט מיט אַ מאָדנעם טרוקענעם געלעכטער, אַז בעטקע האָט איהם אָנגעקוקט ווי אַ משוגע'נעם.

— עך, בעטקע! — האָט ער אַרויסגערעדט, — ווען איזאַבעלע וואָלט דאָ איצט מיט מיר געווען, וואָלט זי שוין געוואוסט ווי אַרויס־צושלעפּען אונזער רוסלאַנד פון בלאָטע. יע, זי וואָלט געוואוסט. אַז זי האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי אַרויסצודרעהען זיך פון מיינע הענט, איז זי נאָך שטאַרקער פון מיר.

— חבר ניקאָליי! — האָט בעטקע שטאָלץ געזאָגט, — דענקט איהר ניט, אַז איהר אַליין זייט אין אַלעם שולדיג? פאַרגעסט ניט אַז איזאַבעלא איז געווען איינע פון די העכסט געבילדעטע, דערצו האָט זי פאַרמאָגט אַ גרויסע נשמה מיט אַ שטאַרקען רצון, און אַזאַ פּער־זענליכקייט לאָזט זיך ניט פאַרגוואַלטיגען! אָבער ווען איהר וואָלט זיך אויפגעפיהרט ווי אין די אַמאָליגע יאָהרען, איהר וואָלט זיך איהר ערקלעהרט אין אמת'ע ליעבע, און טאַקע צייגען אַז איהר מיינט עס ערנסט און אויפריכטיג, איז מעגליך אַז איהר וואָלט איהר געווינען אויף אייער זייט, און מיר וואָלטען איצט געהאַט מיט אונז איזאַבעלען. אָבער איהר האָט זי געוואָלט פאַרגוואַלטיגען, אַט פּונקט ווי איהר פאַרגוואַלטיגט רוסלאַנד, און איצט מוז מען זוכען מיטלען און עצות ווי אַרויסצוקריכען.

— יע, בעטקע, אַזוי איז דאָס — האָט ער געענטפערט — אָבער דו טאָרסט ניט פאַרגעסען, אַז איך קען אַנדערש ניט האַנדלען. איך בין די „מאַכט" אַליין. איך מוז באַפעהלען! איך מוז נעהמען מיט גע־וואַלד! אין דעם באַשטעהט מיין גרויסקייט. אָבער איך קען זי עד היום ניט פאַרגעסען, פּונקט ווי זי וואָלט געשטאַנען פאַר מיינע אויגען און זיך געריצט מיט מיר... ער האָט זיך ווידער פאַרטראַכט.

פּלוצלונג האָט ער אויסגעשריען, — בעטקאַ! יעדען מאָל ווען איך קוק זיך איין אין דיין פּנים, דערזעה איך איזאַבעלען. דו ביזט גע־ראָטען אין איהר פּונקט ווי צוויי טראָפּענס וואַסער. דער זעלבער שעהנער פּנים, די זעלבע אויגען, דער זעלבער שטאָלץ און די זעלבע ענטשלאָסענהייט. כ'האָב שוין לאַנג געטראַכט דערפון....

— בעטקע! אפשר וואָלסטו מיין טייערינקע, מיר פאַרביטען איזאַבעלען?

— וואָס מיינט איהר דערמיט צו זאָגען? חברניקאַליי! — האָט זי שטאַלץ געפרעגט.

— איך מיין גאַנץ איינפאַך, בעטקע! ווער מיינע! לאָמיר לעבען צוזאַמען. קיין צערעמאָניעס איז דאָך אין אונזער סאָוועטען־רוסלאַנד סיי ווי ניטאָ, — האָט ער זיך צולאַכט...

— ס'איז גאַנץ ריכטיג, חבר ניקאַליי! — האָט זי געענטפערט. — איהר האָט טאַקע די צערעמאָניעס אָפּגעשאַפט, אָבער די אַלטע אמת'ע ליעבע, איז פאַרבליבען, דאָס איז אַזאַ זאַך, וואָס אפילו דער גרויסער ניקאַליי קען דאָס ניט אויסוואָרצלען. דאָס איז אַן עביגקייט.

— בעטקע! — האָט ער געזאָגט, — קענסטו מיך דען ניט ליעבען? פאַרגעס ניט, אַז הונדערטע מיליאָנען מענשען פאַרגעטערען מיך!

— יע, ס'איז גאַנץ ריכטיג — האָט זי געענטפערט, — זיי פאַרגעטערען אייער אידעאַל, אייער גרויסע נשמה, אָבער איך רעד פון „מענשליכע ליעבע" פון „מאַן און ווייב", דאָס איז אַ גאַנץ אַנדער ענין. כ'קען אַ מענשען פאַרגעטערען, אָבער ליעבען איהם אַלס מאַן, אַט מיט יענע הייליגע, צערטליכע, ווייבליכע געפיהלען, דאָס ניט. אפשר מיט דער צייט, ווען איך וועל זיך איינגעוואוינען מיט דעם געדאַנק, כ'וועל אָנהויבען דענקען און טראַכטען דערפון, אפשר וועט זיך אויך אין מיר דערוועקען אַ געפיהל פון ליעבע צו אייך. איך זאָג אפשר, ווייל דאָס איז אַ זאַך, וועלכע מען מוז איבערלאָזען צו דער נאַטור, וועלכע איז שטאַרקער פון אונז אַלעמען. אָבער איצט רעדען דערפון איז זעהר ניט פּראַקטיש. מיר האָבען נויטיגערע פּראָבלעמען צו לעזען.

ניקאַליי האָט זיך פאַרטראַכט. אין זיינע אויגען האָט זיך באַוויזען אַ מאָדנער פייער'ל, וועלכער האָט אָבגעשלאָגען איבער זיין אויסגעמאַטערטען פּנים. ער האָט חלילה ניט געטראַכט פון דער „ליעבע" פון וועלכע די הויפּטריכטערין האָט גערעדט. ער האָט ניט געטראַכט פון דער „צייט" וואָס „גרעסערע פּראָבלעמען" מוזען געלייזט ווערען, און אויך ניט פון דער „נאַטור" וועלכע איז שטאַרקער פון אַלעמען. ער זיצט אַ פאַרגליווערטער, ווי אַ שטיינערנע פיגור. מען זעהט ווי זיינע געדאַנקען זיינען אָנגעשטרענגט איבערמענשליך און איבערנאַטירליך. אויף זיין ברייטען שטערען טרעטען ארויס טראָפּענס שווייס. דער קאָפּ נידעריג געבויגען.

— בעטקע! — גיט ער א ברום — דו ווייסט דאָך אז איך בין א מאַן פון דער טהאַט! איך רייס אויף גלייך! איך וואַרט ניט אויף דער „צייט" ווי די מענשעוויקעס! איך בין אומגעדולדיג אין אַלע מיינע האַנדלונגען! און איצט אוודאי!...

בעטקע האָט געפיהלט אז זי מוז אויך ווערען „א מאַן פון דער טהאַט" און זיך ניט אָפּשרעקען וואָס ס'זאָל ניט פּאַסירען. — אָבער חבר ניקאָליי! — האָט זי געוואָלט אָנהייבען. ניקאָליי האָט איהר אָבער ניט געלאָזען ענדיגען, און האָט פאָרטגעזעצט. — בעטקע! בעת די רעוואָלוציע, און די מענשעוויקעס זיינען געקומען, געראַשט, געטומלט, געטענה'ט: „לאָמיר זיך צופּאַסען צו א נייער אָרדנונג, לאָמיר אַלץ טאָן שטופּענווייז אויסגערעכענט, לאָמיר אַרבייטען לאַנגזאַם, יאָר איין יאָר אויס, און מיט דער צייט וועלען מיר איינאָרדענען אונזער מלוכה, פּונקט ווי אַלע אַנדערע ליבעראַלע מלוכות, נאָך מיט מעהר פּראָגרעס און סאָציאַלע פרייהייט" אָבער איך האָב געזאָגט: „ניין! מיר מוזען גלייך אויפרייסען, גלייך טהאָן!" און איך האָב דערפיהרט, אז מיר האָבען איצט א סאָוועטען־מאַכט פון בלויז אַרבייטער פּויערים און סאָלדאַטען, און די גאַנצע וועלט שטעהט פאַרוואונדערט!

— אָבער חבר ניקאָליי! — האָט בעטקע שטאַלץ געענטפערט. — איהר האָט זיך דאָך ערשט אַליין געקלאָגט פאַר מיר „אז רוסלאַנד איז חרוב", אין אַנדערע ווערטער גערעדט, איהר האָט אַליין מודה געווען, אז אייער טהאַט, אייער עקשנות, האָט חרוב געמאַכט רוסלאַנד!

— יע, בעטקע! ס'איז טאַקע אמת, דערפאַר האָבען מיר דאָך ערשט בעשלאָסען צו מאַכען א טריט ריקווערטס, און אז ס'וועט זיין נויטיג איז עטליכע טריט!...

— הייסט עס חבר ניקאָליי! אז אין א נויט מוז מען מאַכען א „השיבנו נאָזאַד", טאַ זייט אַזוי פריינדליך, און מאַכט עטליכע טריט ריקווערטס, בנוגע אז איך זאָל ווערען „אייערע"...— האָט זי געזאָגט.

— בעטקע! — האָט ער אויסגעשריען, — פאַרגעס ניט אז רוסלאַנד איז א גרויס פּאָלק, מיט א גרויסע לאַנד! דאָרטען מוז מען געהן ריקווערטס, אָבער ניט דאָ!...

— אָבער ניקאָליי! — האָט זי געזאָגט, — יעדער מענש איז אַן „עולם קטן", איך אַליין בין אויך א וועלט מיט געדאַנקען און פאַרלאַנגען, און איך האָב אויך א דעה! איהר קענט מיך ניט צווינגען דערצו!

— בעטקע! — האט ער רציחה'דיג געברומט, — דיין „זשידאווס־קע־איזאבעלא" האט זיך ארויסגעדרעהט פון מיינע הענט, אבער דיך וועל איך שוין האלטען שטארק!

— ניקאליי! וואס איז מיט אייך?! איך דערקען אייך ניט?! פארגעסט ניט אז איך בין די הויפטריכטערין פון דער סאוועטען־מאכט! ניקאליי! זייט איהר ביים פולען פארשטאנד?

— יע, בעטקע! כ'בין ביי מיין פולען פארשטאנד, און איך ווייס אויך אז דו ביזט די הויפטריכטערין פון דער גרויסער איינאיינציגער סאוועטען־רעפובליק, אבער דו דארפסט אויך האבען אין זינען אז איך בין ניקאליי לענין! וועלכער האט צו זאגען איבער אלעם און אלעמען און איבערהויפט מוזטו געדענקען אז איך בין ניקאליי דער רוס! און דו ביזט ניט מעהר ווי בעטקע די זשידאווקע!

— און דאס איז דער גרויסער ניקאליי! מיט זיינע נאך גרע־סערע אידעען? — האט זי אויסגעשריען.

ער איז אריין אין א ווילדע רציחה, און ווי א צורייצטע חיה האט ער געברומט: — ווען ס'קומט צו א זשידאווקע דארף מען קיין אידעען ניט! — און ער האט זיך אווארף געטאהן אויף איהר, ווי א ווילדע צורייצטע חיה.

בעטקע האט זיך ניט פארלארען. זי האט געפיהלט אז זי איז שטארק גענוג בייצוקומען אפילו דעם טייפעל אליין, און אין דער צייט ווען ניקאליי האט זיך ווי א בלוטדורשטיגע חיה ארויפגעווארפען אויף איהר, און האט זי גענומען דריקען און קושען, האט זי איהם נעגעבען אזא שליידער פון זיך, אז אלע זיינע גליעדער זיינען ווי צוטרייסעלט געווארען, און גלייך נאכדעם האט זי פון איהר קעשענע ארויסגענומען איהר רעוואלווער און האט איהם אנגעשטעלט אויף ניקאלייען און מיט דער צווייטער האנט האט זי פארשלאסען די טיער.

ווי א געטין פון נקמה, איז זי געשטאנען מיט'ן רעוואלווער אין האנט און האט גערעדט:

— ניקאליי לענין! דו גרויסער נידערטרעכטיגער היפאקריט! דו יעזואיטישער רויטער לומפ! דו וועלט מלאך־המות! דו האסט גע־

קענט אויס׳הרג׳ענען מיליאָנען מענשען, אָבער די אידישע נשמה וועסטו קיינמאָל ניט אָפּטויטען. דיין אויסגעלאַסענע „הפקר־תורה“ קענען אפשר פאַרדייען דיינע שבור׳ע כוליגאַנישע רוסען, אָדער דיינע ברידער די היידאַמאַקעס! אָבער ניט מיר אידען! אמת דו האָסט פאַר׳סמ׳ט מיין ברודער, פאַרגיפטעט זיין אידישע נשמה און ער העלפט דיר פאַרגיסען אידישע בלוט! אָבער מיין נשמה איז ריין. מיינע גערענקען זיינען קלאָהר. מיינע אויגען זעהן דיך איצט דורך און דורך. געדענק דו מערדער! דו היפּאָקריט! די בלוט פון מיליאָנען מענשען זידט און שרייט, „נקמה!“ געדענק! די עלענט, די נויט פון א גאַנצען פאָלק וועט דיך פאַרשילטען! איך קען דיך איצט דערשיסען ווי א חיה! אָבער כ׳וויל ניט איינשמירען מיינע הענט אין טייפעלשע בלוט. אָבער דיין געוויסען אליין וועט דיך טויטען! — זי האָט געענדיגט און געוואָלט ארויסגעהן.

— בלייב שטעהן! — האָט ניקאָליי ווילד אויסגעשריען, — ניט דער גרויסער ניקאָליי, וועלכער האָט אויסגע׳הרג׳עט די רוסישע צאַרען, און צו וועמעס באַפעהל ס׳קומען צו פליהען מיליאָנען מענשען, וועט זיך דערשרעקען פאַר א זשידאָווקע! „שטעה!“ האָט ער געשריען. כ׳האָב קיין מורא ניט, דיינע קוילען וועלען מיך ניט טרעפען, — און ער האָט זיך צולאָכט מיט אַן אשמדאי געלעכטער. וואָס שיסטו ניט? דו זשידאָווקע! — האָט ער ווילד געלאַכט. — באַלד, זשידאָווקע, וועל איך דיר איבערגעבען אין די הענט פון מיין טשעקא, דיין אייגענער זשידאָווסקער ברודער, וועט דיך אהין באַגלייטען. מען וועט דיך דאָרט מאַטערען, אָנטהאָן די גרעסטע יסורים, אָבער דו וועסט מוזען לעבען. ווייל דו ביזט אזא שעהנינקע ווי איזאַבעלאַ, און ערשט נאָכדעם וועל איך זיך אָנזעטיגען מיט דיין שעהנעם קערפּער, און אָנ־שכור׳ן זיך מיט דיין זיסע בלוט.

בעטקע האָט זיך געפונען צווישען צוויי פייערען. ניקאָליי פאַר־פאָלגט איהר ווי א ווילדע בעסטיע. לעאָן וועט איהר פאַרפאָלגען אלס פאַררעטהערין, אָבער זי האָט ניט געטאָרט פאַרליערען קיין צייט, די בלוט האָט אין איהר אָנגעהויבען זידען און קאָכען. — שטאַרב דו לומפּ! — האָט זי אויסגעשריען און האָט אָבגעפייערט דריי קוילען אין ניקאָלייען און איז אַרויס גאָר אומבאַמערקט.

זיבצעהנטער קאפיטעל.

ניקאליי צווישען לעבען און טויט.

אזוי ווי א קאראהאד פון „ניט גוטע" דרעט זיך א שניי־זאווערוכע, ס'דרעט זיך און רעוועט ווילד מיט אכזריות, און ס'טראגען זיך כוואלעס מענשען, גרויסע, קליינע, דארע רוישיגע וואס באזיגען די זאווערוכע, און א סוד ליגט טיעף פארבארגען אין זייערע אפגע־ניצעוועטע שינעלען, צוריסענע וואליקעס, אפגעבליאקירטע פעלצען, און אלטע פאטשיילעס. ס'געהט א מענשען ים. ס'טרייסעלט א צאן און א צאן. מען האלט זיך קוים אויף די פיס פון קעלט.

— וואס האט פאסירט?

א יונג מיידעל אנגעטאן אין מאנסבילשע שטיוועל, און אין א מאנסבילשען כאלאט, קוקט אויף אלעמען ווי מיט שפאט: — עך, ניקאליי געשאסען!

— געשאסען!! — הערט זיך א געשריי דורך דער זאווערוכע פון צעהנדליגע טויזענדע מענשען.

און ס'גיט אלעמען א טיאכקע אין הארצען, געשאסען?!

אלע שטעהען ווי פארגליווערט, מען פרעגט ניט, ווער ס'האט געשאסען? עפעס האט מען מורא צו פרעגען. דער גרויסער מענשען שטראם פיהלט אז עס איז א סוד. קיינער וויים ניט, אפילו לעאן אויך ניט. און ניקאליי קעמפט צווישען לעבען און טויט.

דער גרויסער ניקאליי איז געלעגען אין בעט. זיין דופק האט כמעט ווי ניט געארבייט. אופ'ן ערשטען קוק האט אויסגעזעהן, אז די לאגע איז האפנונגסלאז. ערשט אין עטליכע מינוטען ארום איז געלונגען די דאקטוירים פעסט צו שטעלען, אז א צופעליגער דריי מיט'ן קאפ אין דעם מאמענט פון דער שיסעריי, האט געראטעוועט ניקאלייען ס'זאלען ניט פארניכטעט ווערען די לעבענס־פעהיגע אר־גאנען פון אן אומפארמיידליכען טויט. ס'איז אבער איבערגעבראכען געווארען דער לינקער אקסעל־ביין און ס'זיינען פארוואונדעט די לינקע ברוסט קעמערל און די לינקע לונג. ס'האט זיך אנגעזאמעלט א סך בלוט אין דער לינקער פלעווע, וואס טיילט אפ אין דער פארם פון א זעקעל די לונגען פון דער ברוסט־קעמערל. די דריי קוילען וואס זיינען אריינגעשאסען געווארען אין ניקאלייען, זיינען צוויי פארבליבען

אין ליוב, איינע אין דער רעכטע גריבעל צווישען לאַפּעטקע און אַרום האַרץ. די גרעסערע טרייבלאַך פון האַלז־נערוועז. די דריטע ברוסט־ביין די צווייטע אונטער דער הויט פון רוקען.

ביידע קוילען האָבען דורכגעמאַכט אַ גאַנץ געשלענגעלטען וועג, די דריטע קויל האָט בלויז דורכגעלעכערט ניקאָליי'ס רעקעל, ניט אָנ־ריהרענדיג איהם אַליין.

די ערשטע נאַכט, וואָס דער פאַרוואונדעטער ניקאָליי האָט פאַר־בראַכט אין בעט, איז געווען אַ קאַמפּ צווישען לעבען און טויט. די טהעטיגקייט פון האַרץ איז געווען אויסערגעוועהנליך שוואַך. דער קראַנקער האָט זיך זעהר געמאַטערט דערפון וואָס ער קען ניט כאַפּען דעם אָטהעם.

ערשט דריי אזייגער פאַרטאָג האָט ניקאָליי זעהר שוואַך קוים וואָס מען האָט געקענט הערען געפרעגט דעם דאָקטאָר: — זייט איהר אַ קאָמוניסט? — און אַז ער האָט איהם געענטפערט „יע", האָט ער איהם געפרעגט: — זאָגט מיר אָפענהערציג, איז גיך דער סוף? וועל איך שטאַרבען?

דער דאָקטאָר האָט איהם אָבער באַרוהיגט, אַז ער האָפט, אַז ער וועט נאָך לעבען. ס'איז ווירקליך געווען צו באַוואונדערען ניקאָ־ליי'ס ווילענס־קראַפט, אין די דאָזיגע שרעקליכע מאָמענטען און זיין זעלבסט באַהערשונג.

אין דער ערשטער נאַכט נאָך דער שיסונג, איז געווען אַ גרויזאַמער מאָמענט. ווען די בלוטאַנזאַמלונג אין דעם געביעט פון דער פּלעווע איז געווען צו גרויס, דאָס בלוט איז אַריין פון דער ברוסט קעמערל בשעת'ן הוסטען. ניקאָליי איז אָבער געווען רוהיג.

אויף מאָרגען אין דער פריה, האָט זיך אָנגעמערקט אַן אויס־בעסערונג אין דופק און אין אַלגעמיינעם צושטאַנד, אין דער לייבע האָט זיך אָבער באַוויזען בלוט, און אַן איבעל האָט געמאַטערט דעם קראַנקען, דאָס האָט אַרויסגערופען אַ מורא, צי איז ניט פאַרוואונדעט דער שפּייז קאַנאַל? דאָס וואָלט באַדייט אַן אומפאַרמיידליכען טראַ־גישען סוף. די בעסטע דאָקטוירים האָבען זעהר שטאַרק געאַרבייט.

יעדער נייער טאָג האָט געבראַכט פאַרבעסערונג אין ניקאָליי'ס געזונדהייט. זיין שטאַרקער אָרגאַניזם האָט אויסגעטראָגען, אָבער גאָר אין גאַנצען געזונט איז ער שוין מעהר קיינמאָל ניט געווען. ער האָט זעהר געליטען פון קאָפּוועהטאָג און פון אויסגעמאַטערטקייט.

צוליעב דעם איז ער איבערגעפאהרען אין דארף גארקי ניט ווייט פון מאסקווע.

איינמאל, ווען לעאן איז צו איהם געקומען מבקר חולה זיין, האט ער איהם געפרעגט: — חבר ניקאליי! די גאנצע צייט זינט דער אומגליק האט פאסירט, ביזטו געווען זעהר שוואך, און איך האב דיך ניט געוואלט מאטערען מיט פראגעס, אבער איצט ווי איך זעה פיהלסטו א סך בעסער, און איך מוז דיך פרעגען: זאג מיר חבר, ווער איז דער יעניגער וואס האט געוואגט צו שיסען דעם אלמעכטיגען ניקאליי ? ס'קען דאך ניט זיין אז ער זאל זיין אין גאנצען א פרעמדער ? כ'האב דיך נעכטען געפרעגט, און דו ווי ס'זעהט אוים האסט גאר קיין חשק ניט ארויסצוגעבען זיין נאמען. כ'זאג דיר חבר ניקאליי, מעג דער יעניגער זיין דער גרעסטער מאן אפילו צווישען אונזעריגע, וועל איך נעמען פון איהם ראכע, כ'וועל איהם אויסגעפינען אפילו אונטער די הרי חושך.

— חבר לעאן! — האט ניקאליי גערעדט זעהר שטיל, — גיב מיר דייןווארט, אז אויב דיר וועט ווען עס איז געלינגען, צו כאפען דעם יעניגען וועלכער האט מיך געשאסען, זאל קיינער דערפון ניט וויסען, ס'זאל בלייבען פאר דער וועלט א סוד, און דו זאלסט איהם איבערגעבען נאר צו מיר אליין אין מיינע הענט.

— איך גיב דיר מיין ווארט, חבר ניקאליי! און איך וועל איהם האלטען, וואס ס'זאל ניט פאסירען! האט טראצקי געענטפערט.

— כ'גלויב דיר חבר לעאן! — האט ניקאליי א צופרידענער געענטפערט. — א קריעגס מיניסטער פון דער ערשטער „רויטער מדינה" אין דער וועלט, וועט געוויס האלטען ווארט, און דערצו נאך מיין אמת'ר חבר און מיין רעכטע האנט. — און ניקאליי האט גענומען רעדען נאך שטילער און סודות'דיגער: — לעאן! חבר מיינער, ס'איז ניט געווען קיין מערדער און ניט קיין שיסער.

— טא ווער זשע? — האט זיך לעאן א טרייסעל געטהאן.

— ס'איז געווען א „מערדערין און א שיסערין!" — האט ניקאליי געענטפערט.

לעאנ'ען האט ווי עפעס א קלאפ געגעבען אין זיין מח, און ווי א געדאנק וואלט דורכשטעכען זיין הארצען. בעטקע!... ער האט זיך אבער באהערשט ניט ארויסצוצייגען זיין אויפרעגונג, און האט שטיל געפרעגט: — ווי איז איהר נאמען? חבר ניקאליי?

— בעטקע, די הויפּטריכטערין פון אונזער סאָוועטען־מאַכט, האָט מיך גע'משפּט, — האָט ער שטיל געענטפערט.

לעאָן איז געבליבען זיצען ווי אַ פּאַראַליזירטער, ער האָט ניט געקענט אויסרעדען אַ וואָרט.

— חבר לעאָן! — האָט ניקאַליי גענומען רעדען: — מיר האָט זיך קיינמאָל ניט גע'חלומ'ט, אַז אַזאַ איבערגעגעבענע באַוואוסטזיניגע קאָמוניסטין, זאָל נאָך פאַרמאָגען אין זיך אַ שטיק פון דער פאַר־שימעלטער בורזשואזנער תורה. כ'האָב זיך ביי איהר געבעטען: „בעטקע לאָמיר לעבען צוזאַמען", „בעטקע, נאָר דו קענסט מיר זיין אַ טרייסט אנשטאט איזאַבעלען, און זי האָט אַלץ מדחה געווען, טענה'נדיג, אַז זי מוז וואַרטען ביז זי וועט זיך פאַרליעבען, און נאָך אַעלכע בורזשואזנע טענות. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען אַז זי וויל זיך פּשוט אויסדרעהען פון מיר פונקט ווי איזאַבעלא, און ניט קענענ־דיג זיך מעהר קאָנטראָלירען, האָב איך זי גאָר איינפאַך געוואָלט באַ־זיצען איבער געוואַלד, אָבער זי אַלס הויפּטריכטערין פון דער סאָוועטען־מאַכט, האָט מיך דערפאַר פאַר'משפּט מיט דריי קוילען.

ווען ניקאַליי האָט געענדיגט רעדען, זיינען זיי ביידע געבליבען פאַרטראַכט. ביי לעאָנ'ען איז אַראָפּ אַ שטיין פון הארצען, און ער האָט געטראַכט: הייסט עס אַז זי האָט איהם געשאָסען אין זעלבסט פאַרטהיידיגונג. זי האָט פּשוט ניט געוואָלט זיין „זיינע" געצוואונ־גענערהייד, איז אפילו נאָכ'ן „רויטען שלחן ערוך" קומט איהר דער־פאַר אויך גאָר נישט. אָבער לעאָן האָט דאָך ביי זיך ניט געקענט רעכטפערטיגען איהר טהאַט. סטייטש, היתכן, אויפהויבען אַ האַנט אויף דעם שטאַרקסטען מענשען פון'ם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט און בלייבען אונבעשטראָפט? ער איז אָבער געווען זעהר צופריעדען, וואָס ער ווייס די אמת'ע סבה, לכל הפחות קען ער דענקען אַז זי איז נאָך איצט אַ כשר'ע קאָמוניסטין און זי האָט איהם געשאָסען ניט צוליעב פאַרראַט.

— חבר לעאָן! — האָט איהם לענין איבערגעריסען זיינע גע־דאַנקען, — וועסטו נאָך אַלץ האַלטען דיין וואָרט? אפילו נאָכדעם ווען דו ווייסט, ווער די שיסערין איז און די סבה פון איהר שיסען?...

— געוויס, חבר ניקאַליי! — האָט לעאָן געענטפערט. — די זאַך ענדערט ניט מיין בעשלוס. אַזוי גיך ווי דו וועסט זיך פיהלען פּאַלקאָם, וועל איך אַליין צושטעלען בעטקען אין דיינע הענט.

ניקאַליי האָט געדריקט לעאָנ'ען די האַנט, מיט דער באַמערקונג:
— יע חבר לעאָן, כ'האָב געוואוסט אַז דו וועסט אַזוי האַנדלען, איך דאַנק דיר. — אָבער טיעף אין האַרצען האָט ער געלאַכט פונ'ם גרויסען מה יפית'ניק.

אין גיכען אָבער האָבען זיך באַמערקט סימנים פון צושעדיגונג אין ניקאַליי'ס קאָפּ־מאַרך. דער ערשטער צופאַל האָט זיך אויסגע־דריקט אין אַלגעמיינער אָפּגעשוואַכקייט, אין אָנווערען דעם לשון, און אין שוואַכער באַוועגליכקייט פון דער רעכטער האַנט און פוס. אַזעלכע צופאַלען פלעגען זיך איבערחזר'ן פּעריאָדיש אין משך פון די ווייטער־דיגע מאָנאַטען, און פלעגען דויערען פון אַ האַלבע שעה ביז צוויי שעה. דעם 9טען מאַרטש 1923 איז ביי ניקאַלייען פּאַראַליזירט געוואָרען די גאַנצע רעכטע העלפט פון קערפּער און ס'איז ביי איהם אָפּגענומען געוואָרען דאָס לשון. פון דאַמאָלסט אָן איז שוין די קראַנקהייט גע־וואָרען כראָניש. ס'האָבען איהם געהיילט די בעסטע און באַריהמסטע דאָקטוירים פון רוסלאַנד און אויסלאַנד. זיי האָבען אָנגענומען אַלע מיטלען אָפּצוראַטעווען זיין לעבען, נאָר מען האָט גאָר נישט געקענט העלפען.

בעטקע, די הויפּטריכטערין פון סאָוועטען־רוסלאַנד, נאָכדעם ווי זי האָט אָפּגעפייערט די דריי קוילען אין דעם גרויזאַמען היפּאָקריטי־שען ניקאַלייען, איז ניט אַנטלאָפען זיך ערגעץ אויסצובאַהאַלטען. איהר שכל הישר האָט איהר געזאָגט, אַז ער וועט עס ניט איבערלעבען, נאָר אויב חלילה ער וועט אויסהאַלטען און גובר זיין די דריי קוילען, וועט ער ניט וואָגען אַרוים אין דער עפענטליכקייט, אַז זי האָט איהם געשאָסען צו פאַרטהיידיגען איהר עהרע. דער סקאַנדאַל וואָלט געווען צו גרויס, און ס'וואָלט זיך זעהר שלעכט אָפּגערופען אין אויסלאַנד, פון וואַנען מען האָפט נאָך צו קריגען אַ הלואה'לע און אפשר אַנ־ערקענונג. זי האָט זיך פיעל מעהר געמוזט היטען פאַר איהר פאַנאַ־טישען בלינדען ברודער, ווי פאַר ניקאַלייען. און זי איז פאָרלויפיג אָנגעגאַנגען מיט איהר אַרבייט, ווי ס'וואָלט גאָרנישט פּאַסירט. אָבער אין האַרצען האָט זי געהאָפט, אַז דער גאָט פון ישראל, וועט איהר מן הסתם לערנען און ווייזען דעם אמת'ען וועג ווי אַרויסצודרעהען זיך פון די טייפעלשע הענט.

איינמאָל ווען זי איז געזעסען אויף איהר ריכטער־שטול, האָט מען איהר געמעלדעט, אַז דער קריעגס־מיניסטער טראָצקי וויל מיט איהר אומבאַדינגט רעדען. זי האָט אָפּגעלייגט אַלע „משפטים" אויף אַ

צווייטען טאָג, מיט דער ערקלעהרונג אַז ס'מוז עפּעס זיין זעהר וויכ־טיגעס. און ווען אַלע זיינען ארויסגעגאַנגען און זי איז נאָר פאַר־בליבען מיט איהר געהילפין די באוואוסטע ענטשלאָסענע יהודית קאפלאן, האָט זי איהר געבעטען, אַז זי זאָל אריין אין צווייטען צימער, וואו זי וועט אַלעס קענען הערען, און זי האָט אריינגערופען טראָצקין.

א קורצע ווייל האָבעןביידע געשוויגען, און געקוקט איינע אויף די אַנדערע, פּונקט ווי זיי וואָלטען וועלען אריינדרינגען איינער אין דעם צווייטען.

— בעטקע! — האָט לעאָן אָנגעהויבען דער ערשטער — דו ווייסט אַז הונדערטע טויזענטע מענשען, וואָלטען זיך גאָר ניט פאַרטראַכט, און אוועק געגעבען זייערע לעבענס אום צו קענען מציל זיין פון טויט, דעם גרעסטען מאַן פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, אונזער גרויסען פיהרער ניקאָליי לענין, וועלכער האָט צו זיך ניט קיין גלייכען אין דער וועלט געשיכטע?

— בעטקע! דער שונא פון די פּראָלעטאַריער איז נאָך זעהר שטאַרק. לאַנג איז נאָך אונזער וועג. די גרויסע ארבייט איז נאָך ווייט ניט פאַרענדיגט. דער גרויסער ניקאָליי איז זעהר נויטיג, ניט נאָר רוסלאַנד נאָר דעם גאַנצען אַלוועלטליכען ארבייטער קלאַס, ווי עס איז נאָך אפשר קיינער קיינמאָל ניט געוועזען אַזוי נויטיג דער מענש־ליכער געשיכטע.

— שוין העכער צעהן חדשים ווי דער גרויסער ניקאָליי ליגט קראַנק. די בלוט געפעסען האָבען לויט דעם ביטערען אויסדרוק פון די דאָק־טוירים, די גאַנצע צייט „געשפּילט". דאָס איז געוועזען אַ שרעקליכער שפּיל, מיט ניקאָליי'ס לעבען. מען קען דערוואַרטען אַ פאַרבעסערונג אָבער אויך אַ קאַטאַסטראָפע....

— מיר וואַרטען אויף זיין געזונט, און ס'קען קומען פּלוצלונג דער טויט. דער אָטהעם צענטער פון מאַרך קען זיך אָפּזאָגען צו דינען, און ס'קען פאַרלאָשען ווערען דער צענטער פון'ם געניאַלסטען געדאַנק. און אַז דער גרויסער ניקאָליי וועט ניט זיין, וועט די רויטע־מדינה פאַר'יתומ'ט ווערען, און צוזאַמען דער גאַנצער אַלוועלטליכער אַר־בייטער קלאַס, מיר וועלען בלייבען אָהן אַ לעהרער און אָהן אַ פיהרער.

— לעאָן! — האָט בעטקע גענומען רעדען: — אַן אידעע וואָס העננט אָפּ נאָר פון איין מענשען, איז בכלל קיין אידעע ניט. נאָר ניט דאָס וויל איך דיר איבערהויפּט זאָגען. ביי דעם איצטיגען מאָ־

מענט וויל איך דיך נאָך טרייסטען: אז ווען אפילו ניקאָליי וועט ניט אויסהאַלטען, וועט דאָך אָבער פארבלייבען דער „ניקאָלייאיזם” אָדער „ניקאָליישטשינע”. זיין ארבייט, זיין טאַקטיק און זיין מסירת נפש, וועט זיין א ביישפיעל פאר פיעלע דורות. און יעדער איינער, פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי איבערהויפּט, וועט אַלע מאָל מיט א יראת הכבוד דערמאָנען דעם גרויסען ניקאָלייען, דעם ערשטען דיקטאַטאָר פון דער ערשטער ארבייטער מלוכה, וועלכער איז אזוי שטארק געווען איבערגעגעבען דעם קאָמוניזם, אז ער האָט זיך אפילו ניט אבגעשראָקען פון צו וועלען פארגוואַלטיגען, אין זיין קאַבינעט, דער הויפּטריכטערין פון רוסלאַנד. די שוועסטער פון דעם אָפּגאָט פון די רויטע מחנות!

ניט נערוואנה'ט ברודער לעאָן! אומשולדיגע און אומוויסענדע רויטע־רוסען, וועלען איהם נאָך מאַכען פאר א גאָט, אנשטאָט דעם „אידעל פון נצרת” און פרעהען וועלען זיך אַלע „רויטע הערצער”, וועלכע זענען מיט'ן גרויסען חסד פון דער געשיכטע, געבאָרען געוואָרען אין איין דור מיט'ן גאָט „ניקאָלושקע”. פרעהען וועלען זיך אַלע הערצער, וועלכע האָבען זוכה געווען צו זיין זיינע תלמידים און ארבייטען מיט איהם צוזאמען, און יעדער תלמיד זיינער וועט זיך פיהלען, אז ער איז גליקליך, אז ער האָט אין זיך א שטיק אָדער א ניצוץ „ניקאָלושקע”. און אָט אזוי ברודערקע, וועט איהר גענן פאָראוים מיט „ניקאָלושקע־ליכט” אין די הענט, און איהר וועט געפינען דעם וועג.

און ווען ניקאָליי וועט שוין ניט זיין צווישען די שטערבליכע, וועט דאָמאָלסט דיין פאראַנטוואָרטליכקייט, ברודער, מוזען פארגרעסערט ווערען, ווייל דו ביזט איצט זיין רעכטע האנט, און ווער נאָך ווי דו, האָט אין זיך א גרעסערען חלק „ניקאָלושקע”?

— בעטקע! האָט לעאָן געזאָגט: — פארגעסט מיט וועמען דו רעדסט!

— יע, לעאָן, איך פארגעס אפילו אויף איין רגע ניט. — האָט זי סאַרקאַסטיש געענטפערט. — כ'וויים אז איך רעד מיט א פאררעטער!

— וואאס? איך א פאררעטער? — האָט ער גענומען שטאַמלען, — בעטקע! וואָס רעדסטו?

— יע, לעאָן! דו, און פארגעס ניט, אז דאָס געהט ארויס פון דעם מויל פון דער ערשטער הויפּטריכטערין פון דער סאָוועטען־מאַכט, און איך האָב דערצו ריכטיגע באווייזע און ריכטיגע עדות.

— בעטקע! פארגעס ניט, אז איך בין דער קריעגסמיניסטער פון דער שטארקער גרויסער רויטער ארמיי, וועלכע וועלען געהן פאר מיר אין פייער און אין וואסער!

— ניין, לעאָן! דו ביסט ניט מעהר ווי א איד, אָדער בעסער געזאָגט א אידישער פאררעטער, און דיינע אייגענע מחנות, וועלען מיט דיר באלד „אפשפילען" אָט אזוי ווי דיין גרויסער ניקאָליי האָט מיט מיר געוואָלט „שפילען".

— וואָס רעדסטו בעטקע? — האָט ער זיך גענומען טרייסלען.

— אָט דאָס וואָס דו הערסט, ברודער, — האָט זי געענטפערט. — ניקאלושקע, ווען ער האָט מיך געוואָלט פארגוואלדיגען, האָט מיר בפירוש געזאָגט בזה הלשון: „מיט א „זשידאָוועטשקע" דארף מען זיך פיעל ניט צערעמאָניען".

— אזוי האָט ער געזאָגט? בעטקע! ? — האָט ער זיך נאָך מעהר געטרייסעלט.

— אזוי אמת ווי איך בין בעטקע די הויפטריכטערין. — האָט זי געענטפערט.

לעאָן האָט זיך פארטראכט, ס'האָט גענומען א היבשע צייט ביז ער האָט ווידער געעפענט זיין מויל צום רעדען.

— בעטקע! — האָט ער גערעדט ענטשלאָסען. — כ'וויל פון קיין זאך ניט וויסען, און איך וויל אויך ניט וויסען וואָס שפעטער וועט זיין. איך לעב איצט פאר דער גרויסער אידעע, און איך וועל ניט אָפּטרעטען אויף א האָר. איך האָב געגעבען מיין וואָרט דעם גרויסען ניקאָלייען אז איך וועל דיך ברענגען צו איהם, דו פארשטעהסט?

— אָה יע, ברודער! כ'פארשטעה זעהר גוט! כ'פארשטעה דערצו נאָך עפּעס. אז „קין" וויל הרג'ענען אן אייגענע שוועסטער! אָבער ס'וועט ניט געלינגען! דער אידישער גאָט לאכט פון אייך! — האָט זי געענטפערט מיט פאראכטונג.

— בעטקע! — האָט לעאָן גענומען רעדען, — וואָרום זאָלען מיר זיך קריגען. לאָמיר בעסער איינגער שליסען אונזערע הערצער פאר ווייטערדיגע ארבייט.

— אוועק פון מיר! דו ברודער מערדער! דו רעדסט אויך פון הערצער? אוועק פון מיינע אויגען! ניט דו וועסט מיך פיהרען צום גרויזאַמען ניקאָלייען, נאָר איך אליין וועל זיך איבערגעבען אין זיינע הענט, וועלכע גוסס'ן. אנשטאט צו געהן מיט א „קין" וועל איך בעסער געהן מיט'ן שומר ישראל!

זי האט ארייגערופען יהודית קאפלאן, וועלכע האט אלעס גע־הערט, און האט הויך געזאגט:

— יהודית, מיין טייערע איבערגעגעבענע חברה, איך געה איצט צום גרויסען ניקאלייען. גאט ווייס וואס מיט מיר וועט פאסירען. מיר לעבען אין אזא צייט וואס קיינער איז ניט זיכער מיט'ן לעבען. ניט אפילו א הויפטריכטערין, און ניט אפילו א שוועסטער פון א קריעגס־מיניסטער. איך בעט דיך יהודית! אז אויב חלילה מיט מיר וועט עפעס אן אומגליק טרעפען, זאלסטו נעמען פאר מיר ראכע, אט ווי די אמאליגע היסטארישע יהודית. דו ווייסט שוין אליין פון וועמען. זי האט זיך צוקושט מיט יהודית'ן, געווארפען א פאראכטליכען בליק אויף לעאנ'ען און איז שטאלץ ארויס פון געריכטס הויז...

ניקאליי איז געלעגען אויפ'ן קראנקען בעט, רוהיג און שטיל. ס'האט אויסגעזעהן אז ער פיהלט א סך בעסער. אמת, ער האט ניט געקענט רעדען, אבער ער איז געווען ביי זיין פולען פערשטאנד, און ווען ער האט דערזעהן בעטקען אין זיין צימער איז א ליכטיגער צו־פרידענער שמייכעל אריבער אויף זיינע פארשמאכטע און אויסגע־טריקענטע ליפען. ער האט איהר געוואונקען, אז זי זאל זיך זעצען, אבער זי איז געשטאנען אין איהר גאנצע הערליכקייט, ווי א געטין פון ראכע. זי האט גערעדט שטיל אבער קלאהר און דייטליך אז ניקאליי זאל הערען:

— ניקאליי! דו גרויסער וועלט מערדער! דו זעהסט אז דיין שטונדע האט געשלאגען! דיינע מינוטען זיינען געצעהלטע! דו האסט געלאכט פון אידישע מארטירער, פון אידישע ליידענדע נשמות, פונקט ווי דער אמאליגער טיטוס, און ביידע האט איהר דעם זעלבען סוף!...

יענעם טיטוס, האט „גאט'ס א פליגעלע" צולעכערט זיין מח, און דיך דו מערדער! האט מיך דער אידישער גאט אויסערוועהלט צו צו־לעכערען דיין מארך, מיט אלע דיינע אשמדאי אברים. יע, כ'בין דא! דו גרויסער היפאקריט, ווייל מיין פאר'סמ'טער ברודער האט דיר גע־געבען זיין ווארט, אבער כ'בין ניט אין דיינע הענט! כ'בין דא ניט אליין, כ'בין דא מיט'ן שומר ישראל! דיינע געלעמטע הענט קענען מיך אפילו ניט אנריהרען, ניט נאר באפאלען. דיין אשמדאי מויל איז שטום. איך זעה ווי דער טויט האט שוין אויסגעשפרייט זיינע פליגלען אויף דיר, און באלד דו גרויסער יעזואיט, וועסטו גע'משפט ווערען פאר'ן אמת'ן אידישען גאט!...

אכצעהנטער קאַפּיטעל.

ניקאָליי לענין טויט.

דעם 21טען יאנואר 1924, 6 אזייגער אין אָוונט, איז אויסגעבראָכען די קאטאסטראָפע. א גאַנצע שעה האט געדויערט דער שארפער און שטורמדיגער אַנפאַל, וואס האט זיך אויסגעדריקט אין אַנווערען דעם באַוואוסטזיין, און א שטאַרקער אנשטרענגונג פון דער מוסקולאטור. זעקס אזייגער מיט פופציג מינוטען איז אָנגעקומען דער טויט, אלס רעזולטאט פון פּאַראַליז פון די אטהעם אָרגאַנען און היפּערטעמיע (איבערברענען פון קערפּער).

בעטקע האט געהאַט די זכיה צו זעהן מיט איהרע אייגענע אויגען, ווי דער גרויזאמער ניקאָליי, וועלכער האט פּאראומגליקט איהרע עלטערען, שוועסטער, ברודער און דאס גאַנצע אידישע פאָלק, מוטשעט זיך מיט א לאַנגער שמערצליכער גסיסה און שטאַרבט. זי האָט דאָן טיעף אין איהר הארצען געגעבען א שבח צום שומר ישראל.

אין טיעפער נאַכט און א פראָסטיגען חושך, האָבען זיך די זקנים פון דעם „רויטען־באָלשעוויסטישען־שטאַם“ אוועקגעלאָזען ברענגען דעם אומבאַוועגליכען קערפּער פון דעם פארשטאַרבענעם ניקאָליי, ברענגען און ווייזען איהם די פאַר׳יתומ׳טע מיליאָנען.

א קליינער צוג אויף א פוסטען פארשטימעלטען וואקזאל. א שטילער אָפּגאַנג. אין די וואַגאָנעם אַן אבל׳דיגער שווייגען. איינגענורעט און די מאַנטלען איינגעשפּאַרט אין דר׳ערד, מיט פאַרשטיינערטע בליקען, זיצען די אבלים, און אָט אַרויס פון די וואַגאָנען, שלעפּט אונז שוין א צוג פון נידעריגע פּויערשע שליטענס איבער די פארשנייטע וועגען. ליגען אייניגע פארשטומטע אויף די שליטענס און אנדערע שפּאַנען ברייט און איינגענורעט צווישען די שליטענס אין טונקעלען בין השמשות.

עפּעס האט זיך א ליכט געטאָהן פון דער זייט, א פייער׳ל, א קליין הויפ׳ל, אָפּגעשטעלט זיך, ניט געשטופּט זיך אריין אין טויער.

שטיל עפענט זיך א גלעזערנע טיר אין הויז, וואס וועט פון איצט אָן געהייליגט ווערען פאר די אויגען פון מיליאָנען, אלס דער פּלאַץ, דער אָרט, וואו ס׳האט זיך פארענדיגט א לעבען, וואס וועט זיך שוין ניט מעהר איבער׳חזר׳ן.

א שטילע בעקוועמע גראמע הויז, דא איז יעדער טראט — בלוטיגע געשיכטע, יעדער ווינקעל — אן אנדענקונג פאר קומענדיגע דורות. דא איז ער, דער גבור, דער תליון, וואס האט אלע באנומען און זיך אזוי ברייט פארמאסטען. געזעסען אין דער בליהונג פון זיינע יארען א געשמידטער, און געקוקט ווייט דורך די פארפראסטיגטע שויבען, גע־פיינגט פון זיין געצוואונגענער רוה. אט דא אין דעם וויג שטול, פאר אט דעם טיש, אויף דער באנק איז ער געזעסען, געריהרט זיך געדולדיג און ריהרענד געפראוווט זיך געזונט צו ווערען, כדי ווידער צו פארגיסען בלוט. געזונט צו ווערען, כדי ווידער צו פאר־גוואלטיגען דעם מענשליכען מאראל, און שענדען די אידישע תורה.

אט אהער אין גרויסען צימער, פלעגען קומען צום רויטען־ניקאלייען אלע זיינע תלמידים, די גרויסע פיהרער.

און אט איז ער! ער האט זיך גאר ניט געביטען. דער פנים שמייכעלט פארקרימט, זינט ווען ער האט דערזעהן בעטקען. ער ליגט מיט אן עטוואס אונטערגעהויבענע ליפ, פונקט ווי ער וואלט זיך אליין געוואונדערט איבער דעם וואס עס איז פארגעקומען.

ניקאליי! און דאך באוועגט ער זיך ניט, און פאכט ניט מיט די הענט, און קאכט זיך ניט, און לויפט ניט ארום איבער'ן צימער און ער ליגט אויף שטענדיג אויסגעצויגען די הענט אין דער לייג און די פלייצעס אונבאוועגליך, אין א גרינעם רעקעל.

... זיצען די אלטע „רויטע" איינגענורעט, צונויפגעדריקט זיך אויף א סאפקע. וויקלען זיך פון קעלט אין די מאנטלען. קנאקען די פינגער, דאס זיינען די וויכטיגע פארשוינען פון דער נייער „רויטער אמונה", פון דעם סאוועט־רוסלאנד, וואו ניקאליי איז געווען א דיקטאטאר. זיי זיינען די פיהרער פון גרויסע רויטע מלוכה אר־גאניזאציעס, וואו ניקאליים „רויטע אמונה" האט זיך זעהר שטארק פארנאנדערגעבליהט און פארנאנדערגעוואקסען.

איצט אין דעם מאמענט זיינען זיי בלויז אלטע לייט, און ווי זקנים דערמאנען זיי זיך אן קלייניקייטען וואס צאפלען זיך לעבעדיג אין זייער זכרון: מכח ניקאליים שפאס, זיינע עקשנות. און וועגען זיין אומבאגרענעצטער חבר'שאפט און פשוט'קייט מיט יעדער איינעם.

— אזא הייליגער! אזא גרויסער כח! און אזוי פשוט!

עס איז שוין טאג. צייט צו פארלאזען די הויז. און ס'שווימט די „רויטע טרונע" אראפ די טרעפ, אנדערע כאפען זיך צלמ'ן, אבער בעטקע די הויפטריכטערין פון רוסלאנד זאגט שטרענג: „מען טאר

ניט! ניקאליי האט פארבאטען אלע אלטע רעליגיאנען!" די זקנים שווייגען שטיל, זיי הערען אויף, „ס'איז א געוואוינהייט", פארענט־פערן זיי זיך, שטיל טראגט מען איהם ארויס, אראפגעלאזען אויף א ווייטע אויף דר'ערד. די תלמידים בויגען זיך איבער דער טרונע, און זייערע פנים'ער ווערען ווייס ווי קאלך פון גרוים וועהטאג און אומ־ערטרעגליכען טרויער.

— מען מוז צומאכען דאס גלעזערנע דעקל! — באפעהלט די הויפטריכטערין בעטקע. — שנייעלאך פאלען אויף'ן אפענעם שטערען און אויף די ליפען פון ניקאלייען. — מען דעקט איהם איבער. מען וויינט שטיל.

— באלשעוויקעס וויינען? מען טאר ניט! — שרייט אויס די הויפטריכטערין, — לויט אונזערע געזעצען טארען מיר איבערהויפט ניט פיהלען קיין רחמנות, און ווער רעדט אויסדריקען דורך וויינען אוודאי ניט, וויל ס'איז א בורזשואזנער מיטעל בכדי יענעם צו פאר־פיהרען!

— א געוואוינהייט! — פארענטפערט מען זיך.

און ענגע צונויפגעדריקטע גרופע, געהט איבער דעם וואלד וועג, פון ביידע זייטען דריקט א המון פוערים. שווער צו געהן ביז מען קלייבט זיך ארויס אויפ'ן ברייטען שנייאיגען פעלד.

אט, זעהען מיר דא ניט פאר זיך דעם נאציאנאלען אינטערנא־ציאנאלען פנים פון דער גרויסער רוסישער רעוואלוציע? דער פיהרער און נאט פון דעם וועלט פראליעטאריאט.

געשטארבען ווייט פון שטאט. מייל'ען-ווייט פון א באן-ליניע. אין א וואלד הויז. א ברייטע שניי־פעלד. פון פארענט באשיט א פויער דעם וועג מיט גרינע צווייגען. די תלמידים טראגען זייער „רויטען רבין" אויף די הענט ביז'ן באן.

ארום, פויערים און פויערטים, קינדער לויפען ארום בארוועסע, אבגעריסענע. זקנים שפארען זיך אין שניי אויף סוקאוואטע שטע־קענס. באגלייטען דעם געטראגענעם מיט שטילע אויגען אויף זיין לעצטען וועג. מען טראגט איהם. אט איז שוין די געלע סטאנציע.

פון דאנען ווארט שוין אויף „ניקאלייען" דער גאנצער רויטער פראלעטאריאט, מיט פארטרעטער פון דער גאנצער וועלט.

די מיטגלידער פון אלרוסישען אויספיר־קאמיטעט, די פארטרעטער פון ארבייטער־פאלק פון גאנצען סאוועטען פארבאנד. זיי איז בא־שערט דאס פרויעריגע גליק, די גרויסע עהרע צו זיין צווישען די

ראשונים וואָס רינגלען אַרום דעם ארון. צו שטעהן עהרענוואַך ביי ניקאָליי'ס ארון. ס'קומען פאַרשיעדענע דעלעגאַציעס פון אַרבייטער: אוקראַינישע, אידישע, ווייס־רוסלאַנד'ישע, פון האָמליע, וויטעבסק, קיעוו און אַנדערע שטעט. דעלעגאַציעס פון פאַרשיעדענע צווייגען פון מלוכה'שער און געזעלשאַפטליכער אַרבייט. פּראָפעסיאָנעלע, ווירט־שאַפטליכע, מיליטערישע, פרויען און טשעקאַאיסטען, און אַ סך פון יענער זייט גרענעץ. אַלע גרייטען זיך מיט האַרץ קלאַפּעניש צו פאַר־נעמען אַן אָרט ביים הייליגען געלעגער פון איינגעשלאָפענעם אַפּגאָט.

דאָס װעלען זיי, די מיליאָנען, איצט שטעהן עהרענוואַך, ביי דעם וואָס האָט זיי פון פרייהייט צו קנעכטשאַפט אַריינגעפיהרט, וועלכער האָט זיי געגעבען אַ תורה, וועלכע איז פאַרבונדען מיט'ן טייפעל.

אכט אין דער פריה. די גאַנצע נאַכט האָבען זיך געצויגען מענ־שען שטראָמען צום הויז פון די רויטע יוניאָן'ס. מאָסקווא וויל ניט שלאָפען. זי וויל זיך אָנזעטיגען דעם לעצטען מאָל מיט'ן געשטאַלט פון רויטען ניקאָלייען!...

אַלע צעהן מינוט בייט זיך די וואַך, אויף דער ברוסט טראָגט די וואַך אַ צייכען: אויף אַ שוואַרצען רויט פאַרזוימטען סאַמעט, דער רויטער הערב פון סאָוועטען־פאַרבאַנד. מען שטעהט אומבוועגליך, קיין ריהר קיין הויך.

מען שטעהט נאָהענט ביים געהיימניספולען פּנים, וואָס ליגט אַזוי רוהיג. נאָהענט ביי די עקשנות'דיגע פעסטע ליפּען, וואָס האָבען דורך זייער איינפאַכען וואָרט וועלטען געמאַכט ציטערען. נאָהענט ביי דעם שאַרבען אונטער וועלכען ס'זיינען געבאָרען געוואָרען אַט די רויטע געדאַנקען. נאָהענט ביי דער רויטער ברוסט וואו ס'האָט אַזוי שטורמיש אַ האַרץ געשלאָגען, אַזש ביז צום פאַרגוואַלטיגען וואָס מעהר אידישע טעכטער. נאָהענט ביי די קרעפטיגע הענט וואָס האָבען אַזוי פעסט אַרומגעקלאַמערט די שעהנע הויפּטריכטערין פון רוסלאַנד! איצט ליגט ער אַזוי שטיל, בלויז נאָר קוקען אויף איהם, און איינזויגען אין זכרון אַט די הייליגע, היפּאָקריטישע יעזואיטען־געשטאַלט.

דער זאַל איז קאַלט. ניטאָ מיט וואָס צו הייצען. דער פראָסט אין דרויסען ברענט. מען שטעהט ביי אַ קאַלטען מת. ס'נעמט אָבער דורך אַ הייסע בלוטיגע כוואַליע, און מיט שרעק דערמאָנט מען זיך אַן זיינע גלאַנצענדיגע אויגען און אַן דער באַוועגונג פון זיין האַנט.

אַ כוואַליע פון בלוט. אַ כוואַליע פון צרות. און מענשען שטראָ־מען, פליסען און פליסען. און ס'זעהען זיך די פיגורען פון די הויפּט

תלמידים: קאמעניוו, זינאָוויעוו, סטאַלין, בוכארין, טאָמסקי, קאַלינין, ריבקאָוו און אַנדערע. דער גרויסער לעאָן, דער „רויטער לייב" איז דוקא ניט געווען. ער האָט געפיהלט קראַנק. ער האָט ניט געקענט אריבערטראָגען דעם גרויסען אומגליק.

קרוב צו אַ מיליאָן מענשען זיינען דורכגעגאַנגען זעהן דעם טויטען ניקאָלייען צום לעצטען מאָל.

און ס'האָט זיך אָנגעהויבען די לויה, שווייגענדיג. ארומגעכאַפּט פון איין רויטען געדאַנק, צונויפגעשמאָלצען פון איין געפיהל איז די דאָזיגע ברעגלאָזע מאַסע געגאַנגען. מען האָט געקאָנט כמעט פיזיש הערען ווי ניקאָליי'ס טייוועלשער גייסט האָט געשוועבט מיט זיינע שדים פליגלען איבער דער וואונדערבארער פאָלקס מאַסע. ס'האָבען זיך געהערט די וויינענדיגע טענער פון רויטען טרויער מארש. ס'האָבען זיך געצויגען רויטע מחנות סאָלדאַטען, מאַטראָזען, פויערים, פויערטים, רוסען, דייטשען, כינעזער, יאַפּאַנעזער, גריכען, טערקען און אַנדערע, און ס'האָט געקלונגען דער „אינטערנאַציאָנאַל" הילכיג, נצחונ'דיג. דער פראָסט האָט געברענט.

פיער אַ זייגער בייטאָג האָט מען ארונטערגעלאָזען דעם ארון אין סקלעפּ אריין. אַלע מיט איינמאָל האָבען סאַלוטירט, און אַזוי האָט זיך געענדיגט די „רויטע-לויה" פון גרעסטען רויטען טייפעל, זינט די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען. ניקאָליי דער רויטער איז אויף עביג פאַרשטומט געוואָרען.

אויף מאָרגען נאָך דער לויה, האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטילע קריגעריי, צווישען די רויטע תלמידים, ווער ס'זאָל ירש'נען לעניג'ס רויטען טראָהן?

די פאַרטרעטער פון דער רויטער ארמיי, האָבען ניט אַנדערש גע־דענקט אַז זייער ליבלינג, דער „רויטער לייב" דער קריגס מיניסטער לעאָן טראָצקי, וועלכער איז דער פעהיגסטער און שטאַרקסטער מאַן נאָך ניקאָלייען וועט געווים פאַרנעמען דעם רויטען-טראָהן. ובפרט אַז ער איז תמיד געווען די רעכטע האַנט פון ניקאָלייען, און אַלע מאָל פלעגען ביידע מוזען געהן צוזאַמען ווי אַ צווילינג. „לעניןן און טראָצקי" „טראָצקי און לענין", איז תמיד געווען ביים פאָלק ווי איין פערזאָן. און ניט נאָר די פאַרשטעהער פון די ארמייען האָבען אַזוי געדענקט, נאָר אַלע, און דאָס פאָלק אוודאי.

אבער דא האט זיך אריינגעמישט דער „אלטער־שטן" אדער ווי די רויטע רופען איהם דער „בורזשואזנער שטן". מען האט אנגעהויבען מורמלען אין די רויטע הויכע פענסטער, אין די קרייזען פון די נייגעבארענע ארעליגע, אז ס'איז פשוט א שאנדע און א חרפה אז א „איד" אדער „זשיד" זאל ווערען דער הויפט פון אלע רוסען און פון דער גאנצער וועלט.

די רויטע ארמייצעס האבען עס בשום אופן ניט געקענט פארשטעהן, זיי האבען גע'טענה'ט, אז ס'איז קיין שום חילוק ניט. דער רבי ניקאליי האט מיט זיי בפירוש געלערענט, אז אין דער נייער סאוועטען מאכט, זיינען אפגעשאפט געווארען אלע אונטערשיידען פון נאציאנען און רעליגיאנען, און ס'איז מעהר ניט פארבליבען ווי רויטע פראליעטאריער און קאנטער־רעוואלוציאנערען און בורזשוען.

אבער די הויפט רויטע „רעדעל־פיהרער" האבען ערקלעהרט, אז אין פרינציפ איז עס טאקע גאנץ ריכטיג, נאר אין דער פראקטיק קען מען עס פארלויפיג ניט דורכפיהרען, און ס'מוז פארבלייבען „א רויטער קראמע יעוורעיעוו", און בפרט וואו ס'האנדעלט זיך פון אזא גרויסען אמט, וועלכער איז דער גרעסטער אין דער וועלט, צו ווערען דער הערשער פון דער גרויסער סאוועטען־רעפובליק.

די רויטע „רעדעל־פיהרער" האבען זיך אבער שטארק געשראקען פאר די „רויטע ארמייצעס", וועלכע האבען ניט געוואלט אפטרעטען פון דער אמת'ער תורה פון „זייער רבי'ן" און האבען געדראהעט מיט אן אויפשטאנד. האבען זיי אין דער שטיל פארטרויט א סוד דעם „רויטען לייב": אז אויב זיין לעבען איז ביי איהם טייער, און אויב די פארטיי איז ביי איהם טייער, און אויב ער וויל ניט מאכען קיין שפאלטונג צווישען די חברים, וואס דאס שמעקט מיט א נייע בירגער קריעג, זאל ער, לעאן טראצקי, דער קריעגס מיניסטער, זיך מאכען אז ער איז קראנק, און אבפאהרען נאך קאווקאז אויף עטליכע חדשים, ביז וואנען אלעס וועט קומען אין ארדנונג, און דאן וועט מען נאך איהם שיקען.

דער פאר'סמ'טער „רויטער לייב" האט געפיהלט, אז אויב ער וויל ניט פארשוועכען ניקאליי'ס לעהרע, און אויב ער וויל ניט אז די אייזערנע „רויטע דיסציפלין זאל ליידען", מוז ער מקבל באהבה זיין זייער פארשלאג. איז ער אוועק געפאהרען נאך קאווקאז כלומר'שט צוליעב זיין געזונט, און דזשערדזשינסקי דער הויפט תליון פון טשעקא

האָט פאַרנומען זיין שטעלע. און אַזוי האָט זיך אַלעם אויסגעלאָזט לויט דעם וואונש פון די דויטע היפּאָקריטישע „רעדעל פיהרער".

איידער לעאָן איז אָבגעפאָהרען, האָט איהם בעטקע באַזוכט און געפּרואווט איהם נאָכאַמאָל עפענען זיינע אויגען.

— ברודער! — האָט זי מיט טרערען אין די אויגען גערעדט. — אפשר געדענקסטו נאָך די אמת'ע ווערטער פון אונזער שוועסטער־קינד, יהודה'ן: „אז אידען וועלען תמיד בלייבען אידען, ביי די קריסט־ליכע פעלקער" זיי מעגען אפילו זיין „רויטע־קריסטען" וועט ביי זיי אַלץ עקזיסטירען דער „קראָמע יעוורעיעוו". דו זעהסט דאָך שוין אין דער פּראַקטיק מיט דיר אַליין, אַז מען פאַרשיקט דיך נאָך קאַווקאַז, נאָר דערפאַר וואָס דו ביזט „מזרע היהודים" איז ניט בעסער ברודער, צו האָבען אייגענע פיער ווינקעלך? און נאָכדעם ווערען אַן אמת'ער גלייכער שותף אין דעם אינטערנאַציאָנאַל? דו זעהסט דאָך שוין דעם סוף פון דיינע חלומות! דיין אידישע אָבשטאַמונג שטעקט זיי ווי אַ ביין אין האַלז. דערמאָן זיך לעאָן! וואָס דו האָסט פאַר זיי מקריב געווען? עפען אויף דיינע אויגען איידער ס'איז צו שפּעט! איידער מען וועט דיך אין אַ שטילען חושך'דיגען פריהמאָרגען געפינען אַ דער'הרג'עטען!

— בעטקע! — האָט ער צאַרענדיג אויסגעשריען: — שווייג! דער ניט! דו האָסט צופיעל געזינדיגט. דורך דיין האַנט איז געפאַלען דער אַלוועלטליכער גרויסער ניקאָליי!... שווייג בעסער! אויב דיין לעבען איז ביי דיר טייער?!... שלאָג אַרויס פון דיין קאָפּ די שאָוויניסטישע בורזשואַזנע געדאַנקען!... און דערמיט וואָס דו וועסט פון היינט אַן מיט אַן אמת זיין איבערגעבען דעם אינטערנאַציאָנאַלען רויטען אידעאַל, וועט עס זיין אַן אמת'ע תשובה אויף דיינע זינדיגע געדאַנקען געגען אונזער נייע תורה. און ווען איך וועל זיך צוריק־קעהרען פון קאַווקאַז, און דיך נאָך אַלץ טרעפען מיט די זעלביגע פינסטערע „וויים־בלויע געדאַנקען", וועל איך דיך געווים איבערגעבען אין די הענט פון גערעכטיגקייט, און דאַן וועט מען דיך שוין אויך משפט'ן פאַר דעם „שוידערליכען חטא"... וואָס פאַרלויפיג וויים דערפון קיינער ניט, אויסער מיר.

— דו מאַכסט אַ גרויסען טעות! — האָט בעטקע געענטפערט. — ס'איז דאַ נאָך אַ פּערזאָן וואָס וויים פון גרויסען סוד, „ווי דער רויטער ניקאָליי האָט געוואָלט פאַרגוואַלטיגען אַ אידישע טאָכטער און זי האָט איהם אָפּגעראַמט פון וועג", און דאָס איז מיין טרייע געהילפין,

די בראווע טאכטער, יהודית. — און זי איז אנטלאפען פון איהם ווי פון א שד.

און אט אזוי האבען זיך די רויטע שוועסטער און ברודער צושיידט. דער „רויטער־לייב" איז זיך כלומר'שט געפארען קורירען אויף די קאווקאזער בערג, און די הויפטריכטערין האט גענומען זוכען פלענער ווי אזוי אויסצורייניגען איהרע רויטע חטאים געגען איהר גאט, פאלק און לאנד.

נײנצעהנטער קאפיטעל.

בערטע די בארמהערציגע שוועסטער.

נאך ניקאלײ'ס טויט, ווען די „רויטע־פיהרער" האבען זיך נאך געהאלטען אין איין ארומרייסען, ווער ס'זאל פארבלייבען דער יורש איבער דער „רויטער מדינה", און דער „רויטער לייב" איז שוין געווען ערגעץ אויף די קאווקאזער בערג, האט בעטקע די הויפטריכטערין פון דער רויטער מדינה באשלאסען, אז איצט אין'ם גרויסען כאאס, איז די בעסטע צייט צו פארלאזען די „ארץ הדמים". אלס הויפט ריכטערין האט זי געמאכט איהר נסיעה פראנק און פריי. זי איז ארומגעפארען איבער שטעדט און דערפער, כלומר'שט זיך איבערצוציינען אויב די קלענערע געריכטס־הייזער, פיהרען זיך אין ארדנונג און אויב זיי זיינען ניט עובר חלילה אויף עפעס א דין פון „רויטען שולחן ערוך", און ווען זי איז דורכגעפארען פארביי די שטעדט, וועלכע זיינען הארט ביים גרענעץ, איז זי נאר אומגעשטערט דורכגעגאנגען די גרענעץ־וואך, די רויטע שומרים איז נאר ניט איינגעפאלען דער געדאנק, אז די הויפט־ריכטערין, פארלאזט אויף אייביג דער „רויטער־מאמעלע" רוסלאנד. זיי האבען געדענקט אז די „גרויסע ריכטערין" וויל מן הסתם עפעס אויספארשען אויף יענעם זייט גרענעץ. געווים א „פאליטישען ענין" וואס קען ברענגען גרויסע נוצען דער רויטער מדינה, און מען דארף ניט פרעגען קיין קשיות.

און כאטש איהר איז אנגעקומען זעהר גרינג צו פארלאזען די רויטע מדינה, האט פונדעסטוועגען איהר נסיעה געמוזט דויערן עטליכע חדשים, ווייל זי האט גוט געוואוסט, אז אזוי גיך ווי די „רויטע שומרים" וועלען זיך ארומזעהן אז זי איז צוריק ניט געקומען, וועט ווערען א גרויסער

טומעל, און מען וועט געווים לאָזען וויסען אַלע רויטע שפּיאָנען, וועלכע געפינען זיך איבער דער גאַנצער וועלט. דארום איז זי געווען זעהר פאָרזיכטיג. זי פלעגט תמיד ארומגעהן מיט א פארשלייערטען פנים, און פיעלע מאָהל האָט זי זיך געמוזט פארמאַסקירען, אויף וואָס זי איז געווען אַן אמת'ער מומחה. ווי ס'האָט פּאַסירט מיט איהר אין כינא, ארום וואַנען זי האָט געמאַכט איהר נסיעה'לע. זי האָט באַמערקט אַז צוויי מענער געהען איהר נאָך, און נעמען פון איהר ניט אַרונטער זייערע מורא'דיגע בליקען. זי איז אַריינגעגאַנגען אין עפּעס אַ מין האָטעל, און ווען זי איז צוריק פון דאָרט אַרוים אַז „אמת'ער כינעזער", האָט זי די צוויי מענער געזעהן שטעהענדיג ביים ארויסגאַנג. זיי זיינען צוגעגאַנגען און געפּרואווט דורך פארשיעדענע לשונות און סימנים אויספרעגען אויב דאָ געפינט זיך ניט אַ רוסישע מיידעל? און דער כינעזער האָט געמאַכט מיט די הענט געקרימט מיט'ן מויל, אַז ער ווייס ניט. זיי זיינען נאָך אַלץ געבליבען שטעהן אויפ'ן זעלבען פּלאַץ, און בעטקע איז ארומגעגאַנגען יענעם טאָג פאַרשטעלט אַלס אַ רייכער כינעזער.

אין דייטשלאַנד האָט זי אָפּגעשפּיעלט נאָך אַ בעסערן שפּיל. ביי די דייטשע קאָמוניסטען האָט דאַן פארנומען דעם אויבען־אָן אַ געוויסער שוואַרצקאָפּ. אפילו מאָסקווע האָט געגעבען אַ הכשר אויף זיין רויטקייט. און ווען בעטקע איז געווען אין בערלין און געהאַט די זכיה צו זעהן דעם „רויטען שוואַרצקאָפּ", איז זי גלייך אַוועק און זיך פארמאַסקירט פּונקט אַט ווי דער דייטש שוואַרצקאָפּ. זי האָט אַזוי גוט געשפּילט איהר ראָלע, אַז די אמת'ע דייטשע קאָמוניסטען, האָבען בשום אופן ניט געקענט חושד זיין אין עפּעס. און אַזוי איז איהר געלינגען ארויסצוקריגען אַ סך סודות און געהיימע פּאַפּירען. ווען זי איז אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן שיף צו פאָרען נאָך אַמעריקע, איז זי אַרויף אַלס אַן עכטער שעהנער פראַנצויז. און אַזוי איז זי געפאָרען די גאַנצע וועג, ביז זי האָט פון ווייטען דערזעהן די „געטין פון פרייהייט" פון אָנקעל סעם'ס מדינה.

ס'איז געווען זעהר אַ שעהנער טאָג. די זון האָט ברייט געשיינט איבער'ן ים, אויפ'ן שיף האָט זיך געפיהלט יום טוב'דיג. מען האָט זיך דערנעהנטערט צום ברעג פון אַמעריקא. כאָטש מען האָט דעם ברעג ניט געזעהן, דאָך האָט מען געפיהלט זיין נאָהענטקייט, און מען האָט איהם ערוואַרט יעדען אויגענבליק צו דערזעהן.

נאָך פריהער מיט אַ טאָג, האָבען די מאַטראָסען, די גאַנץ גרויסע שיף געוואַשען, און פיעלע קליינע שיפלאַך מיט אַמעריקאַנער פאָהנען האָבען זיך געגליטשט איבער'ן ים, און אין די קאַיוטעס איבער'ן גאַנצען שיף האָט מען אויסגערופען „מאַכט אייך גרייט"!

די אַמעריקאַנער פאָהן האָט שטאָלץ געפלאַטערט איבער'ן ים און די מענשען פון אַלערליי נאַציאָנען זיינען אַרויס אויף דעם אויבער דעק, מקבל פנים זיין דעם אַמעריקאַנער באָדען.

אַלע האָבען זיך אויסגעפוצט אין יום טוב'דיגע קליידער. יעדער איינער אין זיין נאַציאָנאַלען קאָסטיום. אַלעמענס בליקען זיינען געווען אָנגעפילט מיט בענקשאַפט. און מיט האַרץ קלאַפעניש האָבען זיי ערווארטעט אָנקעל סעמ'ס ברעג.

ס'וואַרפט זיך אין די אויגען אַ הויכער ברייטער איטאַליענער מיט זיין רויטען האַלזטוך און צוקנייטשטען קאַפעליוש. האַלט זיין מאַנדאָלינע אין דער האַנט, ער ברענגט זיין געזאַנג און גיטאַרע צום אָנקעל סעם.

אַ קליינער רוסישער פויער, מיט זיין רויט העמדעל און שוואַרצע חוט, שטעהט און קוקט תמ'עוואַטע אויף דעם וואַסער. אַ פוילישע פאַרטיע אין איהרע רויטע נאַציאָנאַלע קאָסטיומען.

ס'וואַרפט זיך דאָס קאָלירטע טוך אויף אַ שפּאַניש שוואַרץ מיידעלשע קאָפּ. עס באַווייזען זיך בלייכע פּנים'ער מיט שעהנע שוואַרצע בערד פון פוילישע אידען. ס'ווייזען זיך רומעניער מיט צלמים אין די הענט, און די זון באַגיסט מיט ליכט די שיף. פאַראייניגט די פאַרבען פון די פאַרשידענע פעלקער אין איין גרויסען קאָלירטען פאָהן. די געזאַנגען ווערען אויסגעמישט, די ליעדער ברומען איבער'ן ים. די כוואַליעס קלאַפּען הינטער די רעדער פון שיף, און ס'ווערט איין גרויסעס, גרויסעס ליעבע ליעד צו דעם ברעג, וועלכען אַלע ערוואַרטען מיט בענקענדע בליקען און קלאַפּענדע הערצער.

אַמעריקא מקבל פנים זיין, איז בעטקע אַרויס אָנגעטהאָן, אין זעהר אַ שעהנעם קאָסטיום פון אַ באַרעמהערציגע שוועסטער. זי שטעהט דאַ צווישען אַלע פעלקער פון דער וועלט. איהר גראַציעזע שטאָלצע פיגור, מיט איהרע שוואַרצע גרויסע אויגען, געפינען חן אין אַלעמענס אויגען. ס'איז ניכר נאָך אַלעמענס בליקען, וועלכע קוקען מיט אַ יראת הכבוד, אויף איהר „קאָסטיום", וועלכער דערמאָנט פון ליעבע און גוטסקייט, פון הילף און טרייסט.

קיין ליעד זינגט זי ניט, קיין ווארט זאגט זי ניט, וואס זאל זי זינגען און וואס זאל זי זאגען. וואס זי וויל און וואס זי ווינשט אין איהר הארץ ווייסט נאר גאט אליין. זי שטעהט און ערוואַרטעט דעם אנקעל־סעם.

באלד האט זיך דערהערט א גרויסער אויסגעשריי אויפ'ן שיף, און די מאסע ווי איין מענש האט געגעבען א קוק, מיט פארוואונדערונג און נייגעריגקייט אויף די הויכע אמעריקאנער וואלקען קראצערס, וועלכע האבען אויגעזעהן ווי הויכע ווילדע באשעפענישען, ווי מורא'דיגע לייבען וואס שטעהן אויפ'ן ברעג פון אמעריקא.

דערווייל האבען זיך דורכגעשניטען איבער דער לייגג פון וואסער אונגעהויער גרויסע ליכטיגע שיפען, וועלכע האבען שרעקליך ווילד גע־פייפט. דאס ברומען פון דער וויטענס און דער שרעקליכער פייפען פון די לויפענדע שיפען, האט א פחד אנגעוואָרען אויף די מענשען. אלע האבען זיך געפיהלט צוגעדריקט און קליין פון דער גרויסקייט וואס עפענט זיך פאר זייערע אויגען.

בעטקע האט געפיהלט, אז אט מיט דעם רוישען, הויבט זיך אן א נייע תקופה אין איהר לעבען. א תקופה פון ארבייט פאר איהר אייגען פאלק, פאר איהר גאט און פאר איהר אליין.

דערווייל האט די שיף א גרויסען קרעכץ געטאהן, אויפגעהערט צו זידען און קאכען און איז געבליבען שטעהן. צום שיפעל איז א קליין שיפעל צוגעפארען.

אין א פאר מינוט ארום, זיינען עטליכע מענשען ארויף מיט אמעריקאנער פאהנען און שטערענדלאך אויף די היט. זיי האבען עפעס געזאגט, און אלע מענשען אויפ'ן שיף האבען זיך אויסגע־שטעלט אין איין שורה איינער נאכ'ן אנדערן. זיי האבען געמאכט א צוים און אלע מענשען האבען אנגעהויבען דורכצוגעהן פאר זיי.

דאס זיינען געווען די אינספעקטארס און דאקטוירים פון דער אמעריקאנער „אינקוויזיציע".

די הערצער האבען אנגעהויבען קלאפען פאר שרעק. אלע האבען זיך גלייך אויסגעשטעלט, גלייך געמאכט די היט און די רעק אויף זיך. שטארק געמאכט די ארעמס און מיט פעסטע טריט, האבען די מענשען פון די אלערלייאיגע פעלקער אנגעהויבען פארבייצוגעהן פאר זיי.

די אמעריקאנער קאמאנדע, האבען אלעמען געקוקט אין די אויגען אריין, געטאפט די הענט, געקלאפט אין פלייצע, צו אויסגעפינען אויב דער „מענשענמאטעריאל" איז א געזונטער. אויב די הענט זועלען

גוט באַדיענען, און אויב געזונט און שטאַרק וועט זיין דער דור, וואָס וועט פון זיי געבאָרען ווערען צו באַזעצען זייער לאַנד...

און אַז עס איז געקומען די רייהע פון בעטקען, און דער דאָקטאָר האָט גענומען אַריינקוקען אין איהרע שוואַרצע מאַגנעטישע אויגען, איז ער געוואָרען ווי אַ צוטומעלטער. אָט דער פּראַקטישער אַמע־ריקאַנער האָט דערזעהן אין איהרע אויגען אַ נייע שעהנע וועלט. ער האָט דערפיהלט עפּעס אַ מין יראת הכבוד. ער האָט איהר ניט גע־קלאַפּט אין פּלייצע ווי אַלע אַנדערע, ער האָט נאָר געגעבען אַ וואונק צום אינספּעקטאָר, קיין איין וואָרט איז ניט געזאָגט געוואָרען, און זי איז ווי אַ באַרעמהערציגע שטאָלצע פּרינצעסין דורכגעגאַנגען פאַרביי.

אויף עלים איילאַנד, ביי דעם טויער, דורך וועלכען אַלע געהען דורך אין דעם גאָלדענעם לאַנד אַריין, האָט זיך געצויגען אַ מאַסע מענשען פון ברעג ים צו דעם גרויסען פיער שטאָקיגען הויז, דורך וועלכען אַלע זיינען דורכגעגאַנגען אין דעם לאַנד אַריין. ביי פיעלע אייזערנע גראַטקעס, זיינען געשטאַנען אַמעריקאַנער טשינאַווניקעס און האָבען אויסגעפרעגט יעדערן באַזונדער, ווי און ווען? די עמיגראַנטען האָבען זיי גערארפט זייער געלט ווייזען און די געזונטע הענט זייערע, וואָס זיי האָבען מיט זיך מיטגעבראַכט.

ס'זיינען געגאַנגען יונגע און אַלטע, ווייבער און מענער, ער־וואַקסענע און קינדער. ס'זיינען געגאַנגען פון פאַרשיעדענע פעלקער, נאַציאָנען און פאַרשיעדענע פאַסאָנען און קאָלירען.

און אַ שרעק ליגט אויסגעגאָסען אויף די פּנים'ער פון די כל'ער־לייאיגע מענשען, וועלכע ציהען זיך דורך דעם טויער אין גאָלדען לאַנד אַריין. מען זעהט ממש ווי זייערע הערצער קלאַפּען, ווי זייערע הענט ציטערען, און יעדער איינער רופט אָן דעם נאָמען פון זיין גאָט, און זיין שפּראַך און בעט פאַר הילף. און אַלע פיהלען זיך נאָהענט, איין מענשען מיט'ן צווייטען, צום ערשטען מאָל הערען זיי די שפּראַך, און דאָך פיהלט מען זיך נאָהענט.

ווען בעטקע איז דורכגעגאַנגען פאַרביי די טשינאַווניקעס, האָט זי הויך און שטאָלץ געענטפערט אויף אַלע פראַגען, און נאָך העכער האָט זי אַרויסגעזאָגט אַז זי באַלאַנגט צו דעם אידישען פאָלק.

— זייט איהר אפשר פון די באָלשעוויקעס? — האָט איהר אַ טשינאַווניק געפרעגט.

— נײן! — האָט זי מיט ביטערניש אין איהר הארצען אויסגעשריען אַז דעם טשינאַוונִיק איז אָבגעפאַלען דער חשק איהר ווייטער צו פרעגען. דער הארטער פּראַקטישער טשינאַוונִיק האָט דערפיהלט אַז ער רעדט מיט אַן אויסערגעוועהנליכער פּערזאָן. עפּעס מאַיעסטעטישעס איז געלעגען אין איהרע ענטפערס און אין איהר גאַנצע האַלטונג.

און אַט אַזוי איז בעטקע, די הויפּטריכטערין, פון דער סאָוועטען־מאַכט, אַריינגעקומען אין דער גאָלדענער לאַנד, פּונקט דאַמאַלסט, ווען ס׳האָט זיך געשפּיעלט דער „עפּילאָג״ פון דער טראַגעדיע, ווען ס׳האָט געבושעוועט די „אינפלוענציע״ נאָכ׳ן „בלוטיגען מבול״.

פון די שלאַכטפעלדער איז דער מלאך המות געקומען, ער האָט דאָרט פאַרגיפטעט זיין חלף מיט צופוילטע שטיקלאַך מארך, מיט די בלוט פון הארצען וואָס איז אויסגערינען פון צולעכערטע ברוסטען, מיט די גאַל פון דער יוגענט, וועלכע ס׳האָבען אויסגעהויכט זייערע לעצטע אָטהעמס אין שרעקליכען טויט קאַמף.

מיט דיזען פאַרגיפטעטען חלף איז דער מלאך המות געקומען און האָט געוויזען זיין גאַנצע מאַכט און גרויזאַמקייט. איבער׳ן גאַנצען לאַנד האָט ער זיין נעץ פאַרשפּרייט. מענשען האָבען זיך גענומען צאַפּלען ווי פליגען אין שפּינוועב, און ציעלען האָט ער גענומען נאָר אין יונגע און שטאַרקע. ס׳פאַלען צעהנדליגע טויזענטער יונגע טאַטעס און יונגינקע מאַמעס. ס׳בלייבען פּיטשינקע עופה׳לאַך, ווי די פויגעלאַך פון צושטערטע נעסטען. ס׳פאַלען יונגע מיידלאַך ווי בליהונגען פון אַ בוים אין אַ שטורעם. ס׳פאַלען בחורים ווי דעמבען־בוימער פון אַן ערדציטערניש און ס׳בלייבען טאַטעס און מאַמעס מיט צובראָכענע הערצער.

ווי דער שאָטען פון די טויטע, שלעפּען זיך אַרום איבער די גאַסען מחנות אבלים צו די לויות און פון די לויות. ניטאָ גענוג הענט, קברים צו גראָבען. די מענשען זיינען פאַרנומען קאָנאָנען צו מאַכען, אום איינע די אַנדערע צו פאַרניכטען, באַגראָבט מען צעהן מענשען אין איין קבר.

ס׳דוכט זיך אַז דער גאַנצער ערד קוגעל, ווערט איין גרויסער קבר. ביי יעדער איינעם איז דאָס הארץ אָנגעפילט מיט אַ פינסטערען שרעק, מען לויפט אַרום פאַרצווייפעלט פון איינעם צום צווייטען.

און אַזוי איז בעטקע, וועלכע מען רופט איהר דאָ אין אַמעריקע בערטע, ווי זי איז אַראָפּ פון שיף אין באַרעמהערציגע קליידער, האָט זי זיי שוין מעהר ניט אויסגעטאָן, נאָר מיט איהר גאַנצע ענערגיע

און כחות האט זי זיך אריינגעװארפען אין קאמף מיט'ן מלאך המות פון דער אינפלוענציע, און זי האט װירקליך באװיזען איבערנאטיר־ליכע װאונדער אויך אויף דעם געביט. זי האט פאריאגט דעם מלאך המות פון שטארקע פאזיציעס, ביז זי האט אויף זיך געצװיגען די אויפמערקזאמקייט פון די הויכע בעאמטע פון דעם מיליטערישען אינפלוענציע לאגער און זי איז דערהויבען געװארען אלס הויפט־נוירס איבער דעם גאנצען לאגער מיט דעם טיטול קאפיטאן.

אזוי װי א מלאך השלום, פלעגט זי טאג און נאכט ארומלויפען פון איין קראנקען צום צװייטען. זי פלעגט מיט געװאלד ארויסרייסען דעם צאפלדיגען קרבן פון מלאך המות האנט. מענשען פון פאר־שיעדענע פעלקער, װעלכע האבען זיך געצאפעלט צװישען לעבען און טויט, האט זי פאר'משפט לחיים. דערצו האט איהר ארויסגעהאלפען איהר גרויסע ידיעה אין מעדיצין װאס זי האט שטודירט אין דער אלטער רוסלאנד און מיט גרויס ערפאלג דארט געענדיגט דאקטאר מעדיצין.

זי האט זיך אויסגעצייכענט אין איהר רעטונג ארבייט אזוי גרויס, אז דער גאװערנאר (גובערנאטאר) פון מאססאטשוזעט שטאאט, גא־װערנאר סעמיועל מעקאל, האט געפונען פאר נויטיג צו פארופען א ספעציעלען מיטינג פון דעם מאססאטשוזעט קאמאנװעלט, װאוהין מען האט איינגעלאדען בערטען דער הויפט נוירס, און דער גאװער־נאר האט איהר אין דעם נאמען פון זיין שטאאט איבער געגעבען א דאנק פאר איהר װאונדערבארע איבערמענשליכע רעטונגס ארבייט. ער האט זיך אויסגעדריקט בזה הלשון: „װי א מלאך פון הימעל זייט איהר צו אונז אראפגעשיקט געװארען, צו באקעמפען דעם מלאך המות. איהר האט אונז באװיזען א סך גרעסערע װאונדער, װי אונזערע בראװע סאלדאטען אויף די שלאכטפעלדער פון פראנקרייך, און אייער נאמען װעט תמיד מיט עהרע און ליעבע דערמאנט װערען אויף די ליפען פון די בירגער פון מיין שטאאט און פון דעם גאנצען אמעריקא־נעם פאלק“.

נאכדעם האט ער איהר איבערגעגעבען א געשריבענעם דאנק־בריעף פון דעם מאססאטשוזעט קאמענװעלטה מיט זיין אונטערשריפט מיט א זילבערנעם גרויסען בעכער אלס אן אנדענקונג. און אזוי איז בערטע די הויפט נוירס, געװארען באריהמט און באװאוסט צװישען אלערליי קרייזען, אין די ארימע קרייזען פלעגט מען אויף איהר קוקען װי אויף א מלאך מושיע, װעלכער איז ספעציעל אראפגעשיקט געװארען

פון הימעל זיי צו העלפען, און אין די גאַר הויכע קרייזען, פלעגט מען פון איהר רעדען, ווי פון אן אויסערגעוועהנליכע פערזענליכקייט. איהר בילד האָט גענומען ערשיינען אין כמעט אַלע צייטונגען ביז זי האָט אנגעהויבען שמ׳ען אין פיעלע שטאאטען פון אַנקעל סעמ׳ס מדינה.

צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

בערטע און לו באגעגענען זיך.

ווען די גרויסע עפּידעמיע איז שטיל געוואָרען, פלעגט בערטע פאַרברענגען דאָס רוב פון איר צייט אין דער ניויאָרקער שטאדט ביבליאָטעק, איבער פאַרשיעדענע ביכער. זי פלעגט ציהען אויף זיך אַלעמענס אויפמערקזאמקייט. פיעלע אויגען פלעגען ניט אראָפּנעמען זייערע בליקען פון איהר. אָבער זי פלעגט קיינעם ניט באמערקען און זיצען איינגעגראָבען אין בוך, פּונקט ווי קיין זאַך אינטערעסירט איהר ניט. זי האָט געשלונגען איין בוך נאָכ׳ן צווייטען, איבערהויפּט פלעגט זי זיך אָפּגעבען מיט אידישער געשיכטע, פון פאַרשיעדענע תקופות, און נאָכמעהר פון דער נייער תקופה פון פּאָליטישען ציוניזם. זי האָט יעדען טאָג געלערענט מיט איבערגעבענהייט, פון דער אידישער באַוועגונג, פון דער נייער אויפלעבונג, און איהר פּנים פלעגט אָנהויבען לויכטען און שיינען, און זי פלעגט בעת מעשה גאָר ניט באמערקען ווי אַלע לעזער אין לייברערי אנשטאט צו האלטען זייערע אויגען אין די ביכער, קוקען גאָר אויף איהר.

שוין עטליכע וואָכען ווי „לו דער שוויגער" זיצט אין לייברערי, און אנשטאט אריינצוקוקען אין׳ם גרויסען דיקען בוך, קוקט ער ניט ווילענדיג אריין אין בערטע׳ס פּנים. ס׳פאַרדריסט איהם אַליין אויף זיך, נאָר ער קען זיך ניט העלפען. ער קען פּשוט זיינע אויגען ניט אָפּרייסען, אָט פון דעם שעהנעם מלאך׳דיגען פּנים, וועלכער שיינט אַזוי פּונקט ווי די שכינה וואָלט דאָרט גערוהט. דער גרויסער לו פיהלט, אז ס׳איז ניט דרך ארץ׳דיג. ס׳איז ניט שעהן, נאָר ער קען זיך דאָך ניט באהערשען. זיין הארץ, זיינע געפיהלען, נעמען די אויבער־האנט איבער זיין גרויסען שכל, און ער דער פּראַקטישער גרויסער געלערענטער לו, באשליסט, אז ער מוז מאַכען באקאַנטשאפט אָט

מיט יענעם מלאך׳דיגען פּנים. ער רוקט צו זיין שטול נעהנטער צו בערטען, ער גיט אַ הוסט, ער מאַכט אַ באַוועגונג, בכדי צו ציהען איהר אויפמערקזאַמקייט. און איהם געלינגט עס.

בערטע האָט איהם באַמערקט, און איהר איז געפעלען זיין לינקאַל׳ן פּנים. זי גיט זיך אַ קער און קוקט איהם אָן מיט איהרע שעהנע ליכטיגע אויגען, אַז ס׳ווערט איהם ליכטיג אין אַלע זיינע גליעדער. ער ווערט בשעת מעשה אַביסעלע רויטלאַך, פּונקט ווי מען וואָלט איהם געכאַפּט ביי אַ גנבה, אָדער ווי אַ יונגער אינגעל וואָס דערפיהלט צום ערשטען מאָל די האַנט פון אַ צאַרטער מיידעל אויף זיין האַלז. בערטע באַמערקט עס, זי ווערט אויך פאַררויטעלט און לאָזט אַראָפּ איהרע אויגען.

ענדליך נעמט ער זיך אָן מיט מוטה, און רעדט אַרויס זעהר שטיל:

— ענטשולדיגט מיר פריילען: אייער פּנים איז מיר זעהר באַקאַנט, וואו האָב איך אייך געקענט באַגעגנען?

זי ענטפערט ווי אַן אומשולדיג קינד:

— כ׳ווייס ניט מיין הערר! אפשר האָט איהר מיך באַגעגענט אין דעם „לאַגער פון די קראַנקע", ווייל זינט איך געפין מיך אין אייער „גאָלדענער מדינה", האָב איך נאָך ניט געהאַט די געלעגענהייט, אַרומצושפּאַצירען צווישען געזונטע.

— איהר זייט די גאַנצע צייט געוועזען קראַנק? — פרעגט ער מיט אַ פאַרוואונדערונג.

— אָה, ניין! מיין הערר! ניט דאָס האָב איך געמיינט, און אגב איז מיין פּנים אַ גוטער עדות אַז איך בין ניט געוועזען קראַנק.

— און טאַקע דערפאַר האָב איך אויסגעדריקט גרויס פאַרוואונדערונג — ענטפערט ער שטיל.

— איך וועל אייך ערקלעהרען, מיין הערר! — האָט זי שמייכלענדיג געזאָגט, — גלייך ביי מיין אָנקומען צום אָנקעל סעם, האָב איך געפונען זיין „גאַנצע הויז" פול מיט חולאים, פון דער אינפלוענציע, וועלכע האָט גאַנץ ברייטלאַך גענומען פּאַכען מיט די מגפה־פליגלען, און אוים דאַנקבארקייט צום „אָנקעל", פאַר זיין „גאַסטפריינדשאַפט", בין איך אַריינגעטראָטען אין די וואָלונטיר מחנות פון די נוירסעס, און האָב געהאָלפען אונטערהאַקען די מגפה פליגלען.

— יעס! כ׳האָב עס! — האָט זי אַרויסגערעדט עטוואָס העכער, פאַרגעסענדיג בעת מעשה, אַז ער געפינט זיך אין אַ פּאַבליק־לייברערי, וואו פיעלע אויגען קוקען אויף איהם.

— יעס, פריילין! כ׳נעם זיך איצט דערמאָנען וואו איך האָב געזעהן אייער שעהנעם פּנים, יעס! אין די צייטונגען, וואו מיין גוטער פריינט סעמיעל מעקאָל האָט אייך אָנגערופען מיט׳ן נאָמען „מלאך המושיע“.

בערטע איז רויט געוואָרען, זי האָט אויסגעקוקט ווי אַ שעהנע בלום וואָס אַ קליין ווינטעלע גיט איהר ליבלאך אַ טרייסעל.

— ס׳פאַרדריסט מיך זעהר, וואָס איך האָב אַרויסגעלאָזען אייער נאָמען פון מיין זכרון, און איך וועל אייך זעהר דאַנקבאַר זיין ווען איך וועל האָבען די עהרע צו וויסען אייער ווערטהען נאָמען.

— בערטע, איז מיין נאָמען, — האָט זי שטיל געענטפערט. — און די וואָס קענען מיך, רופען מיר „בערטע די הויפּט נוירס“.

— און ווי איז אייער צווייטער נאָמען? — האָט ער שטיל באמערקט.

— האָט דען אַ איד אַ צווייטען נאָמען? — האָט זי אומעטיג גע־פרעגט.

— געוויס! אַלע מענשען, סיי אידען און סיי קריסטען האָבען זייערע פאַמיליען-נעמען, — האָט לו געענטפערט.

— איך ווייס עס זעהר גוט — האָט זי געזאָגט. — אָבער וואָס איך האָב געמיינט איז: אַז אידען האָבען ניט קיין אייגענע עכט אידישע נעמען, וועלכע זאָלען האָבען אַ שייכות צו זייער שטאַם און צו זייער נאַציאָן, און כמעט אַלע פון זייערע נעמען, זיינען געבאָרגטע אָדער אַרויפגעצוואונגענע פון אַנדערע.

— אפשר זייט איהר גערעכט, פריילען בערטע, — האָט ער גע־זאָגט. — אָבער מיר טאָרען ניט פאַרגעסען אויף איין מאָמענט, אַז דאָס אידישע פאָלק, עקזיסטירט שוין ניט כ מ ע ט צוויי טויזענט יאָהר, ס׳איז נאָך פאַרבליבען אָט דער „מאָזאאישער גלויבען“. דאַרום מוזען מיר אָננעמען די נעמען פון די פעלקער, צווישען וועלכע מיר געפינען זיך.

— מיין הערר! — האָט זי אומעטיג געזאָגט — די פראַגע איז צו אַ וויכטיגע און אַ צו אָנגעוועהטאָגטע און ס׳איז דאָ ניט דער פּלאַץ צו דעבאַטירען, אפשר וועלען מיר זיך נאָך אַמאָל באַגעגענען, וועלען מיר דאַמאָלסט קענען רעדען מכח דעם וויכטיגען ענין, און אגב וואָלט איך פריהער געוואָלט וויסען, מיט וועמען האָב איך די עהרע צו רעדען און דעבאַטירען?

— מען רופט מיך, לו דער שוויגער, — האָט ער שמייכלענדיג געענטפער.

— הייסט עס, אַז איך האָב די עהרע צו רעדען מיט דעם גרויסען אַמעריקאַנעם לו? — האָט בערטע שטיל געזאָגט.

— יעס, מיסס בערטע! האָט ער שטיל געענטפערט.

פּלוצלונג האָט זי זיך אויפגעשטעלט און שטאָלץ ווי עפּעס אַ פּרינצעסין האָט זי אַרויסגערעדט:

— און דוקא איצט וואונדערט עס מיך נאָך מעהר!

— וואָס וואונדערט אייך אַזוי פריילען בערטע? — האָט ער געפרעגט.

— ס'וואונדערט מיך זעהר וואָס אַזאַ גרויסער פּראָגרעסיווער דענקער און פּראַקטישער מאַן, זאָל מיט צוויי ווערטער, פאַר'משפט'ן אַ גאַנצע פאָלק צום טויט! — האָט זי טרויעריג געענטפערט.

— איהר מאַכט אַ טעות מיסס בערטע, כ'האָב קיינעם ניט פאַר־משפּט, ווייל ס'איז גאָר ניטאָ במציאות אַזאַ זאַך ווי אַ אידישע פאָלק. און דעריבער איז דאָ ניט שייך דער אויסדרוק פון פאַראורטיילען, — האָט ער שטיל זיך פאַרטהיידיגט. — מיר האָבען נאָר בלויז אַ אידישע רעליגיעזע סעקטע, אָבער בשום אופן ניט קיין נאַציאָן.

— טאָ צו וועמען באַלאַנגען אָט די אידישע אַטהעאיסטען, די פריידענקער, וועלכע גלויבען ניט אין קיין שום רעליגיאָנן? — האָט זי געפרעגט.

— זיי באַלאַנגען צו די פעלקער צווישען וועלכע זיי וואוינען, — האָט ער געענטפערט.

— ווי איז אָבער דער דין, אַז די פעלקער צווישען וועלכע אָט די אַטהעאיסטען געפינען זיך ווילען זיי ניט אַנערקענען, טאָ צו וועמען באַלאַנגען זיי דאַן? — האָט זי געפרעגט.

— איך פאַרשטעהע ניט אייער פראַגע מיסס בערטע, ערקלעהרט עס מיר דייטליכער, — האָט ער געבעטען.

— מיט פאַרגעניגען, וועל איך אייך ערקלעהרען — האָט זי גע־ענטפערט. — אַ נאַציאָן מאַכט ניט קיין אונטערשיעד פון איהרע קינדער פון איין פאָלק, מיט דעם זעלבען עבר, און מיט דעם זעלבען שטרעבען פאַר אַ גליקליכען עתיד. מיט דער זעלבער היסטאָריע און מיט די זעלבע טראַדיציאָנען, און ווען ס'קומט אָן דער שונא, גנהען אַלע קינדער צוגלייך פאַרטהיידיגען זייער פאָלק. מען מאַכט דאַן קיין חילוק ניט און מען פרעגט ניט קיין שאלות, יעדער איינער וואָס קען

נאַר פאַרטהיידיגען, געהט זיך מקריב זיין פאַר זיין פאָלק. מען איז דאַן ניט בודק אויב ער איז פרום אָדער פריי. אויב ער האָט תפילה געטהאָן צו נאָט אָדער ניט. איצט פרעגט זיך: „אויב אידען זיינען ניט קיין פאָלק, נאָר ווי איהר זאָגט, בלויז אַ רעליגיעזע סעקטע, טאָ צו וועמען באַלאַנגען אָט די אַלע אידען וועלכע זיינען ניט רעליגיעז, און וועמען די פעלקער ווילען ניט אנערקענען אַלס זייערע אמת'ע קינדער?"

— אָבער אידען האָבען דאָך ניט קיין פאַטערלאַנד! — האָט לו גע'טענה'ט.

— דאָס איז אָבער ניט קיין ענטפער אויף מיין פראַגע! — האָט בערטע געזאָגט. — נאַטירליך ווען מיר האָבען ניט קיין לאַנד, ווערט די זאַך נאָך שווערער פאַר אונז, אָבער ס'איז דאָך דערפון ניט גע־דרינגען, אַז אכטצעהן מיליאָן נפשות, וועלכע זיינען צווישען זיך פאַרבונדען מיט איין גרויסע פאַרגאַנגענהייט און וועלכע ווערען אומע־טום גע'רודפ'ט דוקא אַלס אידען, זאָלען ניט זיין קיין נאַציאָן!?

— יעס, מיר מוזען העלפען אַלעמען אָהן אונטערשיעד, אויב זיי זיינען רעליגיעז אָדער ניט, אָבער איך קען נאָך אַלץ ניט משיג זיין, ווי קען איך זיין אַ זוהן פון צוויי מאַמעס? ווי קען מען זיין אַ בירגער פון צוויי נאַציאָנען? — האָט לו גע'טענה'ט.

— גאַנץ איינפאַך — האָט זי געענטפערט: — ווייל מיר ווערען געבוירען אין פרעמדע לענדער, מוזען מיר זיין טרייע איבערגעגעבענע קינדער צו דעם פאַטערלאַנד וואו מיר זיינען געבאָרען געוואָרען, אָבער דאָס מיינט ניט, אַז מיר מוזען זיך אָפּזאָגען פון אונזער אידיש פאָלק.

לו האָט נאָך אַלץ ניט געקענט באַגרייפען אַז עס איז פאַראַן אַ אידיש פאָלק.

זינט יענעם אָוונט, האָבען זיי זיך געטראָפען זעהר אָפט אויף פאַרשיעדענע פּלעצער, און האָבען גערעדט דיסקוטירט פון כל'ערליי ענינים. און כאָטש לו האָט ניט איינגעשטימט מיט איהר, בנוגע צו אַ אידישען פאָלק, אָבער ער האָט געפיהלט, אַז בערטע איז אַן אויסער־געוועהנליכע פּערזאָן, און זי שטעהט ניט אין ערך העכער פון אַלע אַנדערע מיט וועמען ער קומט אין באַריהרונג, און וואָס אַ טאָג מעהר איז ער געוואָרען אַלץ מעהר צוגעבונדען צו איהר.

בערטע פלעגט ניט אויסלאָזען קיין איין אידישע פערזאַמלונג. זי האָט געלערענט און שטודירט די אידישע פראַגע און די אידישע נויטען, פון אַלע קלאַסען און פון אַלע מחנות, פרומע, פרייע, קאַפּי־

טאַליסטען און סאָציאַליסטען, זי איז געווען פול איבעראַל, און אַלע האָבען איהר אויפגענומען מיט יראת הכבוד און מיט ליעבע. יעדער איינער איז נייגעריג געווען צו הערען, וואָס בערטע די שעהנע נוירם האָט צו זאָגען.

איינמאַל איז זי געווען איינגעלאַדען צו אַ גרויסען מאַסענפער־זאַמלונג, וואו די גרעסטע פּני פון ניו־יאָרק און אַ סך פאָרטרעטער פון אַנדערע שטאָאַטען, זיינען אנוועזענד געווען. ס'האָט זיך גע־האַנדעלט וועגען „רעליעף", ווי צו פאַרבעסערען די אידישע לאַגע אין דער פאַר'חרוב'טער איירָאָפּאַ. דער גרויסער קאַרנעגי האַל איז געווען געפּאַקט מיט אַלערלייאיגע אידען. ס'האָבען דאָרט ניט געפעהלט אפילו „חסידים" פון דער „רויטער תורה", וועלכע זיינען געקומען הערען, וואָס וועט מען דאָרטען זאָגען מכח דער „רויטער מדינה".

דער טשערמאַן פון אווענט איז געווען לו דער שוויגער, ער האָט געבעטען דעם עולם צו פערהאַלטען זיך רוהיג, ווייל ער האָט פאַר זיי אַ גרויסע סענסאַציע, דער גרויסער עולם האָט געוואַרט מיט נייגעריגקייט, און נאָכדעם ווי איינינע פון די באַוואוסטע כלל טהוער און רעדנער, האָבען אָפּגערעדט מכח דעם רעליעף, יעדער איינער אויף זיין שטייגער, האָט דער טשערמאַן ערקלעהרט אין קורצען, אַז איצט וועט רעדען, די „שעהנע נוירם" פון די „לעצטע געשעהענישען". דער עולם האָט געפיהלט אַז דאָס מוז זיין די סענסאַציע, און ווען ער האָט איהר פאָרגעשטעלט האָט זיך דער גרויסער עולם ווי איין מאַן אויפ־געשטעלט און דער זאַל איז פאַרהילכט געוואָרען פון אַפּלאָדיסמענטען.

ס'איז געוואָרען שטיל, און בערטע האָט ווי אַ פלאַם פייער פון אַ שטורעם געשטויסען, גענומען רעדען: „אידען! פון דער גרעסטער רעפּובליק! איהר ווילט פון מיר הערען מכח די לעצטע געשעהענישען. ס'איז אוממעגליך איבערצוגעבען, מען מוז זיין אַ „ירמיהו הנביא" אום צו קענען אַלעס שילדערען מיט די אמת'ע פאַרבען. אָבער כ'וועל פּרואווען לויט מיינע פשוט'ע כחות צו געבען אייך אַ שטיקעל בעגריף, ווי מחנות טייוואָלים פון אשמדאי געטריבען, האָבען זיך די פעלקער איינער אויפ'ן צווייטען געוואָרפען; און דער מענש האָט זיין חכמה און קענטניסע געוויזען: ווי אַ פיש אויף דעם אָבגרונט פון ים גענומען שווימען, ווי אַ היי־פיש אַלעס גענומען פאַרשלינגען. צו די הימלען ווי אַן אָדלער געלאָזט זיך שוועבען, און פון די וואָלקענס מיט פייער גענומען האָגלען. דעם ערדקוגעל האָט דער מענש פאַר אַ מזבח געמאַכט. זיינע גענזאַלבטע הערשער האָבען זיך די כהונה גענומען

און אונזער בליהענדע יוגענט איז דער קרבן געוואָרען. אַלע מלאכי חבלה האָט דער מענש פאַרשקלאַפּט, זיי זאָלען איהם העלפען אַלעס צו פאַרדאַרבען און פאַרניכטען און ערפאָלגרייך איז ער געווען אין זיין אונטערנעהמונג מיט מענשליכע טויטע קערפּער זיינע פעלדער און וועלדער באַדעקט און פון שטעדט און דערפער זיינען נאָר רואינען געבליבען".

„אַן אומבאַשרייבליכע קאַטאַסטראָפע לעבט די מענשהייט איבער, און אַזוי ווי אין יעדער צרה, אַזוי איז איצט אויך, ליידעט דער איד מעהר פון אַלעמען. די קוילען טרעפען איהם פון אַלע זייטען. זיין יוגענט פאַלט אויף די שלאַכטפעלדער. די עלטערע ווערען אין דער היים געשאָסען און געהאַנגען. זייערע היימען זיינען צושטערט און פאַרוויסט. פאַרהונגערט, פאַרפייניגט, וואַנדערט דער איד אָרום אין טיעפען טרויער נאָך זיינע טויטע, בעטלענדיג אַ שטיקעל ברויט, די נשמה צו דערהאַלטען.

„מיין נשמה ווערט אָנגעפילט מיט וועהטאָג און שאַנדע פון די פרוכטען וואָס אונזער ציוויליזאַציאָן האָט אונז געבראַכט; און די מערדער האָבען נאָך די חוצפה גאָט צו בעטען, אַז ער זאָל זיי העלפען אין זייער טייוועלשער אונטערנעמונג. און אַט די אַלע היפּאָקריטען קענען נאָך אין זייערע פאַרבלוטיגטע הענט אונזער תנ"ך האַלטען, די ביבעל וואו עס איז געשריבען: „אַז מענשען וועלען זייערע שווערדען אויף גראָבאייזענס צוברעכען און מענשען וועלען זיך מעהר ניט לערנען די קונסט צו מאָרדען".

„און אין מיין הארצען האָט זיך צופלאַקערט אַ פייער פון צאָרען און האַס צו די מערדער פאַר זייער גרויזאַמקייט און צו די געמאָר־דעטע פאַר זייער שוואַכקייט, און עס ווילט זיך פון מענשען אַנטלויפען, בעסער אין מדבר מיט חיות צו לעבען.

„אָבער ס'האָט זיך געוואָלט האָפען, אַז פון גרויסען „בלוטיגען מבול" וועלען די שוואַכע ערוואַכען, און אין די ימים בלוט וועלען זיי די רוצחים דערטרינקען, און ס'האָט אויסגעזעהן אַז די האָפנונג הויפּט אָן צו פאַרווירקליכט ווערען.

„רוסלאַנד האָט איהרע אייזערנע קייטען צוריסען און פון טי־ראַנישען צאַריזם זיך באַפרייט, מיט פרייד האָט זיך דעם מענשענס הארץ אָנגעפילט, און אַזוי ווי אין אונזערע ליידען איז אונזער פרייד אויך אַ דאָפּעלטע געווען. מיר האָבען זיך געפרעהט וואָס דאָס רוסישע

פאָלק איז באַפרייט געוואָרען, און מיר פרעהען זיך וואָס אונזערע ברידער וועלען דאָרט מענשען־רעכטע באַקומען.

„צו גיך איז אָבער אונזער ענטוישונג געקומען. בלוטיגע פּאָגראָ־מען אויף אידען האָבען זיך פאַרשפּרייט ווי א מגפה. אָט אין דער פריינעוואָרענער רוסלאַנד, אין דעם רעוואָלוציאָנערען כאאָס, איז דער איד דער „קרבן חטאת", „די כפרה הינדעל" געוואָרען.

„צו וועלכע פּאַרטיי ער זאָל ניט געהערען, ווערט אומעטום זיין בלוט פאַרגאָסען, און די רויטע מחנות! — האָט בערטע מיט א פלאַם פייערדיגען צאָרען אויסגעשריען, — מאַכען א געזעצליכען פּאָגראָם אויף דריי און א האַלב מיליאָן אידען! ווי היפּאָקריטען, ווי יעזואיטען, כלומר'שט געזעצליך, מיט דעם כשוף וואָרט פון „ניקאָליי דעם גרויזאַמען" נעמט מען אוועק פון אידען זייערע חיות, און זייערע נשמות.

„און אַמעריקע, וועלכע איז בעפאָר די מלחמה געווען די איין־און־איינציגע פרייע מדינה, איז איצט נאָך דער מלחמה געוואָרען פאַר־סמ'ט, פון די מלחמה מיקראָבען. מיט דער גאַנצער שטרענגקייט פון די מלחמה צייטען האָט מען אַלעמען אָנגעטהאָן שלעסער אויף די מיילער, דער „איד", דער „אינדיווידיאום" איז אין גאַנצען פאַר־שוואונדען. ווי א קליין שרייפעל אין א גרויסער מאשין מוזטו זיך נאָכדרעהען, מיט א שווערער שטיקענדער לופט ווערט די וועלט אָנגע־פילט, און א געדיכטע דיקע פינסטערניש האָט זיך אומעטום פאַר־שפּרייט. ניטאָ אויף דער וועלט קיין פּלאַץ וואו מען זאָל קענען פריי אָטהעמען; ניטאָ קיין שטראַל ליכטיגקייט וואו די נשמה צו דער־קוויקען.

„וואָס בלייבט פאַר אונז אידען איצט צו טהאָן?" האָט זי ווי א דבורה הנביאה געדונערט. „וואָס דענקט איהר! איהר גרויסע אַמעריקאַנער אידען, וואָס איהר האָט געהאַט דעם גליק צו געפינען זיך דאָ ביים „אַנקעל סעם", אין דער צייט וואָס אייערע ברידער דאָרט זיינען אויסגעה'רג'ט געוואָרען, וואָס דענקט איהר צו טהאָן? וואָס ווילט איהר טהאָן פאַר אייערע ברידער, וועלכע ווערען געפייניגט, אין דער צייט וואָס איהר זייט נאָך רייכער געוואָרען פון דעם גרויסען וועלט אומגליק? און וואָס טהוט איהר? און אויף וואָס פאַר אַן אופן ווילט איהר זיי העלפען?

„דענקט איהר מ י י נ ע ט י י ע ר ע א מ ע ר י ק א נ ע ר ב ר י ד ע ר, אז מיט אייער צייטווייליגער הילף, וועט איהר ראטעווען דאס אידישע פאלק?

„פארטראכט זיך גוט, אויב איהר געהט אויף דעם ריכטיגען וועג? אויב אייערע שווערע מיליאנען, וועלכע איהר שיקט אויף יענעם זייט ים קומען אן אין די ריכטיגע הענט? און בכלל צו קען די אנגעוועה־טאגטע אידישע פראגע געלעזט ווערען אויף אזא אופן?!...

„בלעטערט דורך אונזער בלוטיגע גלות היסטאריע, מיר האבען א וועלט געבויט, מיט אונזער בלוט און שווייס האבען מיר פאר אלע פעלקער פון דער גאנצער וועלט, שטעדט געבויט, אינדוסטריען פאר־צווייגט, גרויסע קינסטלער, שטאאטסמענער און גאונים געבארען, און מיט וואס באצאהלט מען אונז?

„די „רויטע מלוכה" אדער בעסער געזאגט די רויטע טייוואלים, וועלכע האבען אליין מיט זייערע הענט חרוב געמאכט די גרויסע רייכע רוסלאנד, נויטיגען זיך איצט מעהר ווי אלע מאל אין אויס־לענדישען קאפיטאל. זיי מוזען אויסהאלטען זייערע רויטע מחנות, זייערע רויטע אגענטען, וועלכע פארשפרייטען דעם „רויטען סם" איבער דער גאנצער וועלט. זיי זאגען אייך איצט צו דעם טעלערל פון הימעל. זיי וועלען זיין גוט און פרום. זיי וועלען אוועק געבען צו אידען די פעטע אוקראינא, דעם שעהנעם „קרים" „נאר גיט געלט", גלויבט איהר באמת אט די היפאקריטען, אט די יעזואיטען אין די רויטע מאנטלען? ס'קלינגען נאך דאכט זיך גאנץ פריש אין אונזערע אויערען, די בלוטיגע טענער פון דעם „באי זשיווע אוקראינא", און אזוי גיך ווי זיי וועלען האבען אין זייערע הענט אייערע שווערע „דאלארען", וועט דער „באי זשיווע אוקראינא" ווידער פארנאנדער לאזען זיך מיט זיין בלוטיגען קול, און אידען וועלען ווידער ווערען דער „קרבן חטאת".

„די רויטע יעזואיטען, די זינאוויעוו'ס, די סטאלין'ס די קאמע־ניעוו'ס מיט די פאר'סמ'טע לעאן'ס, זיי שיטען אייך נאר זאמד אין די אויגען. זעהט איהר דען ניט זייער יעזואיסטווע? זיי ווילען העלפען אידען, פארבינדען זיי מיט דער מוטער ערד, און אין דער זעלבער צייט נעמען זיי אוועק די אידישע נשמה. מען פארמאכט די חדרים, די ישיבות און די שוהלען. פאר היטען שבת, פאר מל זיין די קינדער רודפ'ט מען נאך ערגער ווי אין די אלטע בארבארישע צייטען.

„און איהר ווילט זיי גלויבען?! — האט זי ביטערלאך אויס־געשריען: — ניין! לא זו הדרך!....

„ברידער! הויבט אויף אייערע אויגען, און זעהט, אַז דאָרט איז די אמת'ע וועג פאַר אונז אידען! און נאָר דורך דעם וועג קען דאָס אידישע פאָלק געהאָלפען ווערען! איהר זעהט דאָרט, אַז צווישען די געדיכטע וואָלקענס, אַז צווישען דעם „בלוטיגען מבול", האָט זיך פאַר אונז אידען אַן אויפגעהענדע זון באוויזען. אַ זון פון אַ ליכטיגער אידישער צוקונפט האָט זיך אויף די בערג פון יהודה באוויזען. די ליכטיגע באַלפור דעקלעראַציע, די זיסע בשורה, אַז אונזער אַלטע היים ארץ ישראל ווערט ווידער צוריק געקערט צום אידישען פאָלק, דאַרף אונז געבען מוטה און האָפענונג, און אונזערע הערצער מוזען פול ווערען מיט אַן אויפלעבונגס גייסט. די עצמות היבשות, אונזערע ביינער, וועלכע זיינען פארטריקענט געוואָרען אין די לאַנגע גלות'ן, מוזען אויפלעבען און זיך פאַרקערפּערען אין שטאַרקע קרעפטיגע קער־פּערס מיט געזונטע נשמות, און אַ התלהבות'דיגע ענערגישע אויפ־לעבונג מוז אונז אַלעמען באַהערשען. אַז דאָס איז די ריכטיגע וועג אויף וועלכע מיר מוזען געהן צו בויען אונזער צוקונפט!

„ברידער! איז ניט בעסער פאַר אונז אידען, אַז אנשטאט צו איבערלאָזען די אידען אין די הענט פון פּאָגראָמשטשיקעס, אָדער פאַר־שיקען זיי ערגעץ אין סיביר, צו אריבערברענגען זיי אין דער אייגענער היים?

„איז ניט בעסער, אַז אנשטאט אָנצופילען די קעשענעס פון די רויטע קאָמיסאַרלאַך, מיט אייערע דאָלאַרען, צו בויען בעסער פאַר דעם געלט די אייגענע היים? וואו אידישע פּויערים און סוחרים, אידישע געלערנטע און שטאַאטסלייטע, וועלען זיך אַרויסרייסען פון דער פרעמדער פאַרשטיקטער אַטמאָספערע און וועלען מיט זייער גאַנ־צער טיעפקייט און גרויסקייט אַרויסשיינען פאַר די אויגען פון דער גאַנצער וועלט אין זייער אָריגינעלען געשטאַלט.

„און מיין הארץ ווערט אָנגעפילט מיט שמחה, וואָס איך האָב דערלעבט צו פאַריכטען מיין גרויסען הימעלשרייענדען טעות. אַ סך יאָהרען האָב איך געבלאָנדזעט. כ'האָב געלעבט אין דער פינסטערניש. כ'האָב געוואָלט זיין דאָס וואָס איך בין ניט. כ'האָב פאַרלייקענט מיין „איד", מיין „איד", און איך האָב ווי אַלע אַנדערע געוואָלט זיין „ברייטהאַרציג" און אַרבייטען פאַר דער גאַנצער וועלט, און פאַר אַ „מ ע נ ש ה י י ט" וואָס איז נאָך גאָר אויף דער וועלט ניטאָ!

„אבער אַ דאַנק גאָט, כ'האָב אויפגעעפענט מיינע אויגען און גע־פונען דעם ריכטיגען אמת'ן וועג. די שטימע פון געפאַלענע ברידער

האַט מיך אויפגעוועקט. מיין צעוועהטאַגטע האַרץ, וועלכע איז געווען פול מיט צער, מיטלייד און גאַל, פון דער פאַרדאַרבענער מענשהייט מיט איהר מיליטאַריזם, קאַפּיטאַליזם און ווער ווייס מיט וואָס נאָך פאַר אַ איזמ׳ען, איז איצט פול מיט שמחה, מיט מנוחת הנפש, מיט אידישען אָפּטימיזם, און כ׳פיהל אַז עס ווערט באַשאַפען אַ נייע שעהנע וועלט, מיט אַ נייע מענשהייט, וואָס וועט זיין אין דעם גייסט פון אונזערע נביאים. וואו גלייכהייט, גערעכטיגקייט און אייביגער פרידען, וועלען באַזיעגען דעם רוימישען גייסט פון קראַפט און בלוטפאַרגיסונג. און ערשט דאַן וועלען די אומות העולם קענען פאַרשטעהען די לעהרע פון אונזער תנ״ך!

„און איך וויל פאַרענדיגען מיט די ווערטער, מיינע טייערע אַמע־ריקאַנער אידישע ברידער! — האָט זי מיט באַגייסטערונג אויסגעדו־נערט: — אַז איהר מיט אייערע גרויסע כחות, מיטלען און איינפלוס, זאָלט שטרעבען נאָר צו איין ציעל! אַז דורך אייך זאָל מקוים ווערען דער „נחמו נחמו עמי״! דורך אייך זאָל געטרייסט ווערען דאָס אידישע פאָלק צו זאַמען מיט אונזער מוטער ציון מיט אַלע איהרע רואינען; דורך אייך זאָל דער מדבר ווערען אַ גן עדן און די ווילדערניש ווי גאָט׳ס גאָרטען!״

ווען זי האָט געענדיגט רעדען, איז די פינף טויזענט קעפּיגע מאַסע אַ גאַנצע היבשע צייט נאָך אַלץ געזעסען שטיל. זיי האָבען אפילו מורא געהאַט אָפּצוכאַפּען דעם אָטהעם, אום ניט איבערצורייסען די הייליגע שטימונג.

און ווי אַ דאַנקבאַרע תשובה אויף איהרע רייד, האָט דער גרויסער עולם מיט אַזאַ התלהבות געזונגען די התקוה, אַז אפילו די יאַהודים אויפ׳ן פּלאַטפאָרמע און די פאַרבאָרגענע „רויטע״ האָבען אויך געמוזט מיט זינגען.

די ניו־יאָרקער פּני האָבען איהר זעהר וואַרים געדריקט די האַנט, יעדער איינער האָט פאַר איהר אויסגעדריקט זיין באַגייסטערונג אויף זיין שטייגער. העגרי, דער דיפּלאָמאַט האָט באַמערקט: „כאָטש איך שטים לחלוטין ניט איין מיט אייערע געדאַנקען, אָבער אייער וואונדער־באַרער כח הדבור, האָט מיך זעהר באַגייסטערט״.

דוד, דער לץ, האָט זיך גע׳חכמ׳עט: „איהר האָט גערעדט פּונקט ווי אַ דבורה הנביאה, וואָס מיין חיבורו טיטשער האָט מיר דערצעהלט צו מיין „בר מצוה״, יענע דבורה איז געווען „אַ מלחמה העלדין״ און

איהר זייט אויך אַ העלדין, איהר פייט (קעמפּט) זעהר בראוו פאַר׳ן זייאָניזם״.

רעוורענד אייק, האָט זיך אויסגעדריקט: „איהר וואָלט געווען אַ גרויסער געווינס פאַר׳ן רעפאָרם יודענטהום״!...

מעקיי, דער גוטער, האָט מיט אמת׳ע התלהבות געזאָגט: „איהר האָט רעכט! איהר האָט רעכט!״

פעליקס דער פילאַנטראָפּ, האָט איהר איינגעלאַדען צו קומען ווי־זיטען ביי אַ געלעגענהייט.

מערי, די יונגע, האָט באַמערקט מיט אַן אייפערזיכטיגען טאָהן: „אַלע מענער פאַרגעטערען אייך!״

און ווען אַלע זיינען זיך צוגאַנגען, האָט איהר לו דער שווייגער, זעהר ווארים געדריקט די האַנט, און האָט אין אַ שטילען באַגייסטערונג געזאָגט:

— איהר ווילט מיר ניט זאָגען אייער צווייטען נאָמען, וועל איך אייך אַנרופען, "בערטע די שעהנע נוירס!„ — איך זאָג אייך דעם אמת פון מיין טיעפען הארצען, אַז איך האָב זעהר פיעל פון אייך היינט געלערענט, כאָטש איך קען נאָך אַלץ ניט משיג זיין ווי אַזוי מיר זיינען אַ נאַציאָן, אָבער איך פיהל אַז איהר באַזיצט אין זיך עפּעס אַזעלכעס, וואָס מיר אַמעריקאַנער קענען דאָס נאָך ניט פאַרשטעהן, דאַריבער וויל איך פון היינט אָן דענקען און לערנען. און ער האָט זי באַגלייט אהיים.

איין־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

לו איז פאַרליבט.

לו דער שווייגער, איז געווען איינער פון די צוועלף גרעסטע לייטע, וואָס אַנקעל סעם האָט אַרויסגעגעבען. אַ מאַן מיט אַ גרויסען גייסט, מיט אַ הויכער נשמה און מיט אַ ברייטע ווייכע הארץ פאַר אַלע אונטערדריקטע. און אין דער זעלבער צייט אַ מאַן מיט אַ פּראַקטישען בליק אויפ׳ן לעבען. ער זיצט איצט פאַרטיעפט איבער זיינע גרויסע דיקע ביכער. ער מוז אויפקלעהרען אַ גרויסען סאָציאַל־עקאָנאָמישען פּראָבלעם, וואָס די אַמעריקאַנער רעגיערונג האָט איהם אַנפאַרטרויט. ער זיצט פאַרזונקען אין מחשבות, ער שרייבט און רעכענט, רעכענט

און שרייבט. זיין פארטראכטער לינקאלן פנים קנייטשט זיך, אבער ער קען זיך בשום אופן ניט אויספלאָנטערען. ס'וואונדערט איהם אויף זיך אליין. דאס האט נאך מיט איהם קיינמאל ניט פאסירט. ער נעמט איינעם פון די ביכער וואס ליגען אויפ'ן טיש, שטעלט זיך פלוצלונג אויף, שפאנט מיט שנעלע טריט אין דער לענג פון זיין גרויסען צימער, אהין און צוריק, אהין און צוריק, אבער אהן ערפאלג. ער פיהלט, אז ער איז ניט „ער“. עפעס קומט פאר אין זיין נשמה, וואס ער קען דאס ניט ערקלעהרען. ער האט זיך צוגעלייגט אויף דער סאפע און האט זיך פארטראכט. ער איז אזוי געלעגען ביז ער איז איינגעשלאפען וואכענדיג. און איהם דוכט זיך, אז עס האלט ביים פארגעהן פון דער נאכט, די שטערען ווערען בלאס און א העלערע ליכטיגקייט הויבט אויף זיין נשמה, און פאר זיינע אויגען לייכטען ווי פון שטערען צונויפגעשטעלט, די פסוקים פון שיר השירים: „איך שלאף, נאר מיין הארץ איז וואך; פיעלע וואסערען קענען ניט פארלעשען די ליעבע; ביז דער טאג קומט, און די שאטענס צולויפען זיך“...

און ער געפינט זיך אין אן אומבעקאנטע לאנד, מיט א פרעמד אומבאקאנט ליכט, ער איז פארטראכט און צוטומעלט, אזוי ווי איינער וואס לאזט זיך אין וועג, און ווייס נאך ניט וואוהין...

ער שטעהט צווישען אוילבירט-בוימער, וועמעס בלעטער און צווייגען, זיינען שטיל געלעגען אויף דער לופט, און קיין ליכט איז ניט געפאלען אויף זיי. ער פיהלט ווי עפעס איינער א בעל מופת גלעט איהם זיינע האר, זיינע באקען, און ער ווערט באניים מיט א נייעם מין כח, און ער קומט צו א ים וועמעס וואסערען זיינען צוריק געפאלען, און אויף די גרויסע זאמד ברעגעס איז געזעסען איינע א געשטאלט, אין איהר פנים האבען זיך געזעהן די ענדערונגען פון זון און וואלקען, שאטען און ליכט, און זי האט געזונגען פאר איהם פון גוטס און שלעכטס. פונ'ם עבר און פון עתיד. און ער קוקט אריין טיעף אין איהרע גרויסע ליכטיגע אויגען און זעהט דארט אלעס נאר ניט זיך אליין... אויף איהר קאפ און ברוסט טראגט זי פארוועלקטע הערבסט בלעטער און פרישע בלומען. איהרע ליפען ציטערען ווען זי זינגט פון דער פארגאנגענהייט און זיי פרעהען זיך מיט דער צוקונפט. און ער געהט מיט איהר אוועק אין איינעם פון די זוניגע ערטער פון דער וועלט, וואו די נאטור איז תמיד פרעהלאך. זיין גייסט טאנצט אין איהם; ער זעהט פנימ'ער ליכטיגע אהן שאטענס, און דאס ליכט אין דער לופט וואו זיי האבען זיך באוועגט האט געקלונגען ווי א

ניגון... אין דער מיטען זיצט איינע, וועמעס גייסט האָט געמאַכט זייערע פיס טאַנצען און זייערע מיילער זינגען, זי האָט גערוהט אונטער אַן עפּעל בוים, און די זון האָט געקושט איהר קערפּער ווי די פרוכט פון אַ בוים. איהר פּנים איז געווען ווי דאָס פּנים פון אַ קינד אין חידוש וואָס האַלט איין דעם אָטהעם, טאָמער ענדיגט דער וואָס דער־צעהלט צו גיך...

ער זעהט איינעם באַהאַלטענדיג זיך אין אַ פעלזען־שפּאַלט, זיינע אויגען זיינען בלינד, זיינע לאָקען זיינען געהאָנגען אויף זיין שטערען, און אַ קראַנץ בלעטער און בלומען ליגען צוואָרפען אויף דער ערד. ער זעהט גייסטער אין דער גרויער לופט באַוועגען זיך, און זיי שפּאַטען און לאַכען, און דער קלאַנג פון זייער שפּאָטען דרינגט אריין אין זיינע אויערען. ער זיפצט שווער, און קען ווייטער ניט קוקען, ווייל ער דערזעהט זיך אליין צווישען די שפּאָטער... זיין פּנים ווערט ווייס, זיינע אויגען שטראָמען מיט טרערען. ער ווערט געטראָגען ניט וויסענ־דיג וואוהין. זיין אָטהעם געהט איהם אויס. ער געפינט ניט קיין לופט. ער זעהט אַנדערע גייסטער, וועלכע שפּאָטען, באַטריגען, טרויערען, פּאַראַכטען, קרימען־נאָך, מאַכען־נאָך. אַנדערע שווייגען, האַלטענדיג דעם פינגער אויף זייערע ליפּען. ער ווערט פאַרשעמט. זיין האַרץ וויינט, ווייל ער זעהט זיך צווישען די גייסטער.

ער זעהט דאָס קינדישע פּנים פון דער געשטאַלט. ס'איז נאָך געלעגען אויף איהם דער שאָטען פון דער נאַכט. נאָר ס'האָט אין זיך עפּעס די שטראַהלונג פון אַן ערוואַכטען גליק. די ליכטיגקייט פון פרעהליכעם וואָס קומט.

ער פיהלט זיינע אויגען ווערען ווייך פון עפּעס אַ מין באַלזאַם. זיין מויל ווערט אָפען. זיין אָטהעם ווערט ווי בלומען וואָס ערוואַכען און דערהויבען זייערע קעפּ און גיבען ארויס זייער ריח. זיינע גלידער פיהלען ווי אוועקצופליהען. און ער קריגט שעהנע גרויסע פליגלען וואָס פּאַכען אין דער לופט, און אַזוי ווי ער האָט זיך אַ קעהר גע־טהאָן צום מזרח, זיינען בלומעלאַך געפאַלען פון זיינע האָר, און אַ ליכט האָט גערוהט אויף זיין פּנים און אָנגעצונדען אַ שמייכעל וואָס האָט געמאַכט שטראַהלען דעם מזרח. און דער אויפגאַנג האָט אויס־געשפּרייט זיינע פליגלען צו באַגעגענען דעם ניי־געבוירענעם טאָג...

און ער האָט געזעהן אַ גליקליכע ליכטיגקייט זאַמלען זיך דאָרט, און ס'האָט אויסגעוויזען צו זיין פאַרמירט פון דער וואַרימקייט פון וועלכע די ערד גיט ארויס איהרע פרוכט, צווייגען מיט באַלאַדענע

בלומען בייגען זיך איינער צום צווייטען. פארפלעכטען זיך און גיבען ארויס א געשמאקען בשמים-ריח, און זיי באוועגען זיך, ווי א לעבע־דיגער דופק וואלט אין זיי געוועז. און א הארץ לאזט וויסעןדי גאנצע פייער פארביגע לופט מיט לויב געזאנגען דעם וואונדערבארען געבורט פון טאג...

און אויף דער גרויסער ליכטיגקייט זעהט ער צוויי פארטראכטע כ ר ו ב י ם. זייערע פליגלען באגעגענען זיך, זייערע פנימ'ער פאר־הילט, ער דעקט אפ זייערע פנימ'ער און ס'אריז פונקט ווי צוויי טראפען וואסער.

דער קלינגען פון טעלעפאן האט איהם אויפגעוועקט פון זיינע משונה'דיגע חלומות. ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף דער סאפע. ער הערט ס'קלינגט, און בעת מעשה טראכט ער פון די משונה'דיגע חלומות, וועלכע זיינען נאך פריש, אבער דער טעלעפאן קלינגט, קלינגט.

— העלאו! העלאו! ווער רופט עס? — פרעגט ער, און טראכט אלץ פון די חלומות.

— .בערטע די נוירס, רעדט עס! — הערט ער דורכ'ן טעלעפאן.

— בערטע די שעהנע נוירס? — חזר'ט ער איבער מיט א צו־פרידענהייט.

— זאל זיין די „שעהנע", — הערט ער איהר שעהן קלינגענד קול, און די חלומות פארנעמען שוין דעם צווייטען פלאץ אין זיין מח.

— רעדט! איך הער! — שרייט ער אוים פרעהלאך, און די חלומות פארשווינדען אין גאנצען פון זיין זכרון.

— מר. שוויינגער! — רעדט זי דורכ'ן טעלעפאן, — איך מוז אייך אומבאדינגט זעהן!

— ווען? — פרעגט ער.

— וואס גיכער אלץ בעסער! — הערט ער איהר שטימע, און ס'צוגיסט זיך א ווארימקייט איבער אלע זיינע גליעדער. אט פונקט ווי דער באלזאם וואס ער האט געפיהלט אין חלום.

— איך קום גלייך מיט'ן אטאמאביל! — ענטפערט ער.

— איך דאנקע שעהן, — הער ער איהר קול'כל, — איך ערווארטע אייך מיט אומגעדולד! אדיע!

כאטש לו האט נאך ניט געוואוסט, ווער זי איז, פון וואנען זי קומט, ווער זיינען איהרע עלטערען, ער האט אפילו איהר צווייטען נאמען ניט געוואוסט, דאך האט ער געפיהלט ווי ער וואלט איהר געקענט שוין פון זעהר לאנג. אזא שטארקען איינדרוק האט זי אויף

איהם געמאכט. ער איז געווען מוכן ומזומן צו טהאָן פאַר איהר אַלעס אין דער וועלט. ער האָט געפיהלט ווי עפּעס אַ געהיימע קראַפט ציהט איהם צו איהר, צי מחמת ער האָט אין איהר געפונען דעם העכערען מענשען, צי ווייל די אמת'ע ליעבע האָט זיך צו איהם ערגעץ פאַר'גנב'עט, אָדער אפשר צוליעב ביידע זאַכען אין איינעם. ער האָט אָבער געפיהלט, אַז זי האָט איהם באַהערשט. ס'האָט איהם געצויגען צו איהר ווי אַ מאַגנעט.

בערטע האָט אויך געפיהלט, אַז ס'ציהט איהר צו לו דעם שוויגער, אָבער ס'איז קיינמאָל ניט אַרויף אויף איהרע געדאַנקען, אַז דאָס זאָל זיין די „ליעבע" נאָך וועלכע זי בענקט, ווייל זי האָט באַשלאָסען אַז פון איהר אייגענעם „איך" זאָל זי קיינמאָל ניט טראַכטען, נאָר זי מוז זיך אין גאַנצען ווידמענען, פאַר דער אידעע פון דער אויפלעבונג פון דאָס אידישע פאָלק אין ארץ ישראל, און אויך וויפיעל ס'וועט איהר נאָר זיין מעגליך צו צושטערען די „רויטע געדאַנקען" און צו מישען די מחות פון די באָלשעוויקעס. זי האָט געזעהן אין לו אַ גרויסען געווינס, און אַ גרויסע קראַפט פאַר דעם ציוניזם. און כאָטש ער איז נאָך זעהר ווייט געווען ניט נאָר פון דעם ציוניזם, נאָר אפילו פון אידישען נאַציאָנאַליזם, אָבער זי האָט געהאָפט אַז מיט דער צייט וועט זי אפשר קענען עפענען זיינע אויגען, און דאַן וועט זי האָבען אויפגעטהאָן אַ גרויסע זאַך. זי האָט זיך פאַר איהם ניט געוואָלט אַרויסווייזען מיט איהר ריכטיגען נאָמען און אין איהר ריכטיגען קאָליר, ווייל זי האָט געפיהלט, אַז זי איז נאָך ניט פאַרטיג מיט די רויטע, האָט זי איינפאַך מורא געהאַט צו פאַרטרויען זיך צו אימעצען. אפשר וועט יענער צוליעב איהר נאָך מוזען ליידען, און אגב, האָט זי נאָך בכלל ניט געוואוסט אויב זי קען זיך פאַרטרויען צו לו אין איהר אמת'ר ראָלע.

די לעצטע צייט האָט זי גענומען פיהלען, אַז זי וועט זיך מוזען אָנהויבען באַנוצען מיט לו'ס גוטסקייט, כאָטש זי אַליין האָט נאָך ניט געוואוסט געגוי אויף וועלכען אופן? און דער צופאַל האָט געפיהרט, אַז זי האָט זיך געמוזט גלייך נעמען צו דער אַרבייט.

איינמאָל ווען זי איז געגאַנגען אויף יוניאָן סקווער, (אַ גאַס אין ניו־יאָרק), ניט ווייט פון דער „רויטער צייטונג", איז איהר אַנטקעגען אָנגעקומען אַ מאַן, וועלכער איז איהר פאַרגעקומען זעהר באַקאַנט. זי האָט געפיהלט אַז ער קוקט אויף איהר צופיעל, און זי האָט פאַרשטאַנען אַז ער איז פון די „רויטע", וועלכער האָט איהר אפשר

אַ מאָל געזעהן אויף איהר ריכטער־שטול און דערקענט. זי האָט גע־וואוסט אויף וואָס די רויטע זיינען פעהיג, און זי האָט באַשלאָסען: „אַז מיט'ן טייפעל מוז מען האַנדלען לכל הפחות ווי אַ פאַרשטעלטער טייפעל".

זי איז באַלד אוועק אַהיים, און זיך איבערגעטהאָן פונקט ווי דער דייטשער שוואַרצקאָפּ. זי האָט אויסגעקוקט ווי אַ צובאַלעוועטער מיליאָנערסקער בן'אָקעל, מיט טשאַרלי טשאַפּלין וואָנצעלאַך, אָבער אַריינקוקענדיג אין די אויגען האָט מען ניט ווילענדיג געמוזט האָבען דרך ארץ. אום צו איבערצייגען זיך, אויפ'ן טויזענטען פאַל, אפשר איז מעגליך אַז אימיצער זאָל דערקענען, אַז זי איז פאַרמאַסקירט, האָט זי אָפּגערופען דעם גרויסען לו, און אויב דער גרויסער פּראַקטישער לו וועט איהר בשום אופן ניט דערקענען, דאַמאָלסט קען זי זיך גלייך נעמען צו דער אַרבייט מיט די רויטע. און זי האָט צו איהם טעלע־פאָנירט דוקא אין דער צייט, ווען ער האָט זיך געקוויקט מיט זיינע שעהנע חלומות.

ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און לו האָט אָנגעקלינגען אין איהר וואוינונג. נאָר אנשטאַט צו באַגעגנען בערטע'ן, האָט איהם אויפ־געעפענט די טיר אַ שעהנער יונגערמאַן, מיט אַ פּאָר שוואַרצע פייער־דיגע אויגען און טשאַרלי טשאַפּלין וואָנצעלאַך.

— קומט אַריין! — האָט דער יונגערמאַן אויסגערופען מיט אַן עכט דייטשען אַקצענט.

וואו איז פריילען בערטע? — האָט לו געפרעגט.

— זי וועט וואהרשיינליך באַלד אַרויפקומען, — האָט שוואַרצקאָפּ געענטפערט. — ביטע זיצט.

לו דער שווייגער האָט אָפּגעמאָסטען דעם שעהנעם יונגענמאַן, פון קאָפּ ביז די פיס, און אַ שטיקעל חשד האָט אָנגעהויבען עגבערען אין זיי מח, אַז אפשר איז ער איינער פון די יונגע צובאַלעוועטע מילי אָנערען, וועלכער וויל געווינען די ליעבע און צוטרוי פון דער וואונדערבאַרער בערטע, און ווער ווייס, אפשר וועט ער זי נאָכדעם פאַרפיהרען און מיסהאַנדלען, ווי ס'פּאַסירט אין די רייכע קרייזען. ער האָט גענומען דורכבלעטערען אין זיין זכרון אַלע זיינע רייכע באַקאַנטע, אָבער אַזאַ פּערזאָן האָט ער קיינמאָל ניט באַגעגנעט. ווידער איז איהם אַריין אַ געדאַנק, אַז אויב ער וואָלט געוועזן בערטעס אַן אנהענגער, אָדער אַ געליעבטער, וואָלט ער איהם כאָטש איינמאָל געטראָפען אין איהר געגענוואַרט, און דאָס איז איהם נאָך מעהר קשה געוואָרען. לו האָט

אבער געפיהלט אין זיינע געדאנקען, אז ער ווערט אייפערזיכטיג, און ער האט ניט פיעל טראכטענדיג געפרעגט:

— מיט וועמען האב איך די עהרע זיך צו באגעגענען?

— הערר שווארצקאפף פון דייטשלאנד! — האט די פארשטעלטע בערטע געענטפערט.

— און מיין נאמען איז לו דער שוויגער, — האט ער געזאגט, אין א געבראכענעם דייטש.

— זייט איהר שוין לאנג היער אין אמעריקא? — פרעגט לו און פיהלט בעת מעשה אן אומרוהיגקייט.

— ערשט צוויי טעג! — ענטפערט בערטע קאלטבלוטיג מיט א דייטשען גענעץ.

— זייט איהר לאנג באקאנט מיט פריילען בערטע? — פרעגט ער.

— אה יא, זינט זי איז געבוירען! — ענטפערט זי מיט א קאלטען שמייכעל.

לו ווערט נאכמעהר אומרוהיגער. איצט האט ער ערשט אנגעהויבען פיהלען, ווי שטארק ער איז צוגעבונדען צו בערטען, און ווי אומגליקליך ער וועט זיך פיהלען אויב ער וועט זי חלילה פארלירען. לו'ס נייגעריגקייט וואקסט פון רגע צו רגע, און ער פרעגט ווייטער:

— זייט איהר פריילען בערטעס א פארוואנדטער?

— יא, הערר לו, איך בין נאך מעהר אלס פארוואנדטער! — הערט ער אן ענטפער.

ער ווערט אין גאנצען ווי צומישט. ס'הויבט איהם אן שווינדלען אין די אויגען, און ער פרעגט ווייטער, פארגעסענדיג אויפ'ן דרך ארץ:

— זייט איהר בערטע'ס א ברודער? הערר שווארצקאפף.

— אה ניין! הערר לו! אין בין ניט קיין ברודער צו פריילען בערטע, אבער איך בין צו איהר מעהר אלס א ברודער.

לו האט א ציטער געטהאן, דער געדאנק אז די מערקווירדיגע בערטע האט שוין א מאן, האט איהם ווי דערשלאגען, און ער האט מיט א ציטער אין זיין שטימע קוים אויסגערעדט:

— האב איך אפשר די עהרע צו רעדען מיט בערטע'ס מאן?

— אה ניין! מיין הערר, — האט זיך דער פארשטעלטער שווארצקאפף א כאפ געטהאן. — פריילען בערטע האט נאך קיינמאל ניט געהייראט!

דא האט זיך לו שוין אין גאנצען פארלארען. ניט קיין קרוב, ניט קיין ברודער און ניט קיין מאן, „אפשר א געליבטער“? האט איהם די בלוט א קלאפ געטהאן אין קאפ.

אבער ניין! ניין! האט ער תיכף אין זיינע געדאנקען חרטה געהאט. ניט אזא מלאך ווי בערטע וועט האבען „א ליבקען געליעב־טען“. ס'מוז עפעס זיין א סוד א געהיימעניש, וואס מיט בערטע'ס אריינקומען וועט זיך דאס געוויס אויפקלעהרען, און ער בארוהיגט זיך אביסעל.

ס'געהט אוועק א האלבע שטונדע, וואס ציהט זיך פאר לו ווי אן אייביגקייט, און בערטע איז נאך אלץ ניטא, און דער יונגערמאן קוקט אויף לו, קוקט טיעף אריין אין זיינע אויגען און ער זעהט דארט אן אומרוהיגע וועלט, און ער פרעגט זיך:

— מעג איך וויסען מיין הערר, וואס איהר זייט צו פריילען בערטע?

— אה יעס, — ענטפערט ער שוין עטוואס רוהיגער. — איך בין איהרער זעהר א גוטער פריינט.

— אזוי?! — שרייט אוים שווארצקאפ מיט פארוואונדערונג.

— יעס, יעס, — חזר'ט איבער לו, — איך בין איהר זעהר א גוטער פריינט. אן אמת'ר און אויפריכטיגער פריינט.

— וואלט איהר זיך געגאנגען שלאגען אויף א דועל מיט אימיצען צוליעב איהר? — האט שווארצקאפ געפרעגט עטוואס שמייכלענדיג.

— הערר שווארצקאפ! — האט לו ערנסט געזאגט — אין אונזער מדינה זיינען פארבאטען דועלען, אבער איך וואלט אנגעווענדעט מיין גאנצען איינפלוס, כחות און רייכטהום אום ניט צו פארליערען די שעהנע מערקווירדיגע נוירס, וועמעס צווייטען נאמען איך וויים אפילו ניט.

— אזוי שטארק האט איהר זי ליעב? הערר לו. — האט שווארצ־קאפ געפרעגט עטוואס רויט ווערענדיג.

און ניט טראכטענדיג קיין סך, האט לו געענטפערט:

— יעס הערר שווארצקאפ! — און זיין פנים האט א לייכט געטהאן.

— האט אייך פריילען בערטע אויך ליעב אזוי שטארק? — פרעגט שווארצקאפ.

— כ'וויים ניט, מיין הערר! — ענטפערט לו שטיל — אבער כ'וועל אנווענדען מיין גאנצע ענערגיע צו געווינען איהר ליעבע.

— האָט איהר שוין גערעדט מיט פריילען בערטע? האָט איהר זיך שוין פאַר איהר ערקלעהרט אין ליעבע? הערר לו! — פרעגט שוואַרצקאָפּ מיט אַן אומרוהיגען קול.

— ניין! מיין הערר! — ענטפערט לו רויט ווערענדיג ווי אַן אינגעל.

— ווארום? מיין הערר! — פרעגט שוואַרצקאָפּ זעהר שטיל, קוים וואָס לו קען הערען.

— דעם אמת זאָגענדיג, ווייס איך נאָך אַליין ניט, ווארום איך האָב מיט איהר ניט גערעדט דערפון, — ענטפערט לו. — איך האָב זיך נאָך אַליין ניט אָפּגעגעבען קיין רעכענונג, און אגב איז זי תמיד פאַר־נומען מיט הויכע אידעאַלען, אַז זי טראַכט קיינמאָל ניט פון זיך. זי גיט אוועק אַלע איהרע כחות און איהר גאַנצע צייט דעם „זייאָניזם“ און איך האָב ניט קיין געלעגענהייט צו רעדען צו איהר אונטער פיער אויגען.

— זייט איהר אַ זייאָניסט? הערר לו!

— ניין! הערר שוואַרצקאָפּ. איך ליעב מיין אָנקעל סעם זעהר שטאַרק.

— אבער, הערר לו! מען קען דאָך ליעב האָבען דאָס פאַטערלאַנד און דאָך זיין אַ גוטער איבערגעגעבענער איד?...

— יעס, כ'בין אַ גוטער איד, הער שוואַרצקאָפּ.

— אבער הער לו! איך פאַרשטעה דאָך ניט, ווי קען מען זיין אַ גוטער איד אַז מען איז ניט קיין ציוניסט?

— אָה יעס, איך בין אַן א מ ע ר י ק א נ ע ר פון מאָזאאישען גלויבען הערר שוואַרצקאָפּ.

— נו, יע, הערר לו, איהר גלויבט אין מאָזעסען, נאָר איהר גלויבט ניט אין דאָס אידישע פאָלק, אָבער „מאָזעס איז דאָך ניט קיין מאָזעס“, ווען ער האָט ניט קיין פאָלק?

— אבער הערר שוואַרצקאָפּ! אַלע פעלקער פון דער וועלט האָבען דאָך אנערקענט די ביבעל?

— יאָ, הערר לו, אָבער צו דער ביבעל האָבען זיי דאָך נאָך עפּעס אַ מין תורה מיט עפּעס אַ גאָט'ס־זוהן?

— אָבער מיר אידען גלויבען נאָר אין דער ביבעל אַליין און אין דעם איין־און־איינציגען גאָט! הער שוואַרצקאָפּ.

— דאָס ווייס איך הערר לו, אָבער וואָס זאָלען טהאָן יענע אידען וועלכע גלויבען ניט אין רעליגיאָן, צו וועמען באַלאַנגען זיי?

— יעס, הערר שווארצקאפף! אט די זעלבע פראגע, האט מיך פיעלע מאל געפרעגט פריילען בערטע, און איך קען דאס נאך ביי זיך ניט קלאר מאכען.

— איז עס נאך ניט גענוג קלאר, הערר לו! אז ווען מען שלאגט אידען אין א לאנד הערען זיך זייערע קולות איבער דער גאנצער וועלט, און אלע אידען פיהלען דעם וועהטאג. איז דאס ניט דער בעסטער סימן פון א פאלק?

— אבער מיין הערר! כ'האב זיך צופיעל פאררעדט; כ'וועל אראפגעהן אין גאס, אפשר וועל איך אנטרעפען פריילען בערטע, וועל איך איהר אביסעל אנשייגעצ'ן ווארום זי האט אייך געלאזען אזוי פיעל ווארטען.

— אה ניין! — הערר שווארצקאפף! זאגט איהר בעסער גאר נישט, ווייל איך בין זיכער אז אלץ וואס זי טהוט מוז מן הסתם אזוי געטהאן ווערען, און אין יעדער זאך האט זי א גוטע כונה. איך האב פיעל פסיכאלאגיע געלערענט, און איך בין איבערצייגט אז פריילען בערטע איז ריין ווי א מלאך, אומשולדיג ווי א קינד און שטאלץ ווי א קעניגין. אמת איהרע געדאנקען, איהרע אידעאלען זיינען מיר נאך פרעמד. נאר איך האף אז מיט דער צייט וועל איך איהר קענען פאר־שטעהן.

— לויט ווי איך הער פון אייער מויל, הערר לו, האט איהר א פנים צו דער שעהנער נוירם, דעם גרעסטען צוטרויען, און איהר וועט קיינע קשיות ניט פרעגען, אפילו ווען איהר וועט זעהן פון איהר אויסער־געוועהנליכע טהאטען?

— יעס מיין הערר! איך באשטעטיג נאכאמאל דאס וואס איך האב ערשט געזאגט, און דאס וואס איהר האט געפרעגט, — האט לו ערנסט גענטפערט.

— אויב אזוי הערר לו, גיט מיר אייער איידעלע האנט, — און שווארצקאפף האט זעהר שטארק און פריינדליך געכאפט דריקען זיין האנט, און האט געזאגט:

— פון היינט אן בין איך אייער אמת'ער גוטער פריינט, ווייל בערטע'ס פריינט זיינען אויך מיינע פריינט. — זי האט אראפגענומען די טשארלי טשאפלין וואנצעלאך מיט'ן פארוק, און לו האט דערזעהן פאר זיך בערטהען נאר אין מאנסבילשע קליידער.

— וואס איז דאס פאר א קאמעדיע? — האט ער מיט א פרעהד ליכער פארוואונדערונג געפרעגט.

— אבער הערר לו! איהר פארגעסט א פנים וואס איהר האט ערשט גערעדט, אז איהר האט צו מיר הונדערט פראצענט צוטרוי. איך בעט אייך פרעגט מיך ניט. איך האף אז די צייט וועט קומען, וועט איהר דער ערשטער פון אלעם וויסען, ווער איך בין, פון וואנען איך קום, און ווארום איך מוז אזוי האנדלען.

לו איז געווען מלא שמחה, וואס עס האט זיך אזוי אויסגעלאזען אז „ער" איז גאר „זי". ער האט געפיהלט אז דא מוז ליגען א גרויסע כונה, און א באהאלטענער סוד, און ער האט געזאגט:

— געווים מיס בערטע וועל איך האלטען מייןווארט, כאטש איך וועל זיך מוזען אנשטרענגען. אבער איין בקשה וועל איך פון אייך פארלאנגען: „אז אין אלע שאלות און בקשות וועלכע זיינען נוגע אייער פערזענליכקייט, וועל איך פארבלייבען לו דער שוויייגער, נאר איין פראגע וואס איז נוגע מיר אליין, ערלויבט מיר צו פרעגען".

— גוט, פרעגט! איהר גוטער לו, — האט זי פרעהליך געענטפערט. און לו האט אנגעהויבען צו רעדען און זיינע בלויע אויגע האבען סודות'דיג געפינקעלט.

— מיסס בערטע! רעדענדיג מיט'ן העררן שווארצקאפף, האב איך איהם בפירוש ערקלעהרט אז איך ליעב פריילען בערטע מיט אן אמת'ן הארצען, אויף וויפיעל אזא מאן ווי איך בין פעהיג, און איך וויל איבער'חזר'ן די ווערטער פאר אייך אליין: — טייערע בערטע! —איך ליעב אייך פון דעם ערשטען מאמענט ווען איך האב אייך באגעגענט אין דער לייברערי. וואס א טאג מעהר פיהל איך ווי שטארק מיין ליעבע איז צו אייך. איך בין זיכער אז צוזאמען מיט אייך, וועל איך ווערען דער שטארקסטער מענש אין דער וועלט. מיין שטארקער קערפער און אייער גרויסע נשמה, וועלען ווערען א גרויסע קראפט. איך בין תמיד געווען א פראקטישער מענש. כ'האב זיך אפגעגעבען נאר מיט פראקטישע ארבייט. אבער איצט צו מיין פרייד, האב איך דערפיהלט דעם ערשטען מאל אין מיין לעבען דעם אמת'ן גייסטיגען גענוס, די אמת'ע פלאם-פייערדיגע ליעבע. אט פונקט ווי אן אומשולדיגער יונגער בחור'ל. מיין ליעבע איז אהן א גרענעץ. זאגט מיר טייערע, שעהנע, וואונדערבארע נוירם, קען איך לכל הפחות האפען אויף אייער ליעבע? קען איך האפען אז איהר וועט מיך אמאל גליקליך מאכען?

בערטע איז געבליבען פארטראכט, און איהר הארץ האָט גע־שטורעמט ווי א ים אין א שטורעם ווינט. זי האָט געפיהלט, אז זי ליעבט ווירקליך דעם גרויסען אמעריקאנעם, אָבער ווי קען זי טראַכטען פון איהר אייגענעם גליק, נאָכדעם ווי זי האָט אַזוי פיעל געזינדיגט נעגען איהר פאָלק און געגען איהר אייגענע טאטע מאמע! און דאָס ערגסטע איז פאַר איהר געווען, דאָס וואָס לו מיט זיין גאַנצער גרויס־קייט און גוטסקייט, פיהלט זיך פרעמד צו דעם אידישען פאָלק, און זי האָט פעסט באשלאָסען אז כל זמן זי וועט ניט תשובה טהאָן אויף איהרע פריהערדיגע מעשים, און כל זמן לו וועט ניט ווערען אַן אמת'ער און באוואוסטזיניגער איבערגעגעבענער קעמפער פאַר דער אויפלעבונג פון דעם אידישען פאָלק אין זיין היסטאָרישען לאַנד ארץ ישראל, זאָל זי זיך ניט איבערגעבען צו איהר פערזענליכען גליק, נאָר בעסער ליידען און האָפען. און זי האָט שטיל אומעטיג אָבער שטאָלץ געענטפערט:

— לו! איהר גרויסער אמעריקאַנער! יעדער וואָרט וואָס איך האָב איצט געהערט פון אייער מויל, איז טיעף איינגעקריצט געוואָרען אין מיין הארץ און נשמה. איך גלויב און פיהל אַז אייער ליעבע צו מיר איז אַן אמת הייליגע. אָבער צו געבען אייך איצט אַן ענטפער, קען איך בשום אופן ניט, ווייל זעהר א גרויסע דיקע „מחיצה" שטעהט נאָך צווישען אונז. מיר ציהט קיין „מזרח" און אייך ציהט קיין „מערב". אום אונזערע נשמות זאָלען זיך קענען פאראייניגען אויף אייביג, מוזט איהר א ים איבערשווימען, איבער א מדבר וואַנדערען, און צוברעכען די גרויסע דיקע מחיצה, וועלכע שטעהט אויף אונזער וועג. דאַן, וועל איך מיט פארגעניגען אויסשרייען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז איך געהער צום גרויסען לו, און איך וועל זיין די גליקליכסטע אין דער וועלט. נאָר ביז די צייט וועט קומען בעט איך אייך גוטער אמת'ער טייערער פריינט! דערמאָנט מיר מעהר ניט פון אייער ליעבע צו מיר, וואָס דאָס איז נאָר מיין פערזענליכער גליק. האָפט און וואַרט, ווייל פריהער מוז קומען מיין פאָלק'ס הצלחה, און ערשט נאָכדעם מיין אייגענער גליק.

לו האָט זעהר געדריקט איהר האַנט, און פון דעם מאָמענט אָן האָבעןביידע געפיהלט אַז זיי שטעהען זעהר נאָהענט איינער צום צווייטען, נאָר עפּעס א מניעה דערלאָזט זיי ניט צו צוקומען צום אמת'ן גליק, אָבער זיי האָבען געהאָפט, אַז מיט דער צייט וועט די

מניעה באזייטיגט ווערען, און זייערע הערצער און נשמות וועלען אויף אייביג ווערען פאראייניגט.

לו האט ניט געקענט פארשטעהן, וואס פאר „א ים ער מוז איבער־שווימען“, און וואס פאר א „מדבר ער מוז וואנדערען“, אבער ער איז געוועזן זיכער, אז זיין בערטע דענקט פון עפעס גרויסעס, וואס ער קען נאך פארלויפיג ניט פארשטעהן. נאר ער האט געהאפט, אז ער וועט זיין בכח בייצוקומען אלע שטערונגען ווי שווער זיי זאלען ניט זיין. און ער האט מיט מעהר חשק גענומען לערנען די דרכים פון בערטען, און געהן מיט איהר צו אלע ציוניסטישע און סאציאליסטישע פאר־זאמלונגען. ער האט געוואלט ארויסנעמען דעם תוך, די נשמה, פון איהרע אידעען. אבער ער האט עס אלץ געטהאן ווי א פראקטישער געשעפטסמאן אהן קיין שום ראמאנטיק. און פיעלע זאכען האט ער בכלל נאך ניט געקענט פארשטעהן, ווייל זייענדיג געבארען און ער־צויגען אונטער אנדערע הימלען, מיט אן אנדער קולטור, האט ער ניט געקענט פיהלען ווי אן אייראפייער איד; און ווען ער האט עפעס געטהאן א זאך פון וואס בערטע איז געוועזן צופריעדען, האט ער זיך געפיהלט פאר דעם גליקליכסטען.

צוויי־און־צוואנציגסטער קאפיטעל.

בערטעס ערשטער נצחון.

איינמאל ווען בערטע און לו זיינען געזעסען און גערעדט, פון פארשיעדענע וויכטיגע ענינים, האט בערטע מיט באגייסטערונג גע־נומען רעדען פון דעם „כעמישען שטאף“ וועלכער איז געווארען היס־טאריש אין דער ציוניסטישער באוועגונג. „ווייל גראדע אין דעם מא־מענט, ווען די לאגע אין דער ענגלישער אדמיראליטעט האט אויסגע־זעהן זעהר ערנסט, איז געקומען דער גרויסער דר. חיים ווייצמאן און געבראכט מיט זיך די רפואה, וועלכע האט געמאכט פאר אומשעדליך דעם טראנספארט פון די פולווער“. און כאטש דער גרויסער דאקטאר האט מיט זיין גאנצע ענערגיע געדיענט דער ענגלישער רעגיערונג, האט ער דאך די גאנצע צייט אין זינען געהאט, די טראגעדיע פון זיין פאלק, די טויזענט יאהריגע טראגעדיע פון אידישע היימלאזיגקייט, —

מיט זיין מערקווירדיגער פערזענליכקייט און מיט'ן גאנצען כח פון זיין אינטעלעקט, האט ער איבערצייגט די ענגלישע פאליטיקער און פיהרער פון ליבעראלען געדאנק, אז נאר דער ציוניזם וועט לייזען די אידישע פראגע. א סך פון די אנגזעהענסטע ענגלישע און אמע־ריקאנער אידען זיינען ענערגיש געקומען דעם דאקטאר צו הילף, ביז ארטהור דזשיימס באלפור, דער אויסלאנדס־מיניסטער פון גרויס בריטאניע האט אין מאנאט נאוועמבער 1917 פראקלאמירט די בא־ריהמטע היסטארישע „באלפור דעקלעראציע" וואו די ענגלישע רע־גירונג פארפליכטעט זיך צו העלפען אויפבויען מיט איהרע מיטלען א נאציאנאלע היים פאר'ן אידישען פאלק אין ארץ ישראל. דער „בעמישער שטאף" האט באוויזען אזא וואונדערבארען כח, אז ער האט געמאכט אומשעדליך ניט נאר דעם טראנספארט פולווער פון דער אדמיראליטעט, נאר אפילו דעם גרויסען „טראנספארט־פולווער" פון די אנטיסעמיטען. און די נייע זון איז אויפגעגאנגען. פונקט אין דעם מאמענט ווען די ארמייען פון רוסלאנד, פוילען און דייטשלאנד האבען מארשירט הין און צוריק איבער אידישע צאפלדיגע קערפערס, און דאס אידישע פאלק איז געווען אין טיעפסטע פארצווייפלונג. עס איז געווען דער בראשית פון א נייער ערא אין דער ציוניסטישער בא־וועגונג. פון א מיסטישע האפענונג איז דער ציוניזם געווארען א פראק־טישע ווירקליכקייט. דאס איז איינער פון די שפאנענדסטע קא־פיטלען אין דער אידישער געשיכטע! — האט בערטע מיט התלהבות גערעדט.

לו האט געשלונגען יעדערווארט, כאטש ער האט געוואוסט דערפון און האט אפשר אויך מיטגעווירקט, נאר ער האט געפיהלט אז זיין בערטע רעדט ניט בחינם, מן הסתם וועט זי קומען צו עפעס א נייעם פונקט.

— איצט מיין טייערער לו! מיין אמת'ער גוטער פריינט. כאטש איהר זייט ניט קיין איבערצייגטער ציוניסט, און איהר ספק'ט בכלל אויב עס איז גאר דא א אידיש פאלק, אבער איך פיהל אז איהר זייט בכח צו שרייבען א שעהנעם קאפיטעל פאר דער אידישער געשיכטע — האט זי סודות'דיג ארויסגערעדט.

זי איז אנשווייגען געווארען, און לו האט באמערקט:

— רעד, מיין טייערע! איך הער.

— לו! — האט זי גערעדט — איהר ווייסט גאנץ גוט, אז ווען אמעריקע איז אריין אין קריעג אין 1917 איז גלייך קלאהר געווארען,

אז נאָכ'ן נצחון פון די עליים, וועט אָנקעל סעם האָבען דעם גרעסטען איינפלוס ביי דעם פרידענס קאָנפערענץ. אַלע פעלקער פון דער וועלט, הערען זיך גוט צו, צו די ווערטער פון אייער פרעזידענט ווילסאָן, וועלכער איז דער אמת'ר גייסטיגער פיהרער פון די עליים, און ער, דער גרויסער ווילסאָן, האָט דער ערשטער פּראָקלאַמירט דעם בראשית פון אַ נייער ליכטיגער אָרדנונג ווי נאָר דער „בלוטיגער מבול" וועט זיך אין גאַנצען ענדיגען. ער האָט פּראָקלאַמירט די אנערקענונג פון די קליינע נאַציאָנען. דאָס איז געווען איינער פון די הויפּט פּונקטען פון זיין פּראָגראַם, און דאָס איז דאָך געווען אין פולען אָנ־קלאַנג מיט די ציוניסטישע האָפענונגען, ווייל איינער פון די וויכ־טיגסטע פּרינציפּען פון דעם ציוניסטישען פּראָגראַם איז, אַז אידען זיינען אַ פאָלק און אַז די רעכט פון אידישען פאָלק מוזען אנערקענט ווערען.

— איצט מיין גוטער לו, קום איך צום ריכטיגען תכלית לויט ווי איך האָב געהערט, איז דער פּרעזידענט ווילסאָן אייערער אַ חבר און אַן אמת'ער גוטער פריינט. בעט איך אייך טייערער לו, נוצט אויס אייער גרויסען איינפלוס און פריינדשאַפט, צו קריגען די אנער־קענונג פאַר דער באַלפור דעקלעראַציע, פון אייער גרויסען פּרעזידענט און די סימפּאַטיע פון דעם גרויסען אַמעריקאַנעם פאָלק. און דער נאָמען פון מיין לו דעם שווייגער, וועט פאַראייביגט ווערען אין דער געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק.

לו האָט ניט גלייך געענטפערט. ער האָט זיך שטאַרק פאַרטראַכט, און בערטע האָט אַריינגעקוקט אין זיינע בלויע אויגען, וואו זי האָט געזעהן אַ ליכטיגען פייער'ל.

— גוט, — האָט ער נאָך אַ היבשען שטיל־שווייגען אַרויסגע־רעדט.— איך וועל אנווענדען מיין איינפלוס אויף מיין גוטען חבר דעם גרויסען ווילסאָן, און איך האָף אַז דיין וואונש וועט אין גיכען ערפילט ווערען, צו דער פרייד פון אַלע רוסישע און פוילישע אידען.

בערטע האָט געפיהלט אַז זי האָט איצט געהאַט אַ גרויסען נצחון, און פון גרויס שמחה האָט זי אַזוי שטאַרק געדריקט לו'ס האַנט, אַז ער האָט זיך געפיהלט זעהר גליקליך.

לו האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבייט. ער האָט אָנגעהויבען אַ פיבערישע טהעטיגקייט מיט'ן צוועק צו געווינען די גרויסע אידישע מאַסען און די סימפּאַטיען פון אַמעריקאַנער פאָלק.

אין דער זעלבער צייט האט פאסירט אז דער פרעזידענט ווילסאן האט באשטימט לו דעם שווייגער, פאר איינעם פון די העכסטע ריכטער אין לאנד, און עס האט נאכדעם לאנג ניט גענומען, און דער פרעזידענט האט אויסגעדריקט זיין פולע סימפאטיע מיט די ציעלען און שטרע־בונגען פון דער ציוניסטישער באוועגונג.

לו דער שווייגער, איז נאך ווייטער געגאנגען, אום כדי ביי דער פרידענס קאנפארענץ זאל דערהערט ווערען די שטים פון די אידען, האט ער מיט אנדערע איינפלוסרייכע אידען, ארגאניזירט א באוועגונג צונויפצורופען אן אמעריקאנער אידישען קאנגרעס, וואו ס'זאלען פאר־מולירט ווערען די פאדערונגען פון בירגערליכע פאליטישע, און רע־ליגיעזע רעכטע פאר די אידען אין די נייע פארגרעסערטע שטאאטען, וועלכע די פרידענס קאנפערענץ וועט באשאפען, און די פאדערונג אז עס זאל אנערקענט ווערען דאס היסטארישע רעכט פון אידען איבער פאלעסטינא אלס דאס נאציאנאלע אידישע היימלאנד

פיעלע אמעריקאנער אידען אויפ'ן קאנגרעס האבען זיך זעהר נעשראקען פאר דעם ווארט „נאציאנאלע רעכטע", אבער נאך לאנגע און ליידענשאפטליכע דעבאטען, זיינען אויסגעארבייט און פארמולירט געווארען די פאדערונגען, און דער אידישער אמעריקאנער קאנגרעס האט געשיקט צו דעם פרידענס קאנפארענץ, אן אנגעזעהענע דעלע־גאציע פארצושלאגען די פאדערונגען.

אין פאריז זיינען צוגעשטאנען צו דער אמעריקאנער דעלעגאציע פארטרעטער פון אייראפא און פאלעסטינא, און זיך פאראייניגט אלע אין איין ארגאניזאציע, וועלכע איז באקאנט געווארען אלס, די אידישע דעלעגאציע פון דער פרידענס קאנפערענץ.

די דעלעגאציע אונטער'ן פארזיץ פון דעם ריכטער מעק און דעם גרויסען אדוואקאט לואי מארשאל, האבען אויסגעארבייט א רייהע פארשלאגען בנוגע אידישע רעכטע, און האבען אויך מיט געארבייט מיט די פארשטעהער פון דער אלוועלטליכער ציוניסטישער ארגאני־זאציע, וועלכע האט צו יענער צייט אפגעהאלטען א קאנפערענץ אין פאריז.

דעם 27טען פעברואר 1917, זיינען דר. חיים וויצמאן, נחום סאקאלאוו און מנחם מענדל אוסישקין אויפגעטראטען פאר דער פרי־דענס קאנפערענץ אין די אינטערעסען פון ציוניזם. דא איז געווען א מ א מ ע נ ט וואס וועט מיט גרויסע אותיות פארשריבען ווערען אין דער געשיכטע פון אידישען פאלק. ס'האט אבער גענומען א גאנץ

יאָהר צייט אין אומרוהיגען וואַרטען, ביז די ציוניסטישע פראַגע איז פאַרהאַנדעלט געוואָרען, ערשט פאַר'ן עליים ראַט אין סאַן-רעמאָ.

לו דער שוויגער מיט זיינע טרייע איבערגעגעבענע חברים, האָבען געאַרבייט אויף אַלע כלים, זיי האָבען אויפגעוועקט די עפענטליכע מיינונג פון אַמעריקאַנער אידענטהום, פון אַלע עקען אַמעריקע און איירפּאַ זיינען געפלויגען אַפּיעלס קיין סאַן-רעמאָ, אַז די ציוניסטישע פאָדערונגען זאָלען באַוויליגט ווערען. אַלע זיינען דורכגענומען גע־וואָרען מיט איין לײדענשאַפטליכען פאַרלאַנג, אַז דער אידעאַל פון נאַציאָנאַלער באַנייאונג מוז פאַרווירקליכט ווערען. און דעם 22טען אַפּריל 1920 האָט דער עליים-ראַט אידאָרסירט און באַשטעטיגט די באַלפור דעקלעראַציע, און עס אריינגענומען אַלס באַשטאַנד טייל אין דעם אַפּמאַך מיט טערקיי. דאָס איז געווען דער ערשטער יורידי־שער שריט צו רעאַליזירען די באַלפור דעקלעראַציע. און ווען לו איז געקומען צו בערטע'ן מיט דער גוטער בשורה, אַז אַלעס האָט זיך אויסגעלאָזט אויפ'ן בעסטען אופן פאַר די ציוניסטען און פאַר די רוסישע און פּוילישע אידען, איז זי פון גרויס שמחה אַרויפגעפאַלען אויף זיין האַלז, און האָט איהם געגומען האַלזען און קושען.

לו איז געווען גליקליך, איהם האָט זיך געדוכט, אַז איצט איז דער בעסטער מאָמענט צו בעטען איהר האַנט אויף אייביג.

ער האָט איהר געהאַלזט און געקושט, און זיך אַנגעהויבען בעטען:

— בערטע טייערע! זאָל איצט זיין די גליקליכע צייט, און זאָלען איצט אונזערע נשמות פאַראייניגט ווערען, פאַר די אויגען פון דער גאַנצער וועלט.

בערטע איז געקומען צו זיך פון דער איבעראַשענדער בשורה. זי האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון לו'ס הענט, און האָט צו איהם גענומען רעדען ווי אַ תמימות'דיגע קינד:

— לו! דו גוטער גרויסער אַמעריקאַנער, איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דו מוזט פריהער אַ ים איבערשווימען, אַ מדבר איבער־וואַנדערען און צוברעכען די וואַנט וועלכע שטעהט צווישען אונז. ערשט דאַן מיין בראַווער לו, וועלען מיר זיך קענען פאַראייניגען און זיין די גליקליכסטע מענשען אויף דער וועלט. דאַן מיין לו! וועסטו ניט דאַרפען בעטען מיין האַנט. איך וועל זיין די ערשטע צו לויפען אַנטקעגען מיין העלדישען לו און פאַלען איהם אויפ'ן האַלז, און אויס־שרייען פאַר דער גאַנצער וועלט, אָט דאָס איז מיין לו!

און לו דער שווייגער, האָט געשוויגען ווי זיין שטייגער. ער האָט געהאַפט, אַז אפשר מיט דער צייט וועט ער פאַרשטעהן, וואָס פאַר אַ „ים", וואָס פאַר אַ „מדבר" און וועלכע „וואַנט" מיינט זיין בערטע.

אָבער ער איז געווען פול מיט האָפענונג אַז בערטע די שעהנע נוירם וועט פאַרבלייבען זיין בערטע אויף אייביג.

נאָך דער סאַן־רעמאָ רעזאָלוציע, האָט די ענגלישע רעגיערונג, וועמעס אָקופּאַציאָנס־אַרמיי איז דאַמאָלסט געשטאַנען אין פּאַלעסטינע, באַשטימט סער הערבערט סעמיועל אַז אַנגעזעהענעם ענגליש־אידישען שטאַאַטסמאַן פאַר הויי־קאָמישאַנער איבער ארץ ישראל. דאָס איז געווען אַ גרויסע געווינס פאַר דעם אידישען פאָלק. מען האָט געפיהלט אַז די השגחה האָט אַזוי געפיהרט. די אידישע אויפלעבונג זאָל זיך אָנהויבען מיט שמואל דעם 1־טען אָבער די לעצטע און וויכטיגסטע געשעהעניש, האָט ערשט איצט געדאַרפט קומען, ווייל די ליעג פון נאַציאָנען, וועלכע דער פרידענס אָבמאַך האָט באַשאַפען, האָט געהאַט דאָס רעכט צו שענקען מאַנדאַטען איבער אַזעלכע טעריטאָריעס, וועלכע די עליים האָבען איינגענומען אָבער ניט געטאָרט אַנעקסירען. עס איז געווען אַ זיכערע זאַך, אַז ענגלאַנד וועלכע האָט אויסגעקעמפט ביי טערקיי ארץ ישראל, וועט קריגען דעם מאַנדאַט איבער'ן דאָזיגען לאַנד. די ציוניסטען האָבען זיך געשטעלט די אויפגאַבע, אַז אויך די ליעג פון נאַצאָנען זאָל אינדאָרסירען די באַלפור דעקלעראַציע און אָוועקשטעלען זי אַלס אַ תנאי פון מאַנדאַט וואָס וועט צו ענגלאַנד געגעבען ווערען.

די אַלוועלטליכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, האָט אַנגעפיהרט אַז אומאויפהערליכען קאַמף אונטער די שווערסטע באַדינגונגען, אַז די ליעג פון נאַציאָנען זאָל גוט הייסען דעם מאַנדאַט. עטליכע מאָל האָט מען פאַרגעבראַכט פאַר דער ליעג די פראַגע, אָבער זי איז יעדער מאָל צוליעב דער אָדער יענער מניעה אָפּגעלעגט געוואָרען, און ס'זענען געווען נענוג אורזאַכען צו זיין אומרוהיג, ווייל כאָטש די דעקלעראַציע איז סאַנקציאָנירט געוואָרען פון די אַליאירטע פעלקער, וועלכע זיינען פאַרטראָטען געווען אין דער ליעג, האָבען אָבער די פינסטערע כחות אין מערב־אייראָפּאַ אונטערען איינפלוס פון אַראַבישע עפענדים פּראָפּאַגאַנדע גלייך נאָכ'ן וואָפען שטיל שטאַנד געמאַכט יד אחת מיט די שונאים פון אידישען פאָלק, ניט צו דערלאָזען די דורכפיהרונג

פון דער באלפור דעקלעראציע. און ס'האט זיך געמאכט אז די שונאים פון די ציוניסטישע פאדערונגען ווערען דערוויילע אלץ שטארקער. ענדליך איז באשטימט געווארען א דאטום יולי 1922, ווען די פראגע פון מאנדאט איבער פאלעסטינא האט געזאלט ענטגילטיג אנטשידען ווערען, פון דעם ראט פון דער ליגע פון נאציאנען.

די ציוניסטישע ארגאניזאציע פון אמעריקע, האט פארשטאנען אז עס שטעהען איצט אין קאן אלע האפנונגען פון דער באוועגונג, און אז עס איז דורכאוים נויטיג אז אמעריקע זאל לאזען הערען איהר שטים, צו גונסטען פון די ציוניסטישע פאדערונגען, אויב מען וויל אז די ליגע פון נאציאנען זאל ראטיפיצירען דעם מאנדאט.

דאס איז געווען איינע פון די שווערסטע אויפגאבען, ווייל פרעזידענט ווילסאן, וועלכער איז געווען אזוי פריינדליך געשטימט צו דער ציוניסטישער באוועגונג און צום אידישען פאלק, און וועלכער האט געהאט אזא גוואלטיגען איינפלוס אויף דער אייראפעאישער פאליטיק, איז שוין דאמאלס געווען א פריוואטער בירגער, און דער נייער פרעזידענט הארדינג איז ערוועהלט געווארען אויף א פלאטפארם, וועלכע איז געווען געגען דעם אריינטריט פון אנקעל סעם אין דער ליגע פון נאציאנען און געגען דעם אריינמישען זיך אין אייראפעאישע ענינים.

די נייע רעגיערונג האט ניט נאר ניט געהאט קיין חשק אנטייל צו נעמען אין די אייראפעאישע פראבלעמען, וועלכע זיינען ארויסגעוואקסען פון קריעג, נאר האט אפילו פארהאנדעלט מיט דייטשלאנד וועגען א נייעם פרידענס אפמאך, וואס דאס האט געמיינט אין גאנצען זיך אפזונדערען פון די פריהערדיגע עליים. און נאך פארוויקעלטער איז געווארען די לאגע, וואס אין די מחנות פון די אמעריקאנער ציוניסטען איז פארגעקומען א שפאלטונג, וואס האט אנגענומען די פארמע פון א ברודער קריעג. די קריעג איז ארויסגעקומען צוליעב די מעטאדען און פלענער פון דער אלוועלטליכער ציוניסטישער ארגאניזאציע. די איינפלוסרייכע לייטע פון אמעריקא, וועלכע האבען זעהר פיעל אויפגעטאן פאר'ן ציוניזם אין די מלחמה יאהרען, האבען מעהר ניט געוואלט זיין אקטיוו, צי מחמת זיי איז ניט אנגעשטאנען, אז גרינע רוסישע און פוילישע אידען ערגעץ פון פינסק זאלען זיין די טאן־געבער, צי מחמת אין די מלחמה יאהרען האבען זיי געפיהלט דעם גרויסען נויט פון הילפע אויף אלע געביעטען, האבען זיי געהאלפען דעם ציוניזם אויך, אדער גאר פשוט, זיי זיינען נאך ניט געווען מסוגל צו באגרייפען די גרויסע אידעע און דעם גרויסען אחריות. ס'האט

זיי נאך געפעהלט דער נאציאנאלער באוואוסטזיין. זייענדיג גע־בארען אין א פרייע לאנד און איינזויגענדיג איהר קולטור מיט אלע איהרע מנהגים און טראדיציאנען, איז זיי נאך זעהר שווער געווען צו צוגעוואוינען זיך צו דעם אידישען נאציאנאלען געדאנק, אבער וואס די אורזאכע זאל ניט זיין די לאגע איז געווען זעהר א קריטישע.

דער גרויסער לו, וועלכער איז געווען יד אחת מיט אלע איינפלוס־רייכע אמעריקאנער, האט אבער אינדירעקט, צוליעב זיין בערטען, גע־האלפען זיך ארויספלאנטערען פון׳ם שווערען קריזיס. ער האט אין דער שטיל א וואונק געגעבען צו די נייע ציוניסטישע פיהרער, אז זיי זאלען אויסווירקען ביים קאנגרעס און סענאט, די אינדארסירונג פון דער באלפור דעקלעראציע, דאס איז געווען א געוואגטער פלאן.

ס׳זיינען געווען אזעלכע, וואס האבען איהם געהאלטען ניט נאר פאר האפנונגסלאז, נאר אפילו פאר געפעהרלאך. ס׳האט אבער לאנג ניט געדויערט, און קאנגרעסמאן האמילטאן־פיש דזשוניאר, האט אריינגעבראכט דעם פארשלאג אין קאנגרעס, און דער סענאטאר הענרי קעבאט לאדזש, וועלכער האט אזוי היים געקעמפט געגען דעם אריינ־טריט פון אמעריקע אין דער ליעג פון נאציאנען, און וועלכער איז געווען דער שטארקסטער און געפעהרליכסטער געגנער פון ווילסאן׳ס פאליטיק, האט ער דוקא דעם פארשלאג צו אינדארסירען די באלפור דעקלעראציע אריינגעבראכט אין סענאט. נאטירליך האבען ניט גע־פעהלט קיין אידישע מאדערנע סנבלט׳ס, וועלכע האבען גע׳טענה׳ט, אז אידען זיינען ניט קיין פאלק, און ממילא דארפען זיי ניט קיין לאנד. רעוורענד מייק מיט זיין זיג־זאג פנים, האט זיך אליין מטריח געווען, און איז געקומען פאר די פארטרעטער פון׳ם גרויסען אמעריקאנעם פאלק. מיט דער אלטער פארפוילטער טענה, אידען זיינען ניט קיין פאלק, נאר בלויז א רעליגיעזע סעקטע, און אידען טארען גאר ניט האבען קיין אייגען לאנד, ווייל גאט האט זיי מיט א כיון צושפרייט איבער דער גאנצער וועלט, אום צו פארשפרייטען פאר די אומות העולם גאט׳ס ווארט. און הענרי דער דיפלאמאט, האט סתם גע־מאכט חוזק פון דער גאנצער געשיכטע. אבער די פארטרעטער פון׳ם אמעריקאנעם פאלק, מיט זייערע געזונטע חושים, האבען אנדערש געדענקט, ווען ס׳זיינען געקומען צום אפשטימען, האבעןביידע הייזער, סיי דער קאנגרעס און סיי דער סענאט איינשטימיג אינדארסירט די באלפור דעקלעראציע, און שפעטער איז זי אויך גוט געהייסען גע־

ווארען פון פרעזידענט הארדינג אויף צו להכעיס די אידישע מלשינים און סנבלט'ס.

דער זיעג איז אפגעהאלטען געווארען אין דעם פסיכאלאגישען מא־מענט, פונקט פאר דער צוזאמענקונפט פון דער פעלקער־ליעג־ראט, ביי וועלכען עס האט געדארפט דיסקוטירט ווערען די פראגע וועגען פאלעסטינער מאנדאט.

דאס ווארט פון אמעריקע האט געשפיעלט א געוואלטיגע גרויסע ראליע אין אלע אינטערנאציאנאלע ענינים, און דער באשלוס פון אמעריקאנער קאנגרעס און סענאט האט אהן שום ספק בעאיינפלוסט דעם פעלקער־ליעג־ראט. און יולי דעם 24טען 1922 האט די ליעג פון נאציאנען ערקלעהרט ענגלאנד פאר דער מאנדאטען־מאכט איבער פאלעסטינע, מיט'ן תנאי, אז זי זאל דארט מעגליך מאכען די אויפ־בויאונג פון א נאציאנאלער היים פאר'ן אידישען פאלק. און מיט דער פארשטענדעניס, אז די אלוועלטליכע ציוניסטישע ארגניזאציע זאל זיין די אידישע אגענטור מיט וועמען די מאנדאטען מאכט זאל פארהאנדלען אלע אידישע ענינים אין דער אויפבויאונג פון דער אידישער נציאנאלער היים. דאס האט פאקטיש סאנקציאנירט דעם באזעלער פראגראם וועלכער איז אנגענומען געווארען ביי דעם ערשטען ציוניסטישען קאנגרעס אין יאהר 1897 וועגען דער באשאפונג פון אן „עפענטליך רעכטליך אנערקענטער אידיש געזיכערטער היים פאר'ן אידישען פאלק", דאס איז געווען דער טשארטער וועלכער וועט פאר־ווירקליכען די ציוניסטישע האפנונגען.

בערטע האט געפיהלט, אז כאטש לו האט זעהר פיעל געהאלפען, דורכצופיהרען אט די אלע גרויסע היסטארישע געשעהענישען און ער האט ווירקליך אויפגעשריבען שעהנע ליכטיגע קאפיטלאך אין דער אידישער געשיכטע, אבער ער האט עס געטהאן צוליעב זיין ברייטע הארץ, וועלכע וויל העלפען אלע אונטערדריקטע, אבער ניט מחמת ער פיהלט זיך צוגעבונדען צום אידישען פאלק. ער איז געטראגען געווארען פון דעם אימפעט, פון די כוואליעס פון דער צייט, וועלכע האבען איהם געשטופט צו טהאן די גרויסע טהאטען, אבער אין דער אמת'ן איז ער פארבליבען דער זעלבער קאלטער פראקטישער אמע־ריקאנער פון משה'ס גלויבען, און זי האט אנגעשטרענגט אלע איהרע געדאנקען ווי צו געפינען אט יענע גייסטיגע בענדער, מיט וועלכע זי זאל קענען צובינדען דעם גרויסען לו צו דאס אידישע פאלק. זי האט געזוכט אט יענע מיטלען מיט וועלכע זי וועט קענען פארנאנדער

בלאזען אין איהם דאס פינטעלע איד, דעם אידישען ניצוץ, און עס זאל דערפון ווערען א גרויסער נאציאנאלער אידישער פלאם, און דאן וואלט זי זיך געקענט טהיילען מיט איהם איהר גרויסע אויפגאבע, איהר שווערע שליחות. פארלויפיג האט זי געמוזט ארבייטען איינע אליין, און זיך באנוצען מיט איהר לו נאר אינדירעקט.

דריי־און־צוואנציגסטער קאפיטעל.

בערטע ביים רויטען מיטינג.

די אמעריקאנער קאמוניסטען האבען אפגעהאלטען א ספעציעלען געהיימען מיטינג, וואו נאר „הונדערט פראצענטיגע רויטע" זיינען איינגעלאדען געווארען, ווייל אויף דעם מיטינג האט מען געמוזט פאר־האנדלען מכח זעהר וויכטיגע ענינים, וועלכע מען האט ערהאלטען אין געהיים פון מאסקווע, און וועלכע האבען געמוזט וואס גיכער דורכגעפיהרט ווערען. בערטע, זייענדיג א מומחה אין דער „רויטער תורה", האט אויסגעפונען פון דעם מיטינג, און ניט טראכטענדיג קיין סך, האט זי זיך פארקליידעט אלס שווארצקאפ פון דייטשלאנד, און איז אוועקגעגאנגען צום רויטען מיטינג.

ווען בערטע האט אנגעקלאפט אין טיהר, האט מען גלייך ניט גע־עפענט, נאר ס'האט זיך געעפענט א קליינע לאד אין טיהר, און א שטימע האט געפרעגט:

— ווער איז דארט?

— שווארצקאפ פון דייטשלאנד, — האט בערטע געענטפערט.

ס'האט לאנג ניט גענומען, און די טיהר האט זיך שטיל געעפענט און בערטע וועלכע מיר וועלען רופען שווארצקאפ, איז שטאלץ אריין אינוועניג.

ניגלאס, דער אנפיהרער פון די רויטע אין אנקעל סעם'ס מדינה, האט זיך רויט־ברידערלאך גע'שלום עליכמ'ט מיט שווארצקאפ'ן, און האט באמערקט:

— מיר האבען אייך ערווארטעט, ווייל איך האב ערהאלטען א געהיימע צושריפט פון מאסקווע מכח אייער קומען, מיר האבען אפילו אייער בילד אויפ'ן וואנט, ער ציינט איהם די בילד, שווארצקאפ איז צופריעדען. ניגלאס שטעלט פאר איהם פאר, אלע קאמוניסטען, וועלכע

זיינען געקומען פון פארשיעדענע שטעדט צום ספעציעלען מיטינג. שווארצקאפּ גיט אַ שמייכעל געהיימניספול, פונקט ווי ער וואָלט גע־זאגט: „כוויים פון אַלע געהיימניסע" און שלום עליכם'ט זיך מיט אַלעמען. די שטימונג ווערט אַ פרעהליכע. עפּעס אַ קלייניגקייט! אַ רויטער רבי אַראָפּגעקומען אַזש פון דייטשלאַנד.

מען עפענט גלייך דעם מיטינג. די רויטע חסידים ווערען ערנסט און שווארצקאפּ ערקלעהרט זיי, אַז ער איז זעהר מיד פון דער רייזע, דאַרום וועט ער נאַר אויסהערען אַלע געהיימע באַריכטען, און די אינסטרוקציעס פון מאָסקווע. ער וועט פאַר זיי רעדען צום צווייטען מיטינג.

ניגלאַס איז דערפון זעהר צופריעדען. „דערווייל וועט ער קענען ציינען דעם גרויסען שווארצקאפּ, זיין טאַלאַנט, און די בקיאות אין די ענינים פון רויטע דיפּלאָמאַטיע". און ער הויבט אָן:

— חברים קאָמוניסטען! ס'איז ניט גענוג וואָס אונזערע ברידער די באָלשעוויקעס האָבען געפּאַרבט אויף רויט די אָמאָליגע גרויסע רוסלאַנד! אונזער ציעל מוז זיין צו פאַרבען אויף רויט די גאַנצע וועלט! און דערפאַר האָט טאַקע דער „אינטערנאַציאָנאַל" איינגע־פיהרט אַ „פּראָפּאַגאַנדע דעפּאַרטמענט", וואו עס ווערט אונטעררינכטעט די מלאכה פון „רויט-פאַרבעריי". לויט די אינסטרוקציעס פון מאָסקווע באַשטעהט די הויפּט פּראָפּאַגאַנדע, נאַר אין צוגרייטען אומרוהען, וואו מען קען עס דורכפיהרען. אונזערע רויטע שלוחים זיינען איצט צו־שפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, אין ווייטען מזרח אַזוי ווי אין נאָהענטען. די מאָסקוואער רויטע אַגענטען זיינען איצט זעהר טהעטיג אין כינע, יאַפּאַן, אינדיע, מצרים און פּאַלעסטינע.

דער כינעזישער גרויסער סטרייק, אָדער רעוואָלוציע ווי מען זאָל דאָס ניט אָנרופען, קריגט ערמוטהיגט פון מאָסקווע. אין פּאַלעסטינע רייצען זיי די אַראַבער געגען די אידען און ממילא געגען ענגלאַנד. די „מאָפּסען" אין פּאַלעסטינע, זיינען מעהרסטענס באַצאָהלטע אַגענטען פון מאָסקווע, און זייער אויפגאַבע איז צו העלפען צושטערען די רוהע וואו נאַר עס איז מעגליך.

מיר צווישען אונז מעגען וויסען דעם אמת! אַז מיר רויטע, האָבען קיין שום שייכות ניט מיט די צוועקען פון די כינעזישע רעוואָלו־ציאָנערען, וועלכע ווילען באמת אַ פרייע כינאַ, אָדער מיט די מאַראַ־קאַנער נאָכפאָלגער פון עבד-אל-קרים, וועלכע ווילען אַ פרייע זעלבסט־שטענדיגע מאַראָקאָ, מיר האָבען ניט וואָס צו טהאָן מיט די עגיפּטישע

עקסטרעמיסטען אדער אראבישע פארטייען אין פאלעסטינע; מיר האבען פאר זיך נאר איין צוועק: אויפטרייסלען די אינטערנאציאנאלע ארדנונג און רוהיגקייט. ברענגען מהומות און שוואך מאכען דעם איינפלוס פון די אייראפעאישע מעכטע; קודם כל פון ענגלאנד און נאכדעם פון אנדערע לענדער. און אז מיר וועלען שוואך מאכען די מאכט פון די אייראפעאישע מעכטע, און אונטערגראבען די יסודות אויף וועלכע די היינטיגע געזעלשאפט עקזיסטירט, וועט אונז דאמאלסט זיין זעהר גרינג ארויפצוצווינגען אויף אלעמען אונזער רויטע תורה.

חברים קאמוניסטען! די שווארצע יעזואיטען אמאל, האבען גע-מעגט היפאקריטעווען אונטער גאט'ס מאנטלען!? מיט'ן מויל פלעגען זיי רעדען פון גאט, און און אין האנט האלטען א שווערד! מעגען מיר זיך געווים באנוצען מיט דער זעלבער מעטהאדע, אונטער אונזערע „רויטע מאנטלען", „דער צוועק הייליגט דאס מיטעל".

מיר אין מאסקווע, מעגען זיך טאקע מאכען א שריט ריקווערטס, צו דער אלטער ארדנונג, ווייל אנדערש קענען מיר זיך ניט העלפען, אז ניט וועלען מיר מוזען אונטערגעהן. מיר מוזען האבען דעם „נעפ" אויב מיר ווילען דערהאלטען אונזער נשמה, כאטש ס'איז א שטיק פון די בורזשוען, אבער פאר די כינעזער, מאראקאנער, עגיפטיאנער און אראבער מוזען מיר צוגרייטען דעם באדען פאר מהומות און אומ-רוהען. וואס ביי אנדערע איז ניט לאגיש, מוז ביי אונז רויטע זיין לאגיש, את דאס מוז זיין אונזער שטה.

פון מאסקווע האבען מיר ערשט ערהאלטען צוויי צושריפטען וועל-כע זיינען פון גרוים וויכטיגקייט. די ערשטע צושריפט לויטעט, אז מיר מוזען שיקען כלומר'שט אן עקספעדיציע נאך עגיפטען און פא-לעסטינע, צו בעטראכטען די נייע אויסגראבונגען, אבער אין דער אמת'ן אויף אונזער „רויטען לשון" הייסט עס, צו שיקען רויטע אגענ-טען אנצורייצען די היציגע עגיפטיאנער און די אראבער געגען די אידען און געגען ענגלאנד. אונזער עקספעדיציע וועט זיך פאראייניגען מיט די אגענטען, וועלכע זיינען שוין דארט פון צוויי חדשים, אונטער דער פיהרערשאפט פון'ם גרויסען מעדוויעדיעוו פון מאסקווע.

די צווייטע צושריפט ענטהאלט נאך א מעהר וויכטיגערע זאך: מען האט ערפארען, אז בעטקע די הויפט ריכטעריז פון דער סאוועטען רוסלאנד, געפינט זיך איצט אין אמעריקע. אונזערע אייגענע אגענטען האבען איהר אפילו געהערט רעדען אויף א גרויסען מאסענפערזאמלונג, וואו זי האט געגאסען פעך און שוועבעל אויף די באלשעוויקעס.

מען האט אונז צוגעשיקט פון מאסקווע איהר ריכטיגע בילד, און אינסטרוקציעס ווי צו האנדלען, אין דעם פאל אויב אונז וועט געלינגען זי צו כאפען.

מען זאל איהר גאר נישט טהאן, נאר אנווענדען פארשיעדענע מיטלען און ברענגען זי א לעבעדיגע נאך דער סאוועט־רוסלאנד, וואו זי וועט עפענטליך גע'משפט ווערען פאר דעם העכסטען טריבונאל, אום בכדי די קאנטער־רעוואלוציאנערען זאלען זיך איבערצייגען, אז מיט די רויטע טאר מען זיך ניט שפילען, דאס וועט אנווארפען א פחד אויף אלעמען, און אגב וועט אויסלאנד קריגען מעהר דרך ארץ פאר אונזער שטארקייט. די וועלט וועט אנערקענען אז פון אונז קען מען זיך בשום אופן ניט אויסבאהאלטען. אונערע „רויטע הענט" דערלאנגען זעהר ווייט.

ווען ניגלאס האט געענדיגט רעדען, האבען איינינגע געשטעלט פראגען צווישען וועלכע עס איז אויך געווען די פראגע: „ווארום זאל מען די הויפטריכטעריז אויפ'ן ארט ניט דער'הרג'ענען? אויב מען וועט זי ערגעץ דערטאפען.

דא האט זיך שוין שווארצקאפ אויפגעשטעלט, און די „רויטע חסידים" האבען מיט יראת הכבוד אויפגעשטעלט די אויערען, און אויפגעעפענט די מיילער, אום חלילה ניט צו פארליערען איין ווארט פון גרויסען שווארצקאפ, וועלכער האט תמימות'דיג מיט פאנאטישע התלהבות ערקלעהרט:

— חברים קאמוניסטען! אונזער אומשטערבליכער ניקאליי פלעגט זאגען: „אז דער אמת'ער דיסציפלין פון די רויטע ארמייען וועלכע טראצקי האט איינגעפיהרט האט געראטעוועט די סאוועט־מלוכה". דער בראשית פון אונזער „נייע תורה" הויבט זיך אן מיט דיסציפלין! און אפילו דעם גרויסען טראצקין דעם גאט פון די „רויטע מחנות", האט מען פארשיקט אויף די קאווקאזער בערג פאר וועלען געהן אנט־קעגען דעם דיסציפלין, און ער וועט מוזען דארטען אזוי לאנג פאר־בלייבען ביז ער וועט גוט תשובה טהאן. אנאנדערען אויף זיין פלאץ, וואלט מען אפשר גלייך אפגעשיקט צום טשעקא אבער פאר טראצקי'ן מוז מען האבען דרך ארץ! ערשטענס צוליעב זיינע איבערגענעבענע רויטע מחנות, און צווייטענס ווייל רוסלאנד קען זיך ניט באגעהן אהן איהם. ער איז דער איינאיינציגער וועלכער קען אויספלאנטערען די שווערסטע פלאנטערס, אבער מיר זיינען ניט קיין טראצקי'ס! מיר טארען ניט פרעגען קיין קשיות, אזוי לאנג ווי מאסקווע גיט א באפעהל,

מאָסקווע ניט אינסטרוקציעס, מוזען מיר בלינד פאָלגען! מאָסקווע האָט באַפעהלען צו אַנוועגדען אַלע אונזערע כחות, טאָרען מיר ניט פרעגען קיין קשיות, מיר טאָרען זיך ניט אָפּקעהרען רעכטס אָדער לינקס.

חברים! מאָסקווע ווייס גאַנץ גוט, אַז מיט אַנקעל סעם טאָר מען זיך ניט שפּילען. היינט שטעלט זיך פאָר ווען מיר געפינען אויס דעם שפּור פון דער הויפּטריכטערין און מיר ראַמען זי גלייך אָפּ פון וועג, קען דאָס סוף כל סוף פיהרען צו דער אויפדעקונג פון דער גאַנצער קאָמור־ניסטישער אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע. דער סוף וועט זיין אַז ענט־ווערדער מען וועט אַלעמען אַרויסשיקען פון לאַנד, אָדער שיקען אַלעמען צום „עלעקטריק־טשער", דעריבער וואָלט איך זאָגען אַז אַנשטאָט פרעגען קשיות און אָנפיהרען דעבאַטען, זאָל מען זיך גלייך נעמען בעסער צו ממשות'דיגע אַרבייט. קלייבט אויס פון אייך די בעסטע פעהיגסטע מענשען, און זאָלען זיי זיך אָפּגעבען ספּעציעל נאָר מיט אַרומזוכען די הויפּטריכטערין, וועלכע איז געוואָרען אַ פאַררעטהעריז, און אגב האָב איך געהערט נאָך אין דייטשלאַנד, אַז זי איז געווען די יעניגע וועלכע האָט געשאָסען דעם גרויסען ניקאָליען!

— וואָס? — האָבען אַלע ביי דעם וואָרט אין איין אָטהעם אויס־געשריען.

— אָט דאָס וואָס איהר הערט חברים! אונזער טשעקאַ האָט אַנגעווענדעט אַלע מלאכי חבלה'דיגע אינקוויזיטארישע מיטלען אויף דער געהילפען פון דער הויפּטריכטערין יהודית קאַפּלאַן, ביז זי האָט דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע, אַז דער גרויסער לעניין האָט מיט געוואַלד, געוואָלט צווינגען בעטקען, צו ווערען זיין געליעבטע לויט דער נייער תורה, און ווען ער האָט זיך אויף איהר אַרויפגעוואָרפען, האָט זי אויף איהם אָפּגעפייערט דריי קוילען, פון וועלכע ער האָט זיך אַ לאַנגע צייט געמוטשעט ביז ער איז פון אונז אַוועק אויף אייביג. אָבער חברים! אונז דאַרפען ניט אינטערעסירען די מאָטיווען, מיר מוזען האָבען אין זינען נאָר דעם פאַקט אַז זי איז געווען די מערדערין פון אונזער גרויסען לעניין, און מיר מוזען זי אויסגעפינען אונטער אַלע אומשטענדען.

חברים! — האָט ער צאַרענדיג אויסגעשריען, — מען מוז זיין גענוג שטאַרק און האָבען אייזערנע נערווען צו האָבען דעם מוט, צו שיסען אויף דעם גרעסטען מענשען פון היינטיגער צייט. צו שיסען דעם גרויסען ניקאָליען, וועמען מיליאָנען מענשען פאַרגעטערען!

מיר מוזען זי געפינען!! — האט שווארצקאפ געדונערט. — איהר געהילפין יהודית קאפלאן, האט זיך אליין גענומען דעם לעבען ניט געבענדיג אפילו דעם טשעקא די זכיה ארויסצורייסען איהר שווארצע נשמה, אבער אט אויף דער פאררעטעריו וועט שוין דער טשעקא מאכען די ברכה על השחיטה.

מיר מוזען זיך איינטהיילען די ארבייט. איך וועל אויף זיך נעמען די אויפגאבע צו פארען נאך עגיפטען און פאלעסטינע, צום חבר מעדוועדיעוו, און איהר אלע נעמט אויף זיך די צווייטע אויפגאבע צו געפינען די שפורען פון דער פאררעטעריו, ווייל איהר זייט היגע איינוואוינער, איהר קענט בעסער די לאנד, און איהר ווייסט בעסער וואו זיך צו קערען און ווענדען. און מיר מוזען זיך גלייך נעמען צו דער ארבייט. מיר טארען ניט אפלייגען אפילו אויף איין טאג.

— חברים! — האט גדלות'דיג אויסגעשריען רויטקאפ דער גע־שטופעלטער, דער סעקרעטער פון די קאמוניסטען, — מיר מוזען אנ־ווענדען אלע אונזערע כחות און גאנץ באזונדערע איינפעלע צו גע־פינען איהר שפור, ווייל מיר דארפען ניט פארגעסען, אז מיר האבען דא צו טהאן מיט איינע פון די מערקווירדיגסטע פרויען פון צוואנציגסטען יאהר הונדערט. מען זאגט אז זי האט געהאט א גרויסען חלק אין די ארגאניזירונג און גרינדונג פון אונזער סאוועט־רעזשים. איהר צו פארדאנקען האט די רויטע מדינה, א גרויסען פארצווייגטען נעץ פון געריכטען, אויף א זעהר פינקטליכען און דיסציפלינירטען אופן.

— אבער ווארום איז זי געווארען פלוצלונג א פאררעטעריו, נאכדעם ווי זי איז געווען איינע פון די שטארקסטע זיילען און יסודות פון באלשעוויזם? — האט איינער אויסגעשריען.

— ווער קען זיך דערגרונטעווען אין די געדאנקען פון גרויסע מענשען, — האט רויטקאפ געענטפערט, און אגב, לויט ווי אונזער חבר שווארצקאפ דערצעהלט, איז עס געווען א מין זעלבסט־פאר־טיידיגונג, כאטש לויט אונזער נייע תורה, האט דער גרויסער ניקאליי געהאנדעלט געזעצליך. דעריבער זאג איך חברים, אז מיר מוזען אויס־קלייבען די פעהיגסטע און בעסטע פון אונז.

— האט זי אימיצער פון אייך געקענט פערזענליך? — האט זיך שווארצקאפ א פרעג געטאהן, ווי א מסיח לפי תומו.

— יע, איך האב זי געקענט פערזענליך, — האט ניגלאס מיט גרויסקייט ארויסגעזאגט. — ווען איך בין געווען אין מאסקווע, האב איך דאן געהאט די עהרע מיט איהר צוויי מאל צו רעדען. זי איז

ווי מען זאגט אן איבערמענש, און דערצו נאך א גרויסע שעהנהייט.
— אבער מען קען זי דערקענען נאכ'ן בילד! — האבען אלע אין איין קול ארויסגעזאגט.
נאך אייניגע באמערקונגען, האט דער סעקרעטער אויסגעמאכט געוויסע פאפירען פאר שווארצקאפ'ן צו דער רייזע נאך עגיפטען און פאלעסטינע, און ס'איז באשלאסען געווארען אז שווארצקאפ זאל זיך מאכען גרייט צו דער רייזע.

פיער-און-צוואנציגסטער קאפיטעל.

לו דער שוויגער העלפט בערטען מאכען די רייזע.

נאך דעם „רויטען מיטינג", האט בערטע געוואוסט איהר אויפגאבע קלאהר, אז זי מוז וואס גיכער אפרייזען נאך ארץ ישראל, און פאר־היטען די אלט־נייאלאנד פון די רויטע „מלאכי חבלה" און אפשר פון א קאטאסטראפע. זי האט געפיהלט דעם גרויסען אחריות וועלכע זי נעמט אויף זיך, אבער זי האט באשלאסען אז ס'מעג איהר קאסטען אפילו איהר לעבען. אפטמאל פלעגט איהר ארויפקומען א געדאנק, אז אפשר זאל זי זיך פארטרויען צו לו; צוויי קעפ, צוויי כחות, קענען דאך מעהר אויפטהאן. אבער נעמענדיג אין אנבעטראכט די לעצטע געשעהענישען, איז זי געקומען צום באשלוס, אז דער גרויסער לו איז נאך ניט מסוגל דערצו, ווייל אלע זיינע גוטע טהאטען ביז איצט, זיינען נאר געווען פילאנטראפישע. ווי ער פלעגט זיך אויס־דריקען, אז ער טהוט עס פאר די רוסישע און פוילישע אידען, אבער ניט מחמת ער איז אן איבערצייגטער נאציאנאליסט און ציוניסט. זי האט אבער געהאפט אז מיט דער צייט וועלען זיך זיינע גרויסע בא־האלטענע כחות אויפוועקען. זיין גרויסער גייסט וועט זיך ערוואכען, ערשט דאן וועט זי זיך מיט איהם קענען טיילען אלע איהרע גע־דאנקען און אלע איהרע סודות, פארלויפיג וועט זי זיך נאר באנוצען מיט זיין גוטסקייט. און זי איז געפאלען אויף א וואונדערבארען פלאן מכח איהר נסיעה. זי איז אוועק צו איהר לו.

דער גרויסער לו קען עס בשום אופן ניט פארשטעהן, ס'איז א נייעס אז א מענשען חלומ'ט זיך, מען חלומ'ט און מען פארגעסט, און

דאָס איז שוין אַ משל פון איבער צעהן וואָכען, און דער גאַנצער חלום שוועבט פאַר זיינע אויגען, איבערהויפּט די געשטאַלט, די צוויי כרובים, און די ליכטיגע ליכטיגקייט.

ער האָט גענומען איבערטראַכטען די לעהרע פון דר. זיגמונד פרויד, וועגען „ליעבע און געשלעכט” ווי דער מענש לעבט „פיזיש און גייסטיג”, וועגען היפּנעטיזם און אַז. וו. ער האָט מיט זיין לאָגישען און סיסטעמאַטישען קאָפּ, בעטראַכט און אַנאַליזירט די גאַנצע גע־אָגראַפיע פון דער מענשליכער נשמה, ער האָט גענומען אריינקוקען אין דער פּסיכאָאַנאַליטישער נשמה: ווי דער מענש איז געגליכען צו אַ סצענע, אַ טעאַטער פאַרשטעלונג. ער אַליין, און אַלע אַרום זעהען נאָר דאָס וואָס ס׳קומט פאַר אויף דער ביהנע, הינטער דער ביהנע, הינטער די קוליסען, די גאַנצע טעכניק, די אַרבייט פון רע־זשיסאָר, דאָס ווייס דער מענש ניט. אַזוי ווי אַ פּיעסע ווערט געמאַכט הינטער די קוליסען אַזוי ווערט דעם מענשענס לעבען געשאַפען אַהן איהם, הינטער זיינע פּלייצעס.

הינטער די קוליסען טראָגט דער מענש אין זיך אַלע איבערלעבע־נישען, חלומות און בענקשאַפט פון דער גאַנצער מענשהייט פאַר איהם. אַ חוץ דעם געפינען זיך דאָרטען אַלע זיינע געדאַנקען, פאַרלאַנגען און איינדריקע. אין דעם דאָזיגען כאַאָס קריסטאַליזירט זיך מיט דער צייט געוויסע גרופּען געדאַנקען, געפיהלען אַרום איין פּונקט. קאָמפּלעקסען. און איינע קאָנקורירט מיט דער צווייטער, און איבער אַלץ און אַלעמען שטעהט דער רעזשיסאָר — די ליעבע — די ליעבע אין ברייטען זין פון וואָרט; די געשלעכטליכע ליעבע, די ליעבע צו נאָהענטע, צו דער מענשהייט, צו זיך אַליין. די ליעבע טרייבט דעם מענשען. זי איז דער דאַמפּף וואָס טרייבט דעם מענשענס מאַשין, און מען דאַרף ניט מורא האָבען פאַר דאָס געשלעכטליכע, וואָס איז אַזוי גרויס און וואַגיג אין דער פּסיכאָאַנאַליז. אַ סך געשלעכטליכעס פאַרבאָרגען מיר פון זיך אַליין, און מיר מעגען עס ווייסען. און אַ חוץ דעם ווערט דאָס געשלעכטליכע פּרוידיאַניש גענומען אַזוי ברייט און אַלגעמיין, אַז עס נעמט אין זיך אריין, יעדע לוסט און יעדער אַרט פאַרגעניגען. דאָס געשלעכטליכע ווערט כמעט אוים געשלעכטלאָך. מען דאַרף אויך ניט ווערען פּעסימיסטיש פון דעם גייסטיגען כאַאָס אין דעם פאַטאַליס־טישען שפּיל, אין דעם טייל פון אונזער „איך” פון וועלכען מיר ווייסען ניט. מיר דאַרפען ניט קיין גרעסערען כאַאָס ווי דער דרויסען איז, פון דעסטוועגען די וועלט האַלט זיך פאַרט.

אט אין א זעלבע פּרווידיאַנישע געדאַנקען, האָט זיך לו פאַרטראַכט. ער האָט געוואָלט געפינען עפּעס א צוזאַמענהאַנג א שייכות פון זיין ליעבע צו בערטען מיט זיין מערקווירדיגען חלום, וועלכער שטעהט אַזוי פריש פאַר זיינע אויגען און פון וועלכען ער האָט אי פאַרגעניגען אי צער. פאַרגעניגען פון דער „שעהנער געשטאַלט" פון די ליכטיגע צוויי „כרובים" און פון דער גרויסער ליכטיגקייט, און צער פון דעם וואָס ער האָט זיך אַליין געזעהן, צווישען די „אַפּשפּאַטער, נאַכקרימער, און נאַכמאַכער".

א קלאַפּ אין טיער האָט איבערגעריסען זיינע פּרווידיאַנישע געדאַנקען. עס איז אריינגעקומען א וואונדערבאַר־שעהנע עלטערע פרוי מיט א מאַיעסטעטישען נאָבעלען אויסזעהן, מיט שעהנע געדיכטע ווייסע האָר, מיט גאָלדענע עטוואס בלויליכע ברילען. זי פרעגט שטיל אָבער בחן'ט:

— האָב איך די עהרע צו רעדען מיט'ן גרויסען לו?

— יעס מאַדאַם! — ענטפערט ער, — מיט וואָס קען איך אייך דינען?...

— מיין נאָמען איז אייך אומבאַקאַנט, מען רופט מיך מאַדאַם בלומענטהאַל, און איך וועל זיין זעהר גליקליך, ווען איהר וועט מיר שענקען אביסעל פון אייער טייערע צייט, און אויסהערען מיין בקשה.

— רעדט מאַדאַם! איך בין גרייט אייך אויסצוהערען, און אויך צו טהאָן אויב ס'איז נאָר אין מיין מאַכט — האָט דער גוטער לו געזאָגט העפלאַך.

און זי האָט אָנגעהויבען צו רעדען שטיל און געלאַסען:

— גרויסער הערר! ווייט, ווייט פון דאַנען אויף יענעם זייט ים, געפינען זיך מיינע שוועסטער און ברידער, כ'האָב זיי שוין זעהר לאַנג ניט געזעהן, און מיין הארץ צוגעהט פון בענקשאַפט נאָך זיי. פּלוצלונג האָב איך ערפאַהרען דורך א צופאַל, אז א באַנדע רויבער און מערדער לויערען אויף זייערע לעבענס. מען וויל זיי באַרויבען און אוועק נעמען זייערע יונגע נאָבעלע נשמות.

איך וואָלט זיי וועלען פאַרהיטען פון דעם גרויסען אומגליק, אָבער איך האָב ניט קיין מיטלען דערצו. איך וואָלט וועלען פאַהרען צו זיי און פאַרהיטען זיי פון דעם געפאַהר, אָבער איך ווייס ניט ווי אַזוי. ווענדע איך זיך צו אייך גרויסער גוטער מענש, אפשר וועט איהר מיר וועלען העלפען דורכצופיהרען מיין אונטערנעמונג? איהר זייט גוט,

גרויס, נאבעל, ברייטהארציג און מיט א גרויסען איינפלוס. איהר קענט מיר העלפען צו פארהיטען די גרויסע קאטאסטראפע.

— אבער מאדאם! זאגט וואס זאל איך טאהן פאר אייך? מיינט איהר אפשר איך זאל מיך ווענדען צו אונזער רעגיערונג, אז זי זאל דורכ׳ן אמבאסאדאר אויפמערקזאם מאכען אייערע שוועסטער און ברידער מכח דעם געפאהר?

— אה ניין! מיין הערר! כ׳מוז אליין פאהרען צו זיי, קיינער טאר דערפון ניט וויסען, — האט זי געענטפערט.

— ווילט איהר, הייסט עס, אז איך זאל אייך העלפען פארשאפען די רייזע הוצאות? — האט ער שטיל געפרעגט.

זי איז רויט געווארען, און האט געזאגט שטיל קוים וואס מען האט געקענט הערען:

— יעס, מיין הערר! אבער איך וויל אז דאס זאל בלייבען א סוד.

לו האט זיך אויף א ווייל פארטראכט, און האט געפרעגט:

— מעג איך וויסען ווער עס האט אייך רעקאמאנדירט צו מיר?

— יעס מיין הערר! די בראווע „שעהנע נוירס“ בערטע, האט מיר רעקאמאנדירט צו אייך.

ער האט זיך געגעבען א צאפעל:

— אזוי? די שעהנע בערטע האט אייך רעקאמאנדירט?

— יעס מיין הערר! זי אליין, — האט זי איבערגע׳חזר׳ט.

— קענט איהר די „שעהנע נוירס“ שוין פון לאנג? — האט ער שטיל געפרעגט.

— איך קען זי שוין זעהר לאנג, זינט זי איז געבארען — האט זי געענטפערט.

— קענט איהר דאך געוויס איהרע עלטערען און איהר משפחה? — האט לו ענטציקט געפרעגט.

— געוויס הערר לו! איך קען זיי אלעמען פונקט ווי זיך אליין, אבער איהר וועט מיר מוזען ענטשולדיגען, איך טאר איצט ניט רעדען וועגען זיי. ס׳איז א גרויסע געהיימניס. ווען די צייט וועט קומען וועט אייך מיין פריינדין בערטע אליין דערצעהלען פון איהר פאר־גאנגענהייט.

— איהר מוזט מיר ענטשולדיגען מאדאם! — האט זיך לו גענומען פארענטפערען, — מיר מענשען, זיינען דאך ניט מעהר ווי „מענשען“ און די מענשליכע נייגעריגקייט שפרינגט אפטמאל ארויס ניט אין צייט, אהן קיין שום דרך ארץ און איבערלייגונג. כ׳וועל אייך זאגען

דעם אמת'ן אמת, אז די שעהנע בערטע, האט מיך אויף אזוי פיעל פאראינטערעסירט, אז אלע וואס באלאנגען צו איהר זיינען מיר גע־ווארען היילינ און טהייער, דעריבער האב איך גאר אהן קיין שום איבערלייגונג זיך גענומען נאכפרעגען, אבער ניט חלילה ווייל איך האב געוואלט עפעס אויסגעפינען מכח איהר!...

— איצט מאדאם, זאגט ארוים פראנק און פריי וואס איהר ווילט איך זאל טהאן פאר אייך? איהר רעדט מיט אייערען א פריינט, ווייל בערטע'ס פריינט און בערטע'ס פארטרויעטע, זיינען אויך מיינע פריינט. איך וועל ניט פרעגען קיין שאלות. איך וועל טהאן און פאלגען בלינד. — האט לו תמימות'דיג ארויסגעזאגט.

זי האט אנגעהויבען צו רעדען ווי אין א פארלעגענהייט:

— הערר לו! ווי וועט זיין אז איך וועל פון אייך פארלאנגען זעהר א שווערע אויפגאבע?

— מאדאם! — האט ער פריינדליך געענטפערט. — איך וועל אייך נאכאמאל ערקלעהרען, אז צוליעב דער „שעהנער נוירס", איז מיר קיין זאך ניט שווער. אדרבה, איך וועל זיך פיהלען זעהר גליקליך, ווען איך וועל עפעס קענען טהאן פון וואס זי וועט זיין צופריעדען.

— און ווי וועט זיין, הערר לו. אז איך וועל פון אייך פארלאנגען, אז איהר אליין זאלט מיט מיר מאכען די געהיימע נסיעה'לע? — האט זי געפרעגט קוקענדיג איהם גלייך אין די אויגען.

— דאס וועט שוין זיין צופיעל פארלאנגט, מאדאם! — האט ער געשמייכעלט.

— אבער ווי וואלט געוועז, הערר לו, אז אט די „שעהנע נוירס" וואלט עס דורכאוים פארלאנגט?

— דאן וואלט איך זיך אויף א רגע ניט פארטראכט און געמאכט מיט אייך די רייזע, ווייל איך בין הונדערט פראצענט זיכער, אז זי וועט ניט פארלאנגען אזא זאך וואס איז ניט קיין נויטווענדיגקייט.

די מאדאם האט פלוצלונג אראפגענומען איהרע אויגען־גלעזער מיט'ן ווייסען־פארוק, און בערטע איז געבליבען שטעהן פנים אל פנים מיט לו דעם שווייגער.

— בערטע! — האט ער מיט שמחה און שטראהלענדע אויגען אויסגעשריען, — וואס באדייטעט דיין נייער שפיל? צו ווילסטו דען אויספרואווען ווי שטארק מיין ליעבע איז צו דיר? עס איז מעגליך אז דו ספק'סט נאך אין מיין ליעבע?

— ניין, מיין טייערער גוטער לו, איך ספק ניט אפילו א רגע אין דיין אמת'ער ליעבע, אבער איך בעט דיך, פרעג מיך ניט. ווי קאמיש אדער קינדיש דאס זאל ביי דיר ניט אויסזעהן, פרעג ניט קיין קשיות, ווייל איך מוז אזוי האנדלען ביז א צייט. האב אין מיר בטחון און אמונה, אזוי ווי איך האב אין דיר. אלעס וועט דיר מיט דער צייט קלאהר ווערען, און פאר אונזער גדולה, פאר אונזער סבלנות, וועלען מיר שפעטער געניסען דאפעלטען גליק

— פארלויפיג וויל איך דיר נאר פארטרויען, אז איך בין ארומגע־רינגעלט מיט א סך שונאים וועלכע ווילען מיך פון דער וועלט אומברענגען.

לו איז געווארען א פארציטערטער.

— בערטע! — האט ער זיך געבעטען, — זאג מיר, דערצעהל מיר, ווער זיינען דיינע שונאים? איך וועל אנווענדען אלע מיינע כחות אום דיך פארהיטען פון אן אומגליק. איך וועל זיך לאזען מקריב זיין פאר דיר. — און צוויי טרערען האבען ארויסגעשיינט ווי דימענ־טען פון זיינע בלויע אויגען.

בערטע האט זיך פארטראכט. אין דעם מאמענט איז זי שוין געווען פארטיג צו אויפעפענען פאר לו איהר הארץ, אבער זי האט זיך אליין גובר געווען. זי האט מורא געהאט אריינצומישען איהר גוטען לו אין סכנה. און דערזעהענדיג זיינע טרערען, האט זי זיך ניט געקענט באהערשען. זי איז איהם ארויפגעפאלען אויפ'ן האלז און האט באדעקט זיין פנים מיט הייסע קושען, און ליגענדיג אין זיינע ארעמס האט זי שטיל ווי א קליין קינד גערעדט:

— מיין גוטער לו! דו וויינסט? דו האסט מורא אז מיינע שונאים זאלען זיך אן מיר ניט נוקם זיין? אבער דער אידישער גאט, וואס האט מיך באשיצט ביז אהער, וועט מיך אויך ווייטער אויך בא־שיצען פון אלע מיינע שונאים.

האב גדולה, דו גרויסער לו, און בעט מיך ניט צו ענטדעקען פאר דיר איצט מיין סוד, וועלכען איך טראג אין מיין הארצען. איך בעט פון דיר איצט, צו דורכפיהרען פאר מיר, די שווערע אויפגאבע, וואס דאס איז א טייל פון מיין געהיימנים. איך מוז איצט אומבאדינגט מאכען א רייזע נאך פאלעסטינא, אבער ס'מוז אזוי ארנזשירט ווערען, אז עס זאל פאר דער וועלט הייסען אז א גרופע אמעריקאנער רייכע לייטע, מאכען א לוסט רייזע איבער דער וועלט, ניט דירעקט נאך

ארץ ישראל, און זייענדיג אין ארץ ישראל וועל איך דיר אפשר אויפ־קלעהרען א טהייל פון מיין געהיימנים.

לו האט איהר גלייך ניט געענטפערט, ווייל האלטענדיג בערטע'ן אין זיינע ארעמס ווי א צארטע ליעבע קאפריזנע קינד, האט דער חלום גענומען שוועבען פאר זיינען אויגען, ער האט געפיהלט דעם „באלזאם" וועלכען ער האט געפיהלט אין חלום. ער איז געווען גליקלעך.

בערטע האט זיך לאנגזאם ארויסגעגליטשט פון זיינע ארעמס, און קוקענדיג מיט איהרע שווארצע מזרח אויגען אין זיינע בלויע מערב אויגען, האט זי שטיל געפרעגט:

— דו שווייגסט גוטער לו? מיין אויפגאבע איז צו שווער פאר דיר?

— ניין טייערע! — האט ער מיט שמחה געענטפערט, — איך שווייג, ווייל איך בין געווען פארזונקען אין גליק. איך פיהל מיך זעהר גליקליך וואס איך קען פר דיר עפעס טהאן, און איך וועל זיין דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט צו מאכען מיט דיר צוזאמען די נסיעה'לע. דיין אויפגאבע איז ניט נאר קיין שווערע, נאר אדרבה, דאס וועט זיין א שטיק פון מיין גליק.

— אבער מיין טייערער לו, דאס מוז דורכגעפיהרט ווערען וואס גיכער.

— ניט גע'דאגה'ט, מיין „שעהנע נוירס", נאך דיעזע וואך וועלען א קאמפאניע אמעריקאנער טוריסטען, פארלאזען דעם ניויארקער האפען אין א ספעציעלער מאדערנער שיף.

בערטע האט איהם צוגעדריקט צו איהר הארצען.

— מיין ליעבער שוויגעדיגער גרויסער לו! — האט זי געשעפ־טשעט, — אבער אויפ'ן שיף מוזען מיר זיין פרעמדע! געדענק! קיי־נער טאר ניט וויסען אז מיר זיינען איין גוף און איין נשמה, און איבערהויפט מוזטו האבען געדולד, ביז די גליקליכע צייט וועט קומען.

— עס, מיין קאפריזנעס גרויסעס קינד. — האט ער געענטפערט, — כ'וועל שווייגען און נאכפאלגען בלינד ביז דער צייט.

ס'האט לאנג ניט גענומען, און די קאמפאניע אמעריקאנער טו־ריסטען האבען פארלאזען דעם ניויארקער האפען, פונקט ווי לו האט געזאגט.

די צייטונגען זיינען געווען פול מיט דער רייזע פון די טוריסטען, ווייל צווישען זיי האבען זיך געפונען די פראמינענטסטע לייטע פון דעם אמעריקאנעם אידענטום. זייערע בילדער מיט די ביאגראפיעס

זיינען געווען אין אלע צייטונגען. אויסער איין טוריסט מיט'ן נאמען שווארצקאפּ האבען די צייטונגען זיך צוטיילט אין זייערע מיינונגען. אייניגע האבען געשריבען א דייטשער מיליאָנער, אייניגע א לאָרד, א פּרינץ, און נאר אנדערע א פארשטעלטער דיפּלאמאט.

ניגלאס מיט רויטקאפּ'ן די אנפיהרער פון די רויטע אין אמעריקע, האבען זיך געהאלטען ביי די זייטען פון געלעבטער, זיי האבען באַגלייטעט שווארצקאפּ'ן צום שיף און נאר זיי האבען דאך געוואוסט דעם אמת, ווער דער שווארצקאפּ איז.....

אזוי גיך ווי די שיף האט פארלאזען דעם האפען, איז שווארצקאפּ ארויס פון דער קאיוטע אלס „בערטע די שעהנע נוירם", וועלכע כמעט אלע אויפ'ן שיף האבען זי געקענט.

וואס עס האט מיט זיי פּאסירט אויף זייער רייזע, און וואס בערטע איז פּלוצלונג פארשוואונדען דאס ווייסען מיר שוין פון ערשטען קאפּיטעל פון דעם ערשטען טייל.

ענדע פון צווייטען טהייל.

דריטער טהייל

פינף־און־צוואנציגסטער קאפיטעל.

געפאנגען אין דער „רויטער נעץ“.

כאטש בערטע האט זיך די גאנצע צייט זעהר קלוג און קונציג אויסגעהיט פון די רויטע שפיאנען, וועלכע האבען איהר ארומגעזוכט, איז זי דאך סוף כל סוף, דורך א צופאל, אריינגעפאלען אין זייערע הענט, און דוקא אין דער צייט ווען זי האט זיך געפיהלט אמזי־כערסטען.

ס׳האט פאסירט אין דער צייט, ווען מ׳האט אויסגעגראבען פון הינטער דעם זאמד פון דעם אלטען מצרים, וועלכער איז פארשאטען מיט אן אייביגען מדבר־זאמד, טעמפלען, שטעדט און אנדערעס — אט פאר דיזע אויסגראבונגען פלעגען זיך אין דער לעצטער צייט ארומ־דרעהען א גרופע פון פינף מענשען. זיי פלעגען ביים מצרים׳שען זונען־אונטערגאנג באטראכטען דעם מיש־מאש פון די רואינען, פון שטיקער זיילען, קעפ פון ווילדע געטער און אז. וו. מען האט געקענט דענקען, אז דאס זיינען געוויס פארשער פון אלטערטימליכקייטען, אבער אין דער אמת׳ען זיינען דאס גאר געווען „רויטע משולחים“, אגענטען פון דער רויטער מדינה; דאס זיינען זיי געקומען אונטער־צוואווארימען די היציגע עגיפטיאנער געגען ענגלאנד און פארשפרייטען אין געהיים זייער רויטער תורה.

און זיי איז שוין געלונגען צו פאר׳סמ׳ען די מחות פון עטליכע היצקעפ, וועלכע האבען דערמארדעט דעם ענגלישען גענעראל, כאטש דאס קען קאסטען די עגיפטיאנער זעהר טייער; זיי קענען דערפאר אמאל בעצאהלען מיט זייער פרייהייט, מיט זייער זעלבסטשטענדיג־

קיים, וועלכע די ליבעראלע ענגלישע רעגירונג האט זיי גאראנטירט, ווי דער הויי־קאמישאנער פון מצרים, לארד אלענבי, דער באזיגער פון ארץ־ישראל, האט זיך דאן אויסגעדריקט: „מען האט געמאכט א גרויסען טעות צו געבען די עגיפטיאנער פרייהייט”, אבער די היצקעפ קענען ניט אריינדרינגען אין די טיעפקייט פון זייער נאציאנאלען עקזיסטענץ און די רויטע קימערט עס דאך אודאי ניט. זייער אויפ־גאבע איז נאר אויפצורייצען, צו שטערען און חרוב צו מאכען.

זיי שטעהען איצט, די „רויטע שפיאנען”, ארום דער האלב־באַ־גראבענער שטאדט טהעבעס און סוד'ען זיך:

— טאווארישץ טשערטינסקי! — פרעגט איהם מעדוועדיעו, דער הויפט־אנפיהרער פון די רויטע שפיאנען — דענקסטו ווירקליך, אז ס'איז געווען בעטקע די הויפטריכטעריז פון אונזער רויטער מלוכה?

— אהן ספק, טאווארישץ, כ'האב זי גלייך דערקענט, ווען זי איז געפאהרען צוזאמען מיט'ן הויכען אמעריקאנער, וועלכער האט א פנים ווי אברהם לינקאלן.

— דענקסטו, טאווארישץ, אז אונזערע שפיאנען וועט געלינגען זי ארייצונארען?

— פארלויפיג איז אונז געלונגען דורכצופיהרען אלע אונזערע פלע־נער. דער גענעראל איז דורך אונז דער'הרג'עט געווארען, די עגיפטיא־נער זיינען צוהיצט און איך זעה ניט איין ווארום מיר זאלען איהר ניט קענען פאנגען. אמת, זי איז זעהר קלוג, אבער אונזער נעץ איז זעהר גוט אויסגעשפרייט, זי וועט זיך שווין פון אונזערע הענט ניט ארויסדרעהען. אויב ניט איצטיגען מאל, וועט עס געשעהן א צוויי־טען מאל, אבי מיר ווייסען וואו זי געפינט זיך! טשארט פאבערי!

— אונזער קריוואיעדאוו וועט זיין פארקליידעט אלס עגיפטיאנער אפיציער און סאבאקין מיט סטיאפקען אלס סאלדאטען, און איך בין זיכער, אז ווען מען וועט איהר נאר דערמאנען, אז איהר ברודער, דער „רויטער לייב”, וויל מיט איהר רעדען, וועט זי געוויס זיין נייגעריג, ווייל נאך אלעמען זיינען זיי דאך זשידעס, און די זשידעס לאזען זיך מקריב זיין איינער פאר דעם אנדערען, און בפרט נאך א שוועסטער מיט א ברודער! עד, דאס וועט זיין א חתונה, טשארט פאבערי!

— דו ווייסט, טאווארישץ, וואס איך דענק, אז אזוי גיך ווי מיר וועלען פאנגען דעם פיש אין אונזער נעץ, זאל מען דאס גלייך פטור'ן און שא... שטיל... — האט טשערטינסקי געשעפטשעט — ווייל זי איז

זעהר געפעהרליך. מיר טאָרען ניט פאַרגעסען, אַז זי איז אַן אונזער־ריגע, זי וויים פון אַלע רויטע סודות...

— מען טאָר ניט, טאָווארישץ! — האָט מעדוועדיעוו ערקלערט.— מיר האָבען אַ שטרענגען באַפעהל, אַז ווער ס׳זאָל איהר ניט פאַנגען, מוז מען איהר ברענגען אַ לעבעדיגע, כדי דער העכסטער טריבונאַל זאָל איהר עפּענטליך משפּט׳ן, און דאַס וועט אַנשרעקען אַלע פאַר־רעטער, און די גאַנצע וועלט וועט וויסען, אַז פון אונז קען מען זיך ניט אויס בעהאַלטען! טשאָרט פּאַבערי!

— און וואָס וועט טהאָן איהר ברודער, ווען מען וועט איבערגע־בען זיין שוועסטער צום טשעקאַ?

— דער רויטער ליוב וועט סקריהען מיט די צייהן און מוזען שווייגען, אויב ער איז אַן אמת׳ער באָלשעוויק. און אויב ער וועט וואַגען זיך צו שטעלען נעגען דעם העכסטען רויטען טריבונאַל, וועט מען פון איהם אויך מוזען פּטור ווערען...

— זעהר שווער, טאָווארישץ! ער איז זעהר באַליבט ביי די רויטע אַרמייצעס, טשאָרט פּאַבערי!

— ניט נע׳דאגה׳ט, טאָווארישץ! מיר ווע‌לען זיי אויפקלעהרען, אַז ער איז ניט מעהר ווי אַ זשיד. אמת טאַקי, אַ רויטער, אָבער דאָך אַ זשיד! טשאָרט פּאַבערי!

— אָבער, שאַ! דאַכט זיך מען פאָהרט. דו זעהסט אָט דאָרטען?

זיי האָבען אָנגעטהאָן זייערע פאַרגרעסערונגס־גלעזער און גענומען קוקען, און זיי האָבען ווירקליך קיין טעות ניט געהאַט. זיי האָבען דערזעהן פון גאַנץ ווייט אַן אויטאָמאָביל.

ס׳האָט פּאַסירט אַזוי, אַז ווען בערטע האָט האַסטיג אַ טריב געטהאָן איהר עזעל און האָט זיך אָפּגעטהיילט פון די איבעריגע טוריסטען, איז צו איהר פּלוצלונג צוגעגאַנגען אַן עגיפּטיאַנער אָפיציער און האָט איהר שטיל אָריינגע׳סוד׳עט, אַז איהר ברודער, דער גרויסער לעאָן, וויל מיט איהר אומבאַדינגט ריידען. אויפ׳ן ערשטען אויגענבליק האָט זי זיך זעהר דערשראָקען, אָבער, באַלד איז דורכגעפלויגען אין איהר געדאַנק, אַז ס׳מוז עפּעס זיין „אַ רויטע נעץ״ אויסגעשפּרייט פאַר איהר, און אפשר פון לעאָנ׳ען אַליין, אָבער איהר שטאָלץ און איהר גרויסען פאַרלאַנג צו זעהן איהר איין־איינציגען ברודער, טאָמער טליעט נאָך ערגעץ אַ ניצוץ אין זיין הארצען, און זי וועט אפשר כאָטש אויפ׳ן טויזענטען פאַל איהם קענען אויפבלאָזען, האָט פאַר־דונקעלט די מורא פאַר איהר אייגענעם לעבען. זי האָט געוואָלט

כאטש נאך איינמאל מיט איהם ריידען. פיעל צייט צו טראכטען האט זי ניט געהאט, ווייל דער אפיציער האט מיט זיין תמימות׳דיגען אויס־זעהן איהר געפרעגט: „וואס זאל איך איהם ענטפערן?“ און זי האט מיט שטאלץ געענטפערט: „איך פאהר איהם זעהן!“ זי האט ניט באמערקט, פון גרויס אויפרעגונג, דעם טייוועלשען שמייכעל אויף זיינע ליפען. ער האט געהאלפען ארויספיהרען איהר עזעל פון דעם מיש־מאש. זי האט שוין אפילו געוואלט חרטה האבען און האט גע־נומען קוקען אויף צוריק, זיינען אבער דערווייל צוגעקומען צוויי עגיפ־טיאנער סאלדאטען, האבען זיך פאר איהר זעהר שטארק פארנייגט און מיט גרויס שטאלץ איז זי דאך געפאהרען.

— וואוהין? — האט זי געפרעגט.

— אט דא ניט וויט, אין יענעם געסעל! — האט דער אפיציער געענטפערט.

זיי זיינען אריינגעפאהרען אין א שמאלער געסעל, און ווען דער אפיציער האט איהר מיט א יראת הכבוד געהאלפען ארונטערגעהן פון עזעל, האט ער שנעל ווי א בליץ ארויפגעווארפען אויף איהר פנים א ווייסע טוך מיט כלאראפארם. מען האט איהר שנעל אריינגעווארפען אין א פארמאכטען אויטאמאביל.

דער כלאראפארם האט אויף איהר געווירקט אויף אזוי פיעל אז זי האט זיך ניט געקענט באוועגען, אבער זי האט אלעס געקענט הערען, און דאס וואס זי האט געהערט, האט איהר געמאכט ציטערען. זי האט געהערט ווי מען האט גערעדט: „ס׳וועט אונז אין גאנצען נעמען פופצעהן מינוטען און מיר וועלען זיין ביי די רואינען פון אלט־מצרים, אונזערע חברים מעדוועדיעוו און טשערטשינסקי וועלען זיך זעהר דערפרעהען מיט אונזער גרויסער פיש, און אזוי גיך ווי מיר זיינען אין מדבר, פייפען מיר אויף די אמעריקאנצעס.

בערטע האט מיט שוידער דערפיהלט, ווי גראבע הענט האלטען זי, איהר איז געווארען קאלט אין יעדען אבר, דאך איז אין איהר הארצען געוואקסען א שטיקעל האפנונג. זי האט געפיהלט, אז אט באלד וועט זי קענען שרייען און איהרע געשרייען וועט דאך אימעצער דער־הערען, אבער פלוצלונג האט זי דערפיהלט, ווי מען פארשטאפט איהר זעהר שטארק דעם מויל און א גראבע שטימע זאגט: „די פרישע לופט קען איהר נאך ברענגען כחות צו שרייען און אונז קען ווערען אומ־אנגענעם. זאל די הויפטריכטערין פון דער רויטער רוסלאנד בעסער זיצען רוהיג!“

דאס הארץ האט זיך אפגעשטעלט אין איהר ברוסט. ס'האט ווי מיט א האמער א קלאפ געטאן אין איהר מח, און זי האט געטראכט: פארלארען! פארלארען!

אבער פלוצלונג איז איהר ארויף דער געדאנק, אז אמאל האט דער גאט פון איהרע עלטערן מציל געווען דניאל'ן פון אמת'ע לייבען, קען דאך דער זעלבער גאט איהר איצט מציל זיין פון די „רויטע כלבים", פון די רויטע טייוואלים, און זי האט ביי זיך פעסט מיט גרוים בטחון באשלאסען, אז אפילו איצט, ווען זי איז ביי די רויטע אין די הענט, טאר זי ניט פארלירען דעם מוט און האנדלען מיט גדולה, חכמה און ענטשלאסענהייט. זי איז געווארען רוהיג.

ווייט אין מדבר, אין א פארווארפענער חורבה, האבען זיי געבראכט בערטע'ן. מען האט איהר אויפגעבונדען, אריינגעגאסען אין מויל אביסעל שנאפס און זי איז געקומען צו זיך.

זי האט דערקענט מעדוועדיעוו'ן און טשערטשינסקי'ן. איהרע אויגען האבען געגומען ברענען און אין איהר גאנצען געזיכט איז ניט געווען קיין טראפען בלוט. איהרע הענט האבען זיך צונויפגעדריקט אין פויסטען.

און מעדוועדיעוו, דער הויפט פון די רויטע שפיאנען, האט אנגע־הויבען ריידען:

— דו גרויסע הויפט־ריכטערין פון די רויטע שפיאנען! ווער נאך ווייסט אזוי גוט ווי דו, אז פון דער סאוויעטען־מאכט איז זיך זעהר שווער אויסצובאהאלטען? אונזערע אויגען זעהען זעהר, זעהר ווייט, דורך דעם גרויסען „רויטען גייסט" פון אונזער ניקאלייען ווען דו האסט דערמארדעט! דער גרויסער טשעקא וועט דיך משפט'ן פאר די אויגען פון דער גאנצער וועלט, און אט דער משפט איבער דער „הויפט־ריכטערין פון אונזער רויטער מלוכה" וועט אנווארפען א שרעק און א טויט־ציטערניש אויף אלע פאררעטהער און בורזשואזע קאנטר־רעוואלוציאנערען. דו האסט געהאפט צו טרעפען זיך דא מיט דיין ברודער, דעם רויטען לייב, אבער ער שפאצירט נאך דערווייל ארום אויף די קאווקאזער בערג. זאל ער זיך אביסעל אויסרוהען פון זיינע חלומות, צו וועלען פארנעהמען דעם גרויסען ניקאליי'ס פלאץ, אדער צו שטעלען זיך געגען אונזער רויטער דיסציפלין, און נאכדעם וועט ער צוריק קומען העלפען בויען אונזער רויטע מלוכה, ווייל מיר מוזען איהם נאך האבען.

נאָך אַלעמען פאַרשטעהען מיר דאָך, אַז ער איז איצט דער איינ־ציגער מאַן, וואָס פאַרשטעהט אונזער לאַגע, אָבער דו קענסט קיינמאָל ניט האָפען אויף אימעצענס חסד. דיין חטא איז א צו־גרויסער, אַז דו זאָלסט קענען האָפען אויף לעבען און קיין נסים טרעפען זיך ניט, ווען מען איז ביי די רויטע אין די הענט. דו זאָלסט גאַרניט פּרואווען עפּעס צו טהאָן, ווייל מיר זיינען אפילו דאָ אין מדבר אויך זעהר שטאַרק. אונזערע רויטע געפינען זיך איבעראַל אויף שריט און טריט. דו וועסט דאָ זיין מיט אונז, ביז מיר וועלען געפינען די געלעגענהייט צו קריגען א שיף און אַפּפיהרען דיך אויפ'ן ריכטיגען פּלאַץ, וואו דו באַלאַנגסט.

בערטע האָט גאַרנישט גערעדט. זי האָט געוואוסט, אַז איצט צו אַנטלויפען פון זייערע הענט איז א זאַך וואָס איז אוממעליך, אפשר מיט חכמה און מיט דער הילף פון אידישען גאָט וועט זי זיך קענען ארויסדרעהען פון דער „רויטער נעץ".

דריי טעג זיינען אוועק און קיינער האָט מיט איהר מעהר ניט גערעדט. שטיל פלעגט מען איהר אונטערטראָגען דעם עסען, און ביי יעדען מאָל ווען זי האָט געדאַרפט עסען, פלעגט ענטוועדער מעד־ווערדיעוו אָדער טשערטשינסקי, היטען ווי זי עסט, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, טאָמער וועט זי זיך אַליין נעהמען דאָס לעבען. א קשיא אויף א זשידאָווקע!

איינמאָל, ווען טשערטשינסקי האָט איהר געהיט ווי זי עסט, האָט זי אָנגעהויבען צו ריידען:

— טשערטשינסקי! איך וויים, אַז איהר זייט אַן אמת'ער איבער־געגעבענער קאָמוניסט, און איהר האָט זיך פיעל מאָל אויסגעצייכענט ווען איך בין געווען הויפּט־ריכטערין, — זאָגט מיר דעם אמת: גלויבט איהר ווירקליך, אַז איך האָב געשאָסען דעם גרויסען ניקאָלייען, ווייל איך בין געוואָרען א פאַררעטערין צום גרויסען אידעאַל?

ער האָט אָנגעשטעלט זיינע רויט־פאַנאַטישע אויגען און האָט ארויסגעברומט:

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגען?

— איך וויל דיר זאָגען אָט וואָס, חבר טשערטשינסקי! — האָט זי אָנגעהויבען צו ריידען מיט איהר שעהנעם, צוציהענדען קול: — איך בין די זעלבע איבערגעגעבענע קאָמוניסטין, ווי איהר אַלע, און איך וועל עס בלייבען, כל־זמן איך וועל לעבען, אָבער אַז ניקאָליי האָט מיך מיט געוואַלד געוואָלט צווינגען צו ווערען זיין געליעבטע, האָב

איך דאַך געמוזט זיך פאַרטיידיגען. אמת, איך האָב ליעב געהאַט ניקאָליי׳ס גרויסע אידעען, ניקאָליי׳ס גרויסע אויפטהואונגען פאַר דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט, אַבער ווערען זיין „געליעבטע״ האָב איך בשום־אופן ניט געקענט. מען מוז דאָך יענעם ליעב האָבען אלס „ווייב״, אויב מען וויל זיך מיט איהם פאַראייניגען! איך האָב דאָך ניט געקענט אוועקגעבען מיין „איך״, אַזוי ווי אַן „אויסגעלאַסענע״. און ווען איך וואָלט עס דערצעהלט אין דער עפענטליכקייט וואָלט מען מיר סיי־ווי־סיי ניט געגלויבט, האָב איך געמוזט אַנטלויפען מיט אַ צעוועהטאָגט האַרץ, און ווען איך האָב דאָס דערצעהלט מיין אייגענעם ברודער, האָט ער דאָס אויך ניט געוואָלט גלויבען. ווייל ווער וועט עס וועלען גלויבען אויפ׳ן גרויסען גייסט אַזאַ נידעריגע טהאַט? אויסער מיין געהילפין, די בראַווע יהודית קאַפּלאַן, וועלכע האָט געוואוסט דעם אמת.

טשערטשינסקי האָט זיך פאַרטראַכט. אין זיין רויטער האַרץ האָט זיך גענומען אַריינ׳גנב׳ענען אַ געדאַנק: אפשר איז דאָס אמת, וואָס זי זאָגט, און זי איז דאָך אַזאַ וואונדערבאַרע שעהנהייט, טשאַרט פּאַבערי!... און ער האָט געענטפערט אין אַ טאָן, אין וועלכען עס איז געלעגען עטוואָס ווייכקייט:

— בעטקע, זאָל שוין זיין אַז עס איז אמת אַלץ וואָס דו האָסט געזאָגט, אַבער ווער וועט עס קענען איבערצייגען? און בכלל, ווער וועט עס וואַגען אַרויסצולאָזען אין דער עפענטליכקייט אַזאַ זאַך און פאַרשוועכען דעם נאָמען פון דעם גרויסען ניקאָלייען, כאָטש אפילו נאָכ׳ן געזעץ איז עס ניט אַזאַ גרויסער פאַרברעכען!

— אַבער, חבר טשערטשינסקי! — האָט זי מיט פייער גענומען טענה׳ן. — איז דאָס רעכט, אַז די „רויטע מלוכה״, וועלכע שטרעבט צו העלפען אַלע אונטערדריקטע פון דער גאַנצער וועלט, זאָל פאַר־משפּט׳ן אַן אייגענעם און אומשולדיגען צום טויט?!...

ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. איהר שעהנקייט, איהר חכמה האָבען אומבאַמערקט געווירקט אויפ׳ן רויטען טייוועל, און אַ געדאַנק האָט איהם געשמייכעלט: „טשערטשינסקי! זיי ניט קיין פּרא אדם! ווער ווייסט, אפשר אויס דאַנקבאַרקייט וועט זי זיך נאָך אַמאָל פאַרליבען אין דיר, טשאַרט פּאַבערי!״ און ס׳האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט, ווי ער בעט ביי אַט דער שעהנהייט די האַנט, און זי פאַלט אַרויף מיט שמחה אויף זיין האַלז, און זי קושט איהם פון גרויס דאַנקבאַרקייט. זיין גאַנץ רויטע בלוט איז איהם אַריין

אין זיין פנים און אין דעם מאָמענט האָט דער רויטער שטאַרקער שפּיאָן, וועלכער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין מאָרד, אָנגעהויבען פּיהלען ווי א בעסערער מענש. די חיה אין איהם איז געוואָרען אָבי־סעל געצוימט.

— איך וועל זיך דורכרעדען מיט מעדוועדיעוו׳ן וועגען אייך! — האָט ער נאָך א היבשען נאָכדענקען געענטפערט. — און דאָס וואָס עס וועט נאָר זיין אין מיין כח צו העלפען, וועל איך געוויס טהאָן!

און נאָך אין דעם זעלבען אָוונט האָט ער איבערגעגעבען מעד־וועדיעוו׳ן דעם גאַנצען געשפּרעך וואָס ער האָט געהאַט מיט בעטקע׳ן.

מעדוועדיעוו האָט אויפמערקזאם אויסגעהערט און האָט געזאָגט:

— איך גלויב, אַז בעטקע האָט דערצעהלט דעם אמת, ווייל איך וויים ווי שטאַרק דער גרויסער ניקאָליי האָט געליעבט איהר שוועסטער איזאַבעלא, און זי, בעטקע, איז אַזוי געראָטען אין איהר שוועסטער, פּונקט ווי צוויי טראָפּענס וואַסער. איך בין זיכער, אַז זי האָט איהם געשאָסען אין זעלבסטפאַרטיידיגונג. אָבער וואָס קומט אַרויס דער־פון? ווער וועט עס גלויבען? און אפילו אַז מען זאָל שוין גלויבען, וועט דער „רויטער טריבונאַל" ניט וועלען הערען און זעהן. זיי וועלען איהר מוזען ברענגען אַלס „קרבן" אויף דעם „מזבח" פון באָלשעוויזם. נאָר מען מוז גוט חוקר ודורש זיין, אויב זי איז נאָך טאַקי די זעלביגע איבערגעגעבענע „באָלשעוויטשקע", וועלען מיר אפשר זוכען א מי־טעל, — און זי איז דאָך אַזאַ שעהנינקע! — האָט ער בשעת מעשה א טראַכט געטהאָן. עך, טשאָרט פּאָבערי!

בערטע האָט אָנגעהויבען שטודירען זייער יעדע באַוועגונג. זי האָט געפיהלט, אַז זי וועט זיי ביידע באַהערשען, און זי האָט פון טאָג צו טאָג אינדירעקט אַריינגעטריפט א טראָפּען האָפנונג אין זייערע רויטע הערצער.

איינמאָל האָט מעדוועדיעוו א זאָג געטאָן:

— בעטקע! איהר ווייסט דאָך בעסער פון אַלעמען, אַז מיר באָל־שעוויקעס האַלטען זעהר ווייניג פון „אמונה". אונזער גרויסקייט און אונזער מאַכט באַשטעהט נאָר אויף טהאָטען. איהר ווילט אונז מאַכען גלויבען, אַז איהר זייט די זעלבע איבערגעגעבענע קאָמוניסטין. אָבער גלויבען אַליין האָט קיין שום ממשות ניט! גיט אונז אמת׳ע פאַקטען, פאַקטען, אַז מיר זאָלען זיי קענען זעהן און אָנטאַפּען מיט די הענט!

— און וואס וועט שוין זיין, אז איך וועל אייך געבען די ריכטיגע פאקטען, וועט איהר דען זיין בכח אויפצועפענען מאסקווע די אויגען? — האט זי שטיל און תמימות׳דיג געפרעגט.

— בעטקע! — האט ער גערעדט אפענהערציג. — אז איך וועל זיין איבערצייגט, אז איהר זייט די זעלבע טרייע „חברה“, וועט איהר שוין ניט זיין אונזער געפאנגענע, נאר אונזער טאווארישץ, אונזער וועגווייזער און אונזער לעהרער ווי אמאל, און מיר אלע צוזאמען וועלען שוין געפינען א מיטעל ווי זיך ארויסצופלאנטערן פון דעם גרויסען פארפלאנטערטען פלאנטער.

בערטע האט זיך פארטראכט. איהר מח האט שנעל געארבייט. דערנאך האט זי אנגעהויבען ריידען מיט איהרע אמאליגע באלשעוויסטישע התלהבות:

— חבר מעדוועדיעוו! איך האב גאנץ גוט געוואוסט, און ווייס עס נאך עד היום, אז דער גרויסער סאוויעטען־טריבונאל וועט בשום אופן ניט וועלען ארויסגעהן מיט דעם אמת אין דער עפענטליכקייט, זיי וועלען בעסער מיך מקריב זיין אויף דעם באלשעוויסטישען מזבח. דעם אמת זאגענדיג, איז מיר פיעלע מאל אריין א געדאנק, אז איך זאל מיך אליין איבערגעבען אין די הענט פון דער „רויטער מלוכה“, אפשר וועט עס זיין א גרויסע פראפאגאנדע און א טובה פאר אונזער אידעע, אבער נאך פיעלע שלאפלאזע נעכט און איבערטראכטונגען בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז ווען איך וועל לעבען, וועל איך קענען מעהר אויפטאן פאר׳ן קאמוניזם. איך האב זיך אריינגעווארפען אין דער ארבייט פארשטעלטערהייט, און האב זעהר פיעל אויפגעטאן פאר׳ן רויטען אידעאל. און דא קום איך צו די אמת׳ע פאקטען — האט זי מיט פייער גערעדט. — איך בין זיכער, חבר מעדוועדיעוו, אז איהר האט ערהאלטען א פארשטעלטע טעלעגראמע פון אמעריקא, אז דער גרויסער באלשעוויק שווארצקאפ פון דייטשלאנד וועט קומען אייך העלפען אנפיהרען די ארבייט אין עגיפטען און פאלעסטינע?!

מעדוועדיעוו איז אויפגעשפרונגען א פארציטערטער.

— פון וואנען ווייסטו דאס? ביזטו א מכשפה?!

— איך בין ניט קיין מכשפה! — האט זי געענטפערט. — אז אמת׳ער באלשעוויק גלויבט ניט אין כשוף. אז אמת׳ער באלשעוויק

ווייסט פון אַלע סודות. נאָר לאָזט מיך ענדיגען. די טעלעגראַמע איז געוועזן געשיקט פון ניו יאָרק פון דעם בראַווען ניגלאַס׳ן, דעם אָנפיהרער פון די רויטע אין אָנקעל סעמ׳ס מדינה.

מעדוועדיעוו איז געבליבען זיצען ווי אָהן לשון, און טשערטשינסקי, וועלכער האָט זיך צוגעהערט, ניט נעמענדיג קיין אנטהייל, האָט זיך פון געוואוינהייט אַזש געגומען צלמ׳ען.

אין דער טעלעגראַמע ווערט אויף אַ פאַרשטעלטען אופן אויסגעדריקט אַ דאַנק פאַר דער ערמאָרדונג פונ׳ם ענגלישען גענעראַל אין עגיפּטען און נאָך אייניגע וויכטיגע אינסטרוקציעס, ווי אָנצורייצען די אַראַבער געגען ענגלאַנד און די אידען.

— מכשפה! — האָבעןביידע מיט אַמאָל אויסגעשריען.

— ניין, חברים! — האָט זי געלאַסען געענטפערט. — באָלשעוויזם גלויבט ניט אין כשוף. דער גרויסער ניקאָליי פלעגט זאָגען: „אַז מיט שכל, מאַכט און דיסציפּלין קען מען איבערקערען די גאַנצע וועלט". ניט מיט כשוף האָב איך זיך דערוואוסט פון אַט די אַלע סודות, נאָר דורך ענערגישע אַרבייט. איך בין געוועזן איינע פון די פּאַרטרויטסטע מיטגלידער אין דעם „רויטען בונד" פון אַמעריקא; איך אַליין האָב געהאָלפען אויסאַרבייטען אַט די אַלע פּלענער נאָך זייענדיג אין דייטשלאַנד, און דער בראַווער ניגלאַס אַליין האָט מיך באַגלייט צו דער טוריסטען־שיף, מיט וועלכער איך בין געקומען אַהער צו העלפען אייך אָנפיהרען די רויטע מלאכה.

— ס׳קען ניט זיין! ס׳איז אונמעגליך! — האָט מעדוועדיעוו געברומט ווי אַ חיה. — ניגלאַס האָט אונז מיטגעטהיילט, אַז ער האָט אַ שפּור פון אייך אין ניו יאָרק, נאָר אויב ס׳וועט זיך אויסלאָזען אַ בוידים, זאָל מען אייך זוכען און לעבעדיגערהייט אַפּשיקען נאָך דער רויטער רוסלאַנד!

— כ׳ווייס דערפון אויך! — האָט בעטקע געלאַכט. — כ׳האָב אָבער געאַרבייט ניט אונטער מיין אייגענעם נאָמען, נאָר אונטער דעם נאָמען שוואַרצקאָפּ, וועלכען איך האָב אָנגענומען נאָך זייענדיג אין דייטשלאַנד, וואו איך האָב זיך ערוואָרבען אַ גרויסען נאָמען צווישען די אמת׳ע רויטע.

און זי האָט זיי דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע, ווי זי האָט די גאַנצע צייט געאַרבייט אונטער דעם נאָמען, וויסענדיג, אַז זי מוז זיין פאַר דער וועלט טויט. נאָר פאָהרענדיג צוזאַמען מיט די אַמעריקאַנער מיליאָנערען אויפ׳ן שיף, האָט זי זיך איבערגעטאָן אין איהר

אמת׳ן געשטאַלט, ווייל די אמעריקאַנער האַלטען זעהר פון „ליידים פוירסט״. זי האָט זיי געהייסען געהן צו דער טוריסטען־שיף, וועלכע שטעהט נאָך געוויס אין האַפען און אַרויסקריגען פון דער קאַיוטע אַלע איהרע קליידער, און זי וועט זיך פאַרקליידען אלס שוואַרצקאָפּ, און אַזוי ווי זיי האָבען זיין בילד, וועלען זיי זיך קענען איבערצייגען אין איהרע אמת׳ע רייד.

ביי מעדוועדיעוו׳ן און טשערטשינסקי׳ן האָבען זיך די האָר גע־שטעלט קאַפּויר פון בעטקע׳ס איבעראַשענדע ענטדעקונג. זיי האָבען גלייך געשיקט סאַבאַקינ׳ען מיט סטיאָפּקען, וועלכע זיינען געווען מומחים אין הלכות גנבה, און זיי האָבען אַרויסגעקראָגען פון שיף אַלע איהרע קליידער.

און ווען בעטקע האָט זיך פאַרקליידעט אַלס שוואַרצקאָפּ, האָבען זיי ביידע אין איין קול אויסגעשריען:

— ריכטיג ווי צוויי טראָפּענס וואַסער! פּונקט ווי די בילד וועלכע מיר האָבען געהאַלטען אין האַנט.

איצט איז שוין ביי זיי קיין שום ספק ניט געבליבען, אַז אַלעס וואָס זי דערצעהלט איז אמת און היילינ.

— בעטקע! — האָבען זיי ביידע אויסגעשריען, און האָבען איהר געדריקט די האַנט. — איהר זייט אַ מאַרטירערין, אַ הייליגע! פון היינט אָן זייט איהר ניט אונזער געפאַנגענע, נאָר אונזער חברה, אונ־זער וועג־ווייזער! זאָגט, וואָס זאָל מען איצט אָנהויבען צו טאָן? ! באַפעלט, און מיר וועלען אויספאָלגען!

— חברים! — האָט זי געענטפערט. — די זאַך איז זעהר אַ פאַר־פּלאָנטערטע. מיר מוזען אַלע דריי זעהר גוט און פאָרזיכטיג זיך מישב זיין; מיר מוזען אויסאַרבייטען, אַז דער באָלשעוויזם, אונזער רויטער אידעאַל, זאָל דורך מיר זעהר פיעל געווינען און איך זאָל אויך הנאה האָבען פון לעבען. ס׳איז אַן עבירה אַזוי יונג צו שטאַרבען, אין דער צייט ווען מען קען לעבען, לעבען און אַרבייטען פאַר דער שעהנער, הערליכער פּראָלעטאַרישער רויטער צוקונפט, און די וועלט איז דאָך אַזא שעהנע!

די ביידע „רויטע חיות״ אין מענשען־געשטאַלט האָבען זיך אַזש אַ צאַפּעל געטאָן פון איהר לעצטער באַמערקונג.

— חברים! — האָט זי געזאָגט. — קודם־כל לאָמיר שליסען אַ בונד, אַז קיינער טאָר פון דעם סוד ניט וויסען, אויסער מיר דרייען. פון היינט אָן וועל איך זיין נאָר שוואַרצקאָפּ! איהר פאַרשטעהט?...

— געוויס, געוויס! מיר פארשטעהען! — האבעןביידע מיט שמחה געענטפערט. פאר די איבעריגע מוזען מיר ערקלעהרען, אז די הויפט־ריכטערין ליגט באהאלטען אין א גוטען פלאץ, ביז ס׳וועט זיין א גינסטיגע צייט אפצושיקען זי נאך סאוויעט־רוסלאנד! איהר פאר־שטעהט?

— געוויס, געוויס, בעטקע! — האבען זיי געשאקעלט מיט די קעפ.

— ניט בעטקע, נאר שווארצקאפ, מוזט איהר מיך אנרופען פון איצט אן! — האט זי שעלמיש געשריען.

— געוויס, געוויס, טאווארישץ שווארצקאפ! — האבען ביידע געענטפערט.

— נאכדעם אז מיר וועלען דא אפטהאן אונזער „רויטע מלאכה", וועלען מיר זוכען מיטלען, ווי אזוי איך זאל קענען ארייננפאהרען אין אונ־זער רויטער מדינה. — נאר אויפ׳ן לעצטען פאל, וועל איך אנקומען אהין אלס דער רויטער העלד שווארצקאפ, אזוי ווי איך האב געטאן מיט א יאהר צוריק. איהר פארשטעהט?

— בראוואָ! — האבען זיי אויסגעשריען און געדריקט איינע די אנדערע די הענט פון גרויס שמחה. מען האט געמאכט א גוטען „לחיים" לכבוד דער הויפט־ריכטעריז, די קראסאוויצע בעטקע, וואס איז פון היינט־אן דער גרויסער דייטשער קאמוניסט שווארצקאפ — און בשעת מעשה האט בעטקע געטראכט: רבונו של עולם! גיב מיר כח! העלף מיר, גאט פון מיינע עלטערן, צו באזיצען די גבורה פון אונזער העלדין דבורה הנביאה, וועלכע האט פארניכטעט די אמאליגע רויטע! גיב מיר, גאט פון ישראל, חכמה און קראפט!

אייגענטליך האט בערטע שוין איצט געקענט זיך באפרייען פון דער רויטער נעץ. זי האט זיך געפיהלט זיכער אין זייער צוטרוי צו איהר, אבער זי האט ביי זיך פעסט באשלאסען צו שטעהן מיט זיי און אויסגעפינען אלע זייערע סודות פון וועלכע זי האט נאך ניט געוואוסט, און צומישען זיי אזוי זייערע רויטע מחשבות, אז זיי זאלען נאכדעם זעהר טייער באצאהלען פאר אלע אידישע צרות. ביי איהר איז אפילו רעכט געבליבען, מקריב צו זיין זיך פאר דאס אידישע פאלק און דעם אידישען לאנד, און זי האט זיך גענומען צו דער ארבייט מיט חכמה, מאכט און דיסציפלין, לויט די שיטה פון רויטען ניקאלייען.

זעקס־און־צוואנציגסטער קאַפּיטעל.

בערטע פאַנגט איהרע פאַנגער.

מעדוועדיעוו און טשערטשינסקי, די צוויי רויטע חיות, שלאָפען ניט קיין נעכט. די שעהנע בעטקע האָט ביי זיי אוועקגערויבט זייער שלאָף. יעדער איינער פון זיי טראַכט פון פאַרשידענע, מורא׳דיגע, אכזריות׳דיגע מחשבות. איינעם דאַכט זיך, אַז זי איז נעהענטער צום אַנדערען. די אייפערזוכט האָט זיי ביידען צולעכערט די רויטע הערצער; איינער וואָלט וועלען פּטור׳ן דעם צווייטען. ביידע זיינען געווען מוכן ומזומן צו דערשטיקען, צו דערווערגען און צו צורייסען איינער דעם אַנדערען, לויט ווי דער דין פון זייער רויטער תורה.

בערטע פלעגט מיט אַ בכיון אָנצינדען זייערע פאַנטאַזיעס אַ פאַר׳סמ׳ען מיט אייפערזוכט זייערע רויטע נשמות. ווען זי פלעגט זיך סוד׳ען מיט איינעם, פלעגט זי אַלע מאָל זעהן, אַז דער צווייטער זאָל עס באַמערקען. זי האָט זיי אַזוי פאַר׳שכור׳ט און פאַרשקלאָפט, אַז זיי האָבען אפילו פאַרגעסען צוליעב וואָס זיי זיינען אַהער געקומען. אַלע געהיימע צושריפטען, טעלעגראַמעס און אינסטרוקציעס פלעגען אָנקומען אין איהרע הענט. יעדער פרישער אָנגעקומענער רויטער שפּיאָן, סיי פון עגיפּטען און סיי פון פּאַלעסטינא, האָט געוואוסט, אַז ער מוז זיך ווענדען צום גרויסען שוואַרצקאָפּ, און אפילו די אַלטע אָנגענטען האָבען אָנגעהויבען מורא האָבען פאַר שוואַרצקאָפּ׳ן, איינ־זעהענדיג ווי די צוויי גרויסע רויטע פון מאָסקווע בייגען זיך אין דרייען פאַר איהם. און שוואַרצקאָפּ האָט איינגעפיהרט אַן עכט־רויטע דיסציפּלין, פּונקט ווי אין די אַלטע צייטען, ווען ער איז נאָך געווען „בעטקע, די הויפּטריכטעריןן פון דער רויטער רוסלאַנד“.

מעדוועדיעוו און טשערטשינסקי האָבען אָנגעהויבען אויסמיידען איינער דעם אַנדערען. די אייפערזוכט האָט זיי אַזוי פאַרברענט און פאַרצערט, אַז זיי פלעגען תמיד אַרומגעהן מיט מאָרנע ווילדע בליקען, און נאָר פון ווייטען היטען איינע די אַנדערע. בעטקע איז מיט אַן אמת נעוואָרען זייער אידעאַל און זייער גאָט.

איינמאָל האָט מען געמוזט געהן אין אַ שליחות. ס׳איז געווען אַזאַ פאַל, וואָס מען האָט ניט געטאָרט אָנפאַרטרויען אַבי וועמען. ס׳האָט געמוזט געהן ענטוועדער מעדוועדיעוו, אָדער לכל הפחות טשער־

טשינסקי. איז מעדוועדיעוו מיט א בכיון אראפגעפאלען פון א בארג, צובלוטיגט זיין פנים און אויסגעלונקען א פוס, כדי ער זאל קענען פארבלייבען אין דער היים און ריידען מיט בעטקע׳ן. טשערטשינסקי האט מיט אן אמת זיך געוואונשען: הלואי וואלט עס בעסער מיט איהם געטראפען, און ער האט נעבאך געמוזט געהן אין דער שליחות, ווייל די האנט פון טשעקא איז לאנג. זי קען דערלאנגען אפילו אין דער מדבר.

ווען מעדוועדיעוו איז געבליבען אליין, האט ער אנגעהויבען:

— בעטקע!

— שא... ש...! — האט זי געענטפערט שטיל — מען טאר ניט! דערמאן ניט מיין נאמען! אפילו אט די אלטע חורבות האבען אויך אויערען.

— נו, זאל זיין קראסאוויצא שווארצקאפ! — האט ער מיט תחנונים גענומען ריידען און זיפצען. — איך ווער פארברענט פון איי־פערזוכט. זאג מיר, האסטו טאקע אט יענעם טייוועל, טשערטשינסקי׳ן, ליעב?

— וואס פאלט דיר איין, מעדוועדיעוו! — האט זי קאקעטיש גע־לאכט. — אבער מען טאר איצט אין גאנצען דערפון ניט ריידען. פאר־געס ניט, אז מיר מוזען דורכפיהרען זעהר גרויסע זאכען. היינט זיינען אנגעקומען אינסטרוקציעס פון מאסקווע און פון דריטען אינטער־נאציאנאל, און מיר מוזען אנווענדען אונזערע כחות אויפצורייצען די נארישע אראבער געגען ענגלאנד און געגען די אידען. מיר טארען זיך אויף א רגע ניט פארגעסען, אז זינט דער אידישער נציב, הערבערט סעמועל, הערשט אין פאלעסטינע, איז דארט צופיעל ארדנונג. די אידען ענטוויקלען דאס לאנד זעהר שנעל, און די אראבער הויבען זיך אן חבר׳ן און ברידער׳ן מיט די אידען. מיר, רויטע, טארען עס בשום אופן ניט דערלאזען. שפעטער, ווען מיר וועלען האבען אלעס דורכגעפיהרט, און איך וועל קומען אין אונזער ליבער, רויטער מדינה אונטער דעם נאמען שווארצקאפ, וועלכער איז שוין איצט פארגעטערט ביי דער סאוויעטען־מאכט, דאן וועלען מיר ריידען דערפון; מיר וועלען אויסגעפינען עפעס אן עצה, און דאן, מיין טייערע, — האט זי איהם געגעבען א גלעט — וועלען מיר...

— חתונה האבען! — האט ער אונטערגעכאפט און האט זיך פון התפעלות אזש פארהוסט.

— דערווייל, מיין טייערער, מוזען מיר לײדען און שווייגען. מיר מוזען זיך היטען אפילו פאר אונזערע אייגענע שאטענס. אונזער אויפגאבע איז א גרויסע, די ארבייט איז א שווערע. שפעטער, דער־נאך! און, אגב, וועסטו שפעטער אפשר קענען אויסגעפינען א מיטעל ווי פטור־צו־ווערען...

— פון טשערטשינסקיין! — האט ער געשעפטשעט.

— יא, יא! — האט זי געענטפערט ווי סודות׳דיג. — דערווייל שא... מען טאר ניט!

— יא, מען טאר ניט! — האט ער איבערגע׳חזר׳ט — מען טאר ניט, ס׳איז א סוד! וועגט האבען אויערען און דער טשעקא דערגרייכט אזש אהער! — ער איז אבער געווען פול מיט גליק.

— דו ווייסט, טייערינקע, — האט ער געשעפטשעט, — כ׳וועל טאן אלעס פאר דיר. כ׳וואלט איצט אפילו ניקאלייען אליין דער׳הרג׳עט פון דיינעטוועגען!

— שא! — איז זי כלומר׳שט א פארציטערטע געווארען — מען טאר אזוי ניט ריידען! ניקאליי לעניץ איז געווען דער גרעסטער מאן פון צוואנציגסטען יאהרהונדערט! מעהר ניט, איך האב איהם ניט ליעב געהאט אלס מאן!

— אבער מיך טייערינקע? ! — האט ער געשעפטשעט.

— שא... — האט זי געענטפערט. — מען טאר איצט ניט ריידען. שפעטער, יא, כ׳האב ליעב... שא! ... — זי האט איהם געגלעט איבער׳ן קאפ, ווי די צירקוס־מיידעל דעם שלאנג, און ער איז ווי א ווילד־גע־צוימטע חיה איינגעשלאפען זיצענדיג. ער האט פון שלאף געלאכט און געשאלטען.

די זעלבע קאמעדיע פלעגט זיך אפשפילען מיט טשערטשינסקי׳ן, ווען ער פלעגט זיין גליקליך צו פארבלייבען מיט איהר אליין. זי האט אזוי דערפיהרט, אז יעדער איינער פון זיי האט נאר געטראכט: ווען וועט שוין קומען די גליקליכע צייט, אז ער וועט קענען דער־הרג׳ענען זיין טאווארישטש.

שוין דריי מאנאטען צייט, ווי די „רויטע פארשער״ פון אלטער־טימליכקייטען זיצען צווישען די אלטע חורבות פון מצרים. יעדען טאג ברענגט מען זיי פארשידענע ידיעות מיט אן אנגעלאדענעם אוי־טאמאביל פון כל־טוב. די רויטע מלוכה האט שוין גוט אכטונג גע־געבען, אז זיי זאל ניט פעהלען פון פויגעל־מילך.

בערטע האָט פאַר דער צייט אָנגעזאַמעלט אַזוי פיעל רויטען מאַ־טעריאַל, אַז זי האָט אָנגעהויבען פיהלען, אַז די צייט איז שוין גע־קומען פאַר ממשות׳דיגע ארבייט; די צייט איז שוין געקומען, אַז זי זאָל אָנהויבען דינען איהר אייגען פאָלק און דער מוטער ציון, — און ווען זי איז איינמאָל געבליבען אַליין מיט מעדוועדיעוו׳ן, האָט זי איהם ערקלערט, אַז זי דענקט, דאָס די צייט איז שוין גינסטיג צו מאַכען די רויטע נסיעה׳לע נאָך פּאַלעסטינע, ווייל די „מאָפּס׳ן" האָבען שוין גוט צוגעגרייט דעם באָדען פאַר אַ מהומה, מען דאַרף נאָר קומען און נעהמען זיך צו דער מלאכה פון אויפהעצען און אויפ־רייצען.

— מיר מוזען איצט צוזאַמענרופען אַלע אונזערע קאַמעראַדען און אויסאַרבייטען אַ ריכטיגען פּלאַן, ווי אָנצופיהרען די אַרבייט, אום מיר זאָלען מאַכען אַ גוטען ערפאָלג.

מעדוועדיעוו האָט געקליבען נחת. אָט דאָס הייסט קלאָרע דבורים, טשאַרט פאָבערי! — האָט ער אונטערגעזונגען. — און ער האָט גלייך גענעבען אַ באפעהל, אַז אַלע חברים מוזען זיך צונויפקומען פּינקטליך דעם אָוונט.

אַלע האָבען זיך פאַרזאַמעלט אין צייט. איבראַהים דער אַראַבער פון פּאַלעסטינע; איזמאַיל, פון מצרים; טאַנגאַ טאַ, פון יאַפּאַן; לי טשאַנג כונג, פון כינא; סאַבאַקין, סטיאַפּקאַ, טשערטשינסקי, מעדווע־דיעוו און שוואַרצקאָפּ.

מעדוועדיעוו האָט געעפענט דעם מיטינג און האָט געבעטען, אַז דער גרויסער שוואַרצקאָפּ, וועלכער איז אַ גרויסער מומחה אין דער רויט־טער תורה, זאָל פאַרלעגען זיינע פּלענער, ווי אָנצוהויבען די אַרבייט. און שוואַרצקאָפּ האָט אָנגעהויבען ריידען ערנסט און פייערדיג:

— חברים באָלשעוויקעס! — מיר מוזען אַלע האָבען גוט אין זינען, אַז דאָס אידישע פאָלק איז זעהר אַ קלוג פאָלק, אַ פאָלק אַ געפּרואווטע און אַ דורכגעליטענע; אַ פאָלק פון חכמה, ענערגיע און פּראַקטיק. דערצו איז זייער היי־קאָמישאַנער אַ קלוגער, דורכגעטריבענער און גע־לאַסענער שטאַאַטסמאַן, פון דזשאָן בול׳ס חדר, און דערצו נאָך מיט אַ אידישען מח און אידישע גאונות, דאַרום מוזען מיר אַלע זעהר פאָרזיכטיג און געלאַסען איבערטראַכטען, ווי אָנצוהויבען דעם בראשית פון אונזער אַלעמענס הייליגען רויטען אידעאַל. אמת, די מאָפּס׳ן אין פּאַלעסטינע זיינען געטריי און איבערגעגעבען מאָסקווע, אָבער איצט, ווען מיר ווילען דורכפיהרען אונזער נסיעה נאָך ארץ־ישראל,

טאָרען מיר ניט, גלייך ביי אונזער אריינקומען, זיך חברן מיט די מאָפּס׳ן, כדי עס זאָל ניט ווערען אויפפּאַלענד און נאָכדעם קען מען אונז נאָך ארויסשיקען מיט ווייס־בלויע כלי־זמרים, און אונזער גאַנצער ארבייט וועט זיין ארויסגעוואָרפען. דעריבער איז מיין עצה, אז מיר זאָלען אריינפאָהרען אין פּאַלעסטינע אלס טוריסטען, און זיך גוט באַקענען מיט דער אַלטער און נייער ארץ־ישראל, און דערנאָך ערשט אנפיהרען אַ שטילע פּראָפּאַגאַנדע, איבערהויפּט צווישען די קריסטליכע אראַבער, וועלכע זיינען פון אַלע מאָל אַן גרויסע שונאים די אידען, און צווישען די רייכע עפענדים, וועלכע זיינען שונאים צו אַלעמען, אפילו זייערע אייגענע ברידער די אַראַבער; אָנרייצען איין פּאַרטיי אויף דער צווייטער; זאָלען זיי זיך רייסען צווישען זיך: אַראַבער מיט אידען און אַלע צוזאמען געגען ענגלאַנד און געגען אַלע סעמיטען.

דאָס איז אונזער אויפגאַבע בכלל, אָבער מיר מוזען אויסאַרבייטען אַ פּראָגראַם, ווי אזוי דאָס דורכצופיהרען.

די ערשטע זאַך מוז ביי אונז אַליין איינגעפיהרט ווערען די שטרענגסטע דיסציפּלין. פּונקט אַזוי ווי אין מאָסקווע. קיינער פון אונזערע חברים טאָר ניט אונטערנעהמען קיין זאַך אויף זיינע אייגענע אחריות. יעדע זאַך מוז געטאָן ווערען דורך אַ באַפעהל פון אונזער עלטסטען, דער הויפּט־שליח פון מאָסקווע, דאָס איז אונזער חבר מעדרוועדיעוו.

אויב אימעצער פון אונז, חברים, וועט וועלען ברעכען די דיסציפּלין, זאָלען מיר איהם משפּט׳ן לויט דעם שולחן־ערוך פון אונזער גרויסען ניקאָליי׳ס רויטער תורה.

אָט דאָס זיינען אין קורצען מיינע פּלענער, חברים! אויב איהר ווילט, קענט איהר זיי גוט־הייסען און גלייך צוטרעטען צו דער אַרבייט, און אויב איהר האָט בעסערע פּלענער, בין איך וויליג מיט מיין גאַנצען הארצען זיך אונטערצוואַרפען אונטער זיי, אפילו מיט מיין לעבען.

— אָט דאָס הייסט אַ באָלשעוויק! — האָט מעדרוועדיעוו אויסגעשריען מיט שמחה.

— אָט דאָס הייסט אַן אמת׳ער רויטער! — האָט געשריען טשערטשינסקי.

— אָט דאָס הייסט אַ העלד! — האָט איבראַהים אויסגעזונגען, און אַלע האָבען צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ אַלס אַ סימן פון אנערקענונג.

— און נאָך אַ זאַך, חברים, וויל איך אייך באַמערקען, אז ס׳וואָלט זעהר גוט געווען, אז מיר זאָלען ערוועהלען איבראַהימ׳ן פאַר אונזער

וועג־ווייזער, ווייל ער איז געניט איבער גאַנץ פּאַלעסטינע. טאַנגאַ טאַ זאָל כלומר׳שט זיין אונזער קוכער און לי טשאַנג כונג אונזער וואַשער, כדי עס זאָל אויסזעהן, אַז אַ רייכע טוריסטען־געזעלשאַפט, מיט איי־גענע משרתים, זיינען אַראָפּגעפאָהרען אין פּאַלעסטינע.

— בראַוואָ! — האָט מעדוועדיעוו אויסגעשריען. —הולי! הוליי! — האָבען טאַנגאַ טאַ מיט לי טשאַנג כונג געמורמעלט.

איבראַהים האָט געבעטען דעם וואָרט.

— חברים! — האָט ער אָנגעהויבען צו ריידען — איך מאַך אַ פאָר־שלאָג, אַז מיר זאָלען ערוועהלען אַן עלצטען, צו וועמען מיר אַלע זאָלען זיין פאַרפּליכטעט, און צו וועמען מיר זאָלען איצט שווערען טרייהייט.

שוואַרצקאָפּ האָט זיך אויפגעשטעלט, מיט אַן ערנסטען פּנים, און האָט געזאָגט:

— חברים! מיר מוזען אַלע האָבען דרך־ארץ פאַר מאָסקווע, און אַזוי ווי מעדוועדיעוו איז דער הויפּט־אַגענט פון דער סאָוויעטען־מאַכט, זעה איך ניט איין די נויטווענדיגקייט צו ערוועהלען אַ נייעם הויפּט.

— חברים! — האָט אויסגעשריען איזמאַאיל. — מיר טערקען ווי־לען ניט אויף איביג פאַרבלייבען נאָר ביי דער „רויטער טערקישער יאַרמולקע". מיר ווילען האָבען אַמאָל אַ טערקיי מיט שוואַרצע יאַר־מולקעס, אַ סאָוויעטען־רעפּובליק מיט אַן אייגענעם סולטאַן, און ניט זיין אונטערגעוואָרפען מאָסקווע!

— אמת! — האָט זיך צוזונגען איבראַהים.

— אָבער די רוסישע באָלשעוויקעס זיינען דאָך די מעהרהייט! — האָט סטיאָפּקע געשריען.

— ס׳איז אַ גרויסער ליגען! — האָט איבראַהים אויסגעזונגען שלשלת׳דיג. — איבער גאַנץ רוסלאַנד זיינען פאַראַן אפשר הונדערט טויזענט רויטע, אָבער די מיליאָנען פּויערים, די אידען, די סוחרים און די מענשעוויקעס זיינען קיינמאָל ניט געווען קיין רויטע.

איזמאַאיל האָט גענומען צעהלען די פינגער און שרייען אַללאַ, אַללאַ! טאַנגאַ טאַ מיט לי טשאַנג כונג האָבען גענומען דרעהען מיט זייערע קליינע אויגעלאַך; סאַבאַקין האָט געבורטשעט אונטער׳ן נאָז;

בערטע'ס הארץ האט אנגעקוואלען פון דער סצענע. אבער שווארצ־קאפ האט ערנסט אויסגעשריען:

— חברים! אונזער שליחות איז זעהר א גרויסע! מיר מוזען איצט מאכען די הכנות פאר אונזער רייזע. לאמיר אויסמיידען רייד־סייעריייען און קריגערייען און ניט צולאזען דעם שטן פון קריגע אין אונזער „רויטער מחנה“. מיר מוזען איינמאל פאר אלע מאל אויפ־שטעלען די מלוכה פון דעם וועלט־פראלעטאריאט.

— חברים! — האט זיך מעדוועדיעוו אויפגעשטעלט און אנגע־הויבען ריידען. — צווישען אונז איז דא א חבר, וועלכער איז פעהיגער, קליגער, שעהנער, געשיקטער, און קען דערצו אלערליי לשונות, — און כאטש מאסקווע האט מיך געשיקט אהער, בין איך אבער מוחל מיין כבוד, צוליעב דער גרויסער, שווערער אונטערנעמונג. איך וויל מיט'ן גאנצען הארצען אז דער גרויסער בראווער שווארצקאפ זאל ערוועהלט ווערען פון אונז אלס דער הויפט פון אונזער מחנה!

טשערטשינסקי האט מיט שמחה אויסגעשריען:

— איך שטים איין מיט'ן פולען הארצען, אז דער טרייער איבער־געגעבענער באלשעוויק חבר שווארצקאפ זאל ווערען אונזער עלצטער.

איבראהים מיט איזמאאיל'ן האבען אין איין קול אויסגעזונגען:

— אט דאס האבען מיר דאך פון אנהויב־אן געוואלט!

— קריוואיעדאוו, סאבאקין און סטיאפקא האבען געשריען „בראווא!“ „שווארצקאפ אונזער פיהרער! הורא!“

טאנגא טא און לי טשאנג כונג האבען געבויגען די קעפ, געריבען די הענט און געשריען: „הוליי! הוליי! שוואלצקאפ!“

און אזוי איז שווארצקאפ פה אחד־יג ערוועהלט געווארען פאר דעם הויפט פון די רויטע אגענטען.

— חברים! — האט שווארצקאפ שטאלץ און הארט גערעדט. — פון איצט אן בין איך אייער עלצטער. איהר מוזט אלע שווערען ביי דעם גייסט פון רויטען ניקאלייען, אז איהר וועט דורכפיהרען פינקטליך אלע מיינע באפעהלען. קיינער טאר אליין, אויף זיינע אייגענע אחריות גארנישט אונטערנעהמען, און וועה וועט זיין צו יענעם, וועל־כער וועט וואגען ברעכען די אייזערנע דיסציפלין. איך וועל איהם דערשיסען ווי א הונט!

— איהר הערט, חברים?! — האט שווארצקאפ געדונערט.

— מיר שווערען! — האבען אלע אויסגעשריען און אויפגעהויבען די רעכטע האנט אין דער הויך. אלע האבען געפיהלט, אז שווארצקאפ

איז אן אמת׳ער העלד און געקראָגען פאר איהם, אויסער מורא, אויך דרך־ארץ.

איזמאאיל האט אויסגעשריען, אז שווארצקאָפּ קוקט אויס ווי א סולטאן. איבראהים האט איהם צוגעגליכען צו מחמד׳ן און די מאָס־קווער צו ניקאָלייען.

נאָכ׳ן מיטינג האט מען, אויפ׳ן באפעהל פון שווארצקאָפּ׳ן, אָנ־געהויבען זיך צוגרייטען צו דער רייזע. מען האט געבראכט אַלעם אין אָרדנונג. מען האט נאָר געווארט אויף שווארצקאָפּ׳ס סיגנאַל.

שווארצקאָפּ האט אריינגעסוד׳עט מעדוועדיעוו׳ן, אז ער זאָל שליּ־סען אן איינגערע פריינטשאפט מיט איזמאאיל׳ן, אז יענער זאָל גוט אכטונג געבען אויף טשערטשינסקי׳ן, און אויב ער וועט האבען עפּעס א חשד, זאָל ער דאס גלייך מעלדען.

טשערטשינסקי׳ן האט זי גע׳עצה׳ט, אז ער זאָל זיך חבר׳ן מיט איבראהימ׳ען, אז יענער זאָל ניט אראָפּנעהמען די אויגען פון מעדוועדיעוו׳ן, און אויב ער זאָל עפּעס באמערקען, זאָל ער עס גלייך מעלדען שווארצקאָפּ׳ן.

און מיט אָט די טרייע איבערגעגעבענע רויטע, איז בערטע דאָס כלומר׳שט געגאנגען אויפרייצען די אראבער געגען ענגלאנד און די אידען.

שווארצקאָפּ האט שוין באשטימט דעם טאָג, ווען מען זאָל אָנהויּ־בען די רייזע, און האט יעדען איינעם געגעבען אינסטרוקציעס ווי זיך נוהג צו זיין.

שווארצקאָפּ איז געזעסען איינער אליין פארזונקען אין טיפע־מחשבות. ער האט געטראכט וואס פאר א גרויסען גאָט ער האט, און ווי גרויס עס זיינען זיינע חסדים און נסים, אז זי, די געפאנגענע" האט גאָר „געפאנגען איהרע פאנגער", און „זי" איז גאָר ניט „זי", נאָר אַ „ער".

פּלוצלונג האט זי באמערקט אַ פרעמדען מענשען אנקומען. און ווען ער האט געגעבען דעם געהיימען צייכען פון די רויטע, האט איהם שווארצקאָפּ אריינגעפיהרט אינווענינ.

ער האט איבערגעגעבען שווארצקאָפּ׳ן א בילד מיט א בריעף, וואו מען שרייבט, אז מען האט ענטדעקט די שפּורען פון דער הויפּט־ריכ־טער׳ין, אין פּאַלעסטינא. עס איז נאָך אפילו ספק׳דיג, אָבער לויט די סימנים, איז זי פּונקט עהנליך צו בעטקע׳ן, דעריבער זאָל מען

אנגווענדען אַלע מיטלען אויסצוגעפינען, אויב ס'איז ווירקליך די הויפּט־ריכטערין.

בערטע האָט די זאַך באַהאַלטען טיעף אין איהר האַרצען...

זיבען־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

יהודה באַגעגענט זיך מיט שוואַרצקאַפּ'ן.

אויפ'ן דאַך פון אַ זעהר שעהנע הויז, אַרומגערינגעלט פון פעלדער בלומען, ווי לעבעדיגע העל־קאָלירענדע זומער פייגעלאַך, זיצען איצט שושנה מיט יהודה'ן און ריידען פון די „אַמעריקאַנער טוריסטען", איבערהויפּט פון „לו דעם שוועיגער", אויף וועלכען זיי לעגען גרויסע האָפנונגען, אין דעם אויפבויאונג פון ארץ־ישראל.

— יהודה! מיין טייערער! — זאָגט שושנה. — דו האָסט צוגע־זאָגט אָנצוואָווענדען אַלע דיינע כחות אויפצוזוכען די „פאַרשוואונדענע מיידעל", לויט ווי לו האָט זי געמאָלען, מוז זי זיין אַ גרויסע פאַר־זענליכקייט, און אַז זי איז נאָך עהנליך צו מיר — האָט שושנה אַ זיפץ געטאָן. — ווער קען פאַרשטעהן גאָט'ס דרכים!

— ניט געדאַגה'ט, מיין טייערע! — האָט ער צערטליך געענט־פערט. — באַלד וועט מען ענדיגען אַרונטערצונעהמען די וויינטרויבען. די בחורים מיט די מיידלאַך אַרבייטען זעהר פלייסיג, און דאַן, מיין טייערע, וועל איך מיט צעהן פון מיינע העלדישע שומרים, מאַכען די רייזע אין מצרים. איך וועל טהאָן ווי דער אַמאָליגער העלדישער יהודה: איך וועל איבערקעהרען גאַנץ מצרים, ביז איך וועל געפינען די „שעהנע נוירם", ווי לו פלעגט איהר אָנרופען.

און ווירקליך, אויפ'ן דריטען טאָג נאָך זייער געשפּרעך, איז יהודה מיט צעהן אידישע העלדען, אוועק נאָך קאַירא, די הויפּט־שטאָדט פון מצרים.

זיי האָבען חוקר ודורש געווען אין אַלע עפענטליכע פּלעצער. זיי האָבען ניט אויסגעלאָזט איין ווינקעלע. אָבער נאָך אַלע חקירות ודרישות האָבען זיי קיין שום שפור ניט געפונען, אויסער וואָס אַן אַלטער אַראַבער האָט זיי דערצעהלט פון דער געשיכטע, ווי אַ שעהנע אַמעריקאַנערין איז פּלוצלונג פאַרשוואונדען, און ער האָט זיי גע'עצה'ט, „אַז זיי זאָלען געהן נאָר צום מדבר", ווייל דאָרט, האָט ער געגלויבט,

„געפינט מען אוים אַלע פאַרבאַרגענע זאַכען"... און יהודה מיט זיינע צעהן גבורים האָבען זיך אוועקגעלאָזט אין מדבר. שוין דער צעהנטער טאָג ווי זיי זוכען אַרום אין מדבר. זיי האָבען באַזוכט אַלע חורבות און טעמפּלען אויף זייער וועג.

אויפ׳ן צעהנטען טאָג האָט יהודה געזאָגט:

— נפתלי! דו מיט דיינע חברים געהט אָט אין יענעם זייט, און איך מיט אבינדב׳ן וועלען צוגעהן צו דער האַלב באַגראָבענער שטאָדט טהעבעס. און ווען איך וועל בלאָזען מיט דעם שופר, זאָלט איהר גלייך קומען צו פליהען.

יהודה מיט אבינדב׳ן האָבען זיך געלאָזען אין דעם געגענד, וואו עס געפינען זיך די קברים פון די אַמאָליגע פּרעה׳ס.

מיר וועלען אַרומוואַנדער׳ן אפילו אַ גאַנץ יאָהר, און אויב זי לעבט נאָר, וועלען מיר זי אויסגעפינען. — האָט יהודה געזאָגט צו אבינדב׳ן.

נעהענדיג אויף דעם וועג האָבען זיי אָנגעטראָפען איבראַהים׳ן.

— שלום! — האָט יהודה אויסגעשריען.

— סאַלים! סאַלים! — האָט איבראַהים געענטפערט, און ער האָט זיי אָפּגעמאָסטען פון קאָפּ ביז די פיס.

— פון וואַנען קומט איהר? — האָט ער זיי געפרעגט.

— פון ארץ־ישראל! — האָט יהודה געענטפערט.

— פון ארץ־ישראל? — פרעגט איבער איבראַהים.

— וואָס וואונדערסטו זיך אַזוי? — זאָגט צו איהם עבינדב.

— געקומען באַזוכען די טויטע פּרעה׳ס? — זינגט איבראַהים.

יהודה׳ן איז דער אַראַבער עפּעס ניט געפעלען. אָבער ער האָט איהם געענטפערט זעהר העפליך:

— יאָ, חבר, ס׳ווילט זיך זעהן ווי די נאַרישע פּרעה׳ס, וועלכע האָבען פאַרשקלאָפט אַזוי פיעל מענשען, ליגען טויטע.

איבראַהים׳ן איז דער ענטפער זעהר געפעלען געוואָרען און ער האָט שוין געקראָגען מעהר צוטרוי צו די פרעמדע. ער האָט שטיל געפרעגט:

— אפשר זייט איהר פון די ארץ־ישראל׳דיגע מאָפּס׳ן?

— געוויס! — האָט יהודה שטיל און סודות׳דיג געענטפערט.

— אַזוי? — האָט איבראַהים שלשלת׳דיג אויסגעזונגען. — אַזוי? מאָפּס׳ן? איינענע מענשען? — ער האָט זיי נאָכאַמאָל געדריקט די

האנט. ער האט זיי געבעטען ווארטען ביז ער וועט צוריק קומען, און ער איז פארשוואונדען.

אבינדב האט זיך איבערגעקוקט מיט יהודה׳ן און האט געזאגט:

— כ׳האב מורא, אז מיר וועלען, דא אין מדבר, מוזען לערנען א פרק אין הלכות דרך־ארץ מיט אט די מאפס׳ן.

— לאמיר ווארטען און זעהן, וואס וויל דא דער אידיאט! — האט יהודה געלאכט.

ס׳האט לאנג ניט גענומען און איבראהים איז געקומען מיט שווארצקאפ׳ן.

שווארצקאפ האט זיך מיט זיי גע׳שלום־עליכמ׳ט און האט באמערקט:

— איבראהים האט דערצעהלט, אז איהר קומט פון ארץ־ישראל.

— יא, פון ארץ ישראל! — האט יהודה געענטפערט. — מיין נאמען איז יהודה, אן עכט־ארץ־ישראל׳דיגער, און דאס איז מיין חבר אבינדב. — האט ער איהם פארגעשטעלט.

— און איך בין גראף שווארצקאפ פון דייטשלאנד. איך מיט מיינע חברים טוריסטען מאכען א רייזע ארום דער וועלט. מיר גרייטען זיך פון דאנען צו פאהרען נאך אייער ארץ־ישראל. מיר ווילען זעהן די אלט־נייע אידישע היימלאנד, וואס ווערט אזוי פיעל באזונגען אין אלע צייטונגען. וועט איהר אונז ארײנלאזען? — האט שווארצקאפ געפרעגט מיט א שמייכעל אויף זיינע ליפען.

— אלע עהרליכע מענשען זיינען ווילקאמען אין אונזער אלט־נייל‎אנד! — האט יהודה שטאלץ געענטפערט.

— און דאס איז איבראהים, אייערער א לאנדסמאן, א פאלעסטינער. ער איז אונזער וועג־וויייזער! — האט איהם שווארצקאפ פארגעשטעלט.

א קורצע ווייל‎ע האבען אלע געשוויגען. אין בעטקע׳ס זכרון האבען אנגעהויבען ארויפשווימען פארשידענע געשטאלטען. עפעס די אויגען, דער קול פון יהודה׳ן זיינען איהר פארגעקומען זעהר באקאנט, אבער זי האט זיך בשום אופן ניט געקענט עראינערן וואו זי האט אמאל אזא פערזאן באגעגענט. און ס׳איז גאר קיין וואונדער נים, ווייל יהודה איז פאר דער צייט, זינט ער איז אין ארץ־ישראל, געווארען ברייטער, שטארקער, שטאלצער, מיט א פארברענטען מזרח־פנים און מיט א גרויסע, שווארצע שעהנע בארד. ער האט געשיינט פול מיט

חן און גבורה. ער האָט גיכער אויסגעקוקט ווי עפּעס אַ מזרח־פּרינץ, איידער דער אַמאָליגער יהודה פון מינסק.

שוואַרצקאָפּ איז יהודה׳ן אויך זעהר געפעלען. מיט זיין ערשטען בליק האָט ער דערפיהלט עפּעס אַ קרובה׳שאַפט צו איהם, און ער האָט געפרעגט אויף דייטש:

— באַלאַנגט איהר אויך צו די רויטע? גראַף שוואַרצקאָפּ!

— יאָ, געוויס, הער יהודה! — האָט ער געענטפערט אין אַזאַ טאָן, וואָס האָט געקלונגען סיי אַ באַשטעטיגונג און סיי סאַרקאַזם. — ווער איז דאָס ניט היינטיגע צייטען אַ רויטער? עפּעס אַ קלייניגקייט ניקאָליי דעם גרויסען׳ס רויטע תורה!...

יהודה האָט אין האַרצען געוואָלט ענדערען זיין גוטע מיינונג מכח אַט דעם שוואַרצקאָפּ׳ן, אָבער זעהענדיג דעם שעהנעם, ליבען פּנים פון שוואַרצקאָפּ׳ן, מיט זיינע ליכטיגע, גרויסע, אומשולדיגע מזרח־אויגען און זיין זיסען קול, האָט ער געטראַכט: ס׳קען ניט זיין, אַז אַזאַ שעהנער, ריינער און באַ׳חנ׳טער גוף זאָל האָבען אַזאַ פאַרדאַרבענע רויטע נשמה, און ער האָט געזאָגט:

— יאָ, מיין הער! די רויטע תורה ווערט וואָס וייטער אַלץ מעהר פאַרשפּרייט, אָבער איך בין אין ספק אויב זי האָט אין אונזער ארץ־ישראל אַ באָדען, ווייל די אידישע תורה איז עלטער, שטאַרקער און וויסענשאַפטליכער. ס׳איז אַ תורה וועלכע איז דורכגעגאַנגען צווישען די גרעסטע פייערען און איז ניט פאַרברענט געוואָרען, צווישען די רוישענדסטע ימים און איז ניט פאַרשלונגען געוואָרען פון די בייזע כוואַליעס. אין איהר ליגט די אייביגקייט און מיט אַזאַ תורה איז שווער צו קאָנקורירען...

ווי אַ ליכטיגע נייע זון האָבען יהודה׳ס ווערטער באַלויכטען שוואַרצקאָפּ׳ס פּנים, אָבער ער האָט שטאַלץ געענטפערט:

— הערר יהודה! ווען איהר וועט זיך נעהענטער באַקענען מיט דער „רויטער תורה“ און שטודירען איהרע הויכע, גרויסע פּרינציפּען, וועט איהר געוויס גאַנץ אַנדערש דענקען.

— אפשר! האָט יהודה געענטפערט פאַרטראַכט. — מיר וועלען זעהן.

— איבראַהים! — האָט שוואַרצקאָפּ געזאָגט. — געה געשווינד צו טאַנגאַ טאַ, אונזער קוכער און זאָג איהם, אַז ער זאָל צוגרייטען אַ רייכען מאָלצייט, ווייל איך וויל איינלאַדען די אורחים.

ווען איבראַהים איז אַוועק, האָט שוואַרצקאָפּ געזאָגט:

— מיינע העררען! איך בין אויך פון די בני ישראל, וועלכער איז איבערגעגעבען אונזער אידישער תורה פונקט ווי איהר. אבער, איך בעט אייך, פרעגט מיר ניט קיין קשיות. ניט איצט! אז מיר וועלען זיין אין ארץ־ישראל וועל איך אייך אלעס אויפקלערען! ווען איהר וועט קומען פאר מיינע חברים, זאלט איהר זיך פארשטעלען פאר אמת'ע, טרייע מאפס'ן. זייט איהר איינפארשטאנען? און ווען יהודה האט גלייך ניט געענטפערט, האט שווארצקאפ גענומען ריידען שנעל און מיט פייער: — די צייט איז קורץ און איך קען איצט פיעל ניט ריידען, אבער איך פארזיכער אייך, אז איך וועל זיך לאזען מקריב זיין פאר אונזער אידישער תורה און פאר אונזער אלט־נייעם־לאנד. איך מוז איצט שפילען די ראליע פון א „רויטען", ווייל איך מוז דורכ־פיהרען זעהר א גרויסע שליחות, ווען אפילו ס'זאל מיך קאסטען מיין לעבען! איהר פארשטעהט?

— איך בין איינפארשטאנען! — האט יהודה געדריקט שווארצקאפ'ן די האנט. — נאר איך פארזיכער אייך, מיין הער, אז אויב איהר געהט אין א גרויסער אידישער שליחות, וועט אייך אייער לעבען ניט קאס־טען, ווייל אויסער מיר און אבינדב, האבען מיר מיט אונז נאך ניין אידישע גבורים, וואס יעדער איינער פון אונז קען שלאגען אין די הונדערטע, אויב ס'איז נויטיג.

יהודה האט א בלאז געטאן מיט א שופר'ל און ווי פון דער ערד זיינען פלוצלונג געקומען צולויפען די ניין אידישע גבורים, וועלכע האבען זיך ארומגעשטעלט ארום זיי.

— אלזא, איהר זעהט, הער שווארצקאפ? ! — האט יהודה גע־לאכט.

— גוט! פריינד יהודה! — האט שווארצקאפ א גליקליכער אויס־געשריען. — אבער געדענקט, איהר זייט אלע ארץ־ישראל'דיגע „רויטע אידעלאך"! פארגעסט ניט אונזערע תנאים!

איך וועל געהן אפריהער פארבארייטען מיינע „רויטע" און איהר נעהט לאנגזאם פארוייז, ניט אלע מיט אמאל, כדי די „רויטע עין הרע" זאל אויף אייך קיין שליטה ניט האבען. — און שווארצקאפ איז פון שמחה געלאפען טאנצענדיג.

— א מערקווירדיגע באגעגעניש! — האט יהודה באמערקט.

— א שעהנער, קלוגער חברה־מאן! — האט אבינדב געזאגט.

— פלינק ווי א מזרח־ווינט — האט נפתלי אויסגעשריען מיט פאר־וואונדערונג.

— שעהן ווי א מיידעל פון ציונ׳ס טעכטער! — האט ארונירם געלאכט.

— און א רויטער! — האט זיך אבשלום געוואונדערט.

— חברים! — האט יהודה שטיל געזאגט. — ער איז ניט קיין רויטער, נאר אן אמת׳ער טרייער איד! אבער ווי איך פארשטעה מוז ער װעלען אויפטהאן עפעס גרויסעס. ווארשיינליך האט ער זיך באגעגענט מיט זיי און ער וויל זיי געווים טובל זיין אין אונזער ירדן. ער האט זיך פארשטעלט פאר א רויטען. נאר על־כל־פנים זייט אלע מוכנים ומזומנים. איהר פארשטעהט? איהר מאפסלאך!...

— צי מיר פארשטעהען! — האבען אלע געלאכט.

ווען זיי זיינען צוגעקומען נאהענט צו דער חורבה האבען זיי שוין באגעגענט אלעמען ווי אלטע באקאנטע.

שווארצקאפ האט זיי אלעמען פארגעשטעלט, מען האט זיך געשלום־עליכמ׳ט ווי אמת׳ע חברים.

יהודה האט גלייך דערקענט, נאך די פנימ׳ער און נאך די נעמען, מיט וואס פאר א פארשוינען ער האט דא צו טהאן. איהם האט נאר געוואונדערט, ווי קומט אט דער ערדעלער שווארצקאפ צו דער באנדע, אבער ער האט געגעבען זיין ווארט ניט צו פרעגען קיין קשיות און ער וועט איהם האלטען הייליג, וואס עס זאל ניט פאסירען.

— חברים! — האט שווארצקאפ פרעהלאך אויסגעשריען. — מיר מאכען איצט א רייזע נאך פאלעסטינא, און אזוי ווי איהר זייט דארטיגע, וואלט אונז געווען זעהר אנגענעם צו פאהרען מיט אייך צוזאמען, און אגב האט אונז איבראהים פארטרויט, אז איהר זייט מאפס׳ן!

— געווים! — האט יהודה געענטפערט. — מיר האבען גאר קיין מורא ניט. מיר אלע באלאנגען צו דער נייער תורה און איך בין זייער עלצטער. אמת, מיר זיינען נאך ניט זעהר אקטיוו אין דער „רויטער מלאכה“, אבער מיר זיינען חברים און מיר לערנען זעהר פלייסיג דעם גרויסען ניקאלײ׳ס תורה.

אלע האבען געריבען די הענט פון שמחה. מעדוועדיעוו האט זיך געפיהלט ווי אויפ׳ן זיבעטען הימעל. עפעס א קלייניגקייט אזא קראפט, און גאר אומגעריכטערהייט.

און ווען דער עולם האט אויפגעגעסען מיט א געזונטען אפעטיט אלע מאכלים וואס טאנגא טא האט דערלאנגט, האט זיך יהודה א פרעג געטאן:

— ווען דענקט איהר אנצופאנגען די נסיעה׳לע?

— מיר קענען עס אָנהויבען גלייך, אפילו אין דעם מאָמענט. — האָט שוואַרצקאָפּ געענטפערט.

— אָבער מיר וואָלטען נאָך וועלען דאָ אַביסעל פאַרברענגען, — האָט יהודה באַמערקט.

— איהר וועט אַ צווייטען מאָל קומען זעהן די טויטע פּרעה׳ס אָדער די מצרים־זון. — האָט שוואַרצקאָפּ געזאָגט.

— ניט צוליעב דעם צוועק זיינען מיר אַהער געקומען! — האָט יהודה געענטפערט פאַרטראַכט.

— מאָג איך וויסען, חברים, די סבה, וואָס האָט אייך אַהער געבראַכט?

— געוויס, חבר שוואַרצקאָפּ! — און יהודה האָט פאַר אַלעמען דערצעהלט די געשיכטע פון דער פאַרשוואונדענער אמעריקאנערין און ווי ער האָט געגעבען זיין וואָרט דעם גרויסען אמעריקאנער, אַז ער וועט זי אויסגעפינען, אפילו אויב דאָס וועט איהם דויערען יאָהרען לאַנג.

ביי מעדוועדיעוו און טשערטשינסקי׳ן איז אַ קעלט דורכגעגאַנגען איבער׳ן לייב. קריוואָיעדאָוו, סאַבאַקין און סטיאָפּקע האָבען זיך איי־בערגעקוקט.

איבראַהים האָט גענומען זינגען אונטער׳ן נאָז: אַלאַ, אַלאַ, אַלאַ! און איזמאַאיל האָט געצעהלט זיינע פינגער.

ס׳איז געוואָרען שטיל. אַלע האָבען אָנגעשטעלט די אויערען צו הערען וואָס שוואַרצקאָפּ, זייער עלצטער, וועט דערויף ענטפערן.

שוואַרצקאָפּ איז געשטאַנען שטאָלץ און רוהיג און האָט אויף אַ הויכען קול גענומען ריידען:

— מיינע טרייע נייע חברים! מאָפּס׳ן פון דער יונג יהודה! — איהר געהט אַרום זוכען אַ דימענט צווישען די גרויסע מדבר זאַמדען? איהר זוכט אַ נאָדעל אין דעם מדבר? ! שלאָגט עס אַרויס פון אייער קאָפּ! איהר וועט דאָ אין דעם מדבר קיינמאָל ניט געפינען אָט דאָס וואָס איהר זוכט!

חברים! איך פיהל, אַז איהר האָט נאָך פאַר אונז מורא און איהר האָט אונז נאָך ניט דערצעהלט דעם גאַנצען אמת. איהר דערצעהלט אונז עפּעס אַ מעשה מיט אַ פאַרשוואונדענער בת־מלכה, און ווי אַ פּרינץ פון יהודה געהט איהר אַרומזוכען אין אַ מדבר! אמת, ס׳איז שעהן און ראָמאַנטיש ווי עפּעס אַ מין שיר־השירים, אָבער מיר רויטע

זיינען מענשען פון טהאט, פון פּראַקטישער אַרבייט. איך פאַרשטעה אין אייער דערצעהלונג עפּעס אַנדערש.

די מאַפּס'ן פון ארץ־ישראל האָבען אייך געוויס געמוזט איבער־געבען, אַז מען האָט געגומען געפאַנגען בעטקע'ן, די הויפּט־ריכטערין פון דער רויטער מלוכה, וועלכע האָט געשאָסען דעם גרויסען ניקאָלייען, און זיי האָבען אייך פאַרטרויט מיט דער גרויסער שליחות, צו העלפען אַוועקשיקען זי אין דער רויטער מדינה; זאָג איך אייך, חברים מאַפּס'ן, אַז אייער טרחה איז אומזיסט! זי געפינט זיך איצט אין זיכערע הענט, און ווען די צייט וועט קומען, וועט מען זי געוויס אַפּשיקען נאָך דער רויטער אַרבייטער רעפּובליק, וואו זי וועט גע־משפּט ווערען פון אונזער רויטען טשעקאַ, למען ישמעו ויראו! — און ער האָט געהיימניספול אַריינגעקוקט יהודה'ן אין די אויגען.

דער קלוגער יהודה האָט זעהר פיעל געלערענט פון זיינע רייד, און נאָך מעהר פון זיינע בליקען. און ער האָט געענטפערט:

— דו גרויסער חבר! איך זעה ווירקליך, אַז פון אייך קען מען קיין זאַך ניט פאַרבאַרגען. אייערע רויטע אויגען זעהן זעהר ווייט, און מיר וואַרפען זיך אונטער, אונטער אייער גרויסען גייסט. מיר געהען מיט אייך, וואו איהר וועט באַפעלען.

מעדוועדיעוו און טשערטשינסקי זיינען געוואָרען מלא שמחה. ערשטענס וואָס שוואַרצקאָפּ האָט זיך אַזוי קלוג אַרויסגעפּלאַנטערט, און צווייטענס, זיינען זיי איצט געוועזען זיכער, אַז די נייע חברים זיינען אמת'ע מאַפּס'ן, אַזוי לאַנג מען האָט זיי געקענט אָנפאַרטרויען אַזאַ גרויסע שליחות, צו איבערנעהמען די הויפּט־ריכטערין פון דער רויטער מלוכה.

שוואַרצקאָפּ האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג:

— איך בין איבערצייגט, אַז איהר זייט טרייע איבערגעגעבענע מאַפּס'ן, אמת'ע קינדער פון דעם רויטען הדר, און פון היינט אָן וועלען מיר ניט האָבען איינע פאַר די אַנדערע קיינע סודות.

ער האָט זיי ערקלעהרט דעם גאַנצען פּלאַן פון זייער נסיעה און ווי אַזוי ער איז איינשטימיג ערוועהלט געוואָרען פאַר'ן עלצטען.

יהודה האָט מיט גרויס יראת הכבוד געענטפערט:

— אויב די גרויסע רוסישע אַגענטען ווי מעדוועדיעוו און טשער־טשינסקי האָבען איינגעוויליגט צו שווערען אייך טרייהייט, וועלען מיר אַלע נאָכטהאָן זייער ביישפּיעל. — און יהודה מיט זיינע צעהן

גבורים האבען געגעבען א שבועה צו אויספאלגען פינקטליך דעם עלצטען שווארצקאפ.

— חברים! — האט שווארצקאפ גערעדט. — איידער מיר פאנגען אן אונזער רייזע, וויל איך דורכפיהרען נאך איין זאך. די היסטאריע דערצעהלט, אז נאר מיט זיבעציג נפשות איז יעקב געקומען אין מצרים, אבער ארויסגעגאנגען פון דארט זיינען זיי א גרויסע נאציאן און נאך מיט א רכוש גדול. אזוי בין איך איצט... מיר געהען איצט ארויס פון די חורבות פון מצרים מיט א גרויסע שטארקע מחנה, אנגעלאדען מיט כל־טוב, מיט וויכטיגע פלענער, אינסטרוקציעס פון מאסקווע און אז. וו.. דארום וואלט איך פארלאנגען, אז מען זאל איצט אויסדער־וועהלען א צווייטען צו מיר, אן ארויסהעלפער. איך בין דאך ניט מעהר ווי א מענש. עס קען אמאל מיט מיר עפעס פאסירען, זאל מיך דער צווייטער פארטרעטען, און אונזער מחנה וועט ניט בלייבען אהן א פיהרער.

אבשלום דער שעהנער האט גענומען דאס ווארט:

— חברים! אזוי ווי דער עלצטער איז פון אייערע, טא זאל לכל הפחות דער צווייטער פיהרער זיין פון אונזערע!

— דו רעדסט ניט ריכטיג, חבר אבשלום! — האט יהודה באַ־מערקט. — דא איז ניט שייך קיין „אייערע" און „אונזערע". אזוי לאנג ווי מיר אלע באלאנגען צום „רויטען־פלינגעל" זיינען מיר אלע „אונזעריגע".

— טאק טאטשנא (ריכטיג אזוי)! — האט מיט התפעלות א טופע געטאן מיט'ן פוס טשערטשינסקי. — אט דאס הייסט אן אמת'ער רוי־טער! כאטש פון פאלעסטינקע! טשארט פאבערי! און דערפאר פאסט ער טאקע צו זיין דער צווייטער פיהרער!

מעדוועדיעוו האט זיך אביסעל נעישוב־הדעת'ט, אבער הערענדיג די ריכטיגע ארגומענטען פון איבראהים'ען, אז יהודה איז באקאנט מיט גאנץ ארץ־ישראל, האבען אלע געבעטען יהודה'ן אז ער זאל אננעהמען דעם אמט.

און אזוי האט די השגחה געפיהרט, אז דער טרייער זון פון ישראל זאל פלוצלונג ווערען די צווייטע האנט פון א רויטער באנדע.

און ס'איז געוועזן זעלבסטפארשטענדליך, אז יהודה מיט שווארצ־קאפ'ן זאלען זיך תמיד געפינען צוזאמען, אלס די הויפט־בעאמטע. איזמאאיל מיט מעדוועדיעוו'ן, איבראהים מיט טשערטשינסקי'ן און אזוי ווייטער.

שווארצקאפּ האָט איבערגעגעבן יהודה׳ן אין קורצען, ווי אזוי די „רויטע מלוכה“ פיהרט אָן איהר ארבייט אין מצרים און אין ארץ־ישראל, און ווי אזוי ער האָט זיך פארשטעלט פאר „אַ רויטען“, אום צוצומישען זייערע מחות און צו צושטערען זייערע רויטע טייפעלשע פּלענער, און ווען מען וועט אַנקומען אין ארץ־ישראל מוז מען זיי געבען אַזאַ לעקציע, אַז עס זאָל פארבלייבען אויף אייביג אין זייער זכרון, און איין דור זאָל איבערגעבען צום צווייטען, אַז די רויטע תורה זאָל זיך ניט וואגען צו שטעלען געגען דער אמת׳ער אידישער תורה.

יהודה האָט ניט געפרעגט קיין קשיות. ער האָט אַלעס שנעל תופס געווען און איז געווען גליקליך צו ארבייטען האַנט אין האַנט מיט שווארצקאפּ׳ן.

ער האָט נאָר געפרעגט שווארצקאפּ׳ן, אויב ער ווייס עפּעס פון דער פארשוואונדענער אַמעריקאַנער. דארויף האָט ער געקראָגען אַ צופרידענשטעלענדע תשובה:

— רעדט ניט פון איהר און זוכט זי ניט ארום. איך פארזיכער אייך, אַז זי לעבט און איז געזונט און ארבייט פאר דער אויפבויאונג פון אונזער אַלט־ניי־לאַנד, און אַז די צייט וועט קומען, וועט איהר זי אַלע זעהן פּנים־אל־פּנים.

יהודה האָט געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט איהם געפיהרט אויף דעם אמת׳ען וועג.

— יהודה! מיין נייער אמת׳ער חבר! — האָט שווארצקאפּ שטיל גערעדט: — זאָג מיר דעם אמת, ווי אזוי האָט זיך געפיהלט דער גרויסער אַמעריקאַנער, נאָכדעם ווי זיין געליעבטע מיידעל איז פארשוואונדען?

— זעהר פארצווייפעלט, חבר שווארצקאפּ! ער וואָלט אפשר ניט אריבערגעטראָגען די יסורים, ווען ניט אונזער ארץ־ישראל, וועלכע האָט איהר פארגרינגערט דעם צער. די ערשטע צייט ווען ער איז געקומען צו אונז, איז ער ארומגעגאַנגען ווי אַ מרה־שחורה׳דיגער, נאָר נאָכדעם ווי מיין שושנה האָט איהם ארומגעפיהרט און געצייגט ווי אונזער לאַנד וואַקסט פון טאָג צו טאָג, איז ער געוואָרען אזוי באַגייסטערט, אַז ער האָט אין אַלעמעס אַנוועזענהייט אויפגעהויבען זיין האַנט אין דער הויך און האָט געשוואָרען: „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני“. — הלואי וואָלטען מיר אַ סך אַזעלכע גרויסע נשמות פארמאָגט! — האָט יהודה גערעדט מיט התלהבות. — ער האָט איינמאָל

אויסגעשריען: „יא, כ׳האב געבלאנדזשעט! ניט צו א סעקטע פון מאזאאישען גלויבען באלאנג איך, נאר צו דער אלטער אייביגער אי־דישער נאציאן!" ער האט געשווארען, אז פון היינט אן וועט ער צורייסען אלע בענדער מיט דער גלות־פסיכאלאגיע און מיט׳ן גלות־פילאנטראפיזם, און ער וועט ווערען אן אמת׳ער חלוץ פון אונזער אלט־ניי־לאנד. און איינמאל, ווען ער האט געהאלטען אין דערצעהלען פון זיין וואונדערבארער בערטע׳ן, אדער „די שעהנע נוירס", האט ער פלוצלונג אויסגעשריען: „איצט פארשטעה איך דיר, מיין טייערע בערטע! איך בין ווירקליך געווען א פאלקס־פאררעטער! אבער די וואנט איז צובראכען! אוים מיט דער גלות־מחיצה!"

יהודה האט באמערקט ווי שווארצקאפ׳ס אויגען ווערען אלץ גרע־סער און ברייטער פונאנדערגעעפענט. עס לייכט פון זיי ארוים א הי־מעלשע ליכטיגקייט און זיין פנים שיינט ווי די ליכטיגע ארץ־ישראל־זון. ער האט אויפגעהערט צו ריידען.

שווארצקאפ האט גענומען דריקען יהודה׳ס גרויסע, געזונטע האנט און האט ווי פאר׳שכור׳ט געשעפטשעט:

— רעדט, דערצעהלט נאך פון אט דעם גרויסען לו!

— נאך אייער פנים דערקען איך, אז דער אמעריקאנער מוז זיין אייער בעסטער פריינט! — האט יהודה געזאגט.

— יא, חבר יהודה! — האט שווארצקאפ מיט באגייסטערונג אויס־געשריען. — ביי אונז איז אן „אהבת דוד ויהונתן".

— געוויס קען דא ניט זיין קיין „אהבת אמנון ותמר"! — האט יהודה געלאכט.

מיין שושנה לאזט ניט ארויס פון מויל דעם אמעריקאנעם מיט זיין פארשוואונדענער מיידעל. זי זאגט אז זי איז פארליבט אין דער „שעהנער נוירס", ניט וויסענדיג פאר וואס.

— אבי ניט אין דעם גרויסען לו! — האט שווארצקאפ געלאכט און יהודה האט צוגעהאלפען.

— איצט, מיין פריינד, — האט שווארצקאפ געזאגט. — מוזען מיר מעהר ניט ריידען פון דער מיידעל. האט צוטרוי צו מיר, גלויבט אין מיינע דבורים: בערטע לעבט און איז גליקליך!

— אט פונקט די זעלבע רייד: „האט צו מיר צוטרוי, גלויבט אין מיינע רייד!" פלעגט די „שעהנע נוירס" זאגען צו איהר לו, — האט יהודה געזאגט.

— פון וואנען ווייסט איהר עס, חבר יהודה?

— אייער אמעריקאנער פלעגט עס אונז דערצעהלען.
— אויב אזוי, טא האט טאקי אויף אן אמת צו מיר צוטרוי! — האט שווארצקאפּ געלאכט, און, אגב, טארט איהר אויף א רגע ניט פארגעסען, אז איך בין אייער רויטער הויפּט!
— און איך איך בין אייער רעכטע „רויטע האנט" — האט יהודה זיך גע׳חכמה׳ט.
— אלזא, צו דער „רויטער מלאכה"! — האט שווארצקאפּ געזאגט הויך, און האט אין דער שטיל געשעפּטשעט: „הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל". און יהודה האט געענטפערט: „מה נאוו על ההרים רגלי מבשר".
זייערע אויגען האבען זיך מיט אמת׳ער ליעבע גע׳שלום-עליכם׳ט.

אכט-און צוואנציגסטער קאפּיטעל.

שווארצקאפּ דערקענט די ארץ ישראל בלום

יהודה׳ן מיט זיינע צעהן גבורים, און שווארצקאפּ׳ן מיט זיין „רויטער באנדע", איז א סך לייכטער אנגעקומען ארויסצוגעהן פון מצרים, ווי די אידען אמאל אין די צייטען פון די פּרעה׳ס.

דער באהן האט זיך געריהרט פון ארט. פון איין זייט האט זיך געזעהן דער סועץ קאנאל, און פון דער אנדער זייט דער מיטעל-לענדישער ים. מען איז געפאהרען אין דער ריכטונג פון ים סוף, א הערליכע זון האט געשיינט. א קיהלער ווינטעל האט געבלאזען. די זון איז געווארען אלץ רויטער און רויטער, כאטש טאפּ אן מיט׳ן האנט. דער באהן האט זיך געטראגען ווי א פייל פון בויגען, איבער דער זאמדיגער פלעכע און דער באהן איז אריינגעפאהרען אין ארץ ישראל.

א פּאר יונגע לייט מיט בחנ׳טע פּנימ׳ער, דערזעהענדיג יהודה׳ן מיט זיינע העלדען, אראפּגעהענדיג פון באהן, האבען אויסגעשריען, שלום! חברים, און פיעלע פריינט און באקאנטע אלע מיט ליכטיגע אויגען און פארברוינטע פּנימ׳ער אנגעטהאן אין ווייס און העל, האבען זיי ארומגערינגעלט און מען האט זיך ברידערליך גע׳שלומ׳ט.

מען הויבט אן צו געהן, און עס זעהען זיך שורות ליכטיגע הייזער, ברייטע ציכטיגע גאסען, א טיעף בלויער ים, א זיידענער בלויער הימעל,

גרויסע ריח ניחוח׳דיגע פלאַנטאַציעס, געל און בלוי וואַרפט זיך אומעטום.

— יהודה מיין חבר! — שעפּטשעט שוואַרצקאָפּ, — איז דאָס אַלעס אויפ׳ן וואָהר?

— יע, מיין טייערער שוואַרצקאָפּ. ס׳איז מעהר ניט קיין חלום. אָבער ס׳איז ערשט דער בראשית, דו וועסט נאָך זעהן אונזער בחן׳טע ליעבע אַלט-נייַלאַנד.

— יהודה! האַלט מיך שטאַרק! איך זאָל ניט פאַלען! — רעדט שטיל שוואַרצקאָפּ.

— איך פיהל ווי מיין קאָפּ דרעהט זיך מיר פון גרויס גליק. איך בין שכור פון ליעבע. אָבער זעה אַז די רויטע „כלבים“ זאָלען גאָר נישט באַמערקען.

— באַלד מיין פריינט וועלען מיר אַנקומען אין אונזער ווילאַ, — און מען געהט. מען זעהט פון ווייטען בוימער און בוימער, צווישען זיי הייזלאַך, ווייסינקע, ציכטיגע, ליעבע-בערג, פאַרכשופ׳טע וויינ־גערטנער, וואונדערשעהנע גרינע, זאַפטיגע ווייטע פעלדער, זיסע לופט, בלויער הימעל, גליק און פרייערען.

— אַט דאָ איז אונזער היים! — האָט יהודה אַ גליקליכער אויסגעשריען.

ער האָט אָנגעוויזען אויף אַ גרויס צוויי שטאָקיגע הויז, עפּעס אַזוי ווי אַ מין איינגעפּונדערוועטער גראַפישער הויף, אינ׳ם סטיל פון די „אָרעל-נעסטען“, ווייס און זויבער, אַלעס אַפּעלסינען-ריחות, פּאַרטרונקען אין אַ ים פון כל ערלייאיגע בלומען, אין דער הויך פלאַטערט די ווייס-בלויע פאָהן.

אַט ביי דעם ערדישען גן עדן האָבען זיך אַלע אָפּגעשטעלט.

פון צווישען דער הויפּט אַלעע פון טונקעלע הויכע טענענבוימער, האָט מען געזעהען געהענדיג אַ ווייס געקליידעטע פרויען געשטאַלט.

— דאָס געהט מיין טייערע שושנה! — האָט יהודה אויסגעשריען, און איז איהר אַנטקעגען געלאָפען ווי אַ יונגער הירש...

ער האָט איהר אַריינגע׳סוד׳ט אַז זי זאָל איצט קיין „שאלות“ ניט פרעגען און ער האָט איהר פאַרגעשטעלט פאַר אַלעמען.

זי האָט אַלעמען באַגריסט מיט אַ שעהן קלינגענדען ברוכים הבאים! און האָט גליקליך אויסגעשריען:

— מיין יהודה׳ס פריינט, זיינען מיינע פריינט! זייט געבענשט אונטער אונזער ארץ ישראל זון!

ווען מעדוועדיעוו האט זי דערזעהן איז ער געווארען, ווי א פאר־ציטערטער, פונקט ווי די הויפּטריכטערין פון דער רויטער מלוכה, האט זי אויסגעזעהן. עטוואס עלטער, פארברוינט פון דער ארץ ישראל זון, אבער מען האט זי געקענט אננעהמען פאר בעטקען, און א טיפעל־שער געדאנק איז דורכגעפלויגען אין זיין מח...

און ווען שווארצקאפּ האט געדריקט שושנה׳ם האנט, האט ער געפיהלט ווי אן עלעקטרישער שטראם האט עלעקטריזירט אלע זיינע גליעדער. שושנה האט אויך געפיהלט, ווי עפּעס איהר הארץ הויבט זיך העכער און שטארקער.

שווארצקאפּ האט דערפיהלט, אז ער וועט עס ניט קענען אריבער־טראגען, און ער האט שטיל געזאגט יהודה׳ן:

— איך פיהל אז איך בין פאר׳שכור׳ט פון די ארץ ישראל בלומען און פון די געשמאקע ריחות. מיר שווינדעלט אין די אויגען פון גרויס ליכט, און מיין קאפּ דרעהט זיך מיר ביז צום פאלען. האלט מיך אונטער חבר מיט דיין שטארקער האנט, און זעץ מיך אוועק און גיב מיר גיך עפּעס אין מויל איך זאל ניט פאלען אין חלשות.

שושנה האט שנעל געבראכט מים חיים, און שווארצקאפּ האט זיך דערקוויקט. די איבעריגע „חברה״, האבען זיך גענומען צום וויין, מען האט געמאכט א לחיים איינעם נאכ׳ן צווייטען, כמנהג קאצאפּ. שושנה האט נאך צוגעהאלפען מיט איהר זיסע באמערקונג:

— טרינקט און זאל איך וואויל באקומען! און איך וועל געהן צוגרייטען א מאהלצייט פאר מיינע טייערע אורחים.

אבער די רויטע האבען זיך אזוי שטארק צוגעכאפּט צום וויין, אז זיי זיינען אנשלאפען געווארען אויף די בענק, צווישען דער אלעע.

יהודה מיט שווארצקאפּ׳ן זיינען אריין אין הויז, וועלכע האט אויסגעזעהן ווי א ראמאנטישער נעסט פון צוויי געליעבטע. ער האט פארגעשטעלט זיינע צוויי קינדערלאך, וועלכע האבען געגליכטען ווי די צוויי כרובים׳לאך אין בית המקדש.

— דאס איז מיין דריי יעהריגע מרים׳ל, א נאמען נאך מיין שושנה׳ס מוטער, און דאס איז מיין בראווער פינף יעהריגער אלכסנדר, א נאמען נאך מיין שושנה׳ס פאטער, וועלכער איז אויך געווען מיין אנקעל, דער גרויסער געלעהרענטער און מיליאנער אלכסנדר טימאר־פייעוויטש פון יאלטע, וועמען די „רויטע מלאכי חבלה״ מיט זייער נייע תורה, האבען באגראבען לעבעדיגערהייד, און גאט אליין ווייס אויב זיי געפינען זיך נאך צווישען די לעבעדיגע, און דער בראד איז

נאר גרעסער וואס זייערע אייגענע קינדער, האבען זיך פאר'סמ'ט מיט דער רויטער תורה און האבען קיין רחמנות ניט געהאט אפילו אויפ'ן אייגענע טאטע מאמע.

— וואס, איהר פיהלט עפעס ניט גוט? — האט יהודה באמערקט ווי שווארצקאפּ איז פּלוצלונג געווארען וויים ווי די וואל פון די שעפּסען נאכ'ן ארומוואשען.

— כ'פיהל זעהר ניט גוט, חבר! פיהרט מיך אריין אין א באזונדער חדר. כ'וועל זיך אביסעל אויסרוהען. כ'וויס אליין ניט. מיין קאפּ! מיין הארץ!

יהודה האט איהם ארייגעפיהרט אין א גרויסען ליכטיגען חדר, דורכאוים פארטרונקען אין בלומען, און שווארצקאפּ איז ווי א שכור געפאלען אויפ'ן בעט. יהודה האט פארמאכט שטיל די טיער און איז ארויסגעגאנגען פארטראכט.

ווען בעטקע האט זיך געפונען איינע אליין, האט זי איינגעגראבען איהר פנים אין קישען אום עס זאל זיך ניט הערען דער געוויין וואס האט איהר געשטיקט די גאנצע צייט. זי האט געציטערט מיט אלע איהרע אברים. „אה גאט!“ האט זי שטיל געוויינט. „גיב מיר כח אריבערצוטראגען מיין גליק און מיין שאנדע, דאס איז דאך מיין טייערע שוועסטער איזאבעלא“. „אה שוועסטער מיינע!“ האט זי געשעפּטשעט. „און ער, ער איז דאך אט יענער גרויסער יהודה, מיט זייערע ליעבע מלאכים'לאך מרימ'ל און אלכסנדר. אה גאט פון ישראל! אמת, איך האב זעהר פיעל געזינדיגט, אבער איך וועל מיט מיין לעבען אבוואשען מיינע חטאים. איך בעט דיך גרויסער גאט, העלף מיר שפּילען מיין ראלע! גיב מיר שכל און כח, פיהר מיך אויפ'ן אמת'ן וועג העלף מיר נעמען נקמה פאר מיינע עלטערן און פאר דעם גאנצען פאלק ישראל. נאר ניין! ניט קיין נקמה וויל איך נעמען, נאר העלפען מיינע אומגליקליכע ברידער“.

ווען בעטקע האט זיך אויסגעוויינט און אויסגע'טענה'ט זיך אביסעל מיט גאט, איז איהר געווארען לייכטער אויפ'ן הארצען. זי איז אויפגעשטאנען פון בעט א געשטארקטע, און האט אויפגעהובען די הענט אין דער הויך און האט געזאגט: „איך דאנק דיר גרויסער גאט, פאר דעם חסד וואס דו האסט געטהאן מיט מיר, מיינע אויגען זעהען, וועמען איך האב גאר ניט געהאפט צו זעהן.

יהודה האט שטיל געעפענט די טיהר, צו זעהן ווי פיהלט זיך שווארצקאפּ, אבער ווי ערשטוינט איז ער געווארען, טרעפענדיג איהם

מיט די הענט צו הימעל און זאגענדיג א שטילע תפלה.

יהודה'ן האט דורכגענומען אן אמת'ע הייליגקייט. ער איז גע־בליבען שטעהן אומבאוועגליך, מורא האבענדיג צו צושטערען די הייליגע שטימונג.

„גיב מיר כח! גיב מיר חכמה! דו גאט פון ישראל!" הערט יהודה ווי שווארצקאפ טענה'ט.

יהודה האט זיך מעהר ניט געקענט באהערשען און ער האט שטיל געענטפערט:

— דער גאט פון ישראל האט צוגעהערט דיין תפלה! מיין בראווער טייערער חבר!

שווארצקאפ האט זיך אויסגעדרעהט מיט'ן פנים צום טיהר, און יהודה האט דערזעהן א שטראלענדען ליכטיגען פנים מיט פארוויינטע אויגען.

— דו האסט געוויינט? מיין חבר שווארצקאפ!

— יע חבר! פארגעס ניט אז ס'איז דעם ערשטען מאהל וואס מיינע פיס טרעטען אויף דעם הייליגען באדען. מיין הארץ איז פול געווארען מיט אזא פרעהליכקייט און גליק אז איך האב זיך געמוזט גוט אויסוויינען. דאס זיינען גליקליכע גייסטיגע טרערען. — און ער איז ארויפגעפאלען יהודה'ן אויפ'ן האלז און האט באדעקט זיין פנים מיט הייליגע אמת'ע קושען.

— חבר יהודה! — האט ער געזאגט: — איהר באדט זיך טאג און נאכט אין דער ארץ ישראל זון, איהר זייט געוואוינט מיט דער ליכטיג־קייט, איהר שלאפט ממש מיט דער שכינה, אבער איך! איך האב ערשט דערפיהלט א קדושה, איך בין דורכגעדרונגען מיט גליק, און איך מוז זיך מיט אימעצען טיילען.

— חבר שווארצקאפ! — האט יהודה ערנסט געענטפערט. — איהר שטעהט א סך העכער פון פיעלע ארץ ישראל'דיגע! און הלואי וואלטען מיר אין אונזער אלט־ניילאנד פארמאגט א סך אזעלכע בראווע אידישע זין ווי איהר זייט. אויב איהר ווילט, שלים איך מיט אייך אן עביגען בונד, אויף טויט און אויף לעבען?

שווארצקאפ האט מיט פייער געענטפערט:

— איך בין שטאלץ מיט אייער פריינטשאפט און מיט אייער ברודער האנט. פון היינט אן וועלען מיר זיך ווי ברידער אנרופען און אויפפיהרען.

— איהר קושט זיך ווי אן אמת'ע מיידעל! — האט יהודה גע־לאכט. — אט פונקט ווי מיין שושנה.

— אפשר האב איך טאקע געזאלט באשאפען ווערען א מיידעל, נאר דורך א טעות בין איך אריינגעפאלען אין „מאנסבילשען פורעם"!— האט שווארצקאפ געענטפערט.

— ס'איז באשערט, אז אייער שטימע זאל געהערט ווערען אין ארץ ישראל! ווייל אונזערע חרדים די „עקסטרעמע צדיקים", גרייטען זיך, ניט צו דערלאזען אז מען זאל געבען די פרויען שטים־רעכט, אבער איך האב מורא, אז מיין שושנה וועלכע פיהרט אן דעם געגען קאמף וועט זיי גובר זיין.

— ווי איך פארשטעה, איז אייער שושנה, איינע פון די וואונדער־בארסטע פרויען אין לאנד! — האט שווארצקאפ באמערקט.

— ניט בחינם רופט מען איהר די „בלום פון ארץ ישראל!" — האט יהודה גדלות'דיג געזאגט.

— איך האב מורא, אז איך בין שוין פארליעבט אין אייער שושנה'ן, און דאס קען נאך אפשוואכען אונזער ערשט געשלאסענעם בונד. ווייל די „פארפלוכטע אייפערזיכט" וועט דאך מן הסתם ניט זיצען מיט פארלייגטע הענט! — האט שווארצקאפ געלאכט.

— ביי מיין שושנה'ן קען אזעלכעס ניט פאסירען, ווייל איהר נשמה איז נאך שעהנער ווי איהר קערפער. זי שוועבט אין העכערע וועלטען. זי ארבייט ביי טאג און חלומ'ט ביי נאכט נאר פון איין ציעל, „וואס גיכער אויפצובויען אונזער לאנד, פאלק און שפראך".

— איך בין איהר מקנא, חבר יהודה!

— יעדער איינער קען זיך דערהויבען צו אזא מדרגה! ברודער שווארצקאפ.

— זאגט עס ניט יהודה! ניט אלע זיינען מסוגל דערצו. א סך וואלטען אפשר וועלען זיך אויפהויבען, אבער זיי פעהלט די פליגלען דערצו.

— יע, דאס איז אויך אמת! ברודער.

— מיר האבען זיך צופיעל פאררעדט, ברודער שווארצקאפ! שושנהווארט אויף אונז מיט'ן עסען. — זיי געהען ארוים געארעמט, און זיינען אריין אין א גרויסען עס צימער. אין מיטען איז געשטאנען א לאנגער טיש מיט א קלאהר ווייט טישטאך, וואו ס'איז געווען אויסגעשטעלט פון כל טוב. די ריחות פון די געשמאקע מאכלים האבען גערייצט דעם אפעטיט.

יהודה האט אויסגערופען:

— אזוי ווי ברודער שווארצקאפּ איז דער הויפּט פון אונזער רויטער מחנה, קומט איהם דער אויבען־אן, נאך איהם וועט זיצען מעדוועדיעוו, וועלכער פארטרעט מאסקווע, צו דער רעכטער זייט וועט זיצען איבראהים, וועלכער איז א פּאלעסטינער בירגער, נאכדעם וועט זיצען איזמאאיל, טשערטשינסקי און אז. וו. איך אלס בעל הבית וועל אייך אלעמען באדינען.

טשערטשינסקי איז געזעסען פּונקט אנטקעגען שושנה׳ן. זיינע שד׳ישע אויגען האבען ניט געקענט איינרוהען. זיי פלעגען ארוים־שפּרינגען פון זייערע לעכער. ער האט געטראכט פון דעם זעלבען טייפעלשען פּלאן וואס מעדוועדיעוו.

מען האט געגעסען און געטרונקען כיד המלך. שווארצקאפּ האט ווייניג געטרונקען. ער האט מורא געהאט אז דער ווייין זאל ניט ארויסגעבען זיין סוד...

נאכ׳ן עסען, האט מען אלעמען אנגעצייגט זייערע פּלעצער צום שלאפען. די צעהן אידישע גבורים זיינען אריינגעגאנגען אין גארטען. יהודה איז אוועק מיט די קינדערלאך, און שושנה האט געזאגט צו שווארצקאפּ׳ן:

— איצט וויל איך אייך האבען פאר מיר אליין. איך וויל אז איהר זאלט מיר דערצעהלען פון דעם גרויסען אמעריקאנער וועמען איך האב זעהר ליעב געקראגען.

עטליכע מינוטען האבען ביידע געשוויגען. שושנה האט דערפיהלט א מאדנע נאהענטקייט צום שעהנעם שווארצקאפּ׳ן, פּונקט ווי זי וואלט איהם געקענט שוין פון לאנג, און שווארצקאפּ האט אנגעהויבען דער־ערשטער:

— אייער יהודה האט מיר דערצעהלט, אז מען רופט אייך די „בלום פון ארץ ישראל״, וועל איך גאר אהן צערעמאניעס, אייך אנ־רופען אט מיט דעם נאמען „שושנה״! איהר ווילט פון מיין מויל הערען מכח דעם גרויסען לו. מיט פארגעניגען. ער איזווירקליך גרויס אויף אלע געביעטען. ער איז פול מיט חכמה, מיט גוטסקייט און גרויס אין איינפלוס. אבער ער איז געבוירען און ערצויגען אין א פרייע לאנד. צווישען פרייע מענשען. איהם זיינען פרעמד די אידישע נויטען און די אידישע גלות׳ן, דעריבער קען ער נאך ניט משיג זיין דעם בענקען פון אן אייגענע היים, פון א נאציאנאלע אידישע היים, וועלכע זאל זיין געגרינדעט אויף עכט אידישע נאציאנאלע יסודות.

זיין הארץ איז ברייט, און פול מיט רחמנות צו אלעמען, אבער איהם פעהלט דער רחמנות „דוקא צו אידען!" ווען אט דער גרויסער מאן וואלט עפענען זיינע אויגען, און אנהויבען פיהלען מיט זיין ברייטער הארץ, אט אזוי ווי מיר פיהלען, און בענקען נאך אונזער היים. ווען ער וואלט לכל הפחות פיהלען די גלות יסורים, וואלט ער אפשר גע־ווארען א צווייטער הערצל.

שושנה האט געשלונגען יעדער ווארט וואס שווארצקאפ האט ארויסגערעדט, זי האט געפיהלט אז ער איז אן אויסערגעוועהנליכער פערזאן און א טרייער איד.

— הערר שווארצקאפ! — האט זי אנגעהויבען רעדען.

— רופט מיך ניט הערר, רופט מיך בעסער ברודער, אזוי ווי אייער יהודה רופט מיך, — האט שווארצקאפ באמערקט.

— הלואי וואלט איך געהאט א ברודער! — האט שושנה א זיפץ געטאהן.

— וואס?! איהר האט קיינמאל ניט געהאט קיין ברודער? — האט שווארצקאפ תמימות'דיג געפרעגט.

— הלואי וואלט איך בעסער קיינמאל ניט געהאט! — האט שושנה טרויעריג געענטפערט.

— ווי איך פארשטעה טייערע שושנה, האט עפעס אן אומגליק פאסירט מיט אייערן א ברודער?

— אן אומגליק צו אן אומגליק איז ניט גלייך! עס טרעפט אז א ברודער שטארבט, א ברודער ווערט גע'הרג'ט, דאס איז אן אומגליק. אבער אז מען האט א „קין"־ברודער, וועלכער דערמארדעט זיין אייגענע טאטע מאמע און זיין גאנצע משפחה, דאן איז דאס ניט קיין אומגליק, נאר א חרפה און א שאנדע פאר דער גאנצער וועלט, און טרערען האבען גענומען פליסען פון איהרע אויגען. שווארצקאפ האט אויך גענומען ווישען זיינע אויגען, וועלכע זיינען פול געווארען מיט א מבול־טרערען.

— טייערע שושנה! — האט שווארצקאפ גענומען רעדען שטיל און הארציג, — פארצייהעט מיר, וואס איך האב ניט ווילענדיג אנגע־ריהרט אייערע וואונדען. אבער ס'קען דאך זיין, אז אייער ברודער איז גאר ניט אזא „קין" ווי איהר דענקט! מיר טארען ניט פארגעסען, אז זינט נאכ'ן „בלוטיגען מבול", געהען ארום מענשען מיט צומישטע לשונות און צומישטע געדאנקען. דער סם המות'דיגער „אשמדאי קאראהאר" האט אלעמען פארדרעהט די מחות און צו קרימט די גע־דאנקען. סוועט דורכגעהן א קורצע צייט, דער „רויטער גיפט" וועט

אנהויבען ביסלאכווייז צו פארשווינדען. א ריינערע לופט וועט אנ־הויבען אויסצולייטערען די נשמות, דאן קען נאך אייער ברודער צו־ריק קומען צו אייך א ריינער, א געלייטערטער, און איהר וועט נאך קענען מיט איהם שטאלצירען. „וואו ס'איז נאר פאראן לעבען איז אויך פאראן האפנונג"! אט בין איך אליין „א ביישפיעל" פון דער צייט. איך בין אויך געווארען פאר'סמ'ט פון דער „רויטער תורה" און בין געווארען ניקאליי'ס א תלמיד. איך האב פארראטהען מיין אייגען פאלק, מיין טאטע, מאמע, שוועסטער און ברידער, אבער אזוי גיך, ווי גאט האט געעפענט מיינע „פאררויטעלטע" אויגען בין איך גלייך אנ־טלאפען פון „אשמדאי" אין איך בין מוכן ומזומן צו לאזען זיך מקריב זיין אויפ'ן אידישען מזבח. איך בין כלומר'שט געווארען אן עלצטער פון די „רויטע שפיר הינט" און וועל מיט גאט'ס הילף צומישען זייערע רויטע מחשבות, אז זיי וועלען פארזאגען זייערע קינדס־קינדער, ניט אנצוהויבען זיך מיט דער יונגער יהודה, און אזוי קען נאך אייער ברודער אויך חרטה האבען.

— הלואי! — האט שושנה אויסגעשריען, ווערענדיג מונטער פון שווארצקאפ'ס רייד, — ערשט דאן וואלט איך געווען די גליקליכסטע אויף דער וועלט! ווייל מיין ברודער איז איינער פון די גרעסטע פון היינטיגער צייט. ער מיט זיינע גאונות, האט גרויס געמאכט דעם גרויזאמען ניקאלייען. ער איז דער „לייב" פון די רויטע ארמייצעס, אדער דער אשמדאי פון די שדים.

— איז דער גרויסער טראצקי אייער ברודער? — איז שווארצקאפ כלומר'שט אויפגעשפרונגען פון זיין ארט. — זייט איהר זיין שוועסטער בעטקע?

— אה ניין, ברודער שווארצקאפ! איך בין זיין שוועסטער איזא־בעלא. האט איהר אויך געקענט מיין שוועסטער בעטקע? — האט זי געפרעגט צוטראגען.

— ווער האט זי ניט געקענט? זי איז געווען א מערקווירדיגע פערזענליכקייט. מען דארף ניט פארגעסען אז זי איז געווען די הויפט־ריכטערין פון דער רויטער מלוכה, און זי איז אויך געווען די יעניגע העלדין, וועלכע האט אוועקגעשיקט אויף יענער וועלט, דעם גרויזאמען רויטען ניקאלייען.

— ו ו א א ס ?! — האט שושנה אויסגעשריען. איהרע אויגען האבען זיך ברייט פארנאנדערגעעפענט און איהר פנים האט גענומען פלאמען.

— אָט דאָס וואָס איהר הערט! ליעבע שושנה! — האָט שוואַרצ־קאָפּ באַשטעטיגט.

— הער איך דאָס אויפ'ן וואָהר? אפשר חלום איך? — האָט זי גע־נומען רייבען איהרע אויגען.

— ס'איז ניט קיין חלום! ס'איז דער אמת'ער אמת. אַזוי אמת ווי אונזער תורה איז אמת! — האָט שוואַרצקאָפּ געזאָגט.

— מיר האָבען דאָך אָבער געלעזען אין די צייטונגען, אַז עפּעס איינע אַ יהודית קאַפּלאַן האָט אויף איהם געשאָסען?

— ס'איז ניט אמת, טייערע שושנה! די מאַרטירערין יהודית איז געווען דער הויפּטריכטערינ'ס געהילפין, און זי האָט זיך אַליין גענומען דעם לעבען, נאָכדעם ווי די הויפּטריכטערין איז פאַרשוואונדען.

— זי איז פאַרשוואונדען? — האָט שושנה מיט אימפּעט געפרעגט.

— יע, פאַרשוואונדען! שוין צוויי יאָהר צייט ווי זי איז אַנטלאָ־פען פון דער „רויטער מדינה". די רויטע צייטונגען האָבען דאָס פאַר־שוויגען און רויטע שפּיאָנען איבער דער גאַנצער וועלט זוכען איהרע שפּורען, אָבער דער שומר ישראל היט זי אויף שריט און טריט.

שושנה האָט אָנגעכאַפּט שוואַרצקאָפּ'ס הענט, און האָט זיי באַ־שאָטען מיט קושען.

— איהר האָט מיך מחיה געווען! ברודער שוואַרצקאָפּ. ווי אַ מלאך פון הימעל, זייט איהר געקומען, צו ברענגען מיר די גליקליכע בשורה. געבענשט זאָלט איהר זיין פון גאָט, איהר גוטער, שעהנער גליק אָנזאָגער! פון היינט אָן וועל איך אייך פאַררעכענען פאַר מיינעם אַן אמת'ן ברודער.

— און איך אייך פאַר אַ שוועסטער! — האָט שוואַרצקאָפּ ענט־ציקט אויסגעשריען, און האָט איהר געכאַפּט קושען.

— אָבער שוועסטער שושנה! מיר האָבען איבערגעריסען אונזער שמועס מכח לו דעם שוויינער. אייער יהודה האָט מיר איבערגעגעבען אַז איהר ווייסט מכח איהם זעהר פיעל.

— יע, ברודער שוואַרצקאָפּ. כ'ווייס ווירקליך פון אַלע זיינע סודות, אָבער פאַר אייך, וועלכער האָט מיך גליקליך געמאַכט, מעג איך אַלעס דערצעהלען.

— ער איז זעהר פאַרליעבט אין אַ העלדישער איבערנאַטירליכער „שעהנער נוירס" זי רופט זיך בערטע, זי האָט איהם אויך ליעב, אַזוי האָט זי איהם פאַרזיכערט. אָבער זי האָט איהם ערקלעהרט, אַז אום צו פאַראייניגען זיך אויף עביג, פאַר די אויגען פון דער גאַנצער וועלט,

מוז ער א פריהער צו ברעכען די מחיצה, וועלכע טהיילט זיי פאנאנדער. ער מוז א ים דורכשווימען, אין א מדבר וואנדערען. ער האט בשום אופן ניט געקענט פארשטעהן וואס זי מיינט דערמיט.

ער איז געווען זעהר פארצווייפעלט נאך איהר פארשווינדען. ער האט פאר מיר געוויינט, און ער האט געזאגט אז ער איז גרייט אפילו צו לאזען זיך מקריב זיין פאר איהר.

איך האב איהם אויסגעפיהרט כמעט גאנץ ארץ ישראל. ער איז געווען אזוי באגייסטערט און זיין נשמה האט זיך אזוי דערהויבען, אז ער האט אויסגעקוקט ווי א נביא. און איינמאל האט ער אויסגעשריען: „איצט מיין בערטע פארשטעה איך דיך! איך האב שוין צובראכען די אסימילאציאנס-וואנט. ניטא מעהר קיין „סעקטעס", נאר א גרויס פאלק ישראל! מיט אן איינען לאנד!" „בערטע מיין געליעבטע! איך וועל אויסוואנדערען דעם „מדבר העמים", איך וועל איבערשווימען דעם ים צו אונזער יונגער יהודה, און ווען איך וועל דיך געפינען, וועלען מיר זיך שוין ניט צו שיידען".

— אט אזוי האט ער גערעדט?! — איז שווארצקאפ אויפגעשפרונגען, — מיין גאט! ווי גליקליך איך בין! — מען האט געזעהן ווי אלע זיינע גליעדער טאנצען פון גרויס גליק.

— שושנה איך בין גליקליך! מיין הארץ, מיין נשמה, אלע מיינע אברים זינגט א שירה צו גאט! — ער האט זיך פארגעסען אויפ'ן גאנצען דרך ארץ און וואו ער איז אין דער וועלט. ער האט געכאפט שושנה'ן און האט איהר גענומען קושען, האלזען און טאנצען.

שושנה האט געזעהן, אז מיט איהרע לעצטע ווערטער, האט זי געמאכט א גאנצע איבערקעהרעניש אין דעם יונגענמאנ'ס מח. זי האט ניט פארשטאנען וואס און ווען, אבער זי האט געפיהלט אז ער איז זעהר גליקליך.

— ברודער שווארצקאפ! — האט זי געזאגט ענטציקט — ווען איך זאל עס דערצעהלען מיין יהודה'ן וועט ער אייך ארויסשיקען פון ארץ ישראל מיט כלי-זמרים.

— כ'קען ניט העלפען שושנה! דער גליק האט מיך באהערשט אזוי פיעל אז איך האב געמוזט מיט אימעצען זיך טיילען.

— איהר זעהט, ברודער שווארצקאפ! אז מען זאגט „שלום" ענטפערט מען א שלום. איהר האט מיך דערפרעהט מיט א „גליקליכע בשורה", האב איך אייך באצאהלט מיט א גליקליכע „בשורה". אבער זאגט מיר וואס איז ער צו אייך, אט דער גרויסער אמעריקאנער?

— ער איז מיין וועלט! מיין אידעאל! און מיין „איד"! האט ער געענטפערט.

— איך פארשטעה אייך ניט ברודער! — האט שושנה געקוועטשט מיט איהרע פלייצעס.

— געווים קענט איהר מיך ניט פארשטעהן! טייערע שושנה. ס'איז א גרויסער סוד! מען טאר עס בשום אופן ניט ענטדעקען פאר דער צייט.

— הלואי זאל די צייט וואס גיכער קומען! האט שושנה געזאגט.

— אמן! — האט שווארצקאפ אויסגעשריען.

— האט איהר אויך געקענט זיין פארשוואונדענע שעהנע נוירם?

— יע, און ניין, — האט שווארצקאפ געענטפערט. — כ'האב איהר נאר איינמאל געזעהן פון דער וויטען ווען זי האט געהאלטען איהר רערע מכח די „לעצטע געשעהענישען". זי האט אויסגעקוקט פונקט ווי איהר.

— יע, דער גרויסער אמעריקאנער האט עס מיר אויך עטליכע מאהל געזאגט, אז זי איז געראטען אין מיר ווי צוויי טראפענס וואסער, — האט שושנה געזאגט פארטראכט, און ווי עפעס א שאטען וואלט בארעקט איהר ליכטיגען פנים.

— איהר ווייסט וואס איך טראכט איצט? — האט זי פלוצלונג א פרעג געטהאן.

— וואס בין איך א נביא? שושנה!

— ברודער שווארצקאפ! איך בין בשום אופן ניט אבערגלויביש, אבער דאך וואלט איך זעהר וועלען, אז נאך איינער זאל האבען אין דעם מאמענט, די זעלבע געדאנקען וואס איך. מיר דאכט אז איך וואלט געפיהלט אז עס איז א מין נבואה, אז מיינע געדאנקען זיינען אמת'ע, און זיי וועלען מוזען מקוים ווערען. איך האב די זעלבע געדאנקען געהאט דאן ווען דער אמעריקאנער האט מיר דערצעהלט די טרויעריגע געשיכטע, און אויך איצט, טרעטען פון מיר ניט אפ די זעלבע מחשבות און די זעלבע געדאנקען...

— ווייסט איהר וואס שושנה! — האט שווארצקאפ שטיפעריש געזאגט. — לאמיר זיך ביידע פארטראכטען, און אויב אונזערע ביידענס געדאנקען וועלען שטימען, איז א סימן אז דאס איז דער אמת, און דאס וועט מוזען מקוים ווערען. — זיי האבען זיך ביידע פארטראכט....

— איצט זאגט מיר, וואס איהר האט געטראכט? — האט שושנה די ערשטע אויסגעשריען.

— גוט איך וועל אייך זאגען, אבער מיט א תנאי, אז אויב אונזערע געדאנקען וועלען שטימען, זאלט איהר מיר פון איצט אן, מעהר קיין זאך ניט פרעגען. כאטש איהר וועט זעהן פון מיר משונה'דיגע ווילדע זאכען, און קיינער זאל דערפון ניט וויסען. עס זאל בלייבען א סוד.

— איך וועל מיט פארגעניגען איינשטימען צו אייערע תנאים, און איך וועל פאלגען און שווייגען, ווייל איך האב צו אייך מיין פולען צוטרויען! — האט שושנה געענטפערט.

שווארצקאפּ האט גערעדט שטיל און סודות'דיג:

— ס'איז מיר אין דעם מאמענט אריינגעפלויגען א געדאנק, אז די פארשוואונדענע שעהנע נוירס בערטע, איז די הויפּטריכטערין בעטקע, אייער שוועסטער, וועלכע איז פארשוואונדען פון דער רויטער מדינה שוין צוויי יאהר צייט. און דאס זעלבע האט איהר אויך געטראכט?

— אמת! — האט שושנה מיט א ליכטיגען פנים אויסגעשריען.ביידענס אויגען האבען גענומען לייכטען ווי צוויי זונען, אוןביידע געארעמט זיינען ארוים צו יהודה'ן מיט די קינדער.

— נעמט צו אייער ווייב פון מיר! — האט שווארצקאפּ געשריען, און אליין האט ער געכאפּט דער קליינער מרים'לען אויף איין האנט און אלכסנדר'ן אויף דער צווייטער און האט זיך געלאזען לויפען ווי א יונגער לייב.

— א מערקווירדיגער פּערזאן! — האט שושנה געזאגט.

— א גרויסער איד! — האט יהודה באמערקט.

נייך-און-צוואנציגסטער קאפּיטעל.

זיי ווילען פאנגען שושנה'

מעדוועדיעוו זיצט אין גארטען, און ווערט צופּלאצט פון געלעכטער. „נו וועט זיך דאס פארקאכען א קאשע! טשארט פאבערי! כא, כא, כא, כי כי כי".

טשערטשינסקי פרעגט איהם:

— וואס איז מיט דיר די שמחה אזוי? וואס האסטו זיך אזוי צו כאבכאטשעט? — און מעדוועדיעוו האלט זיך ביי די זייטען, און רעדט אליין ווי פאר זיך: „נו וועט זיך דאס פארקאכען א קאשע, טשארט פאבערי!

— וואָס פאַר אַ קאַשע? — פרעגט טשערטשינסקי, זעהר גייגעריג.

— דו זעהסט ניט חבר, וואָס דאָ קאָכט זיך? כאַ, כאַ, כאַ!

— וואָס קאָכט זיך? זאָג! — ווערט טשערטשינסקי אומגעדולדיג.

— ער, טשערטשינסקי! דו ביזט אַן עזעל און אַ דומקאָפּ! זעהסט גאָר ניט ווי די שעהנע פּאַלעסטינקע האָט זיך פאַרליעבט אין שוואַרצ־קאָפּ'ן?.... טשאָרט פּאַבערי! כאַ, כאַ, כאַ!

— וואָס? איך פאַרשטעה ניט. — פּלאַצט ביי טשערטשינסקי דער געדולד.

— כ'האָב דאָך געזאָגט, אַז דו ביסט אַ פּאַלעסטינער עזעל, — ענפערט מעדוועדיעוו און האַלט זיך ביי די זייטען פון לאַכען.

— נו, זאָל זיין אַז איך בין אַ דומקאָפּ, אַ פּאַלעסטינער עזעל, אָבער רעד דייטליכער!

— דו זעהסט גאָר ניט ווי זיי געהען דאַרטען געאַרעמט אָט אַזוי ווי צוויי פאַרליעבטע?

טשערטשינסקי האָט זיך גענומען אַרומקוקען אין אַלע זייטען, און האָט דערזעהן פון ווייטען ווי שוואַרצקאָפּ געהר געאַרעמט מיט שושנה'ן, און ס'האָט איהם אָנגעכאַפּט אַ רויטער טייפעלשער גע־לעכטער.

— איצט פאַרשטעה איך, טשאָרט פּאַבערי! — אוןביידע טייוואַ־לים האָבען זיך געהאַלטען ביי די זייטען, „נו אַ קאַשע פאַרקאָכט האָבען ביידע געכאַכאַטשעט".

— די שעהנע פּלעסטינקע ווייס גאָר ניט, אַז אונטער די מאַנס־בילשע קליידער פון אונזער שוואַרצקאָפּ'ן געפינט זיך אַזאַ שעהנינקע זשידאָווקע ווי זי! כאַ, כאַ, כאַ!

— דו ווייסט חבר טשערטשינסקי! מיר איז איינגעפאַלען אַ טייפעלשער פּלאַן, טשאָרט פּאַבערי! — זיי האָבען זיך אַרומגעקוקט, אויב אימעצער הערט זיי ניט אונטער. מעדוועדיעוו האָט זיך אָנגע־בויגען צו טשערטשינסקי'ן און האָט שטיל געזאָגט:

— מען דאַרף צו געבען חשק אונזער שוואַרצקאָפּ'ן, אַז ער זאָל פאַרפיהרען אַן אמת'ן ראָמאַן אָט מיט דער פּאַלעסטינקע, און נאָכדעם וועלען מיר אונטערשיקען יהודה'ן, אַז ער זאָל אַליין זעהן מיט זיינע אויגען, ווי זיין ווייבעלע קושט זיך און האַלזט זיך מיט אַ פרעמדען מאַנסביל....

— און וואָס וועט זיין נאָכדעם? — האָט טשערטשינסקי געפרעגט.

פּאַלעסטינקע איז איהם געוואָרען פּאַלש, און זי שפּילט זיך מיט פּרעמדע אונטער זיינע פּלייצעס, וועט ער זי גלייך אָפּ'גט'ן, ווייל ביי די אידען פּאַרשטעהסטו מיך, איז דאָס דער גרעסטער פאַרברעכען. נאָכדעם וועלען מיר זיך כלומר'שט אַרויסצייגען פאַר איהרע בעסטע פריינט, ביז מיר וועלען איהר פאַרנאַרען אויף אַ שיף.

— נו, און נאָכדעם? — האָט ביי טשערטששינסקי געפּלאַצט דער געדולד.

— נאָכדעם, חבר'ל, וועלען מיר זי איבערגעבען אין די הענט פון רויטען טריבונאַל, אלס די הויפּט ריכטערין בעטקע, און דער טשעקאַ וועט שוין וויסען וואָס צו טהאָן מיט איהר. מיר וועלען דערמיט האָבען דערגרייכט פיעלע זאַכען. ערשטענס וועט די גאַנצע וועלט וויסען, אַז פון די רויטע קען מען זיך ניט אויסבאַהאַלטען. צווייטענס וועלען די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען מורא האָבען אויפצוהויבען זייערע קעפּ, און די הויפּט זאַך איז: ס'וועט ווערען פריי די וועג פאַר בע.. כ'מיין שוואַרצקאָפּ'ן צו פאָרען נאָך אונזער רויטער מדינה.

— ס'איז אַן אויסגעצייכענטער פּלאַן! האָט טשערטשינסקי מיט התפּעלות אויסגעזשיפּעט ווי אַ שלאַנג. — אָבער ווי אַזוי הויבט מען דאָס אַן ברודער'ל?

— גאַנץ איינפאַך! מיר וועלען דאָס פאָרטרויען שוואַרצקאָפּ'ן! ער, טשאַרט פּאָבערי! ער וועט צו פּלאַצט ווערען פון געלעכטער.

— יע, אַזוי בלייבט עס, — האָבען ביידע רויטע טייוואָלים איינגעשטימט, טראַכטענדיג דערביי, „נאָכדעם וועל איך פון דיר פּטור ווערען, און בעטקע וועט פאַרבלייבען מיינע", און ביידע האָבען נחת־רוח'דיג געריבען די הענט פון דעם אויסגעצייכענטען טייפעלשען פּלאַן.

איינמאָל ווען שוואַרצקאָפּ איז געזעסען איינער אַליין, און האָט געטראַכט, וואָס פאַר אַ שטראָף מען זאָל געבען אָט דער רויטער באַנדע. איבערהויפּט די רוסישע „רויטע כלבים", ווייל דעם רויטען טערקישען איזמאַאיל'ן און דעם פּאַלעסטינער איבראַהים'ען, קען מען נאָך עפּענען די אויגען אַז זיי זאָלען אַליין דערזעהן ווי שעדליך די רויטע תורה איז, זיינען ביידע רויטע אַגענטען צו געגאַנגען צו איהם און שטיל געפרעגט:

— ווען וועלען מיר אָנהויבען אונזער גרויסע ארבייט?

— מען טאָר זיך ניט היילען חברים! — האָט שוואַרצקאָפּ רוהיג געענטפערט. — מיר מוזען זיך אַ פריהער באַקענען מיט גאַנץ ארץ

ישראל, פון דן ביז באר שבע. מיט אלע קאלאניעס, מיט די חלוצים, מיט אלע קבוצות, איבערהויפט מיט'ן גדוד, מיט אלע פקידים, מיט'ן ועד הצעירים און אפילו מיט'ן נציב אליין. עס דארף געדויערען פיעל צייט. אונזער ארבייט איז זעהר א וויכטיגע. מיר טארען ניט מאכען קיין דורכפאל. מארגען געהען מיר אין תל אביב אויף א פורים הוליאנקע, פרייטאג צו נאכט געהען מיר צום כותל מערבי. מיר דארפען אויך באזוכען די שמרונים אויף'ן בארג גריזים.

דאס מוז מען צוליעב סטראטעגישע צוועקען. מיר מוזען זיך גוט באקענען מיט די ארבייטער וועלכע בויען דעם אידישען אוני־ווערזיטעט אויף'ן הר הצופים, ווייל ווי מען זאגט, וועלען צו דעם ערעפענונג אנפארען די גרעסטע לייטע פון אלע נאציאנען פון דער וועלט, און אפילו דער ענגלישער לייב דער גרויסער לארד באלפור וועט אויך קומען. מיר וועלען מוזען צוגרייטען א גרויסע רויטע מחנה מיט א סך „באמבעס“!... איהר פארשטעהט? חברים!...

— צי מיר פארשטעהען?! — האבען ביידע מיט אמאל געענט־פערט. — דו ביסט א גרויסער פיהרער!—האבען ביידע אין איין אטהעם אויסגעשריען. — דו ביסט אזוי גרויס, ווי דער גרויסער ניקאליי!

— שא! דערמאנט ניט קיין נעמען! — האט שווארצקאפ בא־מערקט. — „וועגנט האבען אויך אויערען“. איידער מיר וועלען אנ־הויבען אונזער גרויסע ארבייט, וועלען מיר באזוכען, די הייסע בעדער פון טבריה (חמי טבריה), זיין אויף די קברים פון רבי מאיר בעל הנס, און רבי שמעון בן יוחאי, אין חברון, אין דער פארשאלטענער יריחו, ראש פינה, רחובות, דגניה, מטולה, כפר גלעדי, נהלל, בלפוריה, מגדל, ביי די מיידעלשע קבוצות ביים גדוד און אז. וו.

איהר זעהט חברים! אט איז די ארץ ישראל'דיגע לאנדקארטע. איך שטודיר עס, ווייל מיר מוזען עס האבען צו אונזער ארבייט. ס'וועט דויערען א סך צייט, אבער וואס איז ביי אונז צייט לגבי די גרויסע ארבייט וואס מיר וועלען אויפטהאן. ס'וועט זיך גיסען גענוג קאנטר־רעוואלוציאנערע בלוט.

— אט דאס הייסט א קאפ! אט דאס הייסט א באלשעוויק! — האט מערדווערדיעוו אויסגעשריען. — ניט בחנם ביזטו געווען די הויפט־ריכטערין!...

— שא!...

— שא!... האט שווארצקאפ אויסגעשריען, — דערמאנט ניט, „וועגנט האבען אויערען“!

איבערהויפּט מוזען מיר זיך באקענען מיט אלע שומרים, זיי זיינען אלע גבורים. יעדער איינער פון זיי קען זיך שלאגען מיט הונ־דערט. מיט די ארבייטער ביי די כביש'ן, ביי דער מחצבה, און מיט אלע יהודה'ר קאלאניעס, ווי: ראשון לציון, פתח תקוה, עין גנים, כפר מלל, כפר סבא, נחלת יהודה, רחובות, נס ציונה, באר יעקב, גדרה, עקרון, קוסטינא רוחמה, ערתוף, כפר אוריה, בן שמן, חולדה, און אז. וו.. איהר זעהט איך לערן, איך שטודיר, מען מוז וויסען אלעס בעל פּה אויב מען וויל האבען אן ערפאלג, מיט די שטעדט מוז מען זיך דאך אודאי באקאנען. דארט זיינען דאך דאס רוב בורזשועס, ווי ירושלים, צפת, תל אביב, יפו, טבריה, חברון חיפה, צידון, עזה, עכו צור שכם בית שאן רמלה לוד און אז. וו.

מען מוז זיך חברים, באקענען, מיט'ן גאנצען גליל העליון און גליל התחתון, מיט'ן עמק יזרעאל, און מיט אלע לאנדווירטשאפטליכע ישובים. אונזער רויטע מלוכה מוז פון אלעם וויסען, אפילו וויפיעל וויין, אראנדזשען, גרינס, תבואה, מילך, מאנדלען, אליוון, אייקא־ליפּטוס בוימער, און אז. וו. אפילו פון די וואסער רייכטהום אין ארץ ישראל.

מעדוועדיעוו און טשערטשינסקי האבען זיך ניט געקענט אפּ־חידוש'ן פון שווארצקאפּ'ס זכרון ווי ער געדענקט עס אלעס אויפ'ן קאפּ! טשארט פאבערי!

— ניט אומיסט איז זי געווען א הויפּט...

— שא! — האט שווארצקאפּ מיט כעס אויסגעשריען — וואו איז אייער פארזיכטיגקייט? אייער דיסציפּלין?

— מיר זיינען דומקעפּ! עזלען! — האבעןביידע אונטערטעניג געענטפערט — אבער מיר האבען זעהר א פארטרעפליכען פּלאן, טשארט פאבערי!

— רעדט איינציגווייז! און הערט אויף מיט אייער „טשארט פאבערי“, — האט שווארצקאפּ באפוילען.

מעדוועדיעוו האט פארגעלייגט אט יענעם „טייפעלשען פּלאן“, און זיי האבען זיך זעהר שטארק צו לאכט.

שווארצקאפּ'ן איז די גאנצע בלוט אריין אין פּנים. ער האט שוין געזעהן אויף וואס די רויטע זענען פעהיג, און ער האט געטראכט: „ווארט איהר רויטע כלבים! איהר וועט פאר אייער נידערטרעכטיג־קייט טייער באצאהלען“.

— גוט! — האט ער געענטפערט. — דער פּלאַן איז אַן אויסגע־צייכענטער. עס שטימט מיט די פּרינציפּען פון דער „רויטער תורה" אַז „דאַס צוועק הייליגט דאַס מיטעל", וואָס טהוט מען ניט צוליעב אַן אידעאַל, און טאַקע צוליעב זיך אַליין אויך. איך וועל עס זעהן בּיסלאַכווייז דורכצופיהרען. ער האט זיי געהייסען אַוועקגעהן, ווייל ער האט געזעהן פון ווייטען אַז יהודה געהט צו איהם.

— יהודה מיין חבר און מיין בעסטער גוטער פריינט! — האט שוואַרצקאָפּ געזאָגט. — זאָג מיר דעם ריינעם אמת, ווי גרויס איז דיין צוטרוי צו מיר?

— איך קען דיר חבר שוואַרצקאָפּ, ניט זאָגען קיין מאָס און קיין וואָג. מיין צוטרויען צו דיר איז אָהן אַ גרענעץ, און מיין ליעבע צו דיר איז אָהן אַ גרונט. טיעף ווי דער ים און ווייט אַזש ביז'ן הימעל, און מיין שושנה רעדט פון דיר סיי וואַכענדיג און סיי פון שלאָף.

— אַזוי? — האט שוואַרצקאָפּ געפרעגט פאַרטראַכטערהייד.

— יע, חבר שוואַרצקאָפּ! זי דערמאָנט דיין נאָמען פיעלע מאָהל אין שלאָף.

— און דו האָסט דערפאַר גאָר קיין מורא ניט? יהודה!

— מורא? פאַר וועמען?

— אַז אַ שטייגער ווען שושנה זאָל זיך ווירקליך פאַרליבּען אין מיר? — האט שוואַרצקאָפּ געזאָגט עטוואָס רויטווערענדיג.

— דו קענסט ניט מיין שושנה'ן! — האט יהודה גדלות'דיג גע־ענטפערט. — זי קען דיך ליעבען ווי אַן אמת'ן ברודער, אַט אַזוי ווי איך ליעב דיך. זי קען דיך פאַרגעטערען ווי דעם גרויסען אַמעריקאַנעם און אפשר נאָך מעהר, אָבער קיינמאָל ניט ווי אַ פרוי! מיין שושנה איז די הייליגקייט אַליין.

— אַזוי זיכער ביזטו? יהודה.

— יע! — האט ער שטאָלץ געענטפערט.

— אויב אַזוי, חבר יהודה! בין איך זעהר גליקליך, ווייל דאַס וועט מיר זעהר פיעל העלפען גיכער דורכצופיהרען מיינע פּלענער, און ער האט דערצעהלט יהודה'ן פון דעם טיפעלשען פּלאַן וואָס די רויטע שפּיאָנען האָבען פאַר איהם ערשט פאַרגעלייגט.

— אַט די רויטע טייפלען! — האט יהודה צאָרנדיג אויסגע־שריען, — כ'וועל זיי דערוואָרגען ווי כּלבים!

— ניין, טייערער יהודה! — האט שוואַרצקאָפּ געזאָגט. — איך האָב פאַר זיי אַ בעסערע שטראָף. זיי אַליין וועלען דערמאָרדען איינע

די אנדערע. דו האָב נאָר בטחון אין גאָט און אין מיר, און לאָמיר שפּילען די ראָלע ביז'ן סוף און דער גאָט פון ציון וועט אונז זיין צו הילף.

— אמן! — האָט יהודה געענטפערט און ער איז אוועק פאַר־טראַכט.

דרייסיגסטער קאַפּיטעל.

דער איד אונטער דער רויטער מלוכה.

אין אַן אָוונט, ווען די פולע לבנה איז אויפגעגאַנגען אויף יהודה'ס בערג, און האָט מיט איהר פאָספאָר שיין באַגאָסען די גאָל־דענע סטעפּענס באַזילבערט די טייכלאַך און צוואוואַרפען איבער די אַלעען משונה'דיגע סודות'דיגע שאָטענס, הערען מיר דעם הילכיגען געלעכטער פון שושנה'ן, וועלכע שפּאַצירט אַרום מיט שוואַרצקאָפּ'ן צווישען די אַלעען.

— איך בין איבערצייגט, טייערער שוואַרצקאָפּ, אַז די רויטע וועלכע רופען זיך דאָ מאָפּס'ן, האָבען דאָ קיין שום באָדען ניט, ווייל אונזער ארץ ישראל איז ניט מסוגל צו אַזא תורה, דאָ מוז מען זיך פיהלען הייליגער און ערהאַבענער. מיר וועלען איצט געהן צו אונזערע חלוצים, וועסטו זיך אַליין איבערצייגען. ס'וועבט זיך דאָ אַ נייער מין לעבען. ניט בלויז מען שאַפט נייע ווירטשאַפטס פאָרמען, נאָר מען אַנדערשט איבער זיך זעלבסט, ביז אין די טיעפסטע טיעפענישען. מען פיהלט זיך הייליג אין אַלע באַציהונגען: צו זיך אַליין, צו די חברים, צו זייטיגע מענשען און צו דער גאַנצער וועלט. מען איז אָפען אויפריכטיג מיט אַלעמען. מען פאַרשטעהט און מען פיהלט אפילו די נעגנער, מען טרעט אָפּ איינער דעם אַנדערן, מען איז מוחל, מען באַנוגענט זיך מיט'ן ווינציגסטען. אונזער מאָטאָ איז: „געהייליגט זאָלסטו ווערען דורך אַרבייט".

אזוי שפּאַצירענדיג זיינען זיי אָנגעקומען צו אַ קבוצה.

— געדענקסט! — האָט זי שמייכלענדיג געזאָגט, איהר זאָלט זיך ניט פאַרליעבען אין אונזערע קבוצה'ניצעס!... — שוואַרצקאָפּ האָט אַלעס געהערט ווי אין חלום, אזוי גליקליך האָט ער געפיהלט.

— איצט איז דאָ שטיל, עס הערען זיך ניט די קלאַפּערייען און טומלענעס פון די האַמערן און ברעכאייזענס. ס'הערען זיך נאָר שטילע הארציגע ניגונים: „וועלטען נעמסטו דאך איין! און די וועלטען פלאַטערען דיר אנטקעגנען, אונטערגעבענדיג זיך דיר"!...

שוואַרצקאָפּ איז געבליבען שטעהן, ס'האָט איהם אַרומגענומען אַ געפיהל פון ערהאַבענקייט.

אַ רויט באַקינע, ליכטיג אויג'יגע, קרעפּטיגע מיידעל האָט זיי באַמערקט. זי האָט הילכיג אויסגעשריען: ברוכים הבאים! שושנה! מיט אַן אורח נכבד!

געזונטע שטאַרקע בחורים, מיט ליכטיגע איידעלע פּנים'ער, און פעסטגעבויטע מיט שעהנע ליכטיגע רונדע פּנים'ער מיידלאַך, האָבען זיי אַרומגערינגעלט. ס'איז געוואָרען פרעהלאַך און לעבעדיג.

שושנה האָט פאַר זיי פאַרגעשטעלט, דעם באַוואוסטען שוואַרצקאָפּ'ן און אַלע האָבען זיך מיט איהם חבר'יש גע'שלום עליכם'ט.

— איז דאָס דער „רויטער שוואַרצקאָפּ" פון דייטשלאַנד? — האָבען זיך אַלע נייגעריג געפרעגט. און ווען שוואַרצקאָפּ האָט געענטפערט, אַז ער איז דאָס דער זעלבער, איז געוואָרען אין דער קבוצה אַ גאַנצע מהומה.

אַ מיידעל מיט אַ פרייער באַוועגונג, מיט אַ גראָדען אָפענעם קוק און מיט קורץ געשאָרענע האָר, האָט זיך גענומען מאַכען לוסטיג:

— איהר זייט אודאי געקומען אונז צו מזכה זיין, מיט אייער ניקאָליי'ס תורה? חבר שוואַרצקאָפּ!

אַ צווייטע ניט הויך געוואַקסען, אָבער פעסט געבויט מיט אַ פולען רונדען פּנים, פולע רונדע אַרעמס, וואָס קען אויב נויטיג גאַנץ גע־שיקט זיך פאַרטהיידיגען האָט באַמערקט:

— אדרבה, לאָמיר הערען עפּעס אַ נייעס וואָרט!

שושנה האָט געענטפערט פאַר שוואַרצקאָפּ'ן:

— חברים און חברות! חבר שוואַרצקאָפּ איז מיין גאַסט! אמת זיין נאָמען איז „שוואַרץ" און אפשר איז אַמאָל געווען רויט, אָבער איצט פאַרזיכער איך אייך, אַז ער איז ווייס־קלאָר ווי אונזער ארץ ישראל וואָל נאָכ'ן וואַשען! די מיידלאַך האָבען זיך פאַרשעמט.

— איהר ווייסט דאָך בלום פון ארץ ישראל, — האָט זיך אָפּגע־רופען אַ בחן'טער בחור'ל, — אַז אונזערע מיידלאַך זיינען טאַקע טריי אונזער לאַנד, אָבער דאָך זיינען זיי ווייבער מיט ניין מאָס רייד, און אַלע האָבען זיך צולאַכט.

— אבער ווער איז די בעסטע געשיקטסטע שטיינקלאפערקע אין ארץ ישראל? מיין שטילינקער מאנסביל! — האט די פולבאקיגע מיידעל געלאכט.

— איהר זעהט חבר שווארצקאפ! — האט זי התלהבות'דיג אויס־געשריען, — איבער נאכט, זיינען אט די געצעלטע באשאפען געווארען, און איבער א טאג, און די בערג האבען זיך אויפגעכאפט פון זייער טיעפען צוויי טויזענט יאהריגען שלאף. זיי האבען ברייט פארנאנ־דער געעפענט זייערע אויגען און מיט פארוואונדערונג געקוקט אויף אונז, מיט אונזערע נייע מאס רייד, טומעל און קלאפעריי, האבען מיר געשטערט אט די בארגיגע רוה. מיר האבען אויפגעדעקט זייערע ארדערען, און מיט אונזערע ווייבערשע שארפע נעגעל, קלאמערען מיר זיך אריין אין זייער ריעזען קערפער, און די ווייסע פעלדער הויבען אן צו ווערען פארשווארצט, און די ערד ליגט אנטקעגען הימעל און ציטערט פאר פרייד און שלינגענדיג די דימענטענע באפרוכטענדיגע רעגענס טראפען.

דער איינגעהילטער סוד, וואס האט געמאכט פון דער פרוי „וואס ציהט צו און שטויסט אפ״ „בארוהיגט און רעגט אויף״ „ליעבט און טיראניזירט״ איז ביי אונז ניטא, דא איז די פרוי קודם כל א חבר'טע אין דער ארבייט, אין טאגטעגליכען קאמף אין טאג־טעגליכען בויען, ביי דער ארבייט באגעגענען מיר זיך יעדער שעה און יעדער רגע, אין אלע לאגעס און אומשטענדען.

דא זיינען ניטא קיין „ווייבער״ אלס א באזונדער קלאס. דא לעבט די פרוי „דעם גאנצען לעבען״, אין דער גאנצער גרויסקייט, פולקייט, קליינקייט און קליינליכקייטען. מיר אלע מענער און פרויען שטעהען דא בלויזע, אפענע פאר דער נאטור פאר די ערשטע עלע־מענטען פנים אל פנים. קערפער צו קערפער. ס'איז ניטא קיין שום אויסערליכע פארשלייערונג און קיין שום מחיצה צווישען אונז....

אפען בולט און שארף־שפיציג וועבט זיך אונזער לעבען, און ס'וועבען זיך באציהונגען פון אונזער לעבען. שווערע ארבייט בייטאג, שווערער קאנצענטרירטער ערנסט אין דער אווענט רוה, און דאס איז אונזער טייל אין לעבען.

אונזערע באציהונגען איינע צו די אנדערע, זיינען אפענע, עהרליכע, און קלאהרע, סיי פאר גאט און סיי פאר לייט.

כשר'ע אויפריכטיגע באציהונגען, הויכע אידעאלע שטרעבונגען און אייזערנער ווילען, האט זיך באגעגענט מיט שטיינערנער נאטור,

און זיי שאַרפֿען, און זיי שאַפֿען איינע די אַנדערע, און זיי שלייפֿען זיך געגענזייטיג. שטענדיגער קאַמף און שטענדיגער נצחון.

און דאָס איז דאָך לעבען! און מיר זיינען גליקליך! - מיר אַר־בייטען מיט דעם מאָראַלישען באַוואוסטזיין, אַז יעדער מענש איז מחויב צו אַרבייטען, טהאָן ממשות'דיגע אַרבייט. אָפּזאָגען זיך פֿון עקספּלואַטירען וועמען עס איז, אין וועלכע עס איז פֿאָרם. מיר שמידען יענע היסטאָרישע קרעפֿטען וואָס וועלען שאַפֿען אַ גערעכטע געזעל־שאַפֿט, וועלכע וועט זיך דערנעהרען פֿון איהר אייגענע אַרבייט, וואָו איינעמס וועלט, וועט ניט געבויט ווערען אויף דעם חורבן פֿון דעם צווייטענס. וואו „הילף" וועט זיך ניט אָנרופֿען „נדבה" נאָר פֿליכט.

אמת, שווער איז אונזער וועג, לאַנג און דאָרענדיג, דאָס איז אָבער דער איין־איינציגער אמת'ער וועג פֿאַר אונזער נע ונד'ישער פֿאָלק און פֿאַר דער גאַנצער מענשהייט. אייער „רויטער-וועג" וואָס איז כלומר'שט ניי, אייער „רויטע מלוכה" וואָס וויל איבערבויען אַ נייע וועלט, און אייער נייע „רויטע תורה" געהען אויף אַ פֿאַלשען אכזריות'־דיגען וועג, זיי ווילען אויפֿבויען אַ וועלט אויפ'ן חשבון פֿון אַנדערע חורבונות.

ווען זי האָט געענדיגט רעדען, האָט איהר שוואַרצקאָפּ גערריקט די האַנט און זיך געפֿרעגט:

— ווי איז אייער נאָמען?

— מיין נאָמען איז „גאולה" — האָט זי שטאָלץ געענטפֿערט.

— איהר זייט ווערט צו טראָגען דעם שעהנעם „גאולה־נאָמען" — האָט ער באַגייסטערט געזאָגט. — אַ פֿאָלק וואָס פֿאַרמאָגט אַזעלכע בראַווע טעכטער, דאַרף קיין מורא ניט האָבען פֿאַר די גרעסטע שטורעמס. אַזאַ פֿאָלק איז אומבאַזיעגבאַר. און אַז וואויל איז צו אונז וואָס מיר זיינען דאָס פֿאָלק.

די ארץ ישראל'דיגע קאָמוניסטען, האָבען בשום אופן ניט ער־וואַרטעט צו הערען פֿון שוואַרצקאָפּ'ן אַזעלכע ווערטער. זיי האָבען ערוואַרטעט צו הערען פֿון זיין מויל עפּעס אַ שטיקעל פֿון „ניקאָלייס תורה", און זיי האָבען שוין אפילו צוגעגרייט פֿאַר איהם ארץ ישראל פּולווער, אָבער ווי ס'זעהט אויס איז ער גאָר אַ משלנו'דיגער.

די בחורים מיט די מיידלאַך, האָבען געבעטען שוואַרצקאָפּ'ן אַז ער זאָל זיי דערצעהלען ווי ס'לעבען איצט די אידען אונטער דער רויטער מלוכה, און בכלל אין גאַנץ אייראָפּאַ.

שוואַרצקאָפּ האָט געענטפֿערט:

— גוט, כ'וועל אייך איבערגעבען א גערוס פון אונזערע ברידער פון דער רויטער מדינה, זאָל טאַקע די מאַמע־ציון, הערען פון איהרע קינדער. נאָר אַפריהער שטעלט אַרום אַ שטאַרקע וואַך פון שומרים אַרום אייער קבוצה, און לאָזט אויסער באַקאַנטע חברים קיינעם ניט אַריין, און פרעגט ניט קיין קשיות וואָרום?...

ס'איז געוואָרען שטיל די לבנה האָט באַשיינט די בערג, די געצעלטען, די חלוצים און חלוצות, און שוואַרצקאָפּ האָט אָנגעהויבען רעדען און דערצעהלען:

— איהר ווילט מיינע טייערע חברים, הערען אַ גערוס פון די אידען אונטער דער סאָוועט רוסלאַנד, דער גערוס וועט אָבער זיין זעהר אַ טרויעריגער:

כמעט די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג אין דער רויטער מדינה, איז אַן עדה בעטלער. ניינציג פּראָצענט פון זיי בילדעט אַ רעכטלאָזע מאַסע, אויף אַלע געביעטען. דער איד איז דאַרט ניט בלויז אַ בירגער פון אַ נידעריגער מדרגה, נאָר אייגענטליך גאָר קיין בירגער ניט. ער איז אַ רעכטלאָזע און שוצלאָזע באַשעפעניס. ס'איז ניט חלילה ווייל די רויטע מדינה געפינט זיך אין אַ כאַאָטישען צושטאַנד, נאָר עס איז אַ פּשוט'ער געזעצליכער פועל־יוצא פון גאַנצען סאָוועטישען סיסטעם, ביי די זעלבסט רויט־געקרוינטע דיקטאַטאָרען, מיט די פריש אויסגעבאַקענע סאָוועטישע „גענעראַלען און פירסטען", ליגען די שליסלען פון אַלע אוצרות פון לאַנד. זיי געניסען פון דער אונבאַגרענעצטער הערשאַפט. זיי זיינען דאָס די סולת און שמאַנט פון דער רויטער מדינה. נאָך זיי קומט דער העכערער רויטער „אדעל" די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. זיי געניסען אויך פון אויסשליסליכע פּריווילעגיעס, נאַטירליך אין אַ קלענערען מאַסשטאַב ווי די ערשטע. אויף דער דריטער מדרגה געפינט זיך דער נייער „אדעל־קלאַס" פון אַביסעל אַ נידעריגערן ראַנג— דער פּראָליעטאַריאַט. כלפּי חוץ איז ער טאַקע די אויבערשטע פון שטייסעל, און האָט אויך באַזונדערע פּריווילעגיעס צו געניסען פון „דער גוטס פון דער ערד און פון איהר פעטס", ער איז אָבער צו גרויס אין צאָהל און אויף איהם סטאַיעט פּשוט ניט, און דעריבער געניסט ער נאָר פון די שיריים, פון די אויבערשטע צוויי שיכטען. ער געניסט נאָר אויף אַזוי פיעל, וויפיעל דאָס איז מעגליך אין אַ חרוב'דיגע לאַנד, און ביי אַ רויט דעספּאָטישער הערשאַפט. נאָכ'ן פּראָליעטאַריאַט געהט דער רוב מנין און רוב בנין פון פאָלק — דאָס פּויערטום. אין פאַרגלייך מיט'ן פּראָלעטאַריאַט איז דער דאָזיגער קלאַס שטאַרק באַגרענעצט אין

זיינע פאליטישע רעכט. אין תוך אריין איז ער בלויז אן אביעקט פון עקספלואטאציע פאר די הערשענדע שיכטען, דאך ווערט ער פארעכענט צווישען די בירגער פון לאנד און צייטענווייז מוז מען איהם אפילו חנ׳דלאך מאכען...

אבער יענער טהייל באפעלקערונג וואס געהערט ניט צו דער הערשענדער פארטיי אויך ניט צום פראליעטאריאט און פויערטום, דאס זיינען די געוועזענע בורזשואזיע, קליין בירגערטום, לופט מענשען און בכלל מענשען אהן באשטימטע באשעפטיגונגען. זיי אלע צוזאמען טראגען אויף זיך דעם שטעמפל פון שאנדע, „דעקלאסירטער עלעמענט", און האבען קיינע פאליטישע און כמעט קיינע בירגערליכע רעכט. זיי קאנען ניט וועהלען און ניט אויסגעוועהלט ווערען אין קיין שום מלוכה ארגאן און קיין שום ארגאן פון זעלבסט פארוואלטונג.

זיי האבען בסדר אויסצושטעהן פון שטייערן און אפצאהלונגען, און דאגעגען האבען זיי קיין רעכט ניט צו פאדערן פון דער מלוכה, צו באפרידיגען יענע עלעמענטארסטע באדערפניסען זייערע, וואס די מלוכה איז בארופען צו באפרידיגען. ווערען זיי קראנק, האבען זיי קיין רעכט ניט צו באנוצען זיך מיט׳ן שטאדט דאקטאר, שטאדט אמבולאטאריע אדער האספיטאל. ווענען ווענדען זיך אין אן עת צרה צו די מלוכה ארגאנען פון סאציאלע פארזארגונג איז שוין אפגערעדט, אהין קאנען זיי קיין שום דריסת הרגל ניט האבען. זיי מוזען צאהלען דירה־געלט, וואסער, ליכט וכדומה, ניט אן ערך מעהר אלס די פול רויט בארעכטיגטע בירגער. דאגעגען קאנען זיי ניט וועהלען און ניט אויסגעוועהלט ווערען אין הויז פארוואלטונג. און בעת א רעקוויזיציע פון דירות ווערען זיי די ערשטע ארויסגעשמיסען אויפ׳ן גאס.

זייערע קינדער ווערען ניט אנגענומען אין מלוכה שולען, סיי נידעריגע, סיי מיטעלע און סיי העכערע, און ניט זיך זיי ווי ניט איז פארט איין דורכצושמוגלען זיך אהין, פיהלען זיי זיך דארטען ווי פארשטויסענע, און ביי די אפטע „רעוויזיעס" און „רייניגונגען", ווערען זיי ארויסגעיאגט מיט דער ווילדעסטער אכזריות. ווייל זיי ווערען פארעכענט פאר קאנט־רעוואלוציאנערען, וואס מען האט זיי בכלל ניט צו שאנעווען. און ביי יעדער געלעגענהייט לערנט מען מיט זיי בלק. אין מלוכה אנשטאלט, ביים ריכטער, אין תפיסה, אומעטום פארפאלגט זיי די מיאוסע אפשטאמונג. מיט אייןווארט אמת׳ע פאריער, „לא יבואו בקהל".

און כמעט אלע אידען באשטעהען פון דעם קלאס, „בורזשואזיע" „דעקלאסירטער עלעמענט", דער שעיר לעזאזל, אדער דער קרבן חטאת, ווייל מיר פארמאגען ניט אזא מין יחוס בריעף פון דער סאכע אדער פאבריק, און מיר מוזען אוועק געשטעלט ווערען מחוץ למחנה, אויסער דער געזעלשאפט. אבער ס'איז געזעצליך, ווייל די רויטע מלוכה האט דאך כלומר'שט דורכגעפיהרט די פולע אידישע גלייכבארעכטיגונג, און קעמפט געגען אנטיסעמיטיזם. מען באשטראפט אפילו פאר דעם אויסרעדען דעם ווארט „זשיד", אבער אוועק צו רויבען כמעט ביי אלע אידען די עלעמענטארסטע מענשען-רעכט, דארויף איז דאך פאראן א בפירוש'ער דין אין דעם „רויטען שלחן ערוך", דאס איז שוין געזעץ. און אזוי פארפאלגט מען אידען איצט, אונטער דער קאמוניסטישער הערשאפט, ניט אין ערך מעהר ווי אמאל אונטער די צארען הערשאפט... אמת, איצט ווערען זיי גע'רודפ'ט ניט אלס אידען, נאר אלס בורזשוען, איז ערשטענס סוף כל סוף פארן פיש קיין גרויסער חילוק ניט, אין וואס פאר א יוך מען פרעגעלט איהם, און צווייטענס האט דען דא דער נאציאנאלער אונטערשייד ווירקליך גאר ניט צו זאגען?

ווען פון דער ארומיגער באפעלקערונג ווערט פארפאלגט בלויז א קליינער טייל, און פון די אידען כמעט נײנציג פראצענט, דאן האט דער נאציאנאלער אונטערשיעד זיכער א וויכטיגע באדייטונג. די קוואנטיטעט געהט איבער אין קוואליטעט און סיי גופא די אידישע סיי די ארומיגע באפעלקערונג ווערט געוואוינט צו באטראכטען די אידען ווי א יוצא מן הכלל און קוקען אויף איהם ווי אויף א פאר־שטויסענעם, און דא ליעגט דאך דער אנטיסעמיטישער הונט בא־גראבען.

און נאך פון א פלאג האבען די אידען אויסצושטעהן, פון וועלכע די ארומיגע באפעלקערונג ווייס כלל ניט; די רוסען, די אוקראינער און אנדערע האבען איבער זיך בלויז די אלגעמיינע מלוכה ארגאנען; אבער די אידען מוזען נאך ליידען פון דעם פארקריפעלטען הויקער וואס טראגט דעם נאמען „יעווסעק" וואס איז געבוירען געווארען פון'ם שעהנעם חלום צו באפרידיגען אונזערע נאציאנאלע באדערפעניסע נאך איידער די דעמאקראטישע פרייהייט איז פארבאלשעוויסטעוועט גע־ווארען.

אט דער „גלות הויקער" איז אן אייגענארטיגע בריאה, וואס קיין אומה ולשון אין דער רויטער מדינה פארמאגט עם ניט. די יעווסעק־סישע דיקטאטור אט דער „אבר מדולדל" אדער ריכטיגער דער אויסע־

רער געשווילאַבץ אויפ'ן פאָלקס אָרגאַניזם הערט ניט אויף צו אייטערען און פאַרביטערען און פאַרפינסטערט נאָכמעהר, דאָס אַזוי אויך גענוג ביטערען און פינסטערען אידישען לעבען, ווי פרעמדע, ווי זייטיגע, און דאָס רוב ווי פאַרביסענע שונאים האָבען זיך די יעווסעק'ן באַצויגען צו דער גרויזאַמער טראַגעדיע, וואָס די אידישע מאַסען האָבען איבער־געלעבט אין אַט די שרעקליכע קריטישע יאָהרען. און טויזענט מאָל נאָך ערגער ווי דער אַמאָליגער „קהל“ האָבען זיי געדיענט נאָר כלפי חוץ, דער אויסערער מאַכט, כלפי פנים צו די אידישע מאַסען האָט זיך דער „יעווסעק“ געשטעלט אין פּאָזיציע פון נידערטרעכטיגען קאַמף, כדי אויסצוואַרצלען זייער איינגעבאָרענעם אַנטי־קאָמוניסטישען קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען מהות, און דערביי אין דעם דאָזיגען קאַמף האָט זי אַרויסגעוויזען אונזער צוויי־טויזענט־יאָהריגע קנעכטשאַפט אין זיין עקעלהאַפטער פאָרם, „אַהן אַ טראָפּען בלוט פון דעם עכטע קאָמוניסטישען אַדעל“. געוויזענע סאָציאַליסטען און דעמאָקראַטען אַנדערע נאַציאָנאַליסטיש געשטעמפּעלט ווילען ערווערבען אַ קאָמו־ניסטישען „מעמד“, מוז מען כסדר זיך רייניגען און כשר'ן און דורך מעשים באַווייזען אַז מען איז קאָמוניסטיש, ממש ביז'ן כלות הנפש, ביז'ן לעצטען אָטהעם צוג, אום אַוועק צו נעמען דעם אייביגען חשד און אונצוטרוי מצד דעם בעל הבית דעם אמת'ן „בעל דבר“ אין דעם שדים טאַנץ, מוז מען שפּילען און טאַנצען אַ רויטען קאַראַהאָד אויפ'ן אידישען רוקען.

מיט אומגעלומפּערטע טפשות באַווייזען זיי דעם רוסישען פּוב־ליקום ווי שאָוויניסטיש בלוטדורשטיג די אידישע רעליגיאָן איז. די אידישע חדרים, תלמוד תורות, און אז וו.

אַט דאָס איז אַ קורצער געריס פון אונזערע ברידער אונטער דער רויטער הערשאַפט, — האָט שוואַרצקאָפּ געזאָגט און האָט אומעטיג אַראָפּ געלאָזען דעם קאָפּ.

אַלעם אַרום איז געוואָרען שטיל, עפּעס ווי אַ טויטער אומעט וואָלט אַלעמען באַהערשט. ווי די ווייסע געצעלטען וואָלטען געווען מתים שטיבלאַך, און די חלוצים טויטע שאָטענס.

שושנה האָט אַרויפגעלעגט איהר האַנט אויף שוואַרצקאָפּ'ס שולטער און האָט מיט אַ בטחון קול אויסגעשריען:

— ערוואַכט! איהר בראַווע קינדער פון ישראל! דער ים האָט אונז ניט פאַרשלונגען, דער פייער ניט פאַרברענט, דער קראָקאָדיל האָט אונז ניט איינגעשלונגען און די רויטע וועלען אונז ניט פאַר־

רויטלען! שטאָלץ לאָמיר אויפהויבען די קעפּ! — און אַ הילכיגער הידד האָט פאַרטריבען די טויטע שטילקייט.

אַלע חלוצים און חלוצות, האָבען אויפגעהויבען די הענט צום הימעל, און פייערליך געשוואָרען, צו פאַרטיליגען די „רויטע תורה“ וואו זיי וועלען נאָר קענען און די שעהנע הילכיגע טענער פון דער „שבועה“ האָבען פאַרהילכט דעם גאַנצען געגענד.

שושנה געאַרעמט מיט שוואַרצקאָפּ זיינען אַוועק שפּאַצירענדיג אַהיים, זיי האָבען גאָר ניט באַמערקט ווי עטליכע שאָטענס זיינען זיי פאַרבייגעפלויגען.

שוואַרצקאָפּ האָט געקושט שושנה׳ן, באַמערקענדיג אַז דאָס זיינען אמת׳ע ברודער קושען, און שושנה האָט איהם געענטפערט מיט שוועסטערליכע קושען און אַזוי זיינען זיי אַריינגעגאַנגען צווישען די אַלעמען, וואו זיי האָבען געטראָפען מעדוועדיעוו׳ן מיט טשערטשינסקי׳ן האַלטענדיג זיך ביי די זייטען פון געלעכטער. און ווען שוואַרצקאָפּ האָט זיי געפרעגט פון וואָס זיי לאַכען? האָבען זיי איהם שטיל געענטפערט:

— מיר האָבען ערשט געזעהן יהודה׳ן זעהר אַ פאַר׳כעס׳טן...

איין-און-דרייסיגסטער קאַפּיטעל.

ער האָט אונזערע אויגען!

ווען שושנה מיט שוואַרצקאָפּ׳ן זיינען אַוועק אין דער קבוצה, האָבען די רויטע שפּיאָנען באַשלאָסען, אַז עס איז די בעסטע צייט צו פאַרשפּרייטען די נעץ פאַר שושנה׳ן.

מעדוועדיעוו איז אַריין צו יהודה׳ן כלומר׳שט מיט אַ טרויעריגען פּנים און האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען, ווי ער וואָלט זיך וועלען איבערצייגען אויב קיינער איז דאָ ניטאָ.

— וועמען זוכסטו? חבר!, וואָס איז דיין פּנים אַזוי טרויעריג? — האָט איהם יהודה געפרעגט תמ׳עוואַטע.

— עד, חבר׳ל, — האָט ער כלומר׳שט גענומען זיפצען, — שוין פון עטליכע טעג אַז איך מיט טשערטשינסקין געהן אַרום אָהן קעפּ. מיר קענען זיך פּשוט קיין עצה ניט געבען וואָס צו טהאָן און ווי אַזוי צו האַנדלען.

— אפשר וועל איך אייך קענען געבען אן עצה, און העלפען אין דער זאך? — האט יהודה געזאגט.

— עך, טשארט פאבערי! ס'איז מיר זעהר שווער פאר דיר דאס צו דערצעהלען, אבער איך מוז, איך קען שוין מעהר ניט צו זעהן, ווי אזא געטרייער חבר און גוטער מענש ווי דו ביזט, זאל ווערען באטראגען אונטער זיין רוקען.

— וואאס? — האט יהודה אויסגעשריען מיט א ציטערי־גען קול.

— אט דאס וואס דו הערסט, חבר יהודה! עך, טשארט פאבערי! ס'איז מיר זעהר שווער ארויסצורעדען פון מיין מויל, אבער כ'מוז.

— אום־נאטעם ווילען רעד! — האט יהודה געשריען מיט אומ־גערולד.

— ס'איז זעהר ניט קיין שעהנע זאך, חבר'ל! ס'איז ניט גרינג ארויסצורעדען.

— אבער זאג שוין! — האט יהודה גענומען שרייען, ווי ביי איינעם וואס פלאצט דער גערולד.

— יע, מען מוז זאגען חבר'ל! — האט דער רויטער שפיאן גענומען רעדען שטיל און סודות'דיג, — דיין שושנה שפיעלט א ליעבע מיט אונזער שווארצקאפ'ן! טשארט פאבערי! איך מיט טשערטשינסקי'ן האבען דאס שוין פון לאנג באמערקט, נאר מיר האבען ניט געוואלט דיר אפעסען די הארץ, און פארשאפען דיר יסורים. אבער מיין הארץ האט מיר ניט דערלאזען, צו זעהן ווי מען באטריגט מיינעם א חבר און איך זאל שווייגען. אמת, ס'איז שלעכט, אבער ס'טרעפט זיך ברודער'ל גאנץ אפט מיט אזעלכע קראסאוויצעס.

— גערעדנקט! — האט יהודה מיט כעס אויסגעשריען, — אויב ס'וועט זיך ארויסצייגען, אז ס'איז ניט אמת, וועל איך אייך דער־שיסען ווי משוגענע הינט! — ער האט עס אזוי ארויסגערעדט, אז דער רויטער טייפעל איז געווארען פארציטערט.

פלוצלונג איז סאבאקין ארייגעלאפען מיט א געלעכטער.

— וואס איז? — האט יהודה געפרעגט.

— כ'האב ערשט געזעהן ווי אייער קראסאוויצע האט זיך גע־ליובויעט (געמאכט ליעבע) מיט אונזער הויפט פיהרער, שא... אט געהען זיי געארעמט.

און אלע האבען ווירקליך דערזעהן ווי שושנה מיט שווארצקאפ'ן געהען געארעמט ווי צוויי פארליעבטע, און ווי זיי האבען זיך אפ־געשטעלט און געקושט זיך.

— נו, ברודער'ל! איז דאס שוין אמת? — האט מעדוועדיעוו ארויסגעברומט.

— איך האב דאס שוין לאנג געוואוסט, — האט טשערטשינסקי וועלכער איז ערשט צוגעקומען באשטעטיגט.

— א שלעכטע וועלט! טשארט פאבערי! — האט ער געזיפצט, — אפילו אן אייגענע ווייב טאר מען שוין ניט טרויען.

יהודה איז ארויסגעגאנגען גאר נישט ענטפערענדיג, ער האט אבער זעהר גוט געהערט זייער „רויטען געלעכטער" הינטער איהם.

יהודה איז געגאנגען אנטקעגען שושנה'ן מיט שווארצקאפ'ן, שושנה האט איהם איבערגעגעבען מיט התפעלות דעם תמצית פון שווארצקאפ'ס רעדע אין דער קבוצה און זי האט מיט באגייסטערונג ערקלעהרט אז ער האט געערדט ווי א נביא.

— הלואי ניט ווי א פאלשער נביא, — האט יהודה באמערקט לאכענדיג.

— ניין, טייערער יהודה! ער האט געשילדערט ווי ירמיהו הנביא, דעם אידישען חורבן אין דער רויטער מדינה.

— דיין פנים קוקט עפעס אויס ווי פארוואלקענט! מיין טייערער יהודה, — האט שושנה געזאגט און האט איהם א קוש געטהאן.

— איך פיהל עפעס ניט מיט אלעמען. א פנים דאס איז פון גרויסע היץ, — האט ער געענטפערט.

— דערפאר וועלען מיר זיך היינט פריהער לייגען שלאפען, מיין גוטער יהודה! און דער שלאף וועט דיך קרעפטיגען, — האט שושנה געזאגט.

שווארצקאפ האט געוואונשען א גוטע נאכט און איז אריין אין שלאפצימער.

דער שטארקער יהודה קען בשום אופן ניט איינשלאפען. ער מאכט צו די אויגען, אבער דער שלאף נעמט איהם ניט. פארשיעדענע געדאנקען קריכען אין זיין מח. די „רויטע שפיאנען", „שווארצקאפ", ער זעהט זיי קושענדיג זיך, און ער ווערט אליין אויף זיך אין כעס. — וויים ער דען ניט פון דעם סוד? האט דען שווארצקאפ אליין איהם ניט ערקלעהרט זייער גאנצען טייפעלשען פלאן? האט ער דען איהם אליין ניט געפרעגט אויב ער האט געגוג בטחון און אמונה אין זיין

שושנה'ן? ווי קומט ער גאר דענקען פון עפעס א שטיקעל חשד אויף זיין ריינער שטאלצער שושנה'ן, וועלכע שטרעבט תמיד צו די העכסטע אידעאלען. די קושען זיינען געווים ניט מעהר, ווי שוועסטער־קושען—הייליגע. און שווארצקאפף? איז ער דען ניט איינער פון די גרעסטע אידען, וועלכער איז זיך מוסר נפש פאר זיין פאלק?

אבער מיין גאט! — טראכט ער און ווארפט זיך פון איין זייט אויפ'ן צווייטען. — ווארום זיינען מיר אזעלכע בייזע מחשבות ניט ארויף, ווען מיין שושנה האט געקושט דעם אמעריקאנעם? און א צווייטער געדאנק שעפטשעט איהם: דאן האט עס פאסירט אין דעם גרויסען מאמענט ווען דער אמעריקאנער האט געגעבען זיין היילינע שבועה צו העלפען בויען אונזער ארץ ישראל, אבער איצט? מיין שושנה וויים דאך ניט פון דעם פלאן?

„כ'וועל משוגע ווערען!" טראכט ער — „ווי קומען צו מיר אזעלכע משוגענע מחשבות? אה גאט! פארפלוכט זאלען ווערען אט די אלע רויטע טייפאלים, וועלכע זיינען געקומען ווארפען א שאטען אויף מיין ליכטינער זון".

„ניין!" שעפטשעט ער, „דער שטן וועט מיך ניט פארפיהרען! שווארצקאפף'ס ריינע נשמה לייכט ארוים ווי די ארץ ישראל זון, און מיין שושנה איז די שכינה אליין".

ער האט זיך שטיל אויפגעהויבען, און איז צוגעגאנגען צו שושנה'ס בעט. ער האט געקוקט אויף איהר ליכטינען תמימות'דינען פנים, און ער האט געגעבען א שטילען קוש אויף איהרע שלאפעדינע ברובים־ליפען. א שמייכעל ווי ביי א קינד האט זיך באוויזען אויף איהר ליכטיגען פנים און זי האט געעפענט איהרע שעהנע שטראלענדע אויגען.

— יהודה! דו שלאפסט נאך ניט? ווי פיהלסטו מיין טייערער? זאג מיר וואס איז מיט דיר היינט?

— איך פיהל בעסער טייערע שושנה! נאר עפעס מארנע גע־דאנקען לאזען מיך ניט איינשלאפען.

— וואס פאר א געדאנקען רויבען אוועק דעם זיסען שלאף פון מיין בראווען יהודה? — האט זי געפרעגט, גלעטענדיג זיין קאפ.

— אט זיינט די רויטע טייפאלים זיינען אהער געקומען, שלאף איך ניט גאנץ אפט, — האט ער געענטפערט.

— אָבער ווען ניט די רויטע, וואָלטען מיר דאָך איצט ניט געהאַט ביי אונז דעם בראַווען שוואַרצקאָפּ׳ן. כ׳ווייס אַליין ניט די אורזאַכע, מיין טייערער יהודה! עפּעס פיהל איך צו איהם אַזאַ נאָהענטקייט פּונקט ווי צו אונזער בעטקען. מיר דוכט אַז איך וואָלט תמיד געקוקט אין זיינע אויגען און קושען זיינע ליפּען. כ׳האָב היינט אין אָוועגט אַנטקעגען דער לבנה, זעהר פיעל אַריינגעקוקט אין זיינע שעהנע ליכטיגע אויגען, און ס׳האָט זיך מיר געדוכט אַז איך זעה לעאַנען. ניין, ניט לעאַנען נאָר בעטקען, און זינט ער איז ביי אונז, קומען מיר קיינמאָל ניט אַרויף קיין חוץ לאַרץ׳דיגע געדאַנקען, אפילו מיינע אָרימע עלטערן קומען מיר קיינמאָל ניט אַרויף אויפ׳ן זינען.

— יהודה! — האָט איהם שושנה גענומען קושען. — יהודה, מיין ליעבער מאַן! האָסטו אַמאָל אַריינגעקוקט אין זיינע אויגען? אַה, ווי גרויס און ליכטיג זיי שיינען. דו ווייסט יהודה, ער האָט פּונקט אונזערע אויגען, מיין טאַטענס אויגען. יהודה! מאָרגען גאַנץ פריה קוק זיך גוט איין אין זיינע אויגען, און דערנאָך אין מיינע, וועסטו זעהן אַז זיי זיינען פּונקט ווי צוויי טראָפּען וואַסער.

זי האָט נאָך אַ סך גערעדט ביז זי איז איינגעשלאָפען מיט אַ גליקליכען קינד׳ישען שלאָף.

יהודה האָט געטראַכט, „און אויף אַזאַ אומשולדיגען מלאך, קען איך טראַכטען אַזעלכע נאַרישע נידעריגע מחשבות?“ און ער איז איינגעשלאָפען מיט אַ שטאַרקען זיסען שלאָף.

שוואַרצקאָפּ איז אויך ניט אַזוי גיך איינגעשלאָפען. (מיר וועלען איהם רופען אויף אַ ווייל׳ע בעטקע, איך האָף אַז די לעזער וועלען ניט אַרויסגעבען דעם סוד). „וואו נעמט מען איצט איהר געליעבטען לו? ער מיט זיין גרויסער חכמה, וואָלט איצט זעהר פיעל אַרויסגעהאָלפען“, האָט זי געטראַכט, „און וואָלט ניט געווען אפשר בעסער, צו לאָזען זיך דערקענען פאַר יהודה׳ן? צוויי מחות קענען אַ סך מעהר אויפטהאָן ווי איינער“. זי טראַכט איבער דעם היינטיגען אָוועגט אין דער קבוצה, ווי די חלוצים און חלוצות זיינען זיך מוסר נפש פאַר דעם אויפבוי פון ארץ ישראל, און זי איז זיי מקנא, וואָס זי איז ניט איינע פון זיי, און זי באַשליסט אין איהרע געדאַנקען, אַז אַזוי גיך ווי זי וועט פּטור ווערען פון די רויטע מחבלים, וועט זי אַוועק אין קבוצה און ווערען איינע פון זיי. אָבער אַ צווייטער געדאַנק זאָגט איהר: „ניין!“ זי איז מחויב פריהער פאַר אַלץ זיך מוסר נפש זיין פאַר איהרע

עלטערן, אויסגעפּינען אויב זיי לעבען נאָך. אין אַזעלכע מחשבות האָט זי זיך געדרעהט אויפ'ן געלעגער.

זי פלעגט תמיד אויפשטעהן פריהער פאַר אַלעמען, אום קיינער זאָל ניט באַמערקען אַז „ער“ איז גאָר „זי“. זי פלעגט פאַר'ן שלאָף זעהר אָפּהיטען אַז די טיהר זאָל זיין צוגעשלאָסען.

היינטיגען מאָל האָט זי זיך פאַרשלאָפען. די זונען שטראַלען האָבען איהר געקיצעלט אין פּנים. זי האָט זיך גענומען אויף גיך אָנטהאָן. זי האָט געהערט אונטער'ן פענסטער, ווי די קליינע מרים'ל פרעגט אַלכסנדר'ן: „וואו איז שעהנער אָנקעל שוואַרצקאָפּ“? און אַלכסנדר לערנט איהר צו זאָגען „ש ו ו אַ ר צ ק אָ פּ“, „אַ שוואַרצע קאָפּ“. זי טראַכט בשעת מעשה, ווי גליקליך וואָלט זי געפיהלט ווען זי קען אָט די כרובים'לאך צו דריקען צו איהר אמת'ע ווייבערשע האַרץ.

שוואַרצקאָפּ איז אַרויס פון צימער, האָט אָנגעקוקט די צוויי מלאכים'לאך. איז אַרומגעלאָפען מיט זיי צווישען די ביימער, און האָט געשפּילט מיט זיי אין באַהעלטעניס.

אין הויז האָט ער שוין קיינעם ניט געטראָפען. יהודה איז אַוועק אין פעלד, שושנה האָט באַגאָסען די בלומען. נאָר די אַלטע שולמית וועלכע איז געווען אין הויז ווי אַן עלטערע שוועסטער, אָדער ווי אַ מאַמע וואָס פּאַסט־אויף אויף די קינדער.

— גוט מאָרגען, טייערע שולמית! כ'האָב זיך היינט פאַרשלאָפען.

— גוט יאָהר, הער שוואַרצקאָפּ! דער שלאָף מאַכט שטאַרק און פריש. — און זי האָט איהם צוגעטראָגען אַ גלאָז מילך. — טרינקט, ערשט געבראַכט פרישינקע, אָהן עין הרע, די בהמות'לאך זענען פעט, שעהן. אָט אַזוי האָבען אַמאָל געמוזט אויסזעהן די „פּרות הבשן“.

ער האָט אויסגעטרונקען די מילך. באַדאַנקט און איז אַוועק אויפזוכען שושנה'ן. ער האָט זי באַמערקט. איז צוגעגאַנגען שטיל און האָט אַרויפגעלעגט זיינע הענט אויף איהרע אויגען.

— בעטקע! — האָט שושנה אויסגעשריען.

— וואָאס? — איז שוואַרצקאָפּ אַ פאַרציטערטער געוואָרען.

שושנה האָט זיך פאַרנאַנדערגעלאַכט.

— כ'האָב ערשט געטראַכט פון מיין שוועסטער בעטקע, פּלוצלונג האָב איך דערפיהלט הענט אויף מיינע אויגען, און איך האָב אַרויס־

נערדט „בעטקע". אבער וואס שטעהט איהר ווי א דערשראקענער? טייערער שווארצקאפ! שרעקט איהר זיך ווירקליך אזוי פיעל פאר דער הויפטריכטערין פון די רויטע?

— כ'ווייס אליין ניט פאר וואס? נאר ווען איך האב פלוצלונג דערהערט איהר נאמען בין איך געווארען א דערשראקענער.

שושנה האט אריינגעקוקט אין זיינע גרויסע, שעהנע שווארצע, צושראקענע אויגען, און האט געזאגט:

— איהר ווייסט, אייערע אויגען דערמאנען מיך מיין טאטענס אויגען, אדער נאך בעסער בעטקעס אויגען, אט פונקט!

— יע, טייערע שושנה! ס'טרעפט אמאל, אז צוויי מענשען האבען איין פנים, אט נעמט למשל איהר און אייער בעטקע.

— אבער ווי קומען צו אייך אונזערע אויגען? — האט זי גע־לאכט. — אפשר זיינען מיר פון איין משפחה. ווער קען וויסען. דער גלות האט אונז צוריסען, — האט ער געענטפערט.

— איהר ווייסט ברודער שווארצקאפ! כ'הויב אן מורא צו האבען פאר די „רויטע טייוואלים", עפעס האבען זיי פאר דער לעצטער צייט זיך צופיעל גענומען דרעהען ארום מיר. עפעס שרעקען מיך זייערע טייפעלשע פנים'ער. כ'וואלט שוין וועלען וואס גיכער צו פטור ווערען פון זיי.

— ווען איך בין דא טייערע שושנה, קענען אויף אייך די „רויטע משחיתים" קיין שום שליטה ניט האבען, און וועה וועט זיי זיין, ווען זיי וועלען טראכטען אייך צו טהאן עפעס שלעכטעס.

— אט געהט יהודה און מיר וועלען געהן עסען ארוחת הבוקר.

— יהודה! — שרייט זי מיט התפעלות. — זעה! קוק! זיינען ניט שווארצקאפ'ס אויגען פונקט ווי אונזער בעטקעס אויגען?

יהודה האט לאכענדיג אריינגעקוקט אין זיינע אויגען, און ער איז געווארען איבערראשט. „מיין גאט!" האט ער אויסגעשריען. „אבער פונקט, ס'פעהלט ניט א האר. מיין שושנה'ס אויגען". ער האט די זאך באהאלטען טיעף אין זיין הארצען.

— ברודער שווארצקאפ! די רויטע כלבים האבען שוין אנגע־הויבען פארשפרייטען זייער נעץ, — האט יהודה שטיל באמערקט.

— זאלען זיי, ברודער יהודה! כ'דענק אז זיי וועלען נאך פריהער ווי איך האב גערעכענט, אריינפלאנטערען זיך אין זייער אייגענער רויטער נעץ.

נאָכ'ן עסען זיינען זיי אַלע געגאַנגען באַזוכען אַ יהודה'ר קאָלאָניע. יהודה האָט פריהער אַוועק געשיקט אָנזאָגען, אַז מען זאָל אויפנעמען די רויטע „בסבר פנים יפות".

פון ביידע זייטען וועג, האָבען זיך אפּעלסינען גערטנער געשפּרייט. שוואַרצקאָפּ האָט אַ טיפען אָטהעם געטהאָן, און האָט אַריינגעאָטהעמט אין זיך די געשמאַקע ווייכע לופט, און זיין נשמה האָט זיך אָנגעפילט מיט שטראַמען ליכט און וואַרימקייט. און עס שטעלט זיך איהם פאָר, אַז ער געהט איצט אין ירושלים, עולה רגל זיין אויף יום טוב. איבער די גאַסען פון דער הייליגער שטאָדט, וועלכע זיינען באַדעקט מיט גרינע צווייגען און פעלד בלומען, דרעהען זיך אין קאַראַהאָדען בחורים מיט מיידלאַך, באַקראַנצט מיט ווייסע ליליען און בלויע בלומען. די כלי זמר קלאַפּען און פּויקען, די לוים זינגען, און דאָס פאָלק אַ שטאַרקע אַ באַפרייטע איז זיך משמח און יובל'ט. און דער גרויסער אַמעריקאַנער שטעהט צווישען דאָס פאָלק אַ פאַרטראַכטער און זוכט מיט זיינע אויגען. און ער—שוואַרצקאָפּ, פליהט שנעל צו איהם און סוד'עט איהם אין אויער: „איך בין ניט „איך", איך בין גאָר „זי" און ער שטעהט און קוקט מיט פאַרוואונדערונג און זי אַנטלויפט און טהוט זיך אָן ווי אַ פּאַסטושקע, אַ שלאַנקע אַ שוואַרצאויג'יגע פּאַסטושקע פון הרמתים, פון וואַנען שמואל הנביא איז געקומען צו זיין פאָלק. זי האָט איהם אָנגעכאַפּט און ווי אַ פאַרשייט ווינטעל זיך געטראָגען אין קאַראַהאָד, און זי זאָגט צו איהם: „קום בחור צו מיין פאָטערס הויז, איך פּאַשע שאָף אין גרינעם טהאָל" און ער ענטפערט: „גיך וועט זיך ענדיגען דער שניט, און איך וועל קומען צו דיר שוועסטער מיינע! כלה מיינע!" און ער קוקט אַריין טיעף אין איהרע שטראַהלענדע אויגען: „מיר וועלען פּאַשען שאָף אין גרינעם טהאָל, און באַפּוצען זיך מיט ליליען, אַנטלויפען וועלען מיר אין די בערג אין פאַלמען וואַלד, וואו עס רוישען די שטראָמען, אַרויפקלעטערען וועלען מיר אויפ'ן חרמון, שוועסטער מיינע! כלה מיינע!"

און זי שעפּטשעט: „רוף מיך, פאַרנאַר מיך בחור מיינער — איך וועל דיר נאָכלויפען"...

מעדוועדיעוו איז צוגעגאַנגען און שטיל געזאָגט:

— ב... כ'מיין חבר שוואַרצקאָפּ! וואָס ביזטו אַזוי פאַרטראַכט?...

ווי געביסען פון אַ שלאַנג האָט זיך שוואַרצקאָפּ אַ כאַפּ געטהאָן, טראַכטענדיג, „אַט דער שרץ האָט מטמא געמאַכט זיינע הייליגע געדאַנקען".

— איך טראכט מיין ליעבער מעדוועדיעוו פון אונזער לאגע. דעם אמת זאגענדיג האב איך שוין גענומען בענקען נאך אביסעלע אמת'ע ליעבע, נאך אביסעלע גליק. איך קען דאך עביג ניט זאט זיין מיט „ווייבערשע ליעבע" איך בין דאך ניט פון בבל „וואס איך זאל עסען ברויט מיט ברויט"... איך וואלט וועלען ארויסצייגען אביסעלע מעהר ליעבע צו דיר מיין טייערער, אבער כ'האב מורא פאר טשערטשינסקי'ן. ער פארפאלגט מיך מיט זיין ליעבע, אבער דעם אמת זאגענדיג האס איך איהם. איך קען איהם פארטראגען אלס חבר, אבער ליעבען איהם, בשום אופן ניט! כ'האב אפילו דעם גרויסען ניקאלייען ניט געקענט ליעבען... יע, טייערער! די ליעבע איז בלינד, מען ווייס אליין ניט אין וועמען מען פארליעבט זיך.

מעדוועדיעוו האט פון גרויס שמחה אזש גענומען טאנצען. דער טייפעל אין איהם האט גענומען ברענען.

— אבער געליב...

— שא!... — האט שווארצקאפּ איהם איבערגעריסען, רעד ניט אזוי! מען טאר ניט. מען קען נאך דערהערען. ווענט, בוימער האבען אויך אויערען, און דער ווינטעלע קען נאך פארטראגען דיין קול.

— אבער מיין ליעבער טייערער שווארצקאפּ! זאג מיר נאר איין ווארט, און איך וועל איהם טויטען דערווערגען ווי א הונט!

— שא!... — מען טאר ניט! ער איז א גוטער חבר. — ער האט געדריקט זיין האנט.

מעדוועדיעוו'ן איז די גאנצע בלוט אריין אין פנים פון איהר „האנט דרוק", ער האט געפיהלט ווי א שכור, ער האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן. אין זיין מח האט זיך גענומען עפעס פלאנטערן, „כע, כע, כע, כ'וועל איהם דער'הרג'ענען, ער טאר מיר ניט שטעהן אין וועג. כ'וועל איהם אפראמען, און טאקע וואס גיכער. טשארט פאבערי!"

— געה גיך אוועק מעדוועדיעוו, ווייל טשערטשינסקי געהט אהער. זאל ער זיך ניט אנשטויסען און ער איז אוועק קריצענדיג מיט זיינע רויטע צייהן.

ווען טשערטשינסקי איז געבליבען מיט שווארצקאפּ'ן, האט ער גענומען כארכלען:

— איך שלאף ניט קיין נעכט, איך ווער פארברענט. כ'וועל משוגע ווערען, זעה ווי איך ווער אויסגעצערט פון טאג צו טאג.

— כ'וויים כ'פיהל דיין לאגע, מיין טייערער! — האט שווארצקאפּ געזאגט. — אפשר שלאף איך אויך ניט קיין נעכט. ווייל נאך אלעמען,

זיינען מיר דאך ניט מעהר ווי מענשען, און דער שיקזאל האט געוואלט אז איך זאל זיך דוקא פארליעבען אין דיר, אבער וואס קענען מיר טהאן, אז מערוועדיעוו דערעסט מיר מיט זיין ליעבע. ער מאכט מיך פשוט קראנק. אבער וואס קען איך העלפען אז איך ליעב נאר דיך.

— כ׳וועל איהם דערשטיקען! — האט ער געזשיפעט ווי א שלאנג, — זאג נאר איין ווארט און שוין מארגען וועט מען געפינען זיין טויטען קערפער.

שווארצקאפ האט ארויפגעלעגט זיין האנט אויף טשערטשינסקי׳ס האלז, אז יענער איז אזש געריהרט געווארען פון נחת.

— מיין ליעבער טשערטשינסקי! מיר וועלען זיך מישב זיין וואס צו טהאן, דערוויייל געה! ווייל מערוועדיעוו געהט אהער.

און אויף דעם אופן, האט שווארצקאפ געפיהרט די רויטע שפיאנען ביז׳ן משוגעת. די „ליעבע און אייפערזוכט" האט פון זיי אלעם אוועקגערויבט, און ווי געצוימטע ווילדע חיות, האבען זיי זיך געלאזט פיהרען פון שווארצקאפ׳ן.

מיט א שטראהלענדען פנים איז שושנה צוגעלאפען צו שווארצקאפ׳ן, און האט געזאגט:

— איך האב אייך געלאזען אליין מיין „אויגען ברודער!" אבער אט קומען אהער אונזערע חלוצים חלוצות און אלע גבורים. — און אלע האבען ארומגערינגעלט שווארצקאפ׳ן מיט א הילכיגען הידד!

— פון וואס האט איהר אזוי לאנג געטרוימט? — האט איהם קוקענדיג אין די אויגען אן אומרוהיגע שלאנקע מיידעל היציג גע־פרעגט.

— כ׳האב געטרוימט פון די שעהנע ציון׳ס טעכטער! — האט שווארצקאפ געענטפערט.

און די בחנ׳טע מיידעל האט אנגעהויבען זינגען:

„אך לאנג האבען מיר געוואנדערט אהן א היים — אויסגעמאטערט זיינען מיר געקומען — מאמע ערד, לאז אונז אפרוהען אויף דיין שויס, — פון קאלטע פרעמדע לענדער זיינען מיר געקומען, מאמע ערד דערוואַרים אונז".

שווארצקאפ האט זיך ניט געקענט באהערשען, ער האט ארומגע־כאפט דאס מיידעל און האט איהר געקושט.

— הידד! — האבען אלע אויסגעשריען.

— ברוך הבא! — האט א געזונטער בחור מיט א באסאווע שטימע אויסגערופען.

— חתן כלה, מזל טוב! — האט א צווייטע שטימע אויסגעזונגען. און די בחנ׳טע געקושטע מיידעל האט זיך הילכיג פארנאנדער־געלאכט:

— רוף מיך! פארנאר מיך! דו שעהנער בחור, — איך וועל דיר נאכלויפען.

שושנה האט מיט התפעלות געפאטשט מיט די הענט און גליק־ליך געלאכט, אבער שווארצקאפ איז געבליבען שטעהן פאררויטעלט ווי א יונגע שעמעוודיגע מיידעל.

יהודה האט איהם אריינגענומען אין זיינע געזונטע ארעמס און האט שטיל געזאגט:

— שווארצקאפ! דו קוקסט איצט אויס ווי א יונגע שעהנע מיידעל וועלכע איז געווארען פאררויטעלט פון׳ם בחור׳ס ערשטען קוש.

— אמת, טייערער יהודה! איך פיהל ווירקליך ווי די יונגע בת ציון קושט מיך און גלעט מיך, — איך ווער באהערשט פון עפעס א העכערען געפיהל — און בשעת מעשה האט ער געטראכט: „אה גאט! ווען מיין אמעריקאנער וואלט דא איצט געווען.

צוויי־און־דרייסיגסטער קאפיטעל.

יהודה ענטדעקט אז „ער“ איז גאר „זי“.

שושנה האט פארבעטען דער גאנצער פרעהליכער קאמפאניע, צו זיך אהיים. זי האט זיי אריינגעפיהרט אין דעם שעהנעם גרויסען גע־צעלט, וועלכער איז געשטאנען אין גארטען, צווישען שמעקעדיגע בוימער, גרינע הויכע גראז און אפגעשניטענע געדיכטע פארצווייגטע צווייגען, וועלכע האבען באדעקט דעם געצעלט.

די עלקטרישע באלייכטונג פון אלערליי קאלירען, האט עס געמאכט אויסזעהן ווי עפעס א לעגענדארישע הויז.

אלע האבען זיך אויסגעזעצט ארום טיש, יהודה מיט שווארצקאפ׳ן אויבען־אן. מען האט געגעסען, געטרונקען, און געלאזט זיך וואויל געהן.

שושנה קוקט אויף שווארצקאפ׳ן, און איהר פנים שיינט ווי דער מארגענשטערן. זי קען זיך ניט אנזעטיגען מיט זיינע „בעטקע־אויגען“.

זי ווינקט צו יהודה'ן, און זייערע אויגען באַגעגענען זיך מיט אַ פּאָר־באַרגענעם גליק.

שוואַרצקאָפּ זייענדיג באַרוישט פון גליק שרייט אויס הויך אויפ'ן קול:

— ווי גוט און ווי זיס, ס'איז צו זיצען אין פרידליכע וואוינונגען אונטער אייגענע הימלען! — ער ווענדעט זיך צו שושנה'ן

מען האָט מיר געזאָגט, אַז אייער קול איז זיס, אַזוי ווי אייער פּנים איז שעהן, — זינגט אונז פון ציון'ס ליעדער!...

און שושנה האָט אָנגעפילט דעם געצעלט מיט מלאכים געזאַנג. אַלעמענס נשמות זיינען ווי פאַר'שכור'ט געוואָרען פון מתיקות.

— אַזוי מוזען זינגען די מלאכים און שרפים שירה צו גאָט! — אפילו די רויטע טייוואַלים האָבען ענטציקט איבערגעחזר'ט עטליכע מאָל „טשאַרט פּאָבערי" !

די מיידלאַך מיט די בחורים האָבען זיך אַוועקגעלאָזען אין אַ טאַנץ. אַנדערע האָבען אַליין גענומען זינגען, און אַנדערע האָבען צו געברומט.

יהודה האָט געשפּילט אויפ'ן פידעל און אבינדב אויפ'ן האַרפע, ביז שפּעט נאָך האַלבע נאַכט.

נאָכדעם האָט שושנה אויסגערופען:

— חברים! ס'איז געקומען די צייט פון שלאָפען, — די בחורים זאָלען געהן שלאָפען אין גאָרטען, כדי דער מאָרגענשטערען זאָל זיי פריה אויפוועקען צו דער אַרבייט. די מיידלאַך וועלען שלאָפען מיט מיר אין הויז און דו מיין טייערער יהודה, וועסט שלאָפען מיט שוואַרצקאָפּ'ן, כ'וועל אויף דיר דערפאַר ניט ווערען אייפערזיכטיג. — אַלע האָבען געלאַכט און געשריען הידד! אויסער שוואַרצקאָפּ איז געוואָרען שטיל פאַרטראַכט, ניט וויסענדיג ווי אַזוי ער וועט זיך קענען אויסהיטען, ניט אַרויסצוגעבען זיך, ווייל ער האָט געדענקט אַז די צייט איז נאָך ניט געקומען.

ווען יהודה מיט שוואַרצקאָפּ'ן זיינען אַריין אין שלאָפצימער און שוואַרצקאָפּ האָט צוגעשלאָסען די טיהר, האָט יהודה געלאַכט:

— ווען איך שלאָף מיט דיר, דאַרפסטו פאַר קיינעם ניט מורא האָבען.

— ס'איז אַ געוואוינהייט, ברודער יהודה! מיר גלות אידען זיינען אַזוי אָנגעשראָקען אַז מיר האָבען מורא אפילו פאַר אונזער אייגענעם שאָטען, און ער האָט אַ זיפץ געטהאָן.

— ניט גע'דאגה'ט, ברודער! ווען דו וועסט זיין נאר א קורצע צייט אונטער דער ארץ ישראל זון, וועט פון דיר דער גלות פחד אנטלויפען.

— יהודה! ס'איז פשוט אן עברה צו שלאפען, איך וואלט וועלען זיין וואכעדיג א גאנצע נאכט — האט געזאגט שווארצקאפ.

— זאג דאס ניט ברודער! דער שלאף מאכט פריש די כחות פון ארבייטער. ווען מען שלאפט זיך גוט אויס, געהען די פיס טאנצענדיג צו דער עבודה.

— יהודה! כ'וואלט אזוי וועלען זיין א חלוץ, און גראבען מיט די אייגענע הענט די ערד, האקען שטיינער און פלאנצען.

— ניין מיין בראווער שווארצקאפ! דו ביזט באשאפען געווארען צו אויפטהאן עטוואס גרויסעס. די שליחות איז איינע פון די גרעסטע און וויכטיגסטע און דו ביסט דער גרעסטער און אידעאלסטער חלוץ. גאט האט דיך געבענשט מיט א שפראך פון די נביאים, ער האט דיך באשאנקען מיט חן און מיט א גרויסען גייסט, און אונזער ציון מוז האבען אזעלכע קינדער. אבער ס'איז שוין זעהר שפעט לאמיר זיך לייגען אפרוהען, און זיי האבען זיך ארומגענומען ווי „דוד מיט יהונתן" און זיך געלייגט שלאפען.

יהודה איז באלד איינגעשלאפען מיט א געזונטען זיסען שלאף, אבער שווארצקאפ האט זיך געשטארקט אום ניט איינצושלאפען, עס זאל חלילה ניט פארלארען געהן אין שלאף איינער פון זיינע טשארלי טשאפלין וואנצעלאך, און דער סוד זאל ניט ארויס, און ער האט זיך געשטארקט צו זיין וואכעדיג די גאנצע נאכט.

אבער דער שלאף האט איהם גובר געווען, און ער איז איינגע-שלאפען מיט א גליקליכען שלאף. שלאפענדיג האט ער זיין פנים שטארק צוגעדריקט צו יהודה'ס פנים. זיינע וואנצעלאך האבען זיך צודרעהט, איין ברעג איז ארויף אויפ'ן נאז, און דער צווייטער ברעג אויף דער אינטערשטער ליפ, און מיט זיין רעכטע האנט האט ער שטארק איינגעקלאמערט יהודה'ס האלז.

ווען יהודה האט זיך ערוואכט, האט ער געפיהלט ווי זיין האלז איז ארומגעקלאמערט מיט שווארצקאפ'ס ארעם, און אן אמת ברידער-ליכע ליעבע האט אנגעפילט אלע זיינע אברים. ער האט שטיל גע-שעפטשעט: „מיין ליעבער שווארצקאפ! דו גרויסער איד, מיט דער

גרויסער שליחות". ער האט שטיל געקושט שווארצקאפ'ן און האט זעהר פארזיכטיג זיך ארויסגעפלאנטערט פון זיין ארים, און האט אויף די שפיצפינגער זיך גענומען אנקליידען.

אבער, אה גאט! וואס זעהט ער?! שווארצקאפ'ס ואנצעלאך זיינען צודרעהט, איין שפיץ איז איהם אריין אזש אין נאז, און דער שלאפעדיגער פיהלט נעבאך ווי ס'קיצעלט איהם. ער ליגט אויפגע־דעקט און ס'זעהען זיך ארוים בולט צוויי בריסטען ווי צוויי ארץ ישראל'דיגע מילגראמען.

אין אנהייב האט ער בשום אופן ניט געקענט באגרייפען וואס דא קומט פאר. ס'האט זיך איהם געדאכט, אז ער שלאפט נאך, און ער זעהט עס נאר אין חלום. ער האט גענומען רייבען די אויגען און בייסען די פינגער, ער פיהלט אז ער איז פארט וואכעדיג. ער האט שטיל ארונטערגענומען די וואנצעלאך, און פאר זיינע אויגען איז געלעגען א בילד פון שושנה, נאר אינגער, און די זעהר קורץ געשארענע האר האבען דעם שעהנעם מלאך פנים, עטוואס פארמאנסבילד, וואס דאס האט צוגעגעבען נאך מעהר חן.

א גליקליכער געדאנק איז איהם אייגעפאלען אז דאס מוז זיין אט יענע בערטע, פון וועלכער דער גרויסער אמעריקאנער האט אזוי פיעל דערצעהלט און באוואונדערט. ס'איז ווירקליך געווען א וואונדער קינד. דער גרויסער אמעריקאנער האט בפירוש געזאגט, אז זיין בערטע איז פונקט ווי מיין שושנה, און דאס איז דאך מיין שוועסטער בערטע!...

דער פלוצלונג'דיגער גליק, האט דעם שטארקען יהודה'ן אויף א מאמענט געמאכט ווי פארשכור'ט, אבער טאקע ניט מעהר ווי א מאמענט. ער האט באשלאסען צו היטען דעם סוד, ביז שווארצקאפ אליין וועט איהם ענטדעקען. ער האט זיך שטיל צוריקגעלעגט אויפ'ן בעט, און זיך כלומר'שט געמאכט ווי ער שלאפט זעהר שטארק.

שווארצקאפ האט זיך אויפגעכאפט א דערשראקענער. אבער דער־זעהענדיג יהודה'ן שטארק שלאפענדיג, האט ער זיך בארוהיגט. ער האט שנעל ארויפגעקלעפט זיינע וואנצעלאך, אנגעטהאן זיך עכט מאנסבילש, און שטיל מיט אן איינגעהאלטענעם אטהעם געקושט יהודה'ן אויפ'ן שטערען, אויף די באקען און אויף די ליפען.

יהודה האט אויפגעעפענט די אויגען

— שלום ברודער! א פנים איך האב אריינגעשלאפענעם אין גרויסען טאג אריין.

— ס'איז נאך פריה, חבר יהודה! נאר איך ליעב תמיד אויפ־צושטעהן פריה.

יהודה האט איהם אריינגעכאפּט אין זיינע שטארקע ארימס, און האט איהם אזוי שטארק געקושט, אז ער איז געבליבען ליגען ווי פארשכורט פון גליק.

— ברודער שווארצקאפּ! געה און וועק אויף מיין שושנה'ן און זאג איהר, אז זי זאל אויף היינט צוגרייטען זעהר א שעהנע סעודה, ווייל איך וויל זיך היינט משמח זיין. ס'האט זיך מיר גע'חלומ'ט זעהר א גוטער חלום.

— דערצעהל מיר ברודער דיין חלום! ? — האט זיך שווארצקאפּ געבעטען.

— ס'איז שוין איינמאל א חלום, ברודערקע! — האט יהודה אנגעהויבען. — ס'האט זיך מיר גע'חלומ'ט, אז איך בין געלעגען ארומגענומען מיט דער „שעהנער נוירס” דעם גרויסען אמעריקאנעמ'ס געליעבטע.

— אזוי? — האט שווארצקאפּ געפרעגט, ווערענדיג עטוואס אויפ־געדעגט.

— יע, ברודער! כ'האב זי געהאלזט און געקושט, און ס'חלומ'ט זיך מיר אז זי קושט מיך אויך, און נאכדעם ווי כ'האב זיך גוט איינ־געקוקט אין איהר שעהנעם פּנים, האב איך דערזעהן אז ס'איז גאר מיין שושנה, כא־כא־כא! — און יהודה האט ארויסגעפּלאצט מיט א געזונטען ברייטען און גליקליכען געלעכטער. און ס'חלומ'ט זיך מיר, אט אזוי ווי איך שטעה און קוק אויף מיין שושנה'ס פּנים, ערשט ס'איז גאר ניט שושנה, ס'איז גאר בעטקע די הויפּטריכטערין פון דער רויטער מלוכה. כ'האב זיך געפיהלט אזוי גליקליך, אז איך האב איהר א כאפּ געטהאן אין מיינע געזונטע ידים צוגעדריקט איהר שטארק צו מיין הארצען און געקושט איהר זעהר שטארק.

שווארצקאפּ איז געווארען אויפגערעגט, נאר ער האט זיך באַ־הערשט און געפרעגט:

— וואס איז געווארען דערנאך?

— דערנאך? — האט יהודה שטארק געלאכט, — ווען איך האב איהר גוט אנגעקושט און אריינגעקוקט אין די אויגען, ערשט, מיין גאט! ס'איז גאר עפּעס אן אמעריקאנער אקטיאר, אט דער באוואוסטער טשארלי טשאפּלין.

איצט זאג אליין מיין טייערער שווארצקאפּ, איז עס ניט א מערק־ווירדיגער שעהנער חלום, וועלכער וועט געווים מקוים ווערען, דו ווייסט דאך ברודער שווארצקאפּ, וואו די שעהנע נוירם געפינט זיך, און איך האָב אז די שעהנע נוירם און בעטקע די הויפּטריכטערין איז איין און די זעלבע פּערזאן.

— הלואי! — האט שווארצקאפּ פרעהליכער געענטפערט.

יהודה האט איהם נאכאמאל אריינגענומען אין די הענט, און בארעקט זיין פּנים מיט קושען.

— שווארצקאפּ! דער חלום מאכט מיך גליקליך. איך וועל זיך גיך אנטהאן און ארויסגעהן זעהן די פּועלים, און דו פליה צו מיין שושנה'ן, אויב זי שלאפט וועק איהר אויף! שעם זיך ניט, ווייל דו ביזט ביי איהר פארעכענט ווי אן אמת'ער ברודער, און אגב וועט מיך מיין שושנה ניט פארבייטען אפילו אויף שלמה המלך.

יע, נאר איינמאל אין מיין לעבען, האט עפּעס א שטן געוואלט אריינדרינגען אין מיין הארצען, אבער כ'האב איהם גלייך פאר־טריבען — האט יהודה געלאכט.

אבער וואס שטעהסטו ברודער שווארצקאפּ ווי עפּעס א נעכטיגער?

— כוויים אליין ניט, ברודער יהודה! דיין חלום האט מיך אן עפּעס דערמאנט. — און שווארצקאפּ איז ארוים, ניט זייענדיג חושד אז יהודה האט אויסגעפונען דעם סוד. אזוי תמימות'דיג האט יהודה געשפּילט זיין ראָל.

ער האט געפונען שושנה'ן נאך ליגענדיג אין בעט.

— גוט מארגען! טייערע שושנה! יהודה האט מיך געשיקט מיט א וואונדערבארע שליחות.

— שלאפט ער דען נאך? מיין יהודה.

— ער האט זיך אביסעלע פארשלאפען, איז ער גלייך אוועק צו די פּועלים.

— וואס איז דאס פאר א שליחות? טייערער שווארצקאפּ!

— איהם האט זיך גע'חלום'ט זעהר א שעהנער חלום, ווילט זיך איהם מאכען עפּעס א גוטע סעודה'לע.

— אבער זאגט מיר מיין טייערער שליח! וואס זיינען עפּעס אייערע באקען אזוי רויט, און דער גאנצער פּנים איז ווי א שטיק פייער?

— ס'איז אלץ שולדיג דער חלום טייערע שושנה! יהודה איז געוועזן אזוי גליקליך פון זיין חלום, אז פון גרוים שמחה, האט ער מיך ארייג־

גענומען אין זיינע געזונטע ידים און האט מיך אזוי שטארק גערריקט און געקושט אז מיין פנים האט מיר אנגעהויבען פלאמען.

שושנה האט געלאכט.

— מיין יהודה'ן חלומ'ט זיך זעהר זעלטען. אבער ווען ס'חלומט זיך איהם יע אמאל אין א שמיטה, ווערט דער חלום גלייך מקוים. דערפאר איז ער אזוי פרעהלאך.

שווארצקאפּ האט איהר איבערדערצעהלט יהודה'ס חלום, און איידער ער האט נאך געענדיגט, האט איהם שושנה ארייגעצויגען אין איהרע ארעמס און האט באדעקט זיין פנים מיט שוועסטערליכע קושען.

— גלויבט מיר מיין טייערער שווארצקאפּ! עפּעס פיהל איך ניט פאר אייך קיין שום בושה. עפּעס פיהל איך אין מיין הארצען פונקט ווי מיר זיינען שוועסטער און ברודער און ס'איז ביי מיר גאנץ נאטירליך ארומצונעמען מיין ברודער און קושען איהם.

קום צו מיר מיין ברודער, נעם מיך אין דיינע ארעמס און קוש מיך. שווארצקאפּ האט זיך מעהר ניט געקענט באהערשען. ער איז ארויפגע־פאלען אויף שושנה'ס האלז, האט זי באדעקט מיט הייסע קושען און האט אויסגעבראכען אין א געוויין. זיינע טרערען האבען גע'מבול'ט אויף שושנה'ס האלז און אויף איהרע באקען.

— שווארצקאפּ! וואס איז מיט אייך? האב איך אייך מיט עפּעס וועה געטהאן?

— ניין! ליעבע, גוטע, גרויסע שושנה! איך וויין פון גליק, וואס גאט האט מיר געגעבען א שוועסטער און א ברודער, אנשטאט מיין פארלארענעם ברודער.

— איהר האט פאלארען א ברודער?

— יע, מיין טייערע! כ'וועל אייך דערצעהלען א צווייטען מאהל, ניט איצט, ווען מיין הארץ מיין נשמה זיינען פול מיט גליק. ער האט נאכאמאל איינגעקלאמערט שושנה'ן און האט באדעקט איהר פנים מיט הייסע קושען.

אין דעם מאמענט איז יהודה ארייגעקומען מיט א פרעהליכען מיט א פרעהליכען שלום!

— אה גאט! וואס זעהען דאס מיינע אויגען? האט יהודה כלומרש'ט אויסגעשריען. — אזוי! הגם לכבוש את המלכה? איז דיר נאך ווייניג, וואס איך האב דיר געשענקט מיין צוטרוי, מיין ליעבע, דו ביזט ביי מיר ווי א ברודער פארעכענט, ווילסטו נאך אויך

מיין שושנה'ן, מיין אויג פון קאפ פון מיר אוועקרויבען? איך וועל ניט אויסהאלטען! איך וועל משוגה ווערען! — האט ער געשריען.

מיין ברודער! מיין חבר! מיין פריינט! אזוי האבען מיר גערופען איינער דעם אנדערען, און איצט אה גאט!?

דיינע ליפען האבען גערעדט גוטע שעהנע ריידעלאך, און איצט? וועה איז מיר!

דיינע ליפען זיינען רויזען, און דיין הארץ, וועה איז מיר!

— יהודה! מיין איינציג געליעבטער, — האט זיך שושנה געבעטען, — רעד ניט אזעלכע רייד. זיי צושטעכען און צובלוטיגען מיין הארץ.

— שושנה! מיין טויב, מיין טייערע און מיין איינציגע! דו ביזט ריין ווי א מלאך, אומשולדיג ווי א קינד, נאר אט דער שווארצקאפ האט דיך פאר'כשופ'ט!

און איצט! — האט ער זיך א קעהר געטהון צו שווארצקאפ'ן, וועלכער איז געשטאנען מעהר טויט ווי לעבעדיג, — אנטלויף פון מיין הויז און אנטלויף פון אונזער לאנד. זאלסט ניט פרואווען מיך איבערצורעדען מיט דיין גלאטען צינגעלע. אנטלויף מיט דיין לעבען, צו וואס זאל איך נאך זעהן ווי דיין בלוט גיסט זיך ווי וואסער אויף דעם הייליגען בארען! דער בארען וואס זעטיגט זיך מיט דעם שוויים פון אונזערע בראווע חלוצים!

אנטלויף! ווארום מיין כעס ברענט אין מיר, און אויב מיין צארן וועט דיך גרייכען, וועט די נקמה דיך צו רייסען גאר אהן רחמנות!

שווארצקאפ איז געשטאנען א צוטומעלטער. די קאפ אראפגעבויגען. ער האט אבער געפיהלט א באפרידיגונג וואס נאכדעם אלעמען, לאזט יהודה ניט פאלען קיין שום חשד אויף זיין שושנה'ן, נאר אויף איהם אליין גיסט ער אוים זיין כעס.

ער האט אבער געפאסט מוטה. האט זיך אויסגעגלייכט. האט מיט זיינע גרויסע ליכטיגע אויגען אריינגעקוקט יהודה'ן גליך אין פנים און האט שטאלץ געזאגט:

— דו גרויסער יהודה! איך וועל מיך ניט דערוועגען צו בעטען מיט תחנונים פאר מיר אליין, אבער איך דאנק דעם גאט פון ישראל, וואס ער האט דיר לכל הפחות אריינגעגעבען א געטליכען געדאנק ניט צו ווארפען א שטיקעלע שאטען אויף דער נביאה'דיגער שושנה, ניט צו באשפריצען די ארץ ישראל בלום און ניט צו מאכען א פגימה'לע אין דער ליכטיגער זון.

איידער איך אַנטלויף פון דיין גרויסען בלינדען כעס, וויל איך דיר זאָגען: אַז „כי לא נחש ביעקב“ ביי אידען איז ניטאָ קיין כשוף. איך האָב דיין שושנה׳ן ניט געקענט פאַר׳כשופ׳ן, און ווען אפילו איך וואָלט געווען אַ מכשף, איז די קדושה תמיד שטאַרקער פאַר דער טומאה. דיין שושנה איז די קדושה אליין. איך בין נאָר באַהערשט געוואָרען פון אַ ברודער געפיהל, און זעהענדיג ווי דיין שושנה ליגט אין איהר בעט, ווי די שכינה ביים כסא הכבוד, האָב איך ווי אַ ברודער אַרומגענומען מיין ליעבע שוועסטער און זי געקושט און געוויינט פון גרויס גליק, פון אַ העברעען גליק, פון אַ רוחניות׳דיגען גליק! מיינע טרערען זיינען די עדות!

— ס׳איז אמת, ווי גאָט אליין! — האָט שושנה גערעדט ווי אַן אומשולדיגע קינד.—אַט זעה, מיין טייערער יהודה, מיינע נאַסע באַקען, מיין האַלז און מיין גאַנצער פנים. זיינע טרערען האָבען זיך געגאָסען אויף מיר, אַט אַזוי ווי דער טוי האָבען זיי מיך באַפייכט, און מיין נשמה האָט דערפיהלט ווי מיין גרויסער ברודער קושט מיך. כ׳האָב זיך געבעטען! „ברודער קוש מיך! ברודער האַלז מיך!“ כ׳האָב בעת מעשה געפיהלט ווי מיין גרויסער לעאָן וועלכער האָט געמאַכט ציטערן די וועלט, און מיין גרויסע שוועסטע בעטקע די הויפּטריכטערין פון דער סאָוועטען־מאַכט, זיינען געליימערט געוואָרען. זיי זיינען אַרוים־געקראָכען פון די „מ״ט שערי טומאה“, זיי שטעהען ביידע און קושען מיך און באַפייכטען מיט זייערע טרערען אונזער ארץ ישראל באָדען.

יהודה האָט זיך כלומר׳שט געגעבען אַ טרייסעל, פונקט ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ טיעפען שלאָף, און האָט אָנגעהויבען רעדען שטיל און האַרציג:

— יעדער וואָרט וואָס ס׳געהט אַרויס פון מיין שושנה׳ס מויל, איז הייליג און אמת. איך האָב קיינמאָל ניט גע׳ספק׳ט אין דיינע אמת׳ן, מיין ארץ ישראל בלום, אָבער וואָס זאָלען מיר טהאָן, אַז מיר זיינען ניט מעהר ווי שטערבליכע מענשעלאַך. ווען מיר וואָלטען געקענט אַריינקוקען אין די פאַרבאָרגענע ווינקעלאַך פון אַ צווייטענס נשמה, וואָלטען מיר דאָך געווען מלאכים.

ס׳זיינען פאַראַן מענשען וואָס קענען זעהן אַ סך ווייטער, אָבער דאָס זיינען נאָר יחידי סגולה, איך בין ניט מעהר ווי אַ פשוט׳ער ארץ ישראל־בויער, און מיין נשמה איז נאָך ניט מסוגל צו דערהויבען זיך אַזוי הויך ווי דיינע מיין ליעבע שושנה. — איך האָב גע׳משפט לויט וואָס מיינע אויגען האָבען געזעהן, אָבער איהר קענט אפשר משפט׳ן

לויט די הערצער, ווייל איהר האָט אין זיך מעהר פון דעם צלם אלקים.
איך בעט אייך, ברודער שוואַרצקאָפּ! זייט מיר מוחל אויף מיין איבערגעאיילטען שריט. איהר זייט בראוו אין אַלע זאַכען, זייט איצט אויך בראוו נעגען מיר און פאַרצייהעט מיר, ווייל איהר זעהט דאָך אַליין, אַז איך בין נאָך ניט מסוגל צו די עולמות העליונים, איך ווייס נאָר פון דער פּשוט'ער גשמיות'דיגער ערד. אַ סימן פון מיין אמת'ע פריינטשאַפט צו אייך האָט איהר אָט דאָס: ער האָט איהם אַרומ־גענומען פּונקט ווי אין דער פריה און האָט געמאַכט רויט זיינע באַקען מיט געזונטע הילכינע קושען. מיט איין האַנט האָט ער אַרומגענומען שושנה'ן און מיט דער צווייטער שוואַרצקאָפּ'ן און אַלע דריי האָבען געפיהלט אַ הייליגע שטימונג. שולמית איז אַריינגעקומען מיט די קינדער, און די שעהנע כרובים'לאַך האָבען זיך גלייך איינגעפלאָכטען אין מיטען. און שולמית האָט געשעפּטשעט: „אָה גאָט! בענש אונזער ארץ ישראל מיט אַ סך אַזעלכע משפחות".

דריי־און־דרייסיגסטער קאַפּיטעל.

בעטקע לאָזט זיך דערקענען

אָוועגט צייט האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אַ מחנה אַרבייטער פון פאַרשיעדענע קאָלאָניעס. זיי זיינען געקומען צו יהודה'ן אַ לעב־טהאָן. צווישען זיי זיינען געווען פיעלע פאַרברענטע, געזונטע, בחורים מיט מיידלאַך. אַלע האָבען גרינג און פריי גערעדט העברעאיש. שוואַרצקאָפּ האָט זיך זעהר געפרעהט מיט זייער אָנקומען. ער האָט מיט ליעבע און פאַרגעטערונג געקוקט אויף אַלעמען, און דער אומעט פון די פריהמאָרגעדיגע געשעהעניסע איז אין גאַנצען פאַרשוואונדען, פון זיין זכרון.

באַזונדערס איז איהם געפעלען געווען נפתלי, אַ שלאַנקער יונג, אַ שומר פון גליל, מיט די גראַציעזע באַוועגונגען פון זיין עלאַסטישען קערפּער און דעם ברענענדיגען גלאַנץ פון זיינע אויגען, איז ער געווען עהנליך צו אַ שעהנעם דינעם בעדואין. עפּעס אַ ווילדע גבורה האָט אַרויסגעקוקט פון איהם, און נעוואָלט האָט זיך זעהן איהם רייטען אויף אַ פלינקען פערד. איבער אַ ברייטען פרייען סטעפּ.

ס'איז געווארען לעבעדיג, פרעהלאך. כמעט אלע האבען שוין געקענט דעם „רויטען שווארצקאפ'ן", וועלכער איז אין דער אמת'ן גאר געווען א ווייס־בלויער העלד. אייניגע האבען איהם געהערט רעדענדיג אין דער קבוצה און אנדערע האבען פון איהם געוואוסט דורך יהודה'ן מיט שושנה'ן. אלע האבען איהם ליעב באקומען און פארגעטערט. זיי זיינען איצט זעהר נייגעריג געווען צו הערען א ווארט פון דעם גרויסען רויטען שווארצקאפ. און נפתלי האט זיך אונטער־גענומען צו מאכען איהם רעדענדיג.

— חבר שווארצקאפ! — האט נפתלי אויסגעשריען, — איהר זייט שוין ביי אונז אין ארץ ישראל א היבשע ביסעל צייט! זאגט אונז דעם אמת! „ווי געפעלט אייך עפעס אונזער אלט־ניילאנד? און וואס דענקט איהר פון איהר צוקונפט?"

שווארצקאפ האט א ווילע געטראכט. אלע האבען אנגעשטעלט די אויערען, ארויסצייגענדיג די נייגעריגקייט, צו הערען עפעס פון דעם מאן, פון וועמען שושנה מיט יהודה'ן רעדען מיט אזוי פיעל התלהבות. און שווארצקאפ האט אנגעהויבען רעדען:

— אונזער ארץ ישראל, משפט'נדיג נאך די גלענצענדע שעהנע פרוכטבארע קאלאניעס, וועלכע שיינען ארוים מיט זייער גלאררייכען חן אין מיטען וויסטען אראבישען מדבר, זיינען לעבעדיגע עדות, אז זי איז נאך היינט אויך אן „ארץ זבת חלב ודבש". דער באדען איז נאך היינט צו טאג, פונקט ווי מיט צוויי טויזענט יאהר צוריק אימ־שטאנד פארוואנדעלט צו ווערען, אין א וואונדערבאר שעהנעם און נאטירליכען פערל, אין דעם נאהענטען מזרח. פאר אן אמת'ן גן עדן של מטה.

ווען אידען אזעלכע ווי איהר, מיט אמת'ער און טרייער איבער־געבענהייט, מיט אידעאלער ערד־ארבייטס לוסטיגקייט, זאלען קומען נאך ארץ ישראל און עם בעארבייטען.

מיינע טייערע חברים! — האט ער שוין מיט התלהבות גערעדט — די מיליאנען אידישע קדושים אין אוקראינע, דער פוילישער שטענדיגער גיהנום, די דייטשע און אונגארישע פאגראמען, די שטענדיגע פאר־פאלגונגען געגען אידען אין רומעניען, דער אנפאנג פון פאגראמען אין וועסט אייראפא, די וואקלענדיגע לאגע פון אידען אין די כלומר'שטיגע פרייע לענדער, די אנטי־אימיגראציאנס געזעצע, וואס דאס איז גע־ציעלט נאר געגען אידען און די מיליאנען אידישע פליכטלינגע אין אייראפא, וועלכע ווערען געטריבען מגוי אל גוי וממלכה אל עם אחר,

אהן א דאך איבער זייערע קעפ און אהן א באדען אונטער זייערע פיס, דאס אלעס איז אן אצבע אלהים, א קלארער היסטארישער באווייז, אז דער איינציג־אמת'ער אויסוועג צו די אידישע נאציאנאלע, און מענשליך נאטירליכע ליידען, איז דאס צוריקקעהרען זיך א היים—קיין ארץ ישראל.

אלע פייערליך דעמאנסטרירטע פריוהייטען, אלע מענשליכע עמאנציפאציאנען אין די קאנסטיטוציעס וואס זיינען געבויט אויף פריוהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט, זיינען „קראמע יעווריעוו" (אויסער אידען). ס'וואלט געווען א וואונדערבארע שעהנע קאמעדיע, ווען ס'זאל ניט זיין אזא שוידערליך שמערצליכע טראגעדיע; א גאנץ פאלק, וועלכע באשטעהט פון אכטצעהן מיליאן נפשות, דארונטער גרויסע געלערנטע, פאליטיקער, פינאנסיסטען און אז. וו., ווערט גע־טריבען מיט דער גרעסטער אבשייליכסטער גראבקייט, און דאס פאלק האט ניט קיין זעלבסט רעספעקט צו זאגען צו זיך: „עד כאן!" גענוג צו נע ונד'עווען אין די גלות'ן! צוריק קעהרען זיך מיט זיין האב און גוטס און מיט זיינע אלע אינטעלעקטועלע כחות צו זיך אהיים! וואס א דאנק דער השגחה העליונה, איז נאך היינט די היים אומשטאנד אריינצונעמען אלע פארפאלגטע אידען. און אנשטאט אזוי צו טהאן, לויפען זיי נאך אין אלע אויבענדערמאנטע גלות לענדער נאך זייערע פייניגער, און קושענדיג די ברענענדיגע ריטער פון זייערע שמייסער, זאגען זיי צו: „אז זיי וועלען זיין גוטע קינדער אין דער צוקונפט"!

ארץ ישראל האט גענוג פלאץ פאר אלע אידען פון דער גאנצער וועלט! און ארץ ישראל האט גענוג נאטירליכע כחות פאר כל'ערליי אונטערנעמונגען.

אקערבויערשאפט באצאהלט זיך דא ווי איך זעה זעהר גוט. איך זעה דאך וואס פליסיגע הענט מיט קליינע קאפיטאלען האבען אויפ־געטהאן אין די קאלאניעס אין יהודה, ווי פתח־תקוה, רחובות, חדרה און אנדערע, און אויך אין גליל. מען קען זיך דא פארנעמען מיט אלערליי סארטען אגריקולטור, מיט וכל המינים'דיגע פלאנצונגען, גרינצייג, תבואה און אנדערע, אין א קאלאניע אדער א שטאדט. ס'איז די זעלבע אמאליגע „ארץ זית שמן ודבש", אוילבירט בוימער זיינען זעהר פאסיג פאר דעם שטיינערנעם באדען און דעם טרוקענעם קלימאט, זיי וואקסען אויף שטיינערנע בערג און אין אלע מדבריות. מען קען גרינדען בוימוואל פאבריקען, אוילבירט בוימער פלאנטאציעס, וועלכע

זאלען באשעפטיגען צעהנדליגע טויזענטער ארבייטער, און וועלכע קענען ווערען א פאקטאר און פארנעמען א באדייטענדען פלאץ אין דעם וועלט מארק. און דאס זעלבע מיט אונזערע אקליפטוס בוימער וועלכע האבען א גרויסע צוקונפט אין ארץ ישראל פאר ברענהאלץ, פארטירען פארשיעדענע ווארע קיין חוץ לארץ ווי אראנזשען, וויינ־טרויבען און אז. וו. די ארץ ישראל׳דיגע אראנזשען האבען דעם בעסטען נאמען איבער דער גאנצער וועלט, אין דעם ענגלישען גרעסטען וועלט־מארק ליווערפול, צאהלען סוחרים א סך טייערער פאר ארץ ישראל׳דיגע אראנזשען ווי פאר אנדערע. אפילו אין אמעריקע וואו קאליפארניער אגריקולטור פראדוקטען זיינען פול אומע־טום, פארנעמען די ארץ ישראל׳דיגע אראנזשען אן אנגעזעהענעם פלאץ אלס בעסערע, שעהנערע און געשמאקערע.

די בעסטע בוימוואל קען מען פארזייען ביים ירדן־טהאל. א דאנק די פיעלע וואסערען און דעם זעהר ווארימען קלימאט. אונזער לאנד איז זעהר גינסטיג פאר בוימוואל פלאנטאציעס און איז א סך ביליגער ווי אין מצרים.

היינט אונזערע בלומען! — האט שווארצקאפּ באגייסטערט אויס־געשריען — וואו נאך איז פאראן אזא לאנד פון פיעל פארבינע, רייך קאלירטע, תמיד וואקסענדע, בלומען פון אלערליי פארמען און שני־צונגען ווי ארץ ישראל?

אין אלע פיער צייטען פון יאהר, איז אונזער לאנד באדעקט, אויף בערג, אין די שפאלטען פון בערג, אין די טהאלען און אויף אלע וועגען מיט בלומען. זיי וואקסען מאיעסטעטיש, גראנדיעז, פול מיט חן. און ווען מענשליכע הענט זאלען זיי פלעגען, פוצען און פאר־בעסערען, וועט עס ווערען א גרויסער אפנאנג ביי יעדער פרעהליכע און ניט פרעהליכע געשעהענים.

ארץ ישראל איז אן ערשט קלאסיגע לאנד פאר וועלדערייען, פון בוימער וואס ווערען געברויכט ספּעציעל פאר מעבעל ארבייט. מען קען ענטוויקלען און באדעקען הונדערטע טויזענטע דונאם לאנד מיט וועלדערייען, צווישען ביתר און דער נאכבארשאפט פון חברון אויפ׳ן שומרון און איבערהויפט אין מזרח זייט פון ירדן. דער אלון, דער וועג פון יפו קיין ירושלים, אין גליל התחתון, אין גליל העליון און חורב, און אז. וו. עס קען ווערען א גרויסע ברכה פאר׳ן לאנד און א זעלטענער גליק פאר די אונטערנעמער.

פון זייד פּלאַנטאַציעס אַליין קענען זיך דערנעהרען טויזענטע אידען. טאַבאַק פּלאַנטאַציעס האָט זעהר אַ גלענצענדען צוקונפט. דאָס קען באַשעפטיגען טויזענטע ארבייטער, ווי איך האָב געזעהן דעם גרויסען ערפאָלג וואו מען האָט געפּלאַנצט טאַבאַק אין שכם, בית שאן, באר שבע, יפו, חיפה, עזה און חברון. און מען קען דאָס זעלבע טהאָן אין מחנים, מתולה, ראש פינה, קסריה, נס ציונה, רחובות און עקרון.

ווען טאַבאַק פּלאַנטאַציעס וועלען זיך ענטוויקלען אין אונזער לאַנד, וועט ארץ ישראל ווערען איינע פון די גרויסע עקספּאָרט לענ־דער פון טאַבאַק, אויפ'ן וועלט מארק. א סימן האָט איהר, אַז אין אַנקעל סעם'ס מדינה, וואו מען האָט שוין געעפענט אַ גרויסע פאַבריק מיט ארץ ישראל'דיגע ציגאַרעטלאַך, איז אַ גרויסער ערפאָלג. דער קעניג פון ציגאַרעטען אין דייטשלאַנד הערר לובלינער, האָט געמאַכט די ערשטע פּראָבע אין אַמעריקא. און ניט נאָר די אידען נאָר אַ סך פון די געבאָרענע אמת'ע יענקים, רויכערן נאָר לובלינער'ס ארץ ישראל ציגאַרעטען, ווייל עס איז באַ'טעמ'ט, דער ארץ ישראל'דיגער אראַמאַט דערקוויקט.

היינט די טייטעלבוים פּלאַנטאַציעס! איז דאָס ניט איינער פון די בעסטע געשעפטען? אונזער ברענענדיגע זון מיט'ן טרוקענעם קלימאַט, מאַכט זיס די טייטלען. וואָס הייסער די זון איז, אַלץ העכער וואַקסט די פּאַלמע און אַלץ זיסער זיינען די טייטלען, אַפילו אין דעם וויסטען מדבר, וואו קיין איינציגע גרעזעלע וואַקסט ניט, בליהט דאָרט און וואַקסט הויך דער טייטעלבוים.

און מאַנדלען וואָס זייערע בוימער זיינען זעהר שטאַרק און גע־זונט, און די פרוכט איז ניט אָפּהענגיג פון אַ „סיזאָן“, און ווערט ניט קאַליע פון קיינע אומשטענדען.

און וואָס איז מכח מעדיצינישע פּלאַנצונגען! וועלכע וואַקסען אין אַ גרויסער מאָס אין דער תמיד בליהענדער לאַנד! עס איז דאָ פיעל ארבייט פאַר אַגראָנאָמען, און באָטאַניקער צו שטודירען און ברענגען נוצען צו דער עקאָנאָמישער לאַגע פון לאַנד.

ס'איז זעהר לייכט צו ענטוויקלען אַ גרויסע פייגען פּלאַנטאַציע, און אנשטאָט ארץ ישראל זאָל אימפּאָרטירען, זאָל זי בעסער עקס־פּאָרטירען פייגען נאָך אויסלאַנד.

אלקאהאל קען ווערען איינע פון די גרעסטע אינדוסטריעס. אלקא־האל אלס קראפט און היטץ מיטעל פאר אטאמאבילען, טראקטארען און כל׳ערליי מאשינעריי.

א גוטע גרויסע אלקאהאל פאבריק, וואס זאל באזארגען די טויזענטער פערד קראפט, וואס זיינען נויטיג פאר׳ן לאנד און אלער־ליי מאשינעריי, צו ביליגע פרייזען, קען זעהר פיעל ווירקען אויף דער שנעלער און גוטער ענטוויקלונג פון דער ארץ ישראל׳דיגער אל־געמיינער אינדוסטריע.

פון דעם פסולת פון אלקאהאל קאנען זיך פאשען בהמות אויף מילך, בהמות ווערען דערפון פעט. די מיסט פון די בהמות וועט זיין א ברכה פאר די קאלאניסטען.

און נאך פיעלע זאכען: בוימאיי פאבריק, האניג, היהנערצוכט, מילכיגעריי, פארפיומעריי, פאסטוכריי, פיהצוכט, פישעריי, קאנסער־ווירען פיש, סארדינען, גערויכערטע פיש, קאנסערווירען פרוכט און גרינצייג.

בוימעבעל, פאבריצירטע שטיינער, פארב פאפיר, ציגעל צעמענט, קאלך ברענעריי קאנקרייד, שטיינברעכעריי, אטאמאביל און וואגען שמיראכץ, רעגען־שירמס, שטעקלאך, אייז־פאבריק, אייזען, מעש און קופער גיסעריי אייזען־מעבעל, אייבינדעריי, באמבוק־מעבעל, ביכער־פארלאג, ביער, ביסקוויטען, בלעכענע געשיר, בארשטען, ברויט, נאר־בעריי, גלאז פאבריק, גערעמפטע פלייש, געטראנקע, האלץ קוילען, האנט־וועגעלאך, האר פאבריק, היט פאבריק, הייוען, הילצערנע הויז געשיר, ווארשט, וועש פאבריק, זאקען שטריקעריי, זיעגעל פאבריק, זייגער פאבריק, זייף, זעק, קארפעטס, קארפערט קלינערס, (טאפעטין) טהיי־פאקינג, טינט, טעקסטיל, טליתים, לאמפען קנויטען, לאנדריעס, ליכט, לעדער און קארדאן טשעמאדאנעס לעדער ארבייט פאר פערד־געברויך, מאנדעל־פוטער, מאקאראנעס, מאשינעריי רעפיירינג, מאשין פאבריקען, מעבעל, מצה בעקעריי, סוועטערס, ציגארען, סעלצער וואסער, אייז־קרים, אויל־קלאט, ספר תורות, תפילין מזוזות, ערדענע געשיער, פאבריצירטע בלומען, פאנאגראפס, פאנאמע העט, פאפיר, פאפיר־בייטלען, פארבעריי, פארוקען, פארמעט, פיאנאס, פידלען, פערלמוטער אינדוסטריע, צוקער, צוקערלאך, ציצית און אז. וו.

אט די אלע זאכען קען מען זעהר לייכט ענטוויקלען אין אונזער ארץ ישראל, און דאס וועט ערנערען הונדערטע טויזענטע משפחות! —

האט שווארצקאפּ אויסגעשריען מיט התלהבות, און דא האט איהר מיין קלארען מיינונג מכח אונזער אלט־נייל אנד, — האט ער פארענדיגט.

אלע זיינען געבליבען זיצען מיט גרויס דרך ארץ און באוואונדערונג פאר דעם גרויסען שווארצקאפּ׳ן, וועלכער איז קלאהר אין דער לאנגע פון ארץ ישראל א סך מעהר פון זיי, און ווי יעדער קלייניגקייט איז איינגעקריצט אין זיין זכרון.

— חברים! — האט נפתלי אויסגעשריען — איך הויב אן צו ספק׳ן, אויב חבר שווארצקאפּ איז טאקע באמת דער „רויטער שווארצ־קאפּ“, ער מוז גאר זיין עפעס א מין מלאך פון הימעל! ווייל פאר א פּשוט׳ן בשר ודם׳ניק איז אוממעגליך צו האבען אזא כח הזכרון מיט אזא ווייטען בליק! און אויב חבר שווארצקאפּ וויל מיר זאלען איהם גלויבען אז ער איז טאקע „אחד משלנו“ ס׳הייסט א פּשוט׳ער „בן אדם“ טא זאל ער מאכען א לחיים, גלייך מיט אונז אלעמען!

שושנה האט באמערקט מיט א געלעכטער:

— דאס וועט נאך אלץ ניט זיין קיין באווייז חבר נפתלי! ס׳קען דאך געמאלט זיין, אז ער איז איינער פון אונזער אברהם אבינו׳ס אורחים!... און אזוי האט זיך דער עולם געמאכט לוסטיג.

ווען דער פרעהליכער עולם איז בגילופינ׳דיג אוועק, און שושנה האט זיך שוין געלעגט שלאפען, האט יהודה אנגענומען שווארצקאפּ׳ן ביים האנט און זיי זיינען ארוים שפאצירען.

דא און דארט אין הימעל האבען זיך אנגעצונדען שטערען. פון ווייטען האבען זיך געהערט, ריינע קלינגענדע מיידעלשע שטימען. די מיידלאך האבען געזונגען. זיי האבען שפּאצירט שווייגענדיג.

— יהודה! — האט שווארצקאפּ שטיל גערעדט: — איך באַ־וואונדער דיין גרויסקייט. זינט די פריהמארגענדיגע געשעהעניסע, הער איך ניט אויף צו טראכטען פון דעם. איך הויב ווירקליך אן צו דענקען אז איהר ארץ ישראל׳דיגע זייט איבערמענשען.

— פון וואס דרינגסטו עס אזוי? טייערער שווארצקאפּ! — האט יהודה געפרעגט.

— גאנץ איינפאך, חבר יהודה! נאכדעם ווי דיינע אויגען האבען אליין געזעהן ווי איך האלט דיין שושנה׳ן אין מיינע ארעמס און באַ־דעק איהר שעהנעם פּנים מיט מיינע קושען, און דאך האסטו גרויס בטחון און אמונה אז ס׳זיינען געווען ניט מעהר ווי הייליגע ברודער קושען.

— אפשר שוועסטער קושען — האט יהודה געלאכט.

—וואס מיינסטו דערמיט? — האט שווארצקאפ ציטעריג גע־פרעגט.

— אבער וואס ציטערסטו אזוי? מיין ליעבער שווארצקאפ!

— כ׳ווייס אליין ניט, חבר יהודה!

— יע, בראוועד שווארצקאפ! כ׳האב גרויס אמונה, אז מיין שושנה האט דיך געקושט ווי אז אמת׳ע שוועסטער און ממילא דו ווי א ברודער.

שווארצקאפ איז געווארען רוהיגער.

— יהודה! — האט ער זיך ווי א קינד געטוליעט צו איהם, — דו ביסט גרויס, קלוג און שטארק, הלואי האב איך אזא ברודער ווי דו.

— וואס וואלט דאן געווען? חבר שווארצקאפ!

— דאן וואלט איך געקענט אונטערנעמען די שווערסטע זאכען אין דער וועלט. די איבערנאטירליכע וואלטען געווארען נאטירליך, — האט ער געענטפערט.

יהודה האט ארויפגעלעגט זיין שטארקע האנט ארום שווארצקאפ׳ס האלז, און האט גערעדט ווי צו א קינד:

— מיין גוטער שווארצקאפ! איך פיהל אז דו באהאלטסט נאך פיעלע זאכען פון מיר. וואס וואלסטו א שטייגער געטהאן, ווען איך שווער דיר ביי דעם גאט פון ציון, ביי מיינע צוויי אויגען פון קאפ, מיינע צוויי כרובים׳לאך מרים׳ל און אלכסנדרה, און ביי מיין נשמה אליין, מיין שושנה די בלום פון ארץ ישראל, אז איך וועל זיין דיין עביגער ברודער אויף טויט און אויף לעבען? — און ניט ווארטענדיג אויף אן ענטפער, האט יהודה אויפגעהויבען זיין רעכטע האנט צום הימעל און האט הייליג און פייערליך געשווארען. — אלזא פון היינט אן, בין איך דיינער אן אמת׳ער ברודער. איך וועל דיר העלפען אין אלע דיינע אונטערנעמונגען, אין דער גרויסע שליחות, וואס די השגחה האט דיך אויסערוועהלט דורכצופיהרען, וועל איך זיין א געטרייער מיטהעלפער.

שווארצקאפ איז געשטאנען ווי פאר׳חלומ׳ט, די זילבערנע גרויסע לבנה האט באלויכטען זיין שעהנעם פנים. שטיל האבען זיינע אויגען טיעף ארייגעקוקט אין יהודה׳ס, און זייערע ליפען האבען זיך באהעפט אין א הייליגען לאנגען קוש.

א לאנגע צייט זיינען זיי אזוי געשטאנען. די לבנה האט געשיינט און די שטערען האבען געפינקעלט. זיי זיינען געווען עדות ווי צוויי

גרויסע נשמות האבען זיך פאראייניגט מיט איין געדאנק, צו אויפטהאן גרויסעס פאר דעם אידישען פאלק און לאנד.

שפעט נאך האלבע נאכט, זיינען זיי אריין אין הויז. איבעראל האט געהערשט א הייליגע גליקליכע שטילקייט. די ארבייטער זיינען געשלאפען מיט א געזונטען בטחון שלאף. די שעהנע קליינע מרימ'ל איז געלעגען מיט א שמייכעל אויף איהרע מלאכים ליפעלאך. אלכסנדר איז געלעגען ווי א גרויסער מאן פול מיט גבורה. די אלטע שולמית האט אויסגעקוקט אין איהר שלאף ווי זי טהוט תפילה. נאר איין שושנה איז געלעגען וואכעדיג, איהרע אויגען האבען געקוקט ערגעץ וויים.

— אזוי שפעט? — האט זיך שושנה פארוואונדערט, און זי האט אנגעשטעלט איהרע גרויסע אויגען אויף זיי, פונקט ווי זי וואלט דערזעהן עפעס א חידוש.

— מיר האבען שפאצירט צווישען די בוימער, און זיך אביסעל פארפעדט, — האט יהודה געענטפערט, — אבער פארוואס שלאפסטו ניט? מיין טייערע שושנה.

— עפעס האב איך ניט געקענט איינשלאפען. כ'האב איבערגעטראכט די לעצטע געשעהעניסע בין איך געווארען זעהר אומרוהיג.

— דו מיינסט די לעצטע רעדע פון אונזער שווארצקאפ? — האט יהודה געפרעגט.

— אה, ניין! כ'מיין פון היינטיגען פריהמארגען... זינט איך קען דיך מיין טייערער יהודה, האב איך נאך קיינמאל ניט געזעהן פון דיר אזא כעס, ווי אין דעם פריהמארגען.

— האסטו זיך טאקע באמת דערשראקען אז איך זאל ניט דערהרג'ענען אונזער שווארצקאפ'ן? — האט יהודה געלאכט.

— אה, ניין! כ'בין זיכער אז דו ביזט ניט פעהיג צו דערמארדען א מענשען, אויסער דאן ווען דו האסט מיך מציל געווען פון דעם „רויטען ניקאליי'ס" הענט, דאמאלסט איז דאך געווען א נויט־פאל.

— וואאס? — האט שווארצקאפ אויסגעשריען מיט ברייט פארנאנדערגעעפענטע אויגען, און שושנה האט דערצעהלט, ווי העלדיש איהר יהודה האט דאן געהאנדעלט, און ווי אויסגעהאלטען, אז זי האט דאן בשום אופן ניט געקענט חושד זיין אז דאס איז ער.

יהודה האט געלאכט:

— געוויס מיין טייערע, כ'האב געפיהלט אז איך טוה דיר וועה, אבער מיט'ן טייפעל האב איך געמוזט האנדלען טייפעלש. איך האב

זיך זעהר געשראָקען פאַר דיין לעבען, האָב איך בעסער אויסגעקליבען יסורים.

שוואַרצקאָפּ האָט באַוואונדערט יהודה׳ס ענטשלאָסענהייט, און איבערהויפּט זיין כאַראַקטעריסטישע אויסהאַלטונג.

— און היינט פריה, מיין טייערער יהודה! — האָט שושנה פאַרט־געזעצט, האָב איך געזעהן אין דיינע צאַרענדיגע אויגען, אַט יענע מאָדנע פאַרהאַרטעוועטע בליקען, אַט פּונקט ווי דו האָסט אויף מיר דאָן אין וואַגאָן געקוקט, ווען דו האָסט מיך כלומר׳שט געפיהרט צו ניקאָלייען.

— און דו האָסט פאַר מיר מורא געהאַט! מיין טייערע!

— אמת, כ׳האָב ניט מורא געהאַט, אָבער כ׳האָב געפיהלט ווי צום וויינען.

אָבער וואָס שטעהט עפּעס אַזוי אונזער שוואַרצקאָפּ ווי פאַר־חלומ׳ט? — האָט שושנה באַמערקט. — האָט איהר זיך אפשר ווידער אַמאָל צוואַווערטעלט? שטעה איך נאָך אַלץ אונטער חשד?

— שושנה! — האָט יהודה אָנגעהויבען רעדען. — דו מיט דיין גרויסער נשמה און מיט דיין גרויסער חכמה, קענסט מיך בעסער ווי אַלע אַנדערע. דו ווייסט אַז איך וועל ניט מאַכען קיין פּגימה אין מיין אייגענער זון. און אַזוי גרויס, ריין און הייליג ווי דו ביסט אין מיינע אויגען, אַזוי איז מיין ברודער שוואַרצקאָפּ. ער איז ריין ווי אַ מלאך, קלוג ווי שלמה המלך און מיט בטחון ווי דוד המלך.

— אפשר ווי „דוד בשנותו את טעמו“? — האָט שוואַרצקאָפּ גע־שמייכעלט.

— אַה, ניין! כ׳מיין טאַקע ווי דוד ווען ער איז געשטאַנען פאַר דעם גבור גלית, וועלכער האָט געלעסטערט דעם אידישען גאָט מיט דעם אידישען פאָלק.

שושנה האָט געקוקט, דאָ אויף יהודה׳ן, דאָ אויף שוואַרצקאָפּ׳ן. זי האָט באַמערקט אַ גרויסע ליכטיגקייט אויף זייערע פּנימ׳ער.

— איך זעה, — האָט זי פרעהליך גערעדט, — ווי אַ גרויסע ליכטיג־קייט באַדעקט מיין יהודה׳ס פּנים, און איהר גרויסער שוואַרצקאָפּ קוקט אויס ווי איהר טובל׳ט זיך אין עפּעס אַ רוחניות׳דיגען ים. עפּעס דערקען איך אַן אייך ביידען אַז אַ גרויסער גליק האָט אייך געטראָפען, זאָגט מיר מיינע טייערע! דערצעהלט מיר! לאָמיך זיך אויך פרעהען.

שוואַרצקאָפּ האָט ווי עפּעס סודות׳דיגעם אַרויסגערעדט:

— טייערע גוטע שושנה! א גרויס גליק האט מיך געטראפען! כ'האב געפונען מיין פארלוירענעם ברודער.

— וואו איז ער? ווארום ברענגט איהר איהם ניט אהער?

— ער איז דא, טייערע שושנה! אט שטעהט ער פאר אייך! ער האט ארומגענומען יהודה'ן און האט איהם געקושט.

ער האט דערצעהלט שושנה'ן זייער עביגען בונד מיט דער שבועה. א גליקליכער שכינה'דיגער שמייכעל האט געשוועבט אויף שושנה'ס פנים. און זי האט שטיל ווי א תפלה געזאגט: „מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד". זי האט אויפגעהויבען די הענט אין דער הויך און האט געזאגט: „אה גאט פון ציון און פון דער גאנצער וועלט, הער צו מיין געבעט, און ברענג צו מיר מיין גרויסען ברודער לעאנ'ען און מיין ליבע גרויסע שוועסטער בעטקע, און מיינע גוטע אומשולדיגע עלטערן, צוויי גרויסע טרערען ווי דימענטען האבען זיך אראפגעקייקעלט אויף איהרע ליכטיגע באקען.

„אמן!" האבען ביידע מיט אמאל געענטפערט. יהודה האט געקושט אויף איין טרער און שווארצקאפ אויף דער צווייטער און שושנה האט זיך געבאדען אין גליק.

— באלד וועט שוין אנקומען דער מארגענשטערן, — האט שושנה געזאגט, — לייגט זיך צו אביסעל שלאפען, מיינע בראווע ברידער!

— ניין! מיין שושנה! היינטיגע נאכט זאל זיין פארדעכענט צווישען די טעג, ווייל זי האט אונז געבראכט גרויס גליק און ליבטיגקייט.

שושנה'ס הארץ האט אנגעהויבען זינגען, ווי עפעס א גרויסע שמחה וואלט איהר באהערשט. זי האט געפיהלט אז עפעס וואונדערליבעס גרויסעס וועט מוזען באלד געשעהן.

שווארצקאפ'ן איז אריין א גליקליכער געדאנק. „ס'איז שוין געקומען די צייט צו ענטדעקען דעם סוד?"

יהודה האט אויך געפיהלט דאס זעלבע, אבער ער האט געוואלט פריהער פארבערייטען זיין שושנה'ן פאר דעם גרויסען גליק, און ער האט א זאג געטהאן:

— יע, מיין שושנה האט רעכט, מען מוז כאטש אביסעל זיך לייגען אפרוהען.

שווארצקאפ איז ווי א פאר'שכור'טער אוועק אין זיין שלאפצימער.

און יהודה האָט אַרומגענומען שושנה׳ן און האָט צו איהר גערעדט ווי צו אַ קינד:

— מיין שושנה, מיין טויב! אַ גרויס גליק האָט אונז גאָט צו־געשיקט. מיר האָבען געפונען אָט דעם גרויסען אַמעריקאַנער׳ס גע־ליעבטע מיידעל.

— געלויבט איז גאָט! — האָט שושנה געשעפּטשעט.

— וואו איז זי? ברענג זי אַהער! כ׳וועל זי קושען ווי מיין שוועסטער.

— מיין שושנה! כ׳האָב זי ניט געקענט ברענגען אַהער. מיר מוזען זיין מיט איהר זעהר פאָרזיכטיג. ווייל גיפטיגע, שלאַנגען קראָקאָדילען ווילען אַריינלאָזען זייער גיפט אין איהר. זי איז אַרומ־גערינגעלט מיט שטעכעדיגע דערנער! איך האָב זי געלאָזען אין אַ זיכערען פּלאַץ, און מאָרגען וועל איך דיך מיין לעבען, פיהרען צו איהר.

— ווי קוקט זי אויס? מיין טייערער יהודה!

— אָט פּונקט ווי מיין ליכטיגע שושנה, און אויב דו ביזט די „בלום פון ארץ ישראל“ וועלען מיר זי רופען „די בלום פון יהודה“, און איהר ביידע וועט באַצירען אונזער הייליגע לאַנד. איהר וועט ביידע לייכטען ווי די כרובים אין בית המקדש אויפ׳ן ארון הקודש.

— איך וועל זי ליעבען אָט פּונקט ווי מיין שוועסטער בעטקע. יע, מיין בראַווער יהודה! נאָך איידער איך האָב זי דערקענט, האָב איך איהר שוין ליעב באַקומען. נאָר ווי דערלעבט מען שוין דעם מאָרגען.

— שלאָף מיין שושנה! אַ גליקליכער מאָרגען וואַרט אויף דיר. — און זיי זיינען איינגעשלאָפען מיט אַ גליקליכען שלאָף.

ווען שוואַרצקאָפּף איז אַריין אין זיין צימער, האָט ער באַשלאָסען אַז די צייט איז געקומען צו לאָזען זיך דערקענען. ער האָט געפיהלט, אַז אויף אַזאַ גרויסען קלוגען און שטאַרקען מאַן ווי יהודה, און אויף אַזאַ איבערנאַטירליכער שושנה קען מען זיך פאַרלאָזען מיט דער גרויסער שליחות. זיי וועלען וויסען ווי צו האַלטען דעם סוד. און זיי אַלע וועלען שוין געפינען אַן עצה צו געפינען די עלטערן, אויב זיי לעבען נאָך, און דאַן וועט זי קענען פליהען צו איהר געליבטען לו.

שוואַרצקאָפּף האָט אויסגעטהאָן זיינע מאַנסבילישע קליידער, מיט זיינע וואָנצעס, האָט אָנגעטהאָן אַ פרויען נאַכט העמד און איז איינ־געשלאָפען מיט אַ רוהיגען שלאָף.

יהודה איז אויפגעשטאנען פריהער פאר אלעמען, ווייל ער האט געוואלט פארברייטען אויך שווארצקאפ'ן אז די צייט איז שוין גע-קומען. ער האט געהאנדעלט זעהר פארזיכטיג און מיט שכל.

אויף די שפיצפינגער איז ער ארוים פון שושנה'ס צימער. ער האט אויפגעעפענט די טהיר פון גארטען. ער איז געגאנגען צום פענסטער פון שווארצקאפ'ס צימער. זיי זיינען געווען פארהאנגען. „זי איז זעהר פארזיכטיג", האט ער געטראכט. ניט לאנג טראכטענדיג איז ער ארויף אויפ'ן דאך. ער האט מיט א שליסעל געעפענט א טיהר וועלכע ס'האט געפיהרט צו שווארצקאפ'ס צימער. ער איז שטיל אריין צו שווארצקאפ'ן.

רוהיג און גליקליך איז בעטקע געלעגען מיט איהר מלאך'דיגען פנים אין דער הויך און איז געשלאפען. זי האט גאר ניט חושד געווען אז אט דער גזלן יהודה איז געקומען ארויס'גנב'ענען איהר סוד.

יהודה האט זיך ניט געקענט זאט אנקוקען פון איהר שעהנעם ליכטיגען פנים. „מיין גאט!" האט ער געטראכט, „אט דאס איז די שעהנע קליינע בעטינקע! אט דאס איז די גרויסע הויפטריכטערין פון דער גרויסער רויטער מלוכה, וועלכע מאכט ציטערען א וועלט! אט דאס איז די מאדערנע יהודית, וועלכע האט אוועקגעשיקט אויפ'ן עולם האמת דעם גרויסען רויטען אשמדאי! אט דאס איז די פאר-שוואונדענע איבערנאטירליכע מיידעל, די שעהנע נוירם בערטע, פאר וועלכער דער גרויסער לו וויל זיך לאזען אפילו מקריב זיין! און אט דאס איז מיין שוועסטער בעטקע מיט איהר גרויסע נשמה, מיט איהר גרויסע שליחות, מיט איהרע איבערנאטירליכע פלענער פאר'ן פאלק ישראל! זי ליגט און שלאפט און גוטע מלאכים וואכען איבער איהר".

ער האט איינגעהאלטען דעם אטהעם. ער האט געקוקט מיט א הייליגע באוואונדערונג. בעטקע האט זיך א קעהר געטהאן, יהודה איז געבליבען שטעהן באוועגלאז. ער האט זיך געשראקען פאר דעם מא-מענט, אז די פלוצליכע איבערראשונג זאל איהר חלילה ניט שאדען. און ווי וועט ער זיך קענען פארענטפערען פאר זיין טהאט. אבער ער מוז אזוי האנדלען, בעסער זאל ער ליידען בושה, איידער איבערלאזען זי אליין מיט די „רויטע טייוואלים". אבער שא... בעטקע עפענט אויף איהרע גרויסע שווארצע ליכטיגע אויגען; זי דערזעהט איהם; איהרע אויגען ווערען נאך גרעסער; זי ווערט צוטומעלט; אבער ס'געדויערט ניט מעהר ווי א רגע, א מאמענט. שטיל הויבט זי זיך אויף פון

איהר געלעגער, אין איהר נאכט-קלייד מיט איהרע קורץ געשארענע האר. אין איהרע אויגען שפיגעלט זיך א רוח הקודש שיין; זי רעדט ניט; זי נעמט ארום יהודה'ן און דריקט איהם צו איהר הארצען; ס'פליסען פון איהרע אויגען גליקליכע טרערען, וועלכע ס'באפייכטען יהודה'ס פארברוינטען פנים. זי קושט זיינע אויגען, זיין פנים, זיינע הענט; זי איז גליקליך.

— יהודה! — רעדט זי ארוים שטיל, ווי דער צארטסטער טאן פון א פידעל. — ענדליך ווייסטו מיין סוד, ברודער!

יהודה קושט זי און האלזט זי, און רעדט מיט א צארטען פאטער־ליכען קול:

— מיין גרויסע מארטירערין! מיין אויסגעלייטערטע גרויסע יהודית! מיין שוועסטער בעטינקע! כ'האב שוין לאנג געוואוסט פון דעם סוד, אבער די צייט איז נאך ניט געקומען צו ענטדעקען עס. — און ער האט איהר אלעם דערצעהלט. זי באוואונדערט זיין גבורה, זיין סבלנות, זיי וויינען ביידע פון גרויס גליק, און פון צער פאר דעם פאלק ישראל.

— איצט, געה מיין ברודער יהודה, און פארבערייט מיין שוועסטער שושנה. — רעדט זי ארוים מתיקות'דיג. און יהודה געהט שטיל ארוים ער פיהלט אז ער ווערט געטראגען פון א העכערען גייסט.

שושנה איז געלעגען מיט אפענע אויגען, אלע איהרע אברים האבען געזונגען. זי האט געווארט אויף דעם גליקליכען מאמענט.

ווען יהודה איז אריינגעקומען א גליקליכער מיט פארוויינטע אויגען, האט איהם שושנה געהאלדזט און געקושט.

— יהודה, דו וויינסט? זיינען דאס גליקליכע טרערען?

— יע, מיין לעבען! כ'וויין פון גרויס שמחה. כ'האב זי ערשט געזעהן אט דער „שעהנער נוירס", איך האב זי פארבערייטעט פאר דיין קומען.

— יהודה! פארהאלט ניט די גאולה. פיהר מיך גלייך צו איהר! — בעט זיך שושנה.

— שושנה, מיין לעבען! זיי בראוו און מוטהיג, ווער ניט איבער־ראשט דערזעהענדיג די „בלום פון יהודה", — האט יהודה שטיל גע־רערעדט. — דו דארפסט זיך ניט אנקליידען, ווארף נאר ארויף דיין מארגען־ראק, און קלאפ אן אין טיהר פון שווארצקאפ'ס שלאפצימער. דארט וועסטו געפינען וואס דיין הארץ גלוסט.

— יהודה! — האט זי צוטומעלט גערעדט, — ווילסטו דען פון מיר חוזק מאכען? ווילסטו דען מיך שטעלען ביי א נסיון? יהודה!...

— ניין, מיין טויב! מיין שושנה! ניט פון דער ארץ ישראל בלוט וועל איך וואגען צו מאכען חוזק? און ניט מיין ליעבע שושנה'ן וועל איך וואגען צו שטעלען צו א נסיון!

— ווארום שיקסטו מיר אין שווארצקאפ'ס שלאפצימער? יהודה!

— גאר איינפאך, טייערע שושנה! נעכטען ביי נאכט האב איך שווארצקאפ'ן געשיקט שלאפען אין געצעלט פון גארטען, און די גרויסע בערטע, די פארשוואונדענע שעהנע נוירים, שלאפט אין דיעזען צימער, זי איז שוין וואכעדיג. זי ערווארטעט דיך מיט אומגעדולד. זי האלט ברייט פארנאנדערגעעפענט איהרע ארעמס ארומצונעמען דיך, מיין לעבען. אבער גערענק! כ'בעט דיך, מאך שטארק דיין הארץ! ווער ניט איבערגעוועלטיגט פון גרויס גליק, ווייל דו וועסט דערזעהן אזעלכעס וואס דו האסט גאר ניט געהאפט צו זעהן.

מיט א קלאפענדע הארץ און פול מיט נייגעריגקייט האט שושנה שטיל אויפגעעפענט די טיהר פון שווארצקאפ'ס חדר.

ס'איז געוועזען צופיעל גליק פאר איהר. זי האט עס ניט געקענט מעהר איבערטראגען, און ווי א פאר'חלש'טע איז זי געבליבען ליגען אין בעטקע'ס ארעמס. בעטקע האט איהר געגלעט, געקושט, און געוויינט. ענדליך האט זי געעפענט איהר אויגען. זי האט אויסגעקושט יעדער גליעד פון איהר בעטקען.

— מיין מארטירערין! — האט זי געוויינט פון גרויס גליק. — מיין הארץ האט מיר אבער אלע מאל אנגעזאגט, אז דו ביסט עס אט יענע „שעהנע נוירים", ווען איך האב איצט פליגלען וואלט איך געפלויגען צום גרויסען אמעריקאנער, און אנזאגען איהם די גליקליכע בשורה.

— ניין, טייערע שוועסטער! — ענטפערט בעטקע, — די צייט איז נאך ניט געקומען, אז איך זאל טראכטען פון מיין אייגענעם גליק. פריהער מוז איך זיך מוסר נפש זיין פאר מיינע עלטערן אויב זיי לעבען נאך און פאר מיין פאלק. ווייל איך האב א גרויסען חלק אין זייער אומגליק. ערשט נאכדעם אויב מיר וועט באשערט זיין וועל איך אפשר אויך געניסען פון דער גליקליכער וועלט.

— אה, רעד ניט אזוי! מיין גרויס-קליינע בעטינקע! דו גרויסע נשמה, דו יהודית, וועלכע האט אפגעראמט פון וועג דעם גרויזאמסטען טיראן פון אלע צייטען, דעם אשמדאי ניקאלייען, ניין! דו ביסט ריין ווי א מלאך, אט אזוי ווי מיין מרים'ל.

די ארבייטער זיינען שוין געגאנגען זינגענדיג פון פעלד צו ארוחת הצהרים, און שושנה מיט בעטקע'ן זיינען נאך אלץ געלעגען ארומ־גענומען, ניט קענענדיג זיך אנזעטיגען איינע מיט דער צווייטער.

— אבער געדענק טייערע שושנה. בעטקע'ס נאמען טאר פאר־לויפיג ניט ארויסגערעדט ווערען פון קיינעמ'ס ליפען. איך בין ארומ־גערינגעלט פון רויטע שפיאנען. איבער דער גאנצער וועלט זוכט מען מיין קאפ, און אפילו דו מוזט זיך אויך היטען, ווייל צוליעב דיין עהנליכקייט צו מיר, קענען נאך די שפיאנען מאכען א טעות.

— נאר ניט גע'דאגה'ט, מיין טייערע בעטינקע! אונזער גאט איז שטארקער פון אלע „רויטע־שדים", און מיר וועלען נאך דערלעבען צו זעהן אונזער גרויסען ברודער לעאנ'ען מיט דעם גרויסען לו, צו־זאמען מיט אונזערע עלטערן, אמן! — און שושנה איז פארזיכטיג ארויס פון צימער, יהודה איז איהר אנטקעגען געקומען מיט אויס־געשטרעקטע ארעמס. א לאנגע צייט זיינען זיי געשטאנען שטיל ארומגענומען.

פון גרויס שמחה, האט זיך יהודה פארגעסען צו דערצעהלען שושנה'ן, אז שווארצקאפ און בעטקע איז איינס און דאס זעלבע. בעטקע האט ניט געפונען פאר נויטיג צו דערצעהלען, דענקענדיג אז יהודה האט שוין געוויס איבערגעגעבען, און דעריבער ווען שווארצקאפ איז אריינגעקומען מיט א פרעהליכען שלום, איז איהם שושנה ארויפ־געפאלען אויפ'ן האלז פון גרויס שמחה, און האט איהם געדאנקט, וואס ער איז געוועזען דער שליח, צו אויסגעפינען איהר גרויסע בעטקע. יהודה מיט שווארצקאפ'ן האבען זיך איבערגעקוקט.

— וואו איז זי איצט? טייערע שושנה! — האט שווארצקאפ געפרעגט.

שושנה, זייענדיג איבערגליקליך האט קיין זאך ניט באמערקט. זי האט גלייך געענטפערט:

— זי איז נאך אין אייער שלאפצימער. אבער טייערער שווארצ־קאפ, ביז די צייט וועט קומען, טארען מיר ניט ארויפברענגען איהר ליבען נאמען אויף אונזערע ליפען, ווייל זי איז ארומגערינגעלט מיט רויטע שלאנגען.

— אבער, טייערע שושנה! ווי זאל מען זי אנרופען? מיט וואס פאר א נאמען וועט איהר זי רופען?

— מיר וועלען זי רופען די „בלום פון יהודה"! — האט שושנה גליקליך געענטפערט.

— האט זי פארדינט אזא נאמען? איז זי דאסווירקליך ווערט?

— געוויס, בראווער שווארצקאפּ! זי איז א מארטירעריז, א יהודית, נאך אפשר גרעסער.

— אויב אזוי טא לאמיר זי נאך א מאל אנקוקען, — האט שווארצ־קאפּ געזאגט. שושנה האט ביידען גענומען שלעפען אין בעטקע'ס חדר.

שטיל און לעדיג איז געווען אין צימער. שושנה האט געקוקט אין אלע ווינקעלאך.

„מיין גאט!" האט זי אויסגעשריען, „וואס טהוט זיך היינט מיט מיר? האט גאט ווירקליך אימעצען געשיקט צו מאכען חוזק פון מיר? צו שפּילען זיך מיט מיין גליק?"

— ניין, מיין ליעבע שושנה! דער גאט פון ישראל וועט ניט מאכען חוזק פון דער ארץ ישראל בלום, — האט שווארצקאפּ געזאגט.

— אבער זי איז דאך דא ערשט געווען?

— געוויס, זי איצט אויך דא! — און שווארצקאפּ האט אראפּ־גענומען זיינע טשארלי־טשאפּלין־וואנצעלאך מיט זיין גרויסע פּאנאמא הוט, און האט ארומגעכאפּט שושנה'ן. און ערשט איצט האט שושנה גענומען דערצעהלען, אז פון דער ערשטער באגעגעניש, האט זי געפיהלט אזא נאהענטקייט צו שווארצקאפּ'ן, זי האט עס אליין ניט געקענט ערקלעהרען. היינט די אויגען?

און שושנה האט פון איצט אן געוואוסט און זיך באטהייליגט אין אלע סודות.

אלע דריי זיינען געגאנגען אנטקעגען שולמית'ן מיט די קינדער. די קליינע מרים'ל איז גלייך צוגעלאפען צום אנקעל שווארצאפּ און דער פינף יאהריגער גבור אלכסנדר האט איהר אלץ פארריכט אז זי זאל זאגען „שווארצקאפּ" א שווארצער קאפּ.

פיער־און־דרייסיגסטער קאפּיטעל.

שווארצקאפּ באזוכט די אפּערא און דעם בארג מירון

זיי זיינען אלע דריי, שושנה יהודה און שווארצקאפּ, מיט זייערע צעהן גבורים, געפארען באזוכען די נייע ארץ ישראל. צו ערשט האבען זיי באטראכט די שטאדט תל אביב, וואס איז ווי איבערנאכט אויס־געוואקסען אויפ'ן זאמד, און וואו די באפעלקערונג איז הונדערט פּרא־צענט א אידישע.

שושנה האט שווארצקאפ'ן דערצעהלט, ווי גאר ניט לאנג, איז עס געווען א וויסט שטיקעל ארט, ביים ברעג פון ים, אפילו קיין פעלד ניט, נאר פשוט'ער מדבר. און אין מדבר איז א קורצע צייט אויסגע־וואקסען א גאנצע שטאדט מיט א סך לעהר אנשטאלטען, מיט רע־דאקציעס, ביבליאטעקען, קראמען, עלעקטריע, און די אלע אטריבוטען פון א מאדערנעם קולטורעלען לעבען. א גאסט קען נאך איצט זעהן דעם שנעלען וואוקס פון דער שטאדט. מען קען זעהן אויף די נאך ניט ברוקירטע גאס „דעם ערשטען אונבאריהרטען" זאמד מיט די אונ־צעהליגע ים שיסעלאך, וואס די כוואליעס האבען פארטראגען אין פארלויף פון דורות, אבער פון דעם זאמד וואקסען איצט ארויס אומע־טום הייזער. מען זעהט איבעראל גרויסע געביידעס און פארשיעדענע סטאדיעס פון אויפבויאונג. דא לעגט מען נאך ערשט דעם פונדא־מענט, דארטען שטעהען ווענט, און אנדערשוואו פארענדיגט מען שוין דעם דאך. תל אביב איז א שטאדט נאך ערשט פון „נאדעל ארויס" אין וועלכען אלץ בויט זיך נאך, אבער קיין זאך ווערט נאך ניט צו־שטערט.

„ס'איז איצט א יום טוב אין שטאדט. מען האט געעפענט די גרענד אפערא אויף העברעאיש. די באפעלקערונג פון תל אביב איז אין גאנצען אויפ'ן גאס. עס איז אנגענעהם צו קוקען אויף דער גע־זונטער, פארברענטער, פול בלוטיגער יוגענט. אין ארץ ישראל געהען זיי ניט איינגעבויגען, און זיי שמייען ניט ארום. זייער גאנג איז איצט א זיכערער און פעסטער. דער קאפ אויפגעהויבען און ניט ארונטערגעלאזען צו דער ערד, און כאטש די טיפען זיינען פארשיעדענ־ארטיג: רוסישע, פוילישע, רומענישע, דייטשע, פראנצויזישע, אמערי־קאנישע, בוכארישע קאווקאזישע און אז. וו. און דאך זעהט מען ניט קיין דור הפלגה ווייל די העברעאישע שפראך וועלכע איז אויפגע־שטאנען תחית המתים, איז געווארען דער צעמענט וואס פארפעסטיגט די אשכנזים, ספרדים, די אידען פון צענטראל אזיע, די קאווקאזישע אידען און די תימן'ער אידען און פארשמעלצט זיי אין איין פאלק".

שווארצקאפ האט באוואונדערט דעם גרויסען נס, וועלכען יעדער איינער האט געזעהן און געקענט פיהלען, פון מינוט צו מינוט. קינדער וואס שפילען „פוס־באל", די יוגענט וואס שפאצירען אין אווענט ארומגענומענערהייד, פובליציסטען, מוניציפאליטעט־טהוער, קאאפערא־טיווע טהוער, אגראנאמען, וואס שרייבען וויסענשאפטליכע ווערק,

„בוי־סקאוטס“ וואס רופען אוים זייער קאמאנדע. זיי אלע געפינען עס פאר מעגליך, צו טהאן נאר אין העברעאיש, אויף דער שפראך וואס צעמענטירט די צוואווארפענע און פארפרעמדעטע טהיילען פון אידישען פאלק. און אויף אזא אופן ווארפט זיך דעם צושויער אין די אויגען א מערקווירדיגער פאקט: ארץ ישראל איז איצט דער „שמעלצטאפ“ פון ישראל, וואו כל׳ערלייאיגע, פארשיעדענארטיגע אידען, וואס זיינען פון פארשיעדענע אפשטאמונגען פעלקער און לענדער גיסען זיך צונויף אין איין אידישען נאציאן.

זיי זיינען אנגעקומען צו דער גרענד־אפערא. „א העברעאישע גרענד־אפערא! קען מען זיך דאס גאר פארשטעלען?“ האט שווארצ־קאפ ענטציקט אויסגעשריען.

„אין אלע גלות לענדער, וואו עס לעבען קרוב צו אכצעהן מיליאן אידען איז נאך קיין אידיש אפערא טהעאטער ניטא, און אפילו די רייכע אידישע אמעריקא מיט איהרע דריי און א האלב מיליאן אידען, האט נאך ניט זוכה געווען צו האבען א אידישע אפערא! אין ארץ ישראל וואס געפינען זיך ערשט הונדערט מיט פופציג טויזענט אידען האט שוין אן אפערא! קען מען זיך דאס פארשטעלען?“

„דער חבר א. מ. גילינקין איינער פון די גייסט־רעוואלוציאנערען, אליין א געוועזענער אפערא דיריגענט אין פעטערבורג און אין אדעס, אבער ער האט ניט געפונען קיין צופרידענהייט פאר זיין נשמה ביז ער איז געקומען קיין ארץ ישראל, און האט דא צוזאמענגעשטעלט אן אפערא טרופע, דאס איז א קאאפעראטיווע טרופע פון אקטיארען, זינגער און אן ארקעסטער. דער כאר און דער ארקעסטער זיינען חלוצים, וואס האקען שטיינער בייטאג און זינגען און שפילען אין די אווענטען.

און וואס פאר א וואונדער די טרופע האט באוויזען! מען האט געשפיעלט „ א א י ד א “ דאס פובליקום האט געשטראהלט פון פרייד. אלע זיינען געווען גליקליך און צופריעדען, סיי די וואס זיינען געזעסען פארענט, מיט זייערע יום־טובדיגע מלבושים, און סיי די חלוצים און חלוצות אין די חלוצ׳ישע פשוט׳ע קליידער. אלע זיצען שטיל און הערען זיך צו. עס איז אן אנגעשטרענגטע שטילקייט. דער פארהאנג הויבט זיך אויף און עס הויבט זיך אן דאס שפיל, און ווי שעהן ס׳קלינגען די ווערטער אין דער שפראך פון די נביאים:

יעלת חן, א א י ד ה,
בת השמים,

קן אור השמש
את, פרח הוד.

ס'איז פארקויפט געווארן טיקעטס פאר טויזנט פערזאן. מעהר האט מען ניט געקענט אריינלאזען, די איבעריגע האבען נעבאך געמוזט בלייבען אין דרויסען. שושנה אליין פלעגט גאנץ אפט זיין פון די זינגער און שפילער, איבערהויפט פלעגט זי זיך אויסצייכענען אין „ראמעא און דזשוליעט", „די אידען", „פאוסט", „טראוויאטא", „ריגא־ליעטא, „פאגליאטשי", „טרובאדור" און ד. ג.

די אפערא האט זיך אנגעפאנגען פינקטליך אכט א זייגער, און נאך אכט ווערען די טהירען נעשלאסען, און זאל אפילו קומען מי יודע ווער, ווערט ער ניט אריינגעלאזען. אזוי האט דער שטאדט מעיאר פון יפו געמוזט ווארטען איבער דעם גאנצען ערשטען אקט, ווייל ער איז געקומען צו שפעט און איז ניט מעהר אריינגעלאזען געווארען. און דער עולם איז תמיד געדולדיג, צו פאלגען און ניט צו שטערען די רוה פון קיינעם. בשעת דעם שפילען הערט מען אויך ניט קיין ניסען, קיין הוסטען, קיין רעדען און קיין שום באוועגונג. ס'איז ניכר אז די באציהונג, די אכטונג צו די שפילער, וועלכע זיינען זיך מוסר נפש פאר דער אידעע צו שאפען א גרענד־אפערא, פונקט אזוי ווי די איבעריגע חלוצים און חלוצות זיינען זיך מוסר נפש פאר דער אידעע פון דער אויפבויאונג פון לאנד.

נאכדעם, זיינען זיי אוועק באזוכען די וואונדערבארע „בצלאל שוהלע" פון'ם באריהמטען בארים שץ, וועלכער האט מיט עקשנות און מסירת נפש געשאפען דעם „בצלאל" וועלכער האט שוין ארויס־געגעבען פיעלע תלמידים, און וואס עס איז נאך מעהר וואונדערבאר. ס'איז שוין געשאפען געווארען אן אנהויב פון א נייעם סטיל א העב־רעאישען ארץ ישראל סטיל.

זיי האבען באזוכט דעם „הבונה" א בוי געזעלשאפט, וועלכע האט אנגעהויבען בויען מאדערנע האטעלען אין יפו, חיפה, און ירושלים, פיעלע בנינים אין פתח תקוה און אנדערע קאלאניעס.

די קאאפעראטיווע ארבייטער אינסטיטוציעס, פאר שלאסעריי, פאר גראבען און בויען ברונעמס, פאר וועגען און שאסעען, פאר סחורה טראנספארט מיט מאטאר שיפען צווישען די פארטען חיפה, יפו און עזה, פאר סטאלעריי, הייזער בוי, און די אגריקולטורע פראדוקטיוו קאאפעראציעס. די אגודת המים (וואסער ארגאניזאציע) וואס האט

דעם צוועק אויפצובויען א אידישע וואסער קולטור. פישעריי און שיפעריי אין יפו, חיפה, טבריה און אז. וו.

זיי האבען באזוכט פארשיעדענע שוהלעס, דעם נאציאנאלען מוזעאום, דעם אידישען לעגיאן, אלע הדסה האספיטעלער און דיספענסעריעס.

און פארענדיג אהיים האבען זיי אויפ'ן וועג געהערט, פון בחורים מיט מיידלאך, ווי זיי זינגען:

איך געה אין פעלד צו מיין געליעבטען,
און לייכט און ריטמיש איז מיין גאנג,
עס רוישט דער וואלד פון אקאליפטען
עס קומט פון ים א ווייטער קלאנג
איך ווארט... אין ווייטע בלויע רוימען.
האט די לבנה היינט פארזאמט,
זי שווימט ארוים אין זילבער זוימען
פאר'כשופ'ט דעם דאנען-זאמד.
די שטראהלען הוידען זיך אויף צווייגען
זיי שפילען אין מיינע פייכטע האר,
מיין הארץ איז פול מיט סוד און שווייגען,
איך געה אין חלום אויפ'ן וואהר.
א ליכט שטראהלט כשופ'ט דורך די בוימער,
מיך פיהרט אן אונזיכטבארע האנד;
מיין ליעבסטער איז דער בעסטער שומר,
באקאנט און ליעב אין גאנצען לאנד.
פון ווייטען זעה איך ביי דער טהיר איהם
פון קליינעם הילצערנעם געצעלט . . .
עס זינג א ליעד פון שיר השירים
מיין הארץ, דער ים דער וואלד און פעלד . . .

יהודה מיט שושנה'ן האבען געהאלטען שווארצקאפ'ן ביי די הענט ווי א פאר'שכור'טען, ער האט זיך געפיהלט ווי אין א פאר'כשופ'טען קרייז, אז ער האט זיך פארגעסען אפילו אן די רויטע טייוואלים.

— מיינע טייערע! — האט שווארצקאפ גערעדט, — איך בין איצט דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט אבער מיין גליק ווערט פארטונקעלט און פארשאטענט, ווען איך דערמאן זיך אויף מיינע עלטערן. ווען מיר וועלען זיי אויסגעפינען וועל איך ערשט דאן

קענען קומען מיט אַ קלאָרען ריינעם געוויסען אויפ'ן הר הצופים און אָפּגעבען אַ דאַנק צום אידישען גאָט, דעם גאָט פון ציון.

— רעד ניט אַזוי שווע... כ'מיין שוואַרצקאָפּ! — האָט שושנה געענטפערט, — פאַרגעס ניט אַז מיר אַלע זיינען איצט אין איין עצה. מיר אַלע זיינען מחויב זיך מוסר נפש זיין פאַר אונזערע עלטערן און פאַר דעם גאַנצען פאָלק. לאָמיר נאָר איבער יום טוב'ן אונזער ל"ג בעומר, וועלען מיר נאָכדעם מיט פאַראייניגטע כחות זיך נעמען צו דער אַרבייט. אמת טאַקע דו ביזט דער הויפּט פון די „רויטע", אָבער מיין יהודה איז דאָך דיין „ערשטע האַנט", — האָט זי מיט שטראַהלענדע אויגען געלאַכט. — מאָרגען וועלען מיר פאָהרען אויפ'ן באַרג „מירון", וועסטו ערשט זעהן ווי מען טאַנצט ביי אונז.

אויף מאָרגען זיינען אַלע געפאָרען צום באַרג מירון, צו דער הילולא פון דעם תנא ר' שמעון בן יוחאי.

ס'איז געווען פאַרנאַכט, אַלעס האָט געאָטהעמט מיט פרישקייט פון אויבער גליל פריהלינג. ס'איז געווען לייכט ווינטעלדיג, שקיעה'דיג און בלויקייט, און פון דער שקיעה'דיגער קוים באַרויטעלטער בלויקייט קוקען אַרויס זאַמדיגע מדבר שטרעקעס באַגלאַנצט מיט שפּיגעל פלעקען פון'ם כנרת-ים, לאַנגע שפּאַנענדיגע קעמלען-קאַראַוואַנען, אַ פאַרשנייעטע פּלייצע פון'ם אַנגעכמורעטען חרמון און אין מיטען דעריי־גען, עס שניידט דורך די לופט אַ פּאַכען פון אַדלער פליגלען, און איבער אַלץ און אַלעם דאָס יאָמערען פון שאַקאַלען אַהין אַז אויפהער אַן עזעלגעשרייען. עס זעהט דאָ אויס בעת מעשה ווי אַ לאַגער פון פאַרשיעדענע פעלקער, וואָס האָבען שלעפּענדיג זיך באַגעגענט אין נע ונד, און אין איינעם אָפּגעשטעלט זיך אין אַ וויסטעניש כדי אויס־צורוהען אונטערוועגענס. ס'שטעהען אַהן אַ צאָהל געצעלטען, בעדר־אינישע פיער שטאַנגען באַדעקט מיט קאַקטוס בלעטער, חלוצ'ישע, און מחנות פון פיעל הונדערטע מענשען פון כל'ערליי קאָלירען: רויטע פעסקעס, שוואַרצע שטריימלאַך, ווייסע יאַרמולקעס, בוכאַרישע מיצ־לאַך, שטרויענע פּאַנאַמעס, און אפילו הארטע קאַפּעליושען. ווי אַ מזרח אָרקעסטער האָט געקלונגען דער מיש-מאַש פון שפּראַכען.

אַ פרוי פון מעסאָפּאָטאַמיע, געקליידעט ווי אַן אַראַבערין פון בית לחם, אויפ'ן קאָפּ אַ הויכע פּיראַמידע אונטער אַ ווייסען ליילאַך און פון האַלז ביז די פיס, בינטלאַך מאַסיווע קאָרעלען, כאַרכעלט אויף אַ פאַרצייטיגען סירישען דיאַלעקט קריגענדיג זיך פאַר אַ שטיקעל פּלאַץ מיט אַ שכנה, אַ יונגע ספרד'ין פון חברון, וואָס ענטפערט אָפּ שרייענ־

דיג עפּעס מיט אַ גרים-צאַרענדיגען ניגון אין אַלט שפּאַניש, און אַ דיק מענשעל מיט אַן עכט אייראָפּעאיש-טוריסטען אויסזעהן, פּאַרהיט זיי אַט די צוויי פרויען פון אַ געשלעג, שיטענדיג אויף ביידען שטראָף רייד אין אַ טיפּישען האַמבורג-סאַמאַכדיגען דייטש.

צווישען צוויי געצעלטען, אַ חלוצ׳ישען און אַ בעדואינישען האַמפּערן זיך ליטווישע בחורים מיט תימנ׳ישע אידען וועגען סאָציאַליזם און וועגען דעם צו טאָקע גאָט אַליין האָט געשפּאַלטען דעם ים מיט די אייגענע הענט.

די ליטווישע בחורים טענה׳ן זיך אויס אין העברעאיש-אידיש, די תימנ׳ישע אידען באַווייזען זייער קלוגשאַפט אין אַראַביש-אַראַמיש.

פּלוצלונג טראָגט זיך עפּעס אַן אַ הויכער מאַן אין אַ דריי-קאַנטיגע הוט און אין אַ פּאַלערינע, און האַקט איבער אַט דעם ויכוח גאָר מיט אַ שפּאַגעל נייעם מענה לשון... „פּאָרטוגעזע יאהוד, מאַראַנע!...“ שטאַמעלט ער קלאַפּענדיג זיך אין דער ברוסט, און ער מורמעלט אַט דער הויכער מאַן אין די מאָדנע מלבושים עפּעס מאָדנע ווערטער: „סינאָרע!...“ שעפּטשעט ער „אַנטראַ דע שאַבאַטאַ... אַנטראַ דע איז-ראַעליטאַ!...“

און ס׳איז ממש אַ לעבעדיגע אויסשטעלונג פון אַלע פעלקער טיפען אין דער וועלט, וועלכער דער גרויסער גייסט פון ר׳ שמעון בר יוחאי פאַר אחדות׳ט און פאַרבינדעט. יעדער געצעלט — אַ מדינה פאַר זיך.

און אַט לעבען דעם קבר פון ר׳ שמעון בר יוחאי גופא וואָס געפינט זיך ביים סאַמע ענד פון מירון, אינ׳ם עכטען ברען פון הייליגען יאָהר-צייט, יום טוב. דאָ איז נאָך אַ שטאַרקערער מעהר פלאַסטישער געמיש פון פאַרבען און פון קלאַנגען איידער דאָרט צווישען דער מאַסע קאַ-לירענדע מחנות, וואָס זיינען צושפּרייט איבער דעם גאַנצען באַרג, אין דער לענג און אין דער ברייט אויף פעלזען און אויף געצעלטען.

אַ בית המדרש וואָס איז געבויט לויט דעם סטיל פון אַ קאַטוילישע מצבה-קירך, אונטער אַ קיילעכדיגען קופּאָל, אַ באַלעמער, וואָס איז ארומגערינגעלט מיט אַ סד פלאַקערענדיגע וואַקסענע ליכט, און פאַר דער שיין פון די וואַקסענע פלאַקערענדיגע ליכט דרעהט זיך דאָ אויפ׳ן תנא׳ם קבר אַ קאַראהאָד. עס שפּרינגען אין איינעם געאַרמט אַראַבישע בעדואינער, קאַמוניסטישע חלוצים, ספרד׳ישע חכמים, פרושים פון ירושלים און פון טבריה, און עפּעס אַ פאַרשוין אין אַ צילינדער הויבט פיס האַנט ביי האַנט מיט אַ האַרבאַטען נעגער אין אַ מעקאַ-

טשעלמע. יעדער באזונדער פארמאגט דא דערביי זיין אייגענע שפראך וואס ער באנוצט בעת מעשה.

און ס'הערען זיך געוואלדען ממש אין הימעל אריין: — „מאהע־מעד! מאהעמעד!" „אל יבנה הגליל", „אללא אנבא", „בר יוחאי", און אינוועניג אין דעם קאראהאד, טאנצען פארשידענע פארלאך, איינע אנטקעגען די אנדערע: ספרדים און עפענדים שווערדען־טענץ, אלטע חסידים—כשר־טענץ מיט יונגע פרושים, וואס זינגען און בעטען „למה למה" און בחורים פון וויען און פון פראג, קבוצה'ניקעס פון ביידע גליל'ס—דזשימי און טאנגא, אונטערברומענדיג דערביי דייטשע פאלקס לידער פון „יאהאנעס נאכט".

מען טאנצט און מען טאנצט שעה'ן נאך שעה'ן ניט אפשטעלענדיג זיך אפילו אויף א רגע, אויף די פארשווארצטע פנים'ער מיט רויך פון די וואקסענע ליכט. ס'פליסט שוויים, די קליידער זיינען אזש נאס, און דאך וואס ווייטער איז דאס טאנצען אלץ היציגער און לעבע־דיגער, עס דאכט זיך: קיינמאל וועט עס גאר ניט אויפהערען.

נאר אט פונקט נאך האלבע נאכט, פון ערגעץ וואו דערגרייכט א שופר־קול, א לאנגע תקיעה, צוויי שברים, און אלע טענצער פאר־שווינדען תיכף צווישען דעם פיעל קעפיגען עולם.

און אט אין דעם מאמענט הויבט מען אן אפריכטען די גרויסע „אבוקה" באגלייט מיט דעם ימים נוראים'דיגען ניגון פון דער „עקדה". די זקנים און מקובלים פון צפת לייגען דא פארנאנדער א פייער פון פארשיעדענע חפצים וואס זיינען געבראכט געווארען אהער פון אלע וועלט טיילען.

א ישיש אין א ווייסען קיטעל זיצענדיג אויף די אקסלען פון צוויי יונגע ספרדים אין געשטרייפטע זופיצעס ווי טליתים, מאכט דער ערשטער די ברכה „בורא מאורי האש", ס'מאכט דעם איינדרוק ווי פון הימעל רעדט אימיצער צום פאלק. און פון אלע זייטען הויבען אן פליהען מתנות און קרבנות גלייך אין פלאם אריין און דער פלאם הויבט זיך אלץ העכער און העכער און באלייכט ווייסטענישען און חורבות, בערג און טהאלען.

יעדער ווארפט אריין אין פלאם, וואס ער פארמאגט נאר ביי זיך. עס פליהען זייד און געוואנט, סאמעט און אטלעס, שטריימלאך און שטערן־טיכלאך, אוירינגלאך און גאלדענע רינגען, אפילו לייכטער זיינערס און גלאזווארג. א סך ציהען אראפ פון זיך די אויבערשטע קליידער און שלייערען זיי אין דער „אבוקה".

בעת דאס פייער שטעלט ארויס א לאנגען צונג, פאלען אריין אט די טויזענטע פארזאמעלטע אין אזא עקסטאז אז זיי שפרינגען ממש אריין אין שייטערהויפען, און ביז באגינען שרייט מען: „זאל עס ברענען און ברענען און ניט אויפהערען שטארקער און שטארקער אין זכות פון אונזער אויסדערוועהלטען פון אונזער האר און באשיצער ר' שמעון בר יוחאי וואס איז דער ריינסטער בוימעל פון אלע זיינע חברים".

נאר דער עיקר שמחה איז אין דער פריה ביי דער „חלוקה", ווען מען וועגט מיט גאלד די האר פון די צום ערשטען מאל געשארענע קינדער, און דאס געלט גיט מען אוועק אויף צדקה, ערשט דאן הויבט דער צעהן־טויזענט־קעפיגער עולם אן צו פארלאזען מירון.

יהודה שושנה און שווארצקאפּ מיט די איבעריגע גבורים, זיינען אויך געווען ביים וואונדערבארען קוואל און פליסענדיגען טייכעל וואס לויט נאך דער אגדה האט ר' שמעון מיט זיין זוהן פון דארט געטרונקען דרייצעהן יאהר.

זיי האבען אויך באזוכט מגדל, געקלעטערט דארט אויף די בערג, געטרונקען פון די רוישענדע מגדל קוואלען וואס מורמלען סודות'דיג און הויבען זיך ארויף אויף די בערג. שווארצקאפּ האט ערקלערט דעם אונטערשיעד פון ארץ ישראל ביז חוץ לארץ. „דא איז אלץ אידעאל, אפילו דער ווילדער טאנץ ביי דער „הילולא" מיט דער „אבוקה" דאכט זיך ס'איז ניט מעהר ווי אן אלטע איבערבלייבאכץ, אבער ווי שעהן עס איז; מען דולדעט איינער דעם צווייטען, מען טאלערירט, און מען ווערט צוזאמען־געשמאלצען אין דער קדושה.

און דארטען ביי די רויטע, אפיציעל עקזיסטירען דארטען ניט קיין רבנים, זיי ווערען נאר אנערקענט אלס אן אלטע „איבערבלייבאכץ" אבער ווען עס קומט צו מאנען נאלאגען פיהרט מען מיט זיי א דאפּעל־טע בוכהאלטעריע, מען קלאסיפירט זיי פלוצלונג אלץ מענשען פון „א פרייע פראפעסיע" און מען פאדערט פון זיי דעם נאלאג. איי די „רב'נישע פראפעסיע" איז דאך אפגעשאפט געווארען פון דער רע־גיערונג? איז דאס אבער פאר די „אידישע קאמוניסטלאך" וואס הערשען איבער'ן אידישען לעבען גאר קיין ענטפער ניט. די „יעווסעקציע" זארגט שוין אז ביי די כלי קודש זאל כאטש די נשמה ארויס־פליהען לעבעדיגערהייד, אפילו אן די אידישע ספרים נעמען זיי נקמה און פארוואנדלען זיי אין שמאטעס.

אלע האבען אפגעזיפצט און אהיים געפאהרען.

פינף-און-דרייסיגסטער קאפיטעל.

שושנה ווערט פלוצלונג פארשוואונדען.

מעדוועדיעוו מיט טשערטשינסקי'ן זייענדיג בלינד פארליעבט אין בעטקע'ן, האבען פון קיין זאך ניט געטראכט, נאר ווי מען ווערט פטור פון דעם קאנקורענט. די ליעבע מיט דער אייפערזוכט, האט ביי זיי אוועקגענומען דעם גאנצען רויטען שכל מיט זייער תורה. זיי זיינען אזוי געווען בלינד, אז זיי האבען געגלויבט „באמונה שלמה", אז בעטקע וועט מיט דער צייט מאכען אלעמען פאר רויטע.

קריוואיעראוו סאבאקין און סטיאפקא, האבען זיך געפיהלט גאנץ היימיש צווישען די חלוצים, וועלכע האבען געהאט א געהיימען באפעהל צו באהאנדלען זיי ווי חברים. און זיי האבען זיך פארגעסען בּיסלאכוויז נאך וואס זיי זיינען געקומען.

איבראהים מיט איזמאאילען האבען זיך גאר אין גאנצען איבערגעאנדערשט, דער נייער לעבען צווישען אמת'ע פריינט האט אויף זיי אזוי פיעל געווירקט, אז זיי האבען אין גאנצען אנגעהויבען ספק'ען אין דער „רויטער תורה", און זיי האבען אנגעהויבען קוקען מיט גאנץ אנדערע אויגען. איבערהויפט האט עס געווירקט אויף איבראהימ'ען און ער האט אין הארצען אנגעהויבען חרטה צו האבען וואס ער האט זיך לכתחילה גאר פארבונדען מיט די רוסישע קאמוניסטען, באזוכענדיג אלע נייע אויפטהאונגען וואס די אידען האבען אויפגעטהאן אין ארץ ישראל, און די גרויסע „מזל ברכה" וואס די אראבער האבען דערפון. ווי זיינע ברידער ווערען באהאנדעלט פון די אידען ווי אמת'ע ברידער, סיי גייסטיג און סיי עקאנאמיש, און ער האט אויפגעעפענט זיינע אויגען און דערזעהן, אז די אידען מיט זייער אידישען נ צ י ב טהוען מעהר אויף פאר זיינע ברידער די אראבער, ווי דער גרויסער ניקאליי האט אויפגעטהאן פאר זיינע אייגענע רוסען, און ער האט ביי זיך אין הארצען בעשלאסען, אז ביי דער ערשטער געלעגענהייט וועט ער עס עפענטליך ארויסזאגען פאר דעם גרויסען שווארצקאפ'ן אדער פאר יהודה'ן, ווייל דער פרימיטיווער אראבער האט מיט זיינע אויגען געזעהן א סך ווייטער ווי די רויטע רוסען, און אין הארצען האט ער גע'ספק'ט אפילו אין די רויטקייט פון שווארצקאפ'ן מיט יהודה'ן.

דערווייל האָט ער זעהר שטאַרק אכטונג געגעבען אויף די צוויי רוסישע רויטע שפּיאָנען און ער פלעגט זיי ניט אַפּלאָזען פון זיינע אויגען.

— איבראהים! — פרעגט איהם איינמאַל מעדוועדיעוו: — ווייסטו פון דעם וואָס דער גרויסער ניקאַליי פלעגט זאָגען?

— געוויס ווייס איך! נאַטירליך ניט פון אַלעס, אָבער די הויפּט־פּרינציפּען געדענק איך.

— אדרבה, זאָג מיר איבראהים, וואָס דו ווייסט? — פרעגט איהם מעדוועדיעוו.

— די הויפּט פּרינציפּען פון דער רויטער תורה איז: „נעם אוועק פון די בורזשועו אַלעס וואָס זיי פאַרמאָגען". — ענטפערט איבראהים און שטעלט אויף איהם אַן זיינע שווארצע דורכדרינגענדע אויגען.

— גוט, חבר איבראהים! — רעדט דער רויטער, — אום אָבער דאָס דורכצופיהרען מוז מען אָפּהיטען אַט דיזע כללים: דיסציפּלין, זיך לאָזען מקריב זיין פאַר דער אידעע, און יעדער איינער וואָס איז ניט מיט אונז, איז געגען אונז, מעג ער אפילו זיין אַ פּראָלעטאַריער איז ער אַלץ פאַרעכנעט פאַר אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנער.

איבראַהים׳ס שכל האָט עס אפילו ניט געקענט משיג זיין, אָבער ער האָט צו־געזונגען, אַז ער איז איינשטימיג.

— איצט חבר איבראהים, וויל איך דיר עפּעס פאַרטרויען, אָבער שאַ... ! ס׳מוז זיין אַ סוד. מיר דאַכט זיך אַז אונזער טשערטשינסקי איז פאַר דער לעצטער צייט געוואָרען עפּעס קעלטער צו אונזער אי־דעאַל, אַז ער דרעהט זיך צופיעל אַרום שושנה׳ן, טשאָרט פּאַבערי! אפשר האָט ער זיך פאַרליעבט אין דער פאַלעסטינקע, טשאָרט פּעבערי! און מיר מוזען אויף איהם גוט אַכטונג געבען, און אויב דו וועסט אויסגעפינען עפּעס אַ חשד, זאָלסטו צו מיר גלייך קומען מעלדען, אויסער וואָס דאָס איז דיין פליכט, וועל איך דיך רעקאָמאַנדירען צום גרויסען רויטען טריבונאַל, און מען וועט דיך מאַכען פאַר אַ גרויסען מאַן, טשאָרט פּאַבערי! פאַרשטאַנען?

— געוויס, חבר מעדוועדיעוו! — ענטפערט איבראהים תמ׳עוואַ־טע. — איך פאַרשטעה דעם ענין גאַנץ גוט, און זיי זיכער אַז איך וועל שוין מיינע אויגען פון איהם ניט אַרונטערנעהמען, טשאָלט פּאַבעלי!

דעם זעלבען געשפּרעך האָט טשערטשינסקי געהאָט מיט איזמאַ־איל׳ן, און אַזוי פלעגען זיי היטען איינע די אַנדערע.

אבער מעהר פון אלעמען האט אויף זיי גוט אכטונג געגעבען אונזער העלדישער נפתלי. ער פלעגט כלומר׳שט ארומגעהן א תמ׳עוואטער, א פאר׳חלום׳טער, די רויטע פלעגען מיט איהם לערנען זייער תורה, און פון איהם געגוג חוזק מאכען. נאר איין זאך האבען זיי אין איהם באוואונדערט: „אט דער נארישער תמ׳עוואטער בחן׳טער נפתלי, פלעגט קענען נאכמאכען יעדערענס קול. ער פלעגט אפילו קענען נאכ־מאכען די קולות פון חיות און פויגלען. איינמאל האט ער זיך גע־שטעלט אונטער א בוים, און נאכגעמאכט פונקט ווי טשערטשינסקי רעדט, און אז מעדוועדיעוו האט גענומען צו געהן איז נפתלי גלייך פארשוואונדען און איז ארויסגעקומען דורך א צווייטען זייט, און ער היום דענקט מעדוועדיעוו אז ס׳איז געווען טשערטשינסקי, און זיין כעס ברענט אויף איהם אט פאר יענע רייד.

איינמאל אין אן אווענט ווען אלעס איז געווען שטיל, און יהודה, שושנה און שווארצקאפ זיינען געזעסען אין געצעלט פון גארטען, הערען מיר ווי איבראהים זאגט צו נפתלי׳ן אין אראביש: „דו שטעה דא ביים אריינגאנג פון געצעלט, און זעה אז קיינער זאל זיך דא ניט ארומדרעהען, און איך וועל אריינגעהן אין געצעלט, ווייל איך מוז זעהר א וויכטיגע זאך דערצעהלען אונזער הויפט.

איבראהים איז אריין אין געצעלט און האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען פונקט ווי ער וואלט זיך וועלען איבערצייגען אויב ער מעג רעדען.

— איבראהאם! — האט זיך אפגערופען שווארצקאפ, — איך האב אויף דיר געווארט שוין פון א לאנגע צייט. איך ווייס אז דו טראגסט זיך ארום מיט פארשידענע געדאנקען! פון מיר קען מען זיך ניט אויס־בעהאלטען, אבער וואס דו זאלסט ניט טראכטען צי גוט צי שלעכט, מעגסטו פאר אונז אלעס דערצעהלען, ווייל איך ווייס אז דיינע מחשבות זיינען עהרליכע, און כאטש איך בין דער הויפט פון די „רויטע״, אבער איך וויל זיין עהרליך צו אלעמען. איך גלויב ניט אין אונטערדיריקען יענעמס געפיהלען, כאטש זיי מעגען זיין דער היפך פון מיינע.

— איבראהים האט געענטפערט:

— דער הויפט פיהרער פון די רויטע אין פאלעסטינע רעדט זעהר אמת און ריכטיג. ער רעדט מיט איין צונג, ניט ווי די רויטע פון רוסלאנד, וועלכע רעדען מיט צוויי צינגער. אללא, איז מיין עדות אז

איך וועל רעדען דעם אמת, און זאָל מכמד אוועק נעמען מיינע ווייבער אויב כ'וועל זאָגען עפּעס ליגען:

מעדוועדיעוו און טשערטשינסקי האָבען מיך שוין פון לאַנג אריינגענומען אין זייער געהיימען־בונד. זיי האָבען מיך געלערענט זייער רויטע תורה, איבערהויפּט ווי אַנצורייצען איין קלאַס געגען א צווייטען אין אונזער פּאַלעסטינע. אַרויסצורופען אונצופרידענהייט פון די אראַבער געגען די אידען און פאַרשפּרייטען זייערע „אני מאמינ'ס" צווישען דעם פאָלק. אָבער זינט איך בין מיט אייך אַלעמען באַקאַנט געוואָרען און האָב זיך אַנגעהויבען נעהנטער צו־צוקוקען צו אַלעם וואָס קומט פאָר אין אונזער פּאַלעסטינע, איז געוואָרען א גאַנצע איבערקערעניש אין מיינע געדאַנקען און אין מיין מח. און איך זעה בשום אופן ניט איין, ווארום מיר מוזען שטערען די ארבייט, פון די וואונדערבארע אויפטואונגען פון אונזער בשותפות'דיגע אַלט־נייל־אַנד?

איך, איבראהים, באַטראַכט, די אידישע היים אין פּאַלעסטינע אַלס נויטווענדיגקייט פון פאַרשיעדענע שטאַנדפּונקטען: פון אַלגעמיין פּאָליטישען, פון ריין אידישען און פון סאָציאַליסטישען.

די אַנטיסעמיטישע קראַנקהייט נעמט אָן אַלץ געפעהרליכערע פאָרמען, און ווידער הערען מיר דעם אַלטען ארגומענט, אַז אידען לעבען אין אַן אַטמאָספערע פון עביגען געלט פאַרדינען און פּראָפיט זוכען, ווייל זיי זיינען ניט פעהיג צו קיין פּראָדוקטיווער אַרבייט. איך בין א געבאָרענער אין פּאַלעסטינע, און זעה מיט מיינע אויגען צעהנדליגער טויזענטער אידישע פּראָלעטאַריער, וואָס אַרבייטען שווער און ביטער און העלפען נאָך זעהר פיעל אויפצוהויבען דעם מצב פון מיינע ברידער די אַראַבער, וועלכע זיינען געבליבען הינטערשטעליג אויף הונדערטע יאָהרען צוליעב דער אַלטער כאַאָטישער טערקישער רעגיערונג און אונזערע עפענדים צו פאַרדאַנקען.

אין מערב־אייראָפּא גלויבט מען נאָך אַלץ, אַז אַלע אידען זיינען רייך, אָדער ווילען זיין רייך אויפ'ן חשבון פון פרעמדע פּראַצע.

פּאַלעסטינע! — האָט ער זיך צעזוננען — דאַרף ווערען פאַר דער וועלט דער איבעירצייגענדער ביישפּיעל פון אידישער פּראָדוקטיוויטעט, דאָס איז די פּאָליטישע זייט פון דעם פּראָבלעם, וועלכער דאַרף פאַרשטאַרקען די לאַגע און די מאָראַלישע פּאָזיציע פון די אידען אין אַנדערע לענדער.

די ריין אידישע זייט פון דעם פּראָבלעם: דער ווילען צו מאַכען א קאַרעקטור אין דער גאַנצער געשיכטע פון אידישען לעבען, דער

ווילען זיך פעסטער צוזאמענ־צושמעלצען און זיך קאנצענטרירען, עס זיינען דא אידען וועלכע האלטען אז דאס אידישע פאלק האט א מיסיע צו זיין צו שפרייט איבער דער וועלט און באזארגען די מענשהייט מיט גייסט און אינטעלעקט, אבער איך דענק אז עס איז נאך א שעהנערע מיסיע צו געבען דער וועלט א מוסטער פון א נייער ארדנונג, שאפענדיג א נייע עקאנאמישע סטרוקטור אויפ'ן יסוד פון גענאסענשאפטליכקייט! און דא קום איך צום עיקר: „צוויי גרויסע היסטארישע עקספערי־מענטען זיינען געמאכט געווארען אין דער לעצטער צייט: דער קאמוניזם אין רוסלאנד און די אידישע היים אין פאלעסטינע, אבער בשעת דער רוסישער קאמוניזם האט דערווייל נאר צושטערט און פאר־ניכטעט, האבען די אידישע בויער אין פאלעסטינע שוין געשאפען גרויסעס און הערליכעס, און דערפאר געה איך ארום די לעצטע צייט מיט א חרטה אין מיין הארצען, וואס איך האב זיך לכתחילה אנ־געשלאסען אן די רויטע רוסישע וועלכע האלטען אין איין חרוב מאכען. מיין פלאץ מוז גאר זיין, צווישען די אידען, די בויער פון אלט־ניילאנד, וועלכע זיינען מיינע שוועסטער קינדער, זיינען דען מיר ניט די קינדער פון איין טאטען אברהם?

איך, איבראהים, מאך זיך כלומר'שט תמ'עוואטע, אט אזוי ווי אייער נפתלי, אבער מיינע אויגען זיינען אפען. איך בין א נאטור־קינד און קען ניט זעהן קיין פאלשקייטען. — מעדוועדיעוו און טשער־טשינסקי וועלכע פרעדיגען תמיד פון דיסציפלין און אחדות, זיינען איינע די אנדערע די ביטערסטע דם־שונאים, יעדער איינער וואלט דערטרינקען דעם אנדערען אין א לעפעל וואסער, זיי זיינען רויט, און זייערע געדאנקען זיינען רויט־בלוטיגע, — ער האט שטיל פארענ־דיגט: — און ער מעדוועדיעוו וואגט נאך צוווארפען א חשד, אז טשערטשינסקי איז פארליעבט אין דער „ארץ ישראל בלום"! אזעלכע עקעלהאפטע מחשבות צו האלטען אין די געדאנקען? און נאך אין דער צייט ווען מען עסט יענעמס זאלץ און ברויט!

איך, איבראהים, האב נאך אללאה מיט'ן נביא מכמד אין מיין הארצען, ניט ווי יענע רויטע, וועלכע האבען זיך פארקויפט אין גאנצען צום טייפעל. די אנטיסעמיטישע קראנקהייט, האט זיך ניט בלויז פארמעהרט, נאר אויך ארייגעדרינגען אין די קעפ פון אלע גרויסע פאליטישע פארטייען, און דאס ערגסטע איז, וואס איצט האבען מיר ניט מעהר צו טהאן מיט אפענע אנטיסעמיטען וועלכע עס איז לייכט צו באקעמפען, נאר מיט פארטייען וועלכע זיינען אפיציעל געגען

אנטיסעמיטיזם און אינערליך—פאר. גלייכצייטיג זעהען מיר ווי אפילו אנקעל סעם פארשליסט די טויערען און אויך אלע אנדערע לענדער פאר־שליסען זיך פאר אלע סעמיטען.

דער איינציגער ליכטיגער פונקט אין אידישען לעבען און אין לעבען פון אלע סעמיטען איז איצט נאר פאלעסטינע און די נאכבאר־לענדער, וואו ס'ווערט גרויסעס געשאפען סיי פאר אידען און ניט אידען.

אין פאלעסטינע ברענט איצט דאס אידישע פייערל. דארט ווייזען אידען ארויס אידעאליזם און אמת'ן הערא‎איזם, מיט וועלכע די איצ־טיגע וועלט איז אזוי ארעם, און דעריבער זאג איך: לאמיר צוזאמען אונטערהאלטען דאס פייערל און שטיצען די ארבייטער. פאלעסטינע וועט מיט דער צייט ווערען דער אמת'ער פאקעל טרעגער פאר'ן גאנצען מזרח! — האט ער התלהבות'דיג אויסגעזונגען.

אלע זיינען געווארען איבערראשט פון איבראהים'ס ודוי. מען האט געפיהלט אז ס'זיינען דברים היוצאים מן הלב.

שווארצקאפ האט חבר'יש געדריקט זיין האנט, און האט מיט התפעלות געזאגט:

— איבראהים! דו געהסט אויפ'ן ריכטיגען וועג, דיינע געדאנקען זיינען אמת'ע און הייליגע. דיך ערווארטעט א גרויסע און הערליכע צוקונפט אין אונזער היסטארישער ארץ ישראל, פון היינט אן ביזטו אונזער אמת'ער ברודער, וועלכער זעהט וייט און פארשטעהט טיעף. דו האסט דערקענט אונזער נפתלי'ן און זיין חבר זאלסטו זיין פון היינט אן. ער וועט דיר ענטדעקען אזעלכע סודות פון וועלכע דו וועסט אנ־קוועלען און דיין הארץ וועט זיך אנפילען מיט נחת. איצט געה און געפין אוים וואו מעדוועדיעוו און טשערטשינסקי זיינען און ברענג זיי אהער, און איהר יהודה מיט שושנה'ן געהט אריין אין געהיימען חדר און איהר זאלט זיך צוהערען וואס איך וועל רעדען מיט די רויטע טייוואלים.

ס'האט לאנג ניט געדויערט, און מעדוועדיעוו מיט טשערטשינסקי'ן זיינען אריינגעקומען. איבראהים מיט נפתלי'ן זיינען פארבליבען אין דרויסען.

— חברים! — האט שווארצקאפ געזאגט: — ווי איך זעה קוקט איהר אויס זעהר שלעכט. אייערע פנים'ער דריקען אויס צער און בענקשאפט, און איהר זעהט אויס זעהר אויסגעצערט. זאגט מיר וואס דריקט אייך?

זיי האָבען ביידע געזיפצט און געשוויגען. און שווארצקאָפּ האָט פּאַרטגעזעצט:

— די צייט איז געקומען אַז מיר זאָלען אָנהויבען צרצוגרייטען זיך פאַר אונזער גרויסע שליחות. איך האָב שוין באַזוכט אַלע נויטיגע פּלעצער, שטעדט און דערפער, און האָב פאַרטיג געמאַכט דעם באָדען. נאָך אין עטליכע חדשים אַרום וועלען אָנפאַרען אהער די גרעסטע שטאַאַטסלייטע און וויסענשאַפטסלייטע פון אַלע בורזשואַזנע לענדער פון דער וועלט. זיי וועלען קומען פייערן דעם ערעפנונג פון דעם העברעאישען אוניווערזיטעט אויפ'ן הר הצפים. מיר מוזען צוגרייטען פּראָקלאַמאַציעס, פיינדליכע דעמאָנסטראַציעס און גענוג „באָמבעס", און אַז. וו.

נאָך איידער מיר טרעטען צו צו דער גרויסער אַרבייט, מוזען מיר פריהער דורכפיהרען אונזער פּלאַן מיט שושנה'ן. מיר מוזען זי לעבע-דיגערהייט אַריבער פיהרען נאָך אונזער רויטער מדינה, און איבער-געבען זי צום רויטען טריבונאַל, און דאַן...

ביי ביידע טייוואָלים האָבען די אויגען גענומען פינקלען ווי ביי אמת'ע וואַלד חיות.

— יע, גרויסער שווארצקאָפּ! — האָבען ביידע גענומען כאָרכ-לען — נאָך היינטיגע וואָך וועלען מיר דורכפיהרען אונזער פּלאַן מיט שושנה'ן, אָבער מען מוז צו גרייטען אַ שיף וועלכע ס'געהט אָפּ אין יענעם טאָג נאָך אונזער מדינה.

— דאָס וועל איך אַליין באַזאָרגען! — האָט שווארצקאָפּ גע-ענטפערט. — איהר פיהרט נאָר דורך די שטיקעל אַרבייט, אָבער גע-דענקט! איהר מוזט עס אַזוי דורכפיהרען אַז אַ האָן זאָל ניט קרעהען. מיר דאַרפען אויף אַ מאָמענט ניט פאַרגעסען אַז זי איז די בלום פון ארץ ישראל, וועלכע איז באַליעבט ביי אַלע קלאַסען אפילו ביי די מאַפּסן.

— עד ברודערקע! — האָבען זיי אין איין אָטהעם געזשיפּעט, — מיר האָבען שוין שווערערע זאַכען דורכגעפיהרט, טשאַרט פּאָבערי!

און ווען זיי זיינען אַרויס פון געצעלט צופרידענע, און גענומען געהן צווישען די אַלעע, איז זיי אַנטקעגען געלאָפען אַ גרויסער הונט וועלכער האָט זיך אויף זיי געוואָרפען און געהאַוקעט, אַז זיי זיינען קוים מיט'ן לעבען אַנטלאָפען.

איבראַהים איז געשטאַנען אונטער אַ בוים און האָט זיך גע-שטיקט פון געלעכטער, ווייל ס'איז געווען נפתלי וועלכער האָט זיך

פארשטעלט פאר א כלב, אום אנצעווארפען א פחד אויף די צוויי „רויטע כלבים" אין מענשען געשטאלט.

ס'איז געווען זעהר א פינסטערע נאכט, און די רויטע־שפיאנען האבען באשלאסען, אז דיזע נאכט איז זעהר גינסטיג דורכצופיהרען זייער פלאן.

יענע נאכט האבען זיי זיך כמעט ווי אויסבאהאלטען, זיי האבען ניט געוואלט אז אימעצער זאל זיי באמערקען.

אויף א באנק אונטער א דיקען טענענבוים, זיינען געזעסען צוויי מענשען און האבען גערעדט גאנץ הויך. קענטיג אז זיי האבען גע־וואלט מען זאל זיי דערהערען.

— שא...! — האט מעדוועדיעוו א דריק געטהאן טשערטשינסקי'ס האנט. — ס'איז איהר שטימע!...

— אבער טשארט פאבערי! מיט וועמען רעדט זי דארט?

— שא...! — שטיל ווי א ווארים איז מעדוועדיעוו געקראכען צום באנק און צוריק.

— ס'איז איבראהים. — האט ער געשעפטשעט.

דיביידע שפיר־הינט האבען זיך גע'ישוב'ט וואס צו טהאן. און ס'איז ביי זיי געבליבען, אויסצונארען איבראהים'ען, וועלכער איז קענטיג געווען מוכן ומזומן דערצו.

— איבראהים! — האט איינער פון זיי אויסגערופען מיט א גראבען פארשטיקטען קול.

איבראהים האט זיך געלאזט לויפען גלייך נאכ'ן קול.

זיי האבען ביידע אוועק געפויזעט אויף אלע פיער צום באנק, מיט א שפרונג ווי פון א קאץ, האט מעדוועדיעוו פארשטאפט שושנה'ס מויל, און טשערטשינסקי האט איבערגעווארפען א גרויסען זאק, מען האט עס גוט פארבונדען און זיי האבען זי אוועקגעטראגען אין דער פינסטערניש פון דער נאכט.

פון גרוים איילעניש האבען זיי גאר ניט באמערקט, ווי צוויי געשטאלטען איינגעהילט אין מאנטלען האבען געהיט זייערע טריט.

אז ערך א האלבע שעה גאנג, האבען זיי געטראגען די שווערע משא, אויף זייערע פלייצעס, ביז זיי זיינען געווארען אויסגעמאטערט און זיי האבען זיך געזעצט אפרוהען.

זיי האבען ניט ווייט באמערקט א חורבה און זיי זיינען אהין אריינגעגאנגען מיט דער משא.

— טשארט פאבערי! — האט מעדוועדיעוו געבורטשעט, — זי קען נאך דערשטיקט ווערען, און מען מוז זי אומבאדינגט ברענגען א לעבעדיגע, אז ניט וועט די גאנצע ארבייט זיין אומזיסט.

זיי האבען אין דער פינסטער אויפגעבונדען דעם זאק, און ארויס־גענומען די שמאטע פון קרבן׳ס מויל.

ס׳האט זיך דערהערט א זיפץ, נאכדעם א כליפען און צום סוף וויינענדיגע אפגעריסענע ווערטער:

— וואס האט איהר צו מיר? וואס האב איך אייך געטהאן? זאגט וואס איהר ווילט? און מיין מאן יהודה וועט אייך אוועק געבען זיין גאנצען פארמעגען אויסלייז געלט. אלע אידען פון ארץ ישראל וועלען אייך פאר מיר, זייערע פארמעגענס אוועק געבען.

— מיר זיינען ניט קיין רויבער! — האט מעדוועדיעוו געענט־פערט. — מיר דארפען ניט אייער געלט. מיר זיינען רויטע אגענטען פון דער גרויסער סאוועטען רעפובליק. מיר האבען דערקענט אין אייך דער הויפטריכטערין פון רוסלאנד וועלכע האט דערשאסען אונזער גרויסען ניקאלאיען.

— איך די הויפטריכטערין פון רוסלאנד!? — האט די שטימע פון זאק זיך געבעטען. — דערקענט איהר דען מיך ניט? איך בין דאך שושנה! דעם גבור יהודה׳ס ווייב! בינדט מיך פארנאנדער, און איהר וועט איינזעהן אייער גרויסען טעות.

— מיר האבען שוין גאר קיין טעות ניט געמאכט! מיר האבען געפאקט די ריכטיגע סחורה! טשארט פאבערי! — האבען ביידע מיט א מאל געענטפערט. — און דו בעסער שווייג! אז ניט וועלען מיר דיך דערווערגען אויפ׳ן ארט.

מעדוועדיעוו האט געהייסען טשערטשינסקי׳ן בלייבען אין חורבה און היטען די הויפטריכטערין און ער וועט געהן מעלדען שווארצ־קאפ׳ן. טשערטשינסקי האט זיך אנגעהויבען שילטען מיט רויטע קללות ווייל ער האט געוואלט געהן אנזאגען די בשורה צו שווארצקאפ׳ן. פלוצלונג האבען זיי דערהערט א האווקען פון א קליין הינטעלע ווי פון אונטער דער ערד פון דער חורבה. און א פחד איז זיי ביידען באפאלען. מעדוועדיעוו האט גענומען טענה׳ן אז ער איז דער עלצטער, און מען מוז איהם פאלגען. טשערטשינסקי האט געענטפערט, אז איצט איז גאר שווארצקאפ דער עלצטער. און אגב האט ער פשוט מורא אליין צו פארבלייבען אין דער חורבה, און אזוי האבען זיי ביידע געמוזט פאר־בלייבען אין דער חורבה אין דער פינסטערניש.

זיי זיינען ביידע געלעגען א גאנצע נאכט אין טויט־שרעק, דא פלעגען זיי הערען ווי א קליין קינד וויינט, דא ווי א קאץ מיאוקעט, און נאך אנדערע שוידערליכע קולות, אז די האר האבען זיך ביי זיי אויפ־געשטעלט ווי טשוועקעס.

די נאכט האט זיך פאר זיי געצויגען ווי א פינסטערע אייביגקייט. ס'איז געקומען אזוי ווייט, אז זיי האבען זיך פארגעסען אויף זייער רויטער תורה, און מען האט זיך גענומען צלמ'ען. פלוצלונג האבען זיי דערהערט א געלעכטער, צום ערשט פון חורבה ווי פון דער ערד, און נאכדעם ארום די ווענט פון חורבה. ס'איז געווען ניט עפעס סתם א געלעכטער, נאר אזא סארט מאדנער געלעכטער, ווי עפעס ניט קיין מענשליכער, און דער שוידערליכער געלעכטער האט זיך ווי געקייקעלט אין דער פינסטערניש, און האט ווי געשטאכען אלע זייערע אברים. זיי האבען זיך פאר שרעק געטרייסעלט ווי אין א קדחת און דער געלעכטער שטארקט זיך פון מינוט צו מינוט.

זיי האבען זיך צוגעדריקט איינער צום צווייטען, דער גרויסער פחד האט זיי געמאכט פארגעסען די שנאה איינער צום אנדערן. זיי האבען זיך געהאלטען ארומגענומען ווי פאראליזירטע, און דורך דער גדיכטער פינסטערניש האט זיך פאר זיי גענומען אויסמאלען פאר־שיעדענע שוידערליכע בילדער: מענשען אהן קעפ, אהן פיס, אהן אויגען, און כל'ערלייאיגע משונה'דיגע געשטאלטען טאנצענדיגע הענט, לאנגע צונגען, צוקוועטשטע קינדערשע מח'לאך, צושפאלטענע בייכער, צוהאקטע בריסט, אויסגעגלאצטע פארגליווערטע אויגען, כל'ערליי חיות, און שלאנגען האבען זיך גענומען קייקלען און פלעכטען ארום זייערע העלזער און ארום זייערע לייבער, גרויסע משונה'דיגע כלבים לעקען בלוט, און מארד און צום סוף ווי זייער גרויסער ניקאליי שטעהט א צובלוטיגטער און ער לאכט פון זיי, און זיי הערען ווי זיין געלעכטער מישט זיך אוים מיט דעם גרויסען געלעכטער פון ארום די ווענט פון חורבה.

פלוצלונג איז געווארען ליכטיג אין חורבה. א געשטאלט מיט א קאפ פון א מאדנער באשעפעניש, מיט הונדערטע אויגען וועלכע האבען געשפריצט מיט פייער האט אריינגעטאנצט אין חורבה.

מערוועדיעוו מיט טשערטשינסקי'ן זיינען געזעסען ארומגענומענע, פונקט ווי זיי וואלטען צוגעוואקסען איינער צום צווייטען. זיי האבען מורא געהאט זיך א ריהר צו טהאן, און דער זאק איז געלעגען אין ווינקעל און האט שווער געאטהעמט.

ס'איז ארײן א צװײטע געשטאַלט הויך און שטאַרק, פון קאָפּ ביז די פיס אַנגעטאָהן אין רויטען, פון הינטען א לאַנגער עק, מיט צװײ ברענענדיגע אויגען פון פאָרענט און פון הינטען, מיט א גרויסען לאַנגען שווערד, און די צװײ געשטאַלטען האָבען אַזוי געלאַכט אַז די צװײ רויטע שפּיאָנען זײנען װי אראָפּ פון זינען. זײ האָבען לאַכענדיג צונויפגעבונדען די רויטע העלדען, האָבען גענומען דעם זאַק און זײנען לאַכענדיג אַרויסגעגאַנגען.

פּלוצלונג איז ארײנגעלאָפען א גרויסער הונט מיט א מענשען געשטאַלט שוואַרץ װי די נאַכט. דער הונט האָט זיך אַרויפגעוואָרפען אויף די צונויפגעבונדענע שפּיאָנען און האָט צוביסען זײערע נעזער. דער שוואַרצער האָט אויף איהם אָנגעשריען און דער הונט איז אַרויסגעלאָפען. ער האָט אַרויסגעשטעלט זײנע גרויסע װײסע צײהן, מיט א לאַנגען רויטען צונג און איז פאַרשוואונדען.

זײ זײנען געלעגען אין חורבה, ביז ס'איז געװאָרען טאָג, און אפילו נאָכדעם װי די זון האָט ארײנגעשײנט אין חורבה, האָבען זײ נאָך אַלץ מורא געהאַט צו עפענען זײערע אויגען, פון שרעק איז בײ זײ די האָר געװאָרען װײס. זײ האָבען אויסגעקוקט װי צװײ מאָדנע באַשעפעניש; צובלוטיגטע נעזער, צופּודעלטעלטע װײסע האָר, מיט צו שראָקענע אויגען. זײ האָבען דורכגעלעבט אײנע פון יענע נעכט װען די װילדע הײדאַמאַקעס פלעגען איבערפאַלען אידישע הײזער בײנאַכט.

אין אַזאַ צושטאַנד האָט מען זײ געפונען. מען האָט זײ קוים דער-קענט. אויף די פראַגען װאָס שוואַרצקאָפּ האָט זײ געפרעגט, האָבען זײ מורא געהאַט צו ענטפערען, װײל די בײנאַכטיגע שרעקליכע בילדער זײנען געשטאַנען פאַר זײערע אויגען.

אין אַזאַ צושטאַנד האָבען זײ זיך געפונען א גאַנצען מאָנאַט. זײ פלעגען זיך שרעקען פאַר יעדער גערויש, איבערהויפּט פלעגט אויף זײ אָנפאַלען א פּחד װען זײ פלעגען הערען װי אימיצער לאַכט, אָבער נפתלי האָט געלאַכט אויף אַלע כּלים, און דאָס האָט זײ געפיהרט צו משוגעת.

שושנה'ן האָבען זײ מעהר ניט געזעהן, אויף איהר אָרט האָבען זײ געפונען אַן עלטערע פרוי מיט א מאַיעסטעטישען נאָבעלען אויס-זעהן מיט שעהנע גערדיכטע װײסע האָר, מיט גאָלדענע בלויע אויגען גלעזער. זי איז אַרומגעגאַנגען אַרום זײ דעם גאַנצען מאָנאַט צײט. זי פלעגט זײ באַרוהיגען װען ס'פלעגט אויף זײ אָנפאַלען א שרעק. שטיל און צערטליך פלעגט זי זײ דערצעהלען מעשה'לאַך פון שדים,

רוחות וועלכע ס'געהען ארום אין די אַלטע חורבות פון ארץ ישראל. און יעדער מעשה'לע פלעגט ביי זיי אוועקנעמען א שטיק פון זייער לעבען. אָבער דער נאַטירליכער כח וואָס זיי האָבען באַזעסען, האָט ביסלאַכוויז גובר געווען. זיי זיינען געוואָרען קרעפטיגער און האָבען גענומען ארויסגעהן צווישען די אַלעען. דערצו האָט זיי פיעל געהאָל־פען דער געזונטער ארץ ישראל קלימאַט. זיי זיינען צוריק געקומען צו זייערע כחות. אָבער דער פחד פון יענער נאַכט איז ביי זיי פאַר־בליבען, און זיי פלעגען זיך דערשרעקען פאַר זייער אייגענעם שאָטען.

ווען שוואַרצקאָפּ האָט געזעהן, אַז מ'קען שוין מיט זיי רעדען, האָט ער זיי גענומען אויספרעגען וואָס מיט זיי איז געשעהן, אין יענער נאַכט.

אָבער אויף אַלע פראַגעס האָבען זיי געענטפערט: „אַז זיי ווייסען אַליין ניט". און ווען ער האָט זיי דערצעהלט אַז שושנה איז יענע נאַכט פאַרשוואונדען, און ער האָט געדענקט אַז ס'איז געווים זייער ארבייט, פונקט ווי מען האָט אָפּגערעדט, האָבען זיי זיך געמאַכט תמ'עוואַטע. זיי האָבען ערקלעהרט אַז זיי ווייסען ניט פון וואָס צו זאָגען. זיי האָבען באַהאַלטען דעם סוד אפילו פון שוואַרצקאָפּ'ן, מורא האָבענדיג איהם צו דערצעהלען די געשיכטע, אַז „שדים" האָבען זי אוועקגענומען.

און אַזוי איז שושנה'ס פאַרשווינדען פאַרבליבען א סוד, קיינער האָט ניט געוואוסט וואו זי איז אהין געקומען. ס'איז נאָר ארומגעגאַנגען א לעגענדע, אַז אין יענע נאַכט איז פּלוצלונג די „ארץ ישראל בלום" פאַרשוואונדען, און מעדוועדיעוו מיט טשערטשינסקי'ן האָט מען גע־פונען האַלב טויטע אין דער חורבה.

מען האָט שושנה'ן ארומגעזוכט איבער גאַנץ ארץ ישראל, אָבער מען האָט זי ניט געפונען, יהודה איז ארומגעגאַנגען כלומר'שט מרה־שחורה'דיג. ס'איז דורך געגאַנגען א קורצע צייט און דער עולם האָט זיך פאַרגעסען אויף דער גאַנצער געשיכטע. בלויז די צוויי „רויטע שפּיאָנען" האָבען דאָס זעהר גוט געדענקט. זיי האָבען בשום אופן ניט געקענט באַגרייפען, וואָס מיט זיי האָט דאַן פּאַסירט און וואו איז אהינגעקומען שושנה? און ס'איז ביי זיי קיין ספק ניט געווען, אַז ס'איז געווען די ארבייט פון „ניט גוטע", וועלכע האָבען שושנה'ן ערגעץ אוועקגעשלעפּט, און זיי זיינען ניצול געוואָרען מיט דעם זכות פון דעם הייליגען רויטען ניקאַלייען, צו וועמען די שדים האָבען קיין שליטה ניט. און זעהענדיג יהודה'ן, יעדען טאָג, א מרה־שחורה'דיגען, האָט זיי נאָך מעהר געמאַכט צו געדענקען אָן יענער שרעקליכער נאַכט.

ענדע פון דריטען טהייל.